STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06170

SHRIFTN

Hayyim Nahman Bialik

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ח. נ. ביאַליק
שריפטן

חיים נחמן ביאַליק

שריפטן

ייִדיש: י. י. שוואַרץ
אַריינפיר: חיים גרינבערג

אַרויסגעגעבן פון אידיש־נאַציאָנאַלן
אַרבעטער־פאַרבאַנד — דיסטריקט 6

CH. N. BIALIK
SHRIFTN

Translated from the Hebrew
by I. J. SCHWARTZ

Copyright, 1946

Printed in U. S. A.

אינהאַלט

אַריינפיר — חיים גרינבערג .... ז

עסייען, רעדעס, בריוו

הלכה און אַגדה 3
אונטערן פֿאַרהאַנג פֿון שפּראַך 27
דאָס העברעאישע בוך 36
אונזער יונגע פּאָעזיע 62
מענדעלעס נוסח 81
וועגן חכמת ישראל 85
צו דער דערעפֿענונג פֿון דער העברעאישער אוניווערסיטעט 97
אונזער קולטור־ירושה 107
געקליבענע בריוו 162

דערציילונגען

ווידערוואוקס 219
דער טראָמפּייט האָט זיך פֿאַרשעמט 283

אַריינפיר

(אַ בריוו צו י. י. שוואַרץ)

איך נעם זיך ניט אונטער צו שרייבן אַן אמתע (אָדער, לאָמיר זאָגן אַ קאָנווענציאָנעלע) איינלייטונג צו דער נייער זאַמלונג פון ביאַליק־איבערזעצונגען, וואָס איר גיט איצט אַרויס. ווי קאָן מען דען אַזאַ איינלייטונג שרײַבן? דער מאַטעריאַל וואָס איר ברענגט איז פון פאַרשידענע זשאַנרען און סטילן: עסייען, דערציילונגען, רעדעס פון אַ סאָציאַל־קולטורעלן און פעדאַגאָגישן כאַראַקטער, בריוו. יעדע איינצלנע פון די דאָזיקע זאַכן איז אַן און פאַר זיך פון גרויסן אינטערעס — ניט בלויז פאַר דעם ספּעציפישן ביאַליק־פאַרערער, נאָר אויך פאַרן אַלגעמיינעם לייענער. אָבער (לכל הפּחות, פאָרמעל) קערן זיי זיך ווייניק אָן איינע מיט דער אַנדערער, און דאָס מאַכט אַן אַלגעמיינע איינלייטונג, אינם אָנגענומענעם זינען פון וואָרט, כּמעט אוממעגלעך.

די שולד איז, נאַטירלעך, ניט אייערע. דער „שולדיקער" דאָ איז, זכרונו לברכה, ביאַליק גופא. ער איז אַוועקגעגאַנגען פון אונז אַ „בעל־חוב": ער האָט אונז געקענט געבן אַי אַ גרעסערע צאָל עסייען, אַי אַ סך מערער דערציילונגען, ווי די וואָס מיר האָבן פון אים געקראָגן. ביאַליק איז געווען אַ שפּעדיקער, קערנדיקער און פאַרבנרייכער דערציילער — „בעל פּה", און ווער עס האָט געלעבט אַ צייט נאָענט צו אים און געדענקט זיין שמועסן — ריכטיקער זיינע ספּאָנטאַנע „מאָנאָלאָגן" — דעם אָפּטמאָל אומגעצוימטן שטראָם פון „דענקען אין דער הויך", וואָס איז פאַר אים געווען אַזוי כאַראַקטעריסטיש, דער ווייסט, וויפל אינהאַלטרייכע עסייען עס זיינען ביי אים „פאַרפאַלן געגאַנגען". בלויז אַ קליינעם טייל פון דעם וואָס ער האָט געהאַט צו דערציילן און פון די ליריש־אינטעלעקטועלע פּראָצעסן וואָס ער איז דורכגעגאַנגען, האָט ער זיך מטריח געווען צו פיקסירן אויף פּאַפּיר. דאָס איבעריקע האָט ער פאַרשווענדעריש ווי פאַרטרויט דעם חלל־העולם, ניט זעלטן אין דער אָנוועזנהייט פון אַ צופעליקן צוהערער, וואָס האָט גאָר קיין אויער ניט געהאַט פאַרן איינגאַרטיקן ריטם פון זיין דענקען און

רעדן. מיר האָבן ניט זוכה געווען דערצו, אַז אַ דיכטער און דענקער פֿון ביאַליקס פֿאַרנעם זאָל האָבן, ווי געטע האָט געהאַט, זיינעם אַן עקערמאַן, וואָס זאָל פֿאַרצייכענען פֿאַר דער צוקונפֿט דאָס ווערטפֿולע און אינטריגירנדיקע וואָס מ'האָט פֿון אים געהערט. אָבער וואָס קומט אַרויס פֿון באַקלאָגן זיך אויף אונזער מזל? אייך קומט סיי־ווי־סיי, ווי די זאַך זאָל ניט זיין, אַ גרויסער יישר־כּוח פֿאַר ברענגען איצטער ביאַליקס פּראָזע — אין דער כּמות אין וועל־כער זי איז פֿאַראַן — צום יידישן לייענער, וועמען דער אָריגינאַל איז ניט צוגענגלעך. איך ווייס ניט, צי איר גיט זיך אָפּ גענוג חשבון, וואָס פֿאַר אַ באַרייכערונג אייער אַרבעט איז פֿאַר דער יידישער ליטעראַטור.

פֿון אַ באַזונדערס גרויסן אינטערעס זיינען אין דעם באַנד וואָס איר גיט איצט אַרויס די אויטאָביאָגראַפֿישע דערציילונג „ווידער־וואוקס", דער עסיי וועגן שפּראַך, און די לענגערע אָפּהאַנדלונג „הלכה און אגדה". דערלויבט זשע מיר צו מאַכן וועגן די דאָזיקע דריי שאַפֿונגען אַ פּאָר באַמערקונגען.

*

איך האָב שוין ביי אַן אַנדער געלעגנהייט אַרויסגעבראַכט, וואָס פֿאַר אַ נאָגנדע, שאַרפֿע בענקשאַפֿט נאָך קינדער ביאַליק האָט אין זיך געטראָגן. דאָס וואָס ער האָט ניט געהאַט קיין אייגן קינד האָט יענע בענקשאַפֿט מסתּמא געמאַכט שאַרפֿער, ווי זי וואָלט געווען אונטער אַנדערע אומשטאַנדן, און, אין אַ געוויסן זינען, אפֿשר אויך קראַנקהאַפֿטער. אָבער דאָס טוליען זיך צו קינדער איז געווען אַ גרונט־שטריך פֿון זיין עצם נאַטור בכלל. ניט נאָר איז ער געווען צאַרט־צוגעלאָזט צו קינדער (און קינדער פֿלעגן אין אים גלייך דערשפּירן אַ פֿריינד, אַ מיטשפּילער און אַ מיטשטיפֿער), נאָר ער האָט אויך פֿאַרמאָגט די זעלטענע פֿעאיקייט זיך מיט זיי צו אידענ־טיפֿיצירן: אָפּווישן די מחיצה צווישן זיך און זיי.

איך ווייס ניט ווי אַזוי איך זאָל זיך קלאָר מאַכן. ליבע צו קינדער איז אין דער וועלט ניט קיין זעלטנקייט, און אין אַ צו גרויסער צאָל פֿאַלן איז דאָס אפֿשר די איינציקע, עכטע, ניט גע־פֿעלשטע ליבע, וואָס מענטשן פֿאַרמאָגן. ביאַליק האָט אָבער פֿאַר קינדער פֿאַרמאָגט ניט נאָר ליבע, נאָר אויך ר ע ס פּ ע ק ט.

בדרך־כּלל זיינען מיר פֿון שטענדיק אָן געגוויגט אויפֿצופּאַסן קינדער־יאָרן אַלס אַ מין „פּרוזדור": דער אמתער „טרקלין" זאָלן

זיין די רייפֿע יאָרן, פֿאַר וועלכע די קינדהייט איז אַ מין צוגרייטונג. מיר האָבן בײַ זיך אָפּגעפּסקנט, אַז דאָס אמת־ווערטפֿולע איז די רייפֿקייט, און דער שנעקישער עלטער איז הויפּטזעכלעך אַ מין אינקובאַטאָר־צושטאַנד, אין וועלכן די „רייפֿקייט ווערט אויסגערייפֿט". קינדהייט איז, לויט דעם דאָזיקן נוסח פֿון דענקען, אַ מין ערב־דערוואַקסנקייט, וואָס אַן און פֿאַר זיך האָט זי ניט קיין גרויסן ווערט. מיר האָבן בײַ זיך אויסגעאַרבעט באַגריפֿן פֿון אַ בר־מצווה־עלטער און אַ בר־דעת־עלטער, גלײַך ווי ביז יענעם פּעריאָד פֿון ווערן „אַ פֿאָלנע מענטש" איז ניט פֿאַראַן ניט קיין „דעת", ניט קיין חוש פֿאַר „מצוות" און, ווי מ'האָט זיך אַמאָל געוואָלט פֿאָרשטעלן, אויך ניט קיין אמתער יצר־הרע פֿאַר „עבירות". זיגמונד פֿרויד האָט דאָס גרויסע פֿאַרדינסט פֿון האָבן אויפֿגעדעקט אין קינדער זייער... „ניט־קינדערישקייט": די זעלבע תּאווה און הירהורי־עבירה, און עבירות גופֿא, וואָס זיינען כאַראַקטעריסטיש פֿאַרן דערוואַקסענעם מענטשן (בלויז אַנדערש געשלייערט). אויב מיר זאָלן גלייבן פֿרוידן, איז אין גרונט ניט פֿאַראַן קיין אונטערשיד צווישן דער מענטאַליטעט פֿון קינדער און דער מענטאַליטעט פֿון רייפֿע מענטשן: קינדער זיינען גאָרניט יענע מאָראַליש־אומשולדיקע און אומבאַפֿלעקטע באַשעפֿענישן ווי סענטימענטאַליסטן האָבן זיך געוואָלט פֿאָרשטעלן, און די דערוואַקסענע זיינען גאָרניט אַזוי דערוואַקסן ווי זיי מיינען ווען זיך און ווי די סביבה מיינט אַז זי דאַרף זיי באַהאַנדלען. פֿרויד האָט די קינדער־יאָרן דעמאַסקירט, און ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן — אויב מיר זאָלן טאַקע אין גאַנצן אָננעמען זיין טעאָריע — אַז אין די נשמות פֿון די קליינע, מלאכימשע גופֿעלעך טאַנצן שדים.

איך קלייב זיך דאָ ניט דיסקוטירן מיט אייך פֿרוידס טעאָריע בכלל אָדער זיין קוק אויף קינדהייט ספּעציעל. כ'האָב בלויז, געוואָלט אָנמערקן, אַז ווי מ'זאָל זיך צו פֿרוידס לערע ניט באַציִען, מוז מען דאָך, ווי איך גלויב, איצטער אָנערקענען צוזאַמען מיט אים, אַז די קינדער־יאָרן פֿאַרמאָגן זייערע אַן אייגענע „רייפֿקייט" און אַ „זעלבסטשטענדיקייט" אין זיך אַליין.

אָבער וואָס קער זיך דאָס אָן מיט ביאַליקן? ביאַליקס אויטאָביאָגראַפֿישע דערציילונג איז אַ נייע קינסטלערישע דעמאָנסטראַציע אָט פֿון דעם דאָזיקן אמת — אַז קינדהייט איז ניט סתּם אַ צוגרייטונג (אַ מין „הכשרה") פֿאַרן עכטן לעבן; נאָר אַליין אין זיך אַ פֿולע עכטקייט און, אין אַ געוויסן זינען, אַן „אָפּגעשלאָסנקייט".

פֿאַר דעם וואָס לייענט די דאָזיקע דערציילונג מיט יענעם מינימום פֿון „סימפּאַטיע”, אָן וועלכער אַן עכט קונסט־ווערק דאַרף בכלל ניט געלייענט ווערן, ווערט קלאָר ביאַליקס אויפֿפֿאַסונג פֿון דער קינדהייט ניט בלויז אַלס אַ שטופּע אין אַלגעמיינעם קאָנטעקסט פֿון לעבן, נאָר אַלס אַ גאַנצקייט אין זיך: אַן עולם מלא.

דאָס דערפֿל פֿון ביאַליקס פֿריער קינדהייט; דאָס וועלדל אַרום; דאָס „מיטאָלאָגיזירן” פֿון דער נאַטור; דעם טאַטנס איבערגע־טריבענע מידת הדין און די מאַמעס שטילע און ניט רעזאָנירנדע מידת־הרחמים; דער חדר אין וועלכן מ׳גיט פּעטש, און שפּעטער ר׳ מאיר׳ס צויבער־חדר, וואָס דורך אים קען מען קוקן „פֿון איין עק וועלט ביזן אַנדערן”, און די חלומות וואָס וועבן זיך אין דער קינדערשער נשמה בייטאָג און ביינאַכט — דאָס אַלץ איז קאָסמאָס, ווירקלעכקייט, און ניט ווייניקער קאָסמאָס און ווירקלעכקייט, ווי דאָס ווייטערע לעבן פֿונם דערוואַקסענעם. ווען פֿרויד וואָלט געקאָנט ביאַליקן, וואָלט ער מסתמא באַהויפּטעט, אַז ער האָט ניט אַרויס־געוויזן קיין אינטערעס פֿאַר דעם מאָראַלישן אָדער אַ־מאָראַלישן אַספּעקט פֿון די קינדער־יאָרן (אַזאַ אינטערעס האָט יאָ אַרויסגעוויזן שלום־עליכם: ס׳איז גענוג זיך צו דערמאָנען אָן זיין מעשׂה „דאָס מעסערל”). ביאַליק איז קאָנצענטרירט אויף דער עסטעטישער זייט פֿון דער קינדהייט, אויף דער מעטאַפֿיזיק און אויף דער מאַגישער קראַפֿט, וואָס די פּערזענלעכקייט „בזעיר אנפּין” ווייזט אַרויס. און אָט פֿון דעם זע־פּונקט איז די קינהייט אַ העכערע און אינטענסי־ווערע מדרגה פֿון לעבן, ווי די רייפֿערע יאָרן פֿונם דערוואַקסענעם. דאָס קינד אין זיינע פֿריע יאָרן איז דער אידעאַלער טיפּ פֿונם „לײדיקגייער”, פֿונם „פּוסט־און־פּאַסניק”. אַלס אַזעלכער לײדט דאָס קינד ניט פֿון דער לאַסט און דעספּאָטיזם פֿון אינטערעסן, וואָס שטעלן זיך אין שפּעטערן לעבן אַוועק ווי אַ טונקעלע מחיצה צווישן דעם פֿאַרדאַגהטן מענטשן און דער וועלט. נאָר דער וואָס איז ניט פֿאַרגאַפֿט אויף דער אינטערעסן־ספֿערע פֿון לעבן, וואָס דער־לויבט זיך (אויך אין דער גרעסטער מאַטעריעלער אָרעמקייט) צו טראַכטן „פֿון נעכטיקע טעג און פֿון פֿויגעלעך” — דאָס קינד — זעט די וועלט אַלס קונסט־ווערק. אַ קינסטלער איז דערפֿאַר נאָר דער וואָס האָט דעם טאַלאַנט צו בלייבן אין די „רייפֿע” יאָרן אַ שטיק קינד, מיט דער זעעוודיקייט פֿון קינדערשע אויגן, וואָס נעמט זיך דעם לוקסוס צו בלייבן אין אַ געווויסן זינען אַ „לײדיק־גייער” אויך דערנסטמאָל ווען די סביבה דערוואַרט פֿון אים, ער זאָל זיין

פֿאַרנומען ראשו ורובו מיט „ישובו של עולם". דאָס זעלבע מעג מען זאָגן ניט נאָר וועגן דעם קינסטלערישן, נאָר אויך וועגן רע־ליגיעזן מענטשן. ניט אומזיסט איז דעם עוואַנגעליסטס אידעאַל געווען: „זייט ווי קינדער".

אָט דאָס אייגנטלעך האָב איך געהאַט אין זינען ווען איך האָב באַהויפּטעט, אַז ביאַליק האָט פֿאַרמאָגט פֿאַרן קינד ניט נאָר ליבע, נאָר אויך רעספּעקט. איך וועל דאָס מאַכן נאָך בולטער און נאָך... ריזיקאַלישער: דאָס קינד איז מער מענטש ווי דער רייפֿער „פֿאָלנע מענטש", און דער רייפֿער מענטש לעבט, ניט אין קיין קליינער מאָס, אין זכות פֿון דעם, וואָס ער איז זיין אייגענער פּלאַגיאַטאָר — אין זיינע טיפֿערע רעאַקציעס אויף דער וועלט „פּלאַגיאירט" ער זיינע קינדער־יאָרן. אָבער בעסער וועל איך לאָזן ביאַליקן גופֿא דאָס אַרויסברענגען:

> ערגעץ איז, און מיט רעכט, געזאָגט געוואָרן, אַז אַ מענטש זעט און באַגרייפֿט זאַכן בלויז איין מאָל אין זיין לעבן: בעת ער איז נאָך אַ קינד. די ערשטע זעאונגען, ווען זיי זיינען נאָך פֿריש, פּונקט ווי זיי זיינען נאָר וואָס אַרויס פֿונם באַשעפֿערס האַנט, זיי זיינען דער עיקר, דער תּמצית, און די שפּעטערדיקע זיינען בלויז אַ מין צווייטע, געפֿעלערטע אויפֿלאַגע. זיי זיינען אַזוי ווי די ערשטע, אַ שוואַכער רמז אויף די ערשטע, אָבער נישט זיי גופֿא. און איך האָב דאָס געלערנט טאַקע אויף זיך אַליין: אַלע זעאונגען, הימלישע און ערדישע, וואָס איך האָב געמאַכט אויף זיי אַ ברכה אין מיין לעבן — האָבן זיך גענערט פֿון דעם כּוח פֿון מיין ערשטן אַנבליק.

די וועלט פֿון דער קינדהייט איז אַ וועלט פֿון הוילע נסים — פֿון אַן אומענדלעכער סעריע „אומגעוויינלעכקייטן", פֿון זיך וואונדערן און באַוואונדערן. די רוטין און דער רוטינישער בליק פֿון די „רייפֿערע" יאָרן גיבן ניט קיין לייזונג פֿאַר די וואונדערס און זיינען ניט פּותר די חלומות פֿון דער קינדהייט; זיי מאַכן נאָר די וועלט באַנאַלער ווי זי איז („געוויינלעכער") און טעמפּן אָפּ די פֿעאיקייט פֿון זיך־וואונדערן און דעם טאַלאַנט צו באַוואונדערן. דאָס איז אַ שטיקל דערקלערונג פֿאַר אַ רעטעניש אין דער „סטאַ־טיסטיק": אַזוי פֿיל אינטערעסאַנטע קינדער און אַזאַ מאָוימדיקע צאָל אומאינטערעסאַנטע, טראַפֿאַרעטנע „פֿאָלנע מענטשן".

איך נעם מיר ניט די עובֿדה צו געבן אַ פֿולן אַנאַליז פֿון די דאָזיקע מערקווירדיקע אויטאָביאָגראַפֿישע פֿאַרצייכענונגען. איך האָב נאָר געוואָלט געבן אַ שליסל, מיט וועלכן דער גוטער לייענער

דאַרף, לויט מיין מיינונג, צוגיין צו די דאָזיקע קאַפּיטלעך פֿון אומפֿאַרגלייכלעכער פּראָזע אין דער ניי־העברעאישער ליטעראַטור.

ביאַליק האָט אונז דאָ געגעבן אַ מוסטער און מייסטערשטיק פֿון אינטראָספּעקציע, פֿון אַריינקוקן אין זיך אַליין — און אין יעדן פֿון אונז. דער פֿאַך־פּסיכאָלאָג קען פֿון די דאָזיקע קאַפּיטלען אַ סך לערנען, און דער פּעדאַגאָג פֿון אונזער צייט, וועלכער איז אַ סך ווייניקער זיכער אין זיך ווי דער דערציער פֿון אַמאָליקע דורות, וועט דורך אַזאַ דערציילונג געצוואונגען זיך ערנסט צו פֿאַרקלערן. די הויפּט־פּראָבלעם פֿון דער דערציאונג וועט אפֿשר אַמאָל, אין בעסערע און זעעוודיקערע צייטן, זיין: ווי אַזוי ראַטעוועט מען אָפּ דאָס קינד אין מענטשן? פֿון דער קולטור פֿונם פּרימיטיוון שכל ביז דער היינטיקער פּסיכאָאַנאַליזע איז די פּראָבלעם געווען: ווי אַזוי מאַכט מען פֿונם מענטשן אויס קינד („די דערציאונג פֿאַר רעאַליטעט"). די פּראָבלעם פֿון דער צוקונפֿט וועט אפֿשר זיין: וואָס טוט מען, אַז דאָס ווערטפֿול קינדישע, דאָס שאַפֿעריש־קינדישע זאָל אין דעם מענטשן ניט פֿאַרוויאַנעט ווערן?

אפֿשר געדענקט איר, וואו עס געפֿינט זיך אין תּלמוד אַזאַ אויסדרוק? „אשרי ילדותנו שלא בישה את זקנותנו" (וואויל איז צו אונזער קינדהייט, וואָס זי האָט ניט פֿאַרשעמט אונזער אַלטקייט). אין אַ קינפֿטיקן „תּלמוד" וועט אפֿשר שטיין: „אשרי זקנותנו שלא בישה את ילדותנו" (וואויל איז צו אונזער אַלטקייט, וואָס זי האָט ניט פֿאַרשעמט אונזער קינדהייט)...

*

ביאַליק איז ניט געווען גלייכגילטיק צו אונזער „שפּראַכן־קאַמף" און ער האָט אין אים פֿאַרנומען אַ באַשטימטע פּאָזיציע. איר פֿאַרשטייט אַליין, אַז איך קליב זיך איצטער ניט אויפֿסניי אויפֿצומישן דאָס דאָזיקע קאַפּיטל שטרייטיקייטן אין לעבן פֿון אונזער דור. ווער פֿון אונז האָט נאָך היינטיקע צייטן אַ יצר־הרע פֿאַר דעם מין באַריקאַדן? אָבער דער קאַמף צווישן העברעאיזם און יידישיזם האָט אין ביאַליקן קיין מאָל ניט אָפּגעטעמפּט זיין אייגענעם און אייגנטימלעכן אינטערעס פֿאַר דעם פֿענאָמען שפּראַך בכלל. יעדער אמתער דיכטער איז אַ מייסטער פֿון שפּראַך, פֿון אַ באַשטימטער שפּראַך, אָבער יעדער פֿילאָזאָפֿיש געניגטער פּאָעט (און וועלכער פּאָעט איז ניט, אויף זיין אופֿן אַ פֿילאָזאָף?) פֿאַרטראַכט

זיך פֿון צייט צו צייט וועגן דעם וועזן פֿונם אינסטרומענט אָדער אָרגאַן מיט וועלכן ער באַנוצט זיך, אָדער וועלכער באַהערשט אים. וואָס איז דאָס פֿאַר אַ דערשיינונג — שפּראַך בכלל?

„אין אָנפֿאַנג שטייט דאָס וואָרט" — אָן וואָרט איז נישטאָ קיין קולטור: ניט קיין רעליגיע, ניט קיין וויסנשאַפֿט, ניט קיין דיכטונג, ניט קיין סאָציאַל לעבן, ניט קיין ווירטשאַפֿט, ניט קיין פּאָליטיק. אָבער וואָס איז די הויפּט פֿונקציע פֿון וואָרט, פֿון שפּראַך, ווען עס האנדלט זיך ניט וועגן דער אויבערפֿלאַך, נאָר וועגן די טיפֿע־נישן פֿון לעבן? און וואָס איז דער כאַראַקטער פֿון יענער באַזונ־דערער ענערגיע, וואָס דער מין מענטש האָט אין משך פֿון טויזנ־טער און טויזנטער יאָרן אַריינגעלייגט אין אַזאַ מיסטעריעזער שאַ־פֿונג ווי שפּראַך?

די דאָזיקע פֿראַגע האָט ניט ווייניק אינטערעסירט שאָפּענהויערן, אַ סך מער האָט זי אינטריגירט ניטשען (זיין אינטערעס אין פֿילאָ־לאָגיע איז געווען הויפּטזעכלעך אַ מיסטיש־פֿילאָזאָפֿישער אינטע־רעס). אין אונזערע יאָרן האָט אַ דייטשער ייד, וועלכער האָט גע־וואָלט קאָמבינירן אויף זיינעם אַן אופֿן מיסטיק מיט סקעפּטיציזם, פֿריץ מאָוטנער, געזוכט צו אַנטוויקלען אַ קריטיק פֿון שפּראַך. ווער עס קריטיקירט שפּראַך, קריטיקירט דעם גאַנצן סכום און דאָס וועזן פֿון קולטור בכלל. מאַוטנער האָט דאָס פֿאַרשטאַנען און טאַקע דאָס האָט ער זיך פֿאָרגענומען צו טאָן: באַווייזן אַז אַלע אונזערע גייסטיקע דערגרייכונגען זיינען באַזירט אויף אַ פֿיקציע, ווייל די ערשטע און, אַזוי צו זאָגן, די אַלץ־אויפֿפֿאַסנדע פֿיקציע איז טאַקע שפּראַך גופֿא. פֿון שמועסן מיט ביאַליקן האָב איך געוואוסט, אַז ער האָט געהאַט אַ גאַנץ אַלגעמיינע און פֿאַרנעפּלטע פֿאַרשטע־לונג פֿון שאָפּענהויערן און ניטשען, און האָט כּמעט ניט געוואוסט וועגן דער עקזיסטענץ פֿון פֿריץ מאַאוטנערן. שפּראַך־קריטיק איז אָבער געווען זיינע אַן אייגענע באַדערפֿעניש, פֿאַר וועלכער ער האָט ניט געדאַרפֿט אָנקומען צו קיין שום איינפֿלוסן פֿון דרויסן. צום אַנאַליז פֿון שפּראַך אַלס וועזן (ניט פֿון העברעאיש, ניט פֿון יידיש. ניט פֿון וועלכער ניט איז איינצלנער שפּראַך, נאָר, אין אַלגעמיין, פֿון דעם וואָס אונטערשיידט אַ „מדבר" פֿון סתם אַ „חי") האָט ביאַליקן געצויגן ווי צו אַן אַפּגרונט. אין דעם קורצן אָבער קאָמ־פּאַקטן עסיי „אוטערן פֿאַרהאַנג פֿון שפּראַך" צווינגט ער אונז מיט אים מיטצוגיין און זיך שטעלן צוזאַמען מיט אים אויף דעם סאַמע ראַנד פֿונם תהום.

די דאָזיקע אָפּהאַנדלונג דאַרף מען ניט נאָר לייענען, נאָר אין אַ געוויסן זינען אויך שטודירן. „שטודירן" איז אפֿשר ניט דאָס פּאַסנדע וואָרט, ווייל עס פּאָרט זיך ערגעץ וואו מיט „קנעלן", מיט זיין „פֿאַרמוחט". אָבער אַזעלכע עסייען דאַרף מען לייענען ניט סתּם מיטן מוח און ניט סתּם מיט געפֿיל, נאָר מיט דער טאָטאַליטעט פֿון אונדזער פּערזענלעכקייט און מיט אַ באַשטימטער אָנשטרענגונג פֿון דער „אינטעלעקטועלער פֿאַנטאַזיע". איך ווייס פֿון אַ לייענער, וואָס האָט די אָפּהאַנדלונג פּשוט פֿאַרוואולגאַריזירט. זי האָט אים דערמאָנט, האָט ער מיר אַ זאָג געטאָן, אָן יענעם פֿראַנצויזישן דיפּלאָמאַט וואָס האָט געהאַלטן, אַז שפּראַך איז אונדז געגעבן געוואָרן, כּדי מיר זאָלן קענען פֿאַרדעקן וואָס מיר מיינען און וואָס פֿאַר אַ כּוונות מיר האָבן — ניט אויפֿדעקן.

ניט דאָס האָט, נאַטירלעך, ביאַליק אין זינען געהאַט. די פֿונקציעס פֿון שפּראַך איז ביי אים דער העכסטער אויסדרוק פֿון מענטשלעכער טראַגיק. איר עובדה איז מער צו פֿאַרדעקן איידער אויפֿצודעקן — אין דעם אוניווערסאַלן און מעטאַפֿיזישן זינען פֿון וואָרט. שפּראַך איז די געניאַלסטע זעלבסט־אָפּנאַרעריי וואָס די מענטשהייט האָט דערפֿונדען. דאָס איז אפֿשר אויך ניט ריכטיק: שפּראַך איז ניט קיין דערפֿינדונג, מענטשן האָבן קיין שפּראַך ניט געמאַכט, נאָר זי איז ביי זיי אויסגעוואַקסן אָט ווי אין דער ביאָלאָגישער וועלט קומט אַמאָל פֿאָר אַז אַ באַשעפֿעניש קריגט צו אַ שוץ־אָרגאַן. אָבער אַלע שוץ־אָרגאַנען מיט וועלכע חיות זיינען באַשאָנקען פֿאַרטיידיקן זיי קעגן איינצלנע און באַשטימטע סכּנות, בשעת שפּראַך אַלס דעם מענטשנס וויכטיקסטער שוץ־אָרגאַן זוכט אים צו פֿאַרטיידיקן ניט פֿון איינצלנע סכּנות וואָס באַווייזן זיך אין דער סביבה פֿון צייט צו צייט, וואָס אַמאָל זיינען זיי פֿאַראַן און אַמאָל זיינען זיי באַזייטיקט, נאָר פֿון דער פֿונדאַמענטאַלער, אייביקער סכּנה, אויף וועלכער ער איז פֿאַראורטיילט: די סכּנה פֿון זעען פֿאַר זיך נאַקעטן און אייביקן כאַאָס, תּהום. שפּראַך איז אַ פּאָר ברילן, אָדער אַ צווייטע פּאָר אויגן, וואָס אַז מ'קוקט מיט זיי, „ווערט" פֿונם כאַאָס — קאָסמאָס, פֿון דער אומפֿאַרשטענדלעכקייט — אַ כּמו־קלאָרקייט, פֿון דער רעטעניש — אַן אילוזיע פֿון איר לייזונג. אין גרונט, פֿילט ביאַליק, שטייען מיר שטענדיק ביים אָפֿענעם שלונד פֿון אַ תּהום. וואָלטן מיר דעם תּהום געזען ווי ער איז, וואָלטן מיר קיין איין מינוט ניט געקאָנט אויסהאַלטן זיין אימה. קומט שפּראַך און ציט אַרויף אַ מין פֿאָרהאַנג איבער דעם

תּהום, פֿאַרדעקט אים אַז מיר זאָלן אים ניט קענען זען, און זי צייכנט פֿאַר אונז אָן אויפֿן פֿאָרהאַנג אייניקע סימבאָלן, וואָס פּרעטענדירן אונז צו געבן אַ דערקלערונג, אַן אויסטייטשונג פֿונם אייביק אומפֿאַרשטענדלעכן. דער אַנעקדאָטישער ייִד וואָס פֿאַרשטייט ניט ווי אַזוי דער לאָקאָמאָטיוו גייט אָן פֿערד און באַרואיקט זיך נאָך דעם ווי דער אַנדערער ייִד, דער „פֿאַרשטייער", דערקלערט אים אַז ס'איז פּשוט בתּכלית הפּשטות, ווייל אין לאָקאָמאָטיוו אַרבעט „אַזאַ מין פּרוזשינע", איז גאָרניט אַזוי לעכערלעך, ווי מיר מיינען. און אויב ער איז יאָ לעכערלעך, זיינען מיר אַלע מיט אונזערע רעליגיעס, ליטעראַטורן, וויסנשאַפֿטלעכע סיסטעמען און פֿילאָסאָפֿיעם ניט ווייניקער לעכערלעך פֿון אים. ווייל אַלע אונזערע דערקלערונגען און אויסטייטשונגען, „וויסעניִשן" און „לייזונגען" זיינען אין גרונט ניט מער, אין לעצטן חשבון, ווי דאָס אַרויפֿקלעפּן אויפֿן אומפֿאַרשטענדלעכן אַ צעטל מיט אַ נאָמען, מיט אַ וואָרט, מיט אַ טערמין, מיט אַ פֿאָרמולע, וואָס רופֿט אַרויס די אילוזיע, אַז „אויב אַזוי, פֿאַרשטייען מיר שוין וואָס דאָס איז". שפּראַך און אַלץ וואָס ס'איז אויף שפּראַך אויפֿגעבויט איז, ווי מ'זאָגט אויף מאָדערנעם ענגליש, אַ מין "escapism", דאָס אומאויפֿהערלעכע, אייביקע זיך־ראַטעווען פֿונם מאַוימדיקן פֿראַגע־צייכן, פֿון וועלכן מיר קענען די וועלט, דאָס לעבן, דאָס זיין בכלל קיין מאָל ניט באַפֿרייען. איז שפּראַך, הייסט עס, אַ ליגן? יאָ, אַ ליגן, ווי ניטשע וואָלט זיך אויסגעדריקט — „אין אויסערמאָראַלישן זינען". דער אָפּנאַרער און דער אָפּגענאַרטער זיינען איינער און דער זעלבער: דער מין מענטש.

נאָך אַמאָל: עס איז ניט מיין עובֿדה דעם ענין גרינטלעך צו אַנאַליזירן און עס שטייט דאָ פֿאַר מיר אויך ניט די פֿראַגע, צי ביאַליק איז „גערעכט" אָדער „אומגערעכט" מיט זיין קריטיק. כ'האָב אויך דאָ געוואָלט געבן בלויז אַ רמז אויף אַ שליסל צו דער אָפּהאַנדלונג, אַ פּונקט פֿון וועלכן מ'דאַרף זיך אָנהייבן באַוועגן, כּדי די אָפּהאַנדלונג תּופֿס צו זיין...

*

אָן אַלגעמיינע אָפּהאַנדלונג פֿון דעם עסיי „הלכה און אגדה" האָב איך צוריק מיט אַ פּאָר יאָר געגעבן אין אַן אַנדער פּלאַץ. איך וויל מיר איינרעדן אַז אייערע לייענער זיינען אומגעפֿער די

זעלבע וואָס מיינע, און עס איז דערפֿאַר ניט נויטיק, איך זאָל דאָ איבערחזרן וואָס כ'האָב געהאַט וועגן דער דאָזיקער פּראַכטפֿולער אַרבעט צו זאָגן.

דער אויפֿמערקזאַמער לייענער וועט פֿאַרשטיין פֿונם אָנפֿאַנג אָן, אַז פּונקט ווי עס האָט זיך פֿריער ניט געהאַנדלט וועגן אַ באַשטימטן לשון, נאָר וועגן שפּראַך בכלל, אַזוי האַנדלט זיך דאָ ניט וועגן אַ באַשטימטער סיסטעם פֿון הלכה און וועגן דער ספּעציפֿי־שער אגדה פֿון אַן אייגצלנעם פֿאָלק. אַלס אילוסטראַציע נוצט ביאַליק (עס וואָלט געווען אומנאַטירלעך ווען ער וואָלט דאָס ניט געטאָן) די יידישע הלכה און שאַפֿונגען פֿון דער יידישער אגדה. זיין טעמע איז אָבער הלכה בכלל און אגדה בכלל, אַלס צוויי מאַניפֿעסטאַציעס פֿונם מענטשלעכן שעפֿערישן גייסט, אָדער, ווי ביאַליק אַליין דריקט זיך אויס, אַלס צוויי „סטילן".

אויף אַן אַנדער אופֿן האָט אין דער ניי־העברעאישער ליטעראַ־טור די זעלבע טעמע דיסקוטירט אחד־העם, ווען ער האָט געצויגן זיין אונטערשיידונגס־ליניע צווישן „נביא" און „כהן". דער נביא איז דער וויזיאָנער, דער מענטש פֿון אינטואיציע און ספּאָנטאַנע זע־אונגען, און, פֿון אַ געוויסן שטאַנדפּונקט, דער בעל־אגדה. דער כהן האָט צו טאָן ניט מיטן אויפֿבליץ פֿונם געדאַנק אָדער פֿונם לירישן נשמה־צושטאַנד, נאָר מיט דער פֿאַרקערפּערונג פֿון אַן אמת אין מעשים — אין קאָנקרעטע מצוות, אין מנהגים, אין דעם ריטם פֿון צערעמאָניאַל. ביאַליקס אינטערעס צו דער דאָזיקער טעמע איז אָבער אַרויסגערופֿן געוואָרן ניט אין גאַנצן פֿון די זעלבע מאָטיוון, צוליב וועלכע אחד־העם האָט אַמאָל געגעבן זיין כאַראַקטעריסטיק פֿון די דאָזיקע צוויי מענטאַליטעטן: דער נביאישער און דער כּוהנישער. ביאַליק האָט דאָ געוואָלט דערגרייכן אויך אַ באַשטימטן מוסר־השכּל — און ספּעציעל פֿאַר אונזער צייט.

אין זיין אויטאָביאָגראַפֿישער דערציילונג איז ביאַליק דורך און דורך אַן אינדיווידואַליסט. זיין טעמע אין יענע קאַפּיטלען איז, אין אַ גרויסער מאָס, דער יחיד — באַזונדערס דער קינדישער יחיד — אינם רשות הרבים. אין זיין עסיי וועגן שפּראַך איז זיין קעגנ־שטאַנד ניט דער יחיד אַלס אַזעלכער און ניט דער כּלל פֿון יחידים, נאָר דער מין: מענטש בכלל, זיין שיקזאַל און זיין טראַגיק, און ניט אין זיין היסטאָרישער ראַמע, נאָר אין זיינע קאָסמישע באַציאונגען. אין „הלכה און אגדה" איז זיין קעגנשטאַנד — דער כּלל אין זיין קולטור־היסטאָרישער אַנטוויקלונג.

דער כּלל (יעדער כּלל) האָט היסטאָריש געלעבט אי מיט אגדה, אי מיט הלכה. דער הינטערגרונט פֿון יעדער קולטור איז — אגדה, אָבער דער גייסט פֿון יעדער גרויסער אגדה האָט היסטאָריש שטענדיק געזוכט פֿאַר זיך אַ קאָנקרעטע פֿאַרקערפּערונג אין אַ סיסטעם פֿון האַנדלונגען, מצוות, צערעמאָניעס, ריטואַלן, קאָלעקטיווע סימבאָלן. אין פֿאַרשידענע צייטן און אין פֿאַרשידענע פֿאָרמען איז אָבער, ביי יידן און ביי ניט־יידן, אויפֿגעשוואומען די פּראָבלעם: אויב אגדה (דאָס שעפֿעריש־„נביאישע", ווי אחד־העם וואָלט זיך אויסגעדריקט), איז די באַוועגנדע קראַפֿט פֿון קולטור, קען מען זיך אפֿשר באַגיין אָן הלכה? פֿאַרוואָס זאָל מען זיך ניט קענען באַגיין מיטן „יאָדער" אָן דער „שאָלעכץ"? די טראַגישע סצענע צוריק מיט ניינצן יאָרהונדערטן, ווען יידנטום און קריסטנטום („די מוטער און די טאָכטער") האָבן זיך דערווייטערט איינס פֿונם אַנדערן און נאָך דעם אויף זייער אַ לאַנגער צייט זיך געוואָרן דם־שונאים, איז אין אַ גרויסער מאָס דער רעזולטאַט פֿון אַזאַ קאָנפֿליקט צווישן בעלי הלכה און בעלי אגדה. דאָס קריסטנטום האָט אין זיך געטראָגן אַ טענדענץ צו ווערן אין גאַנצן אַן אגדה־רעליגיע (און איז דאָס ניט געוואָרן . . .), אָן וועלכער ניט איז פֿאַרבינדונג מיט הלכה. דער פּאַטאָס פֿון יידנטום האָט זיך אין משך פֿון אַ סך דורות אויסגעדריקט אין הלכה — אמת, אין הלכה וואָס ווערט געשפּייזט, ביודעים און נאָך מער בלא יודעים, פֿון אגדה. דאָס קריסטנטום האָט אַרויסגעוויזן אַ נייגונג צו ווערן אַ ספּעציפֿישע אגדה־רעליגיע (אמונה איז אַלץ, מעשים זיינען גאָרניט!) אפֿשר דערפֿאַר וואָס עס האָט אין זיך געטראָגן אַ שטאַרקע אינדיווידואַליסטישע טענדענץ, בשעת יידנטום האָט קיין מאָל ניט געוואָלט אויפֿגעבן זיין סאָציאַלן כאַראַקטער. שפּעטער זיינען, אין פֿאַרשידענע פּעריאָדן, אין קריסטנטום גופֿא פֿאַרגעקומען גאַנץ שאַרפֿע קאָנפֿליקטן צווישן ריינע בעלי־אגדה (אַנטינאָמיאַניסטן) און אַזעלכע וואָס האָבן געהאַלטן, אַז געוויסע מצוות מעשיות און אַ געוויסע הדרכה פֿאַר האַנדלונגען בכלל זיינען אַן אָרגאַנישער טייל פֿון רעליגיע. פֿון דער אַנדערער זייט, האָבן זיך ביי יידן אין געוויסע צייטן באַוויזן (כאָטש ניט קיין זייער בולטע, יעדנפֿאַלס ניט קיין ר׳עוואָלוציאָנערע) אַנטי־הלכה טענדענצן — צווישן מקובלים און חסידים. אָבער ביאַליקן אינטערעסירט ניט נאָר די געשיכטע פֿון אַזעלכע, אָפֿענע אָדער פֿאַרמאַסקירטע, קאָנפֿליקטן צווישן בעלי אגדה און בעלי הלכה. פֿאַר אים איז דאָס אַן אַקטועלע טעמע פֿון

אונזער צייט, און דער פועל יוצא פון זיין אנאליז איז א גאנץ אויסגעשפּראָכענער און קלאָרער.

אין קאָנקרעטן לעבן — באַזונדער אין סאָציאַלן לעבן, אין לעבן פון א פאָלק אָדער פעלקער — שטייט אגדה, מעג זי זיין די נאָבעלסטע און די העכסטע, פאַר דער געפאַר פון פּרוכטלאָזיקייט, אויב זי גייט ניט האַנט אין האַנט מיט הלכה, אויב זי קריגט ניט אין איר קיין אָנשפּאַר און ווערט ניט דורך איר פאַרקערפּערט. בלויז אגדה (פילאָזאָפיע, אבסטראַקטע עטישע „ווערטן", עלעמענטן פון אמונה, עסטעטישע איבערלעבונגען אאז"וו), באַזונדערס ווען עס האַנדלט זיך וועגן א כּלל, קען לייכט פאַרוואַנדלט ווערן אין „שווערמעריי", וואָס זאָל דעם פּראָצעס און אינהאַלט פון פאָלקס־לעבן ניט באַפּרוכפּערן. כּלל־לעבן מוז האָבן א סיסטעם פון כּלל־„אָטעמען", פון קאָאָרדינירטע און קאָלעקטיווע האַנדלונגען, באַשטימטע נאָרמעס, געזעצן און קלאָרע מעטאָדן לויט וועלכע די געזעצן דאַרפן דורכגעפירט ווערן אין לעבן, און דערצו נאָך א באַשטימטע סימבאָליק, וואָס זאָל באַווירקן דאָס לעבן פונם כּלל און פון די יחידים, פון וועלכע דער כּלל באַשטייט. אָן דעם מוז פריערשפּעטער דער סאָציאַלער אָרגאַניזם זיך צעפאַלן. ביאַליק איז דאָ ניט דער אַדוואָקאַט פון א באַשטימטער צאָל איינצלנע, דורך דער פאַרגאַנגענהייט שוין סאַנקציאָנירטע הלכות, אָן וועלכע מיר זאָלן זיין מחוייב זיך צו האַלטן. ניט די קאָנקרעטע, באַקאַנט־טראַדיציאָנעלע הלכות אַלס אַזעלכע אינטערעסירן אים, נאָר הלכה אַלס פּענאָמען און אָרגאַניזירנדיקע קראַפט. כאָטש ער זאָגט דאָס ניט בפּירוש, אָבער מ'מעג אים צושרייבן, אויפן גרונט פון זיין גערדאַנקען־גאַנג, אַן אַפאָריזם וועלכן ער האָט קיין מאָל ניט גענוצט: „מצווה הולכת ומצווה באה, וההלכה לעולם עומדת" (לויטן ריטם פון קהלת: א מצווה פאַרגייט און א מצווה אַנטשטייט, אָבער די הלכה בלייבט אויף אייביק). א נייער, רעוואָלוציאָנערער דור קען זיך אָפּזאָגן פונם אַלטן שולחן ערוך און זיך שאַפן א נייעם; ער טאָר אָבער ניט בלייבן אָן א שולחן ערוך בכלל.

דערפאַר שטעלט ביאַליק אַוועק איינס אַנטקעגן דער אַנדערער „חיבה" און „חובה". „חיבה", ליבהאָבעריי, איז ניט דאָס זעלבע וואָס ליבע. אמתע, קרעפּטיקע ליבע איז מחייב, לייגט אַרויף פליכטן, ווערט אַליין פאַרוואַנדלט אין „חובה" — פליכט.

איך פיל, אַז אין „הלכה און אגדה" באַהאַנדלט ביאַליק, ווי איך האָב שוין באַמערקט, א טעמע פון אונזער צייט — ניט בלויז

אן אקאדעמיש־ליטעראַרישן ענין. ביאַליק נעמט דאָ אָן די פּאָ־זיציע פון אַ סאָציאָלאָג און אַ סאָציאַל־פּעדאַגאָג. ער זעט די גע־פאַרן אין אונזער מאָדערנעם לעבן, באַזונדערס די געפאַרן אין יידישן לעבן. אידעען אַליין קענען דער וועלט קיין גאולה ניט ברענגען; כּדי די אידעען זאָלן רעאַליזירט ווערן, מוז מען אָנקומען צו דיסציפּלין. זעלבסט־רעאַליזאַציע אין לעבן פון יחיד אָדער אין לעבן פון כּלל איז אוממעגלעך אָן אַ באַשטימטער הלכה — אָן אַן „עול ברזל" (אייזערנער יאָך), וואָס סיי דער כּלל און סיי דער יחיד נעמען אויף זיך.

קעגן וועמען האָט ביאַליק דעם עסיי געשריבן? קעגן אַלע מינים „חובבים", קעגן חובבי־סאָציאַליזם, קעגן חובבי־פּאַציפיזם, קעגן חובבי־ציוניזם, און קעגן אַלע „שיינגייסטער" מיט אַ לויזן אורח־חיים, אָדער גאָר אָן אן אורח־חיים בכלל. אין זיין לשון: קעגן „בעלעטריסטישער" קולטור, וועלכע איז קינסטלעריש נאָר אויף דער אויבערפלאַך, ווייל איר פעלט דער גרויסער עיקר: די קראַפט צו מאַכן דעם מענטשן גופא פאַרן מאַטעריאַל פון קונסט און אים קאָנקרעט איבערמאָדעלירן לויט אַ באַשטימטער וויזיע — דאָס וואָס אייניקע אין אונזער דור האָבן באַצייכנט אַלס „הגשמה עצמית" (זעלבסט־פאַרווירקלעכונג). זעלבסט־פאַרווירקלעכונג קען אָן הלכה ניט געשען.

*

די דריי שאַפונגען, וועגן וועלכע איך האָב דאָ געמאַכט מיינע אומסיסטעמאַטישע באַמערקונגען, ווייזן אונז, וויל איך גלויבן, דריי פּראָפילן פון ביאַליקס פיזיאָנאָמיע. איך וועל צו קיינעם קיין תּר־עומות ניט האָבן, אויב ער וועט דעם דאָזיקן זאַץ ניט אָננעמען — אויב איינער וועט באַהויפּטן, אַז דאָס זיינען ניט קיין פּראָפילן, נאָר גיכער אַן אויסדרוק פון אינעווייניקסטע קאָנפליקטן, וואָס ביאַליק האָט אין זיך געטראָגן. ביאַליק איז ניט געווען און ניט געוואָלט זיין קיין אַרכיטעקט פון אַ סיסטעם. ביי אַ ברוגזנדן דיכטער ווי ער איז געווען (אויך אין זיין פּראָזע) זיינען אונז זיינע קאָנפליקטן ניט ווייניקער טייער, ווי זיינע „האַרמאָניעס".

איינס איז זיכער. דער נייער באַנד וואָס איר ברענגט איצטער צום יידיש־לייענעדיקן עולם, איז אָנרעגנד ווי גאָר ווייניקע ביכער וואָס זיינען דערשינען אין אונזערע יאָרן.

חיים גרינבערג

עסייען, רעדעס, בריוו

הלכה און אגדה

די הלכה האָט אַ צאַרנדיק פּנים, די אגדה — אַ שמייכלענדיק פּנים. די — איז אַ שטרענגע, אַ הארבע, האַרט ווי אייזן — מידת הדין; און די איז מוחל אויף דאָס איריקע, אַ לייכטע, אַ צאַרטע — מידת הרחמים. די — אַז זי מאַכט אַ גזירה — איז זי אומקאָמפּראָמיסלעך: איר יאָ — איז יאָ, איר ניין —איז ניין; און די — האַלט זיך אַן עצה און רעכנט זיך מיט די מענטשלעכע כחות און כאַראַקטער: יאָ און ניין און נאָכגיביק. די — איז שאַלעכץ, גוף, טאַט; און די — איז יאַדער, נשמה, כוונה. דאָ — פאַרשטיינערטע פּינקטלעכקייט, מוז, פאַרשקלאַפונג, און דאָ — שטענדיקע באַנייאונג, פרייהייט, רשות. ביז דאַנען — וועגן דער הלכה און אגדה, וואָס אין לעבן; און וועגן דער הלכה און אגדה, וואָס אין ליטעראַטור, קען מען צוגעבן: דאָ — טרוקענע פּראָזע, אַ פעסט־געשטעלטער, אויס־געשמידטער סטיל, אַ גרויע מאָנאָטאָנע שפּראַך — די מלוכה פון שכל; און דאָ — זאַפטיקייט פון פּאָעזיע, אַ פליסנדיקער, תמיד זיך בייטנדיקער סטיל, אַ פאַרביקע שפּראַך — די מלוכה פון געפיל.

צו די דאָזיקע אַדיעקטיווע קאָנטראַסטן בנוגע דער הלכה און אגדה קען מען צוגעבן גאָר אַן אַ שיעור בייזע, און אין אַלע וועט שטעקן אַ גע־וויסער טייל אמת. אָבער, צי קען מען פון דעם דרינגען — ווי אַ סך מענטשן מיינען — אַז הלכה און אגדה זיינען איינע די אַנדערע שונאים, אַ זאַך און איר קעגנזאַץ?

די, וואָס מיינען אַזוי, פאַרבייטן סובסטאַנץ מיט צושטאַנד און פאָרם מיט מאַטעריע, און צו וועמען זיינען זיי געגליכן? צום יעניקן וואָס האַלט, אַז דאָס וואַסער און אייז פון טייך זיינען צוויי באַזונדערע מאַטע־ריעס. די הלכה און אגדה זיינען באמת נישט מער, ווי צוויי אין איינס, צוויי פּנים׳ער פון איין און דער זעלבער באַשעפעניש. די באַציאונג צווישן דיביידע איז ווי די באַציאונג צווישן טאַט, קאָנקרעטער פאָרם, און וואָרט. די הלכה — איז די קריסטאַליזאַציע, דער לעצטער נויטווענדיקער תמצית פון דער אגדה; די אגדה — איז די איבערשמעלצונג פון הלכה. דאָס רוישן פון דעם האַרצנ׳ס תביעות אין זייער געלאָף צום ציל — דאָס איז

די אגדה; דאָס פּלאַץ פֿון רו, די באַפֿרייאונג פֿון אַלע תביעות און זייער איינ־שטעלונג — דאָס איז די הלכה. דער חלום לויפֿט און ציט זיך צום באַ־שייד, דער ווילן — צו דער טאַט, דער געדאַנק — צום וואָרט, דאָס בליִ־עכץ — צו דער פּרי, און די אגדה צו דער הלכה. אָבער אין דער פּרי גופֿא ליגט שוין באַהאַלטן דער קערן פֿון וועלכן אַ נייַע בלום וועט אויפֿ־קומען. אַ הלכה וואָס הויבט זיך אויף צו דער מדרגה פֿון אַ סימבאָל — און אַזעלכע זייַנען פֿאַראַנען, ווי עס וועט דערקלערט ווערן ווייטער — ווערט אַליין אַ מאַמע פֿון אַ נייַער אגדה, ענלעך צו איר, צי אין אַן אַנדער אויסזען. אַ לעבעדיקע, געזונטע הלכה איז אַ געוועזענע אָדער צוקונפֿ־טיקע אגדה, און דאָס אייגענע פֿאַרקערט. דער אָנהויב און סוף פֿון בײדע זייַנען פֿאַרקניפּט און פֿאַרבונדן איינס מיט דאָס אַנדערע. און וואָס זייַ־נען אַלע תרי״ג מצוות פֿון דער תורה,אויב נישט דער לעצטער דורכגעֶ־לייטערטער תמצית פֿון מיטאָס, לעגענדעס און אוראַלטע מנהגים — תורה פֿון לעבן און תורה פֿון מויל און הארץ — וואָס האָבן לכתחילה אַרומגעשוועבט אין דער לופֿטן וויפֿיל טויזנטער יאָרן, ביז זייער צייט איז געקומען קריסטאַליזירט צו ווערן אין פֿאָרם פֿון געזעצן, אויסגעהאַקט אין שטיין און פֿאַרשריבן אויף פּאַרמעט? די געזעצן פֿון קרבנות, טומאה און טהרה און פֿאַרבאָטענע מאכלים — האָבן זייער יסוד אין דעם כהנים־מיטאָס; די מצוות פֿון די יום־טובים זייַנען פֿאַרבונדן מיט די היסטאָרישע נאַציאָנאַלע לעגענדעס; און די מצוות צווישן מענטש און מענטש — אין די געפֿילן פֿון גערעכטיקייט און רחמנות, געפֿילן, וואָס די אנשי־סגולה פֿון פֿאָלק האָבן זיי געגעבן אויסדרוק. אָבער אַפֿילו נאָכדעם, ווען זיי זייַנען פֿאַרקערפּערט געוואָרן אין שריפֿט — זייַנען זיי דאָך נישט פֿאַרשטיי־נערט געוואָרן, ווייל די תורה פֿון הארץ און מויל איז באמת ניט בטל גע־וואָרן אַפֿילו אויף איין רגע, און איר לעבעדיקע צירקולירנדיקע לופֿט האָט זיך געהאַלטן אין איין רעגן און באַוועגן זיך אין שריפֿט, כדי זי צו האַלטן לעבעדיק, זי אויסצובְרייטערן אָדער זי איינצושרומפּן, און אָפּטמאָל אַפֿילו זי אָפּצושאַפֿן פֿאַר אַ ווייל אָדער פֿאַר גאַנצע דורות, אַלץ לויט די נייַע באַדערפֿענישן, אָדער אַפֿילו באַנייטע אָנשויאונגען און גלויבנס. ניט נאָר האָט „משה געשריבן און יחזקאל האָט בטל געמאַכט״ — נאָר אַפֿילו עפּעס איינער אַ „דניאל חייטא״ האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט פֿון אָנצוגרייפֿן זייער שטאַרק אַ הארבן „לאו״ פֿון דער תורה, און געהאָפּט, אַז ער וועט לעתיד־לבוא בטל ווערן. פּראָצעסן פֿון שמעלצונג און קריסטאַליזאַציע אין הלכה און אגדה קען מען ממש אָנטאַפּן מיטן אויג, דערהויפּט, אין צייטן פֿון

„איבערקערענישן" און ווען נייע געזעצן ווערן פֿאָרמירט, און זיי זײַנען אָפֿן און באַקאַנט צו יעדן איינעם. די אַלטע פּסול־געוואָרענע הלכה גייט ווידער אַרונטער אין שמעלצטיגל פֿון האַרצן און ווערט איבערגעגאָסן אין אַן אגדה — אין דעם פֿריערדיקן אויסזען, צי אין אַן אַנדער אויסזען — און די דאָזיקע קערט זיך צוריק פֿון דאָרטן אַ געלײַטערטע און קומט אַרײַן אין די ראַמען פֿון געדאַנק און טאַט, קריסטאַליזירט זיך ווידער אין אַ הלכה אָבער שוין אין אַ פֿאַרבעסערט און באַנײַט געשטאַלט. די הלכה איז אַלזאָ ניט ווייניקער שעפֿעריש פֿון דער אגדה. די קונסט אירע איז די גרעסטע אין דער וועלט: די קונסט צו לעבן און פֿון לעבנס־וועגן; איר מאַטעריאַל: דער לעבעדיקער מענטש מיט אַלע זײַנע געפֿילן; אירע מיטלען — אינדיווידועלע, סאָציאַלע, נאַציאָנאַלע דערציאונג; און אירע פּרוכטן: אַ קייט פֿון אומאויפֿהערלעכע טעג פֿון לעבן און גוטע מעשׂים, דאָס אויסלייגן אַ וועג דורך די שטרויכלונגען און שטערונגען צווישן יחיד און רבים, אַן אויסגעבעסערטער לעבנס־ריטם. די שאַפֿונגען פֿון דער הלכה זײַנען נישט, ווי די שאַפֿונגען פֿון די אַנדערע קונסטן — סקולפּטור, מאָלערײַ, אַרכיטעקטור, געזאַנג, פּאָעזיע — וואָס זײַנען קאָנצענטרירט און פֿאַראייניקט אין מאַטעריע, אין פּלאַץ, אין צײַט, נייערט, זיי ווערן צונויפֿגעשטעלט ביסלעכווײַז, שטריך נאָך שטריך, פֿון גאַנצן שטראָם פֿון מענטשנ׳ס לעבן און זײַנע מעשׂים, וואָס גיבן צום סוף אין סך־הכל, אַמאָל אַ שלימות׳דיקן, אַמאָל אַ געפֿעלערטן. די הלכה איז אַ קונסט אַ דערציערישע, די פּעדאַגאָגישע קונסט פֿון אַ גאַנצער אומה, און אַלע אירע פֿאַרקריצונגען אין דער נשמה פֿון פֿאָלק, סײַ די גרעבערע סײַ די דינערע, ווערן אַרײַנגעשניטן דורך רוח־הקודש און העכסטער חכמה, וואָס זעט פֿאַראויס פֿונם אָנהויב די ווײַטגייענדסטע רעזולטאַטן. טאָג נאָך טאָג, שעה נאָך שעה, און אַ רגע נאָך אַ רגע, פֿאַרנעמט זי זיך פֿלײַסיק מיט פֿורעמען בלויז איין צורה: די פֿיזיאָנאָמיע פֿון מענטשן, דעם צלם־אלוקים אין מענטשן. דער קעלנער „דאָם", דער מילאַנער „דאָם", נאָטר־דאַם דע פּאַרי — זײַנען פֿאַרפֿאָלקאָמט געוואָרן און געוואָרן דאָס וואָס זיי זײַנען דורך דער אָנשטרענגונג פֿון וועלט־קינסטלער אין אַ משך פֿון וויפֿיל הונדערטער יאָרן. איטלעכער קינסטלער אין זײַן צײַט האָט אָפּגעגעבן זײַן לעבן און זײַנע בעסטע שעפֿערישע כוחות אין אַן אַרבעט וואָס איז אים פּערזענלעך געווען הייליק. און ס׳איז קיין ספֿק ניט, אַז בלויז דורך דעם, וואָס זיי האָבן זיך איבערגעגעבן צו אַן איינציקן צענטראַלן געדאַנק, דערהויבן בײַ זיי אין די אויגן, האָט זיך זיי די „מלאכת־שמים"

אַזוי איינגעגעבן. אַט דער געדאַנק — בויען אַ הויז פֿאַר זייער גאָט — האָט געשוועבט פֿאַר זייערע אַלעמענס אויגן, אין דער בחינה פֿון „אין דעם געשטאַלט וואָס ס׳וועט דיר באַוויזן“, — האָט אויף זיי געמאַכט רוען דעם רוח־הקודש, האָט געפֿירט זייער קאָמפּאַס, סקווער, ווירע און דעם פּענזל אין זייער האַנט און דיקטירט אין זייערע אויערן יעדן שטריך און איינקריץ, יעדן שטיין און ציגל, וואָס האָבן זיך לסוף צונויפֿגענומען, נאָך הונדערטער יאָרן אַרבעט פֿון מענטשן, צעשפּרייט אין צייט און רוים, אין איין מעכטיקן און פּרעכטיקן בנין. אידן האָבן זייערע אַן אייגענע פּרעכ־טיקע שאַפֿונג — אַ דערהויבענעם הייליקן טאָג: די מלכה שבת. אין דער פֿאָלקס־פֿאַנטאַזיע איז זי געוואָרן אַ לעבעדיקער נפֿש, אין געשטאַלט און און אויסזען. פֿולקאָם אין ליכט און שיינקייט. דאָס איז די מלכה שבת, וואָס גאָט האָט אַריינגעבראַכט אין זיין וועלט ווען מעשה־בראשית האָט זיך געשלאָסן, כדי „די שיינע געמאָלענע חופּה זאָל ניט בלייבן אָן אַ כּלה“. זי, וואָס איז געווען גאָט׳ס שענסטע צירונג אין זיין שאַצקאַמער, און גאָט האָט פֿאַר איר קיין שענערן בן־זוג ניט געפֿונען ווי דאָס פֿאָלק ישראל, זיצט לויט אַ צווייטער לעגענדע, ווי אַ פּרינצעסין, ווי אַ כּלה צווישן אירע פֿריינדינס איינגעפּאַסט, באַהאַלטן אין אַ היכל אין גן־עדן אין אַ זיי־בעטן חדר, און אירע זעקס מיידלעך, די זעקס אַרבעטס־טעג, טוען זי באַ־דינען. ווען זי קומט אַריין אין שטאָט — ווענדן אַלע זייערע פּנים׳ער צום אַריינגאַנג און זיינען זי מקבל־פּנים מיט ברכות: „קום, כּלה! קום, כּלה! דו מלכה שבת!“ און חסידים גייען אַרויס אין פֿעלד צום קבלת־פּנים. איינמאָל איז זי אַפֿילו געקומען צו חלום דעם אבן־עזרא, און זי איז געווען פֿאַרביטערט און פֿאַרטרויערט, און האָט דורך אים געשיקט אַ בריוו צו איר באַשערטן ישראל, דאָס איז זיין באַוואוסטער „אגרת־השבת“. אַלע אידי־שע פּאָעטן, פֿון ר׳ יהודה הלוי ביז היינע׳ן, האָבן צו איר געזונגען לידער און ליבע־געזאַנגען. איז זי דען ניט קיין פֿולקאָמענע לעגענדאַרע שאַפֿונג? איז דען זי גופֿא ניט אַ קוואַל פֿון לעבן און קדושה פֿאַר אַ גאַנצער אומה, אַ קוואַל, וואָס פֿליסט מיט רוח־הקודש פֿאַר זינגער און פּאָעטן? און פֿונ־דעסטוועגן, ווער קען עס זאָגן, ווער קען באַהויפּטן, וועמעס שאַפֿונג זי איז, דורך וועמען איז זי געוואָרן דאָס וואָס זי איז: דורך דער הלכה, צי דורך דער אגדה? הונדערט זיבן און פֿופֿציק בלעטער זיינען פֿאַראַנען אין דער מסכתא שבת און הונדערט מיט פֿינף אין מסכתא עירובין, און קיין אגדה איז דאָרט כּמעט אינגאַנצן נישט פֿאַראַנען. דאָס רוב פֿאַרהאַנדלונגען זיי־נען קליינע איינצלהייטן פֿון הלכות וועגן די ל״ט מלאכות און זייערע

תולדות און וועגן דער איינשטעלונג פון תחום־שבת. וואס פאר א גייסטיקע מי! סארא פארשוועגדונג פון חריפות אויף יעטוועדער קלייניקייט! און אז איך גיי אדורך די בלעטער און זע די גרופעס תנאים און אמוראים אין זייער ארבעט, זאג איך צו זיך: פארוואר, די קינסטלער פון לעבן זע איך פאר מיינע אויגן! די קינסטלער פון לעבן ביי דעם ווארשטאט, ביי זייער ארבעט! אזא אינטענסיווע גייסטיקע ארבעט ווי די דאזיקע, א מילביקע און ריזיקע אין דער זעלבער צייט, אן עבודה לשמה, דורך גרעניצלאזער ליבשאפט און גלויבן, איז אוממעגלעך אן רוח־הקודש. יעדער איינציקער פון די דאזיקע יחידים האט געטאן דאס זייניקע לויט זיין כאראקטער און לויט זיינע פערזענלעכע נייגונגען, השגות און איינשטעלונגען, און אלע אינאיינעם האבן זיי זיך געבויגן פאר א העכערן רצון, וואס האט זיי באַ־צוואונגען. ניט אנדערש, אז איין מעכטיקע אידייע, איין געהויבן בילד פון שבת האט געשוועבט פאר די אויגן פון די דאזיקע פאנאנדערגעשיידטע מענטשן, און דער גייסט פון שבת האט זיי צונויפגעקליבן אהער פון אלע דורות און האט זיי געמאכט פאר שותפים אין זיין שאפונג און פארפאלקא־מונג. יעדע פראגע און יעדע אפוועגדונג, יעדער צוים און יעדער גדר — איז ניט מער, ווי א קינסטלערישער שטריך, נאך א צוגעגעבענער קריץ אויפן בילד, א נויטווענדיקער שטריך און קריץ, ווייל אן זיי — וואלט דאס בילד נישט זיין דאס וואס עס באדארף זיין. און וואס איז די פרוכט פון דער דאזיקער מיד־מאכנדיקער ארבעט פון דער הלכה? — א טאג וואס איז אינגאנצן אגדה.

אזעלכעביישפילן זיינען פאראן ניט ווייניק. אט איז יום־כפור, פסח און אלע אנדערע יום־טובים. קיינער קען ניט לייקענען, אז זייער יסוד איז תפארת, שיינקייט אין דעם העכסטן זינען פונם באגריף. זיי זיינען עס־טעטישע שאפונגען פול מיט לעבעדיקן און באלעבנדיקן אינהאלט, מיט דערהויבענער כוונה, הגם זיי קומען ארויס פון דער הארבער, אכזריות'דיי־קער הלכה, און אלע זיינען זיי ארומגערינגלט פון אלע זייטן מיט אירע צוימען. ווען די קינסטלער פון די אומות־העולם זיינען געזעסן ביי זיך אין די סטודיאס און האבן מכוון געווען ווי אזוי אריינצוגעבן הארמאניע און פראפארציע אין א מירמלשטיין, למשל, צו באפרידיקן דעם עסטעטישן גע־נוס פון מענטשן — זיינען אין דער אייגענער צייט געזעסן די אידישע תלמידי־חכמים אין זייערע בתי־מדרשים און האבן מכוון געווען דורך רוח־הקודש און מיט קלארער פארשטענדעניש די מידות און גייסטיקע האר־מאניע פון גערעכטיקייט, למשל, ווי מהנה צו זיין און אויסצובעסערן דעם

מענטשן גופא, „צו לייטערן דעם מענטשן". איך וויל דאָ ניט מכריע זיין, ווער פון זיי האָט דעם פאָרצוג, אָבער איך מיין, אַז סיי די און סיי יענע, זיינען שעפערישע ווערק, אידייען וואָס זיינען קאָנקרעטיזירט געוואָרן, געדאַנקען וואָס זיינען אַרויס מן הכח אל הפועל דורך דעם שאַפנדיקן גייסט פון מענטשן. איןביידע איז פאַראַנען פלאַץ פאַר דער מדה פון תפארת, זיך צו אַנטפּלעקן אין איר פולן גלאַנץ, און ביידע דאַרפן אָנקומען צו רוח־הקודש און רחמי־שמים. דער אונטערשיד צווישן זיי איז אַן עניין פון די מאַטעריאַלן און מיטלען, ממש אַזוי ווי אין אַזעלכע קאָנווענציאָנעלע קונסטן, צום ביישפּיל, ווי מאָלעריי און מוזיק. אָבער עס איז פאַראַן אויך אַ פונדאַמענטאַלער אונטערשיד. די שאַפונגען פון די קאָנווענציאָנעלע קונסטן, דערפאַר וואָס זיי ווענדן זיך צום מענטשן ווי אַ פּרט, און דערפאַר וואָס זיי זיינען באַגרעניצט און איינהייטלעך, וואָס איז שייך מאַטעריאַל, פלאַץ און צייט, לאָזן זיי זיך באַאַבאַכטן מיטאַמאָל פון אַלע זייטן און פון נאָענט; ניט אַזוי אָבער איז מיט די שאַפונגען פון הלכה, וואָס זיינען באַצוועקט אויף פאַרן גאַנצן כלל, און זייערע חלקים שפּרייטן זיך אויס אין זייערע מאַטעריאַלן, אין פלאַץ און צייט איבער אַ גרויסן שטח, און דעריבער, לאָזט זיך זייער פולשטענדיק פּנים, דער רעזולטאַט פון זייערע חלקים, ניט כאַפּן פאַרן אויג, סיידן נאָך לאַנגער באַאָבאַכטונג און פון אַ גרויסער הויך. ווען אַ גרויסער כרך זאָל אויפגעבויט ווערן לויט אַ קינסטלערישן פּלאַן פון אַ קינסטלער־אַרכיטעקט, וואָלטן מיר ניט געקענט באַנעמען דאָס פולשטענדיקע בילד און מיר וואָלטן נישט געקענט כאַפּן די פולע גאַנצקייט פון דער שיינקייט — סיידן מיר וואָלטן זיך געשטעלט אויף אַ הויכן טורעם; אָבער בשום אופן ניט אויף אַ שפּאַציר דורך די גאַסן, ווען די פּרטים פאַרשטעלן דעם גרויסן היקף פונם גאַנצן. „צוליב די ביימער זעט מען ניט דעם וואַלד" — איז אַן אַלט קלוג ווערטל. אָבער ווערט דען פאַרמינערט צוליב דעם די גאַנצקייט און שיינקייט פון דער אידייע? ווער עס וויל הנאה האָבן פון דער שיינקייט, זאָל זיך שטעלן אויפן באַרג!

עס טרעפט פונדעסטוועגן, אַז פון איין הלכה'שן פּרט שטראַלט אויף פאַר אונז אַ גאַנצע וועלט פון אַגדה, וואָס ליגט אין אים פאַרבאָרגן. אין דער אייגענער מסכתא שבת, און אין תוספתא דאָרטן, איז פאַרשלונגען אַזאַ מין הלכה:

„אַלע כתבי־הקודש ראַטעוועט מען אום שבת אַרויס פון בראַנד... אויב זיי זיינען געווען געשריבן אין תרגום און אין אַן אַנדער לשון —

קאַפּטיש, מעדיאַניש, עילמ׳יש און גריכיש — ראַטעוועט מען זיי פֿון בראַנד. רבי יוסי זאָגט: מען ראַטעוועט זיי נישט פֿון בראַנד״.

אַ קליינע איינצלהייט פֿון אַ הלכה, דאַכט זיך, אַ מחלוקת איבער גאָר־נישט — אָבער ווער וועט באַלד נישט דערקענען, אַז אין דער דאָזיקער קליינער און טרוקענער הלכה איז אַריינגעפּרעסט אין דער מינימאַלסטער פֿאָרם און מיט מאַקסימאַלסטער פֿולקייט, אַ פֿולשטענדיק קינסטלעריש בילד פֿון דער היסטאָרישער און זעלישער באַציאונג פֿון פֿאַרשידענע ריכ־טונגען אין פֿאָלק צו צוויי פֿון זיינע הויפּט־קנינים: צו זיין ליטעראַטור און שפּראַך. ווער וועט דאָס ניט איינזען, אַז די דאָזיקע מחלוקת פֿון דער משנה איז אייגנטלעך דער „שפּראַכן־קאַמף״, וואָס ווערט פֿאַרגעזעצט ביי אידן פֿון דענסטמאָל ביז היינט? „זאָל דאָס אַראַמישע לשון ניט זיין גרינג־געשעצט ביי דיר אין די אויגן, האָט דאָך גאָט אים איינגעטיילט כבוד״; „אַ מענטש זאָל נישט בעטן פֿאַר זיינע באַדערפֿענישן אויף אַראַמעאיש, ווייל די מלאכי־השרת געברויכן עס נישט״; „ווען גאָט ברוך הוא איז געקומען געבן די אידן די תורה, האָט ער גערעדט מיט זיי אין דעם לשון וואָס זיי וויסן און פֿאַרשטייען, אין לשון מצרי״; „אַזוי זאָלסטו זאָגן... צו די בני־ישראל — אין דעם לשון וואָס איך זאָג: אין לשון־קודש״; „ווען גאָט ברוך הוא האָט זיך אַנטפּלעקט צו געבן אידן די תורה — האָט ער זיך ניט אַנטפּלעקט דורך איין לשון, נאָר דורך פֿיר לשונות: העברעאיש, רוימיש, אַראַביש, אַראַמעאיש״; „יענער טאָג, וואָס די תורה איז איבערזעצט גע־וואָרן אין גריכיש איז געווען שווער פֿאַר אידן, ווי דער טאָג ווען דער עגל איז געמאַכט געוואָרן, און אין ארץ־ישראל איז געווען דריי טעג חושך״; און „אַז די נביאים זיינען איבערזעצט געוואָרן דורך יונתן בן עוזיאל אין אַראַ־מעאיש, איז ארץ־ישראל אויפֿגעטרייסלט געוואָרן פֿיר הונדערט מייל אויף פֿיר הונדערט מייל״ — אַזעלכע מאמרים, און פֿיל פֿון זייער גלייכן, זיי־נען די אגדה׳שע פֿאָרם פֿון דעם שפּראַכנפּראָבלעם, און די אויבנדערמאָנטע קורצע משנה, וואָס איז פֿאַרבליבן אין אַ מחלוקת, איז דער נויטווענדיקער סוף פֿון דער דאָזיקער אגדה אין אַ הלכה׳שער פֿאָרם, אַ קורצער פּראַק־טישער סך־הכל אין געשטאַלט פֿון אַ באַשטימטן באַשלוס. דאָרטן איז פֿליסנדיקע „ליריק״, שטראָמענדיק און ברויזנדיק, און דאָ — רואיקע „עפּיק״, אַן אַריינגעשלאָגענער טשוואָק. מיט גרויס חכמה איז אויסגעקליבן געוואָרן אַ צושטאַנד פֿון צעמישעניש און סכנה, ווען אַ מענטש איז נישט מסוגל צו טראַכטן, נאָר ער ווערט דיקטירט פֿון האַרצנסבאַפֿעל, און ער שפּרינגט אין פֿייער צו ראַטעווען דאָס טייערסטע. אַ שרפֿה־מאָמענט איז

דאַריבער נישט מער ווי אַ משל, און דאָס אייגענע איז אויך גילטיק אין אַ פֿאַרפֿלייצונג, אין אַ גירוש און כל׳ערליי סכנות.

פֿון דעם דאַזיקן קליינעם פּרט אַנטפּלעקט זיך פּלוצעם פֿאַרן באַאַכטער אַ גרויסער היסטאָרישער כּלל. אַן אַנווייזונג פֿאַרן גאַנצן פֿאָלק, געיאָגט און געפּלאָגט אין גלות, וואָס ראַטעווען אַלע זיינע אוצרות קען עס נישט און מפקיר זיין אַלצדינג וויל עס נישט — ווי און וואָס זאָל עס טאָן אין צייטן פֿון צרה און סכנה? דער בעל־המשנה האָט געוויס ניט גערעדט מיט משלים און מליצות. זיין כּוונה איז געווען, איינצושטעלן אַ כּלל ווי אַזוי זיך צו באַגיין אין דער פּראַקטיק, און — דאָס סאַמע וויכטיקסטע — אויסצופֿאָרמירן אַ געברויכבאַרע פֿאָרם פֿון דעם ווילן אָדער אפֿילו אַלטן מנהג פֿון פֿאָלק, אויף ווי ווייט זיי האָבן זיך ביז איצט אַנטפּלעקט, די — אין פֿאָרם פֿון אגדה, און די — אין פֿאָרם פֿון הלכה. אויך די טויזנטער יחידים פֿון אַלע צייטן, וואָס האָבן זיך מוסר־נפש געווען אין צייט פֿון סכנה צו ראַטעווען פֿון אונטערגאַנג וואָס זיי האָבן געקענט, סיי לויט דער מיינונג פֿון ערשטן תנא, סיי לויט דער מיינונג פֿון ר׳ יוסי, האָבן קיין אַנדערע כּוונות נישט געהאַט, ווי בלויז מקיים צו זיין דעם דין על פּי פּשט. און וואָס איז דער אונטערשייד? באַוואוסטזיניק, אָדער אומבאַוואוסטזיניק, האָבן זיי אַלע דורכגעפֿירט די שליחות פֿון שר־האומה, און אויב מיר שטייען היינט פֿאַר אונזער אָרעמען אוצר און שעפּשען אין טרויער: „גאָרנישט איז אונז, אַחוץ דער דאָזיקער תורה, געבליבן״ — וויסן מיר דאָך און פֿילן דאָך געניי, אַז אויך דאָס דאָזיקע רעשטל איז געראַטעוועט געוואָרן בלויז מיטן זכות פֿון די אַלע יחידים, וואָס יעדער איינער פֿון זיי אין זיין צייט האָט מקיים געווען די מצוה פֿון זיין האַרצן לויט דער הלכה.

אַזאַ אינערלעכער אַריינבליק אין דער דאָזיקער הלכה איז גענוגנד זי אויסצושיילן אַביסל פֿון איר שאָלעכץ און זי אַוועקצושטעלן אויף דער מדרגה פֿון אַ סימבאָל. אָבער דאָס וואַכע האַרץ באַנוגנט זיך נישט דערמיט, און עס גייט און לעבט אויף, אין פֿאַרבינדונג מיט דער דאָזיקער הלכה, פֿאַר אונזער גייסטיקן בליק איין בילד נאָכן צווייטן.

מיר זעען, למשל, אינאיינעם מיט רענאַנ׳ען, דעם אַמאָליקן לוי, ווי ער גייט צוזאַמען מיט דער גולה קיין בבל; ער שפּאַנט פֿאַמעלעך ביי דער זייט פֿון אייזל, וואָס איז באַלאָדן מיט מגילות און פֿאַליאַנטן פֿון די נביאים; ער האָט געראַטעוועט די הייליקע שריפֿטן פֿון בראַנד.

מיר זעען ווידער, ווי ר׳ יוחנן בן זכאי שטייט פֿאַר עספּאַסיאַנוס־קיסר הינטער די טויערן פֿון ירושלים און בעט זיך: „גיב מיר יבנה און אירע

חכמים און רבן גמליאל׳ס קייט״. אויך ער האָט געראַטעוועט הייליקע רעשטן פֿון בראַנד.

ווידער זעען מיר אַן אַכציק־יאָריקן זקן, ר׳ יהודה בן בבא׳ן, ווי ער זיצט צווישן צוויי גרויסע בערג, צווישן אושא און שפֿרעם, און ער גיט סמיכה אונטער דעם שונא׳ס פֿיילן צו פֿינף זקנים און זאָגט צו זיי: „קינדער מיינע, לויפֿט!" — און ער בלייבט ליגן פֿאַר די שונאים, ווי אַ שטיין, און אין אַ רגע שפּעטער ווערט ער דורכגעלעכערט פֿון שפּיזן, ווי אַ זיפּ.

און ווידער: דער בית־המדרש פֿון רבי יהודא הנשיא און זיינע תלמידים איז פֿייערדיק צעשטורעמט; די אַרבעט קאָכט; מען זאַמלט צונויף הלכות, מען קלערט אויף די באַדייטונג פֿון מינדלעכע געזעצן, מ׳נעמט אויף עדות, מען סיסטעמאַטיזירט, מען קאָרעגירט, מען פֿאַרצייכנט — דאָס פֿאַרשרייבט מען אין בוך די תורה שבעל־פּה! זיי ווייסן, אַז זיי מאַכן אַן „איבערקערעניש" אין דער אידישער מסורה — תורה שבעל־פּה טאָרסטו ניט ברענגען אין שריפֿט — אָבער „עת לעשות לה׳ הפרו תורתך": די הערצער ווערן שוואַכער, די צעשפּרייטונג ווערט גרעסער, און די געפֿאַר פֿון פֿאַרגעסן ווערט שטאַרקער; מוז מען ראַטעווען וואָס מען קען.

און ווידער: די פֿיר געפֿאַנגענע ברענגען דעם תלמוד קיין שפּאַניע... די מעכטיקע אַרבעט פֿון רמב״ם... די משפּחה איבערזעצער, די בני־תיבון, אַרבעטן אינטענסיוו איבערצוזעצן טייערע ספֿרים, ספֿרים פֿון גרויסן נאַציאָנאַלן ווערט, פֿון אַ פֿרעמדער שפּראַך אין לשון־קודש.

און ווידער: גרויסע גרופּן אידן, אַנטלאָפֿענע פֿון שווערד און פֿייער, דור נאָך דור, וואַנדערן, ציען זיך אויף אַלע וועגן מיט ספֿר־תורות אין די אָרעמס. טויזנטער, טויזנטער יחידים, סתם אידן: שמשים, שניידער, שוסטער, שטאַרבן פֿאַר די ארון־קודש׳ן, באַשיצנדיק זייערע הייליקייטן; וויפֿיל צנועה׳דיקע אידן, באַהאַלטענע צדיקים, גלות־אַפּריכטער, וואַנדערן פֿון פּלאַץ צו פּלאַץ מיט זייער שטעקן און טאָרבע, יעדער איינער מיט זיין הייליק באַליבט בוך אין זיין טלית־און־תפֿילין־זאַק.

און נאָך, און נאָך... אין די אַלע בילדער, פֿאַרשטייט זיך, זיינען פֿאַרשיידן די אָנטיילנעמער, דער ׳חומר׳ פֿון דער קדושה און אויך די רעטונגס־מיטלען, אָבער דער גייסטיקער אינערלעכער תוכן איז דער זעלבער. ראַטעווען אַ זייער וויכטיקן נאַציאָנאַלן קנין פֿון אונטערגאַנג אין איינקלאַנג מיט דער גייסטיקער נייגונג און בליק פֿון דעם יעניקן וואָס ראַטעוועט. וואָסער הלכה זאָל מען פֿאָלגן? יענער הלכה וואָס זאָגט: „אין תרגום און אין יעדן לשון"? אַן ענטפֿער אויף דעם מוזן מיר זוכן אין

דער געשיכטע און אין לעבן, און אפשר וועלן מיר געפינען, אַז זיי האָבן אויך, ווי יענע משנה, געלאָזן דעם ענין אַן אַן ענדגילטיקער לייזונג.

אין דעם איצטיקן מאָמענט מאַכט עס קיין נפקא־מינה ניט. אונז איז וויכטיק נאָר צו באַווייזן, וויפיל כוח אַ קליינע טרוקענע הלכה פאַרמאָגט, זיך אויפצוהויבן צייטנווייז צו דער מדרגה פון אַ סימבאָל, ווען איר פאַר־האַרטעוועטער חומר פאַלט אַריין אין שמעלצטיגל פון לעבעדיקן געפיל און ווערט ווידער איבערגעגאָסן אין אַן אגדה. און איך בין בטוח, אַז די שפּראַכלעכע אגדה פון אונזערע טעג וועט אין אַ צונויפגעפּרעסטער פאָרם מיט דער צייט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ נייער הלכה, וואָס אין איינקלאַנג מיטן גייסט און בליק פון איר צייט, וועט זי פאַרמולירט ווערן מיט אַ טרוקענעם קורצן סטיל.

די אויבנדערמאָנטע הלכה, וואָס איז געבראַכט געוואָרן פאַר אַ מוסטער, איז נישט קיין אויסנאַם, אַזעלכע הלכות זיינען דאָ גאַנצע פּעק. און בכלל צווייפל איך, צי ס'איז פאַראַנען אַ הלכה, וואָס האָט ניט קיין גרעסערן אָדער קלענערן אַנהאַלט אין עולם־האצילות, אַ יניקה פון אַ העכערער אידייע. פון אַן אינדיווידועלער, געזעלשאַפטלעכער און נאַ־ציאָנאַלער אידייע. סוף־כל־סוף איז די הלכה נישט מער, ווי איינס פון די געשטאַלטן, אין וועלכער דער שעפערישער גייסט פון מענטשן פאַרקליידט זיך — און ווער קען באַגרייפן די וועגן פון גייסט? „אַ מענטש זאָל ניט אַרויסגיין (אום שבת) ניט מיט קיין שווערד, ניט מיט קיין פיילנבויגן, ניט מיט קיין פאַנצער, ניט מיט קיין שטעקן און ניט מיט קיין שפּיז...

ר' אליעזר זאָגט: זיי זיינען אַ צירונג פאַרן מענטשן, ווי עס שטייט גע־זאָגט: גורט אָן דיין שווערד אויפן לענד, דו גבור, דיין גלאַנץ און דיין פּראַכט (און מען מעג אַרויסגיין מיט זיי); און די חכמים זאָגן: זיי זיי־נען ניט מער ווי אַ שאַנד פאַרן מענטשן, ווייל עס שטייט געזאָגט: און זיי וועלן שמידן זייערע שווערדן אין אַקעראייזנס און זייערע שפּיזן אין שניידמעסערס, אַ פאָלק צו אַ פאָלק וועט ניט הויבן אַ שווערד און מען וועט ניט מער לערנען מלחמה" — אַט האָט איר אייך באַגריפן פון שיינ־קייט און מיאוס'קייט בנוגע קליידונג — און פון וואָס דרינגען זיי עס? פון די ווערטער פון זינגער פון תהלים און דעם גרעסטן פון די זעער; און לגבי וואָס? לגבי טראָגן משא אום שבת. אַלע דקדוקים פון מסכתא ברכות זיינען ניט מער ווי אַנטפּלעקונגען און אויסדרוקן פון דער פּרעכ־טיקער אידייע: לה׳ הארץ ומלואה" און פאַרן שטענדיקן געפיל פון התפעלות, וואָס באַגייט זיך טאָג־איין, טאָג־אויס, אין דער פּרעכטיקייט פון

דער נאַטור און אירע טראַנספאָרמאַציעס. „דער רשע ביי זיין לעבן איז געגליכן צו אַ טויטן, ווייל ער זעט, ווי די זון גייט אויף און מאַכט נישט די ברכה פון ׳יוצר־אור׳, זי גייט אונטער — און ער זאָגט ניט ׳מעריב ערבים׳, ער עסט און טרינקט און מאַכט קיין ברכה נישט; אָבער די צדיקים מאַכן אַ ברכה אויף יעדער זאַך וואָס זיי עסן און טרינקען, און אויף אַלץ וואָס זיי זעען און הערן״ (תנחומא, וזאת־הברכה). „אויף שיינע מענטשן און שיינע ביימער מאַכט מען די ברכה: „געבענטשט איז דער יעניקער, וואָס האָט אַזוינס אין זיין וועלט״; און „ס׳האָט געטראָפן אַ מעשה מיט ר׳ שמעון בן גמליאל, נשיא ביי אידן, אַז ער איז געשטאַנען אויף אַ טרעפ פון בית־המקדש און האָט געזען אַן אויסערגעוויינלעך שיינע פרוי פון די אומות־העולם, האָט ער געזאָגט — אַלס אַ ברכה — ׳ווי גרויס זיינען דיינע מעשים, גאָט!׳.״ און „דער וואָס זאָגט: ׳ווי שיין דאָס דאַזיקע ברויט איז, געבענטשט זאָל זיין דער וואָס האָט עס באַשאַפן; ווי שיין די דאַזיקע פייגן זיינען, געבענטשט איז דער וואָס האָט זיי באַשאַפן — דאָס איז שוין די ברכה איבער זיי״ (תוספתא ברכות). סאַראַ וואָכיקייט פון הארץ און חושים! און די זעלבע שטרענגע און אכזריות׳דיקע הלכה, וואָס האָט פאַרבאָטן אבלות אין טאָג פון שבת, און האָט מיט שווערקייטן דערלויבט מנחם אבל צו זיין — די זעלבע הלכה האָט מיט איידעלן מיטגעפיל געזאָגט: „דער וואָס וויינט אום שבת, כדי צו געפינען דערלייכטערונג אין צער — דאָס איז יענעמ׳ס עונג־שבת״ (ר׳ עקיבא אין ברייתא).

ניין, די הלכה איז בשום־אופן ניט קיין נעגאַציע פון געפיל, נאָר דאָס צאַמען פון געפיל; ניט אַז די מדת־הרחמים ווערט בטל דורך דער מדת־הדין, דורך דער הלכה — נאָר זי איז אַ צונויפגוס פון די צוויי אינאיינעם. איר אכזריות — איז פון אַ שעפערישער אויפהאַלטנדיקער קראַפט, די גבורה וואָס אין חסד, וואָס איז די מידה פון „תפארת״. און אַזוי דאַרף זי אויך זיין, אין איינקלאַנג מיט איר פראַקטישן כאַראַקטער. איז דען פאַראַנען אַ שווערערער גזר־דין פון מיתת־בית־דין? פונדעסטוועגן טאָר מען דעם געהאַנגענעם ניט לאָזן הענגען איבער נאַכט, ווייל „דער געהאַנגענער איז גאָט׳ס שאַנד״, דאָס בילד פון קעניג, דער צלם־אלהים הענגט. ווען אַ מענטש איז אינגאַנצן פאַרכאַפט פון צער — וואָס זאָגט די שכינה? „ווי איז צו מיין קאָפ! ווי איז צו מיין אָרעם!״. די שכינה אַזוי צו זאָגן, האָט זיך אַליין אַנגעטאָן ווייטיק און קלאָגט זיך אויף זיך אַליין. פאַראַן רחמנות, און פאַראַן אַ העכערע רחמנות, אַ פאָטערלעכע

רחמנות, וואָס קוקט אַרונטער מיט אַן איבערשטן בליק און צאַמט זיך אַליין איין אויף אַ צייט, צוליב דער צוקונפט; און די לעצטע, ווי די ערשטע רחמנות, זיינען ביידע רחמים פון דעם לעבעדיקן גאָט. פרעג אַ קינד, וועט עס דיר זאָגן: „גאָט איז אַן אל רחום וחנון", און פונדעסט־וועגן: „דער וואָס זאָגט אין זיין תפילה: דיין רחמנות זאָל זיך אויס־שפרייטן איבער דער פויגלשער נעסט — דאַרף מען אים הייסן שווייגן," — ווייל ער פאַרוואַנדלט גאָט'ס מידות אין רחמים, ווען זיי זיינען גאָר גזירות, רחמים וואָס זיינען העכער פון רחמים, אַ פאַראויסזען פון דער צוקונפט. האָט דאָך ניט אומזיסט די אידישע אומה, על־כל־פנים, איר גרעסטע מערהייט, געלאָזט זיך שפאַנען אין דעם אייזערנעם יאָך פון דער הלכה; און נאָך מער, ווען זי איז אַרויס אין וואַנדער, האָט זי אויסגע־קליבן מיטצונעמען מיט זיך אין וועג אַריין די שווערע משא פון גע־זעצן און הלכות „און האָט איבערגעלאָזט צוליב זיי — ווי שמואל דוד לוצאַטו זאָגט — די לידער וואָס דערפרייען ס'האַרץ און נשמה". די דאָזיקע דערשיינונג האָט געבראַכט לוצאַטו'ן אין זיין צייט אין התפעלות, ביז ער האָט אויסגערופן: „ווי הייליק איז די דאָזיקע אומה!" און דער בעל־הלכה אַליין וואָס זאָגט? „דער וואָס גייט אין וועג און לערנט און רייסט איבער זיין לערנען מיט די ווערטער: ווי שיין איז דער דאָזיקער בוים! ווי שיין דאָס דאָזיקע פעלד איז! שטעלט זיין נשמה אין אַ טויט־לעכער סכנה!" אונזערע עסטעטן האָבן אויסגעשאָסן אַלע זייערע פיילן אויף דער דאָזיקער משנה, אָבער דער מענטש מיט האַרץ וועט פון צווישן די שורות פון דער דאָזיקער משנה דערשפירן אַן אינעווייניקסטן ציטער און מורא פאַר דעם צוקונפטיקן גורל פון אַ פאָלק „וואָס גייט אין וועג" און גאַרנישט ניט האָט עס אַחוץ דאָס בוך, און וואָס יעדער נשמה־צובונד מיט איינס פון זיינע וואַנדער־לענדער שטעלט זיין לעבן אין סכנה (געהערט פון אחד העם).

ניט אַלע הלכות, פאַרשטייט זיך, זיינען גלייך, און נישט אַלע פון זיי באַזיצן לעבנסקראַפט אין דער זעלבער מאָס. פאַראַן אַ הלכה אַן עקרה לחלוטין אומפרוכטבאַר; ווידער זיינען פאַראַנען הלכות וואָס ברענגען פרוכטן, און טראָגן פרוכטן אויף שפּעטער. פאַראַן אַ הלכה, וואָס איז געגליכן צו אַן אַבסאָלוט־פוסטער כלי, וואָס ווערט אַוועק־געשטעלט אין ערגעץ אַ ווינקל ביז איר צייט וועט קומען; ווידער איז פאַראַן אַזאַ, וואָס מען קען זי צו יעדער צייט אויסליידיקן און אָנפילן מיט באַלזאַמירטע מתים, אַזעלכע ווערן אַנגערופן אויפן לשון: מסורה גע־

זעצן (חוקים), ד. ה. זאכן, וואס האבן נישט קיין דערקלערונג פארוואס און פארוועז. אין זיי זיינען אויף אייביק באגראבן שטיקער פון אלטן מיטאס און אגדה און זייערע פארשטיינערטע קאנטורן זעען זיך נאך אן, צו פארוואונדערן מענטשן און צו רייצן דעם נייגיר פון ארכעאלאגן. דער סענסיטיווער מענטש באציט זיך אפילו צו זיי מיט דרך־ארץ. א פינצטע־רער טונעל דורך די בערג פארקירצט צייטנווייז דעם וועג אויף כמה מיילן און ברענגט אונז פלוצים אונטער נייע הימלען — און אן אומפאר־שטענדלעך פינצטער שטיק אלטערטום, ווען מיר דרינגען אין דעם אריין און „מאכן ריידעוודיק אירע ליפן", טראגט אונז פלוצים אריבער, דורך קפיצת־הדרך, צו דער תקופה פון טויזנטער יארן צוריק. אזוי, למשל, דער בגד פון די העברעער מיט דער מצוה פון ציצית וואס איז אנגעוועגדט אויף אים, איז, — ווי עס האט אנגעוואונקען אויף דעם אן אלטער מדרש — די פולע זינלעכע פארקערפערונג פון דער קין און הבל לעגענדע.

[דער פארבאט פון שעטנז — וואל און פלאקס צוזאמען, — איז אן אנדייט אויף קריג און פיינטשאפט („און עס וועט זיין, ווער ס'וועט מיך טרעפן, וועט מיך הרג'ענען") צווישן די פאסטוכער־שבטים, וואס קליידן זיך אין וואל און צווישן די שבטים ערד־ארבעטער, וואס קליידן זיך אין פלאקס. און גלייך נאך דעם פארבאט פון שעטנז — „פרענז זאלסטו מאכן אויף די פיר ברעגן פון דיין קלייד" — ציצית, וואס אין זיי איז דערלויבט וואל און פלאקס צוזאמען, לויט דער קבלה פון אונ־זערע חכמים — וואס אפשר זיינען זיי מיט זייערע שלייפלעך און קניפ־לעך ניט מער ווי ציימנס פון דערמאנונג, א מין שריפט פאר א סך אמאליקע שבטים, אויסערלעכע סימנים אריינגעטאן אין בגד, פאר א באווייז פון שלום צווישן די דאזיקע קריגערישע שבטים, נאכדעם, ווי די פיינטשאפט איז אפגעשוואכט געווארן און זיי האבן זיך דערנעענ־טערט און אפילו זיך אויסגעמישט („און גאט האט געמאכט קינ'ען א ציימן, אז דער וואס טרעפט אים, זאל אים נישט הרג'ענען"). די אלטע העברעער, וואס זיינען א געמיש פון פאסטוכער שבטים — דאס הויז פון אברהם און דאס הויז פון יעקב, און שבטים ערד־ארבעטער — יצחק—האבן אפגעהיט דאס הויז פון זייערע קליידער רעשטלעך פון מנהגים, וואס געהערן צו צוויי פארשיידענע תקופות. און דער גרעסטער אין ספר דברים האט זיי אויך פארשריבן איינס באלד נאכן אנדערן, ניט אנ־געבנדיק פאר דעם קיין טעם, צי דערפאר, ווייל אין זיין צייט איז שוין

דער טעם פֿאַרגעסן געוואָרן און זיין לעבנסקראַפֿט האָט זיך אָפּגעשטעלט, אָדער כּדי ניט אונטערצושטרייכן דעם ווידערשפּרוך צווישן דעם „ניין" און דעם „יאָ". דער טעם וואָס ווערט אָנגעגעבן פֿאַר ציצית אין אַ שפּע־טערדיקער פּרשה (במדבר) איז בלי ספק אַ צוגעגעבענער טעם ווי דער „זכר ליציאת מצרים" אין יום־טובים].

דאָס אייגענע איז מיט דעם פֿאַרבאָט פֿון קאָכן אַ ציקעלע אין זיין מאַמע׳ס מילך — עס האָט זיין יסוד און שורש אין סדר פֿון קרבנות פֿון דעם אור־אַלטן יום־טוב שבועות, ווען שבועות איז נאָך נישט גע־ווען דער יום־טוב פֿון „זמן־מתן תורתנו" — נאָר דער יום־טוב פֿון שניט, און די ערד־אַרבעטער, וואָס האָבן זיך געפֿרייט מיטן שניט, האָבן געגרייט פֿאַר גד און עשתרות, די געטער פֿון מזל און פֿרוכט־באַרקייט, אַ טיש: אַ קרבן פֿון אַ ציקעלע — דער סימבאָל פֿון ברכה און פֿאַרמערונג — געקאָכט אין זיין מאַמעס מילך. און ווי וואונדער־לעך דאָס איז, וואָס ביז צום היינטיקן טאָג איז ביי אידן פֿאַראַן אַ מנהג — אָן וועלכן עס האָבן זיך אָנגעשלאָגן אַלע פֿאַרשער — צו עסן שבועות אַ מילכיקע סעודה, אָן דער פֿולער הפסקה, נאָך פֿליי־שיקס. און די מהדרים עסן פֿלייש געקאָכט אין מאַנדלמילך (שולחן־ערוך, ב״י). אַזעלכע איבערראַשונגען זיינען אָנגעגרייט אין נישט קיין קליינער צאָל פֿאַר די יעניקע, וואָס פֿאַרנעמען זיך מיט די ענינים. מיר זעען, ווי ווייט אַפֿילו אַזעלכע רודימענטאַרע געזעצן זיינען פֿאַרקניפּט, ווי אַן עמבריאָ אין זיין מוטער׳ס לייב, אין דער גאַנצער מיטאָלאָגי־שער סימבאָליק, לעגענדאַרער און שטייגערישער, פֿון אַ פֿאָלק. אָבער צוזאַמען מיט די דאָזיקע זיינען פֿאַראַן אַ סך גרויסע הלכות, וואָס זיי־נען ממש שטיקער לעבן פֿון פֿאָלק אין דער פֿאַרגאַנגענהייט, און זיי־ער לעבנס־פֿעאיקייט פֿאַר דער צוקונפֿט איז נישט אָפּצושאַצן. און זייער לעבנס־פֿעאיקייט פֿאַר דער צוקונפֿט איז נישט אָפּצושאַצן. אויב די דאָזיקע „לעבנס־כּלים" ליגן דערווייל פֿאַרלייגט אין אַ ווינקל — איז דאָס נאָך אַלץ קיין באַווייז ניט, אַז זיי טויגן ניט. דאָס איז אַ גרוי־סער כּלל: יעדע לעבנס־דערשיינונג, אין פּראָצעס פֿון איר באַשאַפֿונג, ד. ה., ווען זי איז נאָך באַהעפֿט צום וואָרצל, ווערט אַליין דער אינהאַלט פֿון איר באַשעפֿער׳ס גייסט; ווען איר שאַפֿונג ווערט פֿאַרענדיקט און אָפּגעשלאָסן און גייט אַרויס אין רשות־הרבים, ד. ה. ווען זי ווערט אָפּ־געריסן פֿון די וואָרצלען — פֿאַלט זי באַלד אַריין אין דער קאַטעגאָריע פֿון אַ כּלי, אָן אַן אייגענעם אינהאַלט, און איטלעך איינער געפֿינט אין איר דאָס וואָס ער לייגט אַריין אין איר, לויט ווי ער וויל זיך מיט איר

באַנוצן. האָט ער אַריינגעלייגט אַהין גאָלד — געפינט ער גאָלד; זאַמד — געפינט ער זאַמד. האָט ער גאָרנישט אַהין אַריינצולייגן — האָט ער דאָס רעכט זי צו לאָזן ליידיק, ביז די כלי וועט פאַרזשאַווערט ווערן. אָבער אַ מענטש אַזאַ האָט קיין רעכט ניט צו זאָגן: די כלי טויג ניט, וואַרפט זי אַוועק אין מיסט. אַזאַ מענטש קען בלויז זאָגן: איך בין אָרים.

איז נאָך נויטיק זיך אָפּצושטעלן ספּעציעל אויף דער קעגנזייטיקער אָפּהענגיקייט פון הלכה און אגדה, ווי אויף צוויי באַזונדערע ליטעראַרישע טיפּן, אָדער סטילן, וואָס דאַרפן אָבער אָנקומען איינע צו דער צווייטער?

דאָס וואָס מיר האָבן אויבן געזאָגט פון הלכה און אגדה, וועגן זייער עצם מהות, ווי וועגן צוויי ספּעציפישע לעבנס־טיפּן אָדער סטילן, איז געגוג, דאַכט זיך, צו פאַרענטפערן די דאָזיקע פראַגע. ווייל וואָס אייגנטלעך איז ליטעראַטור, אויב ניט „לעבן אָפּגעשפּיגלט אין שריפט"? אָבער ווייל ביי די „בעלי־אגדה" פון אונזער צייט איז פאַראַנען די טענדענץ צו געבן דער ליטעראַטור „אויטאָנאָמיע" — ד. ה. „קונסט לשם קונסט", און אַנדערע פון זיי שטעלן די ליטעראַטור נאָך „העכער", עס הייסט, איינגאַנצן אויסערן לעבן, דערפאַר זיינען מיר גאָרנישט ניט זיכער אַז די אויבנגעבראַכטע רייד זאָלן זיי איבערצייגן. אדרבא, ס'איז פאַראַן אַ גרונט צו מיינען גאַר פאַרקערט: סיי זיי וועלן איינשטימען מיט אַ קליינעם טייל פון מיינע באַטראַכטונגען און סיי ניט — איינס איז אָבער זיכער, אַז דער יעניקער וואָס וועט קומען און זאָגן, אַז די געשריבענע הלכה קען נאָך דינען ווי אַ יסוד פאַר אַ וויכטיקן טייל פון דער לעבעדיקער ליטעראַטור, ווי איר שוועסטער, די אגדה — דער יעניקער שטעלט זיך אין געפאַר, פאַררעכנט צו ווערן ביי זיי ווי אַ מענטש וואָס פאַרמאָגט ניט קיין עסטעטישן געשמאַק ביי זיין ליב און לעבן. זיי וועלן קוקן אויף אים ווי אויף יענעם געבראָטענעם ליטוואַק, וואָס זינגט „שור שנגח את הפרה" אין טאָג פון שמחת־תורה. הלכה — און ליטעראַטור, ווי פּאַרט זיך אַזוינס? זיינען דען פאַראַן צוויי גרעסערע קאָנטראַסטן ווי די דאָזיקע? וואָס פאַר אַ איינגל ביי אונז ווייסט עס ניט, אַז סתם ליטעראַטור, איז ניט עפּעס אַנדערש ווי בלויז אגדה, אגדה אין אַלע אירע פאָרמען, און אַן אונטערשייד פון צייטן און עפּאָכן; אָנהויבנדיק מיט די דערציילונגען, זעאונגען און פּאָעזיע פון תנ"ך ביז דער שיינער ליטעראַטור פון אונזער צייט; אָבער הלכה, — פאַרמאָגט זי דען אַ טעם און אַ ריח, באַזיצט זי דען זאַפטיקייט פון לעבן, וואָס פאַראַ שיינקייט קען מען אין איר געפינען?

די טענות פֿון די בעלי־אגדה אַנטקעגן דער הלכה זיינען אייגנטלעך ניט איבעריק ניי. שוין די בעלי־התלמוד האָבן צו דערציילן אַ סך מעשות און משלים בנוגע דעם דאָזיקן ענין; נאָר וואָס דען? זיי זיינען געקומען צו דעם אויספֿיר, אַז די הלכה איז „הרודעס גאָלד" און די אגדה — „קליינע מטבעות". און אונזערע בעלי־אגדה האַלטן, אַז די הלכה גייט אינגאַנצן ניט אַריין אין גדר פֿון ליטעראַטור און האָט מיט דעם לחלוטין קיין מגע ומשא ניט... איז אָבער דער משפט זייערער אַ גערעכטער? צי איז באמת די הלכה — אָן שום אויסנאָם — אין באַציאונג צו ליטעראַטור — אַ טרוקענער, נישט־פֿרוכטבאַרער בוים?

מיר דאַכט זיך, אַז דער דאָזיקער האַרבער פּסק־דין נעמט זיך פֿון דעם וואָס מען פֿאַרטוישט פֿאָרם מיט מאַטעריע, סובסטאַנץ מיט צושטאַנד. די פֿונדאַמענטאַלע ספֿרים פֿון הלכה — די משנה און ברייתות — טראָגן צוליב זייער אינהאַלט און פֿונקציע דעם כאַראַקטער פֿון יורידיש־דידאַקטישע ספֿרים, און דאָס, באַשיימפּערלעך, האָט גורם געווען זיי אויסצושליסן פֿון גדר פֿון ליטעראַטור, ליטעראַטור, ווי עס ווערט ביי אונז היינט פֿאַרשטאַנען.

אָבער אַזוי משפּט'ן — איז נישט מער ווי קורצזיכטיקייט. ווען די דאָזיקע ספֿרים וואָלטן בלויז אַנטהאַלטן לאָגישע כללים און יורידישע עלעמענטן פֿון אַן אויסשליסלעך אַבסטראַקטן כאַראַקטער — וואָלטן די בעלי־טענה געווען פֿולשטענדיק גערעכט; אָבער ווער ווייסט דען נישט, אַז אין דער אידישער הלכה איז כמעט קיין פּלאַץ נישטאָ פֿאַר אַבסטראַקציעס, און אַז זי איז כמעט אינגאַנצן בילדלעך און קאָנקרעט?

צוויי האָבן אויפֿגעהויבן פֿון דער ערד אַ מלבוש, דער טעפּער וואָס האָט אַריינגעשטעלט זיינע טעפּ, דער וואָס האָט אַוועקגעשטעלט זיין קרוג — דאָס איז דער שטענדיקער סטיל פֿון דער אידישער הלכה. כמעט אינגאַנצן פֿון אָנהויב ביזן סוף, איז זי אָנגעפּראָפּט מיט בילדער, קלענערע און גרעסערע, וואָס שפּיגלען אָפּ דאָס אידישע לעבן דורך אַ משך פֿון איבער טויזנט יאָר.

די אגדה, וואָס ציט איר יניקה פֿון עולם־האצילות, פֿאַרנעמט זיך מיט דעם וואָס האָט געזאָלט זיין און באַדאַרפֿט זיין; און ווען איך פֿאַרטיף זיך אין איר, זע איך וואָס די נשמה פֿון אידישן פֿאָלק האָט געוואָלט, וואָס זי האָט געפֿילט, און נאָך וואָס זי האָט געשטרעבט. די הלכה אָבער, וואָס ציט איר חיונה פֿון דער פּראַקטישער וועלט, פֿאַרנעמט זיך מיט דאָס איינגעשטעלטע און עקזיסטירנדיקע, און זי באַווייזט אונז באַשיימפּערלעך, אין

קורצע אָבער בולט'ע בילדער, דעם עצם לעבן פֿון פֿאָלק אין זיינע קאָנ־קרעטע אַנטפּלעקונגען. פֿון דער הלכה זע איך קלאָר אַרויס, ווי דאָס פֿאָלק האָט פֿאַרקליידט זיין רצון און זיינע שטראָמיקע באַגערן אין שטייפֿע, האַרטע פֿאָרמען, אין פֿאָרמען פֿון אוממיטלבאַרער לעבנס־אַקטיוויטעט. ווען איר לייענט די משנה — קנייטשט ניט, איך בעט אייך, די שטערנס. גייט פּאַמעלעך צווישן די פּרקים, ווי איינער וואָס שפּאַצירט צווישן די חורבות פֿון אַלטע שטעט; וואַנדערט צווישן די פּסקי הלכות, וואָס זיי־נען אָנגעפּראַפּט איינס אויפֿן צווייטן, ווי ציגל אין אַ וואַנט, און זעען אויס קאָמפּאַקט, ווי אויסגעהאַקט פֿון גראַניט; קוקט זיך צו מיט אַן אָפֿן אויג צו די קליינע און מיניאַטורע בילדלעך, וואָס זיינען צעוואָרפֿן אויסגעמישטערהייט אין די טויזנטער, און זאָגט: צי זעט איר ניט פֿאַר די אויגן דאָס קאָנקרעטע לעבן פֿון אַ גאַנץ פֿאָלק, וואָס איז אינמיטן גאַנג פֿאַר־גליווערט געוואָרן און שוין אַזוי געבליבן מיט אַלע קנייטשן און פֿינ־טעלעך?

איך רעד דאָ ניט וועגן די גאַנצע אויספּירלעכע בילדער, וואָס קו־מען אָפּטמאָל אין דער משנה, ווי אַ שטייגער דער סדר פֿון ברענגען בכורים, דער סדר פֿון דער עבודה אום יום כפור, און דאָס גלייכן. אַזעלכע מאָלערישע פּרקים זיינען דאָך עכטע עפּיק, שילדערנדע עפּיק פֿון דער העכסטער קוואַליטעט. איך מיין דאָ די קלענערע ברעקלעך, שטריך און שטריך, פּינטל און פּינטל, שטיקלעך פֿאַרגליווערט לעבן, וואָס פֿון זיי זיינען צונויפֿגעשטעלט די זעקס סדרים פֿון דער משנה. טויגן זיי שוין טאָקע ניט פֿאַר קיין שום צוועק אין דער ליטעראַטור? זיינען זיי טאָקע באמת פּסול? לחלוטין פּסול?

ווען אַ אידישער מענטש, למשל, לייענט אין סדר זרעים — אָטע־מען דען די ווערטער אויף אים ניט מיט דער לופֿט פֿון לעבן, מיטן ריח פֿון ערד און גראָז, אַזוי אַז ער קען פּלוצים פֿאַרגעסן, אַז ער זיצט אין בית־מדרש און לערנט, און ער זעט דאָס „פֿאָלק", דעם „עם־הארץ" ביי זיין אַרבעט אין פֿעלד, אין גאָרטן, אין וויינגאָרטן און אין שייער, אים און דעם כהן וואָס גייט איבער די שייערן נאָך זיין תרומה, און די לויים נאָך זייער מעשר; ער זעט די קלייבער וואָס דעקן צו מיט זייער גוף, אָדער שפּרייטן אויס זייער קלייד איבער אַ פּאה פֿון פֿעלד, כדי זוכה צו זיין, אַז דאָס שטיקל זאָל געהערן צו זיי, און וואָס שלאָגן איינע די אַנדערע מיט די סערפּן צוליב דעם לקט; און דאָס פֿעלד, וואָס איז גע־פֿלעקט מיט פֿאַרשיידנאַרטיקע געוויקסן; און דעם ווינשטאָק, וואָס הענגט

פאַרפלאָכטן איבערן פייגנבוים; און די מוראַשקע־לעכער אין אַ קאָרנפעלד, און אַ ווינט וואָס בלעטערט די ווייַנשטאָקן, און דעם קלייבער פון פייכטע גראָזן און דעם צוזויפשאַרער פון טרוקענע גראָזן אין סקירדעס; און דעם גערטנער, וואָס שניידט אָפּ אַ הענגל ווייַנטרויבן, און ס'האָט זיך פאַרפלאָנטערט אין די בלעטער, און ס'איז פון האַנט אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד און ס'האָט זיך צעשאָטן; און די קופּע ווייץ מיטן אייַנצלנעם קערנדל ווייץ וואָס באַפרייט עס פון מעשר; און דעם הירש, וואָס איז געקויפט געוואָרן מיטן געלט פון מעשר, און דעם בוים וואָס שטייט אי־נעווייניק, אין רשות־היחיד, און בויגט זיך אַריבער מיט די פירות צום דרויסן: און דאָס הינטישע טייג, וואָס די פאַסטוכער עסן דערפון, און דער צייטיק־געוואָרענער מילגרוים, וואָס איז צוגעבונדן געוואָרן צו אַ שטעקל, אַ סימן פאַר דער מנחה פון בכורים; די טויבן אין די קערב, און נאָך און נאָך.

און אַז אַ מענטש קומט צו די סדרים מועד און נשים — צי זעט ער דען ניט דאָס שטוביקע אידישע לעבן אויג אויף אויג מיט יעדן האָר און יעדער אייַנצלהייט? און קומט ער צו נזיקין — דוכט זיך אים ניט, ווי ער וואָלט זיך צוגעקוקט צום מאַרק און דער אידישער גאַס, וואָס זייַנען אַמאָל אין איינעם אַ טאָג פּלוצים פאַרגליווערט געוואָרן מיט זייער האַנדל און וואַנדל, מיט זייער טומל און האַרמידער?

און ס'טרעפט, אַז אַזאַ מענטש דערשפּירט, אַז אין נאָך אַ רגע שפּע־טאָר, אָט אָט, וועט איינער אַ וואונדערלעכער מאַן, אַ מאַן אַ קינסטלער, קומען און אָנרירן מיטן געטלעכן שטעקן וואָס אין זייַן האַנט — מיטן כוח פון טאַלאַנט — אָט דאָס דאָזיקע פאַרשטיינערטע לעבן, און עס וועט נאָך אַמאָל אויפשטיין צו אַ צווייט לעבן אין איינער אַ וואונדערלעכער שאַפונג; בלויז איין קליינער עפּעס, איין טראָפן רוח הקודש — און די הלכה וועט פאַרוואַנדלט ווערן אונטער זייַן האַנט אין „עפּיק".

האָבן זיך דאָך געפונען מענטשן, „וואָס האָבן געזען אַ האַנדלונג און זיך דערמאָנט אָן אַ הלכה", טאָ פאַרוואָס קען נישט געמאָלט זייַן דאָס פאַר־קערטע: „זיי האָבן געזען אַ הלכה און זיך דערמאָנט אָן אַ האַנדלונג?"

אמת, קליין איז די דאָזיקע עפּיק; פון דערציילערישן עלעמענט איז דאָרט כמעט גאָרנישט ניט פאַראַנען. בילדלעך דורך און דורך: קליינע פאַרצייכענונגען פון מנהגים פון אָן אָרעם לעבן, וואָס שלעפט זיך פאַ־מעלעך; און אַפילו די דאָזיקע קומען ניט צוליב זייער אייגענעם ווערט, נייערט פאַרשלונגען פון אַנדערע עלעמענטן און בדרך־אַגב. נאָר וואָס

קען מען זיך העלפֿן? אַזוי איז געווען דאָס אידישע לעבן דורך יענע צייטן און אַזוי האָט עס זיך אויפֿגעהיט אין אונזער איינציקן נאַציאָנאַלן ספֿר פֿון דער דאָזיקער תּקופֿה. קיין אַנדער לעבן איז נישט געווען און אויב עס איז יאָ געווען, איז פֿון דעם קיין זכר נישט געבליבן. די תּקופֿה פֿון גבורה און מאַכט, און די צייט פֿון מעכטיקן שאַפֿן פֿון תּנכישן עפּאָס, זיינען שוין געווען אַרונטער פֿון דעמאָלטיק לעבן פֿון בוך — זיך ניט צוריקצוקערן. ס'איז אָנגעשטאַנען די צייט פֿון קאָנסערוואַציע: צייטן פֿון „היטן די מויערן" און באַשיצן דאָס וואָס עס איז אויפֿגעבויט געוואָרן פֿון פֿריער, די טעג פֿון שטיין אויף דער וואַך, און סיי די הלכה און סיי די אַגדה פֿון יענער צייט טראָגן ביידע דעם חותם פֿון זייער צייט, דעם שטאַמפּ פֿון פּאַסיוויטעט; קיין גרויסעס איז אין ביידע זיי נישט פֿאַראַנען. ביידע זיינען נישט מער ווי קליינע ברעקלעך, ברעקלעך פֿון געדאַנק און געפֿיל, און ברעקלעך פֿון טאַט־זאַכן. אָבער פֿון אמתן קינסט־לער, פֿון דעם יעניקן וואָס שעפּט ניט קיין רוח הקודש פֿון גראָבן פֿינגער און לעקט ניט קיין טעלער אונטער פֿרעמדע טישן, נאָר, וואָס טויכט אַרונטער אין די גרויסע טיפֿענישן פֿון פֿאָלקס־נשמה און די מיסטעריעס פֿון איר לעבן — פֿון אַזאַ קינסטלער, זאָג איך, איז ניט פֿאַרמיטן אויפֿ־צוטאָן גרויסעס אויך מיט דעם דאָזיקן מאַטעריאַל, אויב נאָר דאָס גרויסע איז ביי אים אין דער נשמה. דער קינסטלער, דער גאָט־געבענטשטער, וויפֿיל באַדאַרף ער דען האָבן כּדי צו שאַפֿן? — אַ ביסל פֿון אור־שפּרינגלעכן שטאָף, אַן אַחיזה פֿאַרן גייסט. אויב דער מאַטעריאַל איז אָרעם — וועט ער אים באַרייכערן פֿון דאָס זייניקע, און אויב דער מאַ־טעריאַל איז טויט — וועט ער אים לעבעדיק מאַכן מיט זיין אייגענעם לעבנס־אָטעם. די עכטע קונסט, יענע, וואָס איז ניט קיין האָק מיט דעם צו האַקן און ניט קיין קרוין פֿון גאווה אויף פֿלאַכע קעפּ, איז געראָטן אין דער תּורה, און האָט אויך קיין קיום ניט, סיידן דורך דעם יעניקן, וואָס לאָזט זיך פֿון אירטוועגן טויטן, כּדי זי אויפֿצולעבן. דער עיקר איז דאָ די לעבנס־באַציאונג פֿון מענטשן צום לעבנס־בילד, וואָס שטייט אַנט־קעגן אים. און דער יעניקער וואָס שרייט, אַז אַ געוויס לעבנס־בילד איז פּסול, דאַרף מען ערשט אים אַליין בודק זיין, אפֿשר איז זיין לעבן גופֿא גאָר פּסול?

— צי פֿון דעם דאָזיקן פּעלז, פֿון דער הלכה, וועלן מיר אַרויסקריגן לעבעדיק וואַסער? — וועט פֿרעגן פֿאַרוואונדערט און אומצוטרויליך דער „דור פֿון אויפֿלעבונג".

יאָ! אויב איר האָט דעם געטלעכן שטעקן אין האַנט און אויב ביי אייך אין האַרצן שלאָגט אַ קוואַל פֿון לעבן! וואָלטן מיר געהאַט עכטע קינסטלער און גאָט־געבענטשטע שעפּער, וועמענס אייגן לעבן וואָלט ניט געווען פּסול, וואָלטן זיי דעם דאָזיקן פֿעלז געמאַכט רעדעוודיק, און דורך דעם קליינעם עפּעס — אָט דאָס וואָס מען באַצייכנט מיטן וואָרט טאַלאַנט — וואָלטן זיי פֿאַרוואַנדלט די הלכה אין נאַציאָנאַלן עפּאָס. אָבער אונ־זערע קינסטלער זיינען דערוויַיל בעסער צופֿרידן זיך צו באַנוצן מיט געליענע כּלים, און צו מאַכן שלעכטע נאָכאָמונגען. די מלאָכה איז ניט אַלע מאָל קיין ריינע — דערפֿאַר אָבער איז זי אַ לייכטע. דעריבער זעען מיר, אַז אַפֿילו אין דער אַגדה — וועלכע זיי אָנערקענען יאָ — האָבן זיי נאָך אויך ניט אַרויסגעוויזן קיין גרויסע גבורה, און זי וואַרט נאָך אויף אויף איר גואל, וואָס זאָל קומען און זי פֿאַרוואַנדלען אין נאַציאָנאַלער ליריק, אין פּאָעזיע וואָס איז ניי באמת, אַזוינס וואָס עס האָט זיך אויך ניט איינגעגעבן די אַלטע פּיטנים — מחמת זיי האָבן נישט געהאַט דעם גענוגנדיקן טאַלאַנט און עס האָט זיי אויסגעפֿעלט אַ לעבנס־באַציאונג צו דער דאָזיקער ליטעראַרישער פֿאָרם.

— הייסט עס, זאָלן מיר שליסן די רייען און זיך אומקערן צום... „שולחן־ערוך״ ?

ווער עס האָט אַרויסגעלייענט פֿון מיינע ווערטער אַזאַ מין כּוונה, איז אַ סימן, אַז ער האָט גאָרנישט ניט פֿאַרשטאַנען. די ווערטער „הלכה״ און „אַגדה״ זיינען ספּעציעלע תּלמודישע טערמינען פֿאַר געוויסע באַגריפֿן, אָבער לויט זייער אינערלעכן מהות, לאָזט זיך זייער ברייטער זין אויס־שפּרייטן און אויסברייטערן אויך אויף אַנדערע דערשיינונגען פֿון זייער מין, סיי אויף פֿאַרתּלמודישע תּקופֿות, און סיי אויף די נאָך־תּלמודישע תּקופֿות. דאָס זיינען צוויי פֿאַרענדיקטע פֿאָרמען, צוויי פֿאַרשיידענע סטילן, וואָס באַגלייטן איינס דאָס אַנדערע אין לעבן און אין ליטעראַטור — יעדער דור מיט זיין אַגדה, יעדע אַגדה מיט איר הלכה. דאָ האַנדלט זיך נישט וועגן דער און דער הלכה אָדער וועגן יענער אַגדה. דאָ האַנדלט זיך וועגן דעם אינערלעכן מהות פֿון הלכה, הלכה ווי אַ גרויסער כּלל, ווי אַ זינלעכע פֿאַרענדיקטע פֿאָרם פֿון אַ קאָנקרעטן לעבן — אַ לעבן וואָס שוועבט ניט אין דער לופֿטן, און וואָס שפּאַרט זיך ניט אָן אויף געאַנטע געפֿילן פֿון אַ גוף. אַזאַ הלכה, זאָג איך, איז נישט מער, ווי דער נויט־ווענדיקער המשך און דער סוף פּסוק פֿון דער אַגדה.

גרויס איז נאָר יענע אַגדה, וואָס פירט צו הלכה. און יענע אַגדה, וואָס האָט ניט אין זיך קיין הלכה, איז אַ פוסטע; סוף־כל־סוף וועט זי גופא דעגענערירט ווערן און וועט אויך מאַכן אירע טרעגער צו דעגע־נערירן.

און דער יעניקער וואָס זאָגט: איך האָב נישט מער אין זיך ווי אַגדה — דאַרף מען אונטערזוכן זיין אַגדה, אפשר איז זי נישט מער ווי אַ פאַרטריקנטע בלום. צו וועמען איז ער געגליכן? צו דעם דאָזיקן וואָס זאָגט: איך רייס מיר אָפּ די בלומען, אָבער די פרוכטן וויל איך ניט. דער סוף וועט זיין, אַז ער וועט אַפילו קיין בלומען אויך נישט האָבן; ווייל אויב עס איז קיין פרוכט ניטאָ — איז נישטאָ קיין קערן, און אויב קיין קערן איז נישטאָ, פונוואַנען וועט זיך די בלום נעמען?

די פיילן פון דער אַגדה וואַקלען בלאַנדזשענדיק אין דער לופטן, ווי זיי וואָלטן אַוועקגעלאָזט געוואָרן פון אַ נישט־גוט אָנגעצויגן שטריקל אויפן בויגן; אָבער די פיילן פון הלכה זיינען געטריי, זיי פליען אין אַ גלייכער ליניע — מעכטיק, גראָד, געצילט פון אַ שטייף אָנגעצויגע־נעם בויגן. די ערשטע — גיט לופט צום אָטעמען, די צווייטע — באָדן אונטער די פיס. די ערשטע ברענגט אַריין דעם שוועבנדיקן, פליסנדיקן עלעמענט, און די צווייטע — דעם בילדנדיקן, פעסטן עלעמענט. אַ פאָלק וואָס האָט זיך ניט אויסגעלערנט צו פאַראייניקן הלכה מיט אגדה, פאַר־משפט זיך אַליין צו אייביקע בלאָנדזשענישן, און שטעלט זיך אַליין אין געפאַר צו פאַרגעסן דעם גראָדן איינציקן וועג צווישן ווילן און טאַט, צווישן שטרעבונג און פאַרקערפערונג. . .

הלכה פאַרשמאָלצן מיט אגדה — איז דער אַטעסטאַט פון געזונט און רייפקייט פאַר אַ פאָלק; אומעטום אָבער, וואו דו געפינסט די אַגדה אָן עלנטע — איז אַ סימן, אַז די שעפערישע כוחות און די מעגלעכקייטן פון אירע טרעגער זיינען אָפּגעשוואַכט, און זיי דאַרפן זיך לאָזן היילן.

לאַנגע דורות און גאַנצע שיכטן פון אידישן פאָלק זיינען באַגאַנגען אַ זינד אַנטקעגן דער אַגדה מיט דעם, וואָס זיי האָבן איבערגעריסן דעם לעבנס־בונד צווישן זיך און איר. די נאַאיוו־גלויביקע פון איין זייט האָבן זי אויפגענומען אין בוכשטעבלעכן זין און זי באַטראַכט ווי אַן עיקר פון דער אמונה, און די ראַציאָנאַליסטישע חכמים פון דער צווייטער זייט האָבן אויך אויפגעפאַסט אירע רייד אין תכלית הפשט און זיי באַטראַכט ווי אומגעלומפּערטע שטותערייען. סיי די ערשטע און סיי די צווייטע זיינען געווען געשמאַקלאָז, דעריבער האָבן זייערע אויגן נישט געזען דאָס פּאַ־

עטישע ליכט, און דעם אמת, דעם משל, אירן. זיי האָבן אויפֿגעהערט פֿאַרשטיין איר שפּראַך.

און איצט האָבן מיר זוכה געווען צו אַ דור, וואָס איז אין גאַנצן אַגדה. אַגדה אין לעבן און אַגדה אין ליטעראַטור. די גאַנצע וועלט איז נישט מער ווי אַ לעגענדע. פֿון דער הלכה, אין אַלע אירע זינען איז קיין זכר נישט געבליבן.

וויפֿיל די יעניקע, וואָס פֿילן זיך געטראָפֿן, זאָלן ניט פּרובירן לײַ־קענען, אָבער דער פֿאַקט בלײַבט: אונזער נײַע ליטעראַטור אין איר גרעסטן טייל, האָט זיך (ווי יענער קבצן) געמאַכט איר באַשטענדיקע דירה אין סאַמע קעלער פֿון קולטורעלן געדאַנק און געפֿיל. פֿאַרשלאָסן זײַנען פֿאַר איר אַלע פּופּציק טויערן פֿון „בינה" און עס איז איר בלויז געבליבן אַ קליין אונטערווינקל פֿון אַ צווייפֿלהאַפֿטער „שיינקייט" — די אַגדה פֿון אונזער צייט. אַ ביסל דערציילונגען און אַ ביסל לידער — דאָס איז איר גאַנצער באַגאַזש. קיין שום אַנדער השפּעה פֿון די העכערע גייסטיקע קוואַלן זײַנען אין איר נישט פֿאַראַנען. אויסגעטריקנט איז הלכה געוואָרן ביי אידן, און דאָס ערגסטע איז, וואָס מען שפּירט נישט אין איר, אין דער נײַער ליטעראַטור, קיין שום נטיה, זיך אויפֿצוהויבן און זיך אַרויסצורייסן פֿון איר פֿינצטערן דלות־גרוב. אַדרבה, פֿאַרקערט: דער „חן פֿון פּלאַץ" שפּיגלט זיך אָפּ אויך אויף די שעפֿער. און זינט די המון־מענטשן און עמי־הארצים האָבן זיך צווישן זיי געמערט, באַמערקט זיך די כּוונה איינצופּלאַנצן ביי די מאַסן דעם געדאַנק, אַז קיין אַנדער „לי־טעראַטור" און „שאַפֿונג" איז נישט פֿאַראַנען, אַחוץ דער — שיינער. אַ נאַרישער בחור, וואָס האָט, במחילה, געשאַפֿן אַ צוואַנציק פֿערזן אָדער צוויי סקיצן — איז אַ שעפֿער, און דער „מורה נבוכי הזמן", למשל — דער איינציקער ספֿר אין אונזער צייט, וואָס איז אַ קינד פֿון העכערן גע־דאַנק — קומט אין גאַנצן נישט אַריין אין גדר פֿון שאַפֿונג.

איך שטרייך נאָך אַמאָל אונטער: איך קום דאָ נישט מכריע זיין וועגן הלכה און אַגדה, אַז די איז שיין, און די איז נישט שיין. איך האָב בלויז אין זינען הלכה און אַגדה אין אַלגעמיין, ווי צוויי פּאַראַלעלע פֿאָרמען פֿון ליטעראַטור און לעבן. און איך פֿרעג: וואָס וועט זיין דער סוף פֿון אַן אַגדה, וואָס האָט נישט קיין הלכה ביי דער זייט?

דעם סוף אין אונזער ליטעראַטור — אויב דאָס איז דער סוף — זעען מיר פֿאַר די אויגן. זי איז ליידיק ווי אַ וואַסער אָן פֿיש. דער וואָס וויל מיט אַן אמת עפּעס לערנען — מוז אַפֿילו היינט, שוין איבער הונ־

דערט מיט פּופּציק יאָר זינט איר עקזיסטענץ — גיין זוכן אין פרעמדן פּעלד. און עס איז דאָ אַ גרונט מורא צו האָבן, אַז אויך דאָס ביסל אַגדה — די עסטעטיק — וועט ווערן איינגעטריקנט, ווייל קיין שום השפּעה דערטראָגט זיך נישט צו איר פון די העכערע קוואַלן פון גייסט. די עקזיס־טענץ־באַרעכטיקונג פון דער שיינער ליטעראַטור שטעקט דאָך סוף־כל־סוף אין דעם, וואָס זי האַלט אויף, דורך אירע ספּעציעלע מיטלען, אַ פאַרביג־דונג צווישן דער מערהייט פון די באַאיינפלוסטע און דער מינדערהייט פון די באַאיינפלוסער. „פּאָעזיע לשם פּאָעזיע", „ווי דער פויגל זינגט", איז אַן ענין אין די הפסקה־מינוטן — פאַר די יעניקע, וואָס מיען זיך אין שווייס פון זייער פּנים, פאַר און נאָך דער פּאָעזיע, אויפצובויען אַ מעכטיקע ליטעראַטור פאַר אַלע צווייגן פון דער מענטשלעכער קולטור — אַ ליטעראַטור, וואָס שאַפט און בויט דאָס לעבן, זיי מעגן זינגען. אָבער אַ פּאָעזיע וואָס קומט פון לאַנגווייל און ליידיקגייעריי — ווער נוי־טיקט זיך אין איר?

אַט קומט אויף אַ דור און וואַקסט אין אַ לופט פון גאָלע פראַזן און לידלעך און פוסטע ווערטער. עס ווערט באַשאַפן אַ אידישקייט, וואָס איז נישט קיין חוב. מען שרייט אין נאָמען פון נאַציאָנאַליזם, אויפלעבונג, לי־טעראַטור, שאַפונג, אידישער דערציאונג, אידישן געדאַנק, אידישער אַר־בעט — און די אַלע גוטע זאַכן הענגען אויף אַ האָר פון עפּעס אַ ליבהאָ־בעריי: ליב האָבן ארץ־ישראל, ליב האָבן ליטעראַטור — וואָס איז דער פרייז פון אַזאַ מין לופט־ליבהאָבעריי?

ליבשאַפט — אָבער וואו איז די פליכט? און פון וואַנען וועט זי קומען? און פון וואַנען וועט זי שעפּן יניקה? סיידן פון דער אַגדה? אָבער זי איז נישט מער ווי רשות. יאָ און ניין און נאָכגיביק.

אַ אידישקייט וואָס איז אין גאַנצן אַגדה, איז געגליכן צום אייזן, וואָס איז צעגליט אין פייער און ניט אָפּגעטונקט געוואָרן אין קאַלט וואַסער. שטרעבונג פון הארץ, גוטער ווילן, גייסטיקע דערוואַכונג, אינערלעכע ליבע — די אַלע זאַכן זיינען שיין און נוצלעך, ווען זיי שליסן זיך מיט מעשים, מעשים האַרט ווי אייזן, ווי גרויזאַמע פליכט.

איר ווילט בויען — „שליסט אַן אָפּמאַך און שרייבט אונטער אויף דעם געחתמעטן אייערע האַרן, אייערע לווים, און אייערע כוהנים... און שטעלט איבער אייך מצוות..." (נחמיה י', א). אַזוי האָבן אייערע אָבות אָנגעהויבן בויען.

די מעכטיקע זעאונגען פֿון ישעיה דעם צווייטן האָבן אויפֿגעוועקט הערצער, אָבער ווען עס איז געקומען די צייט פֿון בויען, זיינען די צוויי נביאים צווישן די בויער — חגי און זכריה — געווען די לעצטע צו נבואה און די ערשטע צו הלכה, און די וואָס זיינען געקומען נאָך זיי — עזרא און זיינע העלפֿער — זיינען שוין בלויז געווען בעלי־הלכה.

קומט און שטעלט איבער אונז מצוות!

זאָלן אונז געגעבן ווערן פֿורעמס אַריינצוגיסן אין זיי אונזער פֿליסנ־דיקן, שוואַכן רצון און אים אויסשמעלצן אין פֿעסטע, דויערנדיקע פֿאָרמען. מיר גאַרן נאָך די מעשים גופֿא. לערנט אונז, אין לעבן, די געוואוינהייט פֿון טאָן מער ווי רעדן, און אין דער ליטעראַטור — הלכה מער ווי אַגדה.

מיר בויגן אונזער נאַקן: וואו איז דער אייזערנער יאָך? פֿאַר וואָס קומט ניט די שטאַרקע האַנט און דער מעכטיקער אָרעם?

אונטערן פאָרהאַנג פון שפּראַך

מענטשן וואַרפן טאָג־טעגלעך אויפן ווינט, ווילנדיק און ניט־ווילנ־דיק, גאַנצע הויפנס ווערטער מיט זייערע פאַרשיידענע מיינען און קאָמ־בינירונגען, און גאָר וויניקע באַנעמען און באַגרייפן, וואָס אַזוינס די דאָ־זיקע ווערטער האָבן געמיינט אין דער צייט פון זייער פולער גבורה. פיל פון די ווערטער זיינען געקומען אויף דער וועלט נאָך לאַנגע און שווערע געבורטווייען פון אַ סך דורות. פיל פון זיי האָבן אומגעריכט אויפגעבליצט און מיט איין איינציקן שוועב באַלויכטן גאַנצע וועלטן. דורך אַ סך פון זיי האָבן דורכגעצויגן גאַנצע מחנות לעבעדיקע נשמות — נשמה איז אַוועק און אַ נשמה איז געקומען — און יעדע איינציקע פון זיי האָט נאָך זיך געלאָזן איר שאָטן און איר ריח. פיל פון זיי האָבן געדינט, ווי אַ שייד, פאַר אַ זייער איידעלן קאָמפּליצירטן מעכאַניזם פון טיפע געדאַנקען און דערהויבענע געפילן אין זייערע וואונדערלעכסטע שאַטירונגען. פאַראַן ווערטער — געטלעכע בערג און ווערטער — טיפע תהומען. ס'טרעפט אַז אין אַן איינציקן קליין וואָרט ליגט באַהאַלטן דאָס גאַנצע לעבנס־עסענץ, דאָס גאַנצע השארת־הנפש פון אַ טיפן פילאָזאָפישן סיסטעם, די אונטערשטע שורה פון אַ גאַנצער וועלט־רעכענונג. פאַראַן אַ וואָרט, וואָס האָט בשעתו באַזיגט פעלקער און לענדער, קיניגן אָראָפּגעזעצט פון זייערע טראָנען, אויפגעטרייסלט די יסודות פון ערד און הימל. נאָר אָט קומט אַ טאָג — און די אייגענע ווערטער גייען אַרונטער פון זייער גדולה און ווערן אַרויס־געוואָרפן אין מאַרק און מענטשן וואַרפן זיך מיט זיי אין אַ לייכטן געשפּרעך, ווי מיט אַ הויפן אַרבעס.

איז דאָ אין דעם עפּעס אויף וואָס זיך צו וואונדערן? ס'האָט קיין זין ניט צו האָבן טענות צו די נאַטור־געזעצן. אַזוי איז שוין דער מנהג פון דער וועלט: ווערטער זיינען עולה־לגדולה און ווערטער פאַרלירן זייער גדולה און ווערן וואָכעדיק. וויכטיק איז צו געדענקען, אַז ס'איז ניטאָ אין שפּראַך קיין לייכטסטע וואָרט, וואָס איז אין זיין געבורט ניט געווען אַ וויכטיקע אויפטרייסלענדיקע נשמה־אַנטפּלעקונג, אַ גרויסער דערהוי־בענער גייסטיקער נצחון. ווען, למשל, אָדם־הראשון איז אויפגעציטערט

געוואָרן פֿון ערשטן דונער — קול ה׳ בכוח, קול ה׳ בהדר — און איז געפֿאַלן אויף זיין פּנים אַ פֿאַרטומלטער, אַ פֿאַרכאַפּטער פֿון אַ געטלעכער מורא, האָט זיך געוויס אַרויסגעריסן פֿון זיין מויל — לאָמיר זאָגן, אין נאָכאָמונג צו דער שטים פֿון נאַטור — אַ מין ווילדער קלאַנג, אַ חיהשער ברום, ענלעך צום קלאַנג „רר״ — אָט דער וואָס געפֿינט זיך אין נאָמען דונער אין אַ סך שפּראַכן — האָט דען אָט דער ווילדער אויסגעשריי ניט געבראַכט קיין גרויסע באַפֿרייאונג פֿאַר זיין אויפֿגעשטורעמטער נשמה? צי דען איז אין אָט דעם אויסרוף, דער ווידערקלאַנג פֿון אַ נשמה, וואָס איז אויפֿגעטרייסלט געוואָרן ביז אין אירע טיפֿסטע טיפֿענישן, אַנטפּלעקט ווינציקער שאַפֿונגס־גבורה, אויפֿציטער און פֿרייד פֿון נצחון, ווי אין אַ „געלונגענעם אויסדרוק״, וואָס אַ געניאַלן פּאָעט האָט זיך איינגעגעבן צו שאַפֿן אין שעה פֿון עלית־נשמה? צי איז אין אָט דעם לייכטן קלאַנג, דעם קערן פֿון צוקונפֿטיקן וואָרט, ניט פֿאַרוויקלט דאָס וואונדערלעכע געוועב פֿון בראשיתדיקע איבערלעבענישן, איבערלעבענישן — שטאַרק אין זייער פֿרישקייט און מעכטיק אין זייער ווילדקייט; אַ מין ציטער, שרעק, פֿאַרוואונדערונג, הכנעה, התפּעלות, אויפֿמונטערונג צום קאַמף, און אַזוי ווייטער. און ווי באַלד אַזוי — איז דען אָדם־הראשון אין יענעם מאָמענט ניט געווען אַ גרויסער מאָלער און זעער, וואָס האָט אינטואיטיוו באַשאַפֿן דאָס וואָרט, און דאָס ריכטיקע פּאַסיקע וואָרט — צום ווינציקסטן פֿאַר אים אַליין — פֿאַר טיפֿע קאָמפּליצירטע גייסטיקע איבערלעבענישן? און וויפֿיל פֿון טיפֿער פֿילאָזאָפֿיע, פֿון געטלעכער אַנטפּלעקונג — ווי איינער אַ דענקער האָט שוין אויף דעם אויפֿמערקזאַם געמאַכט—איז געלעגן אין דעם אומבאַדייטנדיקן וואָרט „איך״, וואָס אָדם־הראשון האָט אַרויסגעלאָזט פֿון מויל? און דאַך זעען מיר, אַז אַזעלכע ווערטער און אַ סך אַנדערע פֿון זייער גלייכן ווערן פֿאַרשלונגען אין שפּראַך און מיר באַמערקן זיי גאָרנישט. די נשמה אונזערע ווערט כמעט אין גאַנצן פֿון זיי ניט אָנגערירט. זייער תּוך איז פֿאַרצערט געוואָרן און זייער גייסטיקער כוח איז אויסגעוועפּט, אָדער, באַהאַלטן געוואָרן. בלויז זייערע שאָלעכצן, וואָס זיינען אַרויסגעוואָרפֿן פֿון רשות־היחיד אין רשות־הרבים, געפֿינען זיך נאָך אין שפּראַך און דינען אַ נאָכלעסיקע רעפֿלעקטיווע דינסט אין די ענגע גרענעצן פֿון לאָגיק און געזעלשאַפֿטלעכע פֿאַרבינדונגען, ווי אויסווערטיקע סימנים און אַבסטראַקציעס פֿון זאַכן און דערשיינונגען. סאיז געקומען דערצו, אַז דעם מענטשנס שפּראַך איז געוואָרן געשפּאָלטן אין צוויי, וואָס איינע ווערט אויפֿגעבויט פֿון דער צווייטערס חורבן: די אינערלעכע שפּראַך, די שפּראַך פֿון האַרצן,

וואָס איר עיקר איז, ווי אין מוזיק, דער „ווי" — אין דער פּאָעזיע; און די אויסוועטיקע שפּראַך, די שפּראַך פֿון אַבסטראַקציע און פֿאַראַלגעמיינערונג, וואָס איר עיקר איז, ווי אין מאַטעמאַטיק, דער „וואָס", אין דער מחיצה פֿון לאָגיק. און ווער ווייסט, אפֿשר איז גוט פֿאַרן מענטשן, ער זאָל ירשענען דעם שאָלעכץ פֿון וואָרט אָן זיין תּוך, כּדי ער זאָל קענען אָנפּילן דאָס וואָרט, אַריינגעבן אין אים זיין אייגענעם כּוח און אַריינשטראַלן אין אים זיין אייגן ליכט. אַ מענטש שטרעבט צו אייגנס און ווען דאָס געדרעטע וואָרט וואָלט אייביק געשטאַנען אין זיין פֿולן כּוח און ערשטן שיין, ווען ס'וואָלט תּמיד באַגלייט געוואָרן מיט די איבערלעבונגען און געפֿילן, וואָס זיינען פֿאַרבונדן געווען מיט אים אין דער צייט פֿון זיין גבורה — איז מעגלעך, אַז דער מענטש וואָלט קיין מאָל ניט דערגרייכט צו זעלבסט־אַנטפּלעקונג און צו זיין אייגן נשמה־ליכט. סוף־כּל־סוף — אַ ליידיקע כּלי קען זיך אָנשעפּן און ווערן פֿול, אָבער אַ פֿולע כּלי קען ניט אָננעמען און אויב דאָס אויסגעליידיקט וואָרט פֿאַרשקלאַפֿט — טאָ ווי שוין דאָס פֿולע!

אויף וואָס איז יאָ פֿאַראַן זיך צו וואונדערן? אויף דער זיכערקייט און גלייכגילטיקייט וואָס באַגלייטן דעם מענטשן און זיין ריידן, ווי ער וואָלט באמת געפֿירט זיין געדאַנק אָדער געפֿיל איבער רואיקע וואַסערן און איבער אַן אייזערנער בריק; און ער שפּירט גאַרניט, ווי שוואַך ס'איז אָט די ווערטערבריק, ווי טיף און פֿינצטער ס'איז אונטער אים דער אָפּע־נער תּהום און וואָס פֿאַראַ נס עס ליגט אין יעדן טראַט, וואָס ער מאַכט בשלום.

ס'איז דאָך קלאָר, אַז שפּראַך מיט אַלע אירע מיטלען פֿירט אונדז כּלל ניט אַריין אין דער אינערלעכער מחיצה, אין דעם ענדגילטיקן מהות פֿון זאַכן — נאָר אַדרבה פֿאַרקערט, זי גופֿא צאַמט אונדז אָפּ פֿון זיי. הינטער דער מחיצה פֿון שפּראַך, הינטער איר פֿאַרהאַנג, האַלט דעם מענטשנס גייסט, וואָס איז אויסגעטאָן פֿון דעם ווערטער־שאָלעכץ, אין איין בלאָנדזשען. ניטאָ קיין וואָרט און ניטאָ קיין פֿראַזע — נאָר אייביקע בלאָנדזשעניש; דער אייביקער „וואָס" איז פֿאַרגליווערט אויף די ליפּן. מיט אַן אמת, איז אַפֿילו פֿאַרן דאָזיקן „וואָס" קיין פּלאַץ ניטאָ, וואָרעם דאָס אַנטהאַלט שוין אַן אָנדייט אויף אַן ענטפֿער. וואָס איז יאָ פֿאַראַן? — „גאָרנישט! פֿאַרמאַך דאָס מויל און שווייג!" אויב דער מענטש האָט פֿאָרט דערגרייכט צו דער מתּנה פֿון וואָרט און געפֿינט באַרואיקונג אין ריידן — איז דאָס נאָר צוליב דער גרויסער שרעק צו פֿאַרבלייבן איין רגע אַליין מיט דעם פֿינצ־

טערן „תוהו", מיט דעם דאָזיקן גאָרנישט, פּנים אל פּנים, אָן אַ פֿאַרבאַדינג; „דער מענטש קען ניט זען מיך און בלייבן לעבן", זאָגט דער „תוהו". און איטלעך וואָרט און האַלבוואָרט איז עפּעס אַ צודעק אויף אַ שטיקל „גאָרנישט", אַ שאָלעכץ וואָס אַנטהאַלט אַ פֿינצטערן טראָפּן פֿון אַן אייביקן „תיקו". ניטאָ קיין וואָרט, וואָס זאָל מבטל זיין ענדגילטיק אַן אירגעגנד וועלכע פֿראַגע — דאָס וואָרט פֿאַרדעקט זי בלויז. ס'איז קיין נפֿקא־מינא ניט, וואָס דאָס איז, פֿאַרבייט עס מיט אַן אַנדער וואָרט, אַבי ס'זאָל אויף דער מינוט פֿאַרדעקן און פֿאַרשטעלן. צוויי שוועסטער־קאָנקורענטקעס פֿון צוויי פֿאַרשיידענע פּאַליוסן, די שטומע מוזיק און די מאַטעמאַטיק, וואָס רעדט מיט צייכנס, זאָגןביידע אין איינעם עדות אויפֿן וואָרט, אַז ס'איז לאו־דווקא, אַז ס'איז בלויז אַ וויסט־געוועב. פּונקט אַזוי ווי גופֿים ווערן בולט פֿאַרן אויג און אַנגעזען אין זייערע גרענעצן דורך דעם וואָס זיי פֿאַרשטעלן מיט זיך דאָס ליכט — אַזוי באַקומט דאָס וואָרט זיין וועזנטלעכקייט דווקא דורך דעם, וואָס עס פֿאַרשטאָפּט מיט זיך אַ קליין שפּעלטל פֿון דעם תוהו און פֿאַרשטעלט זיין פֿינצטערניש און לאָזט אים ניט זיך דורכרייסן און פֿאַרטושירן די גרענעצן פֿון וואָרט. יענער וואָס זיצט איינער אַליין אין נאַכטיקן חושך און ציטערט פֿאַר שרעק לאָזט זיך אַליין הערן צו זיינע אייגענע אויערן: ער לייענט „קריאת שמע", צי ער פֿייפֿט מיט די ליפּן. פֿאַרוואָס? ס'איז אַ סגולה זיך צו פֿאַרגעסן און צו פֿאַרטרייבן זיין שרעק. אַזוי איז אויך מיטן גערעדטן וואָרט — אָדער מיט אַ גאַנצן סיסטעם פֿון ווערטער — זיין כּוח ליגט ניט אין זיין באַשטימטן אינהאַלט — אויב ס'איז בכלל אַזוינס פֿאַראַנען — נאָר אין דעם אויף וויפֿיל ס'ציט אָפּ דעם מענטשנס אויפֿמערקזאַמקייט. פֿאַרמאַכן די אויגן איז נאָך אַלעמען די לייכטסטע און באַקוועמסטע — הגם בלויז אַן אויסגעדוכטע — אַנטרינונג פֿון געפֿאַר. און דאָרטן וואו די געפֿאַר ליגט אין האַלטן די אויגן אָפֿן — איז דאָך אַוודאי קיין בעסער מקום־מקלט ניטאָ — „און גוט האָט משה געטאָן, וואָס ער האָט באַהאַלטן זיין פּנים". און ווער ווייסט, אפֿשר איז דאָס ערשטע וואָרט אַרויסגעזאָגט געוואָרן ניט אין אַ שמועס צווישן צוויי מענטשן אין זייער קעגנזייטיקן פֿאַרקער, ווי אַ פֿאַרבינדונגס־מיטל — נאָר דווקא פֿון אַ מענטשן, וואָס איז געזעסן אַן איינזאַמער, אַליין מיט זיין נשמה; דאָס איז געווען אַ גייסטיקע באַדערפֿעניש, דאָס וואָרט — אַ ציל פֿאַר זיך אַליין, אין דער בחינה פֿון „מיין גייסט אין מיר איז פֿאַרבליפֿט און איך שמועס מיט מיין האַרץ"... אָדם־הראשון האָט זיך ניט געקענט באַרואיקן ביז ער האָט זיין אייגן

קול דערבראַכט צו זיינע אויערן. און דאָס דאָזיקע בראשותדיקע קול, וואָס האָט אַרויפגעבראַכט דעם באַוואוסטזיין פון מענטשן פון טיף־פּעניש פון תוהו — האָט זיך פּלוצעם אַליין אָנגעקגעשטעלט ווי אַ וואַנט, וואָס טיילט פונאַנדער צווישן מענטשן און צווישן „יענער זייט״, ווי אַיינער זאָגט: פון היינט אָן, מענטש, זאָל דיין פּנים זיין געווענדט, בלויז אויף דער זייט און ווייטער. הינטער זיך זאָלסטו ניט קוקן און אין דעם „פאַרהוילענעם״ זאָלסטו ניט אַריינקוקן, און אויב דו וועסט יאָ אַריינקוקן — וועט סיי ווי גאָרניט העלפן, ווייל דער מענטש קען ניט זען דעם תוהו פּנים־אל־פּנים און בלייבן לעבן. אַ פאַרגעסענער חלום — ווערט ניט געדענקט. צום „תוהו״ איז דיין גלוסטונג, נאָר דאָס וואָרט וועט הערשן איבער דיר.

און דער אמת איז, אַז געדאַנק און וואָרט האָבן בלויז אַ שליטה אויף דעם וואָס געפינט זיך אויף דער זייט, אין די ד׳ אמות פון פּלאַץ און צייט. בלויז אין זייער שאָטן גייט דער מענטש און וואָס מער ער דערנעענטערט זיך צום אויסגעדוכטן ליכט פאַר אים, אַזוי ווערט גרעסער דער שאָטן הינטער אים און אַזוי ווערט די פינצטערניש ניט קלענער אַרום אים. „פון דאַנען און ווייטער״ קען מען נאָך אפשר, שווער אָדער לייכט, אַלץ פאַרענטפערן. דער עיקר איז, דער שטח פון מענטשלעכן געדאַנק זאָל אויף איין רגע ניט בלייבן ליידיק פון ענג־צעצווייגפרעסטע ווערטער, ווי די שופן פון אַ פאַנצער, ס׳זאָל ניט זיין קיין בלויז אויף אַ האָר. דאָס ליכט פון געדאַנק און וואָרט — די קויל און פלאַם — איז אַ נר־תמיד, וואָס לעשט זיך ניט אויס. אָבער דער דאָזיקער שטח פון „פון דאַנען און ווייטער״, וואָס ליגט אין תהום פון אויסגעדוכטן ליכט — וואָס פאַראַ באַטרעף האָט ער נאָך אַלעמען לגבי דעם אומענדלעכן ים פון אייביקער פינצטערניש, וואָס בלייבט נאָך אַלץ איבער און וועט אייביק בלייבן אין דרויסן. סוף־כל־סוף, איז דאָך דווקא אָט די אייביקע פינצטערניש, וואָס וואַרפט אָן אַזאַ גרויסע אימה — איז דאָך זי, און נאָר זי, וואָס ציט דעם מענטשנס האַרצן פון אייביק אָן און דערוועקט אין אים אַ פאַרבאַהאַלטענע בענקשאַפט אַריינצוקוקן אין איר כאָטש אַ קליינע רגע. אַלע האָבן מורא פאַר איר און אַלע ציען זיך צו איר. מיטן מויל בויען מיר פאַר איר מחיצות פון אָן אַ שיעור ווערטער און סיסטעמען, זי צו פאַרשטעלן; אָבער מיט די נעגל דריבלען מיר און דריבלען אין די דאָזיקע מחיצות, אויפצופּענען אין זיי אַ קליין פענצטערל, עפּעס אַ שפּעלטל, אַריינצוקוקן כאָטש אויף איין רגע אין דעם, וואָס ס׳געפינט זיך אין „יענער זייט״. אָבער, ווי,

אומזיסט איז דעם מענטשנס מי! אין דער רגע, וואָס דאָס שפּעלטל עפֿנט זיך שוין באַשיימפּערלעך — איז גלייך דאָ אַן אַנדער מחיצה, אין גע־שטאַלט פֿון וואָרט, אָדער אַ נײַ סיסטעם; דאָס וואָרט שטעלט זיך פּלוצים אַוועק אויפֿן פּלאַץ פֿון אַלטן און פֿאַרשטעלט אַלץ פֿון אויג.

און אַזוי נעמט דאָס קיין סוף ניט ביז אין אייביקייט. אַ וואָרט פֿאַרגייט און אַ וואָרט קומט, און דער אַלטער אייביקער „תיקו" בלייבט ווי געווען, ניט געענדערט און ניט פֿאַרמינדערט. געבן אַ וועקסל אויף אַ חוב, אָדער אַרײַנשרײַבן דעם חוב אין פּנקס, מיינט נאָך ניט, אַז דער חוב איז אָפּגעצאָלט; עס נעמט נאָר צייטווײַליק אַרונטער אַ משא פֿון זכּרון, ניט מער. דאָס אייגענע איז מיטן קאָנקרעטן וואָרט, ווי געבן אַ נאָמען, אײַנשטעלן אָרדענונג און צאָמען פֿון דערשײַנונגען און זאַכן. קיין וואָרט אַנטהאַלט ניט אין זיך קיין ענטפֿער וועגן דעם מהות פֿון זאַכן און דער־שײַנונגען. אָפּילו דאָס וואָרט פֿון ענטפֿער איז אין דער אמת ניט מער ווי אַן אַנדער נוסח פֿון דער פֿראַגע גופֿא. דער פֿרעגצייכן פֿאַרבײַט זיך אין אַן אויסרוף־צייכן, אַ פֿאַרדעקן פֿון דאָס אָפּגעדעקטע. אַז מיר זאָלן קומען אַרויסציִען דעם ענדגילטיקן „תוך", דעם לעצטן, פֿון אַלע ווערטער און סיסטעמען — וועלן מיר סוף־כּל־סוף אַרויסציִען ניט מער ווי איין וואָרט, וואָס איז כּולל אין זיך אַלץ, אַ וואָרט פֿון דרײַ אותיות, דאָס וואָרט: „וואָס"? ווידער דער אייגענער שווידערלעכער „וואָס", וואָס הינטער אים שטייט דער נאָך מער מוראדיקער „איקס" — דאָס „גאָרנישט". אָבער דער מענטש וויל בעסער צעברעקלען זײַן חוב אויף קליינע ברעקלעך, אין דער פֿאַלשער האָפֿענונג צו פֿאַרלײַכטערן די צאָלונג. און אַז די האָפֿע־נונג ווערט ניט פֿאַרווירקלעכט — פֿאַרבײַט ער אַ וואָרט מיט אַ וואָרט, אַ סיסטעם מיט אַ סיסטעם; ס'הייסט, ער גיט אַ נײַעם וועקסל אַנשטאָט דעם אַלטן און ער לייגט אָפּ און מאַכט פֿאַר זיך לײַכטער די צײַט פֿון באַצאָלונג. אַזוי צי אַזוי: דער חוב ווערט קיין מאָל ניט אָפּגעצאָלט.

אַ וואָרט אָדער אַ סיסטעם גייט אַלזאָ אַרונטער פֿון גדולה און מאַכט פּלאַץ פֿאַר אַנדערע, ניט דערפֿאַר וואָס זייער כּוח איז אָפּגעשוואַכט גע־וואָרן צו אַנטפּלעקן, צו באַלײַכטן, אָפּצעווישן דעם „איך ווייס ניט", טיילווײַז אָדער אין גאַנצן — נאָר פּונקט פֿאַרקערט: ווײַל דאָס וואָרט אָדער סיס־טעם איז אָפּגעריבן געוואָרן פֿון צופֿיל געברויך און אַרומגיין איבער די הענט און קען שוין מער ניט פֿאַרדעקן און באַהאַלטן און, ממילא, קען עס מער ניט אָפּציִען דעם מענטשנס אויפֿמערקזאַמקייט. דער מענטש כאַפּט אַ קוק אויף דעם צעעפֿנטן שפּעלטל און געפֿינט צו זײַן גרויסער שרעק

ווידער פֿאַר זיך דעם מוראדיקן „תוהו" — שפּרינגט ער אויף און פֿאַרשטאָפּט צייטווייליק דאָס שפּעלטל מיט אַ ניי וואָרט. ס'הייסט, ער כאַפּט זיך ווידער אָן אין דער אַלטער אויסגעפּרואווטער „סגולה", וואָס ציט אָפּ זיין אויפֿמערקזאַמקייט און ער ראַטעוועט זיך פֿון שרעק. און וואונדערט זיך גאָרנישט! די „סגולה" העלפֿט אירע גלויביקע, וואָרעם אמונה גופֿא איז ניט מער ווי אַ מיטל אָפּצוציען אויפֿמערקזאַמקייט. זעען מיר דען ניט אַן ענלעכע דערשיינונג ביי מענטשן גופֿא? אַ מענטש כּל־זמן ער לעבט און שטרעבט און באַוועגט זיך און ווירקט — פֿילט אויס דעם חלל און אַלץ איז אייגנטלעך פֿאַרשטענדלעך. דער גאַנצער לעבנס־שטראָם, זיין גאַנצער אינהאַלט איז בלויז אין שטענדיקער באַמיאונג, אַן אומאויפֿהערלעכע באַמיאונג, זיך צו פֿאַרגעסן. יעדע איינציקע רגע פֿון „יאָגן זיך נאָך"... איז אין דער אייגענער צייט אַן „אַנטלויפֿן פֿון"... און דאָס, בלויז דאָס, איז זיין גאַנצער שכר. די לוין פֿון נאָכיאָגן — איז אַנטרינען. דער נאָכיאָגער געפֿינט זיין באַפֿרידיקונג צייטווייליק, ניט אין דעם וואָס ער האָט דערגרייכט, נאָר אין דעם, וואָס ער איז אַנטרונען געוואָרן און דאָס גיט אים אַ שאָטן פֿון צופֿרידנקייט און צייטווייליקן בטחון. „ווייל פֿאַר יענעם וואָס איז באַהאָפֿטן מיטן לעבן איז דאָ אַ בטחון". נאָר אָט איז דער מענטש געשטאָרבן — און דער חלל ווערט ליידיק. ס'איז ניטאָ וואָס ס'זאָל אָפּציען די אויפֿמערקזאַמקייט — און די מחיצה ווערט אָפּגעווישט. אַלץ ווערט פּלוצים אומפֿאַרשטענדלעך. דער פֿאַרהוילענער „איקס" שטרעקט זיך אויס אין זיין גאַנצער מוראדיקער הויך און מיר זיצן פֿאַר אים איין רגע אויף דער ערד אין דער פֿינצטערניש, פֿאַראַבלט און שטום ווי די שטיינער. אָבער בלויז אויף איין רגע, ווייל דער האַר פֿון לעבן האָט שוין מקדים געווען דאָס פֿאַרשליסן פֿאַרן עפֿענען און האָט באַלד צוגעגרייט אַ נייע „סגולה", אָפּצוציען אונזער אויפֿמערקזאַמקייט און אויסצואוועפּן אונזער שרעק. און איידער דער קבֿר איז נאָך פֿאַרשאָטן — געפֿינען מיר, אַז דער ליידיקער חלל איז שוין ווידער פֿאַרמאַכט מיט אַ וואָרט, זאָל עס זיין אַ הספּד, אַ טרייסט, אַ פֿילאָזאָפֿיע, אַ גלויבן אין השארת־הנפֿש און דאָס גלייכן. דער געפֿערלעכסטער מאָמענט — אין וואָרט ווי אין לעבן — איז אַלזאָ יענער, וואָס צווישן איין פֿאַרדעקונג און דער צווייטער, ווען דער „תוהו" בלינצלט פֿאַר די אויגן; אָבער אַזעלכע מאָמענטן זיינען זייער ווייניק אין שטראָם פֿון שפּראַך ווי אין שטראָם פֿון לעבן. און מענטשן, על־פּי־רוב, שפּרינגען אַזעלכע מאָמענטן אַריבער און שפּירן ניט. גאָט היט אויס די נאַראָנים!

פֿון אַלעם דעם אויבנגעזאָגטן וועט אַרויסקומען דער גרויסער חילוק אין שפּראַך פֿון פּראָזאַאיקער און פּאָעטן. די ערשטע שפּאַרן זיך אָן אויף דאָס שותּפֿותדיקע און דאָס אַלגעמיינע פֿון דערשיינונגען און ווערטער, אויף דאָס איינגעשטעלטע און סטאַטישע אין שפּראַך, אויפֿן אָנגענומענעם נוסח — און דעריבער גייען זיי זייער וועג מיט זיכערקייט. צו וועמען זיינען זיי געגליכן? צו יענעם, וואָס גייט איבער אַ וואַסער פֿאַרדעקט מיט אייז. דער דאָזיקער מעג און קען לחלוטין אָפּוועגדן זיין אויפֿמערקזאַמקייט פֿון צוגעדעקטן שטראָם, וואָס פֿלייצט אונטער זיינע פֿיס. די צווייטע אָבער, די פּאָעטן, די מענטשן פֿון רמז, סוד, סימבאָל, ווערן געשטויסן אַלע זייערע טעג נאָך דאָס אינדיווידועלע, נאָך יענעם איינצלנעם עפּעס, נאָך יענעם פּינטל, וואָס מאַכט דערשיינונגען — און די שפּראַך אין וועלכע זיי ווערן אויסגעדריקט — ווי פֿון איין גוס, נאָך דער שווינדנדיקער רגע, וואָס חזרט זיך מער ניט איבער, נאָך דער אייגנאַרטיקער נשמה און אינדיווידועלע אייגנשאַפֿט פֿון זאַכן, ווי זיי ווערן אין אַ געוויסן מאָמענט איינגעקריצט אין האַרצן פֿון דעם צוזעער; דעריבער זיינען די דאָזיקע געצוואונגען צו אַנטלויפֿן פֿון איינגעשטעלטן און סטאַטישן אין שפּראַך, וואָס איז להיפּך זייער ציל, צו דאָס לעבעדיקע און דינאַמישע אין איר. נאָך מער, זיי אַליין זיינען יעדע מינוט מחוייב אַריינצוגעבן אין איר — לויט די שליסלען, וואָס זיינען זיי אָנגעטרויט געוואָרן — אַן אומאויפֿהערלעכע באַוועגונג, פֿאַרשיידענע נייע קאָמבינירונגען און שפּראַכלעכע פֿיינקייטן. די ווערטער צאַפּלען זיך אונטער זייערע הענט: לעשן זיך און צינדן זיך אָן, פֿאַרגייען און לויכטן אויף ווי די שטיינער פֿון כהן־גדולס חושן, ליידיקן זיך אויס און פֿילן זיך אָן, פֿאַרלירן זייער נשמה און באַקומען אַ נייע נשמה. אין שפּראַכלעכן מאַטעריאַל קומט פֿאָר אַ בייטעניש און אַן ענדערונג. איין שטריכל, איין פּינטל — און דאָס אַלטע וואָרט צעשטראַלט זיך מיט אַ ניי ליכט, דאָס וואָכעדיקע ווערט הייליק און דאָס הייליקע ווערט וואָכעדיק, די איינגעשטעלטע ווערטער באַפֿרייען זיך פֿון זייערע איינפֿאַסונגען און בייטן זיך איינע מיט די אַנדערע מיט זייערע פּלעצער. און אין צווישן, צווישן איין פֿאַרדעקונג און דער צווייטער, בלינצלט אויף דער תּהום. און דאָ ליגט דער סוד פֿון דעם גרויסן איינפֿלוס פֿון פּאָעטישן וואָרט. פֿאַראַן אין דעם עפּעס פֿון דעם רייץ צו דערפֿילן אַחריות, פֿון דער זיסער שרעק בייצושטיין אַ נסיון. צו וועמען זיינען די דאָזיקע געגליכן? צו יענעם וואָס גייט איבערן טייך מיט דער קריהע, איבער שווימענדיקע באַוועגלעכע שטיקער אייז. ער טאָר ניט פֿאַרהאַלטן זיין פֿוס אויף איין שטיק קיין איבעריקע

רגע, ניט מער וויפל ס׳איז געננוג אַריבערצושפּרינגען פון איין קריהע אויף דער צווייטער, און אַזוי אויף דער ווייטערדיקער. צווישן די קריהעס אייז בלינצלט אויף דער תהום, דער פוס גליטשט זיך, די סכנה איז נאָענט — —

און דאָך זיינען פאַראַנען אייניקע וואָס גייען אַראָפּ אויפן אייז און קומען אַריבער אויף דעם צווייטן ברעג בשלום — ניט בלויז נאַראָנים היט גאָט אויס!

דאָס גאַר וועגן שפּראַך פון ווערטער. אָבער אַחוץ דעם איז נאָך ביי גאָט פאַראַנען שפּראַכן אָן ווערטער: געזאַנג, געוויין, געלעכטער. און צו זיי אַלע האָט דער מענטש זוכה געווען. די דאָזיקע הייבן זיך אָן פון פלאַץ, וואו ס׳ענדיקן זיך ווערטער, און זיי קומען ניט צו פאַרדעקן, נייערט, צו עפענען. זיי בלעזלען און קומען אויף פון תהום. און זיי טאַקע זיינען עס דער אויפגאַנג פון תהום. און זיי טאַקע זיינען עס דער אויפגאַנג פון תהום גופא. דעריבער טרעפט, אַז זיי פאַרשווענקען און פאַרשלעפּן אונז מיט זייערע כוואַליעס און קיינער קען זיי ניט ביישטיין. דעריבער טרעפט, אַז זיי פירן דעם מענטשן אַרונטער פון זינען, אָדער אַפילו אין גאַנצן פון דער וועלט. יעדע גייסטיקע שאַפונג, וואָס האָט ניט קיין אָפּקלאַנג פון די דאָזיקע דריי — איז איר לעבן קיין לעבן ניט, און גלייכער איז, ווען זי וואָלט קיין מאָל אויף דער וועלט ניט געקומען.

דאָס העברעאישע בוך

א

יודעי־ספר ביי אידן שטייען שוין לאַנג פאַרוואונדערט פאַר אַ טשי־קאַווער דערשיינונג: מיר פאַרמאָגן אַ ליטעראַטור, וואָס איז אַלט טויזנטער יאָרן און צענדליקער טויזנטער בענד, וואָס האָט קולט געוועזן אין זיך אומגעהויער פיל שעפערישע קרעפטן פון הונדערטער דורות און איז פאַרשיידנאַרטיק און אינהאַלטסרייך; מיר האָבן אַ נייע יונגע ליטעראַטור, וואָס איז אויך רייך מיט אויסגעצייכנטע טאַלאַנטן; מיר האָבן אויך אַ סך חשובע ליטעראַרישע ווערק געשריבן פון אידן אין פיל פרעמדע שפּראַכן — מיט איין וואָרט, מיר פאַרמאָגן און פאַרמאָגן; און פונדעסטוועגן, נאָך דער דאָזיקער גרויסער עשירות, קענען מיר כמעט ניט אָנווייזן צו אונ־זערן אַ בן־דור אַ יודע־ספר, אויף אַ קליינער צאָל פון אַזעלכע ביכער, וואָס זאָלן ווערט זיין צו ווערן ביי אים חשוב און באַליבט ביז אַ געוויסן גראַד און צו וועלכע ער זאָל זיך ווענדן צו שטילן זיין גייסטיקן הונגער.

און נאָך גרעסער איז דער וואונדער, ווען מיר ווייסן, אַז אונזער פאָלק, וואָס האָט דעם ספר טייער בטבע און האָט אין איין לערנען, האָט אין אַלע דורות און צייטן געפונען זיין גייסטיקע באַפרידיקונג יעדער איינער אין דעם געביט וואָס איז געווען ביי אים באַליבט פון זיין אוצר. אין אַלע דורות און צייטן האָט זיך אין די גאַנצע בערג פון ליטעראַ־טור געפונען אַ גרויסע צאָל ספרים פון אַ דויערנדיקן ווערט, גאַנצע און געזאַמלטע וואָס זיינען פאַר לאַנגע יאָרן געלעגן אויפן טיש פון העב־רעאישן לייענער. די דאָזיקע ספרים האָבן פאַרדינט דעם נאָמען „פאָלקס־ביכער", מיטן פולן מויל, ווייל זיי האָבן צופרידנגעשטעלט אַלע שיכטן פון פאָלק, די העכערע, ווי די נידעריקערע.

איינציקע ביכער פון אייביקן ווערט, ספרים געשאַפן פון אַ גרויסער מעכטיקער פערזענלעכקייט, זיינען אַלע מאָל ווייניק. אָבער אַפילו אַ סך ביכער, וואָס איטלעך איינציק פון זיי איז ניט פון אַזאַ באַדייטנדיקן ווערט — טרעפט אָבער, אַז אַלע אין איינעם שטעלן מיט זיך פאַר אַ חשובע ליטעראַרישע דערשיינונג, וואָס איז ווערט צו ציען אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט און באַטראַכטונג פון יעדן העברעאישן לייענער אין

אַלע צייטן. ס׳איז ניטאָ קיין איין ליטעראַרישע תקופה, אַפילו די, וואָס האָט ניט אַרויסגעשטעלט קיין גדולים, וואָס זאָל ניט לאָזן נאָך זיך עפּעס פון די „נכסי צאן ברזל" פאַר די קומענדיקע דורות. יעדע תקופה אַזאַ, ווען זי פאַרשווינדט, לאָזט הינטער זיך אומבאַדינגט אַ מין פלאַסט, אַ דינע אָדער שווערערע, וואָס ווערט ווי אַ שיכט ערד פאַר די גייסטיקע שפּראָצן פון דער קומענדיקער תקופה. די דאָזיקע פלאַסט מוז אַריבערגיין פון די טאַטעס צו די קינדער, ווי זי איז, מיט איר אויסזען און וועזן. און די קינדער אויך, אויב זיי ווילן ניט זייען אויף לופט, מוזן אַרבעטן און באַאַרבעטן די דאָזיקע ערד, זי אָקערן און בראָנעווען איין מאָל און נאָך אַמאָל ווי וויט נאָר זיי קענען; ווייל אויב ס׳איז ניטאָ קיין ערד איז ניטאָ קיין שפּראָצונג און אויב אַ ליטעראַטור האָט ניט קיין מסורה און קיין קייט פון המשך — איז ניטאָ קיין וואָקסן און אַנטוויקלונג און ניטאָ קיין באַנייאונג.

ווייל ניט נאָר איז דאָס אַ חוצפּה און אומדאַנקבאַרקייט, וואָס האָבן צו זיך קיין גלייכן ניט, נאָר אויך אַ גרויסע עם־הארצות צו מיינען, אַז אַלץ וואָס ס׳איז געשאַפן געוואָרן אין דער ליטעראַטור דורכן גאַנצן פאָלק און זיינע גייסטיקע ריזן אין משך פון טויזנטער יאָרן האָט קיין ווערט ניט פאַר אונזער צייט. אלא וואָס האָט יאָ אַ ווערט? דאָס וואָס ס׳איז געשריבן געוואָרן פון איקס און איגרעק פון יענעם יאָר אָן און אַרונטער.

טויזנטער יאָרן האָט די אידישע אומה געטראַכט און געפילט, ווי עס טראַכט און פילט יעדער בעל־לשון; אין אַלע אירע גלגולים האָט זי אויסגעדריקט איר גייסט אין וויפיל אופנים און סטילן און אין פאַרשיידנאַרטיקע משונהדיקע פאָרמען; פיל, גאָר פיל מענטשן מיט הארץ און מוח זיינען אויפגעקומען, גרויסע, מיטלמעסיקע און קליינע, וואָס האָבן געשעפּט פון פאָלקס־קוואַל און פון זיין הייליקן גייסט, און האָבן אויסגעגאָסן איבערן פאָלק זייער אייגענעם גייסט. צווישן די דאָזיקע זיינען אויך געווען גייסטיקע ריזן, וואָס האָבן מיט אַמאָל אַרויפגעשטויסן דעם וואָגן פון פאָלק אויף אַ נייעם וועג. און וויפיל גייסטיקע רעוואָלוציעס דאָס פאָלק האָט דורכגעמאַכט — רעוואָלוציעס, וואָס האָבן געלאָזן טיפע שפּורן אין זיין לעבן און ליטעראַטור — ווי שיקט זיך דאָס, אַז דאָס אַלץ איז גאָרנישט לגבי דעם וואָס ס׳איז געשאַפן געוואָרן פון איקס און איגרעק פון יענעם יאָר אָן און אַרונטער?

אויב דער נאָמען „ליטעראַטור" גייט ניט בלויז אויף אַן איינציקע פאָרמע אירע — ווי למשל די וואָס ווערט אָנגערופן די „שיינע", נאָר

אַנטהאַלט אַלע נאַציאָנאַלע געדאַנקען און געפֿילן און אַלע פֿאָרמען פֿון אויסדרוק און ליטעראַרישע געשטאַלטונג אין פֿאַרשיידענע צייטן — דאָן איז אונזער נייע ליטעראַטור צווישן די פֿריערדיקע ניט מער, ווי אַ טראָפּן אין ים. ס׳איז גענוג אָנצורופֿן די באַקאַנטע נעמען: תּנ״ך, די אַפּאָקריפֿן, די באַהאַלטענע ספֿרים, דער תּלמוד אין זיינע צוויי עיקר־געשטאַלטונגען: הלכה און די אַגדה, די פֿילאָסאָפֿיע, די קבלה, די פּאָעזיע, מוסר, דרוש, דאָס חסידות, די פֿאָלקס־ליטעראַטור — די דאָזיקע נעמען, וואָס איטלעך איינציקער פֿון זיי איז כּולל אין זיך אַ גאַנצע תּקופֿה, וואָס האָט איר באַשטימטן אויסזען, מיט איר באַזונדערן אינהאַלט און סטיל, מיט איר ספּעציפֿישער גייסטיקער לופֿט; נעמען, וואָס יעדער איינער פֿון זיי זאָגט עדות אויף אַ נייעם לייטער פֿון געפֿילן — ס׳איז גענוג, זאָג איך, אָנצורופֿן די דאָזיקע נעמען, כּדי צו וויסן, ווי גרויס די רייכקייט איז וואָס ווערט נאָך אויפֿגעהיט פֿאַר אונז אַפֿילו אין אונזערע אַלטע אוצרות.

אַז מיר זאָלן צורעכענען דערצו אויך דאָס ביסל פֿאַרמעגן, וואָס די נייע ליטעראַטור האָט אונז געבראַכט און וואָס כ׳האָב כּלל ניט בדעה זי מבטל צו זיין — האָבן מיר גרויסע חשובֿע ליטעראַרישע גיטער, וואָס מיר האָבן זיך מיט זיי כּלל ניט צו שעמען און מ׳קען שפּייזן מיט זיי גאַנצע דורות. פֿונדעסטוועגן זעען מיר, אַז מיר זיינען געקומען אַציינד צו אַן אומ־דערטרעגלעכן קריזיס. יעדער איינער פֿון אונז וואָס האָט „אָנגעשטאָפּט זיין בויך" מיט דער העברעאישער ליטעראַטור פֿון אַלע צייטן „מיטן סולת ווי מיטן פּסולת", האָט געוויס ניט איין מאָל פֿאַרזוכט דעם טעם פֿון צער, אַ מין טאַנטאַלוס־יסורים: זיין דערוואַקסענער זון, צי אַ חבר, מאָנט ביי אים אַ ספֿר, אָדער אַ גאַנג העברעאישע ספֿרים, כּדי צו לערנען און זיך באַקאָנען מיט די נאַציאָנאַלע שאַפֿונגען אין דער ערשטער כּלי, גע־קליבענע מוסטערן פֿון די מקורות גופֿא, און ער, דער געמאָנטער, שטייט פֿאַר דער לאַסט פֿון ירושה, וואָס איז אָנגעהויפֿנט פֿאַר אים אַ גאַנצער באַרג און ס׳איז אים שווער צו ענטפֿערן. בערג און בערג פֿון ספֿרים — און ניטאָ קיין ספֿר.

די נייע ליטעראַטור — אַ חוץ דעם, וואָס זי האָט נאָך ביז היינט ניט זוכה געווען סאַנקציאָנירט צו ווערן פֿון אַ חשובֿן טייל פֿון פֿאָלק אַלס וועג־וויַיזערין און דערציערין, איז נאָך אַליין, צוליב איר קליינער קוואַנ־טיטעט, נישט גענוג. זי פֿאַרמאָגט בלויז אַ קליינעם נאַש, אַ לעק, אָבער ניט גענוג אונטערצולענען ס׳האַרץ, כּדי צו קענען זעטיקן. די אַלטע ליטעראַטור? — אָבער ווער פֿון אונזער דור וועט וועלן אַריינגיין אין

דעם דאָזיקן לאַבירינט? און אַז ער וועט שוין יאָ אַריינגיין — צי וועט ער קענען געפינען דאָרטן זיינע הענט און פיס? קען מען דאָך באמת ניט ראַטן אונזערן אַ בן־דור, דעם סתם־לייענער, זיך צו גריבלען טעג און יאָרן אין די בערג פון אונזער אוראַלטער און אַלטער ליטעראַטור, כדי צו געפינען אַ שמץ פון גוטן און נאַרהאַפטן מאַטעריאַל, דעם שעפערישן טייל וואָס ס׳ליגט אין איר פאַרזונקען? אַזאַ אַרבעט איז גוט פאַר ספּע־ציאַליסטן וואָס דאָס איז זייער אַרבעט, אָבער ניט פאַרן סתם־לייענער און אַפילו פאַרן סאַמע בעסטן.

פאַראַן נאָך שאַפונגען פון אידן אין פרעמדע שפּראַכן. אָבער די דאָ־זיקע, אַפילו אַז מיר זאָלן זיי אַריינברענגען אין חשבון פון אונזער ליי־טעראַטור, אַן עניך, וואָס דאַרף על־כל־פּנים האָבן באַגרענעצונג, איז כל־זמן זיי שטייען אין אין דער פרעמד, דאַרף מען אויף זיי קוקן, ווי זיי וואָלטן לחלוטין ניט עקזיסטירט. קען מען דען גוזר זיין אויף אידן, זיי זאָלן קענען אַלע זיבעציק לשונות?

וואָס טוט מען אַלזאָ, מיט אַ אידן פון אונזער דור, וואָס וויל קענען די בעסטע מוסטערהאַפטע ליטעראַרישע שאַפונגען פון אידישן פאָלק פון אַלע צייטן? ד״ה ווי אַזוי גרייט מען צו, פון איין זייט, פאַרן מענטשלעכן געברויך דאָס קערנדיקע פון אונזער אַלטער ליטעראַטור, און פון דער צווייטער זייט, ווי אַזוי באַקומט מען די נאַציאָנאַלע הסכמה אויף אונזער נייער ליטעראַטור?

דער „אוצר־היהדות״, וואָס איז מיט איניקע יאָר צוריק אויפגעקומען אין אחד־העמס מחשבה איז ניט פון אונזער ענין. אַ ספר זיך צו באַקענען מיטן אידנטום איז איין זאַך, און זיך באַקענען מיט די ליטעראַרישע אי־דישע שאַפונגען גופא אין זייער אַריגינאַל איז אַ באַזונדערע זאַך. מיט דער גאַנצער נאַציאָנאַלער חשיבות פון „אוצר היהדות״ וועט זי קיין מאָל נישט באַפרידיקן דעם אידישן לייענער, וואָס וויל זיך באַקענען מיטן עצם פון די העברעאישע שאַפונגען ניט בלויז דורך ביכער און אָפּ־האַנדלונגען וואָס זיינען געשריבן וועגן זיי — און אַזוי דאַרף דאָך זיין דער „אוצר־היהדות״ — נאָר דווקא דורך זיי און פון זיי גופא. דער גוטער לייענער, דער דענקנדיקער, וויל און איז מחויב צו קענען די שכינה פון זיין פאָלק פּנים־אל־פּנים און ניט דורך קיין פאַרמיטלער.

די „גרויסע ביבליאָטעקן״, וואָס אַנדערע גיבן אַרויס, וועלן אונז אויך קיין הילף ניט ברענגען. די בעסטע פון זיי — זייער גאַנצער שבח באַשטייט אין דעם, וואָס זיי ברענגען אַרויס אין מאַרק סתם העברעאישע ביכער.

דערפֿאַר קומט זיי געוויס אַ „יישר־כּוח״, אָבער זיי וועלן בשום אופֿן ניט אַרויסברענגען דעם „העברעאישן ספֿר״, אַז יענעם ספֿר, וואָס אויף אים קוקן מיר אויס די אויגן. אויף אַזוינס — פֿעלט זיי דער עיקר: דער העכערער געדאַנק, דער צענטראַל־פֿונדאַמענטאַלער געדאַנק. דורך סתם אַ ביכער־פֿאַרלאַג, אַלטע און נייע, ווערט נאָך ניט פֿאַרוואָרפֿן אַ בריק צווישן אַלע פֿאַרשיידענע ליטעראַרישע תּקופֿות, און מיר פֿאַרשפּאַרן צו זאָגן, אַז פֿון זיי וועט ניט אַרויסקומען דער עכטער ליטעראַרישער אָפּקלייב, וואָס דאָס איז דער עיקר אין אונזער קעגנשטאַנד, און מעגלעך, אַז דאָס איז איבער די כּוחות פֿון אַ יחידישן געשעפֿטלעכן פֿאַרלאַג.

כּדי זיך צו ראַטעווען פֿון דעם דאָזיקן גייסטיקן דרוק איז פֿאַראַן, לויט מיין מיינונג, בלויז איין אויסוועג, און אַזאַ אויסוועג וואָס האָט ביי־שפּילן אין דער געשיכטע פֿון אונזער ליטעראַטור. איטלעך מאָל וואָס אונזער ליטעראַטור האָט זיך געפֿונען אין אַן ענלעכן מצב ווי דער היינטי־קער האָט זי געצוואונגענערהייט געזוכט זיך צו ראַטעווען אויף דעם דאָזיקן וועג, און אויף דעם וועג מוזן מיר אויך דאָס מאָל זיך לאָזן.

מיין כּוונה איז — צו דער דערשיינונג פֿון ליטעראַרישן כּינוס, וואָס איז באַקאַנט אין אונזער ליטעראַטור אונטערן נאָמען „חתימה״, אָפּשלוס.

ב

דער אָפּשלוס ווערט דריי מאָל, ווי באַקאַנט איבערגעחזרט אין אונזער ליטעראַטור: דער אָפּשלוס פֿון תּנ״ך, אָפּשלוס פֿון דער משנה, אָפּשלוס פֿון תּלמוד. יעדעס מאָל באַגלייט אים ווי אַ שאָטן נאָך אַ צווייטע דער־שיינונג: די „גניזה״. דער פּירוש פֿון די צווילינג־דערשיינונגען איז אומ־געפֿער אַזאַ: פֿון דעם אַלטן ליטעראַרישן מאַטעריאַל, וואָס איז אָנגעקליבן געוואָרן ווי אַ באַרג אויף די פּלייצעס פֿון פֿאָלק דורכן משך פֿון אַ באַ־שטימטער תּקופֿה, און ס׳איז געוואָרן אַ שווערע משא — איז אָפּגעקליבן און סיסטעמאַטיזירט געוואָרן דאָס חשובסטע און באַליבטסטע לויט דער מיינונג און געשמאַק פֿון יענעם דור. דאָס איבעריקע איז פֿון זיך אַליין געבליבן אויסנוויניק, אָדער, לויטן אַלטן אויסדרוק: „נגנז לגניזה״ (די אַפּאָקריפֿן, די ברייתות). די דאָזיקע אַרבעט וואָס איז געטאָן געוואָרן (ניט מיט אַמאָל, פֿאַרשטייט זיך) דורך אַ גרופּע חכמים, די גייסטיקע פֿאַר־טרעטער פֿון פֿאָלק — איז געווען אַ גרויסע נאַציאָנאַלע אַרבעט, אַ מלאכת־שמים. חוץ דעם, וואָס זי האָט געראַטעוועט דאָס פֿאָלק פֿון אַ גייסטיקער צעטומלעניש, און חוץ דעם וואָס זי האָט אים געגעבן די מעגלעכקייט הנאה

צו האָבן פֿון זיין גייסטיקער רייכקייט, האָט זי אָפּגעראַמט פֿאַר אים דעם וועג, דורך דער אַפּריינ׳קונג פֿון אַ גרויסער ענערגיע, דעם וועג, אַרייג־צוגיין אין אַ נייער ליטעראַרישער תּקופֿה פֿון נייעם אינהאַלט און נייע פֿאָרמען.

ווייל כּל־זמן עס ווערט ניט אָפּגעטאָן די אַרבעט פֿון אָפּקלייב אין אַלטן, איז אוממעגלעך, אַז דאָס האַרץ פֿון פֿאָלק זאָל זיין פֿולשטענדיק גרייט איינצוזאַפּן אין זיך נייע ליטעראַרישע ווערטן, ווער רעדט נאָך פֿון באַשאַפֿן ווערטן. בלויז נאָך דעם ווען דער בוים וואַרפֿט אַרונטער זיינע אַלטע פּירות הויבט ער אָן וואַקסן מיט נייע. יעדע חתימה איז אָן אָפּשלוס פֿון דער אַלטער תּקופֿה און אין דער אייגענער צייט זאָגט זי אָן דעם אָנהויב פֿון אַ נייער תּקופֿה. נאָך מער, דער פֿיינער תּמצית פֿון אַלטן, דערנאָך, ווי ער גייט דורך בשלום דורך דער נייער לופֿט און קומט דורך אַ געלייי־טערטער, ווערט אַליין אַ באָדן פֿאַר נייע געוויקסן, ער ליפֿערט זיי פֿייכט־קייט און יניקה און העלפֿט זייער אויפֿשפּראָץ און אויפֿבלי.

דער אָפּשלוס מיט דער „גניזה״ ביים זייט, איז אַלזאָ אָן אַרבעט פֿון אָפּלאָדן און אָנלאָדן מיט איין מאָל. פֿון איין זייט נעמט דאָס אַרונטער פֿון האַרץ פֿון פֿאָלק די שווערע משא פֿון מאָראַלישער אַחריות, וואָס ליגט אויף אים אַלס דער שומר־חינם פֿון טויטע ווערטן. פֿון איצט אָן איז ער ניט פֿאַרשקלאַפֿט אָן זיין רצון אָפּצוהיטן דאָס זאַמד צוליב די פּערל — פּערל, וואָס ער האָט פֿון זיי גאָר קיין הנאה ניט. די דאָזיקע פֿליכט, אויב זי פֿאַלט שווער אויף אַ פֿאָלק, וואָס זיצט רואיק אויף זיין אייגענער ערד — איז טויזנט מאָל שווערער פֿאַר אַ וואָגל־און־וואַנדער פֿאָלק, וואָס דאַרף די בערג זאַמד שלעפּן אויף זיין רוקן פֿון פּלאַץ צו פּלאַץ. פֿון איצט אָן ווערט די שמירה פֿון די טויטע ווערטן איבערגעגעבן צו די אַנטיקוואַרן און אַרכיוון — און דאָס פֿאָלק איז פֿריי. פֿון דער צווייטער זייט גיט דער אָפּשלוס איבער צום פֿאָלק אין די הענט די פּערל גופֿא, זיי זאָלן תּיכּף קענען הנאה האָבן פֿון זיי און זיינען אויך מהנה די קומענדיקע דורות...

מאַנכע האָבן מורא פֿאַרן וואָרט גניזה. זי האָט אונז גורם געווען, ווי ס׳איז אָנגענומען, אַ סך שאָדן. אַנדערע זעען אין דעם אַ מין צענזור; מ׳איז גוזר אויפֿן ציבור: „דאָס לייען און דאָס לייען ניט!״— דאָס אַלץ איז ניט מער ווי אַ פֿאַלשע מורא און דער יסוד דערפֿון איז לכתּחילה ניט קיין באַגרינדעטער. דער אָפּשלוס און גניזה ווערן ביז אַ געוויסער מאָס געמאַכט פֿון זיך אַליין, הגם ניט גאָר אין פֿולער שלימות, דורכן לעבן גופֿא. צי דען ווערן ניט אין אונזערע טעג גאַנצע טיילן פֿון אונזער ליטע־

ראַטור איבערגעגעבן אין דער „גניזה״? דאָס פֿאָלק האָט אויפֿגעהערט זיך מיט זיי צו פֿאַרנעמען — און אָט האָט איר גניזה. דעריבער דאַרפֿן מיר טראַכטן פֿון באַהאַלטן אַ גרויסן טייל פֿון אונזער אַלטער ליטעראַטור, יענע ליטעראַטור, וואָס מיט אַ דור צוריק האָט נאָך דער גרויסער רוב פֿון פֿאָלק זיך געשפּייזט מיט איר און געלעבט מיט איר. די חכמים פֿון יענעם אָפּשלוס — זייער הויפּט עובדא איז געווען בחיוב, צו ראַטעווען די נאַרהאַפּטע פּליטה, ד״ה אויפֿצוזאַמלען, אָפּקלייבן און סיסטעמאַטיזירן אַלץ דאָס בעסטע און דערהויבנסטע, דאָס נאַרהאַפּטע און גאַנצע, וואָס ס׳איז געשאַפֿן געוואָרן אין ליטעראַטור ביז זייער צייט און וואָס ס׳איז אָפּט מאָל געווען פֿאַרזונקען אין אַ סך פּסולת. זיי האָבן געהאַט בכוונה בלויז אויסצוקלויבן די קערנער, און אַפֿילו אַ באַוואוסטזיניקע גניזה, ווען זי באַ־צוועקט אָפּצוראַמען דאָס נישטיקע און פּוסטע אין ליטעראַטור, איז גוט ווי דאָס פּרונעווען איז גוט פֿאַרן בוים; דער שטאַם נעמט דורך דעם צו נייע כּוחות, ס׳קומען אים צו נייע צווייגן און שטאַרקערע וואָרצלען. ווער איר דאָך פֿרעגן, ווער איז דאָס דער בעל־מכריע, ווער איז דער אויסקלייבער און אויסוויילער? דער געשמאַק פֿון פֿאָלק, אָדער, לויטן אַלטן אויסדרוק: דער „רוח־הקודש״ פֿון אומה. קיין אַנדער קריטעריום האָבן מיר דערווייל ניט. די חכמים זיינען ניט מער ווי די גייסטיקע פֿאַרשטייער פֿון פֿאָלק, און זיי מוזן איבערגוואַלט זיך בויגן צום באַפֿעל פֿון לעבן, און אָפּט מאָל אַפֿילו אין קעגנזאַץ צו זייער אינדיווידועלער נטיה. „די חכמים האָבן געוואָלט באַהאַלטן דעם ספֿר קוהלת, יחזקאל״, אַאַז״וו געוואָלט אָבער ניט באַהאַלטן. פֿאַרוואָס? דאָס לעבן האָט ניט דערלאָזן באַהאַלטן. האָבן יענע חכמים קיין אַנדער וועג ניט געהאַט, נאָר צו דרשענען אין יענע ספֿרים און זיי אַריינבנעמען. און אַזוי זיינען אַפֿילו אין רעליגיעזן קאַנאָן אַריינגע־קומען אַזעלכע ספֿרים, וואָס זייער אינהאַלט איז דורכאויס אין היפּוך צו די געדאַנקען און דעות פֿון די בעלי־הקאַנאָן פֿון יענער צייט. אויב מ׳קאָן יאָ האָבן טענות וועגן פֿאַרלוסטן פֿון דער אַלטער ליטעראַטור צוליב דער גניזה — דאַן לאָמיר האָבן טענות אויף יענעם גאַנצן דור, אויף זיינע אָנשויאונגען און זיין געשמאַק. נאָר אַזאַ מין „געשריי אויפֿן עבר״ איז, ווי באַוואוסט, אַן אומזיסטיקער געשריי. און פֿאַר תּיקונים און אויסבעסע־רונגען איז די טיר קיין מאָל ניט פֿאַרשלאָסן. ס׳וועט זיך ענדערן דער דור, און ער וועט ענדערן און אויסבעסערן דעם „קאַנאָן״. האָבן דאָך די בעלי־התּלמוד צוריק אַריינגעבראַכט אין זייער בית־מדרש די מערסטע „ברייתות״ וואָס רבי האָט אויסגעשלאָסן. און איך בין זיכער, אַז ווען יענער

דור וואָלט באַגריפֿן דעם נאַציאָנאַלן ליטעראַרישן ווערט פֿון די בעסערע אַפּאָקריפֿן און די פסעוודאָעפּיגראַפֿיעס וואָלטן די חכמים ווידער געדרשנט די דאָזיקע ספֿרים אויך, און אין דעם באַנד פֿון תנ"ך וואָלט צוגעקומען נאָך אַ פֿערטער חלק.

אונזערע אַפּטרופּסים פֿון פֿרייהייט קענען זיך אַלזאָ טרייסטן. די פֿרייהייט, ד"ה די פֿרייהייט פֿון ווילן, פֿרייהייט פֿון בחירה, פֿרייהייט פֿון געדאַנק און שאַפֿונג וועט חלילה ניט ליידן פֿון אַן אַפּשלוס. יעדע אויפֿלעבונג, רענעסאַנס בלעז, איז אין תוך געגומען ניט מער ווי איבערחזרונג פֿון פֿריערדיקן, נאָר אויף אַ נייעם און פֿאַרקירצטן דרך. ד"ה אַ פֿלינקער נייער אומדריי פֿון אַלטן ראָד. און אַפֿילו אַן „איבערקערעניש", אַזוי לאַנג ווי זי ווערט געמאַכט אין נאַציאָנאַלן תחום און אין זיין לופֿט — הויבט זיך אָן פֿון דאַנען, פֿון בראשית. אויספּרונעווען די פֿלאַנצן, מיינט נאָך ניט אויסרייסן מיטן וואָרצל, אַ גזירה פֿון פֿאַרניכטונג אויף אַלצדינג. אַדרבה, מ'לאָזט איבער אַ גרויסן טייל פֿון שטאַם, אַמאָל, אום אויפֿצובליען פֿון דאָס ניי און אַמאָל אַריינצופֿלאַנצן אין אים נייע צווייגן, און דאָס דאָזיקע „איבערבלייבעכץ" פֿון שטאַם איז דער רוקנביין פֿון די דורות. אַפֿילו די גרויזאַמסטע איבערקערעניש קערט בלויז איבער די שיסל מיטן פּנים אַראָפּ, אָבער די שיסל גופֿא צעברעכט זי ניט; ווייל אויב ניט, וועט זי ניט האָבן אין וואָס צו דערלאַנגען איר ניי געקעכץ. די ערשטע שיסל, איז ווי די ערשטע אַפּצווענגעס, געגעבן פֿון הימל און קיין מענטשנס האַנט האָט אויף איר קיין שליטה ניט. נאָך מער: אַפֿילו שאַפֿונגען פֿון דער איבערקערעניש גופֿא וועלן שפּעטער ווערן ריינגען אין דער קייט פֿון „חתימה". יעדער אַפּשלוס אין זיין צייט איז ניט קיין קאַפּריז פֿון אַ מושל־יחידי, וואָס נעמט די ממשלה מיט זיינע הענט, נאָר ער קומט פֿון אַ היסטאָרישן מוז. זיין געבוירער איז דער פֿאַרלאַנג נאָך באַנייאונג, דאָס שטרעבן פּטור צו ווערן פֿון „צופֿיל געשריבנס", אָדער ווי די חכמים רופֿן דאָס אָן „מקרא מרובה והלכה מועטת"; "מקרא" — דאָס איז דאָס געשריבנס און „הלכה" — דער ממשותדיקער אינהאַלט, וואָס האָט אַ פֿאַרבינדונג מיטן לעבן. זאָל דעריבער דער אַפּשלוס וואָס דאָ ווערט פֿאָרגעלייגט ניט באַטראַכט ווערן ווי אַ קינדערשע אימיטאַציע צו די מעשים פֿון די אַמאָליקע. אויב מיר ווילן אומקערן צו אונזער ליטעראַטור עפּעס פֿון איר נאַרהאַפֿטן כּוח און איינפֿלוס אויפֿן פֿאָלק דאַרפֿן מיר, צווישן די אַנדערע תקנות אויפֿן געביט פֿון ליטעראַטור און דערציאונג, מתקן זיין אויך דאָס: מאַכן אַ נייעם כּינוס.

אַ נאַציאָנאַלן, פֿאַרשטייט זיך, ניט קיין רעליגיעזן, פֿון דאָס בעסטע פֿון דער העברעאישער ליטעראַטור פֿון אַלע צייטן.

פֿון אַלע געביטן פֿון אונזער ליטעראַטור, פֿון יעדן ווינקל און באַ־העלטעניש, וואו ס׳באַהאַלט זיך עפּעס פֿון פֿאָלקס „רוח־הקודש", עפּעס אַ שאַפֿונגס־קראַפֿט פֿון זיינע בעסטע יחידים — פֿון זיי אַלע דאַרפֿן מיר אַרויסציען און אויפֿברענגען די פֿאַרלוירענע און פֿאַרשטויסענע פֿונקען, זיי צונויפֿנעמען אין איינעם, אַז זיי זאָלן ווערן איין גאַנצע זאַך אין די הענט פֿון דער אומה.

מיר טאָרן, פֿאַרשטייט זיך, ניט ווערן פֿאַרשקלאַפֿט אין יעדער הינ־זיכט צו די דרכים פֿון כּינוס פֿון די אַמאָליקע. פֿאַרקערט, אין דער דאָזיקער הינזיכט וועלן מיר זיין פֿולשטענדיק פֿרייע מענטשן. די אַמאָליקע האָבן געטריי געטאָן זייער אַרבעט אויף זייער דרך, לויט דעם פֿאַרשטאַנד און געשמאַק, וואָס האָבן געהערשט אין זייער צייט און לויט די גייסטיקע באַדערפֿענישן פֿון זייערע צייט־אָפּשניטן. אין אונזער צייט האָבן די באַ־דערפֿענישן און די הערצער זיך געענדערט און מיט זיי צוזאַמען — אויך אַ סך פֿון די ליטעראַרישע ווערטן. אָבער די באַציאונג צו דער דאָזיקער אַרבעט מוז זיין איינע און די זעלבע פֿאַר אַלע צייטן: אַ באַציאונג צו באַגרייפֿן די גאַנצע גרויסע אַחריות, וואָס דאָס פֿאָלק לייגט אַרויף אויף די וואָס קומען זיך פֿאַרנעמען מיט אירע הייליקסטע הייליקטימער. איך וואָלט געזאָגט, אַ באַציאונג פֿון קדושה.

איך וויים, דאָס בוך און די ליטעראַטור זיינען אין אונזערע טעג גע־וואָרן וואָכעדיק. אין די אויגן פֿון אַ סך מענטשן זיינען זיי ניט מער, ווי אַ שטיקל אַנדער סחורה. אָבער אמתע שאַפֿונג לאָכט זיך אויס פֿון מאַרק מיט זיין טומל. איר לעבן — איז דאָס אייביקע לעבן און איר קדושה גייט איבער פֿון דור צו דור. סוף־כּל־סוף, צי מיטן גוטן ווילן, צי איבער־גוואַלט, נעמען מענטשן אויף זיך איר עול־מלכות און עפֿענען זייערע הערצער פֿאַר איר השפּעה.

זאָל נאָר דאָס פֿאָלק דערשפּירן, אַז עס האָט איין פּלאַץ אויף דער וועלט, וואָס איז אין גאַנצן ריינקייט און איז אַ מקום־מקלט פֿאַר זייער געפֿיל דורך אַלע דורות; זאָל נאָר דאָס פֿאָלק וויסן און באַגרייפֿן, אַז די דאָזיקע אַרבעט, וואָס ווערט געטאָן לשמו ולשמה אַנטהאַלט ניט אין זיך גאָרנישט פֿון וואָכעדיקייט און פֿון צווייִדייטיקע פּניות, אַז דאָס איז די הצלה פֿון זיין גייסט און זיין אייביקייט׳ס לעבן — און איר וועט זען,

אויב עס וועט ניט אָנערקענען זייער אַרבעט און אויב עס וועט אייך ניט בענטשן.

איך פֿאַרשפּאַר צו זאָגן, אַז דער נאָמען „אַפּשלוס", וואָס ווערט דאָ געבראַכט, איז ניט פּשוטו כּמשמעו. כ'האָב זיך מיט אים באַניצט ווי מיט אַ פֿאָרמול — שטעלט אַוועק אויף זיין פּלאַץ דאָס וואָרט „כּינוס" אָדער אַן אַנדער מין וואָרט פֿון אייגענעם באַדייט. און געוויס מיינט עס ניט צו זאָגן, אַז „זאַמלונג" קומט צו פֿאַרמינדערן אונזער היינטיקע שאַפֿונג, אָדער אָפּצוהאַלטן איר גאַנג מיט וויפֿיל ניט איז. „כּינוס" קומט צו פֿאַרמערן און ניט צו פֿאַרמינדערן. „ווען דער דבור איז אַרויסגעקומען" זאָגט די אַגדה — „איז די גאַנצע וועלט געשטאַנען און געשוויגן". ווען דער דבור איז אַרויסגעקומען איז אפֿשר אַזוי געווען, אָבער אין צייט פֿון „כּינוס", איז ניט די וועלט שטייט און זי שווייגט, נאָר זי גייט איר טאָג־טעגלעכן גאַנג. דער גלגל פֿון יצירה שטעלט זיך ניט אָפּ. זיין פֿאָדעם ווערט געשפּונען איבער אַלע תּחומען און ווערט פֿון זיך אַליין באַהאַפֿטן אין געוועב פֿון אַלע דורות. נאָך מער: אין דער אַרבעט גופֿא פֿון די זאַמלער דערקענען מיר דעם חותם פֿון זייער דור. דער גייסט פֿון יענעם דור וועט פֿאַרשלונגען ווערן און בלייבן אין דער פּרוכט פֿון זייער אַרבעט, צווישן די פּרקים און צווישן די שורות. דער עיקר אין אַזאַ מין אַרבעט איז די גייסטיקייט וואָס באַוועגט דאָס האַרץ. אַחוץ די ממשותדיקע הוספֿות פֿון אונזער דור אין נייע פֿאָרמען פֿון איינלייטונגען צו אַלטע שאַפֿונגען, און דאָס גלייכן, וועט אויך דער דאָזיקער פֿאַרהוילענער גייסט זיין ווי אַ נייע הוספֿה צו די פֿריערדיקע, אַן אומבאַוואוסטזיניקע הוספֿה, גאָר אַן דער כּוונה עפּעס צוצוגעבן. אַלץ איז אָפּהענגיק אַן דעם אויסוואַל פֿון מאַטעריאַל און דער עיקר — אַן זיינע קאָמבינירונגען. נייע קאָמבינאַציעס פֿון אַלטע זאַכן קענען אויפֿבויען און חרוב מאַכן וועלטן, רייסן אויס צענטערס פֿון זייער פּלאַץ און פֿאַרפּלאַנצן זיי אין אַן אַנדער פּלאַץ. דער גאַנצער אַלטער מאַטעריאַל, נאָך דעם ווי ער וועט אַרויסגעריסן ווערן פֿון זיין תּחום און דורכגיין דורכן פֿילטערער פֿון נייעם געשמאַק און דעם נייעם גייסט פֿון אונזער צייט — וועט ממילא באַלויכטן ווערן פֿון אינעווייניק און פֿון דרויסן מיט אַ ניי ליכט, אויך אונזער גייסטיקע באַציאונג צו אים וועט לגמרי זיין אַן אַנדערע ווי די פֿון די פֿריערדיקע דורות. עס וועט ווערן אין גאַנצן אַ ניי באַשעפֿעניש.

אַט דער „סדור" אָדער „כּינוס" — אָדער גיט עס אַ נאָמען ווי איר ווילט אַליין — וואָס וועט געמאַכט ווערן פֿון אַ קאָלעגיום פֿון די חכמים

פֿון דור און זײַנע געקליבענע שריפֿטשטעלער, דאַרף אַרײַנגעמען אין זיך, ווי געזאָגט, די בעסטע ליטעראַרישע שאַפֿונגען פֿון אַלע דורות, פֿון „בראשית״ ביז היינט. און אַזוי ווי דער גאַנצער מאַטעריאַל וועט זײַן צו־נויפֿגעקליבן און צוזאַמענגעשטעלט לכתּחילה מיט אַ באַשטימטן פּראָגראַם לויט אַ פֿונדאַמענטאַלע שיטה און אידעע און מיט אַ גרויסע נאַציאָנאַלע כּוונה — ממילא וועט אַ העכערער גייסט באַזעלן די גאַנצע אַרבעט און אירע רעזולטאַטן פֿון אָנהויב ביז סוף. דער טאָל צווישן דער אַלטער און נייער ליטעראַטור וועט פֿון זיך אַליין פֿאַרשאָטן ווערן, און מיר וועלן האָבן איין העברעאישע ליטעראַטור. אין פּרטים וועט זי זיך טיילן אויף פֿאַר־שיידענע תּקופֿות, מדרגות, שאַטירונגען — אאַז״וו. אָבער אין עיקר וועט זי אין גאַנצן זײַן איינס און איר נאַציאָנאַלע קדושה איינס און דער נאָמען אירער וועט זײַן איינער: די העברעאישע ליטעראַטור.

אין דעם ביכער־שראַנק פֿון דעם אידן דעם יודע־ספֿר, וועלן זיך גע־פֿינען פֿיל ספֿרים, אַ נייער ש״ס, וואָס וועלן אויפֿהאַלטן אין זיך דעם גע־קליבענעם קווינט־עסענץ פֿון דעם אידישן דענקען און פֿילן פֿון אַלע דורות, און ער וועט קענען צו יעדער צייט שטילן זײַן גייסטיקן דורשט און דעם דורשט פֿון זײַנע קינדער.

דאָס העברעאישע בוך וועט צוריקקומען צו זײַן פֿריערדיקן כּבוד — צו ווערן אַ פֿולשטענדיקע נויטיקייט און אַ צירונג פֿאַרן גאַנצן אי־דישן פֿאָלק. דאָס אידישע האַרץ וועט זיך באַהעפֿטן צו זײַן מקור און דער בונד צווישן דעם העברעאישן געדאַנק און ליטעראַטור וועט באַנײַט ווערן.

און ווער ווייסט, אפֿשר וועלן צוריקקומען די ווייטע און דערווייטערטע און זיי וועלן זוכן שטעגן צו דער ברונעם פֿון וועלכער זיי און זייערע על־טערן האָבן פֿון איר געטרונקען. זאָלן זיי ניט געפֿינען די ברונעם פֿאַר־שטאָפּט מיט זאַמד און שטיינער.

ג

— אַ דעטאַליזירט פּראָגראַם?

נאָר איידער מיר וועלן צוקומען צו דעם מוז מען פֿריער קלאָר מאַכן נאָך איין גרויסן פּונקט: די שפּראַכן־פֿראַגע, וואָס איז אין דער אמת אויך אַ מאַטעריאַל־פֿראַגע פֿון דעם צוקונפֿטיקן „כּינוס״.

די רעזולטאַטן פֿון דער זאַמלונגס־אַרבעט דאַרפֿן, ווי מיר האָבן דער־קלערט אויבן, געבן דעם אידישן פֿאָלק אַ פֿולשטענדיק בילד פֿון זײַן לי־

טעראַרישן שאַפֿן מיט אַלע זיינע אויפֿשטייגן און ירידות, מיט אַלע ניי־גונגען און אַפּנויגן, אַז דאָס פֿאָלק זאָל דורך זיי באַגרייפֿן די מסורה פֿון זיין ליטעראַטור און אירע טענדענצן. אָבער דער דאָזיקער שאַפֿונגס־כּוח האָט זיך דאָך אַנטפּלעקט, און אין אַ בולטער געשטאַלט, ניט בלויז אין העברעאיש, נאָר אויך אין אַנדערע שפּראַכן. ווערט אַלזאָ דען ניט פֿאַר־קלענערט און געפֿעלשט ווערן דאָס געשטאַלט, אויב מיר וועלן זיי אַרויס־נעמען פֿון כּלל? וועלן דען צוליב דעם ניט פֿעלן אַ סך רינגען אין קייט? אויב איר וועט זאָגן: אויסשליסן — וועט איר אפֿשר מסכּים זיין אַרויס־צונעמען די אַראַמעאישע טיילן פֿון תּנ״ך און תּלמוד און פֿון דער קבלה־ליטעראַטור? אפֿשר וועט איר גוזר זיין אַרויסצוטרייבן די איבערזעצונגען, ווי די אַפּאָקריפֿן, מורה־נבֿוכים, כּוזרי, חובֿות־הלבבֿות? ווייל מ׳קאָן דאָך ניט מאַכן קיין אונטערשייד צווישן שפּראַך און שפּראַך, צווישן אַן אַלטער איבערזעצונג און אַ נייער. וועט איר באַשליסן אַריינצונעמען — וואו איז די גרענעץ? וואָס זאָל מען יאָ אַריינצונעמען און וואָס ניט אַריינצונעמען?

כּדי צו ענטפֿערן אויף דער דאָזיקער פֿראַגע דאַרף מען צוערשט אַנאַ־ליזירן די פֿאַרשיידענע מינים פֿון דער נאַציאָנאַלער שאַפֿונג אויף אַ פֿרעמ־דער שפּראַך, וואָס ליגט ווי אַ משא אויף די פּלייצעס פֿון אונזער בידנער ליטעראַטור. מיר געפֿינען אין איר די דאָזיקע זיבן קאַטעגאָריעס:

א. זאַכן וואָס זיינען לכתּחילה געשריבן געוואָרן אין העברעאיש, נאָר צוליב געוויסע היסטאָרישע סיבות איז דער אָריגינאַל פֿאַרלוירן געגאַנ־גען און ביי אונדז זיינען געבליבן בלויז איבערזעצונגען פֿון זיי (די מערסטע פֿון די ספֿרים חיצונים, און די באַהאַלטענע ספֿרים).

ב. ספֿרים וואָס זיינען געשריבן געוואָרן אין אַ פֿרעמדער שפּראַך, ווי אַ „געבאָט פֿון דער מינוט״, ווי אַ מין אויסנאַם, סיי אַלס נויטווענדי־קייט און סיי צוליב אַנדערע היסטאָרישע טעמים, נאָר די מחבּרים פֿון די דאָזיקע ספֿרים האָבן זייערע מערסטע זאַכן געשריבן אין העברעאיש, על־כּל־פּנים, זיי האָבן באַטראַכט העברעאיש ווי דעם איינציקן אוצר פֿון נאַציאָנאַלן געדאַנק און געפֿיל (רבֿ סעדיה גאון, ר׳ יהודה הלוי, דער רמב״ם און אַנדערע), די מערסטע פֿון די דאָזיקע ספֿרים האָבן זייערע אַלטע איבערזעצונגען.

ג. שאַפֿונגען פֿון אידן אין פֿרעמדע שפּראַכן, צוליב דעם, וואָס זיי־ערע שאַפֿער האָבן קיין העברעאיש ניט געקענט, אָדער האָבן ניט געקענט די שפּראַך גענוג כּדי צו שאַפֿן אין איר אַ ווערק — וואָס האָבן אָבער

באַוואוסטזיניק אָדער אומבאַוואוסטזיניק, און אפשר געצוואונגענערהייט, געשאַפֿן אין גייסט פֿון זייער פֿאָלק. אַזעלכע זיינען פֿאַראַן אַ סך אין גריכיש פֿון דער אַלעקסאַנדריניִשער עפּאָכע און דער שפּעטערדיקער צייט, אין אַראַביש און שפּאַניש — אין מיטלאַלטער, און כמעט אין אַלע קולטורעלע שפּראַכן אין די לעצטע יאָרהונדערטער ביז אונזער צייט.

ד. די יענע ספרים, וועמעס מחברים האָבן געקענט העברעאיש, נאָר צוליב פֿאַרשיידענע סיבות, אינערלעכע און אויסערלעכע, האָבן זיי זי פֿאַרלייקנט און זי פֿאַרביטן בכוונה, לויט אַ סיסטעם, אין דער לאַנדשפּראַך. אַזעלכע זיינען געווען גאָר פֿיל צווישן די אָבות פֿון „חכמת־ישראל” אין מערב־איראָפּע.

ה. פֿאָלקס־שאַפֿונגען און שאַפֿונגען פֿון פֿאָלקס־שרייבער אין די פֿאַרשיידענע זשאַרגאָנען וועלכע אידן אין באַזונדערע לענדער האָבן גערעדט.

ו. פֿרעמדשפּראַכיקע שאַפֿונגען פֿון אידן וואָס טראָגן אַן אַלגעמיין מענטשלעכן אינהאַלט; און צום סוף:

ז. די אַראַמעאישע טיילן אין אונדזער ליטעראַטור.

איך נעם דערווייל אַרויס פֿון כּלל די זעקסטע קאַטעגאָריע, ווייל לויט מיין מיינונג האָט זי נאָך ניט קיין פּלאַץ אין אַ נאַציאָנאַלער זאַמלונג; און ניט דערפֿאַר ווייל זי האָט וויניק נאַציאָנאַלע חשיבות, פּונקט פֿאַרקערט, ווייל דאָס פֿאַרדינט אַ ספּעציעלע אויפֿמערקזאַמקייט, וואָס ס׳איז ווערט צו שטודירן. און איך שטעל אַוועק אין אַ באַזונדערן ווינקל, אין אַ בכבודיק ווינקל, די זיבעטע, די אַראַמעאישע טיילן פֿון אונזער ליטעראַטור, צוליב דעם גרויסן זכות וואָס אַראַמעאיש פֿאַרמאָגט. אין איינער אַ צייט, האָט זי זיך באַהאַפֿטן אַן איר שוועסטער העברעאיש און איז איר געוואָרן אַ טרייע באַגלייטערין דורך דער גאַנצער צייט פֿון איר וואַנדער. אַ מין שטילער בונד, אַן אייביקער בונד, איז געשלאָסן געוואָרן צווישן די דאָזיקע צוויי אַלמנות און פֿאַראַן אין זייער באַהעפֿטונג עפּעס אַזוינס וואָס רירט אונזער האַרץ און נשמה, וואָס עס איז פֿאַראַן אין רות פֿון מואב, וואָס גייט נאָך איר שוויגער נעמי פֿון אפֿרת, זי האָט געציטערט איבערן כּבוד פֿון איר עלטערער שוועסטער, דער פּרינצעסין, און איז געגאַנגען אין פֿעלד צו קלייבן זאַנגען און אין מאַרק אַריין האַנדלען: דאָס וואָכעדיקע לשון פֿון אידן דורך אַ משך פֿון טויזנט יאָר און מער, איז דאָך געווען אַראַמעאיש. ווי אַ גוטע און געטרייע אַם האָט זי בייגעשטייערט אירע לעצטע פּרוטות

פֿון איר אָרעמען פּעקל. דערמאָנט זיך אָן דער דערלייכטערונג, וואָס העב־רעאיש האָט באַקומען דורך דער אַראַמעאישער השפּעה אין די צייטן פֿון משנה און תּלמוד. און אויך אין דער נאַכט האָט איר האָרץ ניט געררוט און איר ליכט איז ניט פֿאַרלאָשן געוואָרן: דער קלאַסישער ספֿר פֿון דער קבלה, די נאַקטוראַלע זעאונג פֿון אידישן פֿאָלק, איז געשאַפֿן געוואָרן אין איר שפּראַך און אין איר גייסט. דער וואונדער איז, וואָס אין דער צייט פֿון „זהר" איז שוין אַראַמעאיש געווען אין גאַנצן טויט אין מויל פֿון אידישן פֿאָלק. און אפֿשר, דווקא דערפֿאַר, איז זי געווען צוגע־פּאַסט פֿאַר מיסטעריע, ווי דאָס בלאַסע ליכט פֿון דער טויטער לבֿנה פֿאַרן סאָמנאַבוליסט. און זאָל איר אויך ביישטיין דער דאָזיקער זכות: זי האָט קיין מאָל ניט, אַפֿילו ווען זי האָט נאָך געלעבט אין מויל פֿון אידישן פֿאָלק, ניט געזוכט פֿאַר זיך די גדולה, צו פֿאַרנעמען דאָס פּלאַץ פֿון איר האָ־רינטע. ניט אומזיסט האָט דאָס אידישע פֿאָלק איר אָפּגעצאָלט מיט געטריי־שאַפֿט, און ביז צום היינטיקן טאָג, ווען ס'לייענט שבת זיין באַליבט און הייליק בוך, דעם חומש, צוויי מאָל פּסוק און איין מאָל תּרגום, פֿאַרטייטשט עס דאָס ניט אין אַ שפּראַך וואָס איז אים נאָענט און פֿאַרשטענדלעך, נאָר דווקא אין אַראַמעאיש.

דעם סוף פֿון דער דאָזיקער דערשיינונג, פֿון זיווּג צווישן העברעאיש און אַראַמעאיש, קען מען שוין פֿאַראויסזען. זייער שותּפֿותדיקער שטאַם און לעבן האָט שוין צוגעגרייט דעם באָדן פֿאַר זייער אַבסאָלוטער צונויפֿ־שמעלצונג. דאָס פּשטות, עקזאַקטקייט און צמצום און נאָך אַ סך זאַכן האָט העברעאיש איבערגענומען פֿון אַראַמעאיש נאָך אין די ערשטע טעג פֿון זייער ערשטער דערנענטערונג, אין דער צייט פֿון משנה, און פֿון דעמאָלט ביז היינט, האָלט העברעאיש אָן אויסצופֿילן אירע פּגימות מיט דער אויס־געגראָבענער ערד פֿון אַראַמעאיש. ניטאָ קיין בעסערער רעזערוואואַר פֿון וועלכן העברעאיש קען שעפּן, ווי אָט דער, דער אַראַמעאישער. איך בין זיכער, ס'וועט קומען אַ טאָג, ווען מיר וועלן זיין עדות פֿון אַ מערקוויר־דיקער שפּראַכלעכער דערשיינונג: אָן אַבסאָלוטע אַסימילירונג פֿון אַ טאָ־פּלט טויטער שפּראַך אין אַ האַלב־טויטער שפּראַך, וואָס דערוואַכט צום לעבן.

זיינען געבליבן, הייסט עס, די פֿינף פֿריערדיקע קאַטעגאָריעס, וואָס האָבן אַלע אין צד־השווה, און דאָס איז, וואָס זיי זיינען אַלע שווער פֿאַר אונזער גייסט און פֿאַר דער העברעאישער ליטעראַטור. די פֿרעמדע שפּראַכן, דערמיט וואָס זיי האָבן אָפּגעצויגן אַ גרויסן חלק פֿון אונזער שעפֿערישער

ענערגיע — האָבן גורם געווען אָפּצוצערן און אָפּצושוואַכן די העברעאישע שפּראַך. אויב דער סוד פֿון געניוס איז אויך דער סוד פֿון צמצום און קאָנ־צענטרירונג — טאָ וואָס פֿאַרא צמצום און קאָנצענטרירונג קען געמאָלט זיין ביי אַ פֿאָלק, וואָס צעוואָרפֿט זיינע כּוחות אין יעדער אַנדער צופֿעלי־קער שפּראַך? ניט ווי אַ נאַטירלעכן פֿעסטגעשטעלטן אָרגאַניזם, נאָר ווי אַ בגד וואָס לאָזט זיך אומבייטן, — אַ מין ציטווייליקע דירה פֿאַרן רוח־הקודש. מ׳קען, פֿאַרשטייט זיך, ניט האָבן קיין טענות צו די שאַפֿונגען פֿון קאַטעגאָריע א׳, וואָס זיינען געקומען צו אונז אין אַ פֿרעמדן מלבוש צוליב דעם צוואַנג פֿון היסטאָרישן אימפּעראַטיוו. מיר קענען אויך ניט באַשול־דיקן די מענטשן פֿון קאַטעגאָריע ג׳, די שפּראַכלעכע אנוסים, וואָס האָבן זיך געראַנגלט מיט זייערע געבורטס־ווייען, פֿאַראיינזאַמט און פֿאַרעלנדט פֿון זייער וועלט און געזונגען דאָס ליד פֿון גאָט אין אַ פֿרעמדער שפּראַך. און געוויס קענען מיר געפֿינען אַ זכות אויף די מענטשן פֿון קאַטעגאָריע ב׳, וואָס האָבן בשום אופֿן ניט געהאַט בכוונה, צו פֿאַרקלענערן דאָס גע־שטאַלט פֿון דער העברעאישער שפּראַך און צו באַקעמפֿן אירע רעכט, אָבער וואָס פֿאַר אַ זכות קען מען געפֿינען אויף די מענטשן פֿון קאַטעגאָריע ד׳, די פֿאַרלייקענער פֿון דער שפּראַך? די דאָזיקע מענטשן, אַפֿילו יענע וואָס האָבן געהאַט די בעסטע כּוונות, האָבן געגעבן דעם אידישן גייסט אַ קלאַפּ פֿון וועלכן ער וועט קיינמאָל זיך ניט אויסהיילן. זיי, זיי זיינען די ערשטע „משומדים פֿון גייסט". די איין און איינציקע אידישע נשמה איז צעשפּלי־טערט געוואָרן אויף עטלעכע שטיקער און דער פֿאָדים, וואָס האָט אַלעמען פֿאַרבונדן איז צעריסן געוואָרן. זייערע גרויסע באַמיאונגען צו ווייזן די פֿעלקער און די האַרץ, וואָס זיי האָבן באַוויזן, האָבן אַרויסגעבראַכט אַזעל־כע רעזולטאַטן, וואָס זיי האָבן אַליין זיך קיין מאָל גאָר ניט פֿאָרגעשטעלט. די העברעאישע ליטעראַטור, ס׳הייסט דער אָביעקט גופֿא פֿון זייער השתּדלות, איז דערווייל נידעריק געזונקען, און די „ווייזער" האָבן ניט באַ־גריפֿן, אַז נאָך אַביסל — און זיי וועלן מער ניט האָבן אויף וואָס צו ווייזן. פֿאַראַן אַזעלכע, וואָס ווילן דערפֿאַר אַרויפֿצווינגען אויף אידן די גזירה פֿון זשאַרגאָן, (קאַטעגאָריע ה׳) אין דער האָפֿענונג צו געפֿינען דורך דעם אַ פֿולשטענדיקע מנוחה און אַן אייביקע וואוינונג פֿאַרן אידישן וואַנדער־גייסט. ווי אַן אַנטשיידנדער ענטפֿער קען מען זיי אָנווייזן אויף אַראַמעאיש גופֿא, פֿון וועלכער מיר האָבן גערעדט אויבן. דער כּוח פֿון אַראַמעאיש און איר הערשאַפֿט איבער דער נשמה פֿון אידישן פֿאָלק זיינען געווען הונדערט מאָל שטאַרקער פֿון אַלע אידישע זשאַרגאָנען צונויפֿגענומען. אַלע אידן פֿון

ביידע געבורטס־לענדער פֿון זייער אָריגינעלער קולטור, ארץ־ישראל און בבל, האָבן גערעדט און געשאַפֿן אין אַראַמעאיש דורך אַ משך פֿון איבער טויזנט יאָר; פֿיל ליטעראַרישע חלקים, קוואַליטאַטיוו און קוואַנטיטאַטיוו, זיינען אַריין אין דעם לשון, אין דעם רעליגיעזן און נאַציאָנאַלן „קאַנאָן"; דאָ איז אויך פֿאַראַן די אייניקייט פֿון שטאַם און געבורט; פֿאַראַן אויך וועלטלעכע פֿאַפֿירן און תּפֿילות, געשריבן און געזאָגט ביז היינטיקן טאָג אין אַראַמעאיש — און פֿונדעסטוועגן, וואו געפֿינט זיך די דאָזיקע שפּראַך? זי לעבט איצט בלויז אין „יקום פּורקן" און אויך אין „קדיש". איר קבר האָט זי געפֿונען אין אָרגאַניזם פֿון דער העברעאישער שפּראַך.

איז, הייסט עס, קיין רפֿואה ניטאָ פֿאַר דער דאָזיקער היסטאָרישער מכּה פֿון פֿילשפּראַכיקייט ביי אידן?

קיין פֿולשטענדיקע רפֿואה איז טאַקע ניטאָ, אָבער אַ שטיקל רפֿואה איז יאָ דאָ. דאָס בעסטע און דאָס שענסטע פֿון אידישן שאַפֿן אויף פֿרעמדע שפּראַכן — מוז אויסגעלייזט ווערן! ס'איז קיין ספֿק ניט, אַז דאָס אויסרייסן פֿון העברעאישער צונג פֿון מויל איז איינס פֿון אונזערע נאַציאָנאַלע גרויסע פֿאַרברעכנס, און אויב ס'איז דאָ דערצו אַ שטיקל רפֿואה — איז דאָס ניט מער ווי אַ „גלגול". אַלע שאַפֿונגען פֿון געדאַנק און געפֿיל ביי אידן, פֿון פֿאַרגאַנגענהייט און געגנוואַרט, מוזן „מגולגל" ווערן און קומען צו אַ צווייט לעבן אין אַ העברעאישן לבוש. מיר מוזן נאָך אַמאָל באַהעפֿטן אונזער גייסט — און דוקא אין העברעאיש, מיט די גייסטער פֿון די אַלע גרויסע דענקער און טרוימער, וואָס זייער פֿרעמדע שאַפֿונגס־שפּראַך איז געשטאַנען ווי אַ מחיצה צווישן זיי און זייער פֿאָלק ביי זייער לעבן און אויך נאָך זייער טויט. ס'וועט זיין אין דעם עפּעס פֿון „איינשטעלן דאָס גלייכגעוויכט" — מידה כּנגד מידה — דאָס וועט זיין דאָס אָפּקומען פֿאַר זייער זינד און אויך זייער תּיקון. זיינען דאָך פֿאַראַן ביי אונז אַזעלכע, וואָס מיען זיך אויפֿצולעבן די העברעאישע שפּראַך אין ריידן, אָבער, מיר דוכט, אַז פֿריער דאַרפֿן מיר פֿאַראידישן אַ גרויסן טייל פֿון דער ירושה פֿון עבר און פֿון די היינטיקע שאַפֿונגען: ניט בלויז צו מאַכן ריידן העברעאיש די ליפּן פֿון די לעבעדיקע, נאָר אויך די ליפּן פֿון די טויטע און די וואָס זיינען ביי אונז געגליכן צו טויטע, אַ גרויסע ברייטע נעץ וועלן מיר אויסשפּרייטן אויפֿן גאַנצן ים פֿון דער מענטשלעכער קולטור און אַרויסציען פֿון דאָרטן אַלע פֿונקען פֿון אידישן שאַפֿונגס־גייסט. יענער טאָג — וועט זיין זייער אַ גרויסער טאָג, אַ טאָג פֿון גאולה און דערלייזונג פֿאַר דער אידישער נשמה, אַ צוריקקער צו איר קוואַל און נחלה און איר

לעבנסבונד. דערמאָנט זיך אָן פֿילון האַלכסנדרוני, דערמאָנט זיך אָן שפּינאָזאַ׳ן, דערמאָנט זיך אָן גאַנצע גרופּן פֿון אידישע דענקער און דיכטער אין גריכיש, אַראַביש און שפּאַניש, וואָס זיינען די לעצטע צייטן אַנטפּלעקט געוואָרן פֿון שטויב פֿון ביבליאָטעקן און אַרכיוון. דערמאָנט זיך אָן היינע׳ן. בשום אופֿן וואָלט איך ניט אויסלייזן היינע׳ס באַרימטע סקולפּטור־מצבה, כ׳וואָלט זי געלאָזן געשליידערט ווערן פֿון איין פּלאַץ צום צווייטן — פֿון היינטיקן טאָג און ביז אייביק. דאָס איז דאָך היינע׳ס שאַרפֿסטע ליד, זיין ביטערסטער געלעכטער, זיין ליד פֿון נאָכן טויט. זאָל זיין אַרומגעשלייד דערטע מצבה זיין אַ קאָנקרעטער סימבאָל פֿון דער אידישער נשמה, פֿון אָט דער נשמה, וואָס קען ניט פֿאַרדייט ווערן פֿון קיין שום פֿרעמדן מאָגן, וואָס געפֿינט ניט קיין קבורה אין קיין שום געליענע תכריכים און איר קלענסטער „עפּעס״ — ווערט ניט בטל בששים. דערפֿאַר איז ניטאָ, ווי מיר דוכט, קיין גרעסערע מצוה פֿון „פּדיון־שבויים״, ווי איבערצוזעצן היינע׳ס לידער אין העברעאיש. אָט דער איד, וואָס די יסורים האָבן אָפּגעווישט זיין זינד און זיין טויט האָט געמאַכט שלום צווישן אים און דעם אידישן גאָט. און ניט בלויז היינע׳ס לידער אַליין. אַלע געבענטשטע פֿרוכטן פֿון אידישן טאַלאַנט אין פֿרעמדע שפּראַכן, אַלץ אויף וואָס ס׳איז דאָ דער שטעמפּל פֿון אידישן גייסט זאָל אַריינקומען אין אונזער אוצר, אין אונזער אייגנציקן אוצר, אין דער העברעאישער ליטעראַטור. דורך דעם וועלן מיר ביז צו אַ געוויסער מאָס באַפֿרייען דעם אידישן גייסט פֿון דינען אַ סך אָפּגעטער און מיר וועלן אָפּשוואַכן זייער ממשלה איבער אונזער שעפֿערישער פּסיכיק. אַ פֿרעמדער דרויסנדיקער איינפֿלוס איז גוט און באַפֿרוכפּערט בלויז דאַן ווען ער גייט דורך אַ געלייטערטער דורך דער העברעאישער שפּראַך. אַ אידישע שאַפֿונג אין אַ פֿרעמדער שפּראַך האָט ביי אונז בלויז אַ האַלבע חשיבות, בלויז פֿאַר איר אידישן אינהאַלט, אָבער ניט פֿאַר איר פֿרעמדן שאָלעכץ. מיר זיינען ניט קיין „כּפֿויי־טובהניקעס״, ניט צו זאָגן קיין „יישר־כּוח״ יענע שפּראַכן, וואָס זיינען געווען אַן אכסניא פֿאַר אונזער גייסט און אַ באַהעלטעניש פֿאַר אונזער נשמה אין איר לאַנגן וואַנדער, אָבער אַן אייביקע גייסטיקע פֿאַרבינדונג מיט זיי קענען מיר ניט האָבן. דאָס באַנוצן זיך מיטן פֿרעמד־שפּראַכיקן וואָרט מאַכט נאָך ניט דאָס דאָזיקע — פֿאַר דער שפּראַך פֿון האַרץ און נשמה פֿון גאַנצן פֿאָלק. אַ מענטש איז ניט קיין עושר מיט דער סומע וויפֿיל ער פֿאַרשווענדט אויף זיינע באַדערפֿעניש, נאָר מיט דעם וואָס עס בלייבט אים אויף אָפּצוהיטן; ווייל בלויז אָט דאָס אָפּגעהיטע פֿאַרמעגן גיט אים בטחון, צופֿרידנקייט און

גייסטיקע רואיקייט. קיין שום גערעדטע שפּראַך אויף דער וועלט פאַר־נוצט ניט איר גאַנצן פאַרמעגן מיט אַמאָל. דער גרעסטער טייל באַלאַנגט ווערט אָפּגעהיט אין דעם גייסטיקן אוצר פון פאָלק — אין זיין ליטעראַטור. קען אַן אַנדערע שפּראַך, אַחוץ דער העברעאישער אונז פאַרזיכערן אונזער גייסטיקן פאַרמעגן פאַר דער צוקונפט? אונזער געשיכטע ביז צום היינ־טיקן טאָג האָט אויפגעוויזן אויף דאָס פאַרקערטע. אַלע שפּראַכן, וואָס אונזערע אבות האָבן אויף זיי גערעדט דורך אַ משך פון הונדערטער יאָרן — זיינען אונטערגעגאַנגען, איינע נאָך דער אַנדערער און דאָס גאַנצע גייס־טיקע פאַרמעגן, וואָס איז געשאַפן אין זיי, ליגט און פוילט אין די אַרכיוון און איז פאַרגעסן געוואָרן. דאָס, וואָס ס׳האָט זיך פון דעם פאַרמעגן אויפ־געהיט — האָט זיך אויפגעהיט דוקא דורך זייער שלעכטע איבערזעצונגען, ווי דאָס רוב פון די פילאָזאָפישע ספרים, אָדער, דורך דעם, וואָס ס׳האָט באַגלייט די העברעאישע שפּראַך, ווי די אַראַמעאישע טיילן. ווער עס צע־טרענצלט די קראַפט פון נאַציאָנאַלער שאַפונג און אויך דעם כוח פון פאָלקס־פערזענלעכקייטן, אין אַ פרעמדער שפּראַך — לייגט אַוועק דעם פאָלקס־פאַרמעגן אויף אַ „האָרן פון אַ הירש״. זיין דין איז, ווי דער דין פון יענעם, וואָס „הענגט אויף אַלע זיינע גיטער אויף אַנדערע״ און „זיין לעבן איז קיין לעבן ניט״. דער לעבנס־אוצר און בית־עולם פאַרן גייס־טיקן פקדון פון אידישן פאָלק איז געווען און וועט ווייטער זיין — בלויז אין דער העברעאישער שפּראַך.

ד

נאָך דעם אַלעמען קען מען קומען צום דאַזיקן סך־הכל: מיר האָבן דריי קאַטעגאָריעס פון ליטעראַרישע גיטער: א) אַלטע גרויסע שאַפונגען אין העברעאיש, אָבער, זיי טראָגן מער קיין פירות ניט צוליב דער אָפּ־געלאַזנקייט פון זייערע אייגנטימער; ב) אַ סך גיטער, אַלטע און נייע, פון אידישן שאַפונגס־גייסט, וואָס זיינען פאַרמשכונט ביי פרעמדע שפּראַכן, און צווישן די ביידע — ג) קלענערע גיטער פון אַ נייער העברעאישער ליטעראַטור, וואָס אירע פרוכטן זיינען נאָך ניט צייטיק. די בעסטע פון דער ערשטער קאַטעגאָריע מוזן מיר אויפלעבן און זיי מאַכן פרוכט־באַר, די בעסטע פון דער צווייטער — אויסלייזן און די דריטע — דאַרפן מיר צערטלען און פלעגן מיט גרויס זאָרג ביז זיי וועלן קומען צו זייערע פולע כוחות. אָבער קודם כל מוזן מיר צוואַרפן די מחיצות צווישן איינע און די אַנדערע; און דאָס קען ניט דערגרייכט ווערן סיידן ווי דורך

צונויפֿזאַמלונג, אָפּקלייב און אָרגאַניזירונג, וואָס זאָל געמאַכט ווערן אין דער גאַנצער ליטעראַטור דורך אַ פֿאָראויס באַשטימטן פּלאַן, מעטאָדיש, אונטער די פֿליגלען פֿון איין העכערן געדאַנק און פֿאַר איין ציל: פֿאַר דער גייסטיקער אויפֿלעבונג פֿון גאַנצן פֿאָלק.

און דאָ קומען מיר ווידער צו צום עצם פּראָגראַם פֿון אונזער אַרבעט. איך האָב, פֿאַרשטייט זיך, ניט בדעה צו פּסקענען אַ דין און פֿאַר אים באַשטימען גרעניצן. דאָס וועלן טאָן גרעסערע ספּעציאַליסטן פֿון מיר. אָבער איך וויל דאָ אָנצייכענען אין מיינע ראשי־פּרקים אַ מין קורצע סכעמע פֿון דער פֿאַרהאָפֿטער צונויפֿזאַמלונג, ווי איך שטעל זיך פֿאָר די אַרבעט אין מיין פֿאַנטאַזיע.

צוערשט די יסודות:

א) די הויפּט־אויפֿגאַבע פֿון כּינוס — ׳געבן די יודעי־ספֿר פֿון פֿאָלק די מעגלעכקייט זיך צו באַקאַנען מיט די פֿונדאַמענטאַלע שאַפֿונגען פֿון דער אידישער ליטעראַטור פֿון אַלע צייטן דורך זיי און מיט זיי גופֿא, אין זייער מעגלעכסטער פֿולקייט.

ב) דער גאַנצער מאַטעריאַל דאַרף אָפּגעשאַצט ווערן בלויז לויט זיין ליטעראַרישן ווערט, נאַציאָנאַלן, אָדער, אינדיווידועלן, אָבער ניט פֿון קיין שום אַנדער שטאַנדפּונקט און ניט פֿון קיין שום אַנדער אַבזיכט.

ג) אויך איבערזעצונגען פֿון ליטעראַרישע ווערק, די פּרוכט פֿון אידישן געניוס אין אַנדערע שפּראַכן — קומען אַריין אין כּינוס, ס׳זאָלן נאָר זיין אין זיי די עכטע סימנים פֿון פֿאָלקס „רוח־הקודש״; אַזעלכע וואָס האָבן אויסגעאיבט אַ גרויסע השפּעה אויפֿן אידישן פֿאָלק, אָדער אַזעלכע, וואָס האָבן אַ ספּעציעלע ליטעראַריש־היסטאָרישע באַדייטונג.

ד) געביטן וואָס זיינען בלויז פֿאַר מלומדים־ספּעציאַליסטן — וועלן פֿאַרנעמען אין כּינוס אַ באַזונדערע אָפּטיילונג.

ה) פֿונדאַמענטאַלע ווערק, וואָס זיינען געשאַפֿן געוואָרן אין אַ פֿריאיקער אָריגינעלער תּקופֿה ביי אידן, אָדער, וועמעס השפּעה ס׳האָט נאָך ניט אויפֿגעהערט ביז היינטיקן טאָג — קומען אַריין אין כּינוס אין זייער פֿולער שלימות, ווי זיי זיינען; און די הוספֿות פֿון אונזער דור און זיין באַציאונג צו זיי דאַרפֿן צוגעגעבן ווערן צו זיי פֿון דרויסן, ווי איינליייטונגען, קאָמענטאַרן און באַמערקונגען.

ו) אַנדערע ספֿרים — פֿאַראַן מאַנכע, די מער חשובֿע, וואָס מ׳דאַרף זיי אויפֿנעמען אין גאַנצן, אָדער, זייער גרעסטן טייל, ווי זיי זיינען; פֿון אַנדע־

רע דאַרף מען מאַכן אַן אויסוואַל און נעמען מוסטערן פֿון וועלכע מ׳זאָל זיך קענען מאַכן אַ בילד פֿון אַ ספֿר, אָדער פֿון אַ ספּעציעלער ליטעראַרישער ריכטונג.

ז) די גאַנצע אַרבעט פֿון כּינוס (אָפּקלייב פֿון מאַטעריאַל און רעדאַקציע, באַאַרבעטונג און באַלייכטונג) דאַרף זיין אַ וויסנשאַפֿטלעכע אין איר פֿאַרהוילענעם פֿונדאַמענט און פּאָפּולער אין איר אָפֿענעם פּנים. דער קאָמפּליצירטער מעכאַניזם פֿון גייסטיקער מי און אָנשטרענגונג, הגם ער מוז זיין פֿאַרשלונגען אין די רעזולטאַטן פֿון דער אַרבעט — מוז אָבער זיין באַהאַלטן פֿאַרן אויג. דער לייענער, וואָס לייענט פּשט זאָל לייענען לויט זיין שטייגער און דער טיפֿערער לייענער זאָל זיך פֿאַרטיפֿן. די באַדינגונגען דערפֿאַר זיינען: פּשטות, גענאַסטנקייט, עקזאַקטקייט, פֿאַרזיכטיקייט און קלאָרקייט. דורך דעם וועלן די רעזולטאַטן פֿון דער אַרבעט זיין ווי אָנגעמאָסטן פֿאַר יעדן איינעם. פֿאַר אַ וויסנשאַפֿטלעכער באַהאַנדלונג וואָס אַ געוויסער ענין דאַרף האָבן קען מען צוגעבן צום סוף בוך אַ באַזונדער פֿלאַץ, כּדי ניט צו צעמישן דעם לייענער.

לויט די דאָזיקע געבראַכטע יסודות קען מען דעם מאַטעריאַל פֿון דער העברעאישער ליטעראַטור איינטיילן אין די דאָזיקע הויפּט־טיילן:

א) די ספֿרים פֿון תּנ״ך, די ספֿרים חיצוניים (אַפּאָקריפֿן) די באַהאַלטענע ספֿרים (פּסיידאָ־עפּיגראַפֿן).

תּנ״ך, די געהערן בלי־ספֿק צו דער קאַטעגאָריע, וואָס איז אָנגעדייט אין יסוד ה׳. דער נערוו־צענטער פֿון נאַציאָנאַלן טראַכטן און פֿילן פֿון אַלע צייטן איז אין אים אַריינגעוואַקסן. אַזוי ווי די ספֿרים פֿון תּנ״ך האָבן תּמיד באַפֿרוכפּערט דעם גייסט פֿון פֿאָלק, אַזוי האָט דער גייסט פֿון פֿאָלק זיי באַפֿרוכפּערט און תּמיד באַנייט זייער יוגנט. דאָס אידישע פֿאָלק און דער תּנ״ך — אָט די ביידע האָבן באַרייכערט איינע די אַנדערע און זיינען רייך געוואָרן איינע פֿון די אַנדערע. די דאָזיקע ספֿרים דאַרפֿן דעריבער שטיין די ערשטע אין סאַמע צענטער פֿון אַלע אונזערע ליטעראַטור־שאַפֿונגען.

דער טעקסט פֿון תּנ״ך דאַרף געגעבן ווערן בשלימות, ווי ער איז, אָבער אויף זיינע פֿאַליאַס, אין אָנהייב פֿון יעדן ספֿר און ביים סוף דאַרפֿן קומען: א) פֿאַרשיידענע נוסחאות און תּיקונים, מאַנכע פֿון פֿריאיקע אַיבערזעצונגען, פֿון ספֿרים און אַלטע מאַנוסקריפּטן׳ מאַנכע פֿון זיי זיינען השערות וואָס זיינען נאָענט צום אמת, ווי די סאָלידע וויסנשאַפֿט פֿון אונ־

זער צייט האָט אַרויסגעבראַכט. ב) אַ וויסנשאַפטלעכער קורצער און קאָמ־פּאַקטער פּירוש, ריין און געלייטערט, דאָס זעמל־מעל פון דער גאַנצער ביבלישער פּרשנות, פון מסורה און קריטיק, אידישער און גויאישער, פון אָנהייב ביז היינט; ג) אַלגעמיינע און ספּעציעלע איינליטונגען צו יעדן איינציקן ספר, אַ ריינער תּמצית פון ביבלישער וויסנשאַפט אין אונזער צייט מיט אַלע פּרטים.

מיטן אייגענעם אויסזען דאַרפן געגעבן ווערן די אויסערלעכע און די באַהאַלטענע ספרים אין אַ נייער וויסנשאַפטלעכער העברעאישער איבער־זעצונג פון די אָריגינאַלן וואָס מיר פאַרמאָגן. ספּעציעל דאַרף מען זיך אָפּגעבן מיט די דאָזיקע אַלע רעשטלעך פון אונזער אַלטער ליטעראַטור.

ב) געקליבענע זאַמלונגען פון דער אַלעקסאַנדרינישער ליטעראַטור אין אַ וויסנשאַפטלעכער העברעאישער איבערזעצונג מיט אַ קורצן פּירוש און מיט אַ פּאָפּולערן אַריינפיר.

ג) אַ פולע אויסגאַבע פון יוסף פלאַוויוס'עס אַלע ביכער אין אַ נייער העברעאישער איבערזעצונג פון אָריגינאַל גופא, מיט אַן אָפּהאַנדלונג וועגן מחבר, זיין צייט און זיינע ביכער.

ד) די משנה. אַ פּאָפּולערע אויסגאַבע. מיט נקודות און מיט אַ קורצן געניגנדיקן פּירוש, מיט אַלע נויטיקע איינליטונגען, מיט אילוסטראַציעס פון כלים, געוויקסן, אאַ"וו.

ה) די אגדה פון תּלמוד און מדרש. דאָס בעסטע פון איר, איינגעטיילט לויט די צייטן און ענינים מיט אַ פּירוש און הקדמות.

ו) די פילאָזאָפיע. אַרויסגענומען איר סכאָלאַסטישן טייל און אַריינ־גענומען איר געדאַנקלעכן און לאָגישן טייל, אַט דער וואָס האָט אַ באַריר־פּונקט מיטן האַרצן און מוח אויך פון אונזערן אַ בן־דור.

ז) מליצה און פּאָעזיע. דאָס בעסטע פון דער פּאָעזיע פון מיטלאַלטער, דאָס רעליגיעזע און וועלטלעכע, צונויפגעשטעלט כראָנאָלאָגיש לויט זייערע ענינים מיט אַן אויספירלעכער אָפּהאַנדלונג וועגן דער געשיכטע פון דער העברעאישער פּאָעזיע, אירע פאָרמען און איר ווערט, אאַ"וו. מ'דאַרף ניט געבן קיין סך פּאָעטן, נאָר מ'דאַרף געבן די עכטע פּאָעזיע, וואָס האָט אַ ליטעראַרישן ווערט. אין דער קאַטעגאָריע פון „מליצה" גייען אַריין גלייכ־ווערטלעך, אַפאָריזמען, מיט וועלכע די ליטעראַטור פון יענער צייט איז רייך. אין דער דאָזיקער אָפּטיילונג קען מען אַרייננעמען, פאַרשטייט זיך, אויך איבערזעצונגען פון בעסערן אידישן ליד. פון אַראַביש און שפּאַניש.

ח) די עטיק, פֿיינע זאַמלונגען, איינגעטיילט לויט די ענינים גענומען פֿון די בעסטע ספֿרים, וואָס זיינען פֿאַראַן אויף דעם געביט, מיט איינלייטונגען, אאַ״וו.

ט) די קבלה. איר פּאָעטישער און געדאַנקלעכער טייל. די העברעאישע — אין איר לשון און די אַראַמעאישע אין אַ ווערטערלעכער העברעאישער איבערזעצונג, מיט אַן איינלייטונג, אאַ״וו.

י) דרוש. געקליבן פֿון די בעסטע און שענסטע. ניט קיין צעדרייטע פסוקים, נאָר זאַכן וואָס האָבן אַן אינהאַלט און פֿאָרם. פֿאַראַן אַ סך אַזעלכע, מאַנכע פֿון זיי זיינען וואונדערלעך און גרויס, אָדער יענע וואָס האָבן אַ זייער שיינעם פֿאָלקס־סטיל. מיר דאַרפֿן געדענקען, אַז דרוש, ווי די אגדה אין איר צייט, איז פֿאַר לאַנגע טעג געווען די איינציקע פֿאָרם, אין וועלכער די „פֿרייע״ ליטעראַרישע שאַפֿונגס־קראַפֿט האָט געפֿונען אַ באַהעלטעניש.

יא) דאָס חסידות. אין צוויי טייל: א) געקליבענע מאמרים, שמועסן און אַפֿאָריזמען פֿון חסידישע ספֿרים, איינגעטיילט לויט די ענינים, אויף אַן אופֿן, וואָס מיר זאָלן קענען באַגרייפֿן דעם מהות און כאַראַקטער פֿון חסידות מיט אירע פֿאַרשיידענע וועגן און שטעגן; ב) די ספּורי־מעשות און חסידישע לעגענדעס, און, פֿאַרשטייט זיך, די בעסטע און די שענסטע פֿון זיי, איינגעטיילט לויט זייערע צייטן און ענינים, מיט אַן אריינפֿיר, אאַ״וו.

יב) די פֿאָלקס־ליטעראַטור, די גערעדטע און געשריבענע: פֿאָלקס־שמועסן, מעשׂיות, פֿאַבלען, אַפֿאָריזמען, וויצן און גלייכווערטלעך, פֿאָלקס־לידער און אַ״וו. דאָס בעסטע און שענסטע פֿון דער דאָזיקער קאַטעגאָריע דאַרף מען צונויפֿזאַמלען פֿון אַלע ווינקלען פֿון דער ליטעראַטור (זינט נאָכן אַפּשלוס פֿון דער אגדה ביז היינט) און זיי אַריינגעבן אין איין באַנד, אָדער, צוויי, לויט זייערע ענינים, לויט די פֿאָלקס־טיפּן, אָדער, אין אַנדער מין איינטיילונג מיט אַן אָפּהאַנדלונג וועגן אידישן פֿאָלקס־שאַפֿן און זיינע דרכים.

יג) די נייע ליטעראַטור. גאַנצע בענד פֿון דאָס שענסטע און דאָס בעסטע, שריפֿטן פֿון געקליבענע שרייבער, דאָס זעמל־מעל פֿון אידישער שאַפֿונג פֿון די לעצטע דריי יובלס אין אַלע שפּראַכן: די העברעאישע — ווי זיי זיינען און די פֿרעמד־שפּראַכיקע אין אַ העברעאישער איבערזעצונג.

ה

אַזוי, אָדער אומגעפּער אַזוי, שטעל איך מיר פֿאָר דעם „מועט־שבמועט" פֿון דער דאָזיקער אַרבעט. די אַרבעט אין אַלגעמיין איז ניט אַזוי שווער, ווי עס קען זיך דוכטן אויבנאויף. זי איז ניט אין הימל. ניט די גייסטיקע זייט און ניט די מאַטעריעלע זייט זיינען איבער די כּוחות, וואָס מיר פֿאַר־מאָגן. די „אַרבעטער" וועלן זיך אויך געפֿינען. אונזערע ברידער, די מערב־אייראָפּייאישע וויסנשאַפֿטס־לייט וועלן אונז געבן זייער סיסטע־מאַטישקייט און בקיאות און די מזרח־אייראָפּייאישע ברידער — דעם עכטן העברעאישן סטיל און דעם לעבעדיקן אינערלעכן גייסט און מיט דער שותּפֿות פֿון די אַלע קרעפֿטן וועט די דאָזיקע „מלאכת־שמים" אָפּגעטאָן ווערן מיט דער געהעריקער שלימות.

און די צייט דערפֿאַר איז שוין געקומען. אונזערע חכמים פֿון מערב־אייראָפּע האָבן לאַנגע יאָרן זיך געמיט צו באַשאַפֿן אַ אידישע וויסנשאַפֿט אין פֿרעמדע שפּראַכן, באַקאַנט צו מאַכן אונזערע אַלטערטימלעכקייטן צווישן פֿרעמדע פֿעלקער. ס׳הייסט, זיי האָבן געמאַכט חליפֿין: מיינס איז דיינס און דיינס איז מיינס. זיי זיינען געווען זיכער, אַז מיט דער גלייכבאַרעכטיקונג פֿון חכמת־ישראל וועט אויך קומען די גלייכבאַרעכטיקונג פֿון פֿאָלק ישראל. די מזרח־אייראָפּעאישע שרייבער האָבן זיך ניט פֿיל אָפּגעגעבן מיט דער חכמת־ישראל; די דאָזיקע האָבן באַשאַפֿן אַ נייַ באַשעפֿעניש, אַ נישטיקס אין די אויגן פֿון די מערב־אייראָפּעאישע געלערנטע: די נייַע העברעאישע ליטעראַטור.

נון, עס זיינען פֿאַרבייגעלאָפֿן דריי יובלס. די נבואה פֿון די מערבדיקע געלערנטע איז ניט מקויים געוואָרן; אַמווייניקסטנס, אין דעם אופֿן, וואָס זיי האָבן געהאָפֿט. אין מפֿרסם זיין פֿאַר דער וועלט אַלטערטימלעכע גיטער שטעקט אַ ווייטיקליכער דאָרן: וואָס גרעסער דער פּרסום — אַלץ ווייניקער דער זכות פֿון די אייגנטימער אויף די דאָזיקע גיטער. אַביסל מער — און זייער זכות וועט אין גאַנצן בטל ווערן. דאָס איז דער שטייגער פֿון קטורעלע ווערטן אין אונזערע טעג: אפֿילו אַן אַ ספּעציעלער אַנשטרענגונג ווערן זיי באַלד הפֿקר, און דער וואָס איז זיך מקדים און באַקומט אויף זיי אַ חזקה, לייגט אין זיי אַריין זיין כּוח און אַרבעט — צו יענעם געהערן זיי. און נאָך מער איז דאָס דער פֿאַל מיט ווערטן פֿון אַ פֿאַרגאַנגענהייט, וואָס האָט ניט קיין קעגנוואַרט. מיר האָבן אַ וועקסל און זיי האָבן אַ חזקה — וועמעס כּוח איז שטאַרקער? צי גייען „זיי" שוין ניט אין „זייער" בית־מדרש און געפֿינען דאָרטן אויך „אונזער" תּורה? צי גייען מיר שוין ניט

מיט אונזער שטעקן און טאָרבע צו לערנען „אונזער" תּורה פֿון זייער מויל?

און די חכמת־ישראל גופא, אָט די וואָס האָט אַריינגעפֿירט די פֿרעמדע שפּראַך אין אונזער בית־מדרש? וואָס פֿאַראַ שטעכיק ווילד־געוויקס איז דעם איז פֿאַראַנען! די אידישע שאַרפֿע נשמה מיט איר שפּיציקייט, ווען זי האָט זיך מיט שווערקייט באַזעצט אין שאָלעכץ פֿון דער פֿרעמדער שפּראַך — איז געוואָרן גלאַט און לייכט אַרונטערצוגיין אין דעם ברייטן שלונד פֿון אַנדערע פֿעלקער. דער אידישער גייסט איז דערווייל צוגעגרייט געוואָרן פֿאַר פֿולשטענדיקער אַסימילאַציע.

דורך דער אייגענער צייט האָבן די מזרח־איראָפּייאישע שרייבער גע־האַלטן אין איין אַנטוויקלען און פֿאַרפֿולקאָמען די העברעאישע שפּראַך, האָבן צוגעגרייט איר אויפֿלעבונג אין די הערצער און אויך אין די מיילער — און געבראַכט אַ מעכטיקע נאַציאָנאַלע באַוועגונג אויף דער וועלט.

די מזרח־איראָפּייאישע שרייבער זיינען ניט מזלזל אין חכמת־ישראל, אָבער, זיי האַלטן, אַז די אידישע שפּראַך קומט צוערשט.

איז ניט געקומען די צייט, אַז די אידישע וויסנשאַפֿט און די אידישע שפּראַך זאָלן זיך פֿאַראייניקן לשם זייער אייגענער פֿולשטענדיקער אויפֿ־לעבונג און אויך לשם דער אויפֿלעבונג פֿון אידישן גייסט?

איך בין זיכער, אַז זי איז געקומען. דער זיווג וועט זיין גוט פֿאַר ביי־דע צדדים. די „אידישע וויסנשאַפֿט" וועט זיך באַפֿרייען פֿון אַלע עלע־מענטן, וואָס זיינען פֿרעמד פֿאַר עכטער וויסנשאַפֿט: פֿון אַפּאָלאָגעטישע נטיות, פֿון דער אייביקער באַמיאונג „צו ראַטעווען און באַשיצן", אָדער, „צו ווייזן די פֿעלקער", פֿון זיך האַלטן אין איין אַרומקוקן אויף אַלע זייטן, און דער עיקר: פֿון אַרומשלעפּן זיך מיט ביינער פֿון דער „פֿאַרגאַנגענ־הייט", פֿון בלוט־און־קראַפֿטלאָזיקייט. ווען זי וועט זיך באַהעפֿטן מיט דער העברעאישער שפּראַך — וועט זי ווידער באַהאָפֿטן ווערן מיטן לעבן, מיטן גאַנצן פֿאָלק, צו אירע ממשותדיקע נויטן פֿון דער געגנוואַרט און אירע אַספּיראַציעס און דער צוקונפֿט — וועט זי אויך ווערן אַ טייל פֿון אַ לעבעדיקן אָרגאַניזם. דאָ, און ניט אין קיין אַנדער פּלאַץ, וועט זי גע־פֿינען איר עכטע פֿרייהייט און איר גלייכבאַרעכטיקונג, צי דען האָט וויסנ־שאַפֿט אַן אַנדערע און העכערע גלייכבאַרעכטיקונג ווי פֿרייע שאַפֿונג אויף איר נאַטירלעכער שפּראַך?

און די העברעאישע ליטעראַטור וועט אָנגעפֿילט ווערן מיט אינהאַלט. זי וועט אויפֿהערן קלינגען ווי אַ גלעקל אין אַ חרובער פּוסטקע. זי וועט אויפֿהערן בייסן זיך אַליין מיט די ציינער און פֿרעסן איר אייגן לייב. אַנ־

שטאָט צו ריידן די גאַנצע צייט וועגן די זאַכן — וועט זי געבן די זאַכן גופא. מיטן אַריינקומען פון נייעם „מאַטעריאַל" וועט איר אויפֿנאַם־אַפּאַ־ראַט פֿון זיך אַליין זיך אויסבר״יטערן און מיר וועלן דאַן ניט האָבן אַ לי־טעראַטור, וואָס איז ניט נאַציאָנאַל. די שפּראַך וועט שוין נאַציאָנאַליזירן אַלץ וואָס ס'איז אין איר אַריינגעגעבן און אַלץ וואָס ס'געפינט זיך אין אירע גרעניצן.

דאָס איז מיין אמתדיקער גלויבן, און נאָך מער, איך בין זיכער, אַז די דאָזיקע אַרבעט, די אַרבעט פֿון זאַמלונג, וועט סוף־כל־סוף, געטאָן ווערן פֿון זיך אַליין. זי מוז אָפּגעטאָן ווערן. אַביסל קומט שוין פֿאַר דער דאָ־זיקער פּראָצעס — אָבער דוקא דערפֿאַר וועט דאָס ניט זיין קיין געלונגענע אַרבעט. דאָס וויסן און אָפּקלייב פֿון גאַנצן פֿאָלק און זיינע גייסטיקע פֿאַר־שטייער מוזן נעמען אין דעם אָנטייל פֿון אָנהויב ביזן סוף.

און איך זאָג: „דעם מועט שבמועט". ווייל ביי דער זייט פֿון יענע ספֿרים פֿון דער זאַמלונג — איז פֿאַראַן און מוז זיין פּלאַץ פֿאַר כל־המינים אַנדערע אויסגאַבן אויף דער וועלט. דער גאַנצער עיקר פֿון „כינוס" איז דאָך ניט מער דערפֿאַר, ווי כדי אויסצובר״יטערן די השפעה פֿון דער נייער ליטעראַטור. מ'דאַרף צוגרייטן, למשל, אַ גאַנצע רייע פֿון נייע וויסנשאַפֿט־לעכע אַרבעטן אין העברעאיש: אין היסטאָריע, ליטעראַטור־געשיכטע און אויף אַנדערע געביטן. ספּעציעל מוז מען גלייך צוטרעטן צו דער אַרבעט פֿון קינסטלערישע איבערזעצונגען פֿון די אייראָפּייאישע קלאַסיקער. דאָס מיינט ניט, מאַכן אָפּגרעניצונגען און זיך אָפּצאַמען. דאָס מיינט אויך ניט, קרוינען שרייבערס און איינשטעלן קלאַסיקער פֿאַר די קומענדיקע דורות. ס'וועט אַלע מאָל זיין גענוג פּלאַץ פֿאַר די צוים־ברעכער אַפֿילו אין דער מחיצה גופא פֿון דעם ליטעראַרישן כינוס. דאָ איז בלויז פֿאַראַן די זאָרג און מורא פֿאַרן ביסל פֿאַרמעגן וואָס מיר באַזיצן, אַז ס'זאָל ניט פֿאַרלוירן גיין אין זיין ווינציקייט און זיין גרויסער צעשפּרייטקייט. סוף־כל־סוף מוזן מיר דאָך צונויפֿנעמען אַלץ וואָס מיר האָבן, אונטערציען דעם חשבון און זען: האָבן מיר עפּעס וואָס אַחוץ טויטע גיטער, צי ניין?

קיין אָרגאַניזאַציע אין דער וועלט וועט ניט באַשאַפֿן קיין קולטור־רעלן פֿאַרמעגן, קיין עפּעס פֿון גאָרנישט. אָבער ס'איז אַ קולטורעלע מידה, אַז פֿאָלק זאָל זיך באַשעפֿטיקן און פֿאַרנעמען מיט זיין נאַטירלעכער ירושה, ווי גרויס און ווי קליין זי זאָל ניט זיין, זי ברענגען אין אָרדענונג און אַרויסקריגן פֿון איר פֿאַר זיין באַדערפֿעניש און הנאה אירע מעגלעכ־סטע נוצן.

„אַ צייט צונויפֿצוזאַמלען״ — דאָס איז דאָס געבאָט פֿון דער שעה, און דאָס אַלץ וואָס מיר קענען דערווייל טאָן.

און אויב דאָס אידישע פֿאָלק וועט ניט פֿאַרהייליקן דעם נייעם „כינוס״ — איז אויך קיין בייז ניט. אפֿשר איז שוין מיט אַן אמת אַוועק די צייט פֿאַר דער קדושה. אָבער כבוד און ליבשאַפֿט וועלן זיי דאָס געבן — און דאָס גאָר וואָס מיר בעטן דערווייל.

און זאָל אַ באַליבט ספֿר ניט זיין לייכט אין אונזערע אויגן. דאָס לאַנד האָט אונז געמאַכט אַרבן איין קליין בוך. ווער ווייסט, אפֿשר וועט צום סוף דער ספֿר אונז צוריקקערן דאָס לאַנד. צי קען ניט פֿאָרקומען אין גייסטיקן לעבן פֿון פֿאָלק און מענטש, אַז די תולדה זאָל זיך פֿאַרוואַנדלען און ווערן פֿאָטער צו איר פֿאָטער?

אונזער יונגע פּאָעזיע

קראָקאָדילן־טרערן פון איין זייט און שדים־געוואַי פון דער צווייטער זייט: ניטאָ קיין העברעאישע ליטעראַטור! און דערווייל זיינען אויפגעקומען אין אונזער פאַרוואָרלאָזטן גאָרטן גאָר פיל פיינע שפּראָצונגען, פרישע טאַלאַנטן. דריי פון זיי האָבן איצט געבענטשט אונזער יונגע פּאָעזיע מיט זייערע לידער־זאַמלונגען, זאַמלונגען, וואָס אין יעדער איינער פון זיי שטראָמט און פליצט אַן עליקסיר פון לעבן, ווי אַלטער וויין אין קרוג, ווי קאָכעדיק בלוט אין אַ בעל־חי, וואָס אויף יעדער איינער פון זיי דאַרף מען מאַכן די ברכה „שהחיינו".

דו לייענסט דידאַזיקע נייע לידער — און בלייבסט אַ פאַרוואונדערטער: פון וואַנען האָט זיך גענומען די דאָזיקע גבורה? די דאָזיקע שיינקייט, די דאָזיקע שלימות?

אָט איז יעקב כהן, „דער צאַרטער און געזאַלבטער", דער שיינער און פאַרצערטלטער, דער לייכטער און דער שוועבנדיקער — דורכאויס זיידנס און פרימאַרגן ווינטל... זיין שוועב איז ווי דאָס שוועבן פון דער וועווערקע: זיג־זאַגיש, קאַפּריזנע, חנעוודיק; פאַרציט זיך פאַר זיין „מוזע" ווי אַ בן־יחיד, שפּילט זיך פון געצערטלקייט און בריקעט פון גרויס שיינקייט.

און אָט איז יעקב שטיינבערג — אויך דער איז אַ „בייער פויגל", פון די וואָס פליען הויך. זיינע פליגלען באַרירן די העכערע לופט און ער זעט פון דער הויך. זיין פלי — איז אַ ברייטער, אַ גראַדער — שטרעבט צו גרויסע, שטאַרקע וויטן.

און אָט איז שניאור — אַ יונגער „שמשון", וואָס איבערנאַכט זיינען אים אויסגעוואַקסן אַלע זיינע זיבן לאָקן. אַ יונגער לייב, וואָס האָט אין זיך די סימנים פון דער משפחה „גרויסע". קיין מוטערמענטש האָט אים ניט געזען, ווען זיינע ציין און נעגל האָבן אויסגעשפּראָצט און קיינער האָט אים ניט געזען אין זיין ראַנגלעניש. פון טיפן וואַלד, אַ שטאַרקער און אַ מעכטיקער, איז ער פלוצים אַרויסגעשפּרונגען פאַר אייך, ווען זיין רויב צאַפּלט זיך צווישן זיינע שאַרפע ציין, מיטן בליאַסק פון נצחון אין זיינע אויגן.

און אַט זיינען נאָך און נאָך. קלענערע פֿון זיי און באַשיידענערע פֿון זיי — אָבער אַלע, מענטשן פֿון אַ פֿאָלקאָמען געשטאַלט. זיי זיינען ניט אַרויסגעקומען מיט אַ לאַטע אויף דער נשמה. יעדער איינער גאַנץ לויט זיין שיעור־קומה און יעדער איינער דער פֿולשטענדיקער הערשער אין זיין רשות־היחיד. יעדער איינער מיט זיין גרויסער אָדער קליינער וועלט אין האַרצן. געוויס זיינען צווישן זיי פֿאַראַן קעגנזייטיקע איינפֿלוסן, אָבער דאָס זיינען ניט איינפֿלוסן, וואָס פֿאַרקלענערן דאָס געשטאַלט, נאָר פֿאַרקערט, זיי גיבן צו כּוח און זיי באַפֿרוכפּערן דאָס האַרץ, גאָר אומבאַוואוסטזיניק פֿאַר זיי אַליין. ווען זיי גייען אַרויס — גייען זיי אַרויס אין זייער אייגן געשטאַלט און איינגעוויקלט אין זייער אייגענעם טלית. ניט ווי „שליחי־ציבור״ קומען זיי, נאָר ווי שליחים פֿון זייער אייגן האַרץ. די עם־האַרצישע פֿראַגע פֿון „וואָס זאָל איך שרייבן״, אָדער „וועגן וואָס זאָל איך זינגען?״ — אַט די פֿראַגע, וואָס איז געשטאַנען ווי אַ זלידנע פֿליג אויפֿן פּליך פֿון אונזער „משכּילישער״ ליטעראַטור פֿאַר לאַנגע יאָרן — שטייט אין זייער תּורה ניט געשריבן. פֿון פֿולן האַרצן זינגען זיי און זיי האָבן געגנוג. לעבן און טויט, ליבשאַפֿט און שנאה, נאַטור און דעם מענטשנס נשמה, קדושה און טומאה, ליכט און פֿינצטערניש, גאָט און טייוול — אַט די אַלע אייביקע מאָטיוון, וואָס אונזער פּאָעטישע ליטעראַטור האָט פֿריער גאַרנישט געקענט זיך משער זיין — זיינען דורך זיי אַצינד געוואָרן פֿאַר באַשטענדיקע מאָטיוון אין אונזער ליטעראַטור און ביין פֿון אירע ביינער. און דו שפּירסט, אַז די דאָזיקע „ווייטע״ זיינען איצט נאָענטע צו דיר און דיין גייסט. דיינע זיינען זיי — ווי אַזוי איז דער דאָזיקער וואונדער געשען? ווער און ווען האָט אונז די דאָזיקע יונגע פּאָעטן באַשאַפֿן?

א

די דאָזיקע יונגע זיינען די ערשטע וואוקסן, די שיינע פֿרוכטן פֿון אונ־זער נייער ליטעראַטור. אַלע זיינען זיי אַרויסגעקומען פֿון איר שויס און זיך אויפֿגעכאַוועט אויף די קני פֿון אירע אבות און זיי זיינען אין גאַנצן אירע, „פֿון די פֿיס ביזן קאָפּ״. אַלדאָס שענסטע און בעסטע פֿון אונזער נייער ליטעראַטור, זינט זי איז אַריין אין תּחום פֿון שאַפֿונג און איז געוואָרן אַ לעבעדיק באַשעפֿעניש וואָס טראָגט זיך אַליין און וואַקסט פֿון זיך אַליין — האָבן אַ חלק אין זייער גייסטיקן וואוקס און אין דעם אויפֿכאַוועַן פֿון די דאָ־זיקע יונגע. דעריבער זיינען זיי אונזערע מיט זייער גאַנצער נייקייט און שיינקייט זייערער וואָס זיי האָבן מיט זיך געבראַכט, פֿון קוואַל פֿון זייער אייגענער געבענטשטער נשמה.

און פֿון זייער אייגנס האָבן זיי אונז אַ סך געבראַכט. אונזער וועלטלע־כע ליטעראַטור — וואָס איז דאָ צו לייקענען? — איז געווען אָרעם און נישטיק אַפֿילו אין די צייטן פֿון איר גדולה. זי האָט אַרומגעהאַנדלט אַלע אירע טעג מיט קליינע סחורה, מיט קלייניקייטן, די געהויבנסטע פֿון די וועלטלעכע שרייבער אין אונזער ליטעראַטור פֿון דער גאָלדענער תּקופֿה, דער שפּאַנישער און איטאַליענישער — אַלחריזי און עמנואל — זיינען גע־ווען שאַרפֿע ווערטלזאָגער. זייערע פּערזן — צעבראָכענע שטיקלעך גלאָז און נאָדלען. דאָס שיינע און דאָס גרויסע פֿון דעם מענטשן און פֿון דער וועלט האָבן זיי ניט געוואוסט און ניט געשפּירט. און די, וואָס לויט זייערע געניאַלע כּשרונות האָבן געקענט ווערן גרויס אויך אויף דעם פּאָעטישן גע־ביט — בן־גבירול, משה אבן־עזרא און יהודה הלוי — „פֿון הימל" האָט מען זיי צוריקגעהאַלטן... רעליגיאָזיטעט און די אידישע צרה האָבן צונויפֿגע־זאַמלט די שטראָמען פֿון זייער גרויסער נשמה אין איין מקוה... מקוה־ישראל. שפּעטער, האָט די סכאָלאַסטיק, די ניט־פֿאַרגינערישע עקרה, סטע־ריליזירט אַלע פּאָעטישע יונגגעבוירענע קינדער נאָנט צו זייער געבורט — און דערפֿון זיינען זיי פֿאַרוועלקט געוואָרן פֿאַר דער צייט און ניט געבראַכט קיין פּירות. מיר האָבן דערגרייכט אַזוי ווייט, אַז דער רמב"ם איז פֿאַרדייט געוואָרן און ר' יהודה הלוי — אַפֿילו ער! — איז אויסגעשפּיגן געוואָרן. די באַנייטע פּאָעזיע, וואָס האָט אָנגעהויבן אויפֿקומען פֿון ר' משה חיים לו־צאַטו'ס צייט און אַרונטער —איז אויך געבליבן אַ קליינגעשטאַלטיקע, אַ ליליפּוטישע. ס'האָבן אויפֿגעבלינצלט אַ סך טאַלאַנטן — און זיך אויסגע־לאָשן. זייטיקע און איינגעוואָרצלטע סבות האָבן פֿאַרהאַלטן זייער אַנטוויק־לונג. לוצאַטו האָט פֿאַרטאָן זיינע בעסטע כּוחות אויף אַנדערע ענינים און האָט געלעבט און געשטאָרבן אין אַ צעמישעניש. שלמה לעוויזאָן, אַט דער גלענצנדער טאַלאַנט, איז געשטאָרבן פֿון טירוף אין זיינע יונגע יאָרן. איז איר איבערגעבליבן וויזל, דער פֿאָטער פֿון וואָסערדיקער פּאָעזיע, דער פּסיידאָ־ביבלישער, דער לעבלעכער, ניט קאַלט און ניט וואַרעם, וואָס דער דורש־טיקער שפּירט ניט, ווען ער טרינקט. ס'זיינען איר איבערגעבליבן וויזל'ס תּלמידים — די מענטשן פֿון „הה!" און „אהה!" אַט די באַקאַנטע „פּאָע־זיע און מליצה" פֿון גאַליציע, דאָס פּלאַץ, וואו ליטעראַטור האָט זיך געפּאַ־שעט און געגריזשעט דערנער הינטער די פּלויטן — ביז זי האָט קראַפּירט. אין רוסלאַנד האָט איר דאָס מזל בעסער צוגעשפּילט: ס'איז איר אויפֿגע־קומען דער מאַן פֿון „בריאַזגעדיקן וואָרט", אַ מין רוסישער דערזשאַווין, אד"ם לעבענזאָן, אַט דער געבראָטענער ליטוואַק, וואָס צוליב זיין „דקדוק"

קען מען ביז היינט ניט וויסן, איז ער געווען אַ דיכטער, צי ניט? פֿאַר אַ רגע האָט אויפֿגעשיינט פֿאַר איר מיכ״ל׳ס שטערן. ס׳האָט אויפֿגעלויכטן פֿאַר איר מאַפּו, דער פּאָעט־קינד, וואָס האָט ניט געשריבן אין פֿערזן, אָבער זיינע „זעאונגען״ זיינען געווען צום הארץ פֿון דעם אידישן יונגנמאַן, ווי דער ערשטער רעגן אויף דער וועלט אין אַנהייב פֿריִלינג. און אין דער אייגענער צייט איז איר אויך אויפֿגעשטאַנען גאָרדאָן, אַט דער שטאַרקער האַמער, וואָס האָט אונזער שפּראַך געשמידט אויף איר קאָוואַדלע און איר געגעבן „מענלעכע קראַפֿט״. אָבער סוף־כל־סוף איז נאָך אין זייערע טעג אונזער פּאָעזיע געווען אַ נאַר וואָס אויסגעבריט פֿייגעלע. איר שוועב איז נאָך גע־ווען דאָס שוועבן פֿון אַ דראָסל: אומגעפֿער צוויי איילן איבער דער ערד. און אָפּטמאָל איז זי געקראָכן ווי אַ וואָרים... איר בשמים־קרעמל, די פּאָ־עזיע פֿון נאַטור און מענטשלעכער נשמה, איז נאָך געבליבן קליין ווי געווען: אַביסל באַלזאַם, אַביסל האָניק און זייער פֿיל שוויס — פֿון דעם איז באַ־שטאַנען איר גאַנצער „פּטום־הקטורת״. דער עיקר — די עסטעטישע און פּסיכאָלאָגישע עלעמענטן, וואָס גיבן אַריין טעם אין פּאָעזיע און דערהויבן זי צו דער מדרגה פֿון קינסטלערישער שאַפֿונג — דער דאָזיקער עיקר האָט כּמעט אין גאַנצן אויסגעפֿעלט אין דער פּאָעזיע פֿון זייער צייט. דער דור איז נאָך ניט געווען דערצו צוגעגרייט. אמת, די פּאָעטן פֿון יענעם דור זיינען שוין מער ניט געווען בלויז אַרבעטער פֿון שפּראַך. פֿון זייער מויל איז צום ערשטן מאָל אַרויסגעשליידערט געוואָרן — און מיט גרויס כּוח און גבֿורה — דאָס אויפֿרייסנדיקע וואָרט „לעבן״, אַ וואָרט וואָס איז געפֿאַלן ווי אַ שווערע באָמבע אין דער געטאָ־וואַנט און זי אויפֿגעטרייסלט. בלויז חדר־אינגלעך און עם־הארצים, מיט אַ בליק פֿון אַ פֿליג, וועלן וואַגן צו פֿאַר־קלענערן דאָס געשטאַלט פֿון דעם דאָזיקן דור פֿון „בוך און שווערד״, די גרופּע פֿון פֿאַרביטערטע און געוואַגטע „תּלמידי־חכמים״, וועמעס איין האַנט האָט געהאַלטן די שווערד און די צווייטע האָט געהאַקט אין פֿעלזן און גע־בויערט אין אונטערערד, דורכגעשלאָגן אַ ליכטיקן שטעג פֿאַר זיך און פֿאַר אַנדערע צווישן די הרי־חושך און פֿאַרבייגייענדיק געהאָלפֿן לעגן די גרונט־שטיינער פֿאַרן אויפֿבוי פֿון אַ נייער ליטעראַטור און קליינע זשוויר־שטיינ־דעלעך צו פֿלאַסטערן לעבנס־שטעגן דורך די געדיכטע זומפּן. צי דען ווייסן מיר ניט ווי ווייט די אָרימקייט פֿון שפּראַך און איר שוואַכקייט האָט גע־ריכט? צי דען ווייסן מיר ניט, אַז אונזערע קלענסטע שוועריקייטן זיי־נען ביי זיי געווען ווי די ריזיקסטע בערג און יעדער טריט אַרויפֿצו איז זיי אָנגעקומען מיט דער גרעסטער אָנשטרענגונג, וואָס פֿאַר אונזערן אַ בן־

דור איז אוממעגלעך זיך פֿאַרצושטעלן? דאָס אַלץ איז פֿאַר אַלעמען באַ־קאַנט און באַוואוסט און דעריבער האָבן מיר צו זיי קיין טענות ניט. זיי האָבן געגעבן זייער דור דאָס וואָס זיי האָבן געקענט און געדאַרפֿט געבן — און דער וואָס גיט צו זיין דור גיט פֿאַר אַלע דורות. מ׳קען ניט אָנכאַפּן אַ ליטעראַטור פֿאַר דער קוטשמע, קלאַפּן מיט אַ האַמער איבערן קאָפּ: גיב מיר אַזוינס און אַזוינס! און פֿאַרוואָס האָסטו ניט דאָס און דאָס? איך וויל אַזוינס און אַזוינס... דער כּוח פֿון אַ ליטעראַטור איז ווי דער כּוח פֿון איר דור און זי גיט וואָס זי פֿאַרמאָגט. איבערהויפּט, טאָרן אַזוי ניט טאָן קיין שרייבער, אַט די וואָס זיינען אַליין שותּפֿים אין ליטעראַטור און ליטעראַטור ווערט געמאַכט פֿון זיי. זיי ווייסן דאָך, אַז די ליטעראַטור איז ניט קיין באַ־שעפֿעניש פֿאַר זיך, וואָס פּרוכפּערט זיך און מערט זיך פֿון זיך אַליין. אַז מען וויל זאָגן, איז פֿאַראַנען אין אַזעלכע טענות עפּעס פֿון דער מיאוסער מידה פֿון יענער דינסט, וואָס האָט געדינט אַ סך יאָרן ביי אַ „גביר״ אין הויז, און קומענדיק צוריק צו איר טאַטן דעם אָרימאַן — זעט ביי איר אַלץ אויס אָרים און מיאוס און זי ווערט פֿול מיט טענות ווי אַ מילגרוים. דער טאַטע וואָס זאָגט? „טאָכטער, איידער זיך קרימען מיט דער נאָז — נעם בעסער אַ בעזים און קער אויס די שטוב״. אויך מיר וועלן ניט קומען מיטן אַלטן וועקסל אויף דער ליטעראַטור, צו מאָנען אויף דאָס געוועזענע. די שרייבער פֿון יענער צייט, הגם זיי זיינען גרויסע און באַנייער און דאָס קול פֿון לעבן און די לוסט צום לעבן האָט אויסגעשריען פֿון אונטער זייער פּעדער; הגם זיי האָבן אין זייער צייט געבראַכט אָן איבערקערעניש אין דער וועלט־אָנשויאונג פֿון אונזער יוגנט און אומגעענדערט גאָר אַ סך פֿון זייערע אָנגענומענע „ווערטן״; הגם זיי האָבן אַרויסגעפֿירט די ליטעראַטור „מקודש לחול״ און ממילא האָבן זיי זי דערנענטערט צו מענטש און לעבן — האָבן צוליב זייער דערציאונג און זייער צייט דאָך ניט געקענט ווערן קיין פֿיאָנערן פֿאַר אַ ליטעראַטור פֿון הויכן קינסטלערישן ווערט. זיי זיינען גע־ווען בעיקר מענטשן פֿון קאַמף. פֿון קינדוויז אָן זיך געהאָדעוועט אונטער גרויזאַמע אומשטענדן פֿון לעבן, וואָס פֿאַרהאַרטעווען דאָס האַרץ און נשמה. פֿאַרטעמפּטקייט פֿון חושים, געשמאַקלאָזיקייט און אָרימקייט וואָס פֿאַר־גרעבט — זיי זיינען געווען זייערע דערציער פֿון קינדוויז אָן. דאָס מינדס־טע ווינטל פֿון ליבשאַפֿט און גאָטס גענאָד האָט זייערע פּיאות קיינמאָל ניט אַ קרייזל געטאָן. שטאַרק און האַרט זיינען זיי געווען אין זייער שנאה צו דאָס „אַלטע״, צו אַט דעם „שונא״, וואָס האָט באַטריבט זייער לייב־און־לעבן און פֿאַרפֿינצטערט זייער נשמה. דער אָביעקט פֿון זייערע חלומות האָט

זיך צו זיי אָנטפּלעקט אין געשטאַלט פון אַ „טשינאָווניק״... און דעריבער איז זייער ליטעראַטור בעצם ניט מער ווי אַ קאַמפּס־ליטעראַטור און זייער ליד איז דאָס ליד פון אַ סאָלדאַט: אָן פאַרב, אָן פוץ — נאָר ווערטער ווי פּלעקענער און פּסוקים — ווי אַריינגעשלאָגענע טשוועקעס. זייער מליצה איז גראָב און גרוי ווי דער סאָלדאַטסקע „מונדיר״ און פון זייערע שאַרפּע ווערטלעך גיט זיך אָפּטמאָל אָפּ מיט „קרויט און קאַשע״... איין מעסטל גאַרנישט און צוויי מעסטלעך גראָבקייט און געשמאַקלאָזיקייט — דערפאַר אָבער אַ גאַר גרויסע מאָס פון געזונטקייט פון גוף און מענלעכער קראַפט.

די דאַזיקע שרייבער האָבן אַריינגעבראַכט נייע מאָטיוון אין דער העב־רעאישער ליטעראַטור און פּאָעזיע: די מערסטע פון זיי זיינען מכּה דער מלחמה פון „ליכט מיט פינצטערניש״ אין איר שמאָלסטן און צופּעליקסטן באַגריף. „דאָס ליכט״ — דאָס איז די השׂכּלה, ס׳הייסט: דקדוק, לאַנדס־שפּראַך, אַ קורץ רעקל, אאַ״וו. און „דאָס פינצטערניש״ — דאָס, איז שוין זעלבסטפאַרשטענדלעך: די יאַרמלקע, דער איסור פון אַרבעס אום פּסח, אשר־יצר, אאַ״וו. און די דאָזיקע זאַכן זיינען ניט געשריבן געוואָרן צוליב די זאַכן גופא, צוליב דעם דראַנג פון שאַפן, נאָר גאָר צוערשט און הויפּט־זעכלעך צוליב... איך וואָלט זאָגן, צוליב פּראַקטישע צוועקן, און פאַר־שטייט זיך, אין דעם ברייטסטן און כּשרסטן זין פון די דאָזיקע ווערטער — כּדי אויפצועפענען די אויגן: אויפצואווייזן בפועל ממש דעם פאַרצוג פון דעם דאָזיקן „ליכט״ איבער דעם דאָזיקן „פינצטערניש״. און מ׳קען ניט לייקענען, אַז אויף דעם געביט האָבן זיי דערגרייכט צו גרויסע כּוחות (קוצו של יו״ד, שני יוסף בן שמעון, בירח בלילה, און נאָך), די שנאה צו דאָס „אַלטע״ בלעזלט זיך אין זייער ליד ווי שלאַנגענגיפט און גיט זיך איבער צום לייענער און וואַרצלט זיך איין אין זיין האַרצן. ניט אַזוי אָבער האַלט עס מיט די אַנדערע מאָטיוון. דאָרט זיינען זיי קליין און געשמאַקלאָז ווי זייערע טאַטעס, די גאַליציאַנער. די בעסטע פון זיי (מאַפו און מיכ״ל) — האָבן ניט זוכה געווען, אַז זייער שול זאָל ווערן אַ פונדאַמענט פאַרן קינסטלערישן ליד און פאַר שאַפונג. ביידע האָבן ניט אויפגעהאָדעוועט קיין תּלמידים אין זייער צייט, דער — ווייל ער איז געווען אַ זקן אַ קינד, און דער — ווייל ער איז געשטאָרבן יונגערהייט. און דער עיקר איז, ווייל דער דור איז נאָך ניט געווען צוגעגרייט. די ליטעראַטור איז געווען פאַרנומען מיט אַנדערע דאַגות און מיט נויטיקערע באַדערפענישן. זי איז געשטאַנען אַלע אירע טעג אויף „די פראָנטן פון מלחמה״, האָט געשטורעמט מויערן און געבראָכן ווענט און דעריבער איז איר שאַלן העכער פון איר געזאַנג. דאָס קול אירס האָט

געוואוסט ווי אויפֿצוּואוועקן און צו וואָרענען, צו שטאַרקן און צו שפּאָרענען, צו מאַכן שפּאַנען און מאַרשירן, אָבער ניט צו מונטערן און פֿאַנגען, צו דער־פֿרייען און אויפֿזינגען הערצער. מיט איין וואָרט, די איינגעשלאָסענע ליטעראַטור האָט געוואָרט פֿאַר „צוים־ברעכער" — און זיי זײַנען שוין גע־שטאַנען אונטער אירע ווענט...

ב

מענדעלע, פֿרישמאַן, פּרץ אאַ"וו. — דאָס זײַנען די נעמען פֿון די ערשטע צוים־ברעכער, אָט די קליינע כּנופֿיא טאַטעס פֿון אונזער מאָדערנער ליטעראַטור, וואָס האָבן דאָס ערשטע מאָל אַרײַנגעפֿירט די העברעאישע ליטעראַטור און פּאָעזיע אין קינסטלערישן תּחום, — האָבן געטאָן, יעדער איינער אויף זײַן אופֿן, די שווערסטע אַרבעט: זיי האָבן אויפֿגעבראָכן דעם ערשטן גראָבן צווישן דער „פֿאַרגאַנגענהייט" און צווישן דעם „איצט", און האָבן פֿאַרוואָרפֿן איבער אים די ערשטע בריקן. דורך דעם האָבן זיך אָפּגע־רייניקט אַ סך נײַע שטעגן פֿאַר יענע, וואָס זײַנען געקומען נאָך זיי, שטעגן פֿון וועלכע זייערע טאַטעס האָבן ניט געוואוסט. פֿיל אָדערן פֿון פּאָעזיע וואָס זײַנען געווען פֿאַר אונדז פֿאַרשטאָפּט — האָבן דורך זיי זיך ווידער גע־עפֿנט. זיי זײַנען געווען די ערשטע, וואָס האָבן אומגעוואָרפֿן די פֿאַרעל־טערטע טראַדיציעס פֿון אונזער משׂכּילישער ליטעראַטור און האָבן זי אַרויסגעפֿירט פֿון איר קליינקייט, די אַרבעט פֿון יעדן איינציקן פֿון זיי איז געווען אַן „עבֿודת־פּרך" און ווער קען וואָגן אָנצורופֿן זייער שׂכר? און זיבן און זיבעציק בערג הרודעס האָט יעדער איינער פֿון זיי געגראָבן, ביז ער האָט געפֿונען דאָרט אַ נאַרהאַפֿטן קערנדל, זיבעציק טעג און זיבעציק נעכט האָבן זיי געזיפּט דאָס זאַמד ביז זיי האָבן געפֿונען די פּערל. מיט זייער גרויסן כּוח און מיט וואונדערלעכן געדולד האָבן זיי אַרויסגעראַטעוועט פֿון „דאָס אַלטע" אַלץ וואָס האָט אין זיך אַ לעבנסזאַפֿט פֿאַר דאָס נײַע. דאָס איבעריקע איז באַהאַלטן געוואָרן פֿון זיך אַליין, ווי טרוקענע ביינער פֿון אַ טויטן גוף. דורך זייער צײַט איז די ממשלה פֿון דער „מליצה" געוואָרן קלענער. דער פּסוק איז שוין ניט געגאַנגען פֿאַר זיי ווי דער שטעקן פֿאַרן בלינדן, נאָר ער איז נאָכגעלאָפֿן הינטער זיי און געקלימפּערט. דערווײַל איז דורך זיי באַשאַפֿן געוואָרן אַן עכטע ברייטע און פֿילפֿאַרביקע העברע־אישע שפּראַך, אַ שפּראַך וואָס האָט אין זיך אַ ריח פֿון לעבן, און דערווײַל האָט זיך אויסגעבעסערט דער געשמאַק פֿון לייענער און פֿון העברעאישן שרײַבער און אין זייער האַרץ האָט זיך אָפּגעראַמט אַ פּלאַץ פֿאַר נײַע לי־

טעראַרישע פֿאָדערונגען. זיי, די גרויסע אידן, האָבן געזוכט און געפֿונען אין אונזער ליטעראַטור און שפּראַך יענע אַלטע פּלעצער אין וועלכע עס האָט נאָך געקלאַפּט דער דופּק — און זיי האָבן פֿאַרגעזעצט פֿון דאָרט און ווייטער דעם לעבנספֿאָדים. די גייסטיקע פּרוכטן פֿון די דאָזיקע האָבן געזויגן פֿון צוויי זייטן מיטאַמאָל: צו איינציקע טראָפּנס פֿון אויבן און אַנטקעגן דעם צו צוויי טראָפּנס פֿון אונטן. פֿון אונטן — האָבן די וואָרצלען פֿון זייערע שאַפֿונגען זיך דורכגעשפּאָלטן און פֿאַרלאָרן געוואָרן אין דער פֿינצטער אין דער טיפֿעניש פֿון אונזער נאַציאָנאַלן גייסט, אין באָדן פֿון דער אַלטער אידישקייט, אַ פּלאַץ וואו הקדוש ברוך הוא האָט צוגעגרייט פֿאַר זיי „צוויי שטיינער" פֿון וועלכע צו זויגן: דעם תּנ"ך און די תּלמודישע און קאַבאַליסטישע אגדה; און פֿון אויבן האָבן זיך זייערע צווייגן אויסגעשפּרייט און זיך אויסגעצויגן אין דעם חלל פֿון דער וועלט, זיך געשפּייזט פֿון דער לופֿט און פֿון דעם גייסט, פֿון לעבן פֿון פֿאָלק און פֿון לעבן פֿון מענטשן.

די זיינען געווען די ערשטע „אויפֿרייצער" אין אונזער לעבן, די פֿאַרמיטלער צווישן אונז און צווישן נאַטור און לעבן. זיי האָבן הונגעריק און דורשטיק געמאַכט ס'האַרץ פֿונם אידן נאָכן לעבן און זיין שיינקייט און אין דער אייגענער צייט אויפֿגעריסן אַ פֿענסטער אַנטקעגן אים: קוק! פֿון זייער אָטעם איז פֿאַרברענט געוואָרן דאָס שפּינוועבס, וואָס האָט פֿאַרצויגן די ברעמען פֿון יענע, וואָס האָבן נאָך געדרימלט אויף די צעפֿוילטע שטיקער פֿון זייערע נשמות און אַ ליכט־שטראַל האָט אַ קלאַפּ געטאָן אויפֿן וויסטן האַרץ און אים אויפֿגעבראָכן. און באַלד איז באַשאַפֿן געוואָרן די צווייטע כתה פּאָעטן: די הונגעריקע און די דורשטיקע גופֿא. דאָס יצר־הרע „שטויב" וואָס האָט זיך אויפֿגעהויבן דורך די פּיס פֿון אונזערע רביים ווען זיי זיינען געגאַנגען אין בית־המדרש — האָט געטאָן דאָס זייניקע: פֿאַר די תּלמידים האָבן אויפֿגעשפּראָצט נייע וועגן, אַ שיין פֿעלד, אַ שיינער בוים און אויך אַ שיינע צורה — און קליינע ליכטלעך זיינען אויפֿגעגאַנגען אין זייערע אויגן. זיי אַלע אויף איין מאָל האָבן געווענדט זייערע פּנימער צום ליכטיקן אויפֿגעריסענעם פֿענסטער און זייער פֿאַרחלומטן בליק פֿאַרהאַלטן אויפֿן זוים פֿון הימל. אַ נייער צער און באַהאַלטענע בענקענישן זיינען אַריין אין זייער האַרצן: אַ צער אויפֿן עלבון פֿון זייער לעבן, וואָס געפֿינט זיך דאָ, און בענקענישן נאָך עפּעס אַ שענער לעבן, וואָס געפֿינט זיך ערגעץ אין די מרחקים דאָרטן, גאָט ווייסט וואו... די בענקענישן נאָך דער שיינקייט פֿון ווייטן לעבן און דאָס געשריי נאָך „לעבן" — דאָס איז דער הויפּטמאָטיוו פֿון דער יונגער פּאָעזיע פֿון יענער צייט. זע בערדיטשעווסקי, פּיי־

ערבערג, און אַנדערע. ס׳איז געווען אין דעם דאָזיקן געשריי עפּעס פון גע־בורסטסווייען. אַזוי שרייען אודאי גראַזן און וואוקסן, אין דער מינוט, ווען זיי קומען אַרויס צום אויר־העולם. אַ ניי ליד האָט געהאַלטן ביים געבוירן ווערן, „דאָס ליד פון יחיד״ און אַ דריטע כּתּה איז באַשאַפן געוואָרן, די כּתּה וואָס „באַצווינגט מיט שטורעם״.

אין געשטאַלט פון „בחור וואָס לאָזט זיך אַרונטער פון באַרג״ איז גע־קומען צו אונז דאָס ליד פון די דאָזיקע, און ס׳איז ניט געקומען בּרבּים. ייִנגערע פון זייערע ברידער און פרייערע פון זיי און גליקלעכערע פון זיי — איינציקווייז, איינציקווייז, פון אַן אַנדער זייט און פון אַן אַנדער וועלט זייַנען זיי געקומען, מיטן פּאַק פון נייעם לעבן אויף זייערע פּלייצעס. אָט דאָס לעבן און טאָקע פון יענע מרחקים. זייער וועג איז געווען געפּלאַסטערט און זייער טראָט — לייכט און זיכער. זייער געשטאַלט איז ניט געווען געבויגן אונטערן הויקער פון דער לאַסט פון ירושה. פון אירע צען מאָס האָבן זיי אפילו קיין הייפל ניט מיטגעבראַכט. זייער צובונד צו דאָס אַלטע איז שוין געווען לגמרי איבערגעריסן און אַ קופּע פון טראַדיציעס האָט זיך זיי ניט נאָכגעשלעפּט פון הינטן. דעם „פּסוק״ האָבן זיי ניט געקענט און ניט גע־וואָלט קענען. זיי האָבן אים געפונען אַוועקגעוואָרפן אויפן וועג — און זייַנען איבער אים אַריבערגעשפּרונגען, אַזוי אַז אַן זייערע פיס האָט זיך קיין זאַך ניט צוגעקלעפּט. דערפאַר זייַנען אַרונטער מיט זיי צען מאָס פון פרישער יוגנטפרייד און יוגנטלעכער גבורה. ווי „ריטערס״ פון דער ווייט זייַנען זיי געקומען, מיט שטאַרקע פויסטן און לאַנגע קוטשמעס, און גע־שטורעמט די מויער, וואָס איז שוין, אמת, געווען איינגעבראָכן פון די פריערדיקע „רויבער״. די דאָזיקע האָבן ניט געזונגען, ווי דער שטייגער איז ביי אידן, פון פּיין און שוואַכקייט — נאָר פאַרקערט, מעשׂה גויים, פון אַ סך כּח און איבערפלוס פון קרעפטן, דאָס איז געווען „דאָס ליד פון דעם וואָס לעבט אויף דער ערד״, דאָס געשאַל פון גבורה פון לעבן גופא — דאָס געשאַל פון טשערניכאָווסקי.

ווי אַ מעכטיקער טייך האָט דאָס דאָזיקע שטאַרקע געזאַנג זיך אַריינ־געריסן אין פעלד פון אונזער ליטעראַטור און פאַרשלעפּט מיט זיין פרילינג־גערויש זייַנע אַלע צאַמען. וואו איז אַהינגעקומען דער דגש? און וואו איז דער מלעיל? און וואו זייַנען די עלף זילבן? פאַרפלייצט געוואָרן איז זייער פעלד! — און רעכט אויף זיי! אַנשטאָט דעם דגש — אַ גאָלדן שטערנדל אין הימל און אַנשטאָט דקדוקי־עניות — די שטראָמען פון לעבן און זייער רויב.

אָט דער פֿלייצנדיקער שטראָם האָט לכתחילה פֿאַרשאַפֿט גרויס צער דער אַלטער גוטער זקנה —אונזער שפּראַך: די מעשים פֿון אירע הענט טרינקען זיך — און זיי זאָגן שירה. די שלעכטע אייניקלעך האָבן זי איבער־געבעטן מיט נייע שטאַרקע ניס, פֿון יענע — וואָס וואַקסן ניט אין ארץ־ישראל. גאָר אַ סך האָבן אירע שוואַכע ציינער באַדאַרפֿט זיך אָנשטרענגען צו צעקנאַקן די דאָזיקע ניס, אָבער נאָכדעם ווי זי האָט זיי שוין צעקנאַקט — איז זי געבליבן צופֿרידן. און אָפּטמאָל האָט זי אויך געקייט דאָס האַרטע „שאַלעכץ" צוליב דעם זאַפֿטיקן „יאָדער". אַביסל האַרט, אַביסל ניי, אַביסל פֿרעמד — איז וואָס? דער עיקר איז דאָך דער תּוך. און דאָס געזאַנג פֿון „פֿויסט און קוטשמע", וויבאַלד זיין יונג און מעכטיק קול האָט זיך צעקלונ־גען — האָט זיך שוין מער ניט אָפּגעשטעלט, נאָר, אדרבא, פֿאַרקערט, איז שטאַרקער געוואָרן, האָט זיך אויסגעשפּרייט, ביז ס'האָט גאַנץ אָפּט פֿאַר־שלונגען אויך די ברענענדיקע תּפֿילה פֿון דער האַנט וואָס איז אויסגע־שטרעקט צום הימל און דאָס גרויסע קלאַגליד פֿון „קאָפּ, וואָס איז צוגע־דעקט מיט אַש"...

און דערווייל איז געקומען די פֿערטע כּתּה און האָט גענומען זאָגן שירה: כּהן, שטיינבערג און דער סאָמער לעצטער: שניאור — אַ שיינער דור פֿון אוראייניקלעך. די דאָזיקע האָבן שוין געפֿונען אַלע פֿעסטונגען איינגענומען פֿאַר זייערע אויגן און זיי האָבן ניט פֿאַרשווענדט זייערע ערשטע כּוחות אויף „העלצער און אויף שטיינער", נאָר די כּוחות זייַנען געוועזן אין גאַנצן אָפּ־געגעבן נאָר פֿאַר זיך אַליין. זיי האָבן שוין ניט באַדאַרפֿט, ווי זייערע זיי־דעס, זיך לאָזן אין פֿעלד אַריין „אויפֿצוקלייבן שטרוי" — זיי זיינען שוין אַרויסגעגאַנגען מאַכן אַ שפּאַציר צווישן די זאַנגען, זיך אָנשעפּן מיט פֿריי־שער לופֿט און קלעטערן אויף די בערג. זיי האָבן שוין אויך ניט באַדאַרפֿט אַרונטערטוּכן אין מוטנעם וואַסער אויפֿצוהויבן פֿון דאָרט אַ שערבל, מחמת ספֿק, אפֿשר וועלן זיי געפֿינען אַ פּערל. יעדע פּערל און ספֿק־פּערל זיינען שוין אויפֿגעהויבן געוואָרן דורך אַנדערע טויכער און זיי, די אוראייניקלעך, האָבן זיי שוין געפֿונען גרייט, אָנגעהויפֿנט אין אַ שיסל אויפֿן טיש. זייערע קליינע פֿינגער האָבן נאָך אין זייער קינדהייט געקלינגלט און געדרעשט מיט זיי, ווען זיי האָבן זיך געשפּילט ביי די זיידעס אויף די קני, געלערנט פֿון זיי דעם אַלף־בית, און בדרך־אגב אויסגעפֿליקט אַ ווייסע האָר פֿון זייער באָרד. ווען זיי זיינען אַרויס אויף דער וועלט האָט אַ מזלדיקע שעה זיי צוגעשפּילט: די גאַנצע לופֿט איז געווען פֿאַרשמעקט פֿון אַ ריח־גאולה. מיט אַ קרים אויף די ליפּן האָבן זיי אַרויסגעלאָזט פֿון מויל די דאָרע, מאַ־

גערע ברוסט פֿון „דאָס אַלטע" און צוגעפֿאַלן דורשטיק צו די „אייטערס" פֿון אונזער נייער ליטעראַטור, וואָס זיינען דערווייל אָנגעפֿילט געוואָרן מיט לעבעדיק מילך. און זייער געבענטשטע נשמה האָט געזויגן פֿון אַלע קאַנאַלן מיטאַמאָל. דער דם־התמצית איז פֿאַרשלונגען געוואָרן אין זיי בלויז נאָך דעם, ווי ער איז אַרויס געלייטערט דורך די דאָזיקע קאַנאַלן. ווען זיי זיינען אַריינגעקומען אין בית־המדרש פֿון אונזער נייער ליטעראַטור האָבן זיי שוין געפֿונען אפֿילו גרייטע טראַדיציעס, ניט קיין אָפּגעשמאַקטע טראַדיציעס, נאָר לעבעדיקע, וועמעס, נאָך לעבעדיקע באַשאַפֿערס זיינען געשטאַנען איבער זיי און זיי יעדע מינוט קאָרעגירט. דאָס „נייע" וואָס איז אַריינגעבראַכט געוואָרן פֿון דרויסן — ביי יענער צייט איז שוין די פּרעמדקייט דערפֿון געווען צוגענומען און דער טעם פֿון זיין נייקייט איז נאָך ניט אויסגעוועפּט געוואָרן. זיי האָבן שוין דעריבער ניט געדאַרפֿט צעטרענצלען ניינציק חלקים פֿון זייער כּוח, ניט אויף זייטיקע אומוועגן און קליגלעבישן, אויף אונטערגראָבן זיך און זיך דורכשלאָגן דורך פֿעלזן און גראָבנס, ווי זייערע זיידעס, און ניט אויף שטורעמען און איינברעכן און אויפֿגיין אויף דער מויער, ווי זייערע גרויסע ברידער. זייער מזל האָט זיי ניט פֿאַרמשפּט צו שווערער אַרבעט מיט דער האַק — פֿון די, און ניט צו דער אַרבעט פֿון „ריטער" מיטן שפּיז — פֿון יענע. זייער כּוח איז געבליבן ניי און פֿריי פֿאַר זיך אַליין, פֿאַר זיך און פֿאַר זייער לעבן. דאָס לעבן זייערס און די נשמה זייערע — זיינען געוואָרן די הויפּט־קאַנאַלן פֿון זייער שפּע. זייער ליד דעריבער האָט געקענט ווערן אַן אמתע בת־חורין, פֿריי אפֿילו פֿון דעם שכּרות פֿון לעבן. און אַזוי איז עס געוואָרן. דאָס ליד פֿון די דאָזיקע — דאָס איז זייער לעבן. דאָס ליד פֿון יחיד, סתם ליד, ריין פֿון יעדן ברעקל פֿון אַן אַנדערן צומיש. און דאָס איז די עכטע פּאָעזיע, סתם פּאָעזיע — און זוכט ניט פֿאַר איר קיין שום סינאָנים. ניט אומזיסט, קלינגט זי ביי אונז אין די אויערן ווי אַ רענדל פֿון ריינעם גאָלד.

יאָ, זיי האָבן זיך ניט געגריבלט אין קברים און זיך ניט געראַנגלט מיט סקעלעטן. דעריבער שמעקט ניט דער ריח פֿון טויט פֿון זייער לייב. דאָס בית־הקברות איז שוין אין זייער צייט געווען פֿאַראַקערט אין אַ פֿעלד און גאָלדענע תּבֿואה האָט שוין געפֿלאַטערט אויף זיינע בייטן. זיינען געקומען זיי, יונג, געזונט און פֿריש, מיט זייער שאַרפֿן סערפּ און אויף זייערע מיילער — „דאָס ליד פֿון שניט"...

אונזער יונגע פּאָעזיע

ג.

און די נאַציאָנאַלע פּאָעזיע?

וועלכע נאַציאָנאַלע פּאָעזיע? סתּם נאַציאָנאַלע פּאָעזיע. אַלץ וואָס ס'איז פֿון אידן געזונגען געוואָרן אין אונזער העברעאישער שפּראַך, אָדער „די נאַציאָנאַלע פּאָעזיע" מיט אַ ה' הידיעה, די נאַציאָנאַלע פּאַר עקסעלאַנץ און לויט איר ספּעציפֿישן באַגריף ביי אונז (אוי, ביי אונז!); ס'הייסט, נאַציאָנאַל שבנאַציאָנאַל, אָט די, וואָס „צו באַווייִנען אונזער בראָך איז זי אַ קלאָגפֿויגל און חלומען אונזער צוריקקער איז זי אַ האַרף"?

די „נפֿקא־מינה" איז אַ גרויסע. די יחוס־קייט פֿון אונזער „נאַציאָנאַלער פּאָעזיע" איז גענזנפֿיסלעך, אָדער, דער נאַציאָנאַלער פּיוט, ווי כ'וועל דאָס ווייטער רופֿן, איז באמת אַביסל אַנדערש פֿון דער סעקולערער פּאָעזיע. ער, דער נאַציאָנאַלער פּיוט, האָט זוכה געווען צו לעבן אַלע זיינע טעג אין איין מחיצה מיטן רעליגיעזן פּיוט און איז פֿאַרהייליקט געוואָרן מיט זיין קדושה. אַלע זיינע טעג האָט ער זיך געשפּייזט פֿון דער טאָרבע פֿון אונזער נאַציאָנאַלן אומגליק, דער רעזולטאַט פֿון אונזער ספּעציפֿישן מצב — און זיינע שפּייז זיינען געווען ביטערער פֿון מרור גופֿא. און ריכטיק האָט מען געזאָגט, ער איז געווען מער איינגייער ביים „קלאָגפֿויגל" ווי ביי דער „האַרף". צוויי טויזנט יאָר נאָכאַנאַנד האָט דער דאָזיקער „שליח־צבור" געדאַוונט פֿאַר אונזער נאַציאָנאַלן עמוד, זיין האַנט אויפֿגעהויבן צום הימל און זיין קאָפּ צוגעדעקט מיט אַש. און דאַוונען פֿלעגט ער תּמיד מיט זיין אייגענעם טלית. אַ קרוע־בלויהדיקער טלית — אָבער ניט קיין געליענער. דער ניגון — ווער רעכנט זיך דאָס מיט אַן אַלטן, געניטן און באַליבטן חזן פֿאַרן ניגון? ס'איז גענוג פֿאַר אים דער „נוסח". דאָ איז ניט דאָס האַלז דער עיקר, נאָר דאָס האַרץ, דאָס פּינטעלע האַרץ, דאָס פֿייער. גענוג פֿאַרן אַלטן ליבן חזן אַ פּאַטש טאָן מיט די הענט און זיך פֿאַרגיין אין געוויין: „אוי טאַטע, דערבאַרעמדיקער, גערעכטער!" — און אַלע הערצער ליגן פֿאַר אים צו די פֿיס, ווי אַ צעבראָכענער שאַרבן. די אור־אור־עלטערן פֿון דעם דאָזיקן מין „נאַציאָנאַלן פּיוט" זיינען אַלטע מיוחסים: „על נהרות בבל" און „נחמו נחמו" — געבריל פֿון לייב און געשריי פֿון אָדלער. די שפּעטערדיקע אַגדה האָט נאַציאָנאַליזירט לויטן אייגענעם באַגריף אפֿילו דעם „שיר־השירים", די בת־יחידה פֿון פֿלייש און בלוט אין דער פּאָעזיע פֿון אונזערע גאָר אַמאָליקע צייטן, וואָס איז אוודאי נאַציאָנאַל און אוודאי „קודש־קדשים", אָבער גאָר אין אַן אַנדער זינען. אין די צייטן פֿון קליר און זיינע תּלמידים איז אָנגעשטאַנען אַ שלעכטע שעה פֿאַרן נאַציאָנאַלן

פיוט און ער האָט גענומען „פּאַנפּען אונטער דער נאָז", ווי ער וואָלט זיך צוגעקילט און געקראַגן אַ קאַטער. פון געזונטן נאַציאָנאַליזם איז ביי אים, דוכט זיך, געבליבן גאָר ווייניק. אין די טעג פון ר׳ יהודה הלוי האָט זיך אומגעקערט צו אים זיין קלאָרער קול, און זיין האַלז האָט ווידער גענומען אַרויסגעבן פּערל, אומגעפּער, ווי „ציון הלא תשאלי", נאָר דער פּאַסאַן פון זיין באַנייטן טלית איז געוואָרן אַביסעלע אַראָביזירט. אין דער שפּעטערדיקער צייט האָט דאָס קול פון נאַציאָנאַלן פיוט גענומען זיך שפּאַלטן, געוואָרן הייזעריק, ביז ס׳האָט ניט געטויגט צו קיין אַנדער זאַך, ווי זאָגן „פזמונות און סליחות". דער טעם און כוח פון אַמאָליקן העברייער זיינען פון אים אַפּגענומען געוואָרן, ס׳איז בלויז געבליבן אין אים דער אידישער קרעכץ, און דער אידישער „אוי", אַט דער משונהדיקער גלות־קרעכץ, וואָס האָט אַ טבע צו פאַראידישן מיטן אַנריר אפילו איטאַ־ליענישע ליבע־לידער מיט זייערע ניגונים. די מערסטע רעליגיעזע פזמונים פון ר׳ ישראל נאַגאַראַ, די פזמונים מיט זייערע ניגונים, זיינען קאָפּיעס און פאַרענדערונגען פון דעם דאַזיקן מין; וואָס דער איטאַליענישער „דאָן זשו־אַן" מיטן בינטל בלומען אין האַנט זינגט צו זיין סעניאָראַ אונטערן פענסטער אין פרילינגדיקער נאַכט אויף איטאַליעניש — ר׳ ישראל נאַגאַראַ מיטן אַש אויפן קאָפּ זינגט מיטן אייגענעם נגון אין לשון קודש צו גאָט ברוך הוא און זיין שכינה ביים אָרון־קודש צו תקון־חצות... דורך דער השפעה פון קבלה און גלות האָט אַלזאָ דער נאַציאָנאַלער פיוט דערגרייכט צו אַזאַ מין משונהדיקן „גלגול". דורך אַזעלכע און אַזעלכע קרומע קאַנאַלן האָט דער־גרייכט די „שפע פון לעבן", מישטיינס געזאָגט, צום צעוויטאַקטן און גלות־דיקן פאָלק! דער אידישער קרעכץ — דאָס איז גאָר וואָס ער האָט אייגנס. פיל מינים שירים און זמירות פון פיל מינים פעלקער האָבן אידן זיך איינ־געשאַפּט דורך דעם דאַזיקן קרעכץ.. דאָס איז זייער אייגענער צוגאָב צו יעדער שאַפונג וואָס איז געכאַפּט געוואָרן פון דער לופט און דורך דעם זיינען זיי געוואָרן שותפים אין איר און האָבן זוכה געווען אין אַ זאַך, וואָס איז שוין פון לאַנג געשאַפן געוואָרן דורך אַנדערע. דער דאַזיקער קרעכץ — איז דער „אידישער סטיל" אין גלות, אין וועלכן ס׳איז קענטיק דער איד אפילו אין „בעכער" און מיר פאַרשפּאַרן זאָגן: אין זיין ליד. ס׳איז ניט קיין קרעכץ, נאָר אַ סימבאָל, אַ רמז אויף דער שכינה, וואָס איז אַפּגעטאָן געוואָרן, אויפן שאַפונגס־כח וואָס איז פאַרשוואונדן, און זי שוועבט אַ נאַקעטע אין דער לופט, אָן ממשות, אָן אַנהאַלט און זוכט אַ תיקון... זי זוכט אַ גוף און אָן אויסזען פון אַ גוף אויף וועלכן זי זאָל רוען — און

זי קלעפּט זיך צו „העלצער און צו שטיינער" אָדער זי ווערט אויסגעגאָסן אויף דער ערד. אַ איד זיצט אין די אוקראַיִנישע סטעפּעס און זינגט אַן ארץ־ישראלדיקן „מזמור" אויף אַ וואַלאַכיש־מאָלדאַוואַנישן ניגון. און וואָס האָט ער דאָרט פון זיין „היינטיקן אייגנס" — אַ לויפּיקן קרעכץ. אוי, אוי! די נשמה פון אַ הונדערט־דורותדיקן גאַנץ פאָלק ליגט איינגעשרומפּן אין איינעם אַ קרעכץ... און וואָס וועט זיין אויב ער, דער אוקראַיִנישער איד, וועט זיך פאַרגעסן קרעכצן אידיש?

און אין איין מחיצה מיטן נאַציאָנאַלן פּיוט, אָבער מיט איין שטאַפּל ני־דעריקער, איז אויסגעוואָקסן פון זיך אַליין נאָך אַ מין גלותדיקער פּיוט — די העברעאישע פאָלקישע תחינה, די נאַטירלעכע טאָכטער פון דער אַלטער נאַציאָנאַלער תּפילה און די געזונטע פּשוטע שוועסטער פון די פּייטנישע „סליחה" און „קרובה". די דאָזיקע פּשוטע באַשעפעניש, די תחינה, הויבט אָן ריידן ניט „מסוד חכמים ונבונים ומלמד דעת מבינים" — נאָר מיט פּשוטע האַרציקע ווערטער: „יהי רצון מלפניך ה׳ אלוקי ואלוקי אבותי", אָדער מיט מערער פּשטות און קורצקייט: „רבונו של עולם!" „אונזער פאָטער אין הימל!" — דאָ האָט איר ניט, ניט קיין תשר״קס און ניט קיין אתב״ש און ניט קיין אַנדערע צאַצקעס און „מעשה חכמה" פון כל־המינים געשמאַקלאָזע פּייטנים און שטאַמלער, וואָס שטייען פאַרן עמוד און מאַכן קונצן, שלינגען, ווי די אַקראָבאַטן קרומע שווערדן פון פערזן און ברוק־שטיינדלעך פון „אָץ קוצץ" און שפּייען רויכנדיקע האָלאָוועשקעס פון „לפּידי להבות", וואַרפנדיק פון מאָל צו מאָל מיט אַן אויגל אויף די „חכמים ונבונים" פון מזרח־וואַנט... דאָ איז יאָ פאַראַנען רחמים און געבעט פון אַ צעבראָכן האַרץ און נשמה, וואָס גיסט זיך צניעותדיק שטילערהייט אין שויס פון איר פאָטער אין הימל מיט אַ וואַרעם צאַרט לשון, אַ לשון פון אַ מאַמען און פון פּשוטער אמונה, אַ לשון וואָס איז נאָענט צום האַרצן און פליסט פון האַרצן. און פליסן פליסט עס שטיל, אָן אַן אָפּשטעל און אָן גראַמען — דאָך לאָזט זיך הערן פון איר אַן אינערלעכער פיינער ריטם, אַ ריטם וואָס רייסט זיך ניט איבער, אַ מין ריטם ווי פון אַ קוואַל וואָס פליסט שטילערהייט און אָן אַן אויפהער. די דאָזיקע „תחינה" איז אַ פאָלקס־שאַפונג, זי האָט אויף זיך קיין נאָמען ניט און האָט ניט קיין מחבר און זי פאַרמאָגט אַ סך, גאָר אַ סך פּערל. אַ מוסטער דערפון איז דער פרייטיק־צו־נאַכטיקער „יהי־רצון", וואָס ווערט געזאָגט צוזאַמען מיטן „שלום־עליכם". ס׳איז אין גאַנצן באַשאַפן פון דעם ריח פון דער מלכּה־שבת און פון דעם ריח פון די מלאכי־השלום. פונם ליכט אויפן אידנס פּנים און פון

זיין נשמה אין דער דאַזיקער נאַכט, ווען ער דערשפּירט זיך אַ ריינער גוף אין אַ ריינעם העמד און זיבן ליכט ברענען אויפֿן טיש און אין זיין האַרצן. ווען די הערצער זיינען געוואָרן קרום, איז די תחינה געוואָרן הפקר פֿאַר די עמי־הארצים און פֿאַר ווייבער (אין איבערזעצונג) און די אויבערשטע פֿון שטייסל האָבן זוכה געווען צום „אָץ־קוצץ". אָבער דאָ באַריר איך כלאחר־יד אַ צווייג פֿון פֿאָלקס־שאַפֿן אין קאָנטראַסט צו דער יחסנטע; אַ גרויסער געביט, וואָס גייט ניט אַריין אין היינטיקן ענין, און על־כל־פּנים, מ׳טאָר אים ניט אָפּפּטרן מיט אַ שפּרונג פֿון פֿעדער.

פֿאַרן נאַציאָנאַלן פּיוט, ווי געזאָגט, איז דער צומיש פֿון רעליגיאָזיטעט ניט אַזוי שווער געווען. אדרבא, דערפֿאַר וואָס ער האָט אַן אייגענעם צד־קדושה — דערפֿאַר האָט זיך דער זיווג על־פּי־רוב איינגעגעבן: קודש בקודש. דאָס אידישע שטאַרק־נאַציאָנאַלע געפֿיל האָט זיך תמיד געווענדט צום הימל: אין צייט פֿון צאָרן און אין צייט פֿון רצון, אין טאָג פֿון טרויער און אין טאָג פֿון פֿריידן. דער נאָמען „גאָט" האָט תמיד צוגעגעבן אַ פֿאַר־הויכענעם מעכטיקן כוח צום געשריי פֿון וויטיק און צום יובל פֿון זייער שמחה. און אויב דער נאַציאָנאַלער פּיוט איז דאָך פֿאַרמיאוסט געוואָרן, ביז דורך די לעצטע פֿאַר הונדערט יאָר איז פֿון אים געוואָרן אַ „שמאַטע" — איז דאָס דערפֿאַר, ווייל אין דער צייט איז אונזער לעבן בכלל מיאוס גע־וואָרן, אויף אַלע זיינע געביטן. אידישקייט איז איינגעשרומפּן געוואָרן ווי אַ פֿייג און איר זאַפֿטיקייט איז אויסגערונען. איר לעבנס־שפֿע איז געקראָכן און דערגרייכט צו איר טראָפּנסווייז דורך קרומע און געדרייטע קאַנאַלן — און קריכנדיק אַזוי איז עס אויסגעטריקנט געוואָרן. אין דעם לעצטן יאָר־הונדערט האָט זיך אָנגעהויבן ביי איר דער פּראָצעס פֿון פֿוילן — און פֿון צוויי זייטן מיט אַמאָל. פֿון דער אַלטער אידישקייט איז ניט געבליבן קיין לעבעדיק גליד, נאָר אַ ברעקל גרויס ווי אַן איי פֿון דעם „פֿעניקס־פֿויגל", וואָס ווערט פֿאַרברענט פֿון דעם פֿייער וואָס גייט אַרויס פֿון זיין נעסט, אָט דאָס איי פֿון וועלכן ס׳האָט זיך צום סוף אויסגעפּיקט די „אויפֿלעבונג". אַ קליין צאַרט פֿייגעלע, הויל און נאַקעט, אָבער אַ ניי יונג צוויטשער איז געקומען אין אונזער וועלט, אַ ליב צאַרט צוויטשער וואָס דערמאָנט אָן אַ קלאָרן וואַרעמען פֿרילינג־טאָג מיט צאַרטע גרינע שפּראָצן הינטער די פּלויטן... און פֿון דאָזיקן פֿריילעכן געצוויטשער איז אויפֿגעגאַנגען דאָס קול פֿון באַנייטן „נאַציאָנאַלן" פּיוט.

צוערשט איז דאָס קול נאָך געווען ווייך און שעמעוודיק (מאַנע), אָבער ביסלעכווייז איז עס געוואָרן שטאַרקער. די „האַרף" האָט זיך ווידער מזדווג

געוועזן מיטן „קלאָגפויגל״—און אַ ביי נאַציאָנאַל געזאַנג איז דערהערט געוואָרן, אַ ליד אין וועלכן ס׳איז פאַראַן דער ריח פון שאַפונג. אַ סך פון אירע קנייטשן זיינען אויסגעגלעט געוואָרן פון פריערדיקע פּאָעטן, וואָס האָבן אָפּגעראַמט דעם וועג (ק. שאַפּיראָ, דאַליצקי), און ממילא האָט זיך אויסגעברייטערט איר אויפנאַמס־אַפּאַראַט, איר תוך האָט זיך געענדערט און איר גוף האָט זיך אויסגעצערטלט. שאַפּיראָ׳ס ליד איז שוין פון אַ שעפערישער מדרגה, נאָר זיין אויסערלעכע צורה, די פאַרעלטערטע — שעדיקט אים. די מערסטע מאָטיוון פון דער באַנייטער נאַציאָנאַלער פּאָעזיע זיינען לכתחילה געווען די אייגענע וואָס פון דער אַלטער פּאָעזיע: דער טרויער פון פאָלק און זיינע האָפנונגען — אָבער נאָך דעם, ווי דו קלערסט זיך אַריין טיפער, געפינסטו אין איר אַ פונדאַמענטאַלע איבערקערעניש און אַן אינערלעכע אַנדערשקייט, אַן אָרגאַנישע. די דאָזיקע נאַציאָנאַלע פּאָעזיע איז שוין ביז אַ געוויסן גראַד באַפרייט פון רעליגיאָזיטעט. זי האָט שוין אָנגעהויבן רופן אויך צום גאָט פון דער ערד. פאַראַן אין איר עפּעס פון דער פּאָעזיע פון יחיד, עפּעס, וואָס גיט איר צו געשמאַק און פאַרב. דורך דעם איז זי געוואָרן מענטשלעכער און נאַטירלעכער, ווי פריער. אָבער דאָס מערסט פון איר אמתן כּוח, דעם שעפערישן, האָט זי צוגע־קראָגן גאָר צום סוף, פון דער ברכה פון די פּאָעטערס פון אונזער מאָדערנער ליטעראַטור און פון זייער כּוח. זיי, מיט זייער פינגער, וואָס האָט תמיד אָנגעוויזן אויפן „בוים פון לעבן, וואָס איז אייביק פריש״, האָבן אָנגעוואוינקען זיך צו שיצן אייביק אין שאָטן אָט פון דעם בוים — און זי האָט גע־פאָלגט און גאָרניט ניט פאַרלאָרן: אַ סך פון אירע פריאיקע קרעפטן האָבן זיך צו איר צוריקגעקערט. דער אינדיווידועלער „איך״ פון יחיד און דער קאָלעקטיווער „איך״ פון גאַנצן פאָלק זיינען אין איר פאַרשלונגען און אויס־געמישט צוזאַמען, און דו ווייסט ניט, וועמעס כּוח איז שטאַרקער און וועמעס — וואָגיקער: דער יחיד מאָנט דורך איר זיין „הונדערטער״, אָדער זיין פּרוטה, אַלץ לויט זיינע כּוחות, איינגעשלאָסן אין דער גרויסער סומע פון גאַנצן כּלל, און דער גרויסער סומע פון כּלל צוליב זיין „הונדערטער״. און מערער ווי זי וויינט און איז זיך מתודה — קומט זי מיט טענות און באַ־קעמפט. דאָס דאָזיקע געזאַנג־געשריי, וואָס זיין עיקר יניקה קומט פון דער ערד, ווען עס ווענדט זיך איבער־געוואַלט צום ליידיקן הימל און וויסטע טויערן — זיין צער איז גרעסער פון איוב׳ס און דעם שטן׳ס אין איינעם: אַמאָל ווערט עס פאַרוואַנדלט אין אַ ווילדן געשריי פון אַ מאַנער אָן אַ געמאָנטן און אַמאָל פאַלט עס אַרונטער און קלאַפּט זיך אָן דער ערד אָן

כּוחות, ווי אַ שווערער האַמער, וואָס איז געפֿאַלן מיט שוואונג און ניט גע־פֿונען אונטער זיך קיין קאָוואַדלע.

איצט, מיט „זון־אונטערגאַנג" (שניאור'ס ערשטע לידער־זאַמלונג האָט געטראָגן דעם נאָמען „עם שקיעת החמה" — איבערז.) איז געקומען, דוכט מיר, די צייט, ווען די נאַציאָנאַלע פּאָעזיע, מיטן ה' הידיעה, זאָל צונויפֿ־לייגן איר טלית און זאָל גיין דאַווענען מעריב ביי זיך אין הויז, ביחידות... אַלץ נאָר, וואו ס'איז פֿאַראַן דער כּוח פֿון פּאָעטישן שאַפֿן פֿון פֿאָלק און זיינע יחידים — גייט אַריין אין כּלל פֿון נאַציאָנאַלער פּאָעזיע. פֿון אידישן האָרץ גייט זי אַרויס און צום אידישן האַרץ קומט זי צוריק, און איר אַרויס־גיין ווי איר צוריקקומען מאַכט אַ רושם אין האַרץ פֿון יונגן אידן, וואָס האָט אָנגעהויבן, ווי מיר דוכט, זוכן זיין אויפֿגאַבע, ווי אַלע „הערצער" אויף דער וועלט. מיר שטייען איצט אין אַ שעה פֿון אַ „גרויסער נעילה" אין אונזער לעבן, אַ נעילה פֿון אַ גרויסן לאַנגן „יום־כּפּור" — צוויי טויזנט יאָר שטייען מיר אין תּפֿילה, שטייען און וויינען, שטייען און זיינען זיך מתודה — און מיר ווייסן ניט אויף וועמעס זינד. גענוג! מיר זיינען געפּייניקט, מיר זיינען פֿאַרמאַטערט. דער שופֿר ציטערט אין האַנט פֿון „בעל־תּקיעה". האָט נאָך אַלץ די שעה ניט אויסגעשלאָגן?...

הייסט עס, דער אַלטער בוים אונזערער, וואָס בליט מיט הפסקות, איין מאָל אין זיבן יובֿלות, האָט זיך אויף דער עלטער ווידער צוגעדעקט מיט ווייסע בלומען — וואָס מיינט עס? זיינען דאָס האַרבסט־בלומען, אָדער, פֿרילינגס־בלומען? וועלן די בלומען קומען צו פּירות און פּירי־פּירות, אָדער, דער ערשטער שטורעם וועט זיי פֿאַרטראָגן און זיי פֿאַרוויען ווי פֿלעווע?

ס'האָט אויפֿגעבליט אַ מין העברעאישע סעקולערע פּאָעזיע אין שפּאַניע — און האָט זיך ניט אָנגענומען, אין איטאַליע — און זיך ניט אָנגענומען. די נייע פּאָעזיע וואָס איז? וועט זי זיך אָננעמען, צי ניט?

איז שוין באמת צוגעגרייט געוואָרן דאָס אידישע האַרץ אין דויערנ־דיקער צוגרייטונג און די „שיינקייט" איז איצט געוואָרן פֿאַר אים אַן עכטע באַדערפֿעניש ביז צו אַזאַ גראַד, אַז אונזערע יונגע זאָלן האָבן פֿלאַק, ניט בלויז צו פֿאַרפֿלאַנצן „די שיינקייט" אין וויינגאָרטן פֿון ליטעראַטור אויף אַ קורצער שעה, וואָס זייערע פֿאַרגייער האָבן אויך געטאָן, נאָר אַריינצו־וואַקסן אין איר אָרגאַניש, אַזוי, אַז זי זאָל ווערן אַ לעבעדיקער כּוח מיט השפּעה אין אונזער וועלט; אָט דאָס וואָס האָט זיך זייערע פֿאַרגייער ניט איינגעגעבן צו ווערן דורך אַ משך פֿון פֿילע דורות, און דאָס, וואָס ס'האָט זיך

יאָ איינגעגעבן דעם „גרויסן אָדלער״ אין זיין צייט אויפן געביט פון אי־דישן געדאַנק?

ווער ווייסט? אפשר יאָ און אפשר ניט, מ׳קען אויסלייגן אויף ביידע זייטן. מעגלעך, אַז מ׳קען ניט משפטן פון דער פאַרגאַנגענהייט אויף דער צוקונפט. דאָס באַפרייען זיך פון אַלטן יאָך וועט אפשר ברענגען אַן עכטע גאולה פאַר אונזער ליטעראַטור. איצט, ווען דער העברעאישער פּיוט איז ניט מער איין האַלבער — קנעכט, און דער צווייטער האַלבער — אַן עבד־עבדים, נאָר איז דורך און דורך אַ בן־חורין — איז מעגלעך, ער זאָל זיך מער ניט צעטיילן אויף צוויי מינים, וואָס איינער פון זיי — דער סעקולערער זאָל זיך נאָכשלעפּן ווי אַ שטריקל נאָך דעם הינקענדיקן פוס פון צווייטן, נאָר ס׳זאָל ווערן איין פּאָעזיע, אַ פּאָעזיע וואָס איז דורך און דורך נאַציאָ־נאַל־מענטשלעך אויף איינמאָל, באַשאַפן פון לעבן און וואָס שאַפט לעבן.

און אפשר ניט. מעגלעך, אַז צוליב אונזער ספּעציפישן מצב — וועט אויך די דאָזיקע נייע פּאָעזיע פאַרוועלקט ווערן אויף אַ צייט און אונזער „נאַציאָנאַלע״ פּאָעזיע וועט ווידער זיך צוריקקערן צו איר זאַק און תענית. אַלץ איז ביי גאָט אין די הענט! אמת, דער שכל איז אָפטמאָל נוטה צו שרעקן: אַ פאָלק וואָס האָט ניט קיין עכט לעבן, נאָר אַ סוראָגאַט פון לעבן — איז אוממעגלעך פאַר אים, ער זאָל האָבן עכטע פּאָעזיע און קונסט, נאָר זייערע סוראָגאַטן; אָבער דאָס האַרץ —

צוויי טויזנט יאָר אין דער וויסטעניש פון אונזער לעבן קייקלט זיך מיט אונז די העברעאישע פּאָעזיע, ווי „מרים׳ס ברונים״, אַנטפּלעקט זיך און פאַרשווינדט, אַנטפּלעקט זיך און פאַרשווינדט. זי האָט אונז צו ביסלעך דערקוויקט די נשמה, אָבער קיין מאָל האָט זי אונז ניט געגעבן גענוג, כּדי זיך אָנצוטרינקען צו זאַט. מיר האָבן דאָך אפילו דעם קיזלשטיין געלעקט אין דורשט...

איז זאָל דער קוואַל געבענטשט זיין! ווען ניט ער — וואָלטן מיר אויף זיך געבעטן דעם טויט.

און איצט קומט אַ נייער דור מיט זיין נייעם ליד. דער „אַלטער ישראל״ שטייט ווידער אָנגעשפּאַרט אויף זיין שטעקן, שטרענגט אָן זיין שווער־גע־וואָרענעם אויער און האָרכט פון וויטן מיט אַ ציטערדיק־קלאַפּנדיק האַרץ — דאָס קול איז דאָס קול פון דער צוקונפט.

דאָס קול איז דאָס קול פון זיינע קינדער און די פּראַכט פון זיינע יונ־גע־לייט. זיינע גרויסע ווייטיקן האָבן געכאָוועט זייער גייסט אין פאַרבאָר־געניש און זיין פאַרצוייגענע האָפנונג האָט קראַנק געמאַכט זייער האַרץ,

אָבער, האָט אויך אויפגעלויכטן זייער נשמה. פון אים זיינען זיי אַרויס־געקומען און צו אים גייען זיי צוריק.

און ער האָט פאַר זיי קיין מורא ניט. ער וועט ניט קודם־כל בודק זיין זייערע ציצית און וועט זיך ניט שטעלן זוכן קיין „כזית" נאַציאָנאַליזם אין זייער נשמה. זיי, זיי זיינען דער נאַציאָנאַליזם גופא, אַ לעבעדיק שטיק נאַציאָנאַליזם, „אַ ביין פון דער גאולה"...

זיי רופן אַמאָל אין די נעמען פון פרעמדע געטער, כביכול, — ניטאָ וואָס מורא צו האָבן. דאָס איז אפשר דאָס איינציקע איבערבלייבעכץ פון מליצה — ס'איז גאַרנישט! זייער גאָט איז דער גאָט פון ישראל. זיין שכינה פלאַטערט מיט אירע פליגלען אויף זייער קאָפ און זיין ברכה קלאַפּט אין זייערע הערצער.

און אונזער פאָלק איז זיכער מיט זיי. זיי וועלן אים ניט אָוועקוואַרפן אויף זיינע עלטערע יאָרן און וועלן ניט אַרויסקלאַפּן פון זיין האַנט דעם שטעקן פון זיין עלטער; וואו ער וועט גיין וועלן זיי גיין, מיט אים וועלן זיי זיך פייניקן און מיט אים אין איינעם שפייען זייער גאַל און בלוט.

און ניט פון שוואַכקייט וועלן זיי אונז ניט פאַרלאָזן, נאָר אדרבא, פון פיל קרעפטן און פון שפע פון בטחון און גלויבן. ווי אין די אַמאָליקע טעג און יאָרן וועלן זיי אויפהויבן הויך די אידישע פאַרלאָזענע פענער און וועלן רוען אַרום דער מחנה פון דער שכינה. יעדער איינער וועט רוען אונטער זיין פאָן און זיי וועלן זיין די ערשטע צום קאַמף.

און אויב ס'איז אויסגעפאַלן די גזירה אויפן דור פון זיינע פאָטערס צו פאַלן אין „גרויסן מוראדיקן מדבר" — וועט ער צווישן זיינע קינדער פאַלן. אָט די וועלן ניט איבערלאָזן זייער טאַטנס אָרון אַליין און זיינע ביינער וועלן זיי ניט צעשפרייטן איבער די סטעפעס פון וויסטעניש. זיי וועלן אויך ניט מקבר זיין זיין גרויסן גייסט אין „פרעמדע תכריכים" און וועלן ניט טאַנצן ווי סקעלעטן אויפן קבר פון זיין נשמה.

אַזוינס וועט שוין מער זיך ניט פאַרלויפן! דער מלאך־הכבוד האָט שוין באַרירט אונזער שולטער מיט זיין שפיץ פליגל. יענער וואָס ווייסט פון כבוד און פון שיינקייט אין לעבן, וועט זיין נשמה ניט אָפּגעבן — ניט פאַר אַ מיאוס לעבן און ניט צו אַ שענדלעכן טויט.

און ווער ווייסט? אפשר טראָגן די דאָזיקע יונגע אין זייערע הענט דעם עליקסיר פון לעבן און יוגנט פאַר זייער אַלטן פאָלק; אפשר וועלן זיי אים אויסגלייכן זיין גוף און וועלן אַרומרינגלען זיין גרויען קאָפּ מיט וואָלקנס פון כבוד און פראַכט.

כסלו, תרס"ז.

מענדעלעס נוסח

ווילֿ מען אָפּשאַצן מענדעלען אין זיין גאַנצער גרויס אַלס ערשטער — איז גענוג צו זאָגן איין קורצן זאַץ, און מיט דעם ווערט געזאָגט אפֿשר דאָס וויכטיקסטע: מענדעלע האָט אין דער ליטעראַטור געשאַפֿן „נוסח" *).

דאָס הייסט — ער האָט אונז דער ערשטער געגעבן אַ ליטעראַרישן שאַבלאָן.

טייט ניט מיט דעם פֿינגער: סטילֿ, שפּראַך, ריטם; טייטשט ניט אויס: טיפּן, פֿאָלקס־פּסיכאָלאָגיע, נאַטור־שילדערונג, לאַנדשאַפֿט; אַוודאי איז מענדעלע גרויס אומעטום. ער איז דאָך אומעטום כמעט געווען דער ערש־טער. דאָס וויכטיקסטע אָבער, וואָס ער האָט געשאַפֿן, איז דער יסוד — און אפֿשר דער סך־הכּל — פֿון זיי אַלע: דאָס איז „נוסח"; פּשוטער, ליטע־ראַרישער נוסח.

אַ אידישע ליטעראַטור — מען שמועסט פֿון שיינער, מ'שטיינס־געז־זאָגט — האָבן מיר געהאַט אויך ביז דעם זיידן. אידן האָבן, ברוך־השם, געשריבן. זיי האָט אָבער געפֿעלט דער עיקר: נוסח.

— „ווי איז דאָס מעגלעך?" — טאַקע אַ שווערע קשיא, איך פֿרעג אויך. אָט דאָס איז טאַקע די מעשה מיט נוסח. נאָך דעם ווי ער איז געשאַפֿן, איז טאַקע שווער, כמעט אוממעגלעך, זיך פֿאָרצושטעלן ווי איז עס געווען פֿאַר אים, ווי אַזוי איז מען אויסגעקומען אָן אים?

נוסח גיט דעם קינסטלער ניט נאָר דעם פֿעסטן באָדן, אָן וועלכן ס'איז ניטאָ וואו אַ פֿוס צו שטעלן; ער גיט אים אויך לופֿט און רוים, אָן וועלכע ס'איז אוממעגלעך אָן אָטעם צו טאָן, זיך באַוועגן, איין שריט מאַכן פֿאָראויס.

יעדער קינסטלער מעג און דאַרף זיך בריהן ווי ער ווילֿ, אויף זיין אייגענעם שטייגער — אָבער אַלץ אויף דעם באָדן פֿון נוסח. אַרויסקריכן פֿון נוסח טאָר ער ניט. ער וועט דאָס ניט קאָנען — ער זאָל זיך אפֿילו שניצן און מאָלן. קריכט ער יאָ אַרויס — איז ער ווי אַ פֿיש, וואָס שטעקט אַרויס דעם קאָפּ פֿון וואַסער.

---

* אין וואָלין רופֿט מען אַזוי די „סקאַרבאָווע" מאַטיוון און דערפֿון יעדן אַנגענור־מענעם דרך.

דאָס אינדיווידועלע שאַפֿן, דאָס אינדיפֿערענצירטע ,דאָס פֿונאַנדער־גע־גלידערטע, הויבט זיך ערשט אָן שפּעטער. פֿריער מוז זיין נוסח. פֿריער מוז געשאַפֿן ווערן דער נויטיקער ליטעראַרישער שאַבלאָן, אָנגענומענע אַלגעמיין־גילטיקע, גאַנגבאַרע, פֿעסטגעשטעלטע, קיילעכדיקע „מטבעות".

און דאָס האָט ביז מענדעלען די דאָפּלטע אידישע ליטעראַטור ניט פֿאַרמאָגט. די העברעאישע ליטעראַטור האָט כאָטש פֿאַרמאָגט אַ פּסוק, אָן אַטמאָספֿערע פֿון פּסוקים. ס'ניט אמת, אַז אַ פּסוק טויג לחלוטין ניט. מען דאַרף נאָר וויסן ווי זיך צו באַגיין מיט אים. מען דאַרף נאָר קאָנען זיך אויס־דריקן אין פּסוק. ווערטער, אַלטע גוטע ברידער, פֿרייען זיך, ווען זיי באַ־געגענען זיך נאָך אַמאָל, נאָר ביי די נייע אומשטענדן. און מיט זיי אין איי־נעם פֿרייט זיך אויך דער לעזער. דער פּסוק — ווי אַלעס קלאַסישע — איז קאָנסערוואַטיוו, ער איז אָבער דער טאַטע פֿון נוסח. פֿירנדיק מיט אים אַ שטענדיקע מלחמה, מוז מען זיך דאָך שטענדיק טאַקע אויף אים אָנשפּאַרן. די העברעאישע ליטעראַטור האָט אַ פּסוק־שבכתב, ליטעראַטורן פֿון לעבע־דיקע שפּראַכן — אַ פּסוק־שבעל־פּה. דער חילוק איז אָבער ניט אַזוי גרויס ווי מען מיינט.

זי, די אידישע ליטעראַטור, האָט נעבעך קיין פּסוק אויך ניט געהאַט. זי האָט צו יענער צייט גאָר ניט פֿאַרמאָגט, טאַקע גאָר־גאָר־נישט.

נעמט אויף „טשיקאַוועס" אין דער האַנט אַ „ווערק" פֿון יענער צייט — איר וועט דאָס באַלד אַ שמיץ טאָן צוריק. ווערטער, בלינדע און שטומע ווערטער, בלאָנדזשען דאָרט אַרום ווי גרים. זיי האָבן דאָרט לחלוטין ניט וואָס צו טאָן און קאָנען פֿאַר זיך קיין אַרבעט ניט געפֿינען. האָט זיי דער „פּאַרפֿאַסער" אַנידערגעלייגט איינס לעבן אַנדערן — ליגן זיי דאָרט ווי די ליימענע גולמס, קאַלטע און גלייכגילטיקע. זיי טוליען זיך אַפֿילו ניט. דאָס זיינען צופֿעליקע שכנים, וואָס וועלן אייביק בלייבן ווילד־פֿרעמדע.

מכּוח קונסט, מכּוח שיינקייט, מכּוח אַן אינערלעכן, אָרגאַנישן לעבן, איינהייט, גאַנצקייט און מכּוח נאָך און נאָך אַזעלכע זאַכן — איז שוין גאָר קיין רייד ניט. אָבער אַפֿילו יעדעס וואָרט גענומען פֿאַר זיך, און בפֿרט יעדער זיווג פֿון ווערטער, יעדער צוזאַמענ־זאַץ — צעקריכט עפּעס, ווי אַ פֿוילס און פֿליסיקס, אונטער די פֿינגער. ס'האָט ניט קיין קיום און קיין ממשות, קיין בלוט און קיין פֿאַרב; ס'גלויבט ניט אין זיך אַליין, אין זיין אייגענעם כּוח, אין זיין אייגענעם היינט און מאָרגן. עפּעס קומט דאָס אויס, ווי דער „פּאַרפֿאַסער" זאָל האָבן געשריבן אויף קלעק־פּאַפּיר.

מעגדעלעס נוסח

געגומען האָט זיך עס הויפּטזעכלעך ניט אַזוי פון טאַלאַנט־לאָזיקייט, ווי פון דעם, וואָס דעמאָלט האָט נאָך די אידישע שפּראַך קיין נוסח ניט געהאַט. פּשוט גערעדט, ס'האָט איר געפעלט אַ דער איינפאַכער ליטעראַרישער שאַבלאָן, אַן וועלכן ס'איז אוממעגלעך זיך פאַרצושטעלן אַ ליטעראַטור. אַט דער נויטיקער און וויכטיקער נוסח, וואָס ערשט שפּעטער האָט אים דער זיידע אַליין, מיט אַזוי פיל קונסט, מיט אַזוי פיל קראַפט, מיט אַזוי פיל געדולד און ליבע, געשאַפן פאַר אַלעמען.

אַ קליינינקייט: שאַפן אַ שאַבלאָן! אַזעלכעס פאַרמאָגט צו באַווייזן נאָר אַ ריזן־גייסט. שאַפן אַ נוסח — הייסט אַפטאָן אַזוינס, וואָס דאַרף אַפּגע־טאָן ווערן דורך אַ רבים, דורך גאַנצע דורות.

קאָמבינירן אַ פאַרטיקן שאַבלאָן מער אָדער ווייניקער געלונגען — איז ניט קיין גרויסע מלאכה, אָבער שאַפן אים — דאָס שמעקט מיט „מעשה־בראשית".

שאַפן פאַר ליטעראַטור אַ נוסח — דאָס הייסט איין מאָל פאַר אַלע מאָל צוגעבן פעסטע און דויערהאַפטע פאָרמען פאַר די געפילן און געדאַנקען פון פאָלק און דערמיט ממילא אים פאַרגרינגערן דעם פּראָצעס פון זיי ביי־דע; דאָס הייסט מיטהעלפן דעם פאָלק צו דענקען און צו פילן, דאָס הייסט דיסציפּלינירן זיין גייסט, דאָס אומפאַרטיקע אין אים — פאַרטיק מאַכן; פון רויען ערץ — גאָלד אַרויסבאַקומען, און אין גאַנגבאַרע „מטבעות" עס צעשמעלצן.

און שענקען אַ „נוסח" דעם פאָלק — דאָס הייסט אומבאַמערקט אַריינ־קריכן דעם פאָלק אין מאַרך אַריין; שטילערהייט זיך אים איינבאַקן אין האַרצן. אַריינגיסן זיך, און אפשר אויף אייביק פאַרשוואונדן ווערן אין זיין נשמה, אַזוי אַז קיין בעל־שם און מכשף זאָל דערנאָך ניט קאָנען אַרויסבאַ־קומען פון דאָרט קיין איינציק שטיקעלע פון אים, פון דעם „ערשטן", — כאָטש אַ שטיקעלע פאַר אַ זכר.

דער אמתער „עובד־מאהבה", על־מנת שלא לקבל פּרס, — איז דערױ־בער דער, וואָס שאַפט אַ נוסח. זיין „השארת הנפש" איז גאַראַנטירט, אָבער אויף אַן אַנדער אופן. אַ געוויינלעכער „בשר־ודם" קאָן מיט אַזאַ „עולם־הבא" ניט צופרידן בלייבן. ער וויל אים טאַקע אַליין אָנטאַפּן מיט די איי־גענע צען פינגער...

וואָרים „נוסח" ווערט באַלד אַ הפקר־זאַך. ס'איז יעדנס און קיינעמס ניט. דער ערשטער בעל־הבית זיינער האָט ניט איבער אים אויף אַ האָר

מער קיין שליטה ווי דער לעצטער בעטלער. נוצט מען דאָס אויס — זאָגט מען דערפֿאַר קיינעם קיין דאַנק ניט. ס'איז ניטאָ וועמען.

„נוסח" — זאָגן אידן — איז „מסיני"...

נאָך מער: וואָס לענגער מען נוצט אויס דעם „נוסח", אַלץ ווייניקער לאָזט ער זיך מערקן, אַלץ ווייניקער שפּירט מען זיין אויפֿטו, זיין „מאי־קא־משמע־לן". אַזאַ טבע האָט ער שוין: ער איז געגליכן צו אַ וואַנט־זייגער. מען דערהערט אים — ווען ער שטעלט זיך אָפּ.

און אָט דאָס שטיקל אַרבעט האָט אָפּגעטאָן דער זיידע.

העכער פֿופֿציק יאָר, אַז דער זיידע מיט די ברילן אויף זיינע שאַרף־שפּיציקע אויגעלעך זיצט אין זיין פֿאָטער־שטול איינגעבויגן איבער האַלבע בויגנס און פּערלט. אַזוי לאַנג — ביז ער האָט פֿאַר אונז אַלע אויסגעפּערלט אַ שפּראַך, אַ סטיל — אַ ליטעראַטור.

פֿאַר די פֿופֿציק יאָר האָט ער אפֿשר ניט קיין סך טינט אויסגענוצט. אָבער קיין איין טראָפּעלע זיינס איז ניט געגאַנגען לאיבוד. געשעפּט עמער־ווייז פֿון דעם אייביקן שאַפֿנדיקן פֿאָלקס־גייסט, האָט ער דאָס צוריק, זיבן מאָל אין זיין אייגענעם גייסט געלייטערט, טראָפּנווייז אַריינגעפּערלט אין פֿאָלק אַריין...

איצט איז אונזער ליטעראַטור פֿעסט און שטאַרק, אפֿשר שטאַרקער אפֿילו פֿאַרן זיידן. דאָס איז דערפֿאַר — ווייל דער זיידע האָט זיך אין איר אַריינגעגאָסן. מיט זיך האָט ער זי געמאַכט שטאַרקער פֿאַר זיך. מענדעלע מיט נאָך עפּעס — איז מער ווי מענדעלע.

און אָט דעם חסד ואמת מיט אונז אַלע וועלן מיר דיר, זיידעניו, אייביק ניט פֿאַרגעסן.

וועגן חכמת ישראל

(אַ בריוו צו די רעדאַקטאָרן פֿון „דביר”)

(תּרפּ״ג — 1923)

חשובע הערן, רעדאַקטאָרן פֿון די זאַמל־שריפֿטן „דביר”.

אפֿילו, אַז איך וועל דאָס ניט זאָגן, וועט איר דאָך אַליין פֿאַרשטיין, אַז כ׳האָב געלייענט אייער אויפֿרוף מכּוח די זאַמל־שריפֿטן, וואָס דאַרפֿן דערשיינען אונטער אייער רעדאַקציע, מיט דער ברכה פֿון „שהחיינו” אויף די ליפּן. איר קענט זיך אַליין משער זיין: אַ פּעריאָדישע זאַמלונג פֿאַר אידישער וויסנשאַפֿט, געשריבן אין העברעאיש, רעדאַקטירט פֿון אַ גרופּע מערבֿ־אייראָפּייאישע וויסנשאַפֿטלער, און דערשיינט אין בערלין — איז דאָס ניט אַ „פֿינגער פֿון דער צייט?” איז דאָס ניט אַ געשעעניש, און אַ געשעעניש אויף וועלכער מ׳דאַרף מאַכן „שהחיינו”? און נאָך מער, איך שעם זיך ניט אויסצוזען ביי אייך אין די אויגן ווי אַ ישובניק און זיך מודה צו זיין, אַז דער אויפֿרוף גופֿא און איבערהויפּט זיין אָנהייב, זיינען ביי מיר אין די אויגן ניט סתּם־עפּעס אַן אויפֿרוף, ניט סתּם אַ פּשוטע רעקלאַמע וועגן דער גרינדונג פֿון נאָך אַ ליטעראַרישער אינסטיטוציע, „אַ צוגאָב צו די פֿריערדיקע” — נאָר ווי אַ „קול־מבשר” פֿון אַ נייער שטרעמונג צווישן די חכמים פֿון מערבֿ, אַ מין התחלה פֿון אַ גייסטיקער איבערקערעניש אין זייער מחנה; אַ מין גרויסער רוף פֿאַר תּשובה און געדאַנקען פֿון תּשובה פֿאַר דער גרויסער שווערער זינד, וואָס דאָס מערבֿ־אידנטום און אירע מנהיגים זיינען באַגאַנגען שוין גאַנצע דריי דורות אין באַצוג צו איינעם פֿון די הויפּט־קנינים פֿון אידישן פֿאָלק — אין באַצוג צו דער העברעאישער שפּראַך.

ווייל לאָמיר אייך אויסזאָגן באַלד וואָס איך האָב אויפֿן האַרצן, אָן קיין שום דריידלעך: ווען אַלע אונזערע נאַציאָנאַלע זינד זאָלן אַוועקגעלייגט ווערן אויף איין וואָגשאָל און די זינד פֿון שפּראַך אויף דער צווייטער — וואָלט די צווייטע אַרונטערציען. ס׳איז אַ מיאוסע זינד, וואָס קען ניט האָבן קיין כּפּרה. איך וועל ניט זאָגן קיין גוזמא: אַז יענער טאָג, וואָס דער כּוח פֿון אידישן שאַפֿן איז אויסגעריסן געוואָרן פֿון זיין לעבנס־פּלאַץ און האָט געמאַכט זיין באַשטימטע דירה אין פֿרעמדע שפּראַכן — יענער טאָג איז שווערער ביי מיר אין די אויגן וויביידע חורבנס צוזאַמען. ער

איז געגליכן צו יענעם טאָג, ווען די שכינה האָט זיך אָפּגעטאָן פֿון אידן. אַ פֿאָלק וואָס האָט צעשטערט דעם בונד פֿון שפּראַך — ווייס איך ניט, צי עס האָט נאָך אַ תּקנה. דעם הייליקסטן פֿון אַלע זיינע בינד האָט ער צעשטערט! עס האָט צעריסן מיט די אייגענע הענט די לעצטע פֿאַרבינדונג צווישן אים און זיין שכינה און זיין רוח־הקודש. פֿאַר אַלץ איז פֿאַראַן אַן אומבייט, אַחוץ פֿאַר שפּראַך. גייט אַרויס און זעט: יעדער אידישער קיבוץ אין וועלכן איר געפֿינט אַסימילאַציע פֿון שפּראַך — דער סוף זיינער איז: אונטערגאַנג. און צי דען זעט ניט דאָס מערב־אידנטום דעם אונטערגאַנג אויף זיין שוועל?

אמת, דאָס מערב־אידנטום פֿון אונזער צייט איז ניט דאָס ערשטע צו באַגיין די דאָזיקע זינד. נאָך ביים סאַמע אָנהויב פֿון גלות האָט זיך די „זינד פֿון שפּראַך" צוגעקלעפּט צו אונז ווי אַן איינגעגעסענער געשוויר, און אונז אַרומגעשמעקט, ווי אַ בייזער הונט, דורך אַלע דורות. זינט דער צייט פֿון מחבר פֿון דניאל און ביז די אַלעקסאַנדרינער און פֿון זייער צייט ביז רב סעדיה גאון, ר' שלמה בן־גבירול, ר' יהודה הלוי און רמב"ם און ווייטער אַרונטער — האָבן די פֿרעמדע שפּראַכן זיך אַריינגעשטעקט ווי דערנער אין אונזערע זייטן, אויפֿגעפֿרעסן אַ האַלבע נשמה אונזערע און צעברעקלט אונזער שאַפֿונגס־כּוח אויף ברעקלעך. און דער וואונדער איז, וואָס כּמעט אַלע יענע „זינדער" האָבן באַגריפֿן זייער זינד און פֿאַרשטאַנען די גרויסע געפֿאַר וואָס שטעקט אין דעם פֿאַרן קיום־האומה, און, ניט געקוקט אויף דעם, האָבן זיי ווייטער געזינדיקט. דורך דער השפּעה פֿון דער אַלעקסאַנדרינישער תּקופֿה איז געשאַפֿן געוואָרן אַ גאַנצע שיטה וועגן דער קדושה פֿון דער העברעאישער שפּראַך און איר מיסטישן כּוח; רב סעדיה גאון אין זיין הקדמה צום „אגרון", ר' שלמה בן־גבירול אין זיין „ענק" און ר' יהודה הלוי אין „כּוזרי" ריידן משפּטים מיט זייערע בני־דור, דערפֿאַר, וואָס זיי וואַרפֿן אַוועק זייער שפּראַך. דער רמב"ם אין איינעם פֿון זיינע בריוו איז זיך מצער און דאגהט, וואָס ער האָט דעם „מורה־נבוכים" ניט געשריבן אין העברעאיש, אומצוקערן די גזילה צו די לעגיטימע „באַלעבאַטים". זיי אַלע האָבן באַגריפֿן זייער זינד. געשריען אויף דעם — און ווייטער געזינדיקט.

און דאָך, איז דער אונטערשיד צווישן די ערשטע און די לעצטע זייער אַ גרויסער. די ערשטע האָבן אָנגענומען דאָס שלעכטס אין זיין מיעוט. „צוויי מאָל פּסוק און איין מאָל איבערזעצונג". די פֿרעמדע שפּראַך איז ביי זיי געווען ניט מער ווי אַ געהילף צו העברעאיש און האָבן זיך אין

דעם געמאַכט אַ היתר בלויז דורך נויט און צוליב באַדערפֿעניש פֿון דעם מאָמענט. זיי האָבן זיך ניט צוריקגעהאַלטן פֿון שרייבן זייערע ווערק אין אַ פֿרעמדער שפּראַך, אָבער זייערע בעסטע שאַפֿונגען, און ספּעציעל יענע, וואָס זיינען געווען באַשטימט פֿאַרן גאַנצן פֿאָלק, — יענע זיינען געשריבן געוואָרן אין העברעאיש. און אַפֿילו יענע, וואָס זיינען לכתחילה געשריבן געוואָרן אין פֿרעמדער שפּראַך — איז ווי נאָר דאָס פֿאָלק האָט באַגריפֿן זייער חשיבות, האָבן זייערע מחברים און בני־דור געאיילט צו באַפֿרידיקן דעם וואונטש פֿון פֿאָלק און איבערצוזעצן די ווערק אין העברעאיש. על־כל־פּנים, זיי האָבן קיינמאָל ניט אָפּגעגעבן העברעאיש ווי אַ פֿאַרפֿאַלענע זאַך, און געוויס האָבן זיי זיך ניט אָפּגעשיידט פֿון איר מיט אַ בייזוויליקער כּוונה, דורך אַן איינגעשטעלטער שיטה, דורך אויסערלעכע מאָטיוון און פֿרעמדע אַבזיכטן.

אָבער ניט אַזוי זיינען די לעצטע. די דאָזיקע האָבן פֿאַרראַטן דאָס לשון פֿון זייער פֿאָלק דורך „וויסן און אויסוואַל”. זיי האָבן געלייקנט אין דעם עיקר פֿון שפּראַך. זיך יאָגנדיק נאָך די אָרימינקע „רעכטן”, האָבן זיי קיין מורא ניט געהאַט צו צעברעכן מיט די אייגענע הענט דעם לעצטן פֿוס, וואָס איז איבערגעבליבן פֿון אונזער נאַציאָנאַלן טראָן. און זיי האָבן ניט געהאַט קיין שכל און פֿאַרשטאַנד צו וויסן, אַז אַ פֿאָלק באַזיצט ניט קיין גרעסערן זכות, קיין גרעסער גליק, ווי צו טראַכטן און שאַפֿן אין זיין אייגענער שפּראַך. זיי, זיי זיינען דאָס די טאַטעס פֿון דער משונהדיקער געמישטער באַשעפֿעניש, די טאָכטער פֿון מערב־אידנטום, וואָס טראָגט דעם נאָמען „אידישע וויסנשאַפֿט אויף פֿרעמדע שפּראַכן” — אַ באַשעפֿעניש, וואָס האָט צו זיך קיין גלייכן ניט ביי קיין שום אַנדער אומה ולשון. צו אונזער קערפּערלעכער צעריסנקייט איז פֿון איצט אָן צוגעקומען די גייסטיקע צעשפּאָלטנקייט: די איין־און־איינציקע אידישע נשמה איז צעריסן געוואָרן אויף צען שטיק און די אידישע תורה איז צעשפּליטערט געוואָרן אויף צען תּורות. אַן אייזערנע וואַנט האָט זיך אַוועקגעשטעלט צווישן פֿאָלק און זיין שכינה און איר בת־קול דערגרייכט צו אים ניט אַנדערש, ווי דורך דער טעמפּער וואַנט פֿון דער פֿרעמדער שפּראַך. עס איז בטל געוואָרן ביי אידן די איינקייט פֿון גייסט און עס האָט זיך אָפּגעשטעלט די קאָנצענטראַציע און צונויפֿזאַמלונג פֿון אַלע נאַציאָנאַלע שעפֿערישע כּוחות אין איין רעזערוואואַר. דאָס „כּנסת־ישראל” האָט זיך פֿאַנאַנדערגעטיילט און ווידער זיך צעפֿאַלן אין באַזונדערע שבטים, ווי אין די צייטן פֿון מדבר. אַנשטאָט דער גייסטיקער אַרבעט פֿון איין גאַנץ פֿאָלק, צונויפֿגענומען אין גאַנצן אונ־

טער די פֿליגלען פֿון איין שכינה, וואָס זאָל זיין אַ פֿאַרצווייגטע פֿיל־פּנימ־
דיקע אַרבעט, אַן אַרבעט, וואָס זאָל זיך צום סוף צונויפֿרעכענען צו איין
גרויסן נאַציאָנאַלן חשבון פֿון אַ גרויסער שיעור־קומה — אַנשטאָט אַזאַ
גאַנצער און פֿאַראייניקטער אַרבעט געפֿינט איר פֿון איצט אָן נאָר שטיק־
לעך און ברעקלעך, פּיצלעך פֿון שאַפֿונג און צעבראָכענע לוחות פֿון איינ־
צלנע שבטים, וואָס גייען ניט אַריין אין קיין שום חשבון. די דאָזיקע לעצ־
טע, ווען זיי האָבן אויסגעטראַכט עפּעס אַן אַבסטראַקט אידנטום, עפּעס
אַזוינס וואָס האָט קיין גוף ניט און ניט קיין אויסזען פֿון אַ גוף, האָבן באַ־
טראַכט די שפּראַך פֿון זייער פֿאָלק ווי סתם אַ כּלי, ווי אַ טפֿל צו דעם איינ־
האַלט, ווי אַן אויסווערטיקן לבוש, וואָס מ׳קען פֿאַרבייטן. און זיי האָבן
ניט באַגריפֿן, אַז די שפּראַך גופֿא איז דאָס איינציקע „גייסטיקע געשטאַלט״
פֿון דעם גייסט, אַז זי איז די איינציקע ממשות פֿון דעם דאָזיקן גייסט. אויב
אַ פֿאָלק פֿאַרמאָגט וועלכע ניט איז אייזערנע ווערטן, אויב עס האָט זיין
„אייביקע ערד״, אַן ערד וואָס שווינדט ניט פֿון אונטער די פֿיס און וואָס
ווערט ניט אָוועקגערויבט — איז דאָס ניט קיין אַנדער זאַך, ווי זיין שפּראַך.
דאָס איז זיין „עץ־החיים״, וואָס בלייבט אויף אייביק, דאָס איז זיין קרן־
קימת, און די אַנדערע קנינים זיינען די פּירות פֿון בוים, וואָס ווערן אויפֿ־
געגעסן. גלויבנס און אידייען קענען זיך ענדערן, „אפֿילו די מצוות וועלן
לעתיד־לבוא בטל ווערן״ — און אויב זיי האָבן אַ האָפֿענונג אויף „השאָרת־
הנפֿש״ און אויף אייביק לעבן, וועט דאָס אויך ניט פֿאַרקומען אַנדערש, ווי
בלויז אין און דורך דער שפּראַך. און וואָס איז שפּראַך גופֿא, אויב ניט
קאָנצענטרירטער און קריסטאַליזירטער גייסט ? אַ אידישער מענטש, אפֿילו
אויב ער לייקנט אַלץ אָפּ — נאָר ווי באַלד די שפּראַך פֿון זיין פֿאָלק באַ־
הערשט זיין גייסט און פֿליסט אין זיינע אָדערן — געפֿינט זיך איבערגוואַלט
אין אברהם אבינו׳ס שויס. באַוואוסטזיניק און אומבאַוואוסטזיניק בויגט ער
זיך פֿאַרן פֿאַרהוילענעם שר־האומה און איז אונטערטעניק צו די געדאַנקען
און געפֿילן פֿון זיין פֿאָלק. ווייל צוזאַמען מיט שפּראַך ווערט איינגעזאַפּט
אין זיין לייב און איינגעשלונגען אין זיין געביין דער גאַנצער קווינט־עסענץ
פֿון גייסטיקן לעבן פֿון אַלע דורות. אָבער יענע, וואָס האָבן אויסגעטאָן
דעם גייסט פֿון זייער פֿאָלק נאַקעט און אים צוגעגרייט פֿאַר אַסימילאַציע,
וואָס איר סוף איז: אונטערגאַנג — אפֿילו אויב זיי זיינען מודה אין דער
גאַנצער תּורה, אויף זיי קען געזאָגט ווערן: גייסטיקע משומדים. „איבער־
געזעצטע אידישקייט״ — איר היזק איז אַלע מאָל גרעסער פֿאַר איר שכר.
ניט אומזיסט האָט ארץ־ישראל אויפֿגעציטערט פֿיר הונדערט מייל אויף פֿיר

הונדערט מייל צוליב דעם תרגום יונתן און אַ חושך האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויף דער וועלט צוליב דער גריכישער איבערזעצונג אין איר צייט. „יענער טאָג — קלאָגט זיך די אגדה — איז געווען ערגער פאַר אידן, ווי דער טאָג ווען דער עגל איז געמאַכט געוואָרן." — „ווי דער טאָג פון עגל?" „ווי דער טאָג ווען ביידע ירבעמס עגלס זיינען אויפגעשטעלט געוואָרן" — האָט באַדאַרפט געזאָגט ווערן. די ביידע מעשים האָבן איין מיין און איין רעזולטאַט. טראַכט זיך אַריין, וועט איר אויסגעפינען. די אינערלעכע אינטימע באַציאונג צווישן דעם מענטשן און זיין גייסטיקן אינהאַלט, דער טיפער באַהאַלטענער בונד צווישן זיי, קומט ניט אַנדערש ווי דורך דער שפּראַך, וואָס ווערט איבערגעגעבן פון טאַטעס צו קינדער, איין דור פון צווייטן דור. דאָס איז די אמתע תורה שבעל־פה וואָס באַשטימט דאָס אייביקע לעבן פאַר דער תורה־שבכתב און באַשטראַלט זי יעדע רגע מיט אַ ניי ליכט. דער וואַרעמער לעבעדיקער אָטעם פון פאָלק ציט אַן אָפּשטעל פון שעה צו שעה און מינוט צו מינוט אין דער תורה־שבכתב זי אויפצולעבן, זי צו באַנייען און דערהויבן. אָן אַ לעבעדיקער שפּראַך אין האַרצן — האָט דער כתב קיין חיות ניט, האָט ניט קיין אויפשפּראָץ און אויפבלי און האָט ניט קיין גייסטיקע דערהויבונג. „ווייל לויט די דאָזיקע זאַכן האָב איך מיט אייך געשלאָסן אַ בונד — דאָס איז די תורה־שבעל־פה", און אויף איר איז דאָס געזאָגט געוואָרן: „אַז זי איז אייער קלוגשאַפט און פאַרשטאַנד פאַר די אויגן פון אַלע פעלקער". די תורה־שבכתב — אויך דער תלמוד און די שפּעטערדיקע ליטעראַטור אַריינגערעכנט — אַט די תורה וואָס איז אין גאַנצן געוואָרן „פאַרגאַנגענהייט", אַט די וואָס ליגט אַ פאַרחתמעטע אין די פאָליאַנטן, אַט די וואָס דינט פאַר אַן אָביעקט פון פאָרשונג פאַר דער טרוקענער וויסנשאַפט — אַט די תורה איז דאָך שוין אַרויס פון אידישן רשות־היחיד אין דעם גויאישן רשות־הרבים. און מיט וואָס האָבן זיי, די איבערגעזעצטע אידן, אַ גרעסערן זכות אויף איר פון אירע גויאישע פאָרשער? און וואָס פאַראַ רעכט האָבן זיי אָנצורופן אַ אידישן נאָמען אויף זייער חכמה? בלויז דער פּערזענלעכער אינטימער באַריר פון דער לעבעדיקער מסורה; אַט דער „עפּעס", וואָס לאָזט זיך ניט איבערזעצן — בלויז דאָס איז דאָס איינציקע וואָס מאַכט דעם אידישן כּוח אין חכמת־ישראל וואָגיקער און גיט אונז איבער איר דעם זכות פון אייגנטימער. אָבער, דער וואָס רייסט אַרויס דעם כתב פון זיין לעבנס־פּלאַץ און טראָגט אים אַריין אין דער גייסטיקער אַטמאָספערע פון פרעמדע שפּראַכן און נעמט זיך נאָך איבער, אַז ער איז אַ בויער פון אידישער וויסנשאַפט — דער יעניקער מאַכט זיך

אַליין צום נאַרן. חכמת־ישראל? פֿאַרוואָס, אויב אַזוי, איז די חכמה פֿון וועלהויזן, שירער און דעליטש, למשל, אויך ניט קיין חכמת־ישראל? און אויב ס'איז טאַקע אַזוי באמת — צו וואָס די גאַנצע האַרעוואַניע? און צו וואָס זיך איבערנעמען? — זאָל דעליטש בלאָזן שופֿר!

ניט אַלע בויער פֿון חכמת־ישראל, פֿון די לעצטע, האָבן געזינדיקט. יענע פֿון זיי, וואָס האָבן ניט געליטן מיט דער קרענק פֿון „רעכטן", ווי זייערע מערבדיקע חברים, האָבן זיך ניט געאײַלט אָפּצוגעבן דאָס בעסטע און דאָס שענסטע וואָס זייער פֿאָלק פֿאַרמאָגט, פֿאַר זייער פּרייז. אין די דרום און מזרח־לענדער, למשל, זײַנען אין די ערשטע טעג פֿון דער חכמת־ישראל אויפֿגעקומען וואונדערלעכע יחידים מיט טיפֿער פֿאַרשטענדעניש ווי שמואל דוד לוצאַטו, ר' נחמן קראָכמאַל און ש"י ראַפּאַפּאָרט, זיי און פֿון זייער קאַליבער; מיט זייער דינעם נאַציאָנאַלן חוש האָבן זיי זיך אָן זייער שפּראַך געהאַלטן מיט אַלע כּוחות און פֿאַרוויקלט אין איר דעם גאַנצן תּוך און די גאַנצע שאַפֿונג פֿון זייער לעבן. אָט די מענטשן פֿון הארץ און נשמה, וואָס זײַנען מערסטנס געווען ניט קיין רבנים און ניט קיין „פּאָסטעכער" און ניט קיין דיפּלאָמירטע וויסנשאַפֿטלעכע בעל־מלאכות, — נאָר סתּם תּלמידי־חכמים, וואָס לאָזן זיך טויטן אין דעם געצעלט פֿון תּורה און וואָס האַלטן זי אויף אין זייער אָרימקייט — יענע האָבן געוויס ניט גע־חלומט, אַז ס'וועט קומען אַ טאָג און די חכמת־ישראל וועט אָפּגעריסן ווערן פֿון אירע וואָרצלען. ווען זיי וואָלטן אויפֿגעשטאַנען פֿון קבר און געזען, וואָס ס'איז געוואָרן דער סוף פֿון זייער געצערטלטער טאָכטער און וואָס פֿאַרא פּנים, די טאָכטער, די מערבֿ־אידישקייט, האָט — וואָלטן זיי אַודאי געריסן קריעה און זיך געשאָטן אַש אויף די קעפּ. ווי ס'זאָל ניט זײַן, אָט די גרויסע גײַסטיקע מענטשן, דערפֿאַר וואָס זיי האָבן אָנגעשפּאַרט זייער סוכּה אָן היכל־היצירה פֿון גאַנצן פֿאָלק — געפֿינט מען נאָך אין זייערע וויסנשאַפֿטלעכע טרוקענע ווערק עפּעס אַ זאַפֿטיקייט, אַ פֿײַנעם געשמאַק, אַ אידיש וויסן און פֿילן — פֿון וועלכע ס'איז שוין קיין סימן און קיין זכר ניטאָ אין דער האַנט־אַרבעט פֿון יענע, וואָס האָבן אַריבערגעפֿירט די חכמת־ישראל אין דער פֿרעמד־שפּראַכיקער קולטור. דאָס אידישע הארץ קלאַפּט נאָך שטאַרק אין זייער שאַפֿן, און דו שפּירסט, אַז די מחברים פֿון די ווערק ווענדן זיך מיט זייער הארץ ניט צו אָן אײנציקן שבט, אָדער, צו אַ קנאַפּן מנין מלומדים פֿון „פֿאַך" — נאָר צום גאַנצן אידישן פֿאָלק, וואו נאָר ס'איז צעזייט און צעשפּרייט. און נאָך שפּירסטו, אַז זיי האָבן גע־מאַכט פֿון זייער חכמה ניט בלויז אַ „וויסנשאַפֿט", אַז זיי האָבן געזוכט זי

אויפֿצוהויבן צו דער מדרגה פֿון תורה, צום דאָזיקן גרויסן נאַציאָנאַלן באַגריף, וואָס אַנטהאַלט אין זיך די גאַנצע אידישע וועלט־רעכענונג. די פֿאָרשונג פֿון דער פֿאַרגאַנגענהייט איז זיי טייער ניט בלויז פֿאַר זיך אַליין, נאָר דערפֿאַר, וואָס זי האָט ביי זיי זיך צוגערעכנט צום חשבון פֿון דער אידישער קעגנוואַרט און צוקונפֿט; און דעריבער איז אין איר אַריינגעשפּריצט אַ לעבעדיקע נשמה, און זי האָט געהאַט אַ האָפֿענונג, אַז מיט דער צייט, ווען ס׳וועלן אויפֿקומען גרויסע גייסטיקע כּוחות, וועט זי זיך אויפֿהויבן צו דער מדרגה פֿון אַ נאַציאָנאַלן קנין. און ווייל זייער שאַפֿונגס־שפּראַך איז געווען די שפּראַך פֿון גאַנצן פֿאָלק — איז זייער השפּעה געווען אַן ערך גרעסער ווי פֿון יענע וואָס האָבן געשריבן זייער אידישע חכמה פֿרעמד־שפּראַכיק. גרעניצן פֿון לענדער האָבן ניט פֿונאַנדערגעשיידט צווישן אייגענע. אַ שטענדיקע באַפֿרוכפּערונג איז אַנגעגאַנגען צווישן אַלע טיילן פֿון דער העברעאישער ליטעראַטור און אירע שעפֿער אויף אַלע אירע געביטן און אַלע האָבן געצויגן אַ יניקה און געזען מזל־ברכה איינע פֿון די אַנדערע. די נעמען פֿון די חכמים און פֿאָרשער שמואל דוד לוצאַטו, ר׳ נחמן קראָכמאַל און ש״י ראַפּאָפּאָרט זיינען געווען באַרימט ביי די משכּילים איבער גאַנץ רוסלאַנד און די שרייבער און פּאָעטן, אד״ם, מאַפּו און מיכ״ל זיינען געווען באַליבט ביי די אויסלענדישע משכּילים. זיי פֿלעגן זיך איבערשרייבן איינע מיט די אַנדערע וועגן חכמה און ליטעראַטור, געהאַט הנאה איינע פֿון די אַנדערע דורך ראָט און טאָט, און אויפֿגעמונטערט איינע די אַנדערע צו שאַפֿונגס־אַרבעט. דאָס ליד פֿון ישראל — דער סימן מובהק פֿון פֿאָלק׳ס לעבן — און די חכמת־ישראל זיינען דעמאָלט ניט געשטאַנען אומגעקערט איינס אַנטקעגן צווייטן פּיינטלעך מיט די רוקנס, נאָר פֿאַרקערט, ס׳האָט געהערשט צווישן זיי פֿריינטשאַפֿט און אינטימיטעט, און אָפֿטמאָל פֿלעגט איינס זיך נעמען צו דער אומנות פֿון דער צווייטער. לוצאַטו האָט טייער געהאַלטן און פֿאַרהערלעכט דאָס ליד און האָט געפֿירט מיט זיין עצה די פּאָעטן פֿון זיין דור. די שטאַרקע ליבשאַפֿט פֿון דעם חכם־אָרימאַן שניאור זאַקש צום יונגן פּאָעט, דעם חולה־מסוכּן, מיכה יוסף לעבענזאָן, רירט ביז אין האַרצן. און ווייל יענע חכמים וואָס האָבן געשריבן אין דער שפּראַך פֿון זייער פֿאָלק האָבן געהאַט די כּוונה מיט זייער שרייבן זיך צו ווענדן צו זיך אַליין און ניט צו דער דרויסנדיקע וועלט, איז אויף זיי ניט געלעגן די מורא פֿון „וואָס וועלן די גוים זאָגן?״ — האָט זייער חכמה ניט באַדאַרפֿט זיין קיין געפֿעלשטע, צוליב אַפּאָלאָגעטישע טעמים און האָט זיך ניט באַדאַרפֿט איבערנעמען.

זייער חכמה האָט דעריבער געקענט זיין אַ בת־חורין, פֿריי פֿון יעטוועדער פּניה, אפֿילו פֿון איבערנעמען זיך מיט דער „פֿרייהייט" גופֿא, אָט די וואָס על־פּי־רוב שטאַמט זי אַפּ פֿון קנעכטשאַפֿט, פֿון גייסטיקער קנעכטשאַפֿט.

איך וויל ניט מאַכן קיין השערות און ספּעקולירן וועגן דאָס פֿאַר־גאַנגענע, וואָס פֿאַראַ פּנים אידישקייט וואָלט געהאַט, ווען דער דאָזיקער געדאַנקען־גאַנג, דער אידישער, וואָלט געזיגט אויך אין מערב. צום אומ־גליק פֿון גאַנצן פֿאָלק האָט דער אידישער געדאַנקען־גאַנג ניט געזיגט. דער פּראָצעס פֿון פֿאַרפֿרעמדן דעם אידישן גייסט און אים פֿאַרבייטן פֿון אינעווייניק, אָט דער וואָס האָט אין גערמאַניע געפֿונען „אַפּאָסטאָלן" און תּקיפֿע פֿאַרשטייער, ווי צונץ און גייגער און זייער חבריה — האָט זיך פֿאַר־שפּרייט פֿון קהילה צו קהילה, פֿון לאַנד צו לאַנד ווי אַ בייזע קרעץ, וואָס לאָזט זיך ניט אויסהיילן. היינט שטייען מיר שוין פֿאַר די גרויליקע רע־זולטאַטן פֿון דעם דאָזיקן פּראָצעס. צו וואָס פֿאַרמאַכן די אויגן? דער אמת מוז דאָך איינמאָל פֿאַר אַלע מאָל אַרויסגעזאָגט ווערן: נאָך גאַנצע דורות פֿון אַ רואיק באַקוועם לעבן און פֿון ברייטער בילדונג און פֿון „רעכטן" און בירגערלעכקייט און פֿון „חכמת־ישראל" און פֿון טעמפּלען און פֿון נייע סידורים און פֿון אַ פֿאַרפֿרומטער אָרטאָדאָקסיע און פֿון פֿאַב־ריקן פֿאַר רבנים — נאָך דער גאַנצער שפֿע פֿון דער דאָזיקער רייכקייט און גדולה, ליגט די מערב־אידישקייט פֿאַר אונז אַ טויטע. פֿאַרגליווערט איז איר בלוט און פֿאַרשטיינערט איז איר לייב. אָפּגעשניטן מיטן שאַרפֿן מעסער פֿון פֿרעמדער קולטור און פֿרעמדער שפּראַך פֿון לעבעדיקן נאַ־ציאָנאַלן גוף — האָט זי מער ניט געפֿונען איר וועג צום קוואַל פֿון איר עכטער יניקה און איר זאַפֿטיקייט איז אויסגערונען. די סוראָגאַטן, וואָס אירע שפּייזער און מנהיגים האָבן דערפֿונדן, כּדי זי צו ראַטעווען, האָבן ניט געהאָלפֿן, ניט דער טעמפּל, ניט דער רעפֿאָרם, ניט די „אגודת־ישראל" און אפֿילו ניט איר שטעקן און אָנשפּאַר אין „טאָל פֿון טויט", איר טרייע באַגלייטערין — די חכמת־ישראל. צי דען קען אַ טויטער לעבעדיק מאַכן אַ טויטן? די דאָזיקע „אידישע חכמה" — לאָמיר איר אויך איין מאָל זאָגן דעם אמת אין פּנים — ווייבאַלד נאָר זי האָט זיך צום סוף אָפּגעריסן פֿון לעבן און איז פֿאַרוועלקט געוואָרן פֿאַר דער צייט. ס'איז אויף איר געקומען בוכשטעבלעך: „די מכּה וואָס איז ניט געשריבן אין דער תּורה — דאָס מיינט, דער טויט פֿון תּלמידי־חכמים". אַנשטאָט אירע אבות און אירע ערשטע שעפֿער, עכטע תּלמידי־חכמים און מענטשן פֿון קוואַל, זיינען איר אויפֿגעשטאַנען אין דריטן און פֿערטן דור מענטשן־קאַרליקלעך, ברע־

קלעך־קלויבער און ביינער־נאַגער, וואָס האָבן זי פאַרוואַנדלט פון אַ חכמה אין אַ מלאָכה, און זי געמאַכט פאַר אַ האַק, אויסצוהאַקן מיט איר זייער טרויעריק שטיקל ברויט, אָן אַ שאַפונגס־פונק און אָן דער שמחה פון שאַפן. דעם לעבעדיקן, ווירקנדיקן אידן, וואָס שאַפט און באַנייט זיך, וואָס ראַנגלט זיך מיט די כוואַליעס פון ים צו דערשווימען צום ברעג—אים האָט זי ניט געקענט און ניט געוואָלט קענען. בלינד און טויב צו אַלץ וואָס ס׳טוט זיך אין דער טיפעניש פון זיין נשמה און אין דער וועלט פון דעם דאָזיקן אידן — האָט זי איינגעשרומפן דאָס פעלד פון איר ראיה אויף ד׳ אמות — ווי אַ קבר די גרויס — פון אַ טויטער „פאַרגאַנגענהייט״, אַ פאַרגאַנגענהייט, וואָס האָט ניט קיין קעגנוואַרט און קיין צוקונפט. און ווען זי האָט זיך אַראָפגעלאָזן אין קברים און בערג שמות ביז איבערן פליך האָט זי ניט געזען און ניט דערקענט דעם גרעסטן היסטאָרישן וואונדער וואָס געשעט אין אירע טעג און פאַר אירע אויגן ביי דעם גרעסטן טייל פון אידישן פאָלק — דעם וואונדער פון תחית־המתים. צי האָט אַזאַ חכמה, וואָס איז געגליכן צו אַ טויטער, דעם כוח אויפצולעבן אַ דור פון אירע גוססע קינדער?

להיפך צו דעם, האָבן די היסטאָרישע געשעענישן ביי די מזרחדיקע אידן, אין רוסלאַנד און פוילן, אַנגענומען גאָר אַן אַנדער פנים. די אידן פון מזרח־אייראָפע האָבן ניט געהאַט די זכיה, ווי זייערע באַגליקטע ברידער אין מערב־אייראָפע, צו פירן אַ לעבן פון באַקוועמלעכקייטן און פרייהייט. פאַרקערט, אַלע זייערע יאָרן האָבן זיי זיך געפלאָגט אין אָרעמקייט און זייער לעבן איז געווען פינצטער און ביטער פון שווערע אכזריותדיקע גזירות. אָבער אין זייער עלנטקייט און נויט האָבן זיי געוואוסט ווי אָפצוהיטן זייער קולטור און שפראַך. זייער ביישטייער צו דער חכמת־ישראל איז אייגנטלעך אויך גאָרנישט קליין: ר׳ שמחה פינסקער, א״א הרכבי, אַברהם עפשטיין, פאָזנאַנסקי, און נאָך און נאָך אַנדערע; אָבער אין עיקר זיינען זיי געווען פאַרנומען מיטן אויפבוי פון אידישן הויז. זיי האָבן ניט בלויז געפאָרשט די „פאַרגאַנגענהייט״, זיי האָבן זי אויך געלעבט, אויף איר יסוד האָבן זיי געבויט די קעגנוואַרט און דורך איר — די צוקונפט. זיי האָבן געטראָגן די פאַרגאַנגענהייט אויף די פלייצעס, ווי די כוהנים פלעגן טראָגן גאָט׳ס אָרון. זייער הויפט־געדאַנק איז באַשטאַנען ניט אין פאָרשן דאָס „וואָס ס׳איז געווען״ — נאָר אין שאַפן, אין נייער שאַפונג, אין לעבעדיקער באַ־שטענדיקער שאַפונג. טוט אַ קוק: ס׳זיינען נאָך קיין פערציק יאָר ניט אַריבער — און וואָס פאַראַ מזל־ברכה! קאַנאַלן פון שפע, וואָס זיינען

נעכטן־אייערנעכטן געווען צוגעמאַכט האָבן זיך פּלוצים צעעפֿנט און ס׳האָט אָנגעהויבן שלאָגן פֿון זיי מיט ניי־לעבן. די האַדוואַנקע פֿון מזרח־אייראָ־פּייאישן אידנטום, די העברעאישע ליטעראַטור, וואָס איז געווען קליין אין אָנהייב, האָט אויסגעברייטערט אירע גרעניצן, האָט פֿאַרשטאַרקט אירע כּוחות, ביז זי איז געוואָרן צום סוף אַ קוואַל פֿון ברכה און הילף פֿאַרן גאַנצן דור. עס זיינען אויפֿגעקומען שרייבער און דיכטער, אַ קולטור פֿון נייע מענטשן. זיי האָבן געטרונקען פֿון אַלע וועלט־ברינימער און אויך פֿון די לעבנס־קוואַלן פֿון זייער פֿאָלק און אים אומגעקערט זיבן מאָל אַזוי פֿיל. די העברעאישע שפּראַך איז ווידער געוואָרן אַ לעבעדיקער קוואַל; און ווען זי האָט זיך צוגעפּאַסט צו אַלע פֿאָרמען פֿון אַלוועלטלעכן געדאַנק, האָט זי גענומען אַרויסברענגען פֿון זיך אַזעלכע פֿרוכטן, וואָס קיינער האָט זיך פֿריער ניט געקענט פֿאָרשטעלן; און די העברעאישע פּאָעזיע, וואָס איז טויט־שטום געוואָרן אין מערב־אייראָפּע האָט אויפֿגעקלונגען אין מזרח־אייראָפּע אַזוי פּראַכטיק און שטאָלץ, ווי זי האָט אפֿשר קיין מאָל אַזוי ניט געקלונגען, זינט דער תּנ״ך האָט זיך געשלאָסן. פֿון דאָזיקן מעכטיקן אויפֿ־קלאַנג האָבן די הערצער זיך אויפֿגעוועקט און אַן אינטענסיווע גייסטיקע אַרבעט האָט זיך אָנגעהויבן, אַן אַרבעט וואָס איז אין גאַנצן אויפֿבוי, תּקומה און באַנייאונג. אַלע גייסטיקע ווערטן פֿון פֿאָלק זיינען ווידער אַריינגע־וואָרפֿן געוואָרן אין שמעלץ־פֿורעם און זיי זיינען אַרויסגעקומען געלייטער־טער און שענער ווי געווען, אויפֿצולעבן ס׳האַרץ פֿון פֿאָלק און אָפּצופֿרישן זיינע יוגנטלעכע כּוחות. די מויער צווישן „מענטש" און „איד" איז פֿון זיך אַליין איינגעבראָכן געוואָרן און דאָס האַרץ האָט געמאָנט „אידישקייט" און „מענטשלעכקייט" אין איינעם, אין איין כּלי. דער דור איז צוגעגרייט געוואָרן צו נעמען דעם פֿאָלקס־גורל אין זיינע אייגענע הענט. און נאָך מער, ער האָט געוואָגט צו נעמען אויף זיינע פּלייצעס דעם באַשייד פֿון זיין פֿאָלק׳ס גרויסן חלום, זיין דערלייזונג און פֿולשטענדיקע תּקומה אין זיין אייגן לאַנד.

און דערווייל, ווייל דאָס מזרח־אידנטום האָט אַזוי געאַרבעט און זיך געגרייט מיט זיין ספּעציפֿישער התלהבות פֿאַרן גרויסן טאָג — זיינען אָנ־געקומען די „געשעעענישן". פֿון די צען מאָס פּורעניות, וואָס זיינען אַרונ־טער אויף דער וועלט, האָט דאָס מזרח־אידנטום, מיט די דאָזיקע געשע־ענישן צוגענומען נייך. רויב און פֿאַרוויסטונג, טויט און אונטערגאַנג, פּעסט און הונגער. נאָך דעם אַלץ וואָס ס׳איז אויף אונז געקומען, ליגט דאָס מזרח־אידנטום צעבראָכן און צעשטאָכן, פֿאַרוואונדעט, און גייט אָפּ מיט בלוט. טויזנטער און צענדליקער טויזנטער אידן זיינען אַרויסגעריסן גע־

ווארן מיט די ווארצלען און וואנדערן ארום איבער דער וועלט צו געפינען א צייטווייליקע סטאנציע. פיל פון זיי, און צווישן זיי מאנכע פון די העב־רעאישע קולטור־טרעגער פון מזרח־איראפע האבן אויפן וועג זיך אנגע־טראפן מיט בערלין, אט יענע בערלין, וואו ס׳איז געבוירן געווארן די „השכלה" און די „חכמת־ישראל" אין זייער מערב־איראפיאישן סטיל. זיי זיינען געקומען ווי גלות־אפריכטער, פארמאטערטע און צעבראכענע; אבער אפילו אין זייער גלות האט די אידישע שכינה זיי באגלייט, און וואו זיי זאלן זיך ניט אהין טאן — האבן זיי פאר זיך אן איינציקן ציל: צום מזרח! אין א גרויסער און אנטשיידענדיקער שעה פאר אידן האבן זיך צו־נויפגעטראפן אין איין אכסניה „קרובים" וואס זיינען זיך ניט־ווילנדיק פו־נאנדערגעגאנגען. קען זיך דאס לייגן אויפן געדאנק, אז זייער באגעגעניש וועט זיין אומזיסט און אומנישט?

ס׳הארץ זאגט מיר, אז אזוינס וועט ניט פארקומען. איך בין זיכער, אז די שטארקע האנט וואס האט מיט פערציק יאר צוריק אנגענומען אונזערע מזרח־איראפיאישע ברידער פאר די האר און זיי אויפגעטרייסלט, וועט אויך געפינען אונזערע מערבדיקע ברידער און זי וועט ווידער דערנענטערן די אפגעפרעמדטע קרובים. ווען ברידער זיצן צוזאמען, אפילו צייטווייליק, איז אוממעגלעך אן א דערנענטערונג און אן קעגנזייטיקער השפעה, זיי האבן א סך צו וואס צו זאגן און וואס צו לערנען איינער ביים אנדערן. און אויב מ׳וויל זאגן, קען מען שוין ביי זיי געפינען סימנים פון איינפלוס אין פיל געביטן.

און דעריבער, ווען ס׳האט צו מיר דערגרייכט אייער אויפרוף וועגן דער זאמל־שריפט, וואס דארף דערשיינען אונטער אייער רעדאקציע, בא־טראכט איך אים פאר א קלארן סימן פון דער דאזיקער השפעה. און ניט בלויז דערפאר, וואס אין די פיל־צאליקע פאראגראפן פון אויפרוף — אפשר צום ערשטן מאל אין דער חכמת־ישראל פון מערבדיקן סטיל — איז אפגעגעבן פלאץ אויך פאר דער פארשונג פון דעם קעגנווארט פון א פאלק וואס לעבט און שאפט. די בלויזע אויסברייטערונג פון די גרעניצן זאגט שוין גענוג עדות אויף דער נייער ריכטונג; נאר, דער עיקר, די העב־רעאישע שפראך פון זאמל־שריפט און די אלגעמיינע טענדענץ פון די רע־דאקטארן, אט די וואס ווערט אויסגעדריקט אין ווייניק ווערטער, אבער פאר־פליכטן זיך אויף א סך, אין זייער קליינער הקדמה ביים סאמע אנהייב. איצט, האב איך זיך געטראכט, איז פאראן א האפענונג, אז די „חכמת־ישראל" וועט ווערן טאקע א חכמת־ישראל אן „געננז־פיסלעך". ווען זי

ח. נ. ביאַליק

וועט זיך באַהעפֿטן דורך דער שפּראַך צום קוואַל פֿון דער לעבעדיקער שאַפֿונג פֿון גאַנצן פֿאָלק — וועט זי אויך ווערן אַן אבר מן החי. אַ ניי האַרץ און אַ נייער גייסט וועלן אין איר אַריין, און זי וועט ווידער דער־שפּירן דעם האַרץ־קלאַפּ פֿון פֿאָלק און אַלע זיינע ווייטיקן און אַספּיראַ־ציעס, די אָפֿענע און די פֿאַרהוילענע. דעמאָלט וועט זי ווידער באַ־קומען אַ געזונטן חוש און אַ פֿיינעם געשמאַק און זי וועט וויסן אָפּצושיידן צווישן עיקר און טפֿל, צווישן שטויב פֿון ספֿרים און צווישן געזונטע שאַ־פֿונגען. ס׳איז ניט קיין אומגליק, אויב איר וועט אין אָנהייב ניט געפֿינען געניוג שרייבער און העלפֿער. אייער וועג איז דער ריכטיקער און ביי אייך אין די הענט ליגט דער שליסל צום האַרצן פֿון פֿאָלק — זיין לשון. אַלץ דאָס איבעריקע וועט שוין קומען ממילא, אויב ניט באַלד — איז שפּעטער. „ווייל דער וואָס איז באַהאָפֿטן מיטן גאַנצן לעבן — האָט נאָך האָפֿענונג.” און ווען דאָס אידישע וויסן וועט זיך באַהעפֿטן מיטן אידישן לעבן, קען זי זיין זיכער, אַז ניט נאָר וועט זי אַליין אויפֿלעבן, נאָר זי וועט געבן לעבן אירע אייגנטימער און צו אַלע, וואָס באַשיצן זיך אין איר שאָטן.

און מיט דעם דאַזיקן בטחון שיק איך אייך מיין ברכה: טוט און זייט מצליח.

כ״ט אייר, תרפ״ג, בערלין.

צו דער דערעפֿענונג פֿון דער העברעאישער אוניווערסיטעט

(אַ רעדע צו דער דערעפֿענונג, געהאַלטן אין יאָר תרפ״ה)

די קדושה און געהויבנקייט פֿון דעם מאָמענט גיבן זייער באַפֿעל, אים ניט צו פֿאַרשוועכן און אים ניט שאַדן טאָן מיט דער קלענסטער גוזמא און מינדסטער איבערטרייבונג. אין די אויערן פֿון אַלע פֿאַרזאַמלטע דאָ, וועלן מיר דערפֿאַר זאָגן אויפֿן הויכן קול און מיט אַן ערלעך האַרץ, אַז דאָס הויז וואָס האָט זיך מיט אַ שעה צוריק געעפֿנט אויפֿן הר־הצופֿים דורך אונזער געהויבענעם גאַסט, לאָרד באַלפֿור, איז דערווייל ניט מער ווי אַ אינסטיטוציע, וואָס זייַנע מאָגאַטן זייַנען געציילט, כּמעט ניט מער ווי אַ נאָמען. דערווייל איז עס ניט מער ווי אַ כּלי, וואָס דאַרף אָנגעפֿילט ווערן מיט אינהאַלט און זיין צוקונפֿט ליגט פֿאַרוויקלט אין אים גופֿא און ס׳הענגט אָן אין זיין מזל — און דאָך בין איך בטוח, אַז די טויזנטער אידן וואָס זייַנען דאָ פֿאַר־זאַמלט און צענדליקער טויזנטער אידן איבער דער גאַנצער וועלט — זייער האַרץ וואָס ציטערט אַצינד פֿאַר פֿרייד וועט זיי זאָגן, אַז די פֿייערונג וואָס ווערט דאָ געפֿייערט אויפֿן דאָזיקן פּלאַץ, איז ניט סתם עפּעס וואָס עמיץ, ווער ס׳זאָל ניט זיין, האָט אויסגעטראַכט פֿון האַרצן, נאָר אַ גרויסער הייליקער טאָג פֿאַר אונזער גאָט און אונזער פֿאָלק. איך בין זיכער, אַז די אויגן פֿון צענדליקער טויזנטער אידן, וואָס זייַנען אויפֿגעהויבן פֿון אַלע ברעגן פֿון גולה צום דאָזיקן באַרג, לייכטן אַצינד מיט שטראַלן פֿון האָפֿענונג און נחמה און זייער האַרץ און לייב זינגען די ברכה פֿון דאַנק צום לעבעדיקן גאָט, די ברכה פֿון שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה. זיי אַלע ווייסן און שפּירן, אַז אין דעם מאָמענט האָט ישראל אָנגעצונדן דאָס ערשטע ליכטל צו דער באַנייאונג פֿון זיין גייסטיקן לעבן אויפֿן הר־הצופֿים. היינט וועט קומען די בשורה צו אַלע אידן, וואו נאָר זיי זייַנען צעשפּרייט, אַז דאָס ערשטע פּלעקל, וואָס איז אַרייַנגעשלאָגן געוואָרן פֿאַרן בנין פֿון ירושלים של מעלה, איז אַרייַנגעשלאָגן און וועט זיך פֿון זיין פּלאַץ ניט רירן. זאָל מען זאָגן וואָס מ׳וויל: די דאָזיקע משונהדיקע אומה, וואָס איר נאָמען איז ישראל, על אפּם ועל חמתם פֿון אַלע געשעענישן וואָס קומען אויף איר פֿון טאָג צו טאָג און פֿון שעה צו שעה דורכן משך פֿון צוויי טויזנט יאָר, זי

אויסצורייסן פֿון דער וועלט מיט די וואָרצלען — די דאָזיקע אומה, זאָג איך, האָט פֿאַרשקלאַפֿט איר גוף און נשמה צו דער מלכות פֿון גייסט, ביז אין אייביקייט. דאָ, אין מלכות פֿון גייסט, דערשפּירט זי זיך אַליין ווי אַן איינגעוואָקסענער בירגער און אין דער דאָזיקער אייביקער ערד האָט זי אַריינגעשטעקט אירע פֿיס מיט איר גאַנצן כּוח — און וועט זיך פֿון פּלאַץ ניט רירן. אַלע מ"ט טויערן פֿון טומאה פֿון פֿאַרשאָלטענעם גלות האָבן זי ניט אַרונטערגעפֿירט פֿון דער דעה און אַלע מ"ט טויערן פֿון יסורים פֿון מיאוסער אָרימקייט האָבן ניט געענדערט איר עלעמענטאַרן כאַראַקטער. שענקענדיק דורך צוואַנג איר חיי־שעה צוליב איר אייביקן לעבן, האָט זי זיך אויסגעלערנט אין די טעג פֿון איר פּיין און ליידן צו אונטערדריקן די נויטן פֿון גוף צוליב די נויטן פֿון דער נשמה, מכניע זיין די פֿאָדערונגען פֿון חומר פֿאַר די גייסטיקע תּביעות פֿון גייסט. אין די גרענעצן פֿון דער דאָזיקער קיניגרייך האָט דאָס אידישע פֿאָלק געשאַפֿן זיינע קנינים און זיינע נאַציאָנאַלע אינסטיטוציעס, וואָס האָבן אים דערהאַלטן אין עלנט דורך אַ משך פֿון צוויי טויזנט יאָריקן וואָנדער און האָבן אָפּגעהיט זיין אײַנערלעכע פֿרייהייט אין זיין אויסערלעכער אַרבעט. און זיי האָבן אים געבראַכט צום לעבן און דערפֿירט צו דעם היינטיקן יום־טוב, דעם יום־טוב פֿון דער דערעפֿענונג פֿון אוניווערסיטעט אויפֿן הר־הצופֿים. די נאַציאָנאַלע שולע און אַלע אירע אָפּעקטן: דער חדר, די ישיבה, דאָס בית־מדרש — דאָס זיינען געווען אונזערע מעכטיקסטע פֿעסטונגען אין דער לאַנגער און שווערער מלחמה פֿאַר אונזער קיום, און פֿאַרן רעכט פֿון אונזער קיום אויף דער וועלט, ווי אַן אָפּגעזונדערט און פֿאַראייניקט פֿאָלק צווישן אַנדערע פֿעלקער. אין שטורעמדיקע צאָרנדיקע צייטן זיינען מיר אַנטרונען געוואָרן צווישן די ווענט פֿון די דאָזיקע פֿעסטונגען און דאָרט זיינען מיר געזעסן און געשאַרפֿט דאָס איינציקע געווער וואָס איז אונז נאָך איבערגעבליבן אין די הענט, דעם אידישן מוח, עס זאָל ניט אָנהייבן ראָסטן. אָט דער תּלמודי־שער חכם, וואָס ווען ער איז געקומען צום פּסוק וואו ס'שטייט געשריבן: „און אויך דאָס, וואָס זיי זיינען געווען אין לאַנד פֿון זייערע פֿיינט האָב איך זיי ניט פֿאַרמיאוסט און זיי ניט פֿאַראומווירדיקט" — האָט זיך אויסגעגע־דריקט מיט ביטערניש: „זיי ניט פֿאַרמיאוסט און ניט פֿאַראומווירדיקט — וואָס איז דען דעם פֿאָלק ישראל פֿאַרבליבן אין גלות, וואָס איז ניט פֿאַר־מיאוסט און ניט פֿאַראומווירדיקט געוואָרן? זיינען דאָך אַלע גוטע מתּנות, וואָס זיי האָבן געקראָגן — צוגענומען געוואָרן — וואָס איז ביי זיי יאָ גע־בליבן? די ספֿר־תּורה, וואָס ווען זי וואָלט זיך ביי זיי ניט דערהאַלטן,

וואָלטן זיי זיך מיט גאָרניט ניט אונטערשיידט פֿון די אומות־העולם״.

דער באַגריף „תורה״ האָט זיך דערהויבן אין די אויגן פֿון פֿאָלק צו אַ הויכקייט וואָס האָט צו זיך קיין גלייכן ניט. אין דער פֿאָלקס־פֿאַנטאַזיע האָט זיך די תורה כּמעט פֿאַרוואַנדלט אין אַ צווייטער עקזיסטענץ, אַן אַב־סטראַקטע און העכערע עקזיסטענץ, וואָס איז געשטאַנען ביי דער זייט און אפילו פֿאַרנומען דעם פּלאַץ פֿון דער ווירקלעכער עקזיסטענץ. די תורה איז אַריינגעזעצט געוואָרן אין סאַמע צענטער פֿון די שטרעבונגען און אַספּיראַ־ציעס, די פֿאַרדעקטע און די אַנטפּלעקטע, פֿון דעם פֿאָלק אין גלות. דאָס ווערטל „ישראל ואורייתא חד״, ס׳הייסט, ישראל און די תורה זיינען איינס, איז ניט געווען בלויז אַ ווערטל; אַ מענטש פֿון אַ פֿרעמדן פֿאָלק, וועט דאָס כּמעט ניט קענען פֿאַרשטיין און משיג זיין, ווייל אפילו דער באַגריף אַליין פֿון „תורה״, אין זיין פֿולן אינהאַלט און נאַציאָנאַלן באַדייט, לאָזט זיך ניט געהעריק איבערזעצן. די תורה לויט איר דאָזיקן באַדייט איז ניט בלויז אַ געזעצגעבונג און אַ אמונה, ניט בלויז עטיק און מצוות און חכמה און אפילו ניט דער סך־הכל פֿון זיי אַלע צוזאַמען — נאָר אַ העכערער באַגריף, אָן אַ שיעור און אָן אַן ערך איבער זיי אַלע, אַ מיסטעריעזער באַגריף, וואָס שעפּט זיינע כּוחות כּמעט פֿון די תהומען און פֿון די הויכן פֿון דער קאָסמישער השגה. די תורה איז דאָס ווערקצייג פֿון בורא עולם, דורך איר האָט ער באַשאַפֿן די וועלט און צוליב איר איז די וועלט באַשאַפֿן געוואָרן. די תורה איז געווען פֿריער פֿון דער וועלט, זי איז די הויכע אידייע און די לעבעדיקע נשמה פֿון דער וועלט. אָן איר האָט די וועלט קיין קיום ניט און האָט ניט דעם זכות פֿון קיום. „לערנען תורה איז גרעסער פֿון בנין בית־המקדש״, „תורה איז גרעסער פֿון כּהונה און מלכות״, אַ באַפֿרייטער איז בלויז יענער וואָס „פֿאַרנעמט זיך מיט תורה״, „די תורה מאַכט גרויס און דערהויבט דעם מענטשן איבער אַלע מעשים״, אַפילו „אַ געצנדינער, וואָס פֿאַרנעמט זיך מיט דער תורה איז גלייך צום כּוהן גדול״, און אַ „ממזר אַ תלמיד־חכם קומט פֿריער, ווי אַ כּוהן־גדול אַן עם־הארץ״.

אויף די דאָזיקע אידייען און באַגריפֿן האָט זיך דאָס אידישע פֿאָלק מיט זיינע יונגע און אַלטע, דערצויגן כּמעט דורך אַ משך פֿון זיבעציק דורות. אין איינקלאַנג מיט זיי האָט עס געבויט זיינע צייטווייליקע לעבנס־בנינים אין גלות, צוליב זיי האָט עס זיך געלאָזט הרגענען און אין זייער זכות האָט עס זיך דערהאַלטן. די נאַציאָנאַלע העברעאישע שולע איז גע־גרינדעט געוואָרן נאָענט צו דער צייט פֿון חורבן און האָט אָנגעהאַלטן ביז היינטיקן טאָג. פֿון אַזאַ לאַנגאָניקע דערציאונג איז אונז צוגעקומען אַ מין

זעקסטער חוש צו אַלע אָנגעלעגנהייטן פֿון גייסטיקע נויטן, אַ זייער דינער און איידעלער חוש, וואָס איז שותּפֿותדיק כּמעט צו אַלע מענטשן פֿון פֿאָלק. ניטאָ קיין איד אויף דער וועלט, וואָס די גרויזאַמע גזירה, אַז אידן זאָלן ניט לערנען תּורה זאָל אים ניט אויפֿציטערן ביזן סאַמע געביין. אפֿילו־דער אָרימסטער און מינדסטער איד האָט זיך מוסר־נפֿש געווען, אַז זיינע קינדער זאָלן לערנען און אָפּגעבן דערפֿאַר גאַנץ אָפּט אַ העלפֿט פֿון זיין פּרנסה און מער. איידער דער אידישער מענטש האָט געבעטן אויף פּרנסה האָט ער טאָג אין טאָג געבעטן ביי גאָט „און דו זאָלסט אונז באַגנעדיקן פֿון דיר מיט וויסן, פֿאַרשטאַנד און קלוגשאַפֿט“. און אונזערע כּשרע מאַמעס, ווען זיי האָבן געשעפּטשעט צו גאָט ביים ליכט־בענטשן — וואָס איז געווען זייער ערשטע תּפֿלה אין דאָזיקן הייליקן מאָמענט? „זאָל זיין דיין ווילן, אַז מיין קינד׳ס אויגן זאָלן אין דער תּורה לייכטן“. און איך בין זיכער, אַז ווען גאָט וואָלט זיך אַנטפּלעקט צו איינער פֿון די דאָזיקע מאַמעס אין חלום, ווי אַזאַ זאַך האָט שוין איין מאָל געטראָפֿן מיט שלמה המלך, און וואָלט געפֿרעגט זי מיטן לשון פֿון פּסוק: „בעט, וואָס זאָל איך דיר געבן?“ — וואָלט אַזאַ מאַמע אויך געענטפֿערט ווי שלמה אין זיין צייט: איך בעט ניט פֿאַר זיך, ניט קיין רייכקייט און ניט קיין כּבוד, נאָר, רבונו של עולם, זאָל זיין דיין ווילן, זאָלסט געבן מיין קינד אַ האַרץ צו פֿאַרשטיין תּורה און חכמה און וויסן, וואָס איז גוט און וואָס איז שלעכט.

רבותי, איר ווייסט אַלע, וואָס ס׳איז געוואָרן מיט אונזערע אַלטע נאַציאָנאַלע פֿעסטונגען פֿון גייסט אין דער לעצטער תּקופֿה און ניט דאָ איז דאָס פּלאַץ און די צייט פֿון דעם צו ריידן. מיט זייער גאַנצן אינערלעכן כּוח און טראָץ דער גרויסער ענערגיע, וואָס דאָס פֿאָלק האָט פֿאַרשווענדט אויף זייער בנין און אָפּהיטונג, זיינען זיי אין טאָג פֿון צאָרן ניט איינגעשטאַנען און האָבן קיין תּקומה ניט געהאַט. דורך דער גזירה פֿון היסטאָריע זיינען זיי צעטרייסלט און איינגעפֿאַלן געוואָרן ביזן גרונט און אונזער פֿאָלק שטייט אויסגעליידיקט איבער זיינע חורבות. דאָס איז די קללה פֿון גלות, וואָס ס׳איז ניטאָ אין אים קיין מזל־ברכה און עס קען ניט זיין קיין מזל־ברכה פֿאַר אונזער אַרבעט. אויף יעדן פּלאַץ און אין יעדער צייט האָבן מיר געזייט אַ סך און אפֿילו ווייניק ניט געשניטן. געוויינטלעכע און אומגעוויינטלעכע ווינטן, אַז זיי גייען דורך, שלאָגן זיך אָן צוערשט אָן די גייסטיקע אַרבעטן פֿון גאַנצע דורות, זיי לאָזן ניט איבער קיין צווייג און קיין וואָרצל. אַלע נסיונות און ביטערע שווערע יסורים פֿון האַרץ־ווייטיק און אָפּגענאַרטע האָפֿענונגען, דורך אַלע קובלען שמוציק וואַסער מיט וועלכע מ׳האָט

אונז ניט איין מאל אפגעגאסן דעם פנים, איז אונז ביסלעכווייז קלאר געווארן, אז אן א ממשותדיק היימלאנד, אן א נאציאנאלן רשות־היחיד, וואס זאל זיין אין גאנצן אונזערס — איז אונזער לעבן קיין לעבן ניט, ניט פיזיש, ניט גייסטיק. אן ארץ־ישראל — אן א אידיש לאנד איז ניטא קיין האפענונג פאר א אידישער תקומה. אונזער עצם באגריף פון מאטעריעלער און גייסטיקער עקזיסטענץ פון אונזער פאלק האט זיך אונטערדעסן דורך און דורך געענדערט. מיר האלטן ניט מער פון מאכן א חלוקה און צעשיידונג צווישן חומר און גייסט, ווי מיר מאכן ניט קיין חלוקה צווישן איד און מענטש. מיר פסקענען איצט די הלכה, ניט ווי בית־שמאי, אז דער הימל איז באשאפן געווארן צוערשט, און ניט ווי בית־הלל, אז די ערד איז באשאפן געווארן צוערשט, — נאר ווי די חכמים, אז ביידע זיינען באשאפן געווארן צוזאמען און דורך איין זאג און איינס אן אנדערן האט קיין עקזיסטענץ און קיין קיום ניט. אין פאלק'ס פארשטענדעניש האט היינט דער באגריף „קולטור“, אין זיין אומפאסנדיקן מענטשלעכן באדייט פארנומען דעם פלאץ פון דעם טעאלאגישן באגריף „תורה“. מיר זיינען געקומען צו דער פארשטענדעניש, אז איטלעכס פאלק וואס וויל אן עקזיסטענץ, וואס איז פריי פון חרפה און בושה, איז מחוייב צו שאפן זיין קולטור; ניט בלויז זיך באנוצן מיט איר, נאר טאקע זי צו באשאפן, מיט די אייגענע הענט, מיט זיינע כלים, מיט זיין מאטעריאל און מיט זיין אייגענעם שטעמפל. אונזער פאלק איבער דער דיאספארא — ווער קען לייקענען, אז עס שאפט זייער פיל קולטור? איך ווייס ניט, צי ס'איז פאראן אויף דער וועלט א פלאץ וואו קולטור ווערט געשאפן, וואו אידן זאלן זיך אין דעם ניט באטייליקן. אבער דערפאר, וואס דאס אידישע שאפן אין גלות ווערט פארשלונגען כמעט אלע מאל צווישן אנדערע — ווערט עס באהאלטן פון אויג און ווערט קיין מאל ניט פארצייכנט אין דער בוכהאלטעריע צו זיין קרעדיט. אונזער קולטור־חשבון אין דער וועלט איז דעריבער א חשבון פון גאלע חוב, א דעביט אן קרעדיט. דאס אידישע פאלק אין גלות געפינט זיך דעריבער אין א צושטאנד פון א ווייטיקלעכן טעות: זייענדיק אין דער אמתן און לויט אלע סימנים קולטורעל א פראלעטאריש פאלק, ס'הייסט, וואס שאפט מיט פרעמדע אינסטרומענטן און מאטעריאל פאר פרעמדע, אנטפלעקט ער זיך דאך צו אנדערע, און אמאל אפילו צו זיך אליין אין דעם געשטאלט פון א קולטור־פאראזיט, וואס האט ניט קיין אייגנס. א פאלק וואס שאנעוועט זיין כבוד וועט קיינמאל קיין שלום ניט מאכן מיט אזא צושטאנד. אזא פאלק וועט אין איינעם א טאג זיך אויפהייבן און זאגן צו זיך:

געגוג! בעסער איין מעסטל, אַ זיכערס, אין גאַנצן מיינס, איידער ניין מאָס ניט זיכערס, וואו ס׳איז אַ ספק צי ס׳איז מיינס, צי ניט. בעסער אַ שטיקל טרוקן ברויט אין מיין אייגן הויז און אויף מיין טיש, איידער די בעסטע פּאַטראַוועס אויפן פרעמדן טיש. בעסער איין קליינע אוניווערסיטעט, דערפאַר אין גאַנצן מיינע, געמאַכט דורך מיינע אייגענע הענט, פון גרונטשטיין ביז אויבן, פון טויזנטער טעמפּלען פון וויסנשאַפט, וואָס איך עס פון זייערע פּירות און מיין חלק אין זייער אויפבוי איז ניט קענטיק. זאָל מיין שטיקל ברויט זיין ווייניק און ביטער ווי אַן איילבירט, אָבער דערפאַר זאָל איך כאָטש איין מאָל דערשפּירן דעם זיסן וואונדערלעכן טעם פון דער מתנה, וואָס קומט פון די אייגענע הענט.

דורך דעם דאָזיקן געפיל האָבן מיר זיך געראַטעוועט אין דאָזיקן לאַנד. מיר זיינען דאָ ניט געקומען זוכן קיין רייכקייט, קיין הערשאַפט, קיין גדולה. דאָס דאָזיקע קליינע אָרעמע לאַנד — ווי קומען די אַלע זאַכן צו אים? מיר ווילן ניט מערער, ווי דאָ צו געפינען אַ שטיקל רשות־היחיד פאַר אונזער אַרבעט און אונזער גייסט. גרויסע זאַכן האָבן מיר דאָ דערווייל נישט אויפ־געטאָן, מיר האָבן נאָך ניט באַוויזן אָפּצוואַשן אונזערע פיס פון שטויב פון די פילע וועגן פון וואַנדער און מיר האָבן נאָך ניט אומגעביטן אונזערע אַלטע געלאַטעטע בגדים. בלי־ספק וועלן נאָך פאַרגיין אַ סך יאָרן, יאָרן פון מי און יסורים, איידער מיר וועלן אויסהיילן דאָס דאָזיקע וויסטע לאַנד פון די קרעץ פון אירע פעלזן און דעם פעסט פון אירע זומפּן. דערווייל איז פאַראַן בלויז אַ קליינע התחלה פון בויען, אָבער אפילו אין דער דאָ־זיקער ערשטער שעה, שפּירט זיך שוין דער דראַנג אויפצושטעלן אַ הויז מיט אַ דאַך איבערן קאָפּ פאַר דער גייסטיקער אַרבעט פונם פאָלק. אַזוי איז שוין די אַלטע טבע פון דער דאָזיקער אומה: זי קען ניט אויסקומען דריי טעג נאָכאַנאַנד אָן תורה. אויך אין דער דאָזיקער ערשטער שעה האָבן מיר גייסטיקע נויטיקייטן, וואָס מ׳קען זיי ניט אָפּשטופּן און מיר קענען זיך אָן זיי ניט באַגיין. אַחוץ דעם, האָבן מיר גרויסע שווערע דאגות אין באַצוג צום קולטורעלן גורל פון אונזער פאָלק, וואָס איז צעזייט און צע־שפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט. פעלקערלעך פון נעכטן־אייערנעכטן מיינען אין זייער נאַרישקייט, אַז מען קען דעם גייסטיקן דורשט אָפּטויטן, דורך אַ נומערוס קלאַוזוס, פאַר אַן אַלט פאָלק, וואָס פיר טויזנט יאָר פון תורה שטייען הינטער אים. מיר דאַרפן זיך דערפאַר צואיילן און אָנצינדן דאָ, אין לאַנד פון אונזערע אבות און געבוירנ־פּלאַץ פון אונזער גייסט, דאָס ערשטע ליכט פון תורה און וויסנשאַפט און פאַר אַלע גייסטיקע אַרבעטן ביי

אידן, איידער ס'ווערט אין די פרעמדע לענדער פארלאשן דאס לעצטע ליכט. און דאס ווילן מיר טאן אינם הויז, וואס זיינע טויערן האבן זיך היינט געעפנט אויפן הר־הצופים.

רבותי, פאראן אן אלטע לעגענדע ביי אידן, אז אין די צייטן פון גאולה וועלן די שולן און בתי־מדרשים פון גלות זיך אפרייסן פון זייער געשטעל און צוזאמען מיט זייער באדן זיך אריבערטראגן קיין ארץ־ישראל. דער בית־מדרש פאר תורה און חכמה, וואס איז אויפגעשטעלט געווארן אויפן הר־הצופים, וועט זיין א סך אנדערש הן אין מאטעריאל פון בנין, הן אין זיין אינהאלט און געשטאלט פון די אלטע בתי־מדרשים. אבער, רבותי, אין די בערג חורבות פון יענע הייליקע הייזער, זיינען נאך פאראן א סך גאנצע שטיינער, מירמלשטיינער, וואס קענען דינען פאר ווינקלשטיינער און גרונטשטיינער פאר אונזער נייעם בנין. זאלן די בויער די דאזיקע שטיינער ניט פארמיאוסן. אין דער דאזיקער הייליקער שעה וואלט איך מתפלל זיין איין קורצע תפילה: זאלן די דאזיקע שטיינער ניט פארגעסן ווערן! אז מיר זאלן וויסן אויפצוהויבן די חכמה און די וויסנשאפט, וואס וועלן ארויסגיין פון דעם הויז צו יענער מאראלישער הויך, וואס אונזער פאלק האט דערהויבן זיין תורה. מיר וואלטן ניט ווערט זיין דעם היינטיקן יום־טוב, ווען מיר וואלטן זיך באנוגענען מיט א שלעכטער ביליקער נאכ־אמונג צו דער ארבעט פון אנדערע פעלקער. מיר ווייסן, אז די אמתע חכמה איז יענע, וואס לערנט פון יעדן מענטשן. די פענצטער פון דאזיקן הויז און זיינע טויערן זאלן דערפאר תמיד זיין אפן צו אלע פיר זייטן פון הימל, אריינצוברענגען אין אים דאס בעסטע און דערהויבנסטע פון דעם מענטשנ'ס שאפנדיקן גייסט פון אלע צייטן און פון אלע לענדער. אבער מיר זיינען אויך ניט קיין נעכטיקע אין קיניגרייך פון גייסט און ווען מיר לערנען זיך פון אנדערע האבן מיר אויך עפעס וואס אנדערע צו באלערן. און איך בין זיכער, עס וועט קומען א טאג און יענע מאראלישע עיקרים וואס זיינען אריינגעלייגט געווארן אין יסוד פון אונזערע הייזער פון תורה, ווי למשל יענע, וואס ווערן אויסגערעכנט אין דער קורצער וואונדערלעכער ברייתא פון פרק „קנין תורה" — וועט ווערן די נחלה פון דער גאנצער מענטשהייט.

רבותי, טויזנטער פון אונזערע יונגע זין, וואס האבן זיך צוגעהערט צום קול פון זייער הארצן שטראמען פון אלע ברעגן פון דער וועלט צום דאזיקן לאנד, עס אויסצולייזן פון זיין וויסטקייט און חורבן. זיי זיינען גרייט אויסצוגיסן זייער הארץ און זעל און אריינצוגיסן זייער גאנצע יוגנט־קראפט

אין שויס פֿון דער דאָזיקער טרוקענער ערד, כּדי זי אויפֿצולעבן, זיי אַקערן די פֿעלזן, טריקענען די זומפּן און פֿלאַסטערן וועגן מיט פֿרייד און געזאַנג. די דאָזיקע יוגנט ווייסט, ווי אויפֿצוהייבן די גראָבע שווערע אַרבעט, די אַרבעט פֿון גוף, צו אַ מדרגה פֿון העכסטער קדושה, צו אַ רעליגיעזער מדרגה. דאָס דאָזיקע הייליקע פֿייער דאַרפֿן מיר אויך אָנצינדן צווישן די ווענט פֿון הויז, וואָס האָט זיך נאָר וואָס געעפֿנט אויפֿן הר־הצופֿים. זאָלן די בויען מיט פֿייער די ירושלים של מטה און די — די ירושלים של מעלה: און פֿון די און פֿון יענע זאָל אויפֿגעבויט און אויפֿגעריכט ווערן דאָס הויז פֿון אונזער לעבן — „ווייל דו, גאָט, האָסט אין פֿייער זי אָנגעצונדן און מיט פֿייער וועסטו זי אויפֿבויען".

און צום סוף — געציילטע ווערטער צום געהויבענעם פֿאָרטרעטער פֿון גרויסן ענגלישן פֿאָלק, צום לאָרד באַלפֿור:

„ווער פֿאַראַכט דעם טאָג פֿון קליינע אָנהייבן?" — און נאָכמער דאַרף מען זיין פֿאָרזיכטיק ניט צו פֿאַראַכטן קלייניקייטן אין אונזער קליינעם לאַנד. דאָס דאָזיקע לאַנד האָט אַ ספּעציעלע אייגנשאַפֿט: צו פֿאַרוואַנדלען מיט דער צייט זיינע קלייניקייטן אין גרויסע זאַכן. מיט אומגעפֿער פֿיר טויזנט יאָר צוריק האָבן זיך אין דאָזיקן לאַנד צונויפֿגעקליבן פֿון אור־כּשׂדים, פֿון ארם, פֿון מצרים און פֿון מדבר־ערב גרופּעס פּאַסטוכער־וואַנדערער, צעטיילט אין שבטים — וואָס פֿון זיי איז צום סוף אויפֿגעבויט געוואָרן, נאָך אַ סך גלגולים, פֿון אויבן־אויף ניט פֿון גרויסער חשיבות — אַ קליין אָרעם פֿאָלק אפֿילו אין זיין צייט, דאָס פֿאָלק ישׂראל. ווינציק און שלעכט זיינען געווען די טעג פֿון דעם דאָזיקן פֿאָלק אויף זיין לאַנד, „אַ פֿאָלק וואָס רוט באַזונדער און רעכנט זיך ניט צווישן די פֿעלקער". אָבער דאָס פֿאָלק האָט אַרויסגעשטעלט פֿון זיך מענטשן — די מערסטע פֿון זיי ניט פֿון הויכן אָפּשטאַם, פּאַסטוכער פֿון שאָף און רינדער, ערדאַקערער און ציכטער פֿון ווילדע פֿייגן, ווי די אַנדערע פֿון זייערע ברידער — וואָס האָבן געטראָגן גאָטס שטורעם אין זייער האַרצן און זיינע דונערן און בליצן אין זייערע מיילער. אָט די מענטשן, ווען זיי האָבן גערעדט פֿון פֿאָלק און מענטש און ווען זיי האָבן אויפֿגעהויבן זייער וואָרט וועגן די געשעענישן פֿון זייער דור און וועגן די נויטן פֿון דעם מאָמענט, אייגנטלעך, קליינע זאַכן — האָבן געוואָגט זיך ווענדן צו דער אייביקייט, צו דעם הימל און צו דער ערד, און זיי האָבן עס צום סוף דער וועלט געגעבן דעם גרונטשטיין פֿון איר רעליגיעזער און עטישער קולטור. דורך הונדערטער דורות און איבער די קעפּ פֿון פֿעלקער, וואָס גייען אַרויף און אַרונטער אויף דער סצענע פֿון

געשיכטע, דערגרייכט זייער קול צו אונז ביז היינטיקן טאג. און דאס קול איז שטארק און מעכטיק, פול מיט א געטלעכער גבורה נאך מער ווי אין אנהייב, ווי עס וואלט זיך געשטארקט און צוגעקראגן כוחות מיט דער וויטקייט פון צייטן. נאך כורש'ס דעקלאראציע האבן זיך ווידער צונויפ־געקליבן אין דאזיקן ארעמען און ברייטן לאנד עטלעכע צענדליק טויזנט פון די גולי־בבל, וואס האבן זיך ווידער פארוואנדלט אין א קליינעם ארע־מען קיבוץ — קלענער און ארעמער נאך פון ערשטן. ס'איז ניט פארביי נאך קיין דריי הונדערט יאר, און פון דאזיקן קליינעם לאנד איז ווידער אויפגעשטאנען איינער א איד, א זון פון א אידישן סטאליער, וואס האט געבראכט די בשורה פון גאולה צו דער היידנישער וועלט און האט אפגע־ראמט דעם וועג פאר משיח'ס צייטן. באלד צוויי טויזנט יאר זיינען פארביי זינט יענעם טאג — און מיר זיינען אלע עדות, אז ניט אלע אפגעטער זיי־נען פארשוואונדן פון דער וועלט. אנשטאט די אלטע אפגעטער זיינען אויפגעשטאנען נייע, ניט קיין בעסערע ווי די פריערדיקע. און אט איז גע־קומען די באלפור־דעקלאראציע. ישראל קלייבט זיך צו זיין לאנד, צום דריטן מאל. פארוואס זאל אט דאס וואונדער זיך ניט אומקערן צום דריטן מאל? די השגחה האט געוואלט צו מאכן דעם גורל פון פאלק ישראל א שותף צום גורל פון אלע קולטורעלע פעלקער פון דער וועלט; און דאס האט אפשר גורם געווען צו אנטוויקלען אין זיי דאס געפיל פון עטישער אחריות אפצוהיטן די קנינים פון דער דאזיקער קולטור — אין א גרעסע־רער מאס ווי פון אלע אנדערע פעלקער. נאך מיט א סך יארן צוריק האט די דאזיקע דערקענטעניש געפונען דעם העכסטן אויסדרוק דורכן מויל פון איינעם פון אונזערע חכמים: „תמיד זאל דער מענטש באטראכטן זיך אליין און די גאנצע וועלט ארום — ווי ער וואלט זיין האלב חייב און האלב זכאי; ער איז באגאנגען אן עבירה — ווייי צו אים, וואס ער האט זיך און די גאנצע וועלט מכריע געווען צום חייב". ווער ווייסט, אפשר דאס וואס א סך שטארקע פעלקער האבן ניט געקענט אויפטאן צוליב דער מהומה פון רייכקייט — דאס וועט די האנט פון אן ארים פאלק אויף זיין אייגן לאנד זיין ביכולת אויפצוטאן אין ארימקייט. ווער ווייסט, אויב פון די ווענט פון זיין בית־מדרש וועט ניט צומאל ארויסקומען די תורה פון טראגן דאס אחריות און דעם גורל פון דער גאנצער מענטשהייט, וואס וועט זיך נאך דעם פארשפרייטן צווישן אלע פעלקער? ווארים ניט אומזיסט האט די האנט פון גאט געפירט דאס דאזיקע פאלק דורך אלע פייערן פון גיהינום אויף זיין פיר־טויזנט־יאריקן וועג און אים צוריקגעבראכט אהיים צום דריטן מאל.

ח. נ. ביאַליק

דער ספר דברי הימים, דער לעצטער אין די הייליקע שריפטן, איז ניט דער לעצטער אין אונזער געשיכטע. צו זיינע צווי קליינע טיילן וועט נאָך צוקומען אַ דריטער טייל, אפשר גרעסער און וויכטיקער פון די פריער־דיקע. און אויב יענער ספר הויבט זיך אָן מיט „אדם, שת, נח״ און שליסט זיך מיט כורש׳עס דעקלאַראַציע, וואָס האָט גורם געווען מיט דריי הונדערט יאָר שפעטער צו ברענגען די בשורה פון גאולה צו די אַנטיקע געצנדינער — וועט אָן צווייפל זיין דער אָנהויב פון דריטן טייל — באַלפור׳ס דעק־לאַראַציע און זיין שלוס — אַ נייע בשורה, די בשורה פון גאולה פאַרן גאַנצן מענטשלעכן מין.

אונזער קולטור־ירושה

דעם דאָזיקן רעפעראַט האָט ח. נ. ביאַליק ז״ל געהאַלטן אַ קורצע צייט
פאַר זיין טויט פאַר אַ סעמינאַר פון שליחים צו די „החלוץ״־אָרגאַניזאַציעס
וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין נהלל.

רבותי! איך בין זייער צופרידן, וואָס אַ גרויסער עולם איז זיך דאָ צונויפגעקומען. אָבער דאָ בעט זיך מאַכן אַ הקדמה און זאָגן, אַז די ענינים וועגן וועלכע איך וועל רעפערירן זיינען ניט צוגעפּאַסט פאַר אַ גרויסן עולם. כ׳האָב געהאַט פאַר די אויגן תלמידים וואָס גרופּירן זיך צוליב אַ באַשטימטן צוועק. אין איינקלאַנג מיט דעם וויל איך מכוון זיין מיינע רייד. איך ווייס ניט, אויב אַ גרויסער עולם וועט אין דעם געפינען אַן אינטערעס. אויב איך האָב איצט הנאה, וועלן זיי אפשר שפּע־טער האָבן צער. אויב מיין שמועס וועט ניט צוציען די הערצער פון ברייטן עולם — בעט איך ביי אים אַנטשולדיקונג.

איך פאָרשטיי, אַז די גרופּע האָט פאַר זיך אַ באַשטימטן ציל: זיי גרייטן זיך צו. פיל פון זיי קלייבן זיך אַרויסצופאָרן קיין אויסלאַנד ווי שליחים, ברענגען דעם ענין ארץ־ישראל פאַר אידן. פון אַלע פּראָבלעמען וועל איך זיך אָפּשטעלן אויף אייניקע פּונקטן, וואָס זיינען מיר נאָענט צום האַרצן. און ווידער אַ קליינע הקדמה: דאָס וועט ניט זיין קיין וויסנ־שאַפטלעכער רעפעראַט, נאָר אַ שמועס. איך בין ניט קיין געלערנטער, רבותי, איך ווייס ניט, צי איך באַזיץ תורה אין אַ גענוגנדיקער מאָס אייך איבערצוגעבן. אָבער די זאַכן וואָס זיינען מיר נאָענט, וואָס איך האַלט אין איין טראַכטן און קלערן וועגן זיי, וויל איך אין מיין שמועס זיך טיילן מיט אייך. איר דאַרפט ניט זיין צו פּינקטלעך מיט מיר און איר דאַרפט ניט אַלץ וואָס איך רייד פאַרצייכענען. אפשר וועט גענוג זיין לזכרון פאַרצייכענען מאַנכע געדאַנקען. איך, ווי איר פאַרשטייט, וועל זיך אָפּשטעלן אויף איין קאַפּיטל פון אונזערע קולטורעלע פראַגן, פון דעם אומגעהויער גרויסן קאָמפּלעקס. פון דאָזיקן געוועב פון פיל פראַגן וועל איך מיר אָפּשטעלן בלויז אויף אייניקע צעוואָרפענע פּונקטן, אָבער, לויט מיין מיינונג, עיקרדיקע און צענטראַלע.

ווען מיר זיינען געגאַנגען קיין ארץ־ישראל, ווען מיר האָבן אויפגע־הויבן אונזערע אויגן אויף ארץ־ישראל, האָבן מיר זיך פאַרגעשטעלט דאָס לאַנד, לכל־הפחות אין דער צוקונפט, ווען ס׳וועט שוין זיין דאָרט אַ

גרויסער קיבוץ פֿון שעפֿערישן כּוח, ווי אַ צענטער, אויב מיר זאָלן זיך באַנוצן מיטן אַנגענומענעם נאָמען, ווי אַ גייסטיקן צענטער: דאָס מיינט, פֿון ארץ־ישׂראל וועט אַרויסקומען תּורה און השפּעה פֿאַר אַלע גלות־לענדער. מיר האָבן קיין מאָל זיך ניט פֿאַרגעשטעלט, אַז דער רוב מנין ורוב בנין פֿון אידישן פֿאָלק וועט אַמאָל זיך געפֿינען דאָ אין לאַנד, דאָס איז דאָך פּשוט פֿיזיש אוממעגלעך. אַפֿילו די גרויסע אָפּטימיסטן האָבן ניט געחלומט פֿון אַ פֿולשטענדיקן קיבוץ פֿון גאַנצן אידישן פֿאָלק אין ארץ־ישׂראל. זיי האָבן געחלומט פֿון אַ קיבוץ ניט גרויס אין צאָל, אָבער דערפֿאַר, ווי אַ גרויסער אַלזייטיקער קולטורעלער כּוח; ניט אָפּגעריסענע שטיקער פֿון אַ קולטור — נאָר אַ גאַנצע קולטור, אין איר פֿולער הויך און ברייט, מיט איר אויסזען, וואָס זאָל זיין אין גאַנצן אידיש אָריגינעל, נאַטירלעך. און די דאָזיקע שאַפֿונג וועט האָבן איר השפּעה, וועט אַרויסשיקן ליכטער דורך פֿאַרשיידענע קאַנאַלן, אַ שפֿע פֿון גייסטיק לעבן, די פֿרייד פֿון זעלבסט־אָנערקענונג פֿאַר דער גאַנצער אומה איבער דער וועלט, אַז זי זאָל וויסן און זיין זיכער, אַז ס'איז פֿאַראַן אַ ווינקל אויף דער וועלט, וואו די אידישע קול־טור איז גאַנץ, געזיכערט.

פֿאַראַן אַן אַלטער מאמר — איר וועט מיר מוחל זיין מיין שוואַכקייט, וואָס איך באַנוץ זיך כּדי אויסצודריקן אַ נייעם געדאַנק מיט אַן אַלט ווערטל — „גאָטס נאָמען איז ניט גאַנץ און זיין טראָן איז ניט גאַנץ כּל־זמן עמלקס קינדער לעבן". ס'שטייט געשריבן אין דער תּורה: „כּי יד על כּס יה מלחמה לה' בעמלק מדור דור". אין דעם פּסוק שטייט געשריבן „יה" אַנשטאָט „יהוה", אַ האַלבער נאָמען, „כּס" און ניט „כּסא", דיך זו לערנען, אַז דער נאָמען איז ניט גאַנץ און זיין טראָן איז ניט גאַנץ כּל־זמן עמלקס קינדער לעבן. כּל־זמן דער איד איז אין גלות איז זיין קולטור ניט גאַנץ, זיין גאָט, כּביכול, איז ניט גאַנץ און דער כּסא־הכּבוד — די קולטור פֿון פֿאָלק — איז ניט גאַנץ. בלויז דאָ איז פֿאַראַן פּלאַץ פֿאַר אַ גאַנצער קולטור. אויף דעם דאָזיקן פּונקט וויל איך מיך אָביסל אָפּשטעלן, פֿאַר וואָס דאָ איז מעגלעך אַ נאַציאָנאַלע גאַנצע קולטור און אין אַן אַנדער פּלאַץ — ניט. ביי פֿאַרשיידענע געלעגנהייטן האָב איך שוין וועגן דעם גערעדט. דער באַגריף אידישע קולטור האָט ביי אונז אין ארץ־ישׂראל אין גאַנצן אַן אַנדער מיין ווי אין חוץ לארץ. ווען מ'רעדט אין די גלות־לענדער וועגן אידישער קולטור איז דער באַגריף זייער אַ באַ־גרענעצטער, ער שליסט אויס פֿון זיך אַלץ וואָס איז ניט אידיש, אַלץ וואָס איז אַלמענטשלעך.

אידישקייט און מענטשלעכקייט

איך זיינען באַקאַנט די דאָזיקע צוויי ווערטער, וואָס זיינען מיר אַזוי „ליב און טייער": „אידישקייט און מענטשלעכקייט". ווי עס וואָלט זיין עפּעס אַ זאַך וואָס איז אידיש אָבער ניט מענטשלעך, אָדער מענטשלעך און ניט אידיש! אָבער ס'איז דאָ אַזאַ פּראָזעאָלאָגיע: אידישקייט און מענטשלעכקייט. ווען אַ איד לאַכט, למשל, ווערט זיין געלעכטער צע־טיילט אויף צוויי: אַ העלפט פון דעם דאָזיקן געלעכטער איז אידיש און די צווייטע העלפט איז מענטשלעך. ווען ער וויינט, ווען ער טראַכט, ווען ער ליבט — ווערט דאָס אַלץ צעטיילט אויף צוויי. מ'דאַרף זוכן וואָס ס'איז דאָרט אידיש און וואָס מענטשלעך. אָבער די דאָזיקע פּראָזע־אָלאָגיע איז ביי אונז איינגעוואָרצלט, זי עקזיסטירט אין אונזער ליטע־ראַטור, אין אונזער געדאַנק, אין אונזער געפיל; ס'זיינען געשריבן געוואָרן וועגן דעם ביכער, אַפילו מיטן ספּעציעלן נאָמען דערפאַר: „אידישקייט און מענטשלעכקייט". איך זיינען באַקאַנט בערדיטשעווסקיס געשרייען וועגן דעם „אינערלעכן ריס". איך מיין, אַז די תלמידים דאָ האָבן גענוג צו־גרייטונגען צו וויסן פון די דאָזיקע עלעמענטאַרע זאַכן. איך גלויב ניט אין דער דאָזיקער טעאָריע, אַז ס'איז פאַראַן עפּעס אַ זאַך מיטן נאָמען „אידישקייט און מענטשלעכקייט". איך האַלט: אַלץ וואָס ס'איז מענטשלעך, איז ממילא אידיש. ס'איז ניטאָ אַזאַ צעטיילונג. אָבער ס'איז גענוג, וואָס מיר דערשפּירן, אַז ס'איז פאַראַן אַזאַ מין פאַרזעעניש. אויב מיר האָבן געקענט קומען צו אַזאַ טערמינאָלאָגיע, צו אַזאַ פּראָזעאָלאָגיע, איז אַ סימן, אַז ערגעץ איז פאַראַן אַ שוואַכקייט, אַ קלקול.

און דער ענין איז גאַנץ פּשוט: דער באַגריף קולטור ביי יעדער אומה ולשון שליסט איין אַלע פאָרמען פון לעבן, פון די נידעריקסטע ביז די סאַמע העכסטע. נייען שיך — איז קולטור; נייען הויזן — איז קולטור; ערד אַרבעט — איז אוודאי קולטור. אַלץ איז קולטור. קולטור אין פאַרשיי־דענע פאָרמען. צוליב ריין פאָרמעלע טעמים ווערט דאָס איינגעטיילט אין מאַטעריעלער קולטור און גייסטיקער קולטור. און דאָס איז אויך אַ גע־קינצלטע צעטיילונג: ווייל אויב קולטור — איז ממילא פאַראַן דאָ שותּפות, אַ פאַרשמעלצונג פון מאַטעריע און גייסט, ווי ס'איז ניטאָ קיין נשמה אָן אַ גוף און קיין גוף אָן אַ נשמה. קיינער האָט נאָך ניט געזען אַ גוף אָן אַ נשמה, ווייל אַזוינס איז ניט מער ווי אַ הויפן ערד. וואָס איז דער פּירוש פון קולטור? פאַראַן אַ בהמות־קולטור. פאַראַן בהמות וואָס מענטשן קול־טיווירן, האָדעווען זיי, באַנוצן זיך מיט קולטורעלע פאָרמען זיי מקרב צו

זיין און זיי מאַכן פֿאַר שטוביקע בהמות. אָבער די בהמה אַליין באַזיצט ניט קיין קולטור. קולטור הויבט זיך אָן אין יענעם מאָמענט, ווען דער מענטש לייגט אַריין אין דעם אַ כּוונה, אַ געדאַנק און וויסן, ער גיט צו צו דעם וואָס די נאַטור האָט אים געגעבן, עפּעס פֿון זיין אייגענער פֿערזענלעכקייט, זאָל זיין אַפֿילו אין דער לייכטסטער פֿאָרם. ווען אַ מענטש נעמט אַ שטעקן אין האַנט צו שלאָגן אַ צווייטן, זיך באַשיצן פֿון אַן אָנפֿאַל — האָט ער שוין געמאַכט דעם שטעקן פֿאַר אַ כּלי, אַריינגעגעבן אין דעם כּוונה. פֿון יענעם מאָמענט אָן איז פֿאַראַן גייסט. פֿאַראַן געדאַנק און דער געדאַנק, דער גייסט, באַהעפֿט זיך צום שטעקן און דער שטעקן ווערט אַ כּלי וואָס אַנטהאַלט קולטור. און אַזוי ביז דער קאָמפּליצירטסטער מאַשין, דער המשך פֿון דעם דאָזיקן שטעקן, וואָס אין אים האָט דער מענטש איינגעשפּאַנט זיין מער קאָמפּליצירטן געדאַנק, דעם מאַטעמאַטישן, פֿיזיקאַלישן, און נאָך, און נאָך. קולטור הייסט, ווען דער מענטש מאַכט זיך קליידער צוליב דעם וואָס ער איז שעמעוודיק, אָדער זיך באַשיצן קעגן קעלט און ער לייגט אַריין אין דעם כּוונה און געדאַנק. אָבער עס זיינען פֿאַראַן אַ סך קולטור־ספֿערעס און קולטור־פֿאָרמען. מען מאַכט אַ צעטיילונג צווישןווירטשאַפֿטלעכער מאַטעריעלער קולטור און צווישן גייסטיקער, רוחניותדיקער קולטור; ווידער כּדי דאָס צו מאַכן פֿאַרשטענדלעכער פֿאַרן מענטשנס אויער. פֿאַראַן גייסטיקע באַדערפֿענישן: וויסנשאַפֿט, ליטעראַטור, פּאָעזיע, קונסט און נאָך. די דאָזיקע זאַכן ווערן פֿאַררעכנט ווי שאַפֿונגען פֿון גייסטיקער קולטור. זאַכן וואָס באַדינען דעם מענטשן פֿאַר זיינע פּשוטע באַדערפֿענישן, מאַטעריעלע באַדערפֿענישן — ווערן אָנגערופֿן: מאַטעריעלע קולטור. אָבער סיי די און סיי יענע זיינען קולטור, ווייל אין ביידע איז פֿאַראַן גייסט. ס'איז אַלץ איין זאַך.

ווייל איך דאָ זאָגן, אַז דאָס גאַנצע לעבן, ספּעציעל, די גרונט־באַדינגונגען פֿון ווירטשאַפֿטלעכן לעבן, זיינען שוין געשאַפֿן דורך אַנדערע, זיי זיינען שוין געווען צוגעגרייט און ס'האָט זיך אין זיי ניט אַנטפּלעקט די אידישע שאַפֿונגס־קראַפֿט און די אידישע כּוונה און געדאַנק. אויפֿן בעסטן פֿאַל זיינען מיר תּמיד געקומען אין מיטן פֿון דער אַרבעט, אָדער מיר זיינען צוהילף געקומען דעם ערשטן באַלעבאָס. מיר זיינען געקומען אין מיטן ווי העלפֿער, אָבער ניט ווי שעפֿער פֿון ערשטער אחריות, ניט דורך איניציאַטיוו, דורך אָנהויב, מיטן כּוח צו נעמען אויף זיך די התחלה, דורך יסורים און לייד. אַזאַ מין צושטאַנד מאַכט דעם מענטשן מסוגל הנאה צו האָבן פֿון קולטור אויף אַ פּאַראַזיטישן שטייגער. דאָס מיינט

ניט, אַז דער איד אין גלות איז אַ לײדיקגײער, האָט ניט קײן פֿעאיקײטן, אַז אַנדערע אַרבעטן און מיר האָבן הנאה; ניט דערפֿאַר זײנען מיר פֿאַראַ־ זיטן. על־פּי־רוב האָבן אידן אַרויסגעוויזן גרויסע פֿעאיקײטן, האָבן אַ סך געאַרבעט, דער איד האָט צײטנווײז געאַרבעט מער פֿאַרן באַלעבאָס, אָבער ער איז תּמיד געקומען צום גרײטן, נאָך די ערשטע ווײען, נאָך דעם ווי דער צער פֿון שאַפֿן איז שוין געווען אַריבער. פֿון דאָזיקן שטאַנדפּונקט, וואָלט איך זאָגן, אַז די, וואָס ענדיקן פֿרעמדע היכשולן און דערווערבן זײער וויסן דורך פֿרעמדע כּלים, דורך פֿרעמדע שפּראַכן, פֿון פֿרעמדע לערער און פֿרעמדע ביכער זײנען ווײניקער קולטורעל פֿון יענע וואָס שטײען אויף נידעריקערע שטאַפּלען פֿון קולטור, נאָר זײנען צוגעקומען צו דעם דורך זײערע אײגענע כּלים און דורך זײער אַרבעט אויף זײערע אײגענע וועגן. ס׳הײסט, דער עיקר איז דער ערשטער וואוקס, די ערשטע חבלי־לידה, די יסורים פֿון שאַפֿן; דער המשך איז שוין אַ המשך פֿון אַ פֿאַרטיקער זאַך, פֿון אַ זאַך, וואָס אַן אַנדערער האָט שוין צוגעגרײט. אין דעם זין זײנען מיר געקומען צום גרײטן, און ווי באַלד אַזוי, האָט דאָך אַ בהמה אויך הנאה פֿון דער קולטור. מ׳גיט איר אַ שטאַל, אַ שטאַל וואָס האָט די לעצטע היגיענישע אײנריכטונגען. זי האָט הנאה פֿון קולטור, אָבער זי ווערט ניט דורך דעם אַ קולטורעלע באַשעפֿעניש. דאָס איז וואָס שײדט אָפּ דעם מענטשן פֿון דער בהמה. דער מענטש האָט קול־ טור, ווײל ער לײגט צו זײן כּוונה, זײן וויסן, זײן געדאַנק, זײן ווילנס־ קראַפֿט צו דעם וואָס איז געגעבן און צוגעגרײט פֿון הימל, פֿון דער נאַטור.

אין גלות איז אַלדאָס גרײטע און פֿאַרטיקע פֿאַר אידן אויף אַלע געביטן פֿון וויסנשאַפֿט און קולטור אַ רעזולטאַט פֿון דער אַרבעט פֿון ניט־אידן. אין בעסטן פֿאַל איז דער איד געקומען אין מיטן און ממשיך געווען צוזאַמען מיטן באַלעבאָס, גאַנץ אָפֿט מיט גרעסערע פֿעאיקײטן. מיט דעם הויבט ער אָן, און די ערשטע אַחריות איז פֿון אים אַוועקגע־ נומען, די אַחריות אָפּצוהיטן די נאַציאָנאַלע גיטער, וואָכן איבער דער הײמישער ערד, אויף אַלץ וואָס איז מיט דעם פֿאַרבונדן, די דאָזיקע אַחריות ליגט ניט אויף אידן. אויב איר וועט נעמען פֿאַר אַ בײשפּיל די רוסישע עמיגראַנטן, די אמתע רוסן, און די רוסישע אידן, וואָס געפֿינען זיך אין פּאַריז (לויטן נסיון פֿון שלמה המלך מיטן קינד, בשעת ער האָט געוואָלט דערגײן, ווער ס׳איז די אמתע מאַמע) וועלן מיר זען, ווי ס׳קלאָגן די אמתע גולים פֿון רוסלאַנד, די זין, און ווי ס׳קלאָגן די אידן וואָס שטאַמען פֿון רוסלאַנד. ווער ס׳וועט הערן די דאָזיקע קינה, וועט גלײך

באַנעמען ווער ס׳זיינען די אמתע קינדער און ווער — ניט. דאָס איז אוי־סער יעדן ספק. ווי אַ פּולער באַלעבאָס פילט זיך יענער וואָס איז גע־קומען דער ערשטער און אויף זיך גענומען דאָס אַחריות און געפּאַר, די שטרויכלונגען און דורכפאַלן וואָס זיינען פאַרבונדן מיט פאַרמעגן און אמתע קנינים פון אַנהויב ביז סוף. אין גלות האָבן מיר אַזאַ פאַרמעגן ניט געהאַט. מיר האָבן אין אַ באַגרענעצטן פלאַץ געהאַט אונזער פאַרמעגן, וואו מיר האָבן זיך געפילט ווי אמתע באַלעבאַטים פון אַנהויב ביזן סוף. דאָס איז געווען דער תחום פון עכט־אידישע באַדערפענישן, אין העברעאיש, און שפּעטער, ווען מיר האָבן צוגעפּאַסט פאַר זיך אַ שפּראַך פאַר אונזער געברויך, וואָס האָט אונז אָפּגעשיידט פון די אַרומיקע שפּראַכן — אין אידיש. דאָס איז געווען אין אונזער רשות און דער גאַנצער באַגריף פון אידישער קולטור האָט זיך איינגעקאָרטשעט אין דעם דאָזיקן קליינעם תחום. ס׳הייסט אַלץ אויסער דעם האָבן מיר אָנגערופן מיטן נאָמען מענטש־לעך. ווען דער מענטש האָט געגעסן ברויט, איז אויב ער האָט געמאַכט אַ „מוציא״, האָט ער אַריינגעבראַכט אין עסן אַ ביסל אידישקייט. אויב ער האָט סתם געגעסן — איז דאָס „מענטשלעך״. אויב ער האָט שבת געגעסן קוגל — איז דאָס געווען אַ אידיש עסן, אויב ער האָט סתם גע־געסן, איז דאָס געווען אַ מענטשלעך עסן, ניט קיין אידישעס. אַזוי איז דער דאָזיקער שטריך דורכגעגאַנגען אין יעדער זאַך. אויב ס׳איז ניט געווען אין דער זאַך עפּעס פון דער ספּעציפיש־רעליגיעזער אידישקייט, האָט דאָס אויפגעהערט צו זיין אידיש און ס׳איז פּלוצים געוואָרן „מענטשלעך״. עס זיינען באַשאַפן געוואָרן אויך אַ ביסל אַנדערע פאַרמען. די דאָזיקע אויס־ברייטערונג איז געקומען דורך דער אידישער וויסנשאַפט אין פרעמדע שפּראַכן: אין דייטש, פראַנצויזיש אאַז״וו. דער אינהאַלט איז געווען אַ אידישער, געווידמעט פאַר אידישע פראַגן, פאַר אידישער געשיכטע, פאַר דער געשיכטע פון אידישער ליטעראַטור איז דאָס געווען אידיש. אויב אַ אידישער דאָקטאָר האָט געשריבן דעם בעסטן בוך אין מעדיצין — האָט דאָס אויפגעהערט צו זיין אידיש און ס׳איז פּלוצים געוואָרן „מענטש־לעך״. אויב איינשטיין האָט געשריבן זיינע וויסנשאַפטלעכע חידושים — איז דאָס ניט אידיש, דאָס איז דייטשיש אָדער פראַנצויזיש. ער האָט שוין אַליין געזאָגט: „אויב כ׳וועל מצליח זיין — וועלן זיך רייסן איבער מיר די דייטשן און פראַנצויזן: דער וועט זאָגן כלו שלי און דער וועט זאָגן כלו שלי; און אויב כ׳וועל ניט מצליח זיין — וועלן זיי זאָגן, איך בין אַ איד...״ — אַ זאַך וואָס קען ניט געמאָלט זיין ביי קיין אַנדער אומה

ולשון, אויב, למשל, אַ באַקאַנטער דאָקטאָר, אַ באַקאַנטער פילאָזאָף, אַ באַקאַנטער מעכאַניקער, האָט באַשאַפן אַ נייע סיסטעם אין זיין געביט, האָט ער ניט אויפגעהערט צו זיין אַ דייטש, הגם ס'איז אין דעם ניטאָ קיין ספּעציפישע דייטשישקייט. ער איז דייטשיש און מענטשלעך אין איינעם, אין דער אייגענער מינוט, אין דער אייגענער צייט. אַ אידישער געלערנטער אויף אַ וועלטלעכן געביט מוז באַצאָלן אַ ספּעציעלן מס, אויב ער וויל אַריין אין דער מחיצה פון אידישקייט, ער מוז שרייבן אַ ספּעציעלע אָפּהאַנדלונג: מעדיצין און אידישקייט, מעכאַניק און אידישקייט. אויב ער איז אַ באַרימטער שניידער — מוז ער שרייבן אַן אָפּהאַנדלונג: הויזן און אידישקייט, די קאַפּאָטע און אידישקייט. ווייל אויב ניט — איז דאָס „מענטשלעך", דייטשיש, פראַנצויזיש און ניט אידיש.

ארץ־ישראל און גלות

דאָ אין ארץ־ישראל נעמט צו דעם אַלץ אַ סוף. דאָ באַקומט דער באַגריף קולטור זיין פולן באַדייט. אַלץ וואָס ווערט געשאַפן אין ארץ־ישראל דורך אידן — ווערט געשאַפן דורך אידישע הענט, מיט זייער אייגענעם כוח, מיט זייערע כלים, מיטן כוח פון זייער ליטעראַטור, מיטן כוח פון זייער אייגענער וויסנשאַפט. דאָס פאָלק, על־פי־רוב, טראַכט ניט אין אַבסטראַקציעס, עס האָט פאַר זיך בלויז דאָס, וואָס זיינע אויגן זעען. ער באַגרייפט און נעמט אין זיך אַלץ אַריין דורך זיינע אייגענע כלים. ווי באַלד ער זעט ניט ווי ניט־אידן גרייטן אַלע זיינע נויטיקייטן צו און אַלץ וואָס ווערט געשאַפן איז אַ פּראָדוקט פון אידן גופא — פאַרשטייט ער ממילא אַז דאָס איז אויך אַ שטיק אידישקייט און די אידישע שכינה רוט אויף דעם. דאָס איז דער באַגריף פון קולטור וואָס שפּרייט זיך אויס איבער גאַנץ ארץ־ישראל.

און דעריבער פרעג איך: ווי שטעלן מיר זיך אַליין פאַר די השפּעה וואָס דאַרף קומען פון ארץ־ישראל, פאַרן גאַנצן גלות? דער סוף פון דער דאָזיקער אידישקייט וועט דאַך זיין, אַז זי וועט בלייבן אין גלות, וועט ממשיך זיין איר לעבן ווי ביז היינט; דאָס הייסט, מיט איר לייב־און־לעבן וועט זי זיין פאַרטרונקען אין אַ פרעמדער קולטור. איך האָב ניט קיין בטחון, אַז דער ספּעציפיש־אידישער טייל וועט זיך אין דער נאָענטער צוקונפט אויסברייטערן דורך ארץ־ישראל, דורך די ארץ־ישראל־דיקע כוחות; איך דענק ניט, אַז ער וועט זיך אויסברייטערן אין גלות, פאַר די אידן אין די גלות־לענדער. פאַראַן אַ פאַרקערטע מיינונג: אַז ארץ־

ישראל וועט אויפבינדן די הענט פון די אידן אין אַ גרויסן גראַד, וועט אַראָפּנעמען פון זיי ביז אַ געוויסער מאָס די אַחריות פון אָפּהיטן די נאַציאָנאַלע קנינים, ווי באַלד ס׳איז פאַראַן אַ זיכערער פּלאַץ אין ארץ־ישראל אויפצוהיטן דעם קיום פון אידישקייט. זיי וועלן זיך פילן פרייער און זיי קענען אַמאָל קומען צו ליקווידירן די דאָזיקע קנינים. איצט איז נאָך פאַראַן די מאָראַלישע מניעה וואָס האַלט אָפּ דעם מענטשן זיך ניט צו לאָזן פאַרשלינגען אין אַ פרעמדער קולטור, דורך דעם, וואָס ער טראָגט אויף זיך די אַחריות פון אָפּהיטן די נאַציאָנאַלע גיטער; דעמאָלט, אָבער וועט אַראָפּפאַלן פון אים די אַחריות, ווייל די קנינים פון דער אידישער קולטור זיינען געזיכערט אין אַ באַשטימטן פּלאַץ. פון דער צווייטער זייט, איז אוממעגלעך, אַז ארץ־ישראל זאָל משפּיע זיין אויף די אידן פון די גלות־לענדער אַנצונעמען אַלע פּראָדוקטן פון אונזערע קולטורעלע שאַפונגען אין אַלע געביטן פון לעבן, ספּעציעל אין דעם געביט וואָס מיר רופן מאַטעריעלע קולטור, ווייל ס׳איז אוממעגלעך צו לעבן מיט דער קולטור פון אַן אַנדער ווייט לאַנד, ווען מ׳איז פאַרזונקען אין אַן אַנדער קולטור, וואָס האַלט זיך אין איין אַנטוויקלען און פונאַנדערוואַקסן. טאָ וואָס און ווי אַזוי קען פאַרקומען די דאָזיקע השפּעה? פון וואַנען וועט זי זיך נעמען? וואָס וועט זיין דער צובונד? אויף וואָס וועלן די אידן פון דער גאַנצער וועלט ווענדן זייערע אויגן?

איך מיין, אַז דאָס אידנטום פון דער גאַנצער וועלט, וויל קודם־כל, אַן ווייטע חשבונות און לאַנגע וואָרטענישן, זען די צונויפזאַמלונג פון זיין געזעלשאַפטלעכן פאַרמעגן, כדי אים צו פאַרוואַנדלען אין אַ פּראָדוקטיוון כוח.

קאָנצענטרירן דעם דאָזיקן פאַרמעגן איז די ערשטע אויפגאַבע, וואָס שטייט פאַר אונז (נאָך דעם וועלן מיר ריידן פון אַנדערע ענינים), — די אויפזאַמלונג פון קולטורעלן פאָלקס־פאַרמעגן און זיין קאָנצענטראַציע אין איין געזיכערטן פּלאַץ, דערנאָך די אָרגאַניזירונג פון די דאָזיקע גיטער, כדי דאָס אַלץ צו פאַרוואַנדלען אין אַ לעבהאַפטער ניצלעכער זאַך. צונויפזאַמלען און צונויפשטעלן מיינט אויך אויסוואַל, כוונה, וויסן: וויסן, וואָס קומט פריער און וואָס שפּעטער, וואָס איז דער עיקר און וואָס איז דער טפל, וואָס איז דער קערן און וואָס איז שאָלעכץ, וואָס די תבואה און וואָס איז דאָס שטרוי, לויט אונזער באַגריף, לויט אונזער השגה און פאַרשטענדעניש, לויטן שטאַנדפּונקט פון אונזער צייט און לויטן געשמאַק פון אונזער צייט. דאָס איז, וואָס דאָס אידנטום פון דער גאַנצער וועלט

דערוואָרט פֿון ארץ־ישראל, דאָס איז וואָס מ׳קען אויפֿטאָן. דאָס איז ניט קיין חלום, דאָס איז אַ רעאַלער ענין, עס זיינען דאָ גענוג קרעפֿטן אָפּ־צוטאָן די דאָזיקע אַרבעט. די כּוחות זיינען צעשפּרייט איבער דער גאַרער וועלט און זיי דאַרפֿן אָרגאַניזירט ווערן און צונויפֿגענומען ווערן אַרום דער דאָזיקער אידעע, אַרום איין צענטראַלן געדאַנק, דורך אויפֿפֿאָדערונג, דורך וויסן, און אויסוואַל, פֿאַר דעם גרויסן נאַציאָנאַלן ווערק, מיט אויטאָריטעט פֿאַרן גאַנצן אידנטום, פֿאַר דער וועלט־אידישקייט און אויך פֿאַר אַלע פֿעלקער.

איך זאָג דאָס, רבותי, ווייל וואָס אַנבאַטרעפֿט שעפֿערישע כּוחות, שאַפֿן עפּעס נייעס — דאָס הענגט שוין אָפּ פֿון מזל. ס׳איז ניטאָ קיין ערבות און ניטאָ קיין פֿאַרזיכערונג, אַז דאָ אין ארץ־ישראל וועט אויפֿבליען אַ נייע אידישע שאַפֿונג. אַ קליין פֿאָלק פֿון אַ מיליאָן אָדער צוויי מיליאָן מענטשן קען ניט אַרויסגעבן קיין וועקסלען, אַז עס מוז אַרויסגעבן אַלע דרייסיק יאָר גאונים אויף דעם, אָדער יענעם געביט. ס׳קענען אַמאָל זיין אַזעלכע אומשטענדן, אַז קיין גאונים וועלן ניט אויפֿקומען, אַז מיר וועלן טאַקע ניט האָבן עפּעס נייעס צו זאָגן. גאונות און שאַפֿונג — דאָס ווענדט זיך אין מזל. דאָ גילט ניט קיין חשבון, דאָ מאַכט מען ניט קיין שום פֿאַבריקאַציעס און מען באַשאַפֿט זיי ניט פֿון אַ פֿריער געמאַכטער כּוונה. ר׳ זישע אַנאַפּאָלער פֿלעגט זאָגן, אַז אויף יענער וועלט וועט מען אים ניט באַשטראָפֿן דערפֿאַר, וואָס ער איז ניט געווען ווי דער „בעל־שם״. מ׳וועט אים ניט פֿרעגן: „זישע, פֿאַרוואָס ביסטו ניט געווען ׳בעל־שם׳?״ נאָר: „זישע פֿאַרוואָס ביסטו ניט געווען זישע, אָט דער, וואָס דו האָסט געקענט זיין?״ מ׳באַשטראָפֿט ניט קיין פֿאָלק, מ׳גיט ניט אַרויס קיין פּסק־דין אויף אַ פֿאָלק, פֿאַרוואָס עס גיט ניט אַרויס פֿון זיך קיין געניאַלע מענטשן. פֿאַראַן קליינע פֿעלקער, וואָס גיבן אַרויס פֿון זיך גאונים און ווידער זיינען פֿאַראַן גרויסע פֿעלקער, וואָס גיבן קיין גאונים ניט אַרויס. דאָס שווייצאַרישע פֿאָלק, מיט זיין גאַנצער פֿרייהייט און מאַטעריעלער ברייטקייט האָט כּמעט אויף קיין געביט קיין געניאַלן מענטשן ניט אַרויס־געשטעלט. מיר קענען אויך אויף דעם קיין וועקסלען ניט אַרויסגעבן. אָבער דאָס אידישע פֿאָלק וועט פֿאַרדינען אַ שטראָף, אויב עס וועט ניט טאָן וואָס עס קען טאָן, וואָס עס איז בכּוח צו טאָן, וואָס עס ווערט בכלל געטאָן פֿון אַ קולטורעל פֿאָלק. אַ פֿאָלק פֿאַרדינט שטראָף אויב עס אַרבעט ניט מיט זיין מאַטעריאַל אויף אַ קולטורעלן אופֿן, אויב עס נוצט ניט אויס זיין פֿאַרמעגן, נאָך מער, אויב עס איז מפֿקיר זיין פֿאַרמעגן

צו פֿאַרניכטונג און פֿאַרלענדונג און נוצט ניט אויס זיינע כּוחות, ניט זיין טויט פֿאַרמעגן און ניט זיין לעבעדיק פֿאַרמעגן, דורך מענטשן וואָס קענען בויען און שאַפֿן, כּדי אַרויסצוברענגען וואָס דאָס פֿאָלק פֿאַרמאָגט, וואָס ס׳ליגט אין אים פֿאַרוויקלט, וואָס ס׳וואָלט געקענט געבן. דערפֿאַר פֿאַר־דינט עס שטראָף. אַזאַ פֿאָלק איז ניט נאָר אַן אָפּהענטיקער „שלימזל״, נאָר עס קומט ניט נאָך זיינע פֿליכטן.

דעריבער קענען מיר פֿאָדערן פֿון ארץ־ישׂראלדיקן אידנטום, אַז ס׳זאָל נעמען אויף זיך די אויפֿגאַבע פֿון צונויפֿקלייבן, אויפֿצוהיטן די גיטער פֿון פֿאָלק, וואָס זיינען צעשפּרייט און צעזייט איבער דער וועלט און וואָס ווערן פֿון טאָג צו טאָג און שעה צו שעה פֿאַרמשפּט צום אונטערגאַנג. אַלץ וואָס ס׳איז געשאַפֿן געוואָרן מיט גנאָד פֿון גאָט און דורות ביז היינ־טיקן טאָג, אַלץ וואָס ס׳איז ניצול געוואָרן פֿון אונטערגאַנג, אַלץ אין וואָס ס׳איז אויפֿגעהיט געוואָרן אַ קערנדל חיות פֿאַר די קומענדיקע דורות, וואָס ס׳קען דינען פֿאַר א יסוד פֿון זיין קיום, כּדי ווייטער צו שפּינען די פֿעדים (אין משך פֿון דורות זיינען אַ סך פֿעדים איבערגעריסן געוואָרן און מיר מוזן געפֿינען די פּונקטן פֿון איבעררייס וואו זיי זיינען, כּדי ווייטער ממשיך צו זיין). און דאָס פֿאָדערט אָנגעשטרענגטע אַרבעט אויף יעדן איינציקן געביט. די העברעאישע שפּראַך האָט נאָך ניט זוכה געווען — און דאָס דאַרף זיין ביי אונז אַ געבאָט, פּונקט אַזוי ווי זיך צו דערווערבן ערד — אַז איר שפּראַכלעך פֿאַרמעגן זאָל צונויפֿגענומען ווערן, כּדי זיך צו באַנוצן מיט אַלע אירע אוצרות. אויב אַזוינס איז ביז היינט נאָך ניט געטאָן געוואָרן איז דאָס אַ פּגימה אין אונזער גאַנצן קולטור־בנין, אין פּאָעזיע און ליטעראַטור. אַזוי ווי מיר קענען ניט אויפֿשטעלן אונזער מאַטעריעלע קולטור אָן ערד אונטער די פֿיס — אַזוי קען בשום אופֿן ניט אויפֿגעשטעלט ווערן אונזער גייסטיקע קולטור אָן דעם באָדן פֿון דורות, אָט דעם קאַפּיטאַל וואָס מיר מוזן באַצווינגען.

וואָס איז שייך דער גייסטיקער קולטור איז נאָך דער ענין פֿיל האַר־בער. מיר קענען זיך נאָך פֿאָרשטעלן עפּעס אַ בנין אויף אַ פֿרעמדער ערד, אָבער בשום אופֿן קענען מיר זיך ניט פֿאָרשטעלן אַ קולטור אויף אַ פֿרעמדן באָדן, דורך פֿרעמדע כּלים, דורך אַ פֿרעמדער שפּראַך, דורך פֿרעמדע מיטלען אאַז״וו. דאָס איז אוממעגלעך. אַ ביכער־פֿאַרלאַג קען מען נאָך אויפֿהאַלטן פֿאַר אַ געוויסער צייט מיט געוויסער אָנשטרענגונג, אָבער, אונזער קיום איז בשום אופֿן ניט קיין קולטורעלער קיום. צונויפֿ־זאַמלען און אָרגאַניזירן אונזער קולטור־אייגנס, דורך אומאויפֿהערלעכער

אָרגאַניזירטער אַרבעט — אַט דאָס דאַרפֿן מיר האָבן און דאָס דאַרף זיין אונזער קולטורעלע אויפֿגאַבע אין ארץ־ישראל: באַשאַפֿן דעם באָדן אויפֿצוהאָדעווען אַ קולטור דורך באַצווינגען אונזער רייכקייט, אונזער פֿאַרמעגן, וואָס איז צעשפּרייט אין פּלאַץ און צייט, אַ צעשפּרייטונג, וואָס האָט קיין גלייכן ניט ביי קיין אַנדער אומה ולשון.

„כינוס"

איך מיין, אַז דורך אַ געזונטן אינסטינקט האָבן מיר דערגרייכט צו דער דאָזיקער דערשיינונג, צו דער דערשיינונג, וואָס חזרט זיך ביי אונז איבער: די צונויפֿזאַמלונגען וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן אין געוויסע תּקופֿות און ביי פֿאַרשיידענע אומשטענדן. די אייגענע זאַך איז געמאַכט געוואָרן אין ארץ־ישראל, ווען מ׳האָט דאָס באַדאַרפֿט און אויך אין די גלות־לענדער, מחמת דער שרעק, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט דאָס פֿאָלק אין זיין מוראדיקער צעשפּרייטונג. צוליב די גרויזאַמע תּנאים פֿון גלות: גזירות, שמד, גירוש, שׂרפֿות, אומגליקן איז געווען גרויס די מורא, טאָמער וועט אַלץ גיין לאיבוד. איך ווייס ניט פֿון קיין אַנדער ביישפּיל אַזאַ, אַחוץ פֿון די סאַמע עלטסטע ליטעראַטורן ביי די אומות־העולם, ווי אונזערע נאַציאָנאַלע צונויפֿזאַמלונגען, אָנהויבנדיק מיטן תּנ"ך און ענדיקנדיק מיט אונזער „שלחן־ערוך". איך בעט, איר זאָלט אויף איין מינוט זיך צוקוקן צו דער דאָזיקער וואונדערלעכער דערשיינונג. מיר דוכט, על־כל־פּנים, פֿון דער היסטאָרישער צייט וואָס אונז איז באַקאַנט, אַז מיר ווייסן ניט פֿון קיין שום אַנדער דערשיינונג אַזאַ ווי די דאָזיקע. צוליב מאַנגל אין צייט, וועל איך איבערהיפּן אויף אַ סך אין צווישנדיקע מאָמענטן.

דער תּנ"ך

ס׳איז ניטאָ גאָר קיין ספק, אַז די ספֿרים פֿון תּנ"ך וואָס מיר האָבן אין די הענט, זיינען רעשטן פֿון אַ גרויסער ליטעראַטור פֿון כּמה הונדערטער יאָרן. אפֿשר פֿון פֿופֿצן הונדערט יאָר, ווער קען וויסן? דער ערשטער ספֿר וואָס ווערט ציטירט אין תּנ"ך, איז דער ספֿר „מלחמות ה׳", וואָס איז געוויס ניט דער איינציקער. אפֿשר וועלן אַ סך פֿון אייך זיך פֿרייען, וואָס דער חומש ציטירט שוין נאָך אַ פֿריערדיקן ספֿר. „על כן יאמר בספֿר מלחמות ה׳: את והב בסופֿה". דאָס איז אַ ציטאַט פֿון „ספֿר מלחמות ה׳" וואָס איז געווען אַן אַלטער עפּאָס פֿון העברעאישן פֿאָלק, געשריבן אין אַ פּאָעטישן דרך, וועגן זיינע פֿריסטע מלחמות, איידער ס׳איז געוואָרן

אַ פֿאָלק אין ארץ־ישׂראל, דורך זיינע וואָגלענישן אין מדבר, זיינע באַ־געגענישן און קאַמפֿן. אין תנ״ך גופֿא זיינען ציטירט איבער דרייסיק ספֿרים, און אויך זיי ווערן בלויז דורך אַ צופֿאַל ציטירט. ס'זיינען געווען נאָך אַ סך ספֿרים, וואָס ווערן אין גאַנצן ניט דערמאָנט, און ס'איז ניט געבליבן פֿון זיי קיין שריד ופֿליט. זיי זיינען מסתמא פֿאַרניכטעט גע־וואָרן אין מאָמענטן פֿון שרעק, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין גלות בבל און וואָס האָט זיך שפּעטער געצויגן דורך די אַלע מוראדיקע טעג פֿון בית־שני, ווען ס'האָט זיך שוין געשפּירט, אַז דאָס פֿאָלק דאַרף זיך גרייטן נאָך אַמאָל אין וועג אַריין. (פֿאַראַן אַ מחלוקה וועגן דעם לעצטן קאַנאָן. מאַנכע האַלטן, אַז ס'איז פֿאָרגעקומען אַזוי שפּעט ווי אין ר' עקיבאס צייט, אַז אין ר' עקיבאס טעג האָט מען פֿאַרהאַנדלט וועגן שיר־השירים. אַנדערע זאָגן, אַז דאָס איז פֿאָרגעקומען אין דער צייט, ווען די הלכות זיינען אָנגענומען געוואָרן אין דער אויבערשטוב פֿון חנניה בן חזקיה בן־גוריון, וואו מען האָט פֿאַרהאַנדלט וועגן די ספֿרים יחזקאל און מלכים. על כּל פּנים, איז דאָס שוין געווען נאָענט צום חורבן, גאַנץ נאָענט צו יענער צייט, ווען דאָס אידנטום האָט זיך געגרייט אין וועג אַריין).

דורך די צייטן פֿון בית־שני בכלל האָט דאָס אידנטום אָנגעהויבן זיך צעשפּרייטן. ס'איז געווען אַ אידנטום אין איטאַליע, אין מצרים, אין בבל. און זיי האָבן שוין גענומען זאָרגן איינצוזאַמלען דאָס דאָזיקע פֿאַרמעגן פֿון אַ סך דורות. דער תנ״ך נעמט אַרום אַ תּקופֿה פֿון וויפֿיל הונדער־טער יאָרן. שיר־השירים איז ניט גלייך צו קוהלת, די ביידע — צו ישעיה; זיי זיינען פּראָדוקטן פֿון פֿאַרשיידענע תּקופֿות, פֿון פֿאַרשיידענע דורות, גאַנץ אָפֿט פֿון אַ ווידערשפּרעכנדיקן אינהאַלט. קוהלת און תּהילים — די איבערצייגונגען און אידעען פֿון קוהלת זיינען אַנדערש ווי די פֿון תּהילים — און דאָס אַלץ איז פֿאַרהייליקט געוואָרן מיט איין קדושה, אין מדרגות. פֿאַראַן אַ גראַדאַציע: תּורה, נביאים, כּתובים. על־כּל־פּנים, דורך אַ משך פֿון הונדערטער יאָרן איז געמאַכט געוואָרן אײן אויפֿזאַמלונג, וואָס איז פֿאַרהייליקט געוואָרן אין אַ נאַציאָנאַלער קדושה אויף אייביקע דורות, ווי דער אויסדערוויילטער תּמצית. דאָס זיינען די ספֿרים, וואָס האָבן זיך אויפֿגעהיט. אפֿשר זיינען פֿאַרלוירן געגאַנגען נאָך בעסערע ווערק דורכן גלות. דורך די מלחמות. און הגם דאָס פֿאָלק האָט מקפּיד געווען אויפֿצוהיטן דאָס בעסטע, קען זיין, אַז ניט תּמיד האָט זיך דאָס איינגעגע־געבן, צו ראַטעווען דאָס בעסטע אין צייט פֿון אומגליק. ווען נבוכדנצרס חיילות האָבן זיך אַריינגעריסן און פֿאַרברענט די שטאָט און הונדערטער

מענטשן זיינען לעבעדיקערהייט פֿאַרברענט געוואָרן — האָבן זיי ניט געקענט ראַטעווען דאָס בעסטע.

על־כּל־פּנים, דאָס וואָס איז געבליבן האָט דאָס פֿאָלק זיך באמית אָפּצוראַטעווען, איינצושטעלן. דאָס איז ניט געטאָן געוואָרן אין איין טאָג, דאָס האָט גענומען וויפֿיל הונדערטער יאָרן. מ׳דערקענט אין משלי דריי זאַמלונגען — פֿאַראַן דאָרט קלאָרע סימנים, די קריטיק דערקלערט די פֿאַרשיידענע טיילן. דאָס אייגענע מיט תּהילים, דאָס אייגענע מיט ישעיה, דאָס אייגענע מיט דער תּורה, זי איז געגעבן געוואָרן מגילותווייז. פֿאַראַן קלאָרע סימנים, אַז דאָס צונויפֿזאַמלען האָט גענומען הונדערטער יאָרן. קיינער ווייסט ניט, ווער ס׳האָט דאָס געטאָן. דאָס איז אַן אַנאָנימע אויפֿזאַמלונג. מ׳זאָגט, די אנשי כּנסת הגדולה. אויך דאָס איז אַן אַנאָנימער באַגריף, דער ענין איז גאָר ניט אַזוי קלאָר, ניט פֿון איין יאָר און ניט פֿון איין דור. נאָר דורך דער דאָזיקער צונויפֿזאַמלונג איז ניצול געוואָרן דאָס בעסטע און דערהויבנסטע, וואָס דאָס אידישע פֿאָלק האָט געשאַפֿן, דאָס וואָס ס׳איז געוואָרן דער יסוד פֿון דער אידישער קולטור און אויך איינער פֿון די גרונטשטיינער פֿון דער מענטשלעכער קולטור איבער דער גאָרער וועלט. דער דאָזיקער ספֿר איז אַרויס אין רשות־הרבים אין זכות פֿון דער אויפֿזאַמלונג וואָס איז געטאָן געוואָרן דורכן אינסטינקט און ציטערדיקער זאָרג פֿאַר די נאַציאָנאַלע קנינים, אַז זיי זאָלן ניט אונטערגיין און פֿאַרלאָרן ווערן.

איך לאָז אויס דאָס וואָס ס׳איז געשאַפֿן געוואָרן אין צווישן פֿון נאָכן תּנ״ך ביז דער משנה און תּלמוד, ווייל די דאָזיקע תּקופֿה איז נאָך ניט אויסגעפֿאָרשט געוואָרן. פֿאַר דעם ווינקל האָט דאָס אידישע פֿאָלק צוליב עפּעס אַ סיבה זיך ניט געזאָרגט. איך האָב אויפֿן זינען די אַפּאָקריפֿן און פּסעוודאָ־אַפּאָקריפֿן וואָס באַטרעפֿן אין די הונדערטער. מיט שוועריקייטן איז אָנגעקומען צו געפֿינען די טיילן פֿון בן־סירא, וואָס ס׳זעט אויס, אידן האָבן זיך מיטן ספֿר שטאַרק באַנוצט. ערשט אין דער לעצטער צייט האָט מען געפֿונען אַרום פֿיר־פֿינפֿטלעך פֿון דעם דאָזיקן ספֿר, וואָס זיינען געראַטעוועט געוואָרן מיט נסים. אָבער דאָס אידישע פֿאָלק האָט אָט דעם טייל אידישקייט ניט אָפּגעהיט. איך וויל ניט אַריינגיין אין איינצלהייטן, פֿאַרוואָס דאָס דאָזיקע פֿאַרמעגן איז ניט אויפֿגעהיט געוואָרן דורך אידן, נאָר אין פֿרעמדע שפּראַכן, און אויך בלויז דורך אַ צופֿאַל און ניט פֿון געטרייע הענט. מיט גרייזן און פֿאַלסיפֿיצירונגען. אין אונזער פֿאַרמעגן, אין אונזער אַקטיוו איז ער ניטאָ, ווייל דאָס פֿאָלק האָט ניט געזאָרגט פֿאַר זיין עקזיסטענץ.

ח. נ. ביאַליק

תּלמוד

עס גייען דורך הונדערטער יאָרן — איך קער זיך נאָך אַמאָל אום צום „כינוס”, צו דער צונויפֿזאַמלונג, פֿאַר דעם ענין אויף וועלכן איך שטעל זיך איצט אָפּ בעט איך אייער פֿולע אויפֿמערקזאַמקייט, ווייל איך האַלט אים פֿאַר דער גרעסטער טאַט פֿון אויפֿהיטן אונזער פֿאַרמעגן אין גלות, און וואָס קען אויך אונז דינען פֿאַר אַ ביישפּיל. איך רייד וועגן דער צונויפֿזאַמלונג פֿון תּלמוד. ניט אַריינצולאָזן זיך אין פּרטים, שליסט דער תּלמוד איין אין זיך אַ סך זאַכן: תּלמוד ירושלמי, תּלמוד בבלי, תּוספֿתּא, הלכה ואגדה, מדרשים. איך שליס זיי אַלע איין. איר דאַרפֿט וויסן, אַז אויך אין תּלמוד און אין די מדרשים ווערן געבראַכט די נעמען פֿון אַ סך הונדערטער ספֿרים. פֿאַראַן איינער אַ מאַן, וואָס האָט זיך פֿאַר־נומען דערמיט, אויפֿזאַמלען די נעמען פֿון די אומבאַקאַנטע ספֿרים. הור־וויץ האָט געשריבן אַ באַזונדער בוך וועגן די ספֿרים וואָס ווערן דער־מאָנט אין דער גרויסער תּלמודישער ליטעראַטור און מיר האָבן זיי ניט, און די דאָזיקע רשימה איז גאָר־גאָר אַ לאַנגע. ס׳איז גאָר אַ טשיקאַווע דערשיינונג, אַז דאָס פֿאָלק האָט וועגן תּלמוד אַ משונהדיקן באַגריף. דער תּלמוד, מיינען זיי, איז עפּעס אַ ספּעציפֿישער ענין, עפּעס אַ רעליגיעזער ענין, אַ בית־מדרשדיקער. איר זייט כּלל ניט חושד, אַז די דאָזיקע ליטע־ראַטור איז געווען אַ לעבעדיקע ליטעראַטור, אַ פֿאַרצווייגטע ליטעראַ־טור, אַ פֿיל־פּנימדיקע, ווי ביי אַלע פֿעלקער פֿון דער וועלט, פֿון גרויסן אינהאַלט, וואָס האָט איינגעשלאָסן אין זיך דאָס גאַנצע גייסטיקע לעבן, עמאָציעס און שטימונגען; אויך די נידעריקסטע זייטן פֿון לעבן די סאַמע וואָכעדיקסטע, האָבן געפֿונען זייער פֿולסטן אויסדרוק אין תּלמוד. נעמענ־דיק יענע צייטן אין באַטראַכט, איז דאָס אפֿשר דער גרעסטער ליטע־ראַרישער טראַף, און דער פֿולסטער אויסדרוק, פֿון אירגענד וועלכער אַנדער ליטעראַטור אין דער וועלט. איר וועט געפֿינען צווישן די מאַסן ספֿרים, וואָס ווערן דערמאָנט אין תּלמוד, סעקולערע ביכער געווידמעט צו פֿאַרשיידענע וויסנשאַפֿטן, גאַנצע ברייתות פֿאַר וועלטלעכע לימודים. ס׳איז געווען אַ באַטאַנישע ברייתא, וואָס האָט באַהאַנדלט די נעמען פֿון צמחים, און די אייגנשאַפֿטן פֿון די דאָזיקע צמחים, די מגילה פֿון קרייטעכצער און געווירצן. עס זיינען געווען ברייתות געווידמעט דער פּטאָלאָמעאישער אַסטראָנאָמיע, וואָס איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אין איר פֿולער גאַנצקייט. אין דער לעצטער צייט האָט מען געפֿונען שמואלס ברייתא פֿון דעם דאָ־זיקן מין. אַחוץ דעם זיינען פֿאַראַן ציטירטע שטעלן אין תּלמוד. אין פּרקי

דרבי אליעזר זיינען אויך פֿאַראַן גאַנצע פּרקים אַזעלכע. מ׳זעט, אַז ס׳איז געווען אַ פֿולע קולטור מיט אַ העברעאישער טערמינאָלאָגיע. מ׳דערקענט, אַז אַסטראָנאָמיע איז ניט געווען קיין פֿרעמדע פֿלאַנץ אין אונזער ליטע־ראַטור, נאָר אַן איינגעוואָרצלטע, מיט שפּראַכלעכע שאַפֿונגען פֿול מיט זאַפֿטן פֿון לעבן, אין וועלכע ס׳שפּירט זיך ניט קיין איבערזעצונג; דער בעסטער סימן, אַז ס׳איז אַריין אין אונזער בלוט און די דאָזיקע וויסנ־שאַפֿטלעכע דיסציפּלין איז געוואָרן אַן אָרגאַנישער טייל ביי אונז. עס זיינען געווען ספּעציעלע ברייתות פֿאַר מאַטעמאַטיק מיט אַ וואונדערלעכער טערמינאָלאָגיע, וואָס אַ טייל דערפֿון איז אָפּגעהיט פֿון אַברהם בן יחיא הנשיא, אַזוי אויך אין אַנדערע וויסנשאַפֿטן פֿון יענער צייט.

מיר זעען דעריבער, אַז ס׳זיינען געווען באַזונדערע שולן פֿאַר די אַלע פֿראַגן. איך פֿאַרשפּאַר צו זאָגן, אַז די דאָזיקע ליטעראַטור האָט אויך געגעבן מוסטערן אין בעלעטריסטיק; עס זיינען געווען ספּעציעלע זאַמ־לונגען פֿון נאָוועלן, ראָמאַנען, און בלויז אַ ביסל פֿון זיי זיינען ניצול געוואָרן, ניצול געוואָרן ווי ציטאַטן. נעמט, למשל, די דערציילונג פֿון נחמן דצוציתא; דאָרט איז פֿאַראַן בלויז דער סקעלעט פֿון אַ דערציילונג, די פֿאַבולע, אַ פּראַקטיקער ראָמאַן, וואָס שעקספּיר וואָלט פֿון דעם געקענט בויען אַ וואונדערלעכע דראַמע, אָדער אַ נאָוועלע ווי די קאַץ און ברונעם. דאָס איז אַן עכטע נאָוועלע, און אַזעלכע זיינען געווען אין די הונדערטער. איך וויל באַמערקן דרך־אגב, אַז אַ טייל נאָוועלן וועלכע האָבן זיך אויפֿ־געהיט אין די מדרשים — די אייגענע מוסטערן געפֿינען זיך אין דער לאַ־טייניש ער ליטעראַטור; גאַנץ אָפֿט איז דאָרט פֿאַראַן דער יצר־הרע, אָפֿט געפֿינען זיך דאָרט נאַטור־שילדערונגען, אָריענטאַלע נאָוועלן פֿון אַ גע־וויסן מין, וואָס איז געווען באַקאַנט אין יענער צייט און מיר געפֿינען ממש די אייגענע מוסטערן אין דער לאַטייניש ער ליטעראַטור. אָבער דאָס פֿאָלק האָט זיי שוין געהאַט פֿאַרדייעט און איבערגעשאַפֿן אין זיין געשטאַלט און בילד און זיי געגעבן אַ אידישן פּנים. דאָס אַלץ האָט זיך ניט אויפֿ־געהיט — אויפֿגעהיט האָט זיך דער גרויסער מעכטיקער כּינוס מיט אַלע זיינע באַגלייטער, מיט דער מדרשים־ליטעראַטור.

איך וויל ציען אייער אויפֿמערקזאַמקייט אויף נאָך אַ זאַך. ווידער דער אייגענער ענין. מיר ווייסן ווער ס׳האָט דאָס איינגעשטעלט און ווען דאָס אַלץ איז אויסגעשטעלט געוואָרן. מיר ווייסן אָבער, פֿאַרשטייט זיך, אַז דער משך יאָרן ווען די דאָזיקע אַרבעט איז אָפּגעטאָן געוואָרן, טראָגט דעם

נאָמען פֿון רבינא ורב אשי. וואָס אַזוינס מיינט רבינא ורב אשי? דאָס זיינען די בתי־מדרשים פֿון רבינא ורב אשי. אָבער די וויסנשאַפֿטלעכע קריטיק קען אויפֿווייזן, ווי צוויי מאָל צוויי איז פֿיר, אַז די דאָזיקע צונויפֿזאַמלונג איז געמאַכט געוואָרן דורך אַ משך פֿון וויפֿיל דורות, אַ פּלאַסט אויף אַ פּלאַסט. גאָר קודם איז געווען אַ באַשרענקטע זאַמלונג, ס׳זיינען געווען אָרטיקע זאַמלונגען אין פֿאַרשיידענע בתי־מדרשים, ס׳זיינען געווען פֿאַרשיידענע זאַמלונגען פֿון משניות, זאַמלונגען פֿון רבי עקיבא, זאַמלונגען פֿון רבי יהודה הנשיא, זאַמלונגען פֿון רב חייא און רבי אושעיא. יעדער איינער אין זיין בית־מדרש האָט געזאַמלט און פֿאַרצייכנט. די דאָזיקע אַלע אַרבעטן זיינען צונויפֿגענומען געוואָרן און זיך באַהאַפֿטן און געקומען צו אונז אין זייער היינטיקער געשטאַלט. דאָס איז כמעט אַן אַנאָנימע אַרבעט און צוזאַמען מיט דעם אויך אַ קאָלעקטיווע, געזעלשאַפֿטלעכע אַרבעט. צוזאַמען מיט דעם, אָדער ניט קוקנדיק אויף דעם, זיינען דווקא צוליב דער קאָלעקטיווער אַנאָנימער אַרבעט, אויפֿגעהיט געוואָרן טויזנטער נעמען פֿון יחידים, וואָס האָבן איין מאָל אין זייער לעבן געזאָגט עפּעס אַ גוטע זאַך. פֿאַראַן אַזעלכע אמוראים. איינער אַ שניידער, רבי דניאל חיטא, איז אַריינגעקומען אין דעם גרויסן בנין, ווי אַ ציגל אין אַ וואַנט, און איז געבליבן. דניאל חיטא, וואָס האָט געזאָגט איין פֿיין וואָרט, האָט אויסגעדריקט אַ פֿיינעם געדאַנק — און האָט זיך אויפֿגעהיט אין קאָלעקטיוו; דאָס איז עולם הבא. אַזאַ זאַך איז ניטאָ ביי קיין אומה ולשון. צי קען געמאָלט זיין ביי אַן אַנדער פֿאָלק אַ דניאל חיטא, וואָס אַלע זיינע שריפֿטן באַשטייען פֿון איין זאָג? צי אַ רבי חדקא וואָס האָט געזאָגט גאָרניט אַזאַ קלוג וואָרט, נאָר יענער מאָמענט האָט עס געפֿאָדערט. אַזאַ דערשיינונג איז איין און איינציק, אין דער וועלט־ליטעראַטור איז אַזוינס ניט פֿאַראַן; אַ קאָלעקטיוו־אַנאָנימע שאַפֿונג דורך אַ משך פֿון הונדערטער יאָרן, אין וועלכער דאָס גאַנצע פֿאָלק האָט זיך באַטייליקט און אין וועלכער ס׳האָט זיך אויפֿגעהיט אַן אַנאָנימער מאַטעריאַל, פֿאָלקלאָר, אַפֿילו פֿאָלקלאָר פֿון טרוימערייען און פוסטע דמיונות, כּישוף, זאַבאַבאָנעס, פּתרון חלומות, שדים און רוחות; די אַלע זאַכן האָבן זיך אויפֿגעהיט אין זייער פֿולער שלמות, און מיר זעען די שפּורן פֿון מענטשלעכע לעבנס דורך אַ משך פֿון הונדערטער יאָרן: אין גאַס, אין הויז, אין בית־מדרש און, להבדיל, אין מרחץ און מיר זעען דאָס דאָזיקע לעבן שטיין פֿאַר אונז פֿאַרגליווערט. זיי האָבן אויפֿגעהיט פֿאַר אונז די לעבנס אוצרות פֿון יענע דורות, זייערע געדאַנקען און געפֿילן, געוויין, עסן, אַלץ, ביז, איר זאָלט

מיר מוחל זיין, די דינים און מנהגים פֿון בית־הכּסא. דאָס איז אַ מעכטיקע דערשיינונג, וואָס האָט ניט איר גלייכן.

פֿון דער שפּראַכלעכער זייט — ווען דער דאָזיקער אוצר וואָלט זיך ניט געהאַט אויפֿגעהיט, וואָס וואָלט געוואָרן פֿון דער העברעאישער קול־טור? וואָלטן מיר בכלל געקענט חלומען פֿון ממשיך זיין דאָס שפּראַכן־לעבן, פֿון איר ווידעראויפֿלעבונג און איר תּקומה? זייער פֿיל, אָדער אַלץ וואָלט אָפּגעווישט געוואָרן פֿון דער וועלט. ס׳וואָלט פֿון דעם אַלץ קיין זכר ניט געבליבן.

כ׳וויל ציען אייער אויפֿמערקזאַמקייט אויף נאָך איין מאָמענט פֿון דער דאָזיקער דערשיינונג. מ׳באַשולדיקט אידן, אַז זיי האָבן אין חדר קיין תּנ״ך ניט געלערנט. זיי האָבן געלערנט חומש און געדענקט אַ פּסוק ישעיה פֿון „בבא־קמא״. איך האַלט דאָס פֿאַר אַ וואונדערלעכער זאַך, פֿאַר זייער אַ גוטער דערשיינונג, וואָס דער דאָזיקער ריזיקער בנין האָט פֿאַר־שלונגען אין זיך דעם פֿריערדיקן בנין. אַזוי דאַרף זיין, ווייל יעדער אייג־ציקער דור פֿאַרזינקט אין זיינע בנינים אַלע פֿריערדיקע בנינים. און דאָס איז אויך אַ סימן פֿון באַנייען אַלטע ווערטן. זיי זיינען געקומען צום תּנ״ך דורך זייער אייגענער דערקענטעניש, מיט זייער אייגענער באַציאונג און ניט מיט דער באַציאונג פֿון די פֿריערדיקע דורות. זיי האָבן שוין איינ־געזאַפּט דעם תּנ״ך אויף זייער אייגענעם אופֿן. זייער אָפּשאַצונג, דער טעם וואָס זיי האָבן געשפּירט אין דעם דאָזיקן ספֿר, איז שוין געווען דער טעם פֿון זייער צייט און ניט דער טעם פֿון די פֿריערדיקע צייטן. זיי האָבן פֿאַרוואַנדלט דעם תּנ״ך אין אַ נייעם מאַטעריאַל. אויב איר ווילט זאָגן, איז דאָס געווען אַ נייע אָפּשאַצונג, אָדער אַ ניי געבוי, וואָס האָט באַנייט דעם אַלטן קנין פֿון דער ערשטער צונויפֿזאַמלונג. זיי, פֿאַרשטייט זיך, האָבן זיך פֿאַרגעשטעלט דוד המלך אין זייער געשטאַלט, אין די ראַמען פֿון זייער אייגן לעבן. אויב עס שטייט, אַז דוד המלך איז געווען אַ גבור, אָדער בניהו איז געווען אַ גבור — ווייסט איר דאָך שוין די לעגענדעס, וואָס זיי האָבן וועגן דעם געשאַפֿן. אויב איר וועט בודק זיין די אַלטע לעגענדעס — וועט איר זיך איבערצייגן, אַז זיי זיינען געווען לויט זיי־ערע געפֿילן און פֿאַרמען פֿון זייער לעבן, זיי זיינען געווען פֿרייע מענטשן און ניט פֿאַרשקלאַפֿט צו די פֿריערדיקע דורות. מיר, חדר־אינגלעך, למשל, האָבן זיך פֿאַרגעשטעלט אַברהם אָבינו אין אַ קאַפּאָטע. דאָס איז זייער שיין. דאָס באַווייזט, אַז מיר האָבן אַ געזונטן דמיון, וואָס שעפּט פֿון דעם אַרומיקן לעבן. רעמבראַנדט האָט געמאָלן אַברהמען אין אַ האָלענדישן

טראַכט. זיי האָבן גוט געטאָן, וואָס זיי האָבן באַארבעט און פֿאַרדייעט און פֿאַרטאָן דעם גאַנצן תּנ״ך אין זייער בנין. איך בין אייך מבטיח, אַז די אידן, וואָס האָבן געדענקט אַ פּסוק פֿון תּנ״ך דורך „בבא־קמא״ — האָבן געשפּירט דעם תּנ״ך אין זייערע בלוטן מער פֿאַר אונז, וואָס מיר געדענקען דעם אָרט פֿון יעדן פּסוק, און דווקא דערפֿאַר וואָס זיי האָבן פֿאַרדייעט דעם תּנ״ך דורכן תּלמוד. אין תּלמוד איז דער תּנ״ך פֿאַרשלונגען אפֿשר פֿופֿצן מאָל. איר וועט ניט געפֿינען קיין איינציקן פּסוק, וואָס איז צום ווייניקסטן צוואַנציק מאָל ניט געבראַכט אין תּלמוד. ווי באַלד אַזוי, זאָג איך, דאָס איז אַ וואונדערלעכער אַקט, וואָס באַווייזט ווי אַ פֿאָלק דאַרף זיך באַנעמען מיט זיינע פֿריערדיקע דערגרייכונגען. ניט זיך צו פֿאַרשקלאַפֿן, ווי די קאַראַאימען האָבן געטאָן מיט זייער כּיבוש, נאָר צו באַאַרבעטן, אַרויסצוקריגן נייע זאַפֿטן פֿאַר נייע שפּראָצונגען, פֿאַר אַ נייעם בנין און נייע פֿאָרמען.

און דאָס אייגענע דאַרפֿן מיר טאָן מיט אונזער פֿריערדיקן פֿאַרמעגן. ניט אַ צונויפֿזאַמלונג ווי ס׳שטייט און גייט, נאָר דאָס דורכצופֿירן דורכן געפֿיל און געדאַנק פֿון אונזער גאַנצן לעבן אין אונזער צייט, לויט די פֿאָדערונגען פֿון דער וויסנשאַפֿט פֿון אונזער צייט. לויטן גאַנצן גייסטיקן באַגאַזש אונזערן — אַריינפֿירן דאָס דאָזיקע גאַנצע פֿאַרמעגן אין אונזער לעבן, כּדי אים אויפֿצולעבן, אַרויסצוציען פֿון אים נייע זאַפֿטן, כּדי פֿאַרצוזעצן אונזער עקזיסטענץ. דאָס איז ניט קיין זאַמלונג פֿון איין קיבוץ, אַ זאַמלונג, וואָס שטעלט גרענעצן צווישן נייער ליטעראַטור און אַלטער. די כּוונה פֿון דער זאַמלונג איז, אָפּעקצונעמען די מחיצות, צו מאַכן אַחדות, דאָס אַלטע און דאָס נייע זאָל זיך באַהעפֿטן אָן אַ מחיצה. בלויז דורך דער דאָזיקער אַחדות וועט די ליטעראַטור פֿון אונזער צייט באַקומען אויטאָריטעט ביים גאַנצן פֿאָלק און אויך די אָנערקענונג פֿון אַלע אַנדערע פֿעלקער, ווי ס׳איז געווען אין באַצוג צו אונזער אַלטער ליטעראַטור, אין באַצוג צום תּלמוד, וואָס איז אָנערקענט ביים גאַנצן פֿאָלק און ביי דער גאַנצער מענטשלעכער קולטור. צוגיין צו אַזאַ טאַט מיט כּוונה, דורך אָפּקלייב, דורך וויסן און ווילן, דורך איינטיילן די אַרבעט, דורך אָרגאַניזירן פֿון אַלע כּוחות, וואָס געפֿינען זיך ביים פֿאָלק אין אַלע לענדער — דאָס איז די אויפֿגאַבע פֿון דער שעה, און דאָס דאַרף אויפֿגעטאָן ווערן אין ארץ־ישׂראל, דאָס אידנטום דאַרף פֿילן, אַז דאָס ווערט געטאָן אין ארץ־ישׂראל. און עס וועט דערשפּירן, עס וועט מוזן דערשפּירן. דעמאָלט וועלן זיי וויסן, וואָס אַזוינס ארץ־ישׂראל מיינט פֿאַרן פֿאָלק קולטורעל.

אפֿשר פֿון איילעניש האָב איך אויסגעלאָזן אייניקע זאַכן און איך וויל זיי דאָ ממלא זיין. ערשטנס, דאַרף איך דאָ פֿאַרריכטן אַ פֿעלער. וועלנדיק זיין קורץ, האָב איך אַריינגענומען די זאַמלונג פֿון משנה אין זאַמלונג פֿון תּלמוד. דער תּלמוד און די משנה — זיינען צוויי באַזונדערע זאַמלונגען. איך מיין, אַז איר ווייסט דאָס אַליין. כ׳האָב געוואָלט זיי אויסרעכענען באַזונדער, אָבער צוליב מיין איילעניש האָב איך עס פֿאַרקירצט. כ׳האָב צונויפֿגעמישט דערשיינונגען, וואָס זיינען אָפּגערוקט אין צייט. ווייל ווען מיר ריידן וועגן תּלמוד נעמען מיר אויך אַריין אין כּלל די משנה. דאָס צונויפֿזאַמלען פֿון משנה איז געמאַכט געוואָרן דורך רבי יהודה הנשיא און פֿון תּלמוד — דורך רבינא ורב אשי, דאָך זעען זיי אויס אין אונזערע אויגן ווי איין זאַמלונג. איך פּאַס אויף די דערשיינונגען ווי זיי ווערן אויפֿגעפּאַסט אין אונזער צייט דורכן פֿאָלקס געפֿיל, און דאָס פֿאָלקס געפֿיל זעט די דערשיינונג פֿון תּלמודישער זאַמלונג אויף דעם אופֿן. איך וויל אייך זאָגן, אַזוי דריק איך מיך אויס, איך בין ניט געוואוינט צו זאָגן זאַכן אויף אַ וויסנשאַפֿטלעכן שטייגער, נאָר אויפֿן פֿאָלקס־שטייגער, דער עצם געדאַנק וועט דורך דעם ניט ליידן. אויב מיר קומען דעטאַליזירן, ווען מיר זעען די מאָטיוון, וואָס האָבן געפֿירט צו די זאַמלונגען, זייער כאַראַקטער, וועלן מיר געפֿינען, אַז די אַטמאָספֿערן פֿון די דאָזיקע זאַמלונגען זיינען פֿאַרשיידענע. זיי זיינען געקומען אויף דער וועלט דורך באַזונדערע אומשטענדן. למשל, די משנה־זאַמלונג, וואָס נעמט אַריין די גאַנצע ליטעראַטור פֿון די תּנאים, איז געמאַכט געוואָרן אין ארץ־ישראל. ספֿרא, ספֿרי, תּוספֿתּא, אַ טייל פֿון די ערשטע מדרשים, איז שפּראַכלעך אָפּגעטיילט פֿון דער אַלטער ליטעראַטור; ס׳איז געשריבן אין אַ באַזונדערן העברעאיש מיט אַ צוגאָב פֿון פֿרעמדע עלעמענטן, אָבער דער דקדוק איז העברעאישער דקדוק מיט מאַנכע ענדערונגען צוליב דער אַנטוויקלונג, ווי דער שטייגער איז אין אַלע אַנדערע שפּראַכן. דאָס איז ניט דער פֿאַל מיט דער זאַמלונג פֿון גמרא, דעם תּלמוד בבלי און ירושלמי, וואָס זיינען ווי אַ פּירוש אויף דער משנה, דאָס איז שוין אין אַן אַנדער לשון, אין אַן אַנדער לאַנד. דאָרטן, אין די פֿאַרהאַנדלונגען, הערשט די אַראַמעאישע שפּראַך און ס׳הערשט אַן אַנדער כאַראַקטער. דער ירושלמי איז נאָך געמאַכט אין ארץ־ישראל, אָבער דער תּלמוד בבלי איז געמאַכט געוואָרן אין בבל. איך שטעל מיך אָפּ אויף דעם, איך וויל איר זאָלט שענקען אויפֿמערקזאַמקייט דער דאָזיקער דערשיינונג. איר זאָלט ניט מיינען, אַז די תּלמודישע זאַמלונג איז איין זאַמלונג. ס׳זיינען פֿאַראַן צוויי זאַמלונגען מחמת פֿאַרשיידענע היסטאָרישע סיבות.

ח. נ. ביאַליק

מסורה

כ'האָב איך דערציילט וועגן די צונויפֿזאַמלונגען ביזן „שולחן־ערוך”. איך שטעל זיך אָפּ בקיצור אויף זאַכן, ווייל איך וויל צוקומען צו דער פּראַקטישער זייט פֿון אונזערע טעג. כ'וועל אָנדייטן אויף נאָך אַ זאַמלונג, ווייל ס'איז אַ נייעס לגבי די פֿריערדיקע זאַמלונגען. איך האָב אין זינען די זאַמלונג, וואָס טראָגט דעם נאָמען מסורה, ניט אין טראַדיציאָנעלן באַגריף. דאָ האָב איך ניט אין געדאַנק די תורה שבעל־פּה, נייערט די מסורה וואָס אַרום תנ"ך, אָט די וואָס איך באַטראַכט פֿאַר איינער פֿון די וואונדערלעכסטע דערשיינונגען אין דער געשיכטע פֿון אונזערע זאַמלונגען. טראַכט זיך אַריין, רבותי, איך ווייס ניט, אויב איר האָט אַ באַגריף פֿון אָט דער אַרבעט, וואָס האָט זיך געצויגן פֿאַר הונדערטער יאָרן און וואָס איז צוגעקומען צו אונז. ס'איז וואָר, אין דער ליטעראַטור איז זי פֿאַר־געשטעלט געוואָרן ניט איבעריקס גרויס און ניט איבעריקס אָפֿט. דאָס פֿאָלק ווייסט ניט פֿון דער עקזיסטענץ פֿון דער דאָזיקער ליטעראַטור, די ליטעראַטור פֿון די בעלי־מסורה. די וואָס האָבן מחדש געווען דעם נקוד האָבן איינגעשטעלט דעם תנכישן טעקסט און דורך דעם אַרויסגעפֿירט דעם תנ"ך פֿאַרן גרויסן עולם. זיי האָבן אויף תמיד איינגעשטעלט דעם נוסח, געשאַפֿן די מעגלעכקייטן צו לייענען דעם תנ"ך דורך דעם סיסטעם פֿון ניקוד, דורכן באַשאַפֿן סימנים, וואָקאַלן אויף צו לייענען, אַריינגע־בראַכט נייע אותיות. אַזאַ מין רעפֿאָרם, אין אַ טיילווייזן פֿאַרגלייך מיט דער רעפֿאָרם פֿון מסורה, איז געמאַכט געוואָרן פֿאַר אונזערע אויגן אין רוסלאַנד: די באַנייטע אָרטאָגראַפֿיע, גרינגער צו מאַכן פֿאַרן המון דאָס לייענען. איך מיין, אַז דאָס איז אַ קלייניקייט לגבי דעם אויפֿטו פֿון אונ־זער מסורה. זיי האָבן אַריינגעבראַכט נייע סימנים אין העברעאישן אַלף־בית, די נקודות. איך האָף, אַז דאָס איז אייך אַלעמען באַקאַנט, אַז איר אַלע האָט וועגן דעם אַ באַגריף, הגם אַ פֿאַרנעפּלטן באַגריף. אפֿשר זיינען אייך באַקאַנט די צווי נעמען: בן אשר און בן־נפֿתלי — זיי ווערן אָנ־גערופֿן די מזרח־שולע און די מערב־שולע. צוויי שולן זיינען געווען אין ארץ־ישראל. אין ירושלים און אין טבריה איז געווען איין שולע און אַ צווייטע שולע איז געווען אין בבל. אָבער, ווי אַזוי ווערט אַזאַ זאַך אָפּ־געטאָן? וואָס מיינט עס, עס קומען מענטשן אין איין שיינעם טאָג און נעמען אָן אַ באַשלוס: אַזוי זאָלט איר מער ניט לייענען, פֿון היינט און ווייטער זאָלט איר לייענען אַזוי און אַזוי? אַזעלכע זאַכן ווערן אַזוי ניט געטאָן. דאָס איז אַן אַרבעט פֿון הונדערטער יאָרן, פֿון צענדליקער פּרוּוון, פֿון פֿאַר־

שיידענע סיסטעמען. אפשר האָט איר געהערט וועגן צוויי סיסטעמען פון ניקוד, די באַבילאָנישע און טבריהנישע. דער נקוד וואָס איז אָנגענומען ביי אונז איז דער טבריהנישער. ביי די תימנער אידן איז נאָך מיט הונ־דערט יאָר צוריק געווען אויפגעהיט דער באַבילאָנישער נקוד. דאָס איז אַן אַנדער סיסטעם, וואו די נקודות קומען איבער די אותיות, און ניט אונטער די אותיות. דאָרט פעלט דער סגל, דער גאַנצער אויסזען פון נקוד איז אַן אַנדערער און די אויסשפּראַך איז אַנדערש. דער דאָזיקער נקוד איז נדחה געוואָרן ביי די תימנער דורך געדרוקטע ספרים, אָדער דורך אונ־זערע מענטשן, מיט וועמען זיי זיינען געקומען אין באַריר. ביסלעכווייז האָבן זיי אַרויסגעשטופּט דעם באַבילאָנישן נקוד צוליבן טבריהנישן. מען האָט געפונען מאַנוסקריפּטן אין דער גניזה, וואָס האָבן אַ נקוד פון נאָך אַן אַנדער סיסטעם. דאָס באַווייזט, אַז אויפן וועג צו פאַרפאַלקאָמען דעם נקוד זיינען געמאַכט געוואָרן אַ סך פּראָבעס, ביז די מערהייט פון פאָלק האָט זיך געהאַלטן ביי איין סיסטעם און דער קלענער טייל ביי אַן אַנדערן, ביז דער צווייטער סיסטעם איז אין לעצטן יאָרהונדערט נדחה געוואָרן צוליב דעם דרוקוועזן. ווייל אין די לענדער פון דעם אַשורישן נקוד זיינען קיין געדרוקטע ביכער ניט געווען — דער דרוק האָט אַרויסגעשטופּט דעם מאַנוסקריפּט און ממילא האָט אונזער נקוד געזיגט.

דער נקוד איז געקומען אויף דער וועלט דורך די אַמאָליקע מלמדים, וואָס האָבן געלערנט מיט די תלמידים פון מאַנוסקריפּטן. די מאַנוסקריפּטן זיינען געווען פאַרשיידענע, ס'איז געווען איין נוסח און ס'איז געווען אַ צווייטער, ווייל ס'איז אוממעגלעך, אַ מענטש זאָל איבערשרייבן אַ מאַנוס־קריפּט און ניט מאַכן קיין גרייזן. איז אויסגעקומען אַז די פאַרשיידענע עקזעמפּלאַרן פון תנ"ך זיינען ניט געווען גלייך איינער צום צווייטן. אַלע מלמדים און לערער — די מערסטע פון די בעלי־מסורה זיינען געווען מלמדים און לערער — האָבן געזוכט מיטלען, ווי אַזוי צו פאַרגרינגערן דאָס לייענען. איר ווייסט דאָך, אַז אין אַלטע מאַנוסקריפּטן פעלן די וואָ־קאַלן, מיט די אותיות א, ו, ה, י, האָבן זיי זיך געוואָלט באַנוצן צום לייענען. ו—מלופים, י—חיריק, צירה, ה—סגל און אַפּטמאָל חולם. איך וויל ניט מאריך זיין וועגן דעם, ווייל יעדע איינציקע זאַך איז אַן ענין פאַר זיך. דאָס איז געווען איין סיסטעם. האָבן זיי געוואָלט אַריינברענגען אותיות פאַר סימנים. נאָך דעם האָבן זיי זיך פון דעם אָפּגעהאַלטן. איר ווייסט דאָך, אַז אין די אויפשריפטן אין שטיין געפינט מען ניט די אותיות אהו"י, פאַר סימנים. אין מישעס אויפשריפט, דאָס וואָרט „לנו — שרייבט

מען „לנ", דעם „ו" דאַרף מען וויסן אַן אַ סימן. אויך דער אות „ה" איז דאָרט ניט פֿאַראַן. „קנה" איז אַן אַ „ה"; מ'דאַרף אַליין וויסן וואָס דאָס איז אַזוינס: „קנ", „קן", „קנה"? מחמת זיי האָבן ניט געגעבן קיין סי־מנים דאַרף מען אַליין דערגיין. זיי האָבן עס געטאָן צוליב דער שוועריקייט אויסצוקריצן אין שטיין, זיי האָבן געוואָלט שפּאָרן אַרבעט, דערפֿאַר האָבן זיי געשריבן ווייניקער. איר ווייסט, אַז אין דער תּורה איז פֿאַראַן פֿיל מאָל „חסר": „שמענה" אָן אַ ה, אותי, אותך — אָן אַ ו, ווייל זיי האָבן געזשאַלעוועט שרייב־מאַטעריאַל, צוערשט, אויף שטיין און שפּעטער — אויף פּאַרמעט. האָבן זיי געזוכט וואָס ווייניקער צו שרייבן, כּדי ס'זאָל בלייבן אַ מינימום וואָס אַנטהאַלט אַ מאַקסימום. דערנאָך, ווען זיי האָבן געוואָלט דעם לימוד אַרויספֿירן אין דער ברייטער גאַס, ווען ס'איז גע־קומען די צייט צו דעמאָקראַטיזירן די ליטעראַטור, זי פֿאַרשפּרייטן צווישן אַלע שיכטן פֿון פֿאָלק — האָט מען געדאַרפֿט געפֿינען אַ וועג, ווי אַזוי צו פֿאַרלייכטערן דאָס לייענען. האָבן זיך די מלמדים אַנגעשטרענגט, געזוכט איינפֿאַלן ווי אַזוי דאָס צו מאַכן. אין אַנהויב, קען מען זיך משער זיין, איז געקומען דער דגש. דערפֿאַר וואָס זיי האָבן ניט געוואָגט צו ענדערן מיט איין מאָל און מאַכן אַ ניי געשטאַלט — האָבן זיי דערפֿונדן דאָס קליינע פּינטל, כּדי ניט צו פֿאַרדאַרבן דעם אָנגענומענעם אויסזען פֿון שריפֿט. וואָס איז אַזוינס אַ דגש? ווייל זיי האָבן געוואוסט, אַז דער דגש איז דער גרעסטער וועגווייזער, ווי אַזוי צו לייענען. אויב זיי ברענגען אַריין דעם דגש, ווייסן זיי דורך דעם דאָס וואָרט. דורכן דגש דער־קענען מיר די בנינים: פּעל, פּועל, התפּעל. אַז מיר נעמען דעם צייט־וואָרט כתב — קען מען דורך דעם דאָזיקן לייכטן צייכן וויסן, צי מ'זאָל עס לייענען אין בנין קל, אָדער בנין נפֿעל: נון, כּף, תּיו, בית, (נכתב). אויב מיר שטעלן אַריין דעם קליינעם סימן, דעם דגש, ווייסן מיר באַלד, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיטן בנין נפֿעל. דאָס נעמט גלייך אַרויס פֿון כּלל אַ סך אַנדערע לייענישן פֿון וואָרט. דער לייענער ווייסט באַלד, אַז נון, כּף, תּיו, בית — קען מען אַנדערש ניט לייענען ווי „נכתב", ווייל אין כּף איז פֿאַראַן אַ דגש־חזק. נעמען מיר דאָס וואָרט „נפקד", נאָר מען מוז לייענען „נפקד" (ניפֿאָקייד). דורך איין קליינעם פּינטל קריגן מיר אַרויס דעם מאַקסימום פֿון באַלערונג, ווי אַזוי צו לייענען. די נקודה איז געוועזן דער אַנהויב פֿונם סיסטעם. דער דגש איז געווען דאָס ערשטע קערנדל פֿון דעם סיסטעם פֿון נקוד. שפּעטער, האָבן זיי אים געמאַכט פֿאַר אַ סימן פֿון חיריק אונטערן אות, נאָך דעם, געמאַכט פֿון אים אַ חולם איבערן

אות, א צירה — דורכן פֿאַרטאָפּלען פֿון פּינטל; מלופּים — דורך דעם, וואָס זיי האָבן אים אַריינגעשטעלט אין ו. זעט איר, אַז דאָס פּינטל איז די מאַמע פֿון גאַנצן נקוד. נאָך דעם האָבן זיי צוגעגעבן דעם קמץ וואָס איז באמת אַ קליינער אלף. דער קמץ לויט זיין אויסזען איז אַן אלף, עס פֿעלט אים בלויז דער אויבערשטער טייל. קמץ איז אַן אלף, דער פּתח איז אַ האַלבער קמץ. אַ סגל — איז דריי נקודות. דער קובוץ — דריי נקודות. פֿון דעם זעט איר, אַז דאָס אַלץ האָט זיך אַנטוויקלט פֿון דגש. דאָס איז פֿאָרגעקומען אין משך פֿון אַ לאַנגער תּקופֿה און האָט זיך איינגעשטעלט בלויז נאָך לאַנגע הונדערטער יאָרן.

די דאָזיקע סימנים זיינען ניט געווען די אייגענע אין אַלע שולעס. אומעטום האָבן די מלמדים זיך גענומען וועגן דעם פֿרייהייטן. יעדער איינער פֿון זיי האָט זיך געמאַכט זיינע אייגענע סימנים, לויט דער באַדער־פֿעניש פֿון זיינע תּלמידים. די סיסטעמען האָבן געקעמפֿט איינע מיט די אַנדערע ביז דער בעסערער סיסטעם האָט מנצח געווען. אַזוי האָט ער אַנגע־האַלטן הונדערטער יאָרן. רבותי, דאָס איז געווען אַ רעוואָלוציאָנערער אויפֿטו. אָבער ניט דאָס איז דער עיקר, איך וויל ציען אייער אויפֿמערק־זאַמקייט אויף די בעלי־המסורה. זיי האָבן באַשאַפֿן די העברעאישע שפּראַך־וויסנשאַפֿט, דעם העברעאישן דקדוק, די לעקסיקאָגראַפֿיע. זיי האָבן גע־ציילט די אותיות פֿון תּנ״ך און איינגעשטעלט דעם תּנכישן שפּראַכלעכן מאַטעריאַל. אויב איר האָט אַריינגעקוקט אין די ספֿרים פֿון מסורה, וועט איר זען, אַז זיי ציילן וויפֿיל מאָל אַ וואָרט געפֿינט זיך אין תּנ״ך, דאָס איז לעקסיקאָגראַפֿיע. דאָס וואָרט איז אַ חסר, דאָס וואָרט איז אַ מלא, דאָס וואָרט אין תּנ״ך אין זיין גראַמאַטיקאַלישן אויסזען געפֿינט זיך אַזוי פֿיל מאָל, 43 מאָל, 55 מאָל. דאָס מיינט, אַז זיי האָבן איינגעשטעלט דעם גאַנצן מאַטעריאַל פֿון תּנ״ך און זיך אָנגעהויבן פֿאַרנעמען מיט לעקסיקאָגראַפֿיע. איך זאָג, די מסורה האָט געגרינדעט און געלייגט דעם ווינקלשטיין פֿאַר דער שפּראַכלעכער תּנכישער וויסנשאַפֿט און דער עקסעגעטיק, די וויסנ־שאַפֿטלעכע פּרשנות פֿון תּנ״ך. אָן די חכמי־המסורה קען מען זיך ניט פֿאָרשטעלן די אַנטוויקלונג פֿון דער שפּראַכלעכער וויסנשאַפֿט. נאָך דעם, אין דער שפּאַנישער תּקופֿה, ווען די גרויסע מדקדקים, פֿון טיפּ פֿון דונש בן לברט, ר׳ יונה אבן גנאח, מנחם זיינען געקומען — וואָלטן מיר קיין מאָל צו דער דאָזיקער מדרגה ניט געקומען, ווען די חכמי־המסורה וואָלטן ניט געקומען פֿאַר זיי. דער תּנ״ך וואָלט געווען פֿול מיט אַן אַ שיעור גרייזן און מיר וואָלטן ניט געקענט לייענען אַ פּסוק ווי געהעריק. און

אַזוי וואָלט דער תּנך אַרויסגעפֿאַלן פֿון געברויך — ווײַל אַ ספֿר וואָס מ׳קען ניט לייענען — ווערט ניט געלייענט. די גאַנצע העברעאישע שפּראַך וואָלט צו אונז ניט צוגעקומען, ווײַל זי וואָלט ניט געהאַט קיין דקדוק. אָן דער פּרשנות וואָלטן מיר ניט פֿאַרשטאַנען דעם פּירוש־המילות. אָן פֿאַרגלייכונגען פֿון איין מוסטער מיטן צווייטן וואָלטן מיר ניט וויסן די ריכטיקע אָרטאָגראַפֿיע. מיר וואָלטן גאָרנישט וויסן. דער וואָס פֿאַרשטייט, וואָס אַזוינס די מסורה איז, יענער ווייסט, אַז זי איז דער סקעלעט פֿון אונזער שפּראַכלעכער וויסנשאַפֿט. די מסורה איז געגאַנגען האַנט אין האַנט מיט דער פּרשנות, מיט דער אַגדה און מדרש און מיטן פּיוט. די אַגדה און מדרש איז איינגעפֿלאָכטן און שטיצט זיך אויף דער מסורה. איר וועט געפֿינען אַ וועלט מדרשים, וואָס זײַנען באַגרינדעט אויף דער מסורה, אויף דער צאָל פֿון ווערטער, אויף לעקסיקאָגראַפֿיע. אין בבל האָט אַ לייב זיבן נעמען, די זאַך האָט צען נעמען, יענע — האָט פֿינף. אויב אַזוי — הייסט עס שוין שפּראַכלעכער מאַטעריאַל פֿון דער וויסנשאַפֿטלעכער קאַטע־גאָריע, פֿון די סינאָנימען. צען מינים הונגער איז דאָ אויף דער וועלט, אַזוי פֿיל און אַזוי פֿיל מאָל הונגער איז דאָ אין תּנ״ך. דאָס איז שוין געווען געזאַמלט פֿון לעקסיקאָגען, סיי אַזעלכע וואָס זײַנען געווען פֿאַר־שריבן און סיי אַזעלכע, וואָס זײַנען אַרומגעגאַנגען בעל־פּה: אויף דעם יסוד זײַנען געשריבן געוואָרן הונדערטער דרשות. מאַנכע פֿון זיי זײַנען געווען כּדי צו שאַרפֿן די מוחות, און מאַנכע כּדי צו געפֿינען אַ צד־השווה פֿון דערשיינונגען. איך וויל זאָגן: די אַגדה, דער פּיוט, די מערסטע פֿון די ערשטע פּייטנים זײַנען געווען מדקדקים און פֿאַרשער פֿון תּנ״ך, ווי מ׳האָט זיי גערופֿן בעלי־מקרא, די וואָס האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט תּנ״ך.

ווי איר זעט, איז דורכן משך פֿון הונדערטער יאָרן געשאַפֿן געוואָרן דער וואונדערלעכער „כּנוס״, וואָס האָט מציל געווען דעם תּנ״ך און פּרשנות און דעם דקדוק און די שפּראַכלעכע וויסנשאַפֿט, וואָס כּמעט קיינער ווייסט ניט, ווער און וואָס זיי זײַנען און ווען דאָס איז אָפּגעטאָן געוואָרן. איך וויל אײַך באַווײַזן דעם מוסטער, כּדי אײַך צוצוציען צום ענין. איך האָב ניט אויף דער מינוט געגוג ווערטער. ס׳איז אַן ענין, וואָס מ׳דאַרף פֿיל ריידן וועגן דעם, כּדי אים צו מאַכן פֿאַרשטענדלעך, כּדי איר זאָלט באַ־גרייפֿן די דאָזיקע אַנאָנימע דערגרייכונג און איר אויטאָריטעט פֿאַרן גאַנצן פֿאָלק. איך וויל נאָך אַמאָל געבן צו פֿאַרשטיין: די צונויפֿזאַמלונגען פֿון משנה אַזוי גוט ווי פֿון תּנ״ך און מסורה האָבן געהאַט ניט בלויז אַ גע־וויסן ווערט פֿאַר אַ געוויסן טייל פֿון פֿאָלק, נאָר ס׳האָט געהאַט אַ ווערט

פֿאַרן גאַנצן פֿאָלק, אין דעם גאַנצן גלות, איבער אַלע לענדער פֿון דער וועלט: דייטשע, איטאַליענישע, באַבילאָנישע (איך האָב אין זינען די אידן פֿון אַלטערטום), אַפֿריקאַנישע, תימנישע, די יחידים פֿון אַראַביע און נאָך. אַלע אידן אַן אויסנאַם, צו וועלכע די אַרבעטן זיינען אָנגעקומען, האָבן גע־בויגן זייערע קעפּ און אָנגענומען די דאָזיקע זאַכן. דאָס איז ניט געווען ווי דאָס חסידות, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט בלויז אַ טייל פֿון פֿאָלק, אָדער אַנדערע באַוועגונגען און שטרעמונגען, וואָס בלויז איין טייל פֿון פֿאָלק האָט אָנגענומען זייער הערשאַפֿט. אויך די זיינען געשאַפֿן געוואָרן דורך באַקאַנטע מענטשן, אָבער דאָס גאַנצע פֿאָלק האָט זיי אָנגענומען, וואָס דאָס איז זייער וויכטיק. אויב איר וועט אַרויסגיין אין דער גרויסער וועלט און פֿרעגן, וואָס ווערט באַטראַכט פֿאַר די שאַפֿונגען פֿון אידישן פֿאָלק, שאַפֿונגען וואָס זיינען ווערט שטודירט צו ווערן און געפֿאָרשט צו ווערן, כּדי צו פֿאַרשטיין דעם גייסט פֿון דער אידישער יצירה (דאָ רייד איך וועגן די גויים וואָס פֿאָרשן די אידישע וויסנשאַפֿט אין פֿרעמדע שפּראַכן), וועט מען אייך ענטפֿערן, אַז די דאָזיקע פֿאָרשער ווענדן זיך ניט צו קיין אַנדער אידישער שאַפֿונג, זיי האַלטן קיין שום שאַפֿונג פֿאַר ניט וויכטיק, זיי אָנערקענען בלויז די דאָזיקע שאַפֿונגען אַלס די נאַציאָנאַלע שאַפֿונגען פֿון אונזער פֿאָלק. ווען זיי קומען לערנען אונזער וויסנשאַפֿט, שטעלן זיי זיך אָפּ בלויז אויף די זאַכן, ווייל די זיינען אָנגענומען פֿון פֿאָלק. זיי פֿאָרשן דעם תּנ״ך, זיי האָבן אויפֿגעשטעלט קאַטעדרעס איבער דער גאַנצער וועלט. פֿאַראַנען גאַנצע מחנות געלערנטע, וואָס פֿאַרנעמען זיך מיטן תּנ״ך, ווייל זיי באַטראַכטן אים פֿאַר אַ טייל פֿון דער מענטשלעכער ציוויליזאַציע. איצט זיינען זיי געקומען צום תּלמוד. איר ווייסט דאָך: פֿאַראַן צווישן זיי אויך קעגנער פֿון אידישן פֿאָלק. דווקא די פֿאָרשער־ליבהאָבער פֿון תּנ״ך האָבן פֿיינט אידן. פֿאַראַן אויך שונאים פֿון תּנ״ך, וואָס שטודירן אים געצוואונ־גענערהייט, כּדי צו פֿאַרשטיין דאָס עוואַנגעליום, וואָס שטייט, לויט זייער מיינונג, אויף אַ העכערער מדרגה פֿון תּנ״ך און דער תּנ״ך דינט פֿאַר זיי בלויז ווי אַ הקדמה. זיי דענקען, אַז דער גאָט פֿון די נביאים איז אַן אל קנא ונוקם און דער גאָט פֿון עוואַנגעליום איז אַן אל רחום וחנון. ס׳איז ניט וויכטיק, צי זיי ליבן, צי זיי האָסן — וויכטיק איז, אַז אַפֿילו, ווען זיי האָסן, זיינען זיי געצוואונגען מודה צו זיין, אַז דאָס איז די אידישע שאַפֿונג, צו וועלכער זיי מוזן זיך ווענדן, אויב זיי ווילן קענען דאָס אידישע פֿאָלק. איך רייד ניט וועגן אַ מענטשן ווי שירער, וואָס האָט אויסגעפֿאָרשט די גאַנצע ליטעראַטור פֿון די תּנאים, וואָס זיינען נאָענט צו דער תּקופֿה

פֿון ישו הנוצרי. אין דער לעצטער צייט איז דאָס פֿאָרשן פֿון תּלמוד געוואָרן אַן ענין אַן־און־פֿאַר־זיך, און ניט בלויז אַ הילף פֿאַר דער פֿאָרשונג פֿון קריסטנטום. איך קען ברענגען פֿיל נעמען פֿון פֿאָרשער. ספּעציעל אין דער לעצטער צייט איז באַקאַנט געוואָרן איין פֿאָרשער, מור, אַן אַמעריקאַנער, וואָס האָט געשריבן וועגן תּלמוד אַ גרויס ווערק אין צוויי בענד מיט אַן אַ שיעור וויסן און ליבע. אין לאָנדאָן איז אַרויס אַ בוך וועגן די פּרושים. מיר זעען פֿאַר זיך אַ מאַן, וואָס איז אַריין אין פּרדס מיט אַ וויסנשאַפֿטלעכן מעטאָד. און בנוגע דער מסורה — בלויז די גויים וויסן די מסורה און האַלטן זי אין איין פֿאָרשן. ס'איז באַקאַנט אַ פֿאָרשער אין ווין, וואָס האָט אַרויסגעגעבן אַ בוך נאָך אַ בוך וועגן דער פֿאָרשונג פֿון די ניקוד־סיסטעמען פֿון מסורה. ער האָט פֿאַרעפֿנטלעכט אַ סך אַלטע מאַנוסקריפּטן, וואָס באַווייזן די אַנטוויקלונג פֿון ניקוד און מסורה. אין מיטלאַלטער האָבן מיר געהאַט אַ סך פֿאָרשער ביז אליהו בחור, און נאָך מיט הונדערט יאָר צוריק זיינען געווען מענטשן, וואָס האָבן זיך פֿאַרנומען מיט דער פֿאָרשונג פֿון מסורה, אָבער אין אונזערע צייטן האָט דאָס אַלץ אויפֿגעהערט. אין אונזער צייט זיינען די גויים די גרעסטע פֿאָרשער ווייל זיי באַנעמען, אַז דאָס איז אַ פֿונדאַמענטאַלע שאַפֿונג, וואָס איז ווערט מען זאָל זי פֿאָרשן.

משנה תּורה

איצט וועל איך עטוואָס אָנרירן אַן אַנדער כּנוס, אַ צונויפֿזאַמלונג פֿון גאָר אַן אַנדער קאַטעגאָריע, און דאָס איז דעם רמב״מס „משנה תּורה“. דאָס איז דער פּראַטאָטיפּ פֿון ספֿרי הלכה, וואָס האָבן באַצוועקט צו מאַכן דעם גרויסן צעשפּרייטן מאַטעריאַל צוגענגלעך זיך צו באַנוצן מיט אים, קאָנצענטרירן דעם מאַטעריאַל אין אַ לאָגישער אָרדענונג לויט די ענינים. ס'איז די אַרבעט פֿון איין מענטשן, אַ מענטש אַ גאון מיט אַ געוואַלטיקן שוואונג -- אָבער זיינס, אייגנס, איז דאָרט גאָרנישט פֿאַראַנען. ער איז געווען דער שליח פֿון פֿאָלקס־אינסטינקט. די גרויסע צעשפּרייטקייט האָט גורם געווען, אַז מ'האָט צופֿיל זיך ניט געקענט אָפּגעבן מיטן לימוד התּלמוד, אַז יעדער איינער זאָל קענען באַנוצן אַ הלכה למעשה. די הערצער זיינען געוואָרן קלענער און — די דאגות גרעסער. אין איין פּלאַץ דערקלערט דער רמב״ם, פֿאַרוואָס ער האָט דאָס געטאָן. ער זאָגט, ווייל דער לימוד־התּלמוד נעמט אַוועק אַ סך צייט און ניט יעדער מענטש קען זיך אָפּגעבן מיט דעם און ס'איז פֿאַראַן אַ מוז זיך אָפּצוגעבן מיט אַנדערע וויסנשאַפֿטן. כּדי צו פֿאַרלייכטערן די מי און צייט־פֿאַרלוסט, האָט ער

צונויפֿגענומען און קאָנצענטרירט דעם גאַנצן מאַטעריאַל אין איין פּלאַץ; ערשטנס, אַריינצובריינגען אין אים אָרדענונג און לאָגיק; צווייטנס, כּדי צו געווינען דורך דעם צייט פֿאַר אַנדערע לימודים. און ער זאָגט: „ווען כ׳וואָלט געקענט אַריינפּרעסן דעם גאַנצן תּלמוד אין איין בלאַט, וואָלט איך פֿון אים ניט געמאַכט צוויי בלעטער". דאָ זעט מען די כּוונה. דאָ פֿילט מען דעם מעכטיקן דראַנג פֿון זיין צייט, ווייל דאַן האָבן אידן זיך אָנגעהויבן ווענדן צו אַנדערע וויסנשאַפֿטן. דאָס איז געווען דער אָנהויב פֿון דער שפּאַנישער תּקופֿה, דער אויפֿקום פֿון חכמה און פּאָעזיע ביי אידן, ווען דער פּריערדיקער דרוש האָט זיך פֿאַרוואַנדלט אין עכטער פּרשנות; די מסורה, די וואָס איז געווען אָן עכטע שאַפֿונג, אַ פֿאָלקישע, אַ שפּראַכלעכע, אַ קאָלעקטיווע, איז פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין עכטער דיסציפּלין, אין דקדוק, דורך אבן־ג׳נאח, דונש און אַלע בעלי־הדקדוק, וואָס האָבן געלעבט אין יענער צייט. די קבלה פֿון יענער צייט, די תּורה פֿון סוד און רמז, איז פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין פֿילאָזאָפֿיע, ד״ה איז אַריינגעטראָטן אין תּחום פֿון דיסציפּלינירטער וויסנשאַפֿט, לויט די באַגריפֿן פֿון יענער צייט. דעריבער האָבן זיי זיך געמוזט באַפֿרייען פֿון דעם תּהו־ובהו וואָס האָט אין יענער צייט געהערשט אין דעם אידיש־קולטורעלן פֿאַרמעגן און האָט זיך גענויטיקט אין קאָנצענטראַציע און איינשטעלונג.

טראַכט זיך אַריין אין נאָך אַ מאָמענט. ס׳איז דאָ אַ דרינגענדיקע באַדערפֿעניש פֿאַר יעדער צונויפֿזאַמלונג. כ׳וועל עס זאָגן בדרך משל: ווען מ׳גייט אין מלחמה און מ׳שטעלט איין אַ פֿראָנט, שיקט מען אַרויס זעלנער אין אַ סך פּונקטן, אי אויף אָנצוגרייפֿן, אי אויף אָפּצוהיטן און פֿאַרטיידיקן די עקזיסטירנדיקע פּונקטן. דורך דער צייט פֿון מלחמה פֿאַלן זעלנער, עס קומען פֿאַר אַ סך איינברוכן אין פֿראָנט — אָבער ס׳מוז קומען אַ צייט פֿון הפסקה, ערשטנס, כּדי די זעלנער זאָלן קאָנען אָפּכאַפּן דעם אָטעם, צווייטנס, כּדי צו פֿאַרמויערן די שפּאַלטן, כּדי איינצושטעלן דעם פֿראָנט ווידער אַמאָל. דעריבער זיינען זיי געצוואונגען זיך צונויפֿצוקומען אין איין זאַמלפּונקט, זען וואָס איז געוואָרן נאָך דער לאַנגער מלחמה, נאָך די פֿילע איינברוכן, פֿאַרשווענדן פֿון כּוחות, מענטשן און פֿון מיטלען, זען וואָס ס׳איז געבליבן, וואָס קען מען ווייטער טאָן? דאָס אידישע פֿאָלק איז אַוועק אין גלות, געוואָרן צעשפּרייט, האָט געקעמפֿט, איז אָנגעגריפֿן געוואָרן, האָט אָנגעגריפֿן, האָט זיך פֿאַרטיידיקט. נון, אַ סך איז אין וועג פֿאַרלאָרן געגאַנגען, אַ סך איז געוואָרן פֿאַרדאָרבן אין מלחמה, חוץ דעם איז געקומען אַ פּירוד פֿון שפּראַכן, אַ פּירוד פֿון צייטן.

אויב אַ פֿאָלק וויל אָפּהיטן זיין אַחדות, מוז ער דאָס אַלץ קאָנצענטרירן, דאָס קענען אַרומכאַפּן מיט איין קוק — כּדי ער זאָל זיך מיט דעם קענען באַנוצן. אָרדענונג — איז אַ האַלבע אַרבעט. אויב אַ מענטש ווייסט ניט וואו אַ זאַך ליגט, קען ער זיך ניט מיט איר באַנוצן — דאָס איז אַ פֿאַרמעגן, וואָס טראָגט ניט אַריין קיין פּירות, דאָס האָט קיין ווערט ניט. אידן זיינען ניט געווען אויף איין פּלאַץ, איין שפּראַך, איין לעבנס־שטייגער איז ממילא אַ כּוח, וואָס זאַמלט צונויף, איז ממילא כּוח וואָס באַהעפֿט: ווייל דאָרטן, וואו ס׳איז פֿאַראַן איין איינגעשטעלטער לעבנס־שטייגער, איין געשיכטע, האָט עס אַ השפּעה אויפֿן גאַנצן לעבן פֿון אַ פֿאָלק. אָבער אַ צעשפּרייט פֿאָלק, וואָס האָט דורכגעמאַכט אַ סך אויפֿטרייסלונגען און אַ סך פּעדים זיינען פּלוצימדיק איבערגעריסן געוואָרן — דאָס פֿאָלק שאַפֿט עפּעס און פּלוצים קומט אויף אים אַ גירוש און אַנשטאָט צו שפּי־נען דעם פֿאָדים ווייטער, מוז ער אַלצדינג אָנהויבן פֿון דאָס ניי — אַזאַ פֿאָלק מוז אַוודאי פֿון צייט צו צייט וואַרפֿן אַן אויג אויף זיינע גיטער און זען וואָס איז געשאַפֿן געוואָרן אין זיין וועלט.

דער דאָזיקער כּנוס מוז געמאַכט ווערן בלויז אין איין שפּראַך, און דאָ ליגט דער סוד באַהאַלטן. וואָס האָט געטאָן דער רמב״ם? ער האָט גענומען דעם גאַנצן מאַטעריאַל פֿון משנה ספֿרא, ספֿרי, תּלמוד בבלי און תּלמוד ירושלמי און האָט נאָך אַמאָל געטאָן דאָס וואָס רבי יהודה האָט אין זיין צייט געטאָן, אין אַ ריינער העברעאישער שפּראַך. ער האָט באַ־גריפֿן, אַז איין שפּראַך בלויז קען זיין אַ נאַציאָנאַלע, אַן אַלגעמיינע, די העברעאישע שפּראַך. ווידער אַמאָל האָט ער פֿאַראייניקט דעם גאַנצן מאַטעריאַל, אַריינגעטראָגן עפּעס פֿון די פֿילאָזאָפֿישע מסקנות פֿון זיין צייט, וואָס ס׳איז אין תּלמוד ניט פֿאַראַנען. אין קידוש־החודש האָט ער אַריינגעטראָגן די רעזולטאַטן פֿון דער אַסטראָנאָמישער וויסנשאַפֿט. ס׳איז וויכטיק די לאָגישע אָרדענונג, ניט בלויז די אידעע, נאָר זיין פֿילאָזאָפֿיע און זיין נייע באַציאונג צום גאַנצן מאַטעריאַל. אַזוינס וואָלט רב ניט געזאָגט אין זיין צייט און די שפּעטערדיקע נאָך אים, ניט די רבנים פֿון דייטשלאַנד און פֿראַנקרייך, ניט די חכמי־ספֿרד, די וואָס האָבן ניט באַ־זעסן קיין פֿילאָזאָפֿישע בילדונג, זיי וואָלטן קיין מאָל ניט געזאָגט: „ווען כ׳וואָלט געקאָנט אַריינפּרעסן דעם גאַנצן תּלמוד אין איין בלאַט וואָלט איך פֿון אים ניט געמאַכט קיין צוויי בלעטער". פֿאַרקערט זיי זיינען אַרויס אויף אים און זיין כּינוס אין אַ ביטערן קאַמף, צוליב זייער קאָנסערוואַ־טיזם. אַלע גדולים פֿון רמב״מס צייט האָבן זיך געשטעלט אַנטקעגן דעם

דאָזיקן כּנוס, ווײַל זיי האָבן אים ניט פֿאַרשטאַנען. אָבער איך וויל אײַך זאָגן: דורך אַ גרויסן אינסטינקט האָט דער רמב״ם געגומען אויף זיך די דאָזיקע אַרבעט. ער איז געווען דער פֿאָלקס־שליח. קיין וואונדער ניט, וואָס זײַן ספֿר איז געוואָרן דער בנין־אב פֿון יעדן נײַעם כּנוס, פֿון אַ נײַעם טיפּ. דאָס איז דער „שולחן־ערוך", וואָס איז געוואָרן דער רעגולאַטאָר פֿון דעם לעבנס־שטייגער בײַ אידן איבער דער גאַנצער וועלט.

„שולחן־ערוך"

איר ווייסט, אַז דער רמב״ם איז באַלד אָנגענומען געוואָרן בײַ אַלע אידן, באַלד נאָך דער מחלוקה, וואָס איז פֿאָרגעקומען צווישן די צוויי מחנות, ווײַל נאָך אַלעמען איז דאָס געווען אַן אַרבעט פֿון אַן אײנצלנעם מענטשן. נאָך דעם, אין לעצטן נוסח, איז ער צוגעקומען צו אונז דורך ר' יוסף קאָרו, דאָס איז דער „שולחן־ערוך" וואָס איז אַזוי אָנגענומען בײַ אידן. דאָס זײַנען דעם רמב״מס ווערטער, ממש קאָפּירט פֿון רמב״ם. קאָרו האָט זייער ווייניק מחדש געווען, נאָר ער האָט געענדערט די אָרדענונג, לויט מײַן מיינונג, ניט צום גוטן, נאָר צום שלעכטן; ער האָט אין אים אַרײַנגעבראַכט אַ גוטע פּראַקטישע זײַט פֿאַר די מאַסן, וואָס האָבן זיך באַנוצט מיטן דאָזיקן ספֿר. דער רמב״ם האָט מסדר געווען די דינים אין אַ לאָגישן סיסטעם און קאָרו — אין אַ פּראַקטישן סיסטעם. דאָס אויפֿשטיין פֿון שלאָף אין דער פֿרי — קומט צו ערשט. אַ מענטש שטייט אויף אין דער פֿרי — דאַרף ער וויסן, ווי אַזוי זיך נוהג צו זײַן. אין די דינים פֿון אויפֿשטיין זײַנען אַרײַנגענומען די דינים פֿון בית־הכּסא. דער רמב״ם האָט זיי אַרײַנגעשטעלט אין די היגיענישע דינים און קאָרו אין די דינים פֿון אויפֿשטיין, מחמת בײַם דאַוונען דאַרף דער מענטש זײַן ריין. נאָך דעם גייט ער אין שול אַרײַן, נאָכן דאַוונען קומט ער אַהיים עסן, ווי באַלד אַזוי — אַט האָט איר די דינים פֿון עסן, נאָך דעם די דינים פֿון בענטשן. דאָס איז אַ באַלעבאַטישער וועג, אַ שטייגער פֿון לעבן — אפֿשר האָט אַזוינס אַ ווערט. איך האַלט, אַז דעם רמב״מס אופֿן פֿון אײַנשטעלן די דינים איז לאָגישער. ער האָט צוגעטראָטן צום ענין ווי אַ וויסנשאַפֿטסמאַן. אָבער דעם עצם מאַטעריאַל האָט ר' יוסף קאָרו אי־בערגעשריבן וואָרט און וואָרט, נאָר אַ ביסל צעמישט די לאָגישע אָרדע־נונג. על־כּל־פּנים, דער „שולחן־ערוך" וואַרפֿט אַן אַ מורא אויף די גויים און אויך אויף אידן; זיי גלויבן דאָס וואָס די גויים זאָגן וועגן דעם, און זיי גלויבן, אַז אַלץ, וואָס די גויים זאָגן איז אַ גרויסע חכמה. דער שולחן־

ערוך איז די פּרוכט פון אַ גרויסן שכל, פון אַ גרויסער פּערזענלעכקייט, וואָס איז אויך געווען דער שליח פון פאָלק. וואָס איז דאָ צו ריידן? דער „שולחן־ערוך" איז געווען דער רעגולאַטאָר פון אידישן לעבן דורך אַלע דורות, דורך די פּאַראייניקטע לעבנס־פאָרמען. אַן „שולחן־ערוך" וואָלטן מיר צעברעקלט געוואָרן צווישן אַלע אַנדערע פעלקער און איין שבט אונ־זערער וואָלט ניט געווען גלייך צום צווייטן, ווי פרעמדע פעלקער. איך זאָג, עס זיינען פאַראַן פאָלקס־אינסטינקטן, וואָס באַשאַפן שליחים; זיי פירן דורך גרויסע היסטאָרישע אויפגאַבן און אָפט מאָל מיט דער גאַנצער שווערקייט פון אַ יאָך. ס'איז ניטאָ קיין שאַפונג אָן אַכזריות. אויך דאָס אַכזריות איז אָפט מאָל אַ פאָלקס־אינסטינקט, זי נעמט מיט איר אייגענעם רצון דעם דאָזיקן שווערן יאָך.

דער נייער „כינוס"

נאָך אַ לאַנגער תקופה פון אַ מוראדיקער צעשפּרייטונג, אפשר די גרעסטע פון אַלע צייטן, נאָך אַ לאַנגער תקופה פון הונדערטער יאָרן פון קולטורעלער צעטיילונג איבער דער גאַנצער וועלט; נאָך דער פיל־שפּראַכיקייט וואָס האָט צו זיך קיין גלייכן ניט אין דער פריערדיקער געשיכטע פון אידישן פאָלק; נאָך אַ תקופה פון מעכטיקע שאַפונגס־כוחות, וואָס דאָס אידישע פאָלק האָט באַוויזן אין אַלע שפּראַכן און אין אַלע לענדער אין פאַרשיידענע פאָרמען און פאַרשיידענע געביטן — זאָג איך: אויב מיר ווילן ווידער אַמאָל פאַרשטאַרקן די אייניקייט פון פאָלק און די אייניקייט פון שאַפן — מוז נאָך אַמאָל קומען אַ נייער כינוס. און ווידער זאָג איך: אַז דער כינוס שטעלט זיך ניט אַנטקעגן נייער שאַפונג, נאָר פאַרקערט, ער ראַמט דעם וועג אָפּ פאַר נייער שאַפונג. בוכהאַלטעריע איז אַ שומר, אָן חשבון קען מען ניט אויפהיטן. אַ מענטש וואָס ווייסט ניט פון זיין פאַרמעגן קען דעם פאַרמעגן ניט עקספּלואַטירן. פאַרמעגן האָט קיין ווערט ניט אויב עס ברענגט ניט קיין פּראָפיטן. אַ קבצן — איז ניט יענער, וואָס האָט ניט קיין סך געלט, נאָר דער וואָס האָט אַ סך און פאַרדינט ניט דורך זיי געלט. אַ מענטש קען האָבן ווייניק און פאַרדינען אַ סך. אַ פאָלק ווערט ניט געמשפּט לויט זיינע פילע גיטער, נאָר לויט דעם פאַרדינסט וואָס ער קריגט פון זיי אַרויס. אַ שפּראַך איז ניט רייך לויט איר צאָל ווערטער, נאָר לויט איר שפּראַכלעכן מעכאַניזם, וואָס דער־מעגלעכט צו עקספּלואַטירן גרויסע דערגרייכונגען לשם גייסטיקע גרויסע פאַרדינסטן. פאַראַן אַ מענטש וואָס פאַרמאָגט אַ ביליאָן און פאַרלירט אַ

מיליאָן, יאָר איין און יאָר אויס. איך זאָג: מיר טאָרן זיך ניט האַלטן פאַר אַ פאָלק מיט אַ גרויס פאַרמעגן. מיר אַרבעטן אין אַלע שפּראַכן, צווישן אַלע פעלקער, מיר שרייבן ביכער, קינסטלער אין יעדן געביט און וויסנ־שאַפט. כּל־זמן דער דאָזיקער מאַטעריאַל איז ניט צונויפגענומען, ניט עקס־פּלואַטירט, כּל־זמן ניט אויסגענוצט צו פאַרשטאַרקן אונזער פאָלק, אָפּ־צוהיטן זיין אייניקייט — איז דאָס דאָזיקע פאַרמעגן ניט אונזערס. צעמענ־טירן דאָס פאַרמעגן — מיינט אַ גרויסע צונויפזאַמלונג פון די וויטסטע ביז די נאָענטסטע צייטן, פון אַלע שפּראַכן, פון אַלע דורות; דאָס איז אָרגאַניזירן דאָס פאַרמעגן, עס אָפּשאַצן פון דאָס ניי, מיט אַ נייעם צו־גאַנג דורך די כּלים און מיטלען און די נייע ידיעות וואָס מיר האָבן דערוואָרבן דורך דער צייט. דער גאַנצער מאַטעריאַל דאַרף אַ נייעם גוס. און דאָס מוז געטאָן ווערן דאָ אין ארץ־ישׂראל.

איך זאָג ניט, אַז אַזאַ זאַך איז אַן אַרבעט פאַר איין טאָג — דאָס איז אַן אַרבעט פאַר דורות. אָבער די התחלה דאַרף געמאַכט ווערן אין אונ־זערע טעג. אָט דער געדאַנק דאַרף שטיין אין צענטער פון אַלע אַרבעטן דורך דער כּוונה און וויסן פון גאַנצן פאָלק. אויב, למשל, ס'איז באַשאַפן געוואָרן אַ אידישע אוניווערסיטעט דאַרף זי זיין דער שליח דערצו, וואָס דאַרף אַריינברענגען אין אוניווערסיטעט דעם דאָזיקן געדאַנק.

מיט וואָס זאָל זי מאַכן די התחלה? — לויט אירע כּוחות נאָך. אויב אירע כּוחות דערווייל זיינען קליינע, דאַרף זי לויט די דאָזיקע כּוחות נאָך צוגרייטן און אָפּראַמען דעם וועג דערפאַר. יעדער קעגנשטאַנד דאַרף זיין באַצוועקט צו דער דאָזיקער אידעע. די לערער און די תּלמידים מוזן זיך צוגרייטן צו דער דאָזיקער אַרבעט. איך זאָג אייך: ס'איז ניטאָ קיין שאַפונג וואָס קומט דורך דער כּוונה, שאַפן — איז אַ מתּנה פון גאָט, אָבער דער ענין פון וועלכן איך רייד איז דער ענין פון ווילן און פון שאַנעווען די כּוחות. מיר האָבן שעפער, מיר האָבן בויער אין דער וועלט — זיי זיינען צעשפּרייט; פיל פון זיי זיינען גוט באַקאַנט און באַוואוסט, פיל פון זיי זיינען „למד־וואָווניקעס", קיינער ווייסט פון זיי ניט, מאַנכע פון זיי זיינען צוריקגעצויגענע מענטשן פון גרויסן ווערט, וואָס הויבן אַמאָל אָן גרויסע וויסנשאַפטלעכע אַרבעט און האָבן ניט די מעגלעכקייטן זיי צו פאַרענדיקן און קיינער קוקט זיך אויף זיי ניט אום. אָט די אַלע קרעפטן מוזן צונויפגענומען ווערן, אומעטום דאַרף געשאַפן ווערן אַ גרויסע אָרגאַניזאַציע פון אַרבעטער, פון שעפער איבער דער גאַנצער וועלט, פון אונזערע שעפער אין אַלע שפּראַכן און מען דאַרף אויך צוציען גוים צו אונזער אַרבעט.

איך וויל איצט אָנווייזן אויף זאַכן, וואָס האָבן שוין געזאָלט זיין אין דער אַרבעט, וואָס די אוניווערסיטעט האָט שוין אפשר געדאַרפט האָבן פאַר זיי אַ ספּעציעלע אַקאַדעמיע, אַן אָרגאַניזירטע אַקאַדעמיע פון וויסנ־שאַפטסלייט איבער דער גאַנצער וועלט. איך וועל אין קורצן אָנווייזן אויף גרויסע טאַטן וואָס מ׳קאָן אויפטאָן דורכן משך פון צענדליקער יאָרן. איך וויל ריידן וועגן דעם וואָס מיר האָבן און וואָס אונז פעלט, געבן אַן איבער־בליק וועגן אונזערע נאַציאָנאַל־קולטורעלע גיטער, וואָס אָן זיי קענען מיר ניט מאַכן קיין איינציקן טריט פאַראויס; כל־זמן דאָס דאָזיקע פאַר־מעגן וועט ניט זיין צונויפגענומען, איינגעשטעלט אין אָרדענונג, רעדאַק־טירט פון דאָס ניי, באַלויכטן מיט אַ ניי ליכט — וועלן מיר גאָרנישט קענען אויפטאָן. אונזער אויפלעבונג וועט זיין בלויז אַ פאַרבלענדעניש אויב מיר׳ן ניט אַריינגעבן אין דעם לעבנס־גייסט.

איר ווייסט, רבותי, פּראָדוצירן אָרגאַנזשן איז זייער אַ חשובער ענין — אָבער ניט דאָס איז וואָס ס׳וועט אונז מאַכן אַ נאָמען איבער דער וועלט און וועט אונזער לאַנד געבן פּלאַץ אין דער וועלטלעכער קולטור. בלויז וואָס דאָס פאָלק שיידט אָפּ פון זיין חיי־שעה פאַרן אייביקן לעבן — דאָס איז זיין חלק לעולם הבא און דאָס איז זיין טייל פאַר דער וועלט פון קולטור. דאָס העכערע לעבן, זיין העכערע שאַפונג, דאָס איז וואָס ס׳איז ניצול געוואָרן פון פאַרלענדונג, דאָס איז זיין חלק לעולם הבא און דאָס איז זיין חלק אין דער וועלטלעכער קולטור. נאָך אַ קורצן איבער־רייס וועל איך ממשיך זיין מיין שמועס און אָנגעמען דעם אָקס פאַר די הערנער.

איך בעט אייך, צו האָבן מיט מיר געדולד אויף נאָך אַ פאָר מינוטן, ס׳איז פאַראַן אַזוי פיל, וואָס צו דערקלערן, וואָס צו באַלויכטן, וואָס צו באַנעמען אין דעם עיקר פון דאָזיקן געדאַנק, דעם הכרח פון דעם. פאַר מיר איז דאָס אַזוי קלאָר ווי דער טאָג. ווי ס׳איז קלאָר, אַז אַ מענטש אָן הענט קען קיין זאַך ניט טאָן — אַזוי איז מיר קלאָר דער געדאַנק, אַז אָן דער דאָזיקער אַרבעט איז אונזער קולטורעלע באַוועגונג אָן אומ־מעגלעכקייט, וועט ניט האָבן קיין לופט צום אָטעמען. אין דעם קומענ־דיקן פאָרטראָג וועל איך אָנווייזן אויף דעם יום־טוב, וואָס וועט אַריינ־געבראַכט ווערן ביי אידן איבער דער גאַנצער וועלט דורך דער דאָזיקער אַרבעט. טויזנטער יונגעלייט וועלן דורך דעם לעבן אַ גייסטיקן לעבן, וועלן אויסגיסן אין דעם זייער האַרץ און נשמה. אַלע וועלן אויסקוקן די אויגן פאַר די רעזולטאַטן פון דער דאָזיקער אַרבעט. טויזנטער מענטשן

וואָס זיינען פֿאַרבונדן דורך איין אינטערעס וועלן טאָג אין טאָג ציטער־דיק נאָכפֿאָלגן דעם המשך און די אַנטוויקלונג פֿון דער אַרבעט. טויזנ־טער יונגעלייט וועלן געפֿינען זייער וועג אַרום דער דאָזיקער אַרבעט איבער דער גאַנצער וועלט. דער אַראָנזש איז באַגרענעצט אין צייט, נאָך עטלעכע וואָכן צייט הויבט ער אָן צו פֿוילן — אָבער די דאָזיקע אַרבעטן פֿוילן קיין מאָל ניט. איך זאָג: מיר וועלן אָרגאַניזירן יונגעלייט אַרום דער אַרבעט און מיר וועלן זי אַריינגיסן אין די שולן, אין דער ליטעראַטור, אין אונזער לשון — און מיר וועלן אויפֿלעבן אונזער שפּראַך אין איר גאַנצער פֿולקייט. אָט דאָס מוז געטאָן ווערן. אָבער, זאָג איך, כּדי דאָס צו דערגרעגנטערן, דאַרף מען אויפֿלעבן דעם געדאַנק, מ׳דאַרף אים באַ־גרייפֿן. ווי דער וואַרצל, וואָס ציט אַרויס פֿון אונטער דער ערד אַלע מאַ־טעריאַלן זיך אַליין צו שפּייזן, אַזוי דאַרפֿן מיר זוכן אין אונזער אַטמאָ־ספֿער אַלצדינג וואָס קען נאָר שפּייזן דעם געדאַנק. ס׳טרעפֿט, אַז דורך בייזוויליקייט און שלעכטסקייט ווערט דער דאָזיקער געדאַנק פֿאַרקריפּלט, ווי ער וואָלט געזוכט צו קאָנקורירן מיט עפּעס — דער אמת אָבער איז, אַז ער קומט דורך זאָרג פֿאַר דער נייער שאַפֿונג. ער קומט פֿון אַ גרויסן געפֿיל פֿון צער, וואָס אונזער נייע שאַפֿונג, אונזער קולטור, האָט נאָך ניט זוכה געווען צו קריגן אויטאָריטעט, סיי פֿאַר אונזער פֿאָלק און סיי פֿאַר אַלע אַנדערע פֿעלקער. דווקא דער פֿאַרלאַנג אויפֿצוהויבן אונזער שאַ־פֿונג צו דער מדרגה פֿון אויטאָריטעט פֿאַר דער גאַנצער וועלט און פֿאַר זיך אַליין; דווקא כּדי צו באַשאַפֿן אייניקייט, ממשיך צו זיין דעם פֿאָדעם פֿון יצירה, אַז די מחיצה צווישן אַלטן און נייעם זאָל בטל ווערן, צווישן אידישקייט און מענטשלעכקייט — קומט דער דאָזיקער רצון. ער קומט מתקן צו זיין די דאָזיקע פּגימות. דאָס וועט געטאָן ווערן, אויב מיר וועלן צוגיין צו דער זאַך מיט די צוגעגרייטע פֿון פֿריער כּוונות און אידעען. איך האָב בלויז פֿאַרבייגייענדיק געמאַכט אייניקע באַמערקונגען, און אויב ס׳זיינען פֿאַראַן ספֿקות, נאָכטראַכטונגען און קשיות — וועט איר זיי שפּע־טער שטעלן און איך וועל זיך באַמיען זיי צו פֿאַרענטפֿערן און דערקלערן.

הלכה און אַגדה

(נאָכן איבעררייס)

רבותי! איך בין געצוואונגען צו מאַכן אַ קליינע הקדמה צום עצם עניין. מ׳האָט נאָך אַמאָל אויפֿמערקזאַם געמאַכט וועגן אַלט און ניי. מ׳האָט

מיר דאָ געוויזן ברענערס ווערטער וועגן הלכה. כ'האָב אַמאָל געשריבן אַ מאמר וועגן „הלכה און אַגדה" און ברענער האָט מיך קריטיקירט. אָן שום קווענקלענישן מאַך איך די החלטה: ברענער האָט אפשר דורך דעם אָנגעפירט אַ טאַקטישן קאַמף, ווייל דאָ אין ארץ־ישראל האָבן די רעכטע זיך שטאַרק דערפרייט מיט דער מציאה, אַרויסגענומען דעם מאמר און אים געגעבן אַ ברייטע צירקולאַציע. זיי האָבן געמיינט, אַז הלכה מיינט פשוטה כמשמעה: תלמוד. און איך האָב זיך באַנוצט מיטן דאָזיקן טערמין צוליב אַ געוויסן געדאַנק, צוליב אַ נייעם געדאַנק וואָס דאַרף דינען דאָס לעבן. ס'הייסט: ניט שוועבן אין דער לופטן, ניט חלומות און פאַנטאַזיע. אויב איר ווילט, אַפילו אויפן חשבון פון פּאָעזיע, אַנצוקליידן די פּאָעזיע אין אַ ממשותדיק געשטאַלט, צעמענטירן די אַגדה אין געשטאַלט פון הלכה. דאַרף־ווירטשאַפט — דאָס איז הלכה, ערד־אַרבעט — דאָס איז הלכה, גע־זונטער מסחר — דאָס איז הלכה. ס'הייסט: מ'האָט זיך געערגערט, וואָס אידישקייט איז געבליבן אין תחום פון אגדה; אַפילו ווען זיי האָבן זיך באַנוצט מיט אַ הלכה איז זי געבליבן אַגדה, אַ פּוסטע הלכה פון ווערטער, ווייל דער לעבנס־שטייגער האָט פאַרלוירן זיין אינהאַלט און זיינע הלכהשע טיילן זיינען אַרויסגעפאַלן. געגליכן צו די בלייענע לייִדיקע גילזן וואָס פון ווייטנס זעען זיי אויס ווי קוילן, אָבער שיסן מיט זיי קען מען ניט. אַזוי איז אויך אונזער הלכה: זי איז אויך געבליבן ווי אַ שאָלעכץ אָן אַ תוך. ווען די הלכה איז געוועזן דער אויסדרוק פון אַ ממשותדיקן לעבנס־שטייגער — איז זי געווען אַ לעבעדיקע און זייער גוטע הלכה. אָבער איצט איז די הלכה געוואָרן פּוסט. בעמט אונזער ניי לעבן. איך האָב גע־זאָגט, אַז הינטער דער אַגדה דאַרף מען אַריינברענגען די הלכה. מיר האָבן געזונגען פון אויפלעבונג, גערעדט הויכע ווערטער, געשריבן מאמרים, גע־שאַפן אַן אחד־העמישע פילאָזאָפיע פון אויפלעבונג און איך האָב אָנגע־רופן און זיך באַנוצט מיטן אַלטן טערמין הלכה, וואָס איז אייביק ניי. איך האָב אָנגערופן די אויפלעבונג פון הלכה אין זיין הלכישן געשטאַלט. איך מיין, אַז דאָס איז זייער ווייט פון ברענערס אויפפאַסנוג און נאָך דער דאָ־זיקער דערקלערונג האָבן זיינע רייד קיין האַפט ניט. וואָס דען, איך מיין, אַז ער האָט געהאַט בכוונה די יעניקע וואָס האָבן באַגריפן דאָס וואָרט הלכה לויטן אַלטן מיין און זיך געוואָלט מיט דעם באַנוצן, איז ער אַרויס אין קאַמף אַנטקעגן דעם דאָזיקן צד. איך גלויב ניט, אַז נאָך דעם ווי ער האָט איבערגעלייענט דעם מאמר „הלכה ואגדה", הגם ס'איז ניט געשריבן פּאָפּולער, האָט ער ניט באַנומען דעם עיקר פון מיין כוונה. איך נעם

בכּיוון אַלטע טערמינען פֿאַר נייע באַגריפֿן. דורכן פֿאַרלויף פֿון דורות האָבן מיר איינגעשרומפּן די דאָזיקע באַגריפֿן, מיר האָבן זיי פֿאַרבונדן מיט אַ ספּעציפֿישן אינהאַלט. איך וויל די דאָזיקע טערמינען אויסלייזן פֿון זייער ספּעציפֿישער אַטמאָספֿער און זיי אַריינפֿירן אין דער אַלגעמיינער מענטשלעכער אַטמאָספֿער, פֿאַרוועלטלעכן די דאָזיקע באַגריפֿן. אויף דעם אופֿן וועלן מיר אויסנוצן אונזערע אַלטע טערמינען פֿאַר נייע באַגריפֿן און מיר וועלן ניט דאַרפֿן מחדש זיין און אויסטראַכטן ווערטער. מיין דרך איז אויסצולייזן און איך האַלט, אַז ווען איך זעץ אַריין די דאָזיקע ווערטער אין אַ נייער אַטמאָספֿער באַקומען זיי אַ נייעם אינהאַלט און אַ נייע פֿאַרב. דאָס איז פֿאַרשטענדלעך פֿאַר יעדן מענטשן מיט שכל. פֿאַראַן אַמאָל אַזעל־כע, וואָס כאַפּן זיך אָן אָן די נייע ווערטער און פֿאַרפֿירן דעם עולם, אַז איך מיין מיט דעם אַ געוויסע גרופּע מענטשן און מ׳איז מיך חושד אין קאָנסערוואַטיזם. אמת, איך וויל אָפּהיטן אונזערע אייביקע קולטור־קנינים, אין גאָר אַן אַנדער זינען.

וויל איך איצט נאָך אַמאָל ענטפֿערן מכּוח אַלט און ניי. איך שפּיר, אַז די דאָזיקע פֿראַגע הענגט אויף אונזערע ליפּן, כ׳האָב אויך געקראָגן צוגעשיקט אַ צעטעלע. איינער פֿרעגט: אָט רוף איך פֿאַר גייסטיקע שאַ־פֿונגען — און וואָס הערט זיך עפּעס מכּוח האַנטווערקעריי, אַרבעט, פּרנסה? רבותי, איר פֿאַרשטייט דאָך גוט, אַז ווען די דאָזיקע יסודות זיינען גע־שאַפֿן געוואָרן איז דאָס גאַנצע פֿאָלק געווען פֿאַרנומען מיט ערד־אַרבעט, אין דער צייט פֿון דער משנה האָבן מיר באַאַרבעט די ערד מער ווי היינט. דער גאַנצער סדר זרעים זאָגט עדות אויפֿן פֿאָלק, אַז ס׳האָט דעם סדר זרעים ניט געלערנט — נאָר געמאַכט, דאָס זיינען געווען די פֿאָרמען פֿון זיין לעבן. אַ מענטש האָט פֿאַרזייט זיין פֿעלד, געאַקערט, געשניטן. וואָס אַזוינס איז ליטעראַטור? ליטעראַטור איז אַ שילדערונג פֿון דערווירק־לעכקייט און סדר זרעים איז אַ רעזולטאַט פֿון לעבן. די מענטשן האָבן ניט געלעבט לויטן סדר זרעים, נאָר דער סדר זרעים איז געשריבן לויטן לעבן, דאָס איז אַ רעזולטאַט. וואָס איז „פּאה, סדר דמאי, מעשר, בכּורים״? די ווירטשאַפֿטלעכע אָרדענונג פֿון יענע צייטן. דאָרט זעט איר דאָס פֿאָלק אין זיינע קלאַסן, די ניינציק פּראָצענט פֿון הונדערט, וואָס האָבן באַאַר־בעט די ערד. איר זעט איין פּראָצענט, די כּוהנים און לוויים, די מענטשן פֿון קולטור און קונסט, וואָס זיינען אויסגעהאַלטן געוואָרן דורך אַן אָפּ־צאָל פֿון תּרומה און מעשר. נאָך דעם זעען מיר די אינסטיטוציעס פֿון אָרעמע לייט וואָס האָבן קיין ערד ניט, מסכתּות וואָס ריידן וועגן דעם

ווי אַזוי אויסצוהאַלטן די אַרעמע, די באַדנלאַזע. היינט איז דאָס די לעבנס־פאַרזיכערונג פון יענע, וואָס ווערט געמאַכט פון ספּעציעלע אָפּצאָלונגען וואָס די רייכע מוזן געבן. הייסט עס, אַז די אַלע זאַכן האָבן עקזיסטירט אין לעבן און פון דעם דאַזיקן ווירטשאַפטלעכן סדר האָט אַרויסגעשפּראָצט די ליטעראַטור — אָבער דאָס געהערט ניט צום ענין וועגן וועלכן מיר ריידן.

מיינט עס, אַז דאָס פּראַקטישע לעבן האָט זיך דעמאָלט אָפּגעשטעלט, ווען די דאָזיקע זאַמלונגען זיינען געמאַכט געוואָרן? דאָס איז די נאַאיוויטעט פון אַ בחור וואָס מיינט, ווען ער לייענט אַ ראָמאַן, אַז די העלדן פון דער דערציילונג האָבן אַוועקגעוואָרפן אַלע געשעפטן און זיינען פאַרנומען פון באַגינען ביז ביינאַכט צו שאַפן דעם ראָמאַן. זיי וויסן ניט, אַז דער שרייבער האָט גענומען בלויז מאָמענטן פון לעבן און אונטערדעסן האָט דער העלד זיך פאַרנומען אויף זיין געביט; איז ער געווען אַ דאָקטאָר — האָט ער באַהאַנדלט קראַנקע, געגעסן, געטרונקען, געטאָן זיינע באַדער־פעניש און דערווייל איז געשאַפן געוואָרן אַ זייער גוטער ראָמאַן. מיט דעם ענטפער איך אי יענע, וואָס האָבן מיך געפרעגט: וואָס הערט זיך עפּעס מיטן פּראַקטישן לעבן? דאָס פאָלק ישראל וועט מאַכן גוטע גע־שעפטן, וועט באַאַרבעטן גוט זיין ערד — און דאָך מוז און דאַרף די דאָ־זיקע זאַך געטאָן ווערן. די אַרבעט פון די כּוהנים און לוויים און איר השפּעה איז באַוואוסט צו דער גאַנצער וועלט. און דאָך איז דער תּנ״ך, די פּרוכט פון די דאָזיקע יחידים, די שאַפונג פון גאַנצן פאָלק; די גאַנצע וועלט לעבט מיטן תּנ״ך, זינגט מיט זיין געזאַנג. און אַזוי זיינען אויך אַלע אַנדערע שאַפונגען פון אַ פאָלק. און דאָס פאָלק גופא, וואָס האָט באַאַרבעט זיין ערד, איז דער גרעסטער שותּף, ס'האָט אַריינגעגעבן דעם גרעסטן מאַטעריאַל אין די שריפטן, אָן אים וואָלט דאָס אויף דער וועלט ניט געקומען. ס'איז ניטאָ קיין סדר זרעים אָן דעם פאָלק וואָס האָט גע־לעבט אויפן סדר זרעים. די דאָזיקע חלוקה פון דעם פרעגער — איז אַ נאַאיוו־משכּילישע חלוקה.

איך וויל זאָגן עטלעכע ווערטער מכּוח אַלט און ניי. דאָך קענט איר זיך אַלע ניט באַפרייען פון אַ געפיל, אַז מיך ציט צום אַלטן. וואָס? מיר האָבן היינט־צו־טאָג אַ וועלט מיט צייטונגען, שאַפונג, פּאָעזיע, קונסט, טעכניק — איז דען אַט דאָס גאַנצע פאַרמעגן ניט גענוגנד? איז דען אין דעם לעצטן פּאָעט ניט פאַרשלונגען אַלע פריערדיקע פּאָעטן? אין לעצטן רעזולטאַט, נעמט דאָך דער מענטש אויף די ירושה פון אַלע דורות —

איז אין נייעם דאָך פאַרדייעט און פאַרשלונגען אויך דאָס אַלטע? רבותי, ס'איז אַזוי און דאָך ניט אַזוי! איך וויל אייך פרעגן: ווען מיר קומען קיין ארץ־ישראל, קלייבן מיר אויס אַן אַלטע ערד, אַ זייער אַלטן באָדן; די דאָזיקע ערד איז אַזוי אַלט און פאַרעלטערט — פאַרוואָס האָבן מיר בעסער ניט אויסגעקליבן אַ נייעם באָדן? צי קלייבן מיר עס ניט אויס דערפאַר, ווייל מיר האָבן דאָך דאָס געפיל, אַז בלויז אויף דער אַלטער ערד, אויף דעם דאָזיקן אַלטן באָדן וועט אויפקומען דאָס פאַרהאָפטע לעבן? אויך אויף דער גייסטיקער וועלט איז דאָ אַ באָדן, פאַראַן בלויז איין באָדן און ניט קיין צוויי, פאַראַן איין ערד. ערד, אַזוי ווי מען קען זי ניט אויפעסן אַזוי ווערט זי ניט פאַרעלטערט. די זון און דער הימל איז אויך זייער אַן אַלטע זון, אַזוי ווי די גאַנצע נאַטור. מ'קאָן אויסטיילן פון דעם דאָס וואָס מ'טוט מיטן באָדן, פון דאַנען אַן הויבט זיך אַן דאָס נייע, אָבער דער יסוד מוז זיין דער אַלטער. וואָס מיר'ן טאָן אויפן דאָזיקן באָדן: זייען, אַקערן, באַאַרבעטן — דאָס מוז זיין ניי.

אָבער איך וויל דאָ אונטערשטרייכן איין זאַך, איין אונטערשייד וואָס איז פאַראַן צווישן אונדז און אַנדערע פעלקער. דער אונטערשייד איז דער: ווי און וואָס די קולטור פון אַן אַנדער פאָלק זאָל ניט זיין, נאָר אויב דאָס פאָלק בלייבט אויף זיין פלאַץ — איז וואָס פאַר אַ קאַטאַסטראָפעס דאָס פאָלק זאָל ניט דורכמאַכן, וואָס ס'זאָל ניט ווערן פאַרדאַרבן און פאַרלאָרן — אָבער דאָס פאַרמעגן וואָס איז אים איז געבליבן, ווי קליין ס'זאָל ניט זיין, זיין גייסטיקער באָדן איז אין זיינע הענט. און לויט זיינע כוחות, לויט זיינע פעאיקייטן, לויט זיין ווילן צו שאַפן, וועט עס געפינען זיין וועג. ס'וועט בליען, וואַקסן, אַלץ לויט זיינע כוחות, לויט זיין קלימאַט און לויט די אומשטענדן אין וועלכע עס געפינט זיך. דאָס אַלץ צוזאַמען נעמט זיך צונויף אין קולטורעלער שאַפונג. גאָר אַן אַנדער ענין איז דאָס אייגענע ביי אַ פאָלק וואָס מיטן אונטערגאַנג פון זיין קאָנקרעטער ערד איז אים אויך אונטערגעגאַנגען און צעבראָכן געוואָרן זיין גייסטיקער באָדן און טויזנטער לעבנס־נערוון זיינען איבערגעריסן און די פונקציאָנירנדיקע אָדערן, וואָס צעטראָגן די לעבנס־בלוטן פון צענטער איבערן גאַנצן גוף, זיינען פאַרמאַכט. זיין שפּראַך איז איבערגעריסן, זיין וויסנשאַפט, זיין פי־לאָזאָפיע, אַ סך לעבנס־קוואַלן, קוואַלן פון אַרבעט און פראַקטיק זיינען געגאַנגען לאיבוד, ווייל דאָס פאָלק אין דער פרעמד האָט ניט געקענט אין זיי נעמען קיין אַנטייל. וואָס אַזוינס איז קולטור? קולטור איז דער רעזולטאַט פון פראַקטישן קאָנקרעטן לעבן, וואָס איז פאַרוואַרצלט לדורות.

מיר האָבן דאָס ניט. מיר זיינען אַריינגעשטופּט געוואָרן דורך די גזירות אין טעמפּע ווינקלען, און ניט תּמיד געזונטע ווינקלען, פון פּרנסה: פּראַ־צענט, קליינהאַנדל אאַז״וו. אַלע אוצרות פון לעבן מיט זייערע שליסלען זיינען ניט געלעגן אין אונזערע הענט און מיר האָבן אונזער קולטור ניט געקענט אויפלעבן. דאָס וואָס מען באַקומט פון אַנדערע איז ניט וויכטיק. פאַראַן געלערנטע אין אונזער צייט, וואָס באַהויפּטן: קולטור איז ניט דאָס, וואָס מען באַקומט פון פרעמדע, נאָר דאָס וואָס מען פירט דורך דורכן לעבנס־געפּיל פון אַ פאָלק, און ניט וואָס מ׳נעמט זיך אָפּ פון גרייטן. אַנדערע גייען נאָך ווייטער: קולטור איז ניט דאָס, וואָס מ׳לערנט זיך אָפּ פון אַנדערע, נאָר דאָס וואָס דעם מענטשן בלייבט איבער נאָך דעם, ווי ער האָט אַלץ פאַרגעסן, דאָס וואָס ס׳איז פאַרשלונגען אין זיין בלוט. אָט דאָס דאַזיקע רעשטל — איז קולטור. נאָך אַנדערע זיינען מוסיף: דאָס אויף וואָס אַ מענטש האָדעוועט זיך אויף פון אָנהויב ביזן סוף — דאָס איז קולטור, דאָס מוז פאַרוואַנדלט ווערן אין לעבנס־געפיל פון אַ פאָלק. און דעם דאַזיקן לעבנס־געפּיל אין די טויזנטער ווינקלען פון לעבן האָבן מיר ניט געהאַט, ווייל דאָס אַלץ האָבן מיר גענומען ביי אַנדערע. אויך האָבן מיר ניט תּמיד געקענט פאַרזעצן די זעלביקע אַרבעט. פּלוצים איז אַרויס אַ גזירה און האָט אַלצדינג איבערגעקערט. ס׳איז געוועז אַ צייט, ווען אַ סך אידן זיינען געווען אַרענדאַרן. אויך מיין משפּחה האָט זיך דערפון מפרנס געווען. פּלוצים איז געקומען די גזירה און דאָס אַלץ איבערגעהאַקט. דער צווייטער דור פון די דאַזיקע אידן האָט זיך שוין וואַרשיינלעך געפונען אין אַן ערגערן מצב ווי זייערע טאַטעס.

איך זאָג: דאָ אין ארץ־ישראל האָבן מיר אַ באָדן. מיר מוזן דעם דאַזיקן באָדן זיך אַליין צוריקגעבן. צעבראָכענע שטיקער פון דעם דאַ־זיקן באָדן ליגן צעוואָרפן איבער דער וועלט. פאַראַן עפּעס וואָס מיר האָבן אין דער לופט, אַ קליין רעשטל פון גייסטיקן באָדן, רעשטלעך פון ליטעראַטור, פון קונסט, פון וויסנשאַפט, פון לעבנס־פּראַקטישקייט. דאָס אַלץ מוזן מיר אויסברייטערן, באַהעפטן די דאַזיקע ריסן, זיי צונויפוועבן, מאַכן פון דעם אַ באָדן, מאַכן ווידער אַמאָל פרוכטבאַר דעם דאַזיקן באָדן. אָן באָדן קען דאָס ניט קומען.

אונזער בעלעטריסטיק

כ׳וואָלט געקענט אייך געבן אַ ביישפּיל: איך גלויב ניט אין אונזער בעלעטריסטיק. דאָס איז ניט קיין אמתע נאַציאָנאַלע בעלעטריסטיק, ווייל

זי איז ניט אַרויסגעוואַקסן פֿון אונזער אייגענעם באָדן. עס פֿעלן איר די וויטאַלע עלעמענטן, וואָס זאָלן זי שפּייזן פֿון די סאַמע וואָרצלען. ביי אַלע בעלעטריסטן האָט די ליטעראַטור אויפֿגעשפּראָצט פֿון זייער אייגע־נעם באָדן, פֿון דער פֿאָלקס־לעגענדע וואָס איז לכתּחילה געווען מיטאָס, נאָך דעם זיך פֿאַרוואַנדלט אין לעגענדע, פֿון לעגענדע איז געקומען די נאָוועלע, פֿון דער נאָוועלע זיינען אַרויסגעקומען די דראַמע און דער ראָמאַן. אַזוי אויך פֿון פֿאָלקס־ליד האָבן זיך אַנטוויקלט די שפּעטערדיקע פֿאָרמען פֿון פּאָעזיע. אונזער נייע בעלעטריסטיק האָט כּמעט גאָרנישט פֿון דערציילערישן באָדן. אונזערע — פֿאַרמאָגט גאָרנישט ניט פֿון דעם דאָזיקן חיות, מיר האָבן בלויז אַן אויסערלעכע נאָכאַמונג פֿון פֿאָרמען, וואָס מיר האָבן גענומען ביי אַנדערע. אין דעם פֿאַל, רבותי, בין איך קעגן זיך באַנוצן מיט פֿרעמדע פֿאָרמען. יענער געוויקס וואָס באַקומט זיין גאַנצע חיות פֿון זון און לופֿט אָן וואָרצלען אין דער ערד — איז ניט קיין לעבנס־פֿעאיקער געוויקס. די אויסערלעכע השפּעה איז די השפּעה פֿון לופֿט און זון. ס'איז פֿאַראַן נאָך אַ השפּעה: השפּעה פֿון וואָרצלען, חיונה פֿון דער ערד. איך זאָג, יעדע איינציקע ליטעראַטור ווערט באַאיינפֿלוסט, גנבעט, נעמט — אָבער אַ באָדן מוז אומבאַדינגט זיין. דאָס איז ניט חל בלויז אויף ליטעראַטור אַליין, נייערט אויך אויף דער אויפֿלעבונג פֿון אַ שפּראַך אאַז״וו. איך זאָג: אונזער גייסטיקער באָדן איז געגעבן פֿון הימל, געגעבן דורך דער טבע פֿון דורות און מענטשן, באַוואוסטזיניק און אומ־באַוואוסטזיניק, די שאַפֿונג פֿון דורות ווערט אַ באָדן פֿאַר דער שאַפֿונג פֿון נייע ווערטן. אָן באָדן, אָן דער אומבאַגרענעצטער הערשאַפֿט איבער דעם דאָזיקן באָדן, אָן דער מעגלעכקייט צו באַאַרבעטן דעם באָדן לויט אונזערע כּוחות — וועלן מיר קיין קיום ניט קענען האָבן. פֿאַרוואָס קעמפֿן מיר אויסצוברייטערן אונזערע גרענעצן? ווען ס'ווערט אונז ענג דאָס פּלאַץ ברעכן מיר זיך דורך צו געפֿינען ברייטקייט, נייע קאָלאָניעס. היינט וויפֿיל שוין מער איז דאָס אייגענע מיט אונזער אַלטן פֿאַרמעגן. אַוודאי און אַוודאי, אַז מיר דאַרפֿן דאָרטן זיין די באַלעבאַטים — ווייל איך האַלט, רבותי, אַז אַלט און ניי איז ניט חל אויף באָדן. דער וואָס באַגרייפֿט ניט, אַז איך פֿאָדער דאָס באַהערשן פֿון אונזערע גיטער ווי אַ באָדן, יענער וועט דעם עיקר פֿון מיין געדאַנק ניט פֿאַרשטיין. עס האָט ניט צו טאָן מיט אַלט, דאָס איז באָדן פֿאַרן אויפֿגאַנג פֿון אַ נייער קולטור. איצט וועל איך זיך אָפּשטעלן אויף מעשים, וואָס מוזן לויט מיין מיינונג געטאָן ווערן, ניט אַריינצוגיין אין קליינע פּרטים.

ח. נ. ביאַליק

נאָך אַמאָל תנ״ך

ווי מיינט איר — כ׳וועל נאָך אַמאָל אָנהויבן פֿון בראשית — דער תנ״ך איז אַן אַלט פֿאַרמעגן אָדער אַ ניי? איך פֿרעג ביי אייך: האָט ער נאָך פּלאַץ אין אונזער קולטורעלער אויפֿלעבונג? איך פֿרעג דאָס אמת־דיק און אויפֿריכטיק, לאָמיר ניט טאַנצן אויף צוויי חתונות. פֿון איין זייט זעען מיר, אַז דאָ אין ארץ־ישראל האָבן מיר זיך אָנגעכאַפּט אין תנ״ך מיט ביידע הענט און מיט די נעגל. איך ווייס ניט, צי ס׳איז פֿאַראַן עמעץ, אַחוץ די יעווסעקעס, די אַגענטן פֿון רוסלאַנד, וואָס געפֿינען זיך דאָ אין לאַנד, אפֿשר זיי, מיט זייער גרויסן ברייטן שכל, פֿאַרשטייען וועלט־לעכע דערשיינונגען אַנדערש; איך מיין, אַז אין עטלעכע יאָר אַרום וועלן זיי קומען צו עכטער פֿאַרשטענדעניש און זוכה זיין צו פֿאַרשטיין אַזעלכע זאַכן אויף אַן אַנדער אופֿן. איך רייד וועגן די מענטשן וואָס שאַפֿן און בויען מיט אַן אמת. איך שטעל נאָך אַמאָל די פֿראַגע און זאָג: איז פֿאַראַן אַ נויטיקייט אין תנ״ך? אויב ער איז ניי — פֿאַרוואָס ניט אָנהויבן בעסער מיט דעם אָדער יענעם פּאָעט און מיר׳ן זיך אויף אים פֿאַרלאָזן, ווי מ׳פֿאַרלאָזט זיך אויפֿן רב, אַז ער וועט שוין מאַכן עירוב־תבשילין. ער האָט דאָך שוין איינגעשלונגען דעם תנ״ך, דער פּאָעט האָט דאָך געוויס זיך אויפֿגעהאָדעוועט אויפֿן תנ״ך. וואָרעם אויב ניט — פֿון וואַנען האָט ער גענומען די העברעאישע שפּראַך? איך פֿרעג מיט אַן אמת: ווילן מיר אויפֿהיטן דעם תנ״ך, זיך אָפּגעבן מיט אים, אים פֿאַרשטיין, אים אַריינ־דרינגען אין אונזער דערציאונגס־סיסטעם, אים איבערגעבן צו אונזערע קינדער, אָדער ס׳איז ניט נויטיק? איך וויל ווייטער זאָגן: פֿאַרוואָס איז ער נויטיק? צי דערפֿאַר, ווייל די זאַכן וואָס ווערן דאָרט אַרויסגעזאָגט זיינען די העכסטע חכמה, זאַכן, וואָס האָבן נאָך היינט, אין אונזער צייט, אַ פּלאַץ אין אונזער לעבן, אָדער צוליב אַן אַרכעאָלאָגישער נייגיריקייט צו וויסן, ווי האָבן די אַמאָליקע מענטשן געטראַכט? איך פֿרעג, צי דער דאָזיקער ספֿר האָט נאָך אין זיך לעבנס־זאַפֿטן אויך פֿאַר אונזער צייט און איז נאָך בכּוח אונז צו שפּייזן גייסטיק, אָדער סתם פֿון מענטשלעכן נייגיר, וואָס וויל וויסן, ווי האָבן די אַמאָליקע מענטשן אין זייער צייט געפֿילט? ס׳איז כּדאַי צו וויסן אַ טעם, פֿאַרוואָס דער תנ״ך איז נויטיק? צי די תנכישע פּאָעזיע, די תנכישע פֿילאָזאָפֿיע, לאָמיר זאָגן: שיר השירים, קוהלת, איוב — צי זיינען זיי אייביקע שאַפֿונגען, וואָס האָבן נאָך אין זיך די כּוחות אויפֿצושטורעמען הערצער, אָדער ניט? „תפֿילה לעני כי יעטוף״, „כּאיל תערוג על אפֿיקי מים״, די מזמורים פֿון תהילים, אָדער

דאָס „פּובליציסטישע" נביאות מיט זיין בליק אויף גאָט און מענטשן פון ישעיה, ירמיה, יחזקאל — צי זיינען אַזעלכע געדאַנקען אייביקע, וואָס זיינען אַרויסגעבראַכט געוואָרן אין די אַמאָליקע צייטן און זייער כּוח לעבט און ווירקט אויף אייביק, אָדער גאַנץ פּשוט: מיר, מאָדערנע מענטשן, גייסטיקע מפּונקים, ראַפינירטע אַאַז"וו ווילן איצטער וויסן, ווי אַזוי מענטשן האָבן דעמאָלט געטראַכט, ווי האָבן געפילט און געטראַכט אין זייער צייט אַמאָליקע מענטשן, ניט אַזעלכע אידעלע און ראַפינירטע ווי מיר, מענטשן וואָס זיינען ניט געווען באַקאַנט מיט קופּערניקס סיסטעם — ווי האָבן אַזעלכע מענטשן געפילט? איך פרעג ביי אייך, איך וועל אייך ניט צווינגען מיר צו ענטפערן. איך האַלט נאָענט צום אמת, אַז מיר האַלטן טייער די דאָזיקע שאַפונג צוליב איר אייביקייט, אַז זי האָט נאָך לעבנס־זאַפטן פון דערציאונג פאַר גרויס און קליין. און ניט בלויז ווי אַן אַמאָליקע שאַפונג איז זי אונז טייער. און זאָל אונזער תּורה ניט זיין ערגער ווי זייערע שיחת־חולין, ניט ערגער פון זייער שעקספּיר. דער תּנ"ך פאַרשטאַרקט אונזער אינערלעכן כּוח, אונזער לעבנס־געפיל. ער באַרייכערט אונז. ווי באַלד אַזוי, וועט איר אַלע צושטימען, אַז אין אונזער דערציאונג על־כּל־פּנים איז ער איינער פון די גרונט־שטיינער. פרעג איך: צי דאַרפן מיר זיך מיט אים אָפּגעבן, זיך זאָרגן פאַר אים, על־כּל־פּנים ניט ווינציקער פון זיי, די גוים, וואָס זיינען מיט אים קלענערע מחותּנים פון אונז? איר ווייסט דאָך וואָס ס'טוט זיך אַרום תּנ"ך אין דער גרויסער וועלט: טעקסט־ביכער, פאַרשונגס־ביכער, פאַרשונג פון תּנ"ך פון אַלע זייטן: פון דער אַרכעאָלאָגישער זייט, פון דער עסטעטישער זייט, פון דער היסטאָרישער זייט; די נאַטור אין תּנ"ך, די אַנשויאונגען פון תּנ"ך. וויפל האָט די קונסט זיך אָפּגעגעבן מיטן תּנ"ך, וויפיל מאָלער, סקולפּטאָרן האָבן באַצירט דעם תּנ"ך איבער דער גאַנצער וועלט; אַז איר וועט צונויפנעמען דעם דאָזיקן מאַטעריאַל אין הונדערט הייזער אַזעלכע ווי די, און אפשר 500 אַזעלכע הייזער, וועט אַלץ ניט זיין גענוגנד צו מאַכן זיך אַ באַגריף, וואָס אין דער גרויסער וועלט איז געטאָן געוואָרן אַרום תּנ"ך.

וואָס האָבן מיר ביי אונז אַרום תּנ"ך? כ'האָב שוין געזאָגט, אַז די אַמאָליקע אידן האָבן לויט זייער דרך פיל געשאַפן אַרום דעם תּנ"ך, זיי האָבן נאָך אַמאָל אַריינגעבראַכט דעם תּנ"ך, האָבן אים אַריינגעבויט אין זייער בנין. איך פרעג, ווען און ווי אַזוי וועט דער תּנ"ך אַריינגעבראַכט ווערן אין אונזער לעבן, אין אונזער פאָלקס־געפיל, וואו זיינען די מיטלען און די נייע וועגן איינצופלאַנצן אין אים אונזער לעבן לויטן געפיל

פֿון אונזער צייט? ווען מ'גייט צו לייענען אַ ספֿר דאַרף דער לייענער האָבן אַ גוט קאָרעגירטן טעקסט. איך פֿרעג, וואָס איז אין דער העברעאישער ליטעראַטור געטאָן געוואָרן, אַן אויטאָריטאַטיווער אַקט, כּדי צו געבן אַ גוטן טעקסט פֿון תּנ״ך?

איר ווייסט, אַז דאָס דרוקן און פֿאַרשפּרייטן פֿון תּנ״ך ליגט אין גוייִשע הענט. די מיסיאָנערן דרוקן און פֿאַרשפּרייטן מיליאָנען עקזעמפּלאַרן יעדעס יאָר אויף אַלע שפּראַכן און אויך אין העברעאיש. איך פֿרעג, וואָלט ניט געווען בעסער פֿאַר אונז און פֿאַר דער גאַנצער וועלט, ווען מיר וואָלטן געווען די פֿאַרשפּרייטער? ניט בלויז דורך פּראַכט־אויסגאַבן — דאָס איז אויך נישט שלעכט. איך האַלט, אַז די השפּעה פֿון אידנטום וואָלט זיך אויסגעברייטערט, ווען זיי וואָלטן געוואוסט אַז זיי באַקומען דעם תּנ״ך פֿון די הענט פֿון זיינע אייגנטימער. נאָך אַ שטיקל צייט און מ'וועט מיינען, אַז די אמתע באַלעבאַטים פֿון תּנ״ך זיינען די גויים. ניט נאָר באַקומען מיר די געדרוקטע עקזעמפּלאַרן פֿון זיי, נאָר אויך די תּנ״ך־וויסנשאַפֿט, און אונזערע קינדער גייען לערנען פֿון זיי.

איך האָב דערפֿאַר קיין מורא ניט. „ווער איז אַ קלוגער — דער וואָס לערנט פֿון יעדן מענטשן”. אָבער איר וועט דאָך מודה זיין, אַז ס'איז אַ נידעריקע מדרגה, ווען דער באַלעבאָס פֿון אַ שאַפֿונג, פֿון זיינע אייגענע גיטער, מוז אָנקומען צו אַנדערע, און ער אַליין ווייסט ניט. איז ניט געקומען די צייט, אַז דאָ אין ארץ־ישׂראל זאָל זיך אָנהויבן אַן אַרבעט אַרום תּנ״ך? כ'האָב שוין אָנגעוויזן עטלעכע מאָל, אַז אַפֿילו דער אַלטער תּנ״ך וואָס מיר האָבן, אָט דער תּנ״ך וואָס מיר לערנען אין די חדרים, אין די שולן אונזערע — זיין איינטיילונג אין קאַפּיטלען — איז ניט קיין אידישע איינטיילונג. דאָס איז אַן איינטיילונג וואָס איז געמאַכט געוואָרן מיט אייניקע הונדערט יאָר צוריק פֿון אַ גלח אין אַ לאַטייניִשן תּנ״ך און דאָס איז אַריבערגעגאַנגען צו אונז. פֿאַראַן אַן איינטיילונג לויט דער מסורה און זי איז די ריכטיקע. דער גלח האָט פֿאַרקרימט, ער האָט אַוועקגעשטעלט דעם אָנהויב פֿון די קאַפּיטלען ניט אויפֿן ריכטיקן פּלאַץ. מיר האָבן אַן איינטיילונג לויט סדרים. לייענט צום סוף פֿון די חומשים: די סדרים פֿון ספֿר זיינען אַזוי פֿיל און אַזוי פֿיל. די איצטיקע איינטיילונג אין קאַפּיטלען איז ניט אונזערע. אַפֿילו דאָס וואָרט קאַפּיטל איז ניט אונזערס. איר זעט אַ מוסטער פֿון דער ערשטער פּרשה: דער צווייטער קאַפּיטל הויבט זיך אָן מיט „ויכלו”, יעדער מענטש קען דאָך פֿאַרשטיין, אַז דאָס געהערט צו דער פֿריערדיקער פּרשה; „ויכלו” — דאָס איז דער

סוף, דער נאַטירלעכער סוף פֿון דער ערשטער פּרשה, נאָך דעם הויבט זיך אָן די צווייטע פּרשה מיט „ואלה תולדות השמים והארץ בהבראם". איך וויל אייך באַווייזן ווי ווייט די נייע איינטיילונג האָט פֿאַרדאָרבן דעם טעקסט. דאָס אייגענע אין דריטן קאַפּיטל. אויך דאָרט איז פֿאַראַן אַ גרייז, וואָס פֿעלשט די גאַנצע טענדענץ פֿון דער מעשה און טראָגט אַריין אין איר אַן אַנדער כּוונה, לגמרי אַן אַנדער געדאַנק. ס'איז קלאָר פֿאַר דעם, וואָס קוקט זיך צו מיט אַן אָפֿענעם בליק אין די ערשטע פּרשיות פֿון וועלט־באַשאַף ביז נאָך נח'ן, אַז דאָ איז געווען די כּוונה צו געבן אַ וויסנשאַפֿט־לעכע איבערזיכט איבער דער געשיכטע פֿון קולטור און פֿעלקער און דער אַנטוויקלונג פֿון פֿעלקער איבער דער וועלט, אָבער קיין טענדענץ האָט די פּרשה פֿון באַשאַפֿונג ניט געהאַט ביז אַברהמען. דאָס מיינט — די תּורה איז געקומען צו דערציילן די געשיכטע פֿון די העברעער פֿון אַברהמען אָן, ווי אַזוי זיי זיינען געוואָרן אַ קולטור־פֿאָלק. פֿון וואַנען זיי נעמען זיך אויף דער וועלט, זייער אויפֿשפּראָץ, זייער וואַקסן, ביז זיי זיינען געקומען אין לאַנד אַריין. אָבער לויט זייערע דעמאָלטיקע באַגריפֿן האָבן זיי געמוזט אָנהויבן פֿון וועלט־באַשאַף. פֿון וואַנען שטאַמט אַברהם? האָט מען אָנגעהויבן פֿון אָדם הראשון. דאָ זיינען דורך־אַגב אַריינגעקומען ראשי־פּרקים פֿון דער אַלטער מענטשלעכער קולטור, ערד־אַרבעט, ווי זי איז געקומען אויף דער וועלט, באַשאַפֿונג פֿון די ערשטע אינסטרומענטן, באַ־שאַפֿונג פֿון ערשטער קונסט, אַרבעטס־כּלים, דער אויפֿבוי פֿון די ערשטע שטעט, פֿאַרשיידענע קולטורן. דאָס איז געווען קולטור־געשיכטע ווי זי איז געווען באַוואוסט צו די אַמאָליקע מענטשן. אָט דערציילט ער, ווי אַזוי דאָס בגד איז געקומען אויף דער וועלט, ער דערציילט די לעגענדע מיט דער שלאַנג, אַז ביידע זיינען געווען נאַקעט און זיך ניט געשעמט, דאָס געפֿיל פֿון בושה האָט געבראַכט דערצו, זיי זאָלן זוכן אַ בגד. די דאָזיקע לעגענדע איז געשאַפֿן געוואָרן אין די וואַרעמע לענדער און דאָ זיינען זיי געקומען צום בגד ניט צוליב שוץ קעגן היץ, נאָר דורכן גע־פֿיל פֿון בושה. אין אונזער סדר הויבט זיך אָן די איינטיילונג אַזוי: „און זיי זיינען ביידע געווען נאַקעט, דער מענטש און זיין ווייב, און זיך ניט געשעמט". נאָך דעם דערציילט ער: „און גאָט האָט פֿאַר זיי געמאַכט פֿעלענע העמדער און זיי אָנגעקליידט". דאָ איז פֿאַראַן דער ווילן צו דערציילן, ווי אַזוי די ערשטע מענטשן זיינען געקומען צום מלבוש. דער אָנהויב איז, וואָס זיי זיינען ביידע געווען נאַקעט און זיך ניט געשעמט, אָבער דווקא דאָ רייסט דער גוי איבער די פּרשה און ער טשעפּעט צו דעם

דאָזיקן פסוק צו דער פֿריערדיקער פּרשה און הויבט אָן דעם דריטן קאַפּיטל מיט „והנחש היה ערום" און ברענגט אַריין אַ דורכאויס אַנדער טענדענץ. איר ווייסט, אַז די שלאַנג אין דער קריסטלעכער טעאָלאָגיע פֿאַרנעמט אַ גרויסן פּלאַץ, ס'איז פֿאַראַן „דאָס שמוץ פֿון שלאַנג". ישו הנוצרי קומט מכפּר צו זיין אויף דער ערשטער זינד. דורך אַ טענדענץ, אַזוי דוכט זיך מיר. דאָ איז ניט דאָס קלייד דער עיקר, נאָר די שלאַנג, וואָס האָט גורם געווען צו דער זינד און דאָס קלייד נעמט זיך פֿון דערשפּירן די זינד און די בושה וואָס דער חטא האָט גורם געווען. (דער עיקר ביי אים איז צו זען די שלאַנג אָן אַ שום צוזאַמענהאַנג מיטן קלייד). פֿון דער דאָזיקער טענדענץ האָט ער אָנגעהויבן די פּרשה מיט „והנחש היה ערום". אויב מיר הויבן אָן מיט „ויהיו אדם וחוה" שטייען מיר ביי אדם און חוה, וואָס זיינען געווען נאַקעט, אָדער זיי האָבן זיך אויפֿגעגנייט קליידער פֿון פֿייגן־בלעטער, אָדער גאָט האָט פֿאַר זיי געמאַכט פֿעלענע העמדער און זיי אָנגעקליידט. דאָ זיינען פֿאַראַן צוויי נוסחאות: איין לעגענדע איז, אַז זיי זיינען געווען נאַקעט און זיי האָבן זיך אויפֿגעגנייט מלבושים פֿון פֿייגן־בלעטער, און די צווייטע לעגענדע איז, אַז גאָט האָט זיי געמאַכט פֿעלענע העמדער. דאָס איז אַ צווייטער נוסח. אין די אַלטע ספֿרים איז אונזער היינטיקע איינטיילונג ניטאָ, נאָר די איינטיילונג אין סדרים. ס'איז דאָ איינער אַ איד, וואָס האָט דאָס אַלץ אונטערזוכט און אַרויסגעגעבן וועגן דעם אַ באַזונדער בוך.

ביז היינטיקן טאָג האָט זיך דאָס אידישע פֿאָלק ניט געקימערט אַרויסצוגעבן דעם תּנ"ך אין זיין אָריגינעלן אויסזען, אין וועלכן ער האָט צו אים דערגרייכט. אַזאַ באַלעבאָס איז דאָס! דענקט איר ניט, אַז ס'איז נויטיק צו האָבן אַריינפֿירן צום תּנ"ך, באַלייכטן אים פֿון אַלע זייטן, בקיצור, אויב איך זאָל מיר אָפּשטעלן אויף איינצלהייטן וועל איך צו קיין סוף ניט קומען סוף־כל־סוף, אויסלייזן די דאָזיקע נחלה פֿון פֿרעמדע הענט. מיר וועלן זיי דאַנקבאַר זיין פֿאַר דאָס גוטע וואָס זיי האָבן אויפֿגעטאָן, מיר'ן נעמען פֿון זיי אַלץ וואָס מיר'ן געפֿינען פֿאַר ריכטיק. אָבער זאָל די גאַנצע וועלט וויסן, אַז מיר פֿאַרנעמען זיך מיט דער דאָזיקער שאַפֿונג, אַז מיר זיינען די אייגנטימער. פֿאַרוואָס האָבן מיר ניט קיין אַמביציע דערפֿאַר? עס זיינען דאָך פֿאַראַן איבערזעצונגען פֿון תּנ"ך, דער תּרגום השבעים אאַז"וו. דאָס אַלץ דאַרף זיך געפֿינען אין אונזערע הענט. דער תּרגום השבעים איז געמאַכט געוואָרן אין דער צייט פֿון בית־שני. דעמאָלט האָבן זיי געהאַט טעקסטן פֿון די פֿריסטע צייטן. אָט די אַרבעט

אַרום די איבערזעצונגען און די טעקסטן — פאַרוואָס איז ניטאָ די אַמ־ביציע, אַז דאָס אַלץ זאָל זיך געפינען ביי אונז אין די הענט און די גויים זאָלן קומען צו אונז זיך לערנען? איך מיין, אַז אונזער זיין דאָ אין לאַנד וועט אונדז באַהילפיק זיין. כ'האָב געלערנט דאָ פון אַן ערד־אַרבע־טער אַ צוויי־דריי זאַכן וועגן פסוקים פון תנ״ך, אַז ס'איז מיר אַזש ליכ־טיק געוואָרן אין די אויגן, בלויז אויפן יסוד, וואָס ער האָט געזען ביי אַן אַראַבער. זיי געפינען, אַז אונזערע חכמים האָבן געלערנט פון גויים כדי צו פאַרשטיין דעם תנ״ך. אונזער קאָמענטאַרישע ליטעראַטור איז זייער גרויס, אַפילו די תלמודישע תקופה פאַרמאָגט אוצרות צו דער פאַרשונג פון תלמוד, וואָס די גויים זיינען צו זיי ניט צוגעקומען. פאָדערט ניט פון אונז אונזער נאַציאָנאַלע אַמביציע, אַז מיר זאָלן דאָס פעלד באַאַרבעטן? פאַראַן טויזנטער טעקסט־ביכער, תנכישע ענציקלאָפּעדיעס, ספרים וואָס אַנטהאַלטן דעם רעאַליזם פון תנ״ך, קליידער, כלים, געאָגראַפיע פון תנ״ך, היסטאָריע, פאַראַן אַ וועלט ספרים מיט פּראַקטיקע אילוסטראַציעס. דאַרף מען נישט נשתומם ווערן, אַז ביז היינט האָט נאָך די אוניווערסיטעט ניט זוכה געווען איינצופירן אַ קאַטעדרע פאַר תנ״ך? איז דאָס ניט אַ נאַציאָ־נאַלע חרפה — איז דאָס נישט די ערשטע נאַציאָנאַלע נויטווענדיקייט? קודם־כל פון דער שפּראַכלעכער זייט, דאָ איז דאָך פאַראַן דער ערשטער אָריגינאַל.

כ'וואָלט געקענט גיין ווייטער און אייך דערציילן וועגן די פּסיידאָ־עפּיגראַפן, וואָס זיינען בכלל ניטאָ אין אונזער ליטעראַטור, אַ נאַציאָנאַלע שאַפונג אונזערע וואָס געפינט זיך אין אַלע שפּראַכן פון דער וועלט, וואָס ס'זיינען געשריבן וועגן זיי הונדערטער ביכער און ביי אונז זיינען זיי כלל ניטאָ. דער ספר־חשמונאים האָט אַ חשיבות פון ערשטער מדרגה, אפשר ווי דער תנ״ך, און ביז היינטיקן טאָג איז ער ביי אונז ניטאָ. ער האָט דאָך געדאַרפט שטיין אין איין שורה מיטן תנ״ך. איך רייד ניט וועגן די אַנדערע ספרים: חכמת שלמה, יהודית, די בעסערע עפּיגראַפן, טוביה, פּסיידאָ־עפּיגראַפן, ווי עזרא. אַן דער דאָזיקער ליטעראַטור איז אוממעג־לעך צו פאַרשטיין דעם המשך. לאָמיר נעמען די אַלעקסאַנדרינישע תקופה, פילאָן. אַ סך ביכער זיינען וועגן אים געשריבן געוואָרן, נאָר קיין איד האָט פון אים קיין באַגריף ניט. ס'איז אוממעגלעך צו פאַרשטיין דעם המשך פון אונזער שאַפונג, ווען מ'וויסט ניט, אַז קבלה און די אידישע מיסטיק, די אידישע לעגענדע, זיינען בויידע באַגרינדעט אויף דער אַלעק־סאַנדרינישער שול. מיר וואָלטן ניט געקענט פאַרשטיין די דערשיינונגען,

די אַנטוויקלונגען פֿון אַנדערע ליטעראַרישע דערשיינונגען ניט האָבנדיק קיין ידיעה אין דער אַלעקסאַנדרינישער ליטעראַטור. מיר האָבן נאָך ביז היינט ניט קיין גוטן טעקסט ניט קיין וויסנשאַפֿטלעכן טעקסט פֿאַרן קענער און ניט קיין פֿאָלקס־טעקסט פֿאַר די מאַסן פֿון דעם שאַפֿן פֿון די תּנאים.

שפּראַך

איך וויל ריידן עטלעכע ווערטער וועגן דעם שפּראַכלעכן ווערט פֿון דער תּנאים־ליטעראַטור. אויב מיר האָבן געוואָגט אויפֿצולעבן אונזער העבּרעאיש דאָ אין ארץ־ישׂראל איז דאָס בלויז צו פֿאַרדאַנקען דער תּנאים־ליטעראַטור. די תּנכישע העברעאישע שפּראַך איז אַזוי ווייט פֿון אונז, אין צייט און פּלאַץ, אַ דיסטאַנץ פֿון קולטור און דיסטאַנץ פֿון געדאַנקען־בוי, אַז ס'איז כּמעט אוממעגלעך אַריינצופּאַסן דעם געדאַנק פֿון אַ היינט־צייטיקן מענטשן און זיינע באַגריפֿן אין דעם פֿורעם פֿון תּנכישן לשון. דער תּנ״ך דינט אונדז אַלס אומאויפֿהערלעכער קוואַל פֿאַר טויזנט זאַכן און אויך שפּראַכלעך, אָבער ניט אין תּנכישן, נאָר אין משנה־פֿורעם. די משנה איז די שפּראַך פֿון לעבן, די משנה האָט זיך אַנטוויקלט אונטער דער השפּעה פֿון די אַרישע שפּראַכן — גריכיש און לאַטייניש; אמת, פֿון אַראַמעאיש איז זי מער באַאיינפֿלוסט געוואָרן, אָבער אַראַמעאיש איז דורכגעגאַנגען דורכן טיגל פֿון די אַרישע שפּראַכן און דורך דער השפּעה פֿון גריכישער קולטור. דאָס אַראַמעאיש האָט זיך איינגעפּרעסט און באַקומען אַ גריכישן אויסזען און דורך דעם האָט אויך די העברעאישע שפּראַך פֿון יענער צייט, די שפּראַך פֿון משנה, געביטן איר פּנים און האָט זיך דערנעענטערט צום סטיל פֿון מאָדערנעם טראַכטן. זי האָט אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון זיך פֿאַרעלטערטע פֿאָרמען און איז געוואָרן זאַכלעכער און אַבסטראַקטער, פֿון איין זייט איז זי געוואָרן פֿולער און פֿון דער צווייטער — אַבסטראַקטער. ווייל דער תּנ״ך האָט געגעבן די אַבסטראַקציעס אין בילדער, מיט בילדער קען מען זיך ניט באַנוצן אין אַ וויסנשאַפֿטלעכער שפּראַך. „איינשטעלן די נשמה אין האַנט״ — מיינט, זיך שטעלן אין סכּנה. טויזנטער אַזעלכע זיינען פֿאַראַן אין תּנ׳ך, בילדלעך אויסגעדריקטע. איך זאָג: די משנה האָט זיך דערנעענטערט צום לעבן, צום מאַרק (אַוודאי איז אויך געווען אַ מאַרק־שפּראַך אויך דורך דער צייט פֿון תּנ״ך, אָבער זי איז פֿאַרלאָרן געגאַנגען). די שפּראַך פֿון משנה האָט זיך דערנעענטערט צום לעבן, צו זאַכלעכקייט, און זיך דערנענטערט צו אַבסטראַקציעס.

קומען צו איך ניט קיין איבעריקס קלוגע מענטשן און זאָגן: די שפּראַך פֿון לעבן איז אַ וועגווייזער, אַזוי ווי מ׳רעדט אַזוי דאַרף מען שרייבן, ס׳מיינט, לויט די פֿינף הונדערט צעבראָכענע און צעקאַליעטשעטע ווערטער, וואָס האָבן ניט קיין טעם און קיין ריח, וועלכע אונזערע מענטשן האָבן אין די מיילער, און זיי פֿאַרלאָזן זיך אויף דעם, אַז אַזוי איז מיט יעדער אַנדער שפּראַך. וואָס ווילט איר? וויפֿיל ווערטער האָט דען אַ מענטש אין אירגענד וועלכער אַנדער שפּראַך? טויזנט ווערטער, פֿינף הונדערט ווערטער, און מיט די ווערטער באַנוצט ער זיך. טויזנט ווער־טער זיינען גענוג אַ מענטש זאָל אויסלעבן מיט זיי זיינע יאָרן. די דאָזיקע מענטשן האָבן אָבער פֿאַרגעסן איין קלייניקייט: אַז ביי יעדן פֿאָלק האָט יעדער מענטש טויזנט אַנדערע ווערטער; יעדער מענטש אין זיין געביט האָט זיך זיינע אייגענע ווערטער: דער שוסטער האָט זיינע פֿינף הונדערט, דער פּויער — זיינע, דער כעמיקער — זיינע. אַלע צונויפֿגענומען האָט דאָס פֿאָלק אַ מיליאָן ווערטער. דאָ — האָבן מיר אין העברעאיש בלויז פֿינף הונדערט ווערטער, אָט די פֿינף הונדערט ווערטער — פֿאַר אַלעמען. דאָס איז דער אונטערשייד צווישן אונז און אַלע אַנדערע פֿעלקער.

איך זאָג: יעדע לעבעדיקע שפּראַך האָט זיך איר תּורה שבכתב און תּורה שבעל־פּה. יעדע שפּראַך האָט אירע פּסוקים, יעדע שפּראַך שפּאַרט זיך אָן אויף פּסוקים, ווי אויף אָן אונטערשטן שטאַפּל. רבותי, טשעכאָוו האָט געשריבן מיט פּסוקים, געטע האָט געשריבן מיט פּסוקים און שילער האָט געשריבן מיט פּסוקים — אָבער פּסוקים וואָס זיינען איך ניט באַקאַנט. הינטער יעדער עכטער שפּראַך פֿון שרייבער און פּאָעט שטייט דאָס לשון פֿון די אָבות און עס שטייען פּסוקים, פֿאַרהוילענע פֿאַרן אויג. ווען די דאָזיקע פּסוקים וואָלטן ניט געשטאַנען הינטער דעם צוזאַמענשטעל פֿון ווערטער — וואָלטן די ווערטער קיין האָפֿט ניט געהאַט. דאָס וואָלט געווען אַ צופֿעליקער צוזאַמענשטעל פֿון ווערטער, אין וועלכע ס׳איז ניטאָ די קולטורעלע אַטמאָספֿער, וואָס רוט אין די פֿאַרהוילענע פּסוקים, וואָס גיסט אַריין אַ גייסט פֿון שיינקייט אין דעם נייעם און שענקט אים לופֿט און ליכט. אָן דעם האָט עס קיין האָפֿט ניט. דורך דעם וויסן מיר אָפּט דעם חילוק צווישן אַ וואָרט וואָס מאַכט אויף אונז אָן איינדרוק און צווישן אַ טויטן וואָרט. ווייל אין דעם דאָזיקן לעבעדיקן וואָרט איז צעמענטירט דער כּוח פֿון פּסוקים. ניט דער כּוח פֿון אַן אַלטן פּסוק ווי עס שטייט און גייט, וואָרעם אויב מ׳באַלעבט זיי ניט אויף דאָס ניי און מ׳איז ניט מוסיף אייגנס, זיינען זיי אויך טויט. גילון פֿון קוילן, האַלבע פּסוקים, האָבן

קיין האָפּט ניט. די שרייבער שאַפֿן זייערע אייגענע פּסוקים מיטן כּוח פֿון די אַלטע פּסוקים. דאָס איז וואָס מ׳רופֿט אָן דער גייסט פֿון שפּראַך. דער גייסט פֿון שפּראַך ווערט אַרויסגעשעפּט פֿון די כּוחות פֿון אַ לעבעדיקן פֿאָלק. דאָס גאַנצע פֿאָלק האָט טויזנטער פּסוקים, וואָס בויען דעם סקעלעט פֿון דער שפּראַך, גיבן איר פֿאַרביקייט — און די שאַפֿער און וואָרט־קינסטלער בויען אין איר געשטאַלט און אויסזען, זיי מאַכן נייע קאָמבי־נירונגען און געבוירן נייע קינדער, נאָך דעם כּוח פֿון המשך. און דער דאָזיקער המשך לעבט און עקזיסטירט אין דער ליטעראַטור, ווי אין די מיילער פֿון פֿאָלקס־מאַסן. און אויב טשעכאָוו, אָדער טורגעניעוו, פֿון די אויסגעצייכנטע סטיליסטן, זיינען געגאַנגען אין גאַס זיך צוצוהערן, ווי דער שוסטער, אָדער דער פֿורמאַן, ריידן — האָבן צוגעלייגט אָן אויער צום חוש־הלשון און געשאַפֿן אין זיין געשטאַלט — איז דאָס געווען דער לעבנס־קוואַל פֿון שפּראַך. מיר אָבער האָבן ניט פֿון וועמען צו לערנען, מיר האָבן בלויז דאָס בוך. מיר האָבן ניט קיין אַנדער באָדן, ווייל דאָס פֿאָלק האָט ניט גערעדט העברעאיש. דאָס וואָס מיר האָבן אַריינגעגעבן אין פֿאָלקס־מויל און דורך שווערער דערציאונג אין אַ משך פֿון דרייסיק יאָר צייט, איז דאָס, וואָס מיר האָבן אַרויסגעשעפּט פֿון דער אַלטער ברונעם. ווי אַ פֿויגל וואָס קאָרמעט אירע פֿייגעלעך, אַזוי האָבן מיר געשעפּט און דער־לאַנגט דעם פֿאָלק אין מויל אַריין. דורות וועלן פֿאַרבייַ ביז מיר וועלן אויפֿלעבן דעם גאַנצן שפּראַכלעכן מאַטעריאַל, ביז דאָס פֿאָלק וועט דער־שפּירן די שפּראַך אין זיינע בלוטן, און דער אינערלעכער חוש פֿון שפּראַך וועט זיך אין אים דערוועקן. ביז יענער צייט וועלן מיר מוזן אָנקומען צו דער ליטעראַטור; ניט פֿון פֿאָלקס־מויל לעבן מיר, נאָר ס׳פֿאָלק לעבט פֿון זיין בוך. און זאָלן ניט קומען די אָפּטימיסטן און זאָגן, אַז עס איז שוין גע־קומען די צייט מיר זאָלן זיך לערנען פֿון די וואָס ריידן העברעאיש און שרייבן אין זייער לשון. אַ סך יאָרן וועלן אַוועק, דורות וועלן פֿאַרבייַ ביז דאָס אידישע פֿאָלק וועט דערשפּירן, אַז די שפּראַך לעבט אין אים און אַז ער לעבט אין איר. דערווייל שטייט די שפּראַך אין איר תּקופֿה פֿון געשאַפֿן ווערן און ניט אין איר נאַטירלעכער תּקופֿה.

דעריבער זאָג איך: וואָס דאַרף זיין די אַרבעט וואָס מיר מוזן טאָן פֿאַרן אויפֿבוי? וואָס האָבן מיר יאָ און וואָס האָבן מיר ניט? וועגן דעם וויל איך ריידן. איך רייד כּאַפּנדיקערהייט. אויפֿן דאָזיקן געביט האָבן מיר גאָרנישט ניט. מיר האָבן ווערטער־ביכער. איך וויל ניט ריידן וועגן יענע ווערטער־ביכער, וואָס האָבן שוין אין גאַנצן פֿאַרלאָרן זייער ווערט.

מיר׳ן נעמען בן־יהודהס ווערטער־בוך. איך וויל דאַ נישט קריטיקירן זיין אַרבעט. איך האַלט, אַז וועגן בן־יהודהס ווערטער־בוך דאַרף מען ריידן ניט ווי וועגן אַ צוועלף־בענדיקן ווערטער־בוך, נאָר העכסטנס ווי וועגן אַ דריי־בענדיקן ווערטער־בוך, ווייל דאָרט איז פֿאַראַן אַ געקינסטלטע אויסברייטערונג, וואָס מ׳דאַרף זי לחלוטין ניט האָבן. אויף יעדן וואָרט זיינען פֿאַראַן כּל־המיני פּסוקים, ניט כּדי אַרויסצוברענגען אַלע וואָרט־שאַטירונגען, נאָר פּשוט כּדי אויסצוציען און פֿאַרמערן די בענד. ווי ס׳זאָל ניט זיין, ער האָט אָבער צונויפֿגעזאַמלט, על־כּל־פּנים האָט ער זיך געמיט צונויפֿצוזאַמלען, פֿון דער גאַנצער ליטעראַטור. אָבער חוץ דעם תּנכישן מאַטעריאַל פֿאַרמאָגט ער ניט אַפֿילו קיין הונדערט־חלק פֿון דעם גאַנצן שפּראַכלעכן מאַטעריאַל, וואָס מיר באַזיצן. פֿאַראַן איין וויסנשאַפֿטלעכער ווערטער־בוך, דער געזעניוס, דער תּנ״ך־ווערטער־בוך, וואָס עלטערט זיך ניט, ווייל אַלע פֿינף יאָר ווערט עס אָפּגעפֿרישט. פֿאַראַן שוין עטלעכע אויפֿלאַגעס, נאָר אין יעדער נייער אויפֿלאַגע קומען צו נייע פֿאַרשונגען, וואָס זיינען דורך דער צייט געמאַכט געוואָרן. נאָר דאָס דאָזיקע בוך איז בלויז פֿאַר פֿאַרשער, סתּם אַן אינטעליגענטער מענטש קען זיך מיט אים ניט באַנוצן. עס איז געשריבן מיט רמזים, מיט ראשי־תּיבות, עס ציטירט, עס ווייזט אָן מראי־מקומות אין הונדערטער ספֿרים אויף מאמרים, וואָס זיינען צעוואָרפֿן אין אַלע לשונות און פֿאַרשיידענע ביבליאָטעקן — אַזוי אַן דאָס ווערטער־בוך טויג נישט פֿאַר דעם דורכשניטלעכן מענטשן. אײ־בערהויפּט איז עס ניט געשאַפֿן געוואָרן פֿאַרן געברויך פֿון אונזער פֿאָלק, ס׳איז געשאַפֿן צוליב פֿאַרשונג און ניט פֿאַרן צוועק פֿון שפּראַך־אויפֿלעבונג. איך מיין, ווען אידן וואָלטן זיך געזאָרגט דערפֿאַר, וואָלטן זיי געקענט אַרויסברענגען אַ בעסערע זאַך אויף דעם געביט ווי די גויים, צוליב אַ סך טעמים. אונזער ווערטער־בוך, אַחוץ זיין פֿאָרשערישן צוועק אין דער פֿאַרגאַנגענהייט, דאַרף אויך האָבן אַ כּוונה פֿאַר דער קעגנוואָרט און צוקונפֿט, און אויך די כּוונה פֿון שפּראַכלעכער אויפֿלעבונג. די דאָזיקע כּוונה איז פֿאַראַן אין בן־יהודהס ווערטער־בוך, און דעריבער האָט עס פֿאַר אונז אַ גרעסערן ווערט פֿון די גוייאישע ווערטער־ביכער, הגם עס איז ניט אַזוי וויסנשאַפֿטלעך ווי זייערע. ער האָט זיך באַנוצט מיט דער גויאישער פֿאַרשונג, ער איז ניט געווען קיין ספּעציאַליסט נאָר אַן אַמאַטאָר אין וויסנשאַפֿט, נאָר דאָס אומגליק איז, וואָס ער האָט ניט אַרומגענומען די גאַנצע שפּראַך. איין מענטש קען ניט אויפֿטאָן אַזאַ אַרבעט. אין אונזער צייט ווערט אַזאַ אַרבעט אויפֿגעטאָן פֿון אַ סך געלערנטע. אויך געזעניוס,

ווי געזאָגט, איז ניט אַן אַרבעט פֿון איין מענטשן, ווייל אין דאָזיקן ווערטער־בוך איז פֿאַרזונקען אַרבעט פֿון צענדליקער געלערנטע.

איך זאָג: מיר האָבן ניט קיין נאַציאָנאַל־אַקאַדעמישן ווערטער־בוך, ווי למשל, די פֿראַנצויזן האָבן, אַן אַקאַדעמיש ווערטער־בוך, וואָס איז געוואָרן דער סימבאָל פֿון גאַנצן פֿאָלק, די גייסטיקע פֿירמע, וואָס דאָס גאַנצע פֿאָלק פֿאַרנעמט זיך מיט איר און דאָס שאַפֿן אַ באַנד פֿון דאָזיקן ווערטער־בוך איז אַ נאַציאָנאַלער יום־טוב און ס׳ווערט פֿאַרצייכנט, אַז מ׳האָט פֿאַרענדיקט איין וואָרט און מ׳גייט אַריבער צו אַן אַנדער וואָרט. דאָרטן אַרבעט אַ געזעלשאַפֿט פֿון מלומדים. יעדעס יאָר מאַכט די אַקאַדעמיע באַקאַנט: מ׳האַלט ביי דעם און דעם וואָרט, למשל: מ׳האַלט איצט ביים וואָרט „גענעראַל". לאַדט מען איין פֿרעמדן (?) זיך מיישב צו זיין מיט אים ווי אַזוי צו דערקלערן דאָס וואָרט גענעראַל אין אַלע זיינע שאַטירונגען; פֿרעגנטש איז אויך געווען אַ גרויסער פֿאָרשער, אַ מלומד. און אַזוי אויך מיט אַלע אַנדערע ווערטער, ווייל מ׳באַדאַרף וויסן דאָס ליטעראַרישע פֿעלד פֿון וואָרט און אַלע זיינע אַסאָציאַציעס. דאָס איז די אַרבעט פֿון אַן אַקאַדעמישן ווערטער־בוך. דאָס בוך האָט אַ סך אויפֿלאַגעס, אָבער מ׳האַלט אים אין איין באַנייען. און אויב אַזוי ווערט געטאָן ביי אַנדערע פֿעלקער, ביי וועלכן זייער לשון לעבט אין זייער מויל, ווערט אָפּגעהיטן פֿון זיי און זיי פֿאַרמאָגן אַרכיוון און רעגירונגס־אוצרות און ביבליאָטעקן, און אַזוי ווייטער — דאַרפֿן מיר, וואָס אונזער צעשפּרייטונג איז גרויס, אונזער ליטעראַטור איז אין גלות, אונזער שפּראַכלעכער מאַטעריאַל איז צעזייט און צעשפּרייט איבער אַלע זיבן ימען, דאָך געוויס זיך באַזאָרגן און זיך אָפּגעגעבן בלב ונפֿש צו דערווערבן אונזער שפּראַכלעכן פֿאַרמעגן, כּדי מיר זאָלן האָבן די מעגלעכקייט צו שעפּן פֿון דאָרטן און דאָס צוריקברענגען צו אונזער פֿאָלק. און אויב מיר דאַרפֿן אין ועד־הלשון שאַפֿן די נויטיקע ווערטער פֿאַר לאַנד־ווירטשאַפֿט, פֿאַר געוויקסן, חיות און אַנדערע קעגנשטאַנדן — וועלן מיר דאַן ניט זיצן ביים טיש מיט די חברים פֿון ועד, ווי יענע הון וואָס זיצט ניט אויף די אייער און וויל אויסבריען הינדעלעך — ווייל ס׳איז ניטאָ קיין צוגעגרייטער מאַטעריאַל.

מיר דאַרפֿן האָבן פֿאַרן אויג צוויי אַבזיכטן: א) אַלפֿאַבעטיש, ב) אויף אַלע געביטן; פֿאַר באָטאַניק באַזונדער, פֿאַר מלבושים באַזונדער, פֿאַר אַלע לעבנס־באַדערפֿענישן, זיי צו פֿאַרשפּרייטן אין פֿאָלק, אין גרויס און קליין פֿאָרמאַט. די אַקאַדעמישע צענטראַליזאַציע קומט צוערשט, דערנאָך אַ סך צוגענגלעכע אויסגאַבן פֿאַרן פֿאָלק, כּדי אַריינצוברענגען די

שפּראַך אין מויל פון פאָלק. אַט די אַרבעט דאַרף געטאָן ווערן דורך צענדליקער מענטשן. יעדער תּלמיד דאַרף אויסקלייבן אַ געוויסע תּקופה. גאָר צוערשט דאַרף מען אַרויסגעבן קלאַצקינס ווערטער־בוך פאַר פילאָזאָפיע. דריי בענד פון אים זיינען שוין אַרויס און נאָך איין באַנד איז גרייט צום דרוק. איך האָב אַ מאַנוסקריפּט פון אַ מעדיציניש ווערטער־בוך, דאָס וועט זיין אַ לעקסיקאָן פון פערציק דרוקבויגן, בלויז אויף מעדיצין. דאָס איז אויפגעקליבן בלויז פון געדרוקטן מאַטעריאַל. איך בין זיכער, אַז די מאַנוסקריפּטן, וואָס געפינען זיך אין פאַרשיידענע ביבליאָטעקן וועלן געבן נאָך אַמאָל אַזוי פיל מאַטעריאַל. איר קענט פאַרשטיין: אויב מיר׳ן צונויפנעמען דעם שפּראַכלעכן מאַטעריאַל לויט געביטן — וואָס פאַר אַ גרויסער מאַטעריאַל דאָס וועט זיין! למשל, דער שפּראַך־מאַטעריאַל פון די פּייטנים — פאַראַן אומגעפער זיבעציק טויזנט פּיוטים, וואָס זיינען קאַטאַלאָגיש פאַרצייכנט פון פּראָפעסאָר דאַווידסאָן. זייער פיל שפּראַכלעכע פאָרמען קען מען געפינען ביי די פּייטנים. זיי האָבן זייער באַזונדערן דרך און סטיל. איר ווייסט פון הקליר און פון די פּאָעטן פון מיטל־אַלטער. מ׳דאַרף מאַכן אַ ווערטער־בוך פון די פּייטנים — דאָס וועט זיין אַ דריי־ צי פיר־בענדיקער ווערטער־בוך פון באַנייטע פאָרמען, וואָס מיר קענען זיך מיט זיי באַנוצן. הונדערטער ווערטער האָבן מיר שוין אַרויסגעקראָגן פון זיי פאַר אונזער געברויך. אַזאַ ווערטער־בוך קען באַשעפטיקן צענדליקער מענטשן אין אַ וויסנשאַפטלעכער אַרבעט. יעדער קעגנשטאַנד זאָל אַרויסקומען פון יום־טובדיקער פייערלעכקייט. ווען זיי פלעגן ענדיקן פלעגן זיי זאָגן „יומא טבא לרבנן״ — אַזוי שטייט אין תּלמוד. וואָלט ניט געווען גוט, אַז די אוניווערסיטעט זאָל זיין דער איניציאַטאָר, קאָנצענטרירן אַרום זיך די אַרבעטער פאַר דער דאָזיקער זאַך? אַ צוויי־דריי פּראָפעסאָרן פון די בעסערע האָבן זיך באַדאַרפט געפינען אָנצופירן מיט דער אַרבעט און צוגרייטן דערפאַר די תּלמידים. אויך די אַרבעטן פון די סטודענטן, און זייערע דיסערטאַציעס פאַר דאָקטאָראַט, דאַרפן זיין געווידמעט פאַרן דאָזיקן צוועק. יעדער סטודענט זאָל נעמען אַ געוויסן שפּראַכלעכן געביט: דער זאָל נעמען דעם קליר, יענער דעם רמב״מס לשון, דער דריטער רש״יס לשון, ווייל רש״י האָט באַשאַפן אַ וואונדערלעכע שאַפונג אין שפּראַך. ביז צום היינטיקן טאָג, ווען איך לייען ביי רש״ין אַ שילדערונג פון אַ געוויסער אַרבעט — איז דאָס אַ מחיה נפשות. ער פאַרמאָגט מתיקות, נאַטירלעכקייט, קלאָרקייט, פּשטות, וואָס איז פול מיט חן און גייסט פון דער העברעאישער שפּראַך. איך וויל צונויפנעמען די דאָזיקע מוסטערן און זיי צוגרייטן ווי מאַטעריאַל פאַרן ווערטער־בוך.

דאָס איז אַ גרויסע אַרבעט פֿאַר דורות. דאָס וואָלט געגעבן כּבֿוד פֿאַר די טוער און וואָלט געהויבן פּרעסטיזש. אין דער גרויסער וועלט וואַרט מען אויף אַזאַ אַרבעט. ביז צום היינטיקן טאָג, איז צו אונזער גרויסער חרפּה, ניטאָ קיין פּראָפֿעסאָר אין אוניווערסיטעט פֿאַר דער העב־רעאישער שפּראַך, ניטאָ קיין פּראָפֿעסאָר פֿאַר העברעאיש. פֿאַראַן דאָרט לערער אין יעדן געביט, וואָס איר ווילט, אָבער מ׳דאַרף דאָך וויסן, וואָס ס׳איז דער עיקר און וואָס ס׳איז אַ טפֿל. פֿאַראַן דאָרט זייער חשובֿע מענטשן, פֿאַר וועמען איך האָב אַפּשיי, אָבער מ׳דאַרף דאָך געדענקען, אַז דאָס וואָס זיי טוען איז סוף־כּל־סוף בלויז אַ קליינע גריבלעריי, אַ זייטיקע פֿאָרשונג, וואָס ווערט געטאָן דורך פֿאַרשיידענע מענטשן אויך אין אַלע אַנדערע לענדער. פֿון דעם קען ווערן אַ גרויסער חשבון, אויב מיר וועלן צו דער דאָזיקער אַרבעט אָוועקשטעלן אַ גרויסע טאַט, וואָס אויך די קלענערע אַרבעטן זאָלן צו איר צוגערעכנט ווערן. בלויז דאַן וועט די אַרבעט זיין אַ גאַנצע. איך אונטערשעץ ניט קיין קליניקייטן. גרויסע זאַכן קומען אַרויס פֿון קליינע. אָבער דער צענטראַלער געדאַנק דאַרף קומען צוערשט. אויב ס׳איז קיין צענטראַלער געדאַנק ניטאָ אין מיטן, אויב מען איז ניט מכוון די אַרבעט צו אַ צענטראַלער אויפֿגאַבע — האָבן די קליניקייטן קיין ווערט ניט.

כ׳האָב געקענט ברענגען ביישפּילן אויך פֿון אַנדערע ערטער, וואָס דאַרפֿן טאָן אויף די געביטן פֿון דער העברעאישער ליטעראַטור, פּאָעזיע, פֿילאָזאָפֿיע, אויך אויף די געביטן פֿון דרוש און העברעאישער פּובליציס־טיק, ווייל דער דרוש האָט דעם אויסזען פֿון דער העברעאישער פּובלי־ציסטיק. מיר דאַרפֿן זיך גרייטן פֿאַר גרויסע אויטאָריטאַטיווע זאַמלונג־טאָטן, וואָס זאָלן אָנערקענט ווערן פֿון גאַנצן פֿאָלק און אויך מצד די גויים, אַלס אָן אָנהויב און אַ שלוס צוזאַמען, כּדי מ׳זאָל קענען אָנהויבן שאַפֿן דעם באָדן און בויען אויפֿן דאָזיקן יסוד דעם נייעם בנין.

דער צענטער פֿון אידישער קולטור

איך בין שוין מיד. כ׳האָב געוואָלט זיך אָפּשטעלן נאָר אויף אייניקע זאַכן. איר באַגרייפֿט דאָך, וואָס פֿאַר אַ גרויסע ווירקונג דאָס אַלץ וואָלט געהאַט אויפֿן פֿאָלק. כ׳האָב איך שוין געזאָגט, וואָס קען דער גלות דער־וואַרטן פֿון ארץ־ישׂראל, אויב ניט קולטורעלע ווערטן? צי דען וואַרטן זיי אויף די היגע אָראַנזשן פֿאַבריקאַציע, צי גאָר טעכנישע שאַפֿונגען? רבותי, איר וועט מיך פֿרעגן, צי מיר קענען זיך אויסצייכענען דערמיט? מעגלעך,

אַז מיר וועלן זיין גוטע תּלמידים און זיך אויסצייכענען אין אַלע אַרבעטן. איך האָב אמונה, כ'האָב אויך די אַמביציע, אַז מיר זאָלן ניט פאַרפוּשערן אונזער אַרבעט; מיר זאָלן זיין בעסערע שוסטער, בעסערע דאָקטוירים, בעסערע פּויערים — עס שטעקט אין דעם די גרויסע דעראָבערונג, אין העכערן זין. ווידער באַנוץ איך זיך מיט אַן אַלטן טערמין לגבי אַ נייעם באַגריף: קידוש־השם — וואָס מיינט, דאָס פאָלק זאָל זיך אויסצייכענען מער איידער אַנדערע פעלקער, דער ווילן צו שטייגן, וואָס העכער. „חילול־השם" — מיינט, געפאַלנקייט, שטיין אויף אַ נידעריקער מדרגה. ווען מען זאָגט: „דאָס איז אַ אידישע שטיקל אַרבעט", איז דאָס אַ חילול־השם. איך האָב די אַמביציע, אַז ארץ־ישראל זאָל אַראָפּוואַרפן פון אונז די דאָזיקע חרפּה. אָבער, נאָך אַלעמען, ווער קען וויסן, אויב די דייטשן וועלן זיך ניט אויסצייכענען בעסער פון אונז? אויסער דעם — אויסצייכענונג נעמט זיך פון פאַרשטאַרקטע קולטורעלע כּוחות. על־כּל־פּנים, אויב די אַרבעט וועט געטאָן ווערן אין גרויס־פאָרמאַט, אין אַ קאָנצענטרירטן פאָרמאַט, וועט די פּרוכט פון דער דאָזיקער אַרבעט מוזן גרייכן צו דער גאַנצער וועלט, קיין קאָנקורענץ וועלן מיר דאָך ניט האָבן. אין אויסלאַנד זיינען די תּנאים פאַר אַזאַ אַרבעט און אויף אַזאַ מאַסשטאַב אין גאַנצן ניטאָ, ווייל דאָרט זיינען מיר צעבראָכן און צעשפּליטערט און פאַרזונקען אין אַנדערע קולטורן. און זיי וועלן אונז דערפאַר דאַנקען. דאָס גאַנצע אידנטום וועט וויסן, אַז דאָ אין ארץ־ישראל ווערן געטאָן גרויסע נאַציאָנאַלע טאַטן אויפן קולטורעלן געביט. איך זאָג, אַז טויזנטער יונגעלייט וועלן געפינען פּלאַץ אין דער אַרבעט, ווייל ס'איז ניט בלויז אַן איין און איינציקער געביט. די צייט איז קורץ צו ריידן אויך וועגן אַנדערע געביטן. דאָס אַלץ דאַרף זיך געפינען אין איין צענטראַלן פּלאַץ, דורך אַ וויכטיקער אָרגאַניזאַציע, דורך איינגעטיילטע כּוחות און אַ ראַציאָנאַלער פאַרטיילונג פון כּוחות. דאָ דאַרף אָנגעפירט ווערן אַ ראַציאָנאַלע באַלעבאַטישקייט, אַז יעדער מענטש זאָל זיצן אויף זיין געהעריקן פּלאַץ און זיך אָפּגעבן מיט זיין געביט, און אַלע צוזאַמען זאָלן זיי זיך באַהעפטן אין איין גרויסן כּלל.

דעריבער זאָג איך, אַז יענע יונגעלייט, וואָס האָבן ניט וואוהין זיך צו ווענדן, וואָס ווילן זיך שטעלן אין דינסט פון אַ גייסטיקער אַרבעט, וועלן דאָ געפינען פּלאַץ זיך אויסצולעבן און אַזוי וועלן מיט דעם זיין פאַרבונדן אויך זייערע מאַטעריעלע אינטערעסן. הונדערטער מלומדים איבער דער גאַנצער וועלט וועלן געפינען אַ פּלאַץ, וואו מיטצואַרבעטן. אין איין ענצי־קלאָפּעדיע פון זעכצן בענדער, אָט די וואָס דערשיינט פון „אשכול", געפינט

איר פֿינף הונדערט נעמען פֿון מלומדים, וואָס נעמען אָנטייל אין דער אַרבעט. דאָ זיינען אויך פֿאַרבונדן מאַטעריעלע אינטערעסן, ווייל דער שטייגער פֿון אַ מענטשן, וואָס אַרבעט ביי אַ געוויסער אַרבעט איז, אַז ער ווערט אומבאַוואוסטזיניק פֿאַר זיך אַליין אַ פּראָפּאַגאַנדיסט, צו קריגן פּריינט וואָס זאָלן זיך דערמיט אינטערעסירן. איך זאָג, אַז די גרויסע אַרבעט אונזערע וועט האָבן אויך אַ פּראָפּאַגאַנדיסטישן ווערט. אַחוץ דעם, די אַכטונג וואָס אַ מענטש שפּירט צו אַרבעט און שאַפֿונג, דער דרך־ארץ, וואָס מענטשן וועלן האָבן זעענדיק, אַז ארץ־ישראל איז אַ שעפֿעריש־פּראָדוקטיוו לאַנד, אויב יאָר נאָך יאָר וועט עס אַרויסגעבן פֿון זיך וויסנשאַפֿט פֿאַר אַלע שולן, פֿאַר ביבליאָטעקן, פֿאַר אוניווערסיטעטן און אַקאַדעמיעס. אויב דאָ אין ארץ־ישראל וועט זיין אַ קאָלעקטיוו, וואָס גיט זיך אָפּ מיט צונויפֿנעמען, פֿאַרקירצן און צעמענטירן צוזאַמען מיט באַנייאונג — וועט דאָס באַליבט מאַכן ארץ־ישראל איבער דער וועלט; דאָס וועט עדות זאָגן אויף אונזער אַרבעטס־קראַפֿט, אויף דער לעבנס־פֿעאיקייט פֿון ארץ־ישראל און אויפֿן קולטורעלן כּוח פֿון גאַנצן פֿאָלק.

איך וויל שוין ענדיקן — פּשוט, כ׳האָב מער קיין כּוח ניט. איך זאָג: ס׳איז אַ היסטאָרישער מוז צו מאַכן נאָכאַמאָל דעם סך־הכּל פֿון דער פֿאַרגאַנגענהייט; אַ היסטאָרישער מוז צונויפֿצונעמען און צעמענטירן און מאַכן אַ יסוד און שאַפֿן אַ באָדן פֿאַר דער צוקונפֿט. ס׳איז אַן אַבסאָלוטע נויטיקייט, אַ פּסיכאָלאָגישע נויטיקייט אַריינצוברענגען אונזער נאַציאָנאַלע שאַפֿונג אין דעם קולטורעלן תּחום פֿון דער גאַנצער וועלט און ס׳איז אויך אַן אינערלעכע גייסטיקע נויטיקייט פֿאַר אונזערע באַדערפֿענישן, כּדי צו באַשאַפֿן אַן אייניקייט און דערשפּירן די אייניקייט פֿון אונזער אַלטער און נייער שאַפֿונג. מיר מוזן אויסלייזן אַלע אונזערע גיטער פֿון דער ספּעציפֿישער אַטמאָספֿערע פֿון אַלע דורות, ס׳איז אַן אַבסאָלוטער מוז פֿון דער ארץ־ישראלדיקער השפּעה און דער פֿאַרקניפּונג פֿון נייע קולטורעלע פֿאַרבינדונגען מיט דער גאַנצער וועלט; ס׳איז אַ רעאַלע נויטיקייט כּדי צו דערשפּירן די נאַטירלעכקייט פֿון אונזער קולטורעלן וואַקסן.

פֿאַרשטייט זיך, כ׳האָב ניט אָנגערירט די קונסט און קיינע פֿון די אַנדערע געביטן. מ׳באַדאַרף צוגיין צו דער טאַט אין געשטאַלט פֿון אַ וועלט־אַקאַדעמיע אין וועלכער ס׳זאָלן זיך באַטייליקן אידישע גייסטיקע פֿאַרשטייער איבער דער גאַנצער וועלט, אַלע גרויסע שאַפֿער און בויער, צו שאַפֿן אַ נאַציאָנאַלע פּראָגראַם פֿון אונזער קולטור־בנין. דער ערשטער דור מוז צוטרעטן צו קאָלעקטיווע טאַטן דורך אַ שותּפֿות פֿון אַלע כּוחות, די בעס־

טע כּוחות פֿון פֿאָלק אָן אונטערשייד פֿון שטאַנדפּונקטן — ווייל מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט וויסנשאַפֿט און וויסנשאַפֿט דאַרף זיין מחוץ פּאָליטישע שטאַנדפּונקטן. עס דאַרף זיין אַן אָביעקטיווע שטעלונג, וואָס איז נאָר מעג־לעך אַז דורך דעם זאָל דאָס גאַנצע פֿאָלק אָנערקענען די דאָזיקע שאַפֿונג. אפֿשר דאַרף מען אויך צוציען ספּעציאַליסטן, גרויסע גוישע געלערנטע, וואָס זיינען אַריינגעטראָטן אין תּחום פֿון אידנטום־פֿאָרשונג. מיר זעען, אַז אונזערע חכמים האָבן זיך זייער פֿיל באַנוצט מיט דער גויאישער שאַ־פֿונג וואָס זייערע דערגרייכונגען האָבן אַ דויערנדיקן ווערט. אַזעלכע גרויסע טאָטן האָבן אַ ווערט צו פֿאַרקניפּן אייביקע קניפּ צווישן דעם ארץ־ישראל־אידנטום און וועלט־אידנטום, קניפּ וואָס זיינען פֿאַר יעדן איינעם פֿאַר־שטענדלעך, און אויך כּדי צו פֿאַרבינדן די אידישע קולטור מיטן ברייטן וועג פֿון דער מענטשלעכער אייביקער קולטור. איך ראָט אייך, זיך צו פֿאַר־טיפֿן אין דעם פֿאַרנעם פֿון די אַלע פֿראַגן, ברענגען די דאָזיקע מעגלעכ־קייט פֿאַר דער דערקענטעניש פֿון גלות — זיי וועלן אייך דערפֿאַר דאַנק־באַר זיין.

געקליבענע בריוו

א

1895

(י. ח. ראַווניצקי׳ן)

ליבער און געערטער פֿריינט!

איך האַלט וואָרט און שיק אייך דאָס ליד „אגרת־קטנה״ פֿאַרן „פּרדס״. און איר — טוט מיר די געפֿעליקייט און ענטפֿערט מיר אין זעלבן טאָג, ווען איר וועט דאָס ליד באַקומען און לאָזט מיך וויסן אייער אויספֿירלעכן משפּט איבער אים. מיר געפֿעלט דאָס דאָזיקע ליד מיט זיין אינהאַלט, שפּראַך און מיט זיין טאָן, וואָס איז ביי אונז ניי, אַזוינס, וואָס אונזערע ראַמענפֿלעכטער מיט זייערע קונצן האָבן ניט געמאַכט; אָבער איר זאָלט זיך ניט רעכענען מיט מיין מיינונג און זאָלט מיך ניט נושא־פּנים זיין און שרייבט מיר אָפֿן אייער מיינונג וועגן מיין טאַלאַנט, און בכלל צי האָב איך גאָר אין גאַנצן טאַלאַנט.

— — נאָר אַלע זייטיקע זאַכן זיינען ניט וויכטיק, דער עיקר איז דער אינהאַלט. איך מיין, אַז דער אינהאַלט פֿון מיין דאָזיקן ליד איז אַ גוטער. מיינע רייד קומען פֿון טיפֿעניש פֿון האַרצן, מיינע טרערן זיינען ניט קיין פֿאַלשע טרערן, וואָס רופֿן בלויז אַרויס אַ ווידער־ווילן. שפֿלות, אַ הינטיש לעבן, אַ פֿולשטענדיקער יאוש, דאָס פֿעלן פֿון גלויבן אין דער הייליקייט פֿון יסורים און גלות, באַדנלאָזיקייט, און צום סוף, דער אָפּקלאַנג פֿון דער נייער האָפֿענונג, וואָס איר מהות איז נאָך ניט גאַנץ קלאָרביים פֿאָלק, און אַפֿילו ניט ביי זיינע גדולים — דאָס איז דער חומר פֿון מיין דאָזיקן ליד.

ניט געוויין און טרערן דערוועקן אונזער רחמנות, נאָר דאָס אומגליק און די מדרגה פֿון אומגליק, זיין כאַראַקטער און מהות. אויך דאָס קינד וויינט נאָך זיין פֿאַרלוירן שפּילצייג, אויך דער גנב פֿאַרגיסט טרערן, דורך יעדן איינציקן דור האָבן אידן געליטן צרות און די קלאַגער האָבן געקלאָגט און די באַוויינער האָבן באַוויינט; נאָר איטלעכע תּקופֿה צרות פֿאָדערט אירע באַוויינער און באַקלאָגער לויט דעם מהות פֿון אומגליק פֿון יענעם דור. צוויי־דריי שורות פֿון יהודה לייב גאָרדאָנ׳ס ליד „זיי האָבן מיר באַוויזן מיין

פאָלק אין זיין גאַנצער געפאַלנקייט״ זאָגן אונז מערער פון טויזנטער קינות,
געשריבן „מיט בלוט און פייער און זיילן רויך״ פון אַנדערע משוררים פון
יענער צייט — ווייל גאָרדאָן איז געווען דער מקונן פון זיין דור. צוויי־
דריי שורות פון זיין ליד „מיין שוועסטער רוחמה״ זאָגן אונז ווידער־אַמאָל
מערער פון אונזערע טויזנטער קינות, ווייל גאָרדאָן איז געווען דער מקונן
פון יענער תקופה. ער האָט געשילדערט דאָס אומגליק און די טרערן זיי־
נען שוין געקומען ממילא. אַמאָל, ווען אונזערע תמימותדיקע און רוחניות־
דיקע עלטערן האָבן געגלויבט אין גאָט און מקבל באַהבה געווען זיין גזר־
דין, ווי אַ כפרה אויף זייערע זינד; אַמאָל, ווען דער גייסט פון מאַטעריאַ־
ליזם איז נאָך אויף דער וועלט ניט געווען און מיר, ווי אַלע אַנדערע פעל־
קער, האָבן פון אים ניט געוואוסט — האָבן זיי אויף יעדער צרה געזאָגט:
„גאָט איז גערעכט און זיין משפט איז גערעכט״, און די נשמה פון פאָלק
האָט זיך אויסגעגאָסן אין זיינע קינות און תחינות, וואָס זיינען מקבל־באהבה
די יסורים, מיט הכנעה פאַרן הימלישן גזר, צידוק־הדין און תפילה אויף
ווייטער און אַ גלויבן אין גאולה. אָבער היינט האָסן מיר אונזערע יסורים,
און מיר רעוואָלטירן; היינט הערשט אויף דער וועלט אַ מאַטעריאַליסטי־
טישער גייסט, וואָס זאָגט, אַז עולם־הזה איז אַלץ און מיט הבטחות אויף
עולם־הבא וועלן מיר זאַט ניט ווערן; היינט פאָדערן מיר שכר־טרחה באַלד
אויפן אָרט; אין אונזער קליינגלויביקן דור איז דאָס גלויבן אין משיחן גע־
וואָרן אַ וויץ, וואָס שטעלט בלויז צו מאַטעריאַל פאַר אַנעקדאָטן און גלייכ־
ווערטלעך — מיט איין וואָרט, היינט איז ניטאָ קיין אמונה און דאָס אידישע
האַרץ איז פוסט און אויב גאָט שטראָפט אונז — זאָגן מיר ניט מערער:
„ס'איז אַ רמז פון הימל, טוט תשובה״, נאָר מיר זאָגן: „די מאַכט הערשט
איבער אונז, די שטאַרקע אונטערדריקן אונז, די שוואַכע, דערפאַר ווייל זיי
זיינען שטאַרקער פון אונז און ניט דערפאַר ווייל זיי זיינען גערעכטער פאַר
אונז״ — און דערפאַר, וואָס קענען מיר דערפון אַרויסדרינגען?

צופאַלן צו די שטאַרקערע, די שלעגער! — אָבער, די השגחה,
אָדער, דער כוח־הקיום פון פאָלק, מיינט אַנדערש — זיך שטאַרקן און זיך
פאַרטיידיקן!

פאַרשטייט זיך, אַז דער ערשטער וועג איז דער קירצסטער, נאָר אונזער
גלויבן אין דעם נייעם וועג איז אונזער גאָט, ער וועט גיין גראַד פאַראויס
און וועט אונז ניט לאָזן אונטערגיין.

מיט איין וואָרט: נייע אידעאַלן ווערן באַשאַפן אויף די חורבות פון
די אַלטע; די גייסטיקייט פון פאָלק טוט אויס איר אַלטן אויסזען און טוט

זיך אָן אַ נייעם. פֿון איין זייט — פֿאַרניכטונג, אונטערגאַנג, צעפּוילטקייט. — גאָרנישט... און ממילא: גלייכגילטיקייט, פֿאַרצווייפֿלונג, פֿאַרגלייווערטקייט. און פֿון דער צווייטער זייט — פֿאַרוועבונג, שאַפֿונג, יצירה — אַ יש... און ממילא: אַ וואַרעם האַרץ, האָפֿענונג, לעבן... אָבער די אַלע מעשים קומען פֿאַר פֿאַר אונזערע אויגן ניט אין אַ גוטער מזלדיקער שעה, נאָר אין אַן עת־צרה, וואָס אפֿשר זי האָט צו דעם אַלעם גורם געווען, און ממילא איז דער כאַראַקטער פֿון די צרות אין שייכות מיט אונזער תּקופֿה אין גאַנצן אַנדערש ווי דער, וואָס פֿון אַנדערע צייטן. און אויך מיר לעבן איבער די צרות גאָר אויף אַן אַנדער אופֿן, און זיי וועקן אונז צו גאָר אַנדערע געדאַנקען און מעשים.

זאָלן די מקוננים און פּאָעטן אונז געבן דעם אָפּקלאַנג פֿון דעם אַלץ וואָס ווערט געשאַפֿן פֿאַר אונזערע אויגן אין זייערע שירים און קינות. אַנשטאָט דעם אומזיסטן געוויין און סתם טרערן, וואָס נעמען זיך בלויז דערפֿון, וואָס זיי האָבן „געהערט אַ הערונג”, אַז מ'דאַרף וויינען, וואָס דער קומענדיקער דור וועט אפֿילו ניט וויסן פֿאַרוואָס מיר האָבן געוויינט, זאָלן זיי אונז זינגען לידער פֿון פֿאַרצווייפֿלונג און סילוק־שכינה, רעוואָלט אַנטקעגן די יסורים, געפֿאַלנקייט און הינטיש לעבן, וואָס בלויז אַ דור ווי אונזער דור איז מסוגל זיי צו דערשפּירן. אַנשטאָט איבערגעטריבענע גוזמאַדיקע האָפֿענונגען אויף ציון „מיין געליבטע, מיין גייסטיק לעבן, ליכט פֿון מיינע אויגן און אידעאַל” — זאָלן זיי זינגען פֿון אַ זויגלינג־שפּראָץ אין אַ וויסט לאַנד, אַ גרויסע גולמדיקע האָפֿענונג, וואָס איז נאָך פּנים־לאָז און מיר באַנעמען נאָך ניט איר כאַראַקטער. — —

אייער ח. נ. ביאַליק.

ב

קאָראָסטישעוו, 7טן אַפּריל, 1895

(י. ח. ראַווניצקי'ן)

חשובער און באַליבטער פֿריינט:

אַ גרויסן דאַנק אייך דערפֿאַר וואָס איר האָט מיך באַרואיקט, הגם איך בין ביי זיך ניט געפֿאַלן דורך די זידלערייען פֿון דעם קריטיקער, דעם טיפּש, אַלעקסאַנדער בראַגין.* פֿאַראַן אַ זעלכע מאָמענטן, ווען איך אַליין

* א. ס. בראַגין, אַ מיטאַרבעטער פֿון פּעטערבורגער „וואָסכאָד”, האָט אין מערץ־נומער פֿון יאָר 1895 אָפּגעדרוקט אַ קריטישע איבערזיכט איבער ראובן בריינינס מאַ־

באַנעם די מאָס פֿון מיין טאַלאַנט און מיין שיעור־קומה און קיין שום קריטיקער קען זי ניט פֿאַרגרעסערן, אָדער, פֿאַרקלענערן. פֿון זיינע רייד איז קאָנטיק, אַז ער האָט געוואָלט ברייניג׳ען און זיין מאָנאַט־שריפֿט „אָנרייבן אַ מאָרדע” און אגב־אורחא איז אויף מיין חלק אויסגעפֿאַלן „אַ פֿיינע פֿאָרציע”. ווי עס זאָל ניט זיין, ער האָט מיך פֿאַרשעמט אין דער פֿענטלעכקייט אויף זייער אַ מיאוסן אופֿן און ניט קיין טרייסט־ווערטער באַדאַרף איך, נאָר איך דאַרף אָפּווישן פֿון זיך די חרפּה און אויך אין דער עפֿנטלעכקייט. אויב איר קענט מיך באַהילפֿיק זיין אויף אַזאַ אופֿן — טוט! דער עולם פֿאַרשטייט גאָרנישט ניט און ער ענטפֿערט אמן אויף ארור וברוך צוזאַמען און דער וואָס רעדט מיט עזות, האָט די אויבערהאַנט און אָפּטמאָל יענער, וואָס ענטפֿערט דער לעצטער.

מיט ליבשאַפֿט און דאַנק,
ח. נ. ביאַליק

ג

קאָראָסטישעוו, 10טן יַנואַר, 1896

(י. ח. ראַווניצקי׳ן)

ליבער פֿריינט:

איך שרייב אייך דאָס דאָזיקע בריוול, ווייל איך וויל וויסן וואָס איר מאַכט. כ׳האָב שוין אַ צייט פֿון אייך ניט געהערט. אויך וויל איך אייך מודיע זיין וועגן מיר, אַז כ׳בין נאָך ניט אויסגעגאַנגען פֿון עלנט. און בכלל וויל איך פֿון אייך קריגן אַ בריוול, כדי אונזער קאָרעספּאָנדענץ זאָל זיך ניט אָפּשטעלן. איך בין זיך מודה פֿאַר אַייך, אַז קיין שום אַנדערער שריפֿטשטעלער, אויסער אייך, קען איך ניט און האָב ניט קיין שום פֿאַר־

נאַטלעכן זשורנאַל „ממזרח וממערב”, וואו עס זיינען געדרוקט געוועזן עטלעכע לידער פֿון ביאַליקן. אין דער דאָזיקער איבערזיכט האָט ער אָנגעגריפֿן ביאַליקן פֿאַר זיין ליד „די אידישע גאַס” וואו ביאַליק, לויט זיין מיינונג, באַנוצט זיך מיט מיאוסע ווערטער, ווי געשטאַנק, שמוץ, מיסט, ווערים, אאַז״וו. ער איז מוחל דעם „הער ביאַליק” זיין „טאַלאַנטלאָזיקייט”, ווייל „מ׳קען דאָך ניט משפּטן אַ מענטשן פֿאַר עפּעס אַזוינס וואָס ער האָט ניט”, נאָר ער שטעלט זיך איין פֿאַרן זכות פֿון דער פּאָעזיע, וואָס מ׳דאַרף האַלטן ריין, דעריבער גיט ער אַן עצה, דעם „הער ביאַליק”, וואָס ווייסט ניט, וואָס אַזוינס פּאָעזיע איז — ער זאָל קודם־כל קויפֿן קאַרבאָל־זייף פֿאַר וויפֿיל נאָר מ׳קען און אָפּרייניקן זיין פּאַרנאָס, ביז ער וועט באַקומען אַן אַנדער פּנים, און נאָך דעם... נאָך דעם זאָל ער צעברעכן זיין האַרף אויף פּיצלעך: ווייל אויף אים איז ניט געזאָגט געוואָרן צו זיין אַ פּאָעט”.

בינדונגען מיט דער ליטעראַרישער וועלט פֿאַר דער לעצטער צייט, ווייל דער גרעסטער טייל אין מיר איז סוחר און דער קלענסטער — שרייבער. און אויב עס טרעפֿט אַמאָל, אַז ס׳קומט אויף מיר אַרונטער אַ גייסט צו זאָגן נביאות — קומט ער אָבער זייער זעלטן. פֿאַר אייך וויל איך מגלה זיין, אַז איך האָס אַלע מיינע לידער, וואָס כ׳האָב ביז איצט געשריבן — וויל דאָס אַלץ איז ניט מער ווי „קליינינקייטן" און זיי זאָגן ניט עדות אויף פּאָעטישן טאַלאַנט. אַזעלכע קליינע לידער פֿון געוויין און באַקלאָגעניש — זיינען געוואָרן אַן אַרומגייענדיקע מכּה אין דער מחנה פֿון אונזערע פּאָעטן און די טרערן זיינען מוטנע און טריבע טרערן, צוגעמישט מיט אַ סך וואַסער. דאָס וויינען — איז דער בעסטער סימן פֿון קליינגייסטיקייט און טאַלאַנטלאָזיקייט אין די דאָזיקע צייטן. דער עכטער פּאָעט מוז צום ווינציקסטנס שאַפֿן כאָטש איין גאַנצע און פֿולקאָמע שאַפֿונג דורך זיין לעבן, און זי קען אונז פֿאַרשאַפֿן ליידן אָדער פֿריידן. אָבער שטיין און שרייען: „רבותי, לאָמיר וויינען" — איז ניט מער ווי מגידות.

איך וואַרט אויף אייער ענטפֿער.

ח. נ. ביאַליק

ד

(מ. י. בערדיטשעווסקי׳ן)

קאַראַסטישעוו, 27טן נאָוועמבער, 1896

חשובער פֿריינט:

איר האָט מיר מיטגעטיילט, אַז איר האָט בדעה צו שרייבן וועגן מיר און וועגן מיינע לידער. אויב דאָס ערשטע איז אַן אומפֿאַרמיידלעכער באַדינג צו דעם צווייטן און אַן דעם גייט עס ניט — דערלויב איך דאָס; נאָר מיטן תּנאַי איר זאָלט מיך ניט פֿאַרשעמען מיט איבערגעטריבענע ניט באַגרינדעטע רייד, וואָס האָבן ניט צו טאָן מיטן ענין גופֿא. ניטאָ ביי מיר קיין גרעסערער בזיון פֿון פֿאַלשע לויב־געזאַנגען, אָבער אַנדערן מיין פֿערזענלעכן כּבוד צוליב עפּעס אַ ליד, וואָס האָט זיך מיר ניט איינגעגעבן — זאָלן בעסער פֿאַרלאָרן גיין טויזנט לידער מיינע, איידער צו פֿאַרלירן איבער זיי אַן איין־און־איינציקן טראָפּן בלוט. אויב איך און מיין ווערק זיינען באמת „אַ ליטעראַרישע דערשיינונג", וועלכע איז ווערט צו נעמען אין באַטראַכט פֿון אַ געוויסן שטאַנדפּונקט — זאָל די דאָזיקע באַטראַכטונג קומען בדרך־אגב, אָבער ניט זיך אָפּשטעלן אויף דעם ספּעציעל. דאָס שרייבן „לשם יחוד" אין אַזאַ מין פֿאַל — וועט בלויז שאַדן טאָן דעם שרייבער. איך בעט

אייך, אַז איר זאָלט ניט האַלטן מיינע רייד פֿאַר באַשיידנקייט פֿון געוויסן מין, וואָס איז ניט מער ווי נידעריקע גרויס־האַלטעריי.

„אייך איבערגעבן וועגן מיר, וועגן מיין סביבה און משפּחה און אַלץ וואָס איך האָב איבערגעלעבט מאַטעריעל און גייסטיק" — ווייס איך אַליין ניט, וואָס איבערצוגעבן. איך קען נאָר זאָגן בקיצור: דער וועג וואָס איך האָב דורכגעמאַכט איז דער אויסגעטראָטענער וועג: חדר, בית־המדרש, וואָלאָזשינער ישיבה, השׂכּלה אין איר באַקאַנטן זין, גוטע כּוונות און באַגערן מיט ווייניק פּאַטענץ — און צום סוף חתונה און פֿאַרצווייפֿלטקייט. מיינע ידיעות זיינען קנאַפּע. די רוסישע שפּראַך באַהערש איך גרינגטלעך, און כ'האָב אַ סך געלערנט און געלייענט אין איר, הגם — ניט סיסטעמאַטיש. מיין מאַטעריעלער צושטאַנד איז זייער אַ שלעכטער. דאָס וואַלד־געשעפֿט ביי וועלכן איך האַלט זיך — איז אַ שלעכט געשעפֿט אין אונזערע מקומות, ספּעציעל פֿאַר דעם „קליינעם מענטשן", וואָס האָט קיין געלט ניט. דער דאָזיקער קלעגלעכער מצב איז ביי מיר זייער פֿאַרהאַסט און ער פֿאַרביטערט מיך ביז משוגעת.

אייך שיקן מיין פֿאָטאָגראַפֿיש בילד קען איך, צום באַדויערן, ניט, הגם איך פֿאַרשטיי גאַנץ גוט אייער גערעכטע פֿאָדערונג. ביי אונז אין שטעטל איז קיין פֿאָטאָגראַפֿיע ניטאָ און קיין אַלט בילד האָב איך איצט ניט. נאָר איך קען אייך מבטיח זיין, אַז איך בין ניט קיין מיאוסקייט און דער רבונו־של־עולם וועט אייך ניט מאַכן דורכפֿאַלן מיט אַן אומאַנשטענדיקן מענטשן.

אייך דאַנקענדיק פֿאַר אייער אויפֿמערקזאַמקייט פֿאַרבלייב איך אייער פֿאַרערער,

ח. נ. ביאַליק

ה

יולי, 1897

(אחד העמ'ן)

מיין געערטער הער,

מיט מיין גאַנצן וואונטש אייך צו שיקן מיין ליד „המתמיד" אָן קיין שום דערקלערונגען — קען איך זיך דאָך ניט פּטרן אין גאַנצן, ניט צו מאַכן פֿאַר אייך אייניקע באַמערקונגען:

א) דער „מתמיד" מיינער איז ניט קיין אויפֿגעקלערטער און ניט קיין איבערגעשפּיצטער, נאָר אַ פּשוטער מתמיד פֿון אַלטן שניט, וואָס גייט

ניט אַוועק צו השכּלה און ער גלוסט ניט אַן אַנמעכטיקע גלוסטעניש צו אַ וועלט, וואָס איז לויט זיין מיינונג, ניט זיינע.

ב) ער זוכט ניט קיין תּכלית און קיין נוצן אין זיין אַרבעט, ניט פאַר זיך אַליין און ניט פאַר אַנדערע, און דעריבער האַלט ער זיך ניט פאַר אַ פאַרשפּאַרטן אין אַ תּפיסה און ער רעוואָלטירט ניט — ווייל אַזוי דאַרף זיין. און בכלל באַטראַכט ער זיך ניט פאַר אומגליקלעך און ער געפינט אויך לעבן אין דער פאַרגאַנגענער בטלער וועלט צו וועלכער ער האָט זיך געווידמעט אין פינצטערן ווינקל — ניט וויסנדיק, אַז דאָס דאָזיקע לעבן איז פרעמד, משונהדיק און טויט, אַז ס׳איז שוין אַוועק פון דער וועלט און האָט בכלל שוין מער קיין פּלאַץ ניט.

ג) און דעריבער גייט ער זיכער זיין וועג. ער וואַקלט זיך ניט און בלאָנדזשעט ניט, ווייל ער ווייסט, וואָס ער דאַרף טאָן און קיין געפעלשטע אַרבעט טוט ער ניט. ער לערנט זעכצן־אַכצן שעה אין אַ מעת־לעת. אַחוץ דער אויפגעקלערטער, וואָס פון צופיל אַרבעט — טוט ער גאָרנישט ניט און ער גייט און ווערט געשטרויכלט.

ד) און דעריבער וועט „מיין" מתמיד ניט זיין אין דער בחינה פון „ניט אַהער און ניט אַהין" — דער טרויערדיקער סוף פון דעם געווינט־לעכן טיפ מתמיד,וואָס שרייבער האָבן לאַנג צעדראָשן: ניין! ער קומט על־פּי־רוב צו אַ תּכלית; סמיכה, דעם טיטל רב־הגאון און עטלעכע הונ־דערט קערבלעך מיט אַ כּלה אַלס צוגאָב. און נאָך דעם? — ווער איז מחויב צו דאגהן אויף שפּעטער?

ה) און נאָך דעם רבנות, קרעמעריי, מלמדות, קבצנות און אַ לאַנגע שטילע גסיסה. און דאָס אַלץ אָן טענות און תּרעומות אויף די שלעכטע אומשטענדן, וואָס האָבן געפירט צו זיין אונטערגאַנג. ער באַטראַכט זיך ניט פאַר אַ פאַרלאָרענעם, ער האָט געטאָן דאָס זייניקע און יוצא געווען פאַר זיך אַליין. אויך זיין מי האָט זיך באַצאָלט, ווי ס׳דאַרף צו זיין; אַביסל מער, אַביסל ווייניקער — ס׳גלייכט זיך אויס. ער האָט בכלל אויף גרויסע זאַכן ניט געהאָפט און אַזוי איז דער מנהג־העולם און קיינמאָל וועט מיין מתמיד ניט זאָגן: „אָי, אַ שאָד, וואָס אַזאַ פּערל, ווי איך, איז פאַרלאָרן געגאַנגען צוליב די זינד פון אַנדערע".

ו) און מיר, ווען מיר קוקן זיך צו צו דער דאָזיקער שטענדיקער שטי־לער אַרבעט, דאָס זיין אָפּגעשיידט פון עולם־הזה אין פרילינג פון לעבן, דאָס צאַמען פון אַלע אינסטינקטן בנוגע די פּשוטסטע נאַטירלעכסטע פאַ־

דערונגען פֿון אַ מענטשן — און דאָס אַלץ אָן אַ האָפֿענונג פֿאַר אַ גרויסן ענד־ציל, וואָס זאָל זיין אַ באַלוינונג לויטן גרויס פֿון צער — אַלץ אייגנשאַפֿטן וואָס בלויז אידישע בחורים באַזיצן און האָבן צו זיך קיין גלייכן ניט ביי אַלע אַנדערע פֿעלקער — איז אוממעגלעך פֿאַר אונז ניט צו זיפֿצן ביטערלעך: אַ שאָד, וואָס דאָס אַלץ גייט פֿאַרלאָרן אויף דברים בטלים.

און דורכן דאָזיקן זיפֿץ האָב איך געשריבן דעם „מתמיד״. דעם זיפֿץ האָב איך אַרויסגעהערט פֿון ניגון פֿון זייער לערנען, וואָס איז אייגן פֿאַר מתמידים פֿון דעם דאָזיקן מין, הגם — איך חזר איבער — ער אַליין האָט קיין מאָל אויף זיך אַליין ניט געזיפֿצט און האָט זיין צער ניט געשפּירט און האָט פֿון דאָזיקן שטאַנדפּונקט אויף זיך ניט געקוקט. זיין ניגון וויינט בלויז אַן אינסטינקטיוו געוויין אויף זיין עלנט און שווערער אַרבעט אין זיין וויסט לעבן. אָבער פֿאַר אַ „פֿאַרלאָרענעם״ באַטראַכט ער זיך קיין מאָל ניט.

און ווען איך בין מוסיף דערצו, אַז דער דאָזיקער טיפּ מתמיד פֿון אַלטן שניט איז נאָך אַ געוויינטלעכע דערשיינונג איבער אַלע שטעט און שטעטלעך פֿון פּוילן און ליטע, און וואָס מיט זיין גאַנצער געוויינטלעכקייט און אַלטקייט איז ער נאָך ניט אַנטפּלעקט פֿון דעם דאָזיקן נאַטירלעכן צד וואָס איז אים אייגן און האָט באַדאַרפֿט זיין ערשט אַנטפּלעקט צו ווערן; און ווען איך וועל אייך זאָגן, אַז איך בין באַקאַנט מיט אים פֿון ערשטן קוואַל און ניט פֿון דערציילונגען, וואָס האָבן אים פֿאַלסיפֿיצירט — פֿאַרענדיק איך דערמיט מיינע באַמערקונגען. — —

וואַרטנדיק אויף אייער באַלדיקן ענטפֿער פֿאַרבלייב איך אייער פֿאַרערער,

ח. נ. ביאַליק

ו

דעצעמבער 24, 1897

(י. ח. ראַווניצקי׳ן)

חשובער פֿריינט,

אין קאָראָסטישעוו האָב איך פֿון אייך באַקומען אַ קאַרטל, וואו איר רופֿט מיך קומען קיין אָדעס. ווי איר זעט, געפֿין איך מיך נאָך אַמאָל אין סאָסנאָוויץ און הגם זי פֿילט מיין נשמה ניט אָן מיט רוחניות, דערפֿאַר אָבער קען איך זיך אויף איר ניט באַקלאָגן אויף גשמיות. און דאָס „רוחניות״ וואָס כ׳האָב דערמאָנט — וועלן מיר זוכן אומזיסט אויב ס׳געפֿינט זיך ניט אין

אונזער נשמה. אונזער גרעסט גליק איז ווען מיר דערפילן אונזערע פליכטן, און די סאַמע גרעסטע פליכט איז: דערגרייכן צום פלאַץ וואָס מיר קענען דערגרייכן, און דער וואָס ברענגט זיך אַליין אונטער, ניט אויף איין מאָל, נאָר ביסלעכווייז, טאָג נאָך טאָג — פאַרלירט ביידע וועלטן.

דערווייל פאַרדין איך דאָ בערך זיבעציק, פינף און זיבעציק רובל אַ חודש. לעבנסמיטלען זיינען דאָ זייער טייער און ס'איז גלייך, ווי כ'וואָלט פאַרדינט דרייסיק-פערציק רובל אין זשיטאָמיר. מיין פרוי איז געבליבן אין קאַראַסטישעוו, ווייל זי האָט ניט געוואָלט זיך איבערציען מיט מיר (און זי איז גערעכט) און די הוצאה איז אַ טאָפּלטע.

איר בעט מיך פּרובירן אָנשרייבן אַ דערציילונג פאַר אייער זאַמלבוך „פרילינג" (אַ זאַמלבוך פאַר עלטערע לערנ-קינדער, וואָס ראַווניצקי האָט ביי יענער צייט פּלאַנירט — י. י. ש.) צי דען ווענדט זיך דאָס אָן פּרובירן און אָן גוטן ווילן? ס'האָט מיך געמאַכט צום לאַכן די מודעה וואָס איז באַקאַנט געמאַכט געוואָרן זומער, און איז אויך צוגעשיקט געוואָרן צו מיר פון „גוטע מענטשן" וואָס האָבן באַשטימט אַ פּרייז פון הונדערט צי הונדערט און פופציק פראַנק — איך געדענק ניט גענוי — פאַרן בעסטן נאַציאָנאַלן ליד, וואָס איינער וועט אויפשרייבן, ווי ס'וואָלט זיך בלויז געווענדט אָן דעם געצאָלט און דאָס וועט דאָס אַרויסברענגען דאָס ליד אויף דער וועלט.

שוין מאַנאַטן ווי איך שרייב ניט קיין וואָרט. די סאָסנאָוויצער לופט און די פּרנסה פון לערעריי, אָדער, מלמדות מאַכן ניט רוען אויף מיר די שכינה. אמת, אַז ווען ס'איז אַמאָל אַרויס אַ פיינע שורה פון אונטער מיין פעדער, האָט זי זיך דעמאָלט אַרויסגעכאַפּט דווקא פון טרויער און פון אַ געבראָכן האַרץ, אָבער מיין איצטיקע „אַטמאָספערע" פאַרשמוציקט און פאַרנאַרישט, „פאַרוועלפּעוועט" און „פאַרהינטעוועט". אַרום מיר זיינען זשעדנע וועלף און שטומע הינט, שמוציקע חסידים און „נידערטרעכטיקע אויפגעקלערטע". זייער יסוד איז צעפּוילטקייט, וואָס טויג זיך אפילו ניט אויס צו באַמיסטיקן ציונס פעלדער.

און מיין מרכבה, וועמעס רעדער עס זיינען אַרונטערגעפאַלן, שלעפּט זיך מיט שווערקייט אין דער דאָזיקער בלאָטע טאָג-איין-טאָג-אויס אָן קיין שום ענדערונג. און אויב ס'כאַפּט זיך אַמאָל אַרויס אַ פונק פון אונטערן האַמער פון האַרצן און אַ שטראַל צעשטראַלט זיך — באַהאַלט איך עס אויף שפּעטער און שפּאָר עס אָפּ פאַר בעסערע טעג, ווי איינער, וואָס זשאַלע-וועט דאָס ליכט. — —

ח. נ. ביאַליק

ז

סאָסנאָוויץ, 1טן מאַי, 1899

(י. ח. ראַווניצקי׳ן)

טייערער פריינט:

וואָס אַ טאָג מער פיל איך אַלץ מער די חרפּה און האָב זיך אַלץ מער וואָס אויפצוואַרפן. ס׳איז מיר נמאס ומאוס אַזאַ מין פּוסט און שענדלעך לעבן. איך בין פאַרמאַטערט, פון האַלטן זיך אַליין אין איין מוסרן און פייניקן. איז באמת שוין טאַקע ניטאַ קיין שום האָפענונג פאַר אַ פיר־און־צוואַנציק יאָריקן מענטשן, ווי איך היינט, הגם ער דאַרף אַלץ אָנהייבן פון אלף־בית? אויב אַזוי, בלייבט אים בלויז איבער, זיך אַריינצוואַרפן אין אַ ברענענדיקן קאַלכאויוון. און אויב ס׳איז פאַראַן אַ האָפענונג — מוז מען פּרובירן עפּעס טאָן. כ׳האָב דעריבער באַשלאָסן צו פאַרלאָזן מיין פּלאַץ און פאָרן קיין אָדעס — און איר, זייט אַזוי גוט, און ענטפערט מיר אויף די דאָזיקע פראַגן:

א) כ׳האָב דורך דער לעצטער צייט צונויפגעקליבן עטלעכע הונדערט רובל, פון וועלכע מיין פרוי קען האָבן פּרנסה בצמצום ביי איר אין דער היים. וויבאַלד אַזוי — וואָס איז פאַר מיר בעסער? איז בעסער פאַר מיר קומען איינער אַליין אין אָדעס, אָדער, זאָל איך מיטנעמען מיין פרוי אויך?

ב) דער צוועק פון מיין קומען קיין אָדעס איז ניט צוליב וועלכע ס׳איז געוויסע פּרעטענזיעס, וואָס איך זאָל האָבן, נאָר צוליב טאָט. אמת, כ׳האָב מיך אַביסל פאַרשפּעטיקט, אמת, מיינע פעאיקייטן זיינען ניט קיין גלענצנדיקע, אָבער, ס׳זיינען שוין געווען אַזעלכע ווי איך און ס׳האָט זיך זיי איינגעגעבן. איך וויל אָנהייבן פון אלף־בית ביז איך וועל באַקומען מיין אַטעסטאַט פאַר גימנאַזיע — צי קען איך האָפן?

ג) דאָס ערשטע יאָר וועל איך מיך נויטיקן אין הילף, ספּעציעל, אין גייסטיקער הילף, אַז דער אופן פון לערנען, וואָס איך האָף צו באַקומען אומזיסט, זאָל זיין לויט מיינע יאָרן און זאָל מיך ניט ברענגען צו פאַר־צווייפלונג.

ד) וועל איך קריגן אומזיסטע לערער? און בכלל, לאָזט מיר וויסן אייער מיינונג וועגן דעם אַלעמען. און אפשר איז בעסער פּשוט צו קומען מיט מיין פרוי און זוכן פּרנסה פון לערעריי און אין די פרייע שעהן זיך אַליין צו לערנען?

גיט אַן עצה, מיין פריינט, העלפט, ראַטעוועט.

ח. נ. ביאַליק

ח

סאָסנאָוויץ, 14טן פעברואַר, 1900

(י. ח. ראַווניצקי׳ן)

טייערער און געערטער פריינט:

איך האָב זיך נאָך געהאַלטן אין גרייטן איך צו ענטפערן אויף אייער פאַרלעצטן בריוו — איז מיר אָנגעקומען אייער לעצטער בריוו, וואָס האָט אַריינגעוואָרפן אַ צווייפל אין אייער פריערדיקן באַשלוס און מיר פאַר־אורזאַכט צער און דאגה. איך בעט אייך, טוט עפּעס, אַז אייער אָנגענומענע עצה וועגן מיר זאָל ניט פאַרשטערט ווערן. איך ווייס, אַז מיין פליכט איז, צו קומען קיין אָדעס אָן קיין שום באַדינגונגען — אָבער, וואָס זאָל איך טאָן, אַז איך בין אַ שוואַכלינג און אַ שרעקעוודיקער און דער יצר־הרע פון געלט איז, בעוונותי הרבים, זייער שטאַרק און איך זשאַלעווע דאָס גוטע געהאַלט וואָס איך באַקום דאָ (איבער הונדערט רובל אַ חודש). גענוג, אַז איך זאָל וועלן פאַרבייטן מיין געהאַלט פאַר אַ קלענערן, אָבער, אַוועקוואַרפן און מפקיר זיין אַ מעמד איידער איך האָב מיר צוגעגרייט אַן אַנדערן — דאָס איז איבער מיינע כוחות. אָט האָט איר דאָך אויך אָפּגעוואָרפן „אחיאספס״ פאָרשלאָג, וואָס האָט ניט צופרידנגעשטעלט אייערע באַדינגונגען.

אויב פון הימל וועט מען מיך אויך דאָס מאָל אָפּהאַלטן, ניט צו קו־מען קיין אָדעס — וועל איך פוילן דאָ בשלום ביז די שטאָט וועט מיך אויס־שפייען, ס׳הייסט: ביז מיין גוט פאַרדינסט וועט זיך אָפּשטעלן און איך וועל מוזן זוכן אַן אַנדער פלאַץ, — ענטפערט באַלד, צי דער באַשלוס פון „חינוך״ איז נאָך אַלץ גילטיק. איך מוז דאָס וויסן ניט שפּעטער פון זי־בעטן אין חודש ניסן.

וועגן מיין לידער־זאַמלונג — וועל איך דערוויל זיך אָפּהאַלטן. כ׳וועל וואַרטן, אַז די לידער זאָלן זיין פאַר אייערע אויגן און איך וויל זיך מיט אייך מישב זיין וועגן דרוקן. לויט מיין מיינונג, איז נאָך דערפאַר ניט גע־קומען די צייט, ווייל פאַר אַ סך פון זיי איז שוין אַריבער זייער צייט, און נייע, פון אַ דויערנדיקן ווערט, האָב איך נאָך ניט געשאַפן. ניט דאָ איז דאָס פלאַץ צו ריידן וועגן דעם באריכות. —

איר האָט מיך דערפרייט מיט אייער בשורה וועגן אַ פערטן „פרדס״. הגם, לויט מיין מיינונג, איז קיין אַבסאָלוטע נויטיקייט אין אים ניטאָ, כל־זמן דער „השלוח״ לעבט און פונקציאָנירט. צוויי „חד־בדראס״ — צו וואָס? אגב, וועל איך אייך זאָגן, אַז דער וואָס וועט שרייבן די געשיכטע פון אונזער ליטעראַטור, פון אונזער תקופה, די תקופה פון אחד־העם, וועט אָנהויבן

פון אייער „פרדס״, וואס איז א פּרוזדור צום „השלוח״. אויב גאָט וועט מסכּים זיין און איר וועט פלאַנצן דעם פּרדס און זיין שכינה וועט זיך פון אים ניט אָפּטאָן — וועלן מיר אודאי און אודאי שפּאַצירן צוזאַמען און כאַפּן אַ טענצל מיט דער שכינה אין דעם דאָזיקן „פרדס״. — היינט האָב איך באַקומען בערדיטשעווסקיס „פון מיין שטעטל״ — טייער און ליב! אַן עכ־טער טאַלאַנט! ווען ניט די דינסטן וואָס האָבן אַזוי פיל צו טאָן ביי אים. כמעט יעדער איינציקער זכר גלוסט נאָך אַ דינסט, רחמנא לצלן, אין זיינע סקיצן. און דאָך איז זיין יעדע איינציקע סקיצע, באַשאַפן פון איין טראָפּן טינט, אַ וואונדערלעכע קינסטלערישע אַרבעט. זאָל געבענטשט זיין זיין כּוח. — איך האָב גאַרנישט אין פּראָזע. זינט מיר האָבן זיך געזען האָב איך קיין איינציקע שורה ניט אָנגעשריבן, ניט אין פּראָזע און ניט אין ליד.

אייער אייביק־ליבנדיקער,
ח. נ. ביאַליק

ט

סאָסנאָוויץ, ט״ז אדר שני, תר״ס
(י. ח. ראַווניצקי׳ן)

מיין טייערער פריינט!

כ׳האָב איך געבעטן אין מיין לעצטן בריוו מיר צו לאָזן וויסן וואָס גיכער דעם באַשלוס פון „ועד־החינוך״. איך בעט אייך, ניט צו פאַר־שפּעטיקן מיט אייער ענטפער, ווייל ס׳איז מיר דרינגענד נויטיק צו וויסן פון דעם וואָס פריער.

איך מיין, אַז איך וועל זיין אין אָדעס וועל איך מיך ניט באַנוגענען בלויז מיט לערעריי און וועל מיך אויך פאַרנעמען מיט ליטעראַרישע ענינים. שוין לאַנג ווי איך טראָג מיך אַרום מיט אַ גוטן געדאַנק און נאָר אין אַזאַ שטאָט ווי אָדעס וועל איך אים קענען דורכפירן.

אַזוי אויך וועל איך קענען ווערן מיט אייך אַ שותף אַרויסצוגעבן ביכער, אויב איר וועט מיך וועלן נעמען פאַר אַ שותף, ווייל, ווי אייך איז באַקאַנט, איך האָב אַביסל געלט, וואָס איך וואָלט געוועזן מרוצה אַוועק־צולאָזן אויפן וואַסער, מיטן תנאי, אַז איך זאָל עס מיט דער צייט גע־פינען מיט אַ קליין פאַרדינסטל ביי דער זייט.

ווען וועט אַרויס אייער „פריילינג״? צו לאַנג געדויערט אייער ווינ־טער. איר מוזט באַלד באַצאָלן פאַר אונזער פאַרצויגענער האָפנונג און פאַרגיטיקן פאַר די טעג, וואָס מיר זיינען פאַרוויסט געוואָרן מיט די

שענסטע פּרוכטן פון פעדער און זיינע בלומען, ווייל שוין אַ גאַר לאַנגע צייט, ווי איר זיצט אויפֿן „בראָכשטול" — און אויב ראַווניצקי גייט צו קינד — וועט ער דען געבוירן אַ מויז? — איך האָלט נאָך אין שרייבן, און אַ נייער שטראָל, אַן אַנזאָגער פון פרילינג, האָט זיך אַנגעקלאַפּט אַן מיין פּנים דורכן פענסטער און אויפגעוועקט אין מיר שוואַכע איינגע-דרימלטע געפילן. ער דרינגט אַריין אין מיינע אויגן און קוקט אַריין טיף אין מיין נשמה, ווי אַ טרויעריק ליכט, פאַרנאַכטצו, אין אַן אַלטער חורבה. פאַראַן מינוטן, וואָס איך צווייפל אין די אַלע לידער און אַנדערע זאַכן, וואָס איך און אַנדערע שרייבן, אין זייער נוצן און נויטיקייט. פאַר וועמען און צו וועמען קומען זיי? פאַר אונז שטייט אַ מוראדיקע פאָלקס-חורבה, אַן אַלטע און צעריסענע, און ניטאָ קיין נייער ירמיהו צו קלאָגן די לעצטע אימהדיקע קינה. פאַלש זיינען די לידער פון אויפלעבונג, שוא ושקר! ס'איז נאָך ניט פאַרגאָסן געוואָרן די געהעריקע טרער און מיר וואַרטן אויפן גרויסן מקונן ער זאָל זי פאַרגיסן. מיר האָבן ניט קיין יערעמיאַדאַ אויפן חורבן פון פאָלק — און קומען מוז זי. די דאָזיקע טרער וועט פאַרשווענקען דעם גאַנצן גלות און וועט ווערן אַן אייביקע קינה.

וואַרטנדיק אויף אייער בריוו ממש מיט אומגעדולד
אייער פריינט, ליבהאָבער און פאַרערער

ח. נ. ביאַליק

י

אָדעס, ד' תשרי, תרס"א

טייערער און געערטער פריינט ה' גרשון סטאַווסקי, נ"י:

אייער לעצטן בריוו האָב איך דערהאַלטן אין צייט. די מקחים פון קוילן, וואָס איר האָט מיר געשריבן, זיינען מיר ניט געפעלן, און ס'האָלט ניט אויס דעם חשבון צו צאָלן 17-18 קאָפּיקעס פער פוד, ווי איר שרייבט. איך קויף דאָ, אין אָדעס, אויפן וואָקזאַל, אַ גוטן קויל אויף 23 קאָפּיקעס פער פוד. ווי ס'זעט אויס, איז דאָ אַ קליינע האָפענונג, אַז איך זאָל קענען קויפן קוילן אין סאָסנאָוויץ. פונדעסטוועגן, אויב ס'וועט זיך מאַכן אַ גוטע מציאה, בעט איך אייך, מיר געבן צו וויסן. דערווייל שלעפּט זיך דער דאָזיקער מסחר מיינער זייער פאַמעלעך און שוואַך און איך פאַרדין נישט קיין פרוטה, אדרבה! נאָר איך האָף, אַז

ווינטער וועט ער מיר אַריינבערענגען אַ גוטן פּראָצענט אויפֿן געלט, וואָס כ׳וועל אַריינלייגן אין דעם קליינעם עסק, אָבער ניט מערער. לכתחילה, ווי איך האָב אייך געשריבן אין מיין פֿריערדיקן בריוו, בין איך ניט אַריינגעגאַנגען אין דעם געשעפֿט צוליב פּרנסה, נאָר סתּם לשם מסחר, ווייל כ׳האָב געהאַט חיונה פֿון לערעריי; אָבער איצט, אַז די חבֿרה איז בטל געוואָרן און מיט איר צוזאַמען מיין שטעלע אין דער שולע — זוך איך מיר אַן אַנדערע פּרנסה, אָדער, ס׳איז מעגלעך, איך זאָל פֿאַרגרעסערן מיין קוילנהאַנדל און עס מאַכן פֿאַר מיין באַשטענדיקער באַשעפֿטיקונג. דערווייל עס איך פֿון גרייטן. — —

איך וואַרט אויף אייער ענטפֿער. מיט ליבשאַפֿט און פֿריינדשאַפֿט,

ח. נ. ביאַליק

י״א

אָדעס, אָקטאָבער 26, 1900

(דוד פֿרישמאַנ׳ען)

געערטער הער!

איך דאַנק אייך פֿאַרן כּבֿוד, וואָס איר האָט מיר צוגעטיילט, מיך איינצולאַדן אַלס מיטאַרבעטער פֿון „הדור״. איך טו אייער פֿאַרלאַנג און שיק אייך דאָ אַ ליד „המתנדבים בעם״, אים אַריינצוגעבן, ווי איר זאָגט, אין דעם ערשטן נומער פֿון „הדור״.

און דערלויבט מיך, מיין הער, אויסצודריקן מיין פֿרייד מיטן דערשיינען פֿון „הדור״ און מיין ברכה צו אייך, זיין רעדאַקטאָר, צו דער התחלה פֿון דער אַרבעט. געבענטשט זאָל אויך זיין דער „אחיאָסף״ און געבענטשט זאָל זיין זיין גוטער געשמאַק, וואָס ער האָט אויך אויסדערוויילט אייך פֿאַרן פּרנס פֿון דעם „דור״.

מיט גרוס און ברכה,

ח. נ. ביאַליק

נ. ב. דער זיידע מענדעלע האָט פֿאַר מיר אויסגעדריקט זיין צער, וואָס אייער איינלאַדונג האָט אים געטראָפֿן אין אַ צייט, ווען ער איז פֿאַרנומען און פֿאַרוואָרפֿן מיט אַ סך אַרבעט און ער קען ניט, הגם ער וואָלט וועלן, זיך אָפּפֿאַרטיקן און נאָכקומען אייער וואונטש. אויפֿטאָן עפּעס אַ נייע זאַך גלייך איצטער, איז אוממעגלעך, ווייל די צייט איז קורץ; געבן עפּעס פֿון גרייטן — האָט ער איצט גאָרנישט ניט. דעריבער

האָב איך אים געגעבן אַ געהעריקע עצה, וואָס ער האָט אויסגעהערט און ס'איז אים געפֿעלן געוואָרן. געוויס האָט איך שוין דער אַלטער מודיע געווען וועגן דעם און איר ווייסט שוין דערפֿון. איך בעט אייך, שרייבט מיר אייער מיינונג מכּוח דעם.

ד. ז.

י"ב

אָדעס, 23טן מאַי, 1091

טייערער און ליבער הער דוד פֿרישמאַן:

כ'האָב נישט געהאַלטן וואָרט און פֿאַרהאַלטן ביי זיך די צוויי קאַפּיטלעך פֿון דער „פֿישקע" איבערזעצונג ביז היינט. זעלבסטפֿאַרשטענדלעך, אַז „פֿאַרשידענע סיבות" האָבן דערצו גורם געווען, און זיי וועלן מכפּר זיין אויף מיינע זינד. אין דער צוקונפֿט וועל איך זיין פּינקטלעכער און איר וועט אייער קנעכט אַנטשולדיקן. — —

איך בעט אייך, מיר באַלד לאָזן וויסן (איר זעט, ווי פּינקטלעך איך בין!) ווען איר וועט געבן מיין איבערזעצונג פֿאַר אייערע לייענער פֿון „הדור". דער זיידע באַגערט דאָס זייער צו וויסן און טוט דאָס פֿאַר אים, אויב ניט פֿאַר מיר, און ענטפֿערט מיר תּיכּף־ומיד.

איך זאָג „איבערזעצונג" — איבערזעצונג — און ווי איר זעט איז דאָס ניט קיין פּשוטע איבערזעצונג. איך זיץ „שבעה־נקיים" איבער יעדן טראָפּן טינט, נאָכדעם באַווייז איך דאָס דעם אַלטן און ער זיצט נאָך אַמאָל „שבעה נקיים". ס'טרעפֿט, אַז ער זוכט דאָס ריכטיקע וואָרט צוויי דריי שעה נאָכאַנאַנד. דאָס איז ניט קיין איבערזעצונג — גאָר מעשה־בראשית.

איך בעט אייך, הייסט דעם אחיאָסף מיר שיקן 50 רובל אויפֿן חשבון פֿון מיין אַרבעט. איך בין איצט זייער פֿאַרענגט — און דאָס אויך תּיכּף.

מיט פֿאַרערונג און ליבשאַפֿט,

ח. נ. ביאַליק

י"ג

אָדעס, תּרס"ב

(ז. שניאור'ן)

גיב איבער שמואל־לייב גאָרדאָנען, אַז די פּאָעמע „מתי־מדבר" האָב איך אָנגעהויבן שרייבן פֿאַרן „עולם־קטן", און מעשה־שטן איז פֿון דעם אַרויסגעקומען... דאָס וואָס ס'איז אַרויסגעקומען. — —

י״ד

(צו שלום עליכם׳ען)

שלום עליכם, מיין ליבער און טייערער!

די גוטע מתנה, וואָס איר האָט מיר צוגעשיקט אומגעריכטערהייט — האָט מיך אין גאַנצן צעמישט און אָפּגענומען ביי מיר ס׳לשון פאַר צוויי וואָכן צייט, און דעריבער האָב איך ביז איצט געשוויגן און זיך ניט געאיילט אייך צו באַדאַנקען, ווי ס׳פירט זיך אויף דער וועלט. און איר וועט מיר געוויס מוחל זיין, ווייל איר זייט דאָך אויך אַביסל שולדיק אין דעם: „דער וואָס גיט זיין חבר אַ מתנה — דאַרף אים קודם לאָזן וויסן וועגן דעם״ — האָבן געזאָגט די ראשונים. נאָר איר פּסקנט, זעט אויס, לויט די אחרונים, וואָס זאָגן: „מ׳דאַרף ניט אים לאָזן וויסן אָפריער״, אַ סיורפּריז, הייסט עס. בקיצור, אַזוי צי אַזוי, איר האָט קיין סך ניט אָנגעוואוירן. איך בין אויך אַן אייניקל פון אונזער זיידע מענדעלע און אין ענין פון „ווינטשעווען״ בין איך אַ גוי־גמור און ווייס ניט וואָס אַזוינס איך זאָל אייך צו־ווינטשן. אַז אייערע פּירות זאָלן זיין זיס? זיי־נען דאָך אייערע פּירות די זיסטע פון די זיסטע! אַז אַ קוואַל זאָל אייך שטראָמען פון אייער הארצן? פליסט דאָך אַן אומאויפהערלעכער קוואַל, אַ געבענטשטער לעבעדיקער קוואַל פון אייער האַרצן. נאָר, יהי־רצון, אַז... אַז... ס׳זאָלן זיין אַ סך ווי איר ביי אידן. כ׳האָב נאָך אַ האַר געוואָלט פאַרענדיקן, „איר זאָלט זוכה זיין צו קריגן אַ גאָלדענע פען ביי אייך אין געבורטס־שטאָט״, ווי איר האָט מתפלל געווען אויף דעם אין אייער בריוו צו מיר פון לעצטן ראש־השנה, נאָר איך בין איצט ניט געשטימט צו מאַכן ליצנות, און איך רעד ווי איך פיל. ניט יעדער וועמען מ׳גיט אַ גאָלדענע פען — האָט אַ גאָלדענע פען. פון הימל האָט מען אייך מזכה געווען מיט אַ גאָלדענער פען און איר דאַרפט ניט אָנקומען צו דער מתנה פון מענטשן. אייער פען איז גאָלד אַפילו ווען איר שרייבט מיט בליי. זייט מיך נאָר ניט חושד, טייערער, אַז איך צאָל אייך אָפּ מיט קאָמפּלימענטן פאַר קאָמפּלימענטן. מיינע ווערטער זיינען על־פּי פשט און על־פּי אמת.

און זייט מיר געבענטשט, ליבער, פאַר אייער גוטער מתנה

אייערער, מיט ליבשאַפט,

ח. נ. ביאַליק

ט״ו

(ש. בן־ציונען) .

וואַרשע, 29טן דעצעמבער, 1903
מיין טייערער גוטמאַן!

דער שטן האָט זיך אַריינגעמישט און איך בין, בעוונותי־הרבים, געוואָרן דער רעדאַקטאָר פון „השלוח״, ס׳הייסט אייגנטלעך, אַ האַלבער רעדאַקטאָר: בלויז פאַר בעלעטריסטיק. גם־זו־לטובה. אלא וואָס? — אַדעס? אַדעס וועט ניט אַנטלויפן. דער טייוול וועט זי ניט נעמען. בקיצור, וואָס ס׳איז אוועק — איז פאַרפאַלן און איך בעט דיך, דערמאָן ניט דאָס געוועזענע. אוי, ווי ס׳איז מיר שווער זיך מיט אייך צו שיידן. ס׳איז אַ גרויסער ספק, צי איך בין אַנגעמאָסטן פאַר וואַרשע און צי וואַרשע איז אַנגעמאָסטן פאַר מיר, אָבער וואָס זאָל איך טאָן — פרנסה...

ווי ס׳זאָל ניט זיין, זאָלסט מיך נאָר ניט פאַרלאָזן. זיי, ברודער, אַ געהילף צו מיר. קלויזנער האָט מיר איבערגעגעבן אַ פולן פאָרטפעל מיט „בעלעטריסטיק״, במחילה, וואָס ס׳איז ניט ווערט צו וואַרפן פאַר די הינט, און די צייט איז קורץ און ווען וועל איך אַלץ קענען צוגרייטן פאַר די קומענדיקע ביכלעך? בלויז איין גאָט ווייסט. שיק מיר, שיק מיר, און תיכף־ומיד, אַלץ נאָר וואָס דו האָסט פאַרטיק און פאַרענדיק וואָס גיכער דיין נייע דערציילונג (פון צוויי דרוק־בויגן, ווי דו האָסט מיר געזאָגט) און שיק זי מיר צו. אָן דיר וועל איך מיך ניט קענען האַלטן. פון די מערסטע מאַנוסקריפטן, וואָס זיינען מיר איבערגעגעבן געוואָרן — האָב איך געזען, אַז מיר האָבן ניט קיין העברעאישע דערציילער, ניטאָ, דערפאַר האָבן מיר טפשים און עמי־הארצים, גראָבע־יונגען און חוצפה־ניקעס, וואָס האָבן צו זיך קיין גלייכן ניט ביי קיין שום אומה ולשון.

קער זיך אום, טייערער, צו דיין „נפש־רצוצה״ און פאַרענדיק זי. שרייב און שיק. כ׳האָב שוין גערעדט מיטן ה׳ קאַפּלאַן און קלויזנערן, אַז ס׳איז ניט מער ווי רעכט צו פאַרגרעסערן דיין האָנאָראַר און זיי האָבן ניט געזאָגט „ניין״.

— וואָלט איך געהאַט אַ לענגערע גוטע דערציילונג צו פאַרשטאָפן — לכל־הפחות זעקס נומערן — — וואָלט איך מיך באַרואיקט. אָבער דערווייל האָב איך ביי זיך בלויז „קלייניקייטן״ און פון ערגערן מין, און באַשטעלן נייע איז ניטאָ קיין צייט: דער „הצופה״ שטופט אַרויס־צוגעבן די נומערן אין צייט, אָן קיין שום פאַרשפעטיקונג.

די באַדינגונגען לויט וועלכע כ׳האָב מיך אונטערגענומען צו רע־דאַגירן די „שיינקייט״ — זיינען ווי כ׳האָב דיר דערציילט אין אָדעס: אחיאסף באַצאָלט מיר 75 רובל אַ חודש און איך רעדאַגיר און קאָרעגיר די צוויי דרוקבויגן „שיינקייט״ פון יעדן נומער. ווען איכ׳ל צוגרייטן „שיינקייט״ פאַר די ערשטע צוויי נומערן — וועל איך קומען קיין אָדעס צו פאַרענדיקן מיינע געשעפטן, כביכול. צו דעם „הצופה״ האָב איך צו־געזאָגט מיין שטענדיקע מיטאַרבעטערשאַפט, ס׳הייסט, איין מאָל אָדער צוויי מאָל אַ חודש און אויפן חשבון פון דער דאָזיקער אַרבעט וועל איך באַקומען אַ באַשטימטע סומע געלט, ווי דיר איז באַקאַנט פון זייער בריוו, וואָס איך האָב דערהאַלטן אין אָדעס.

ובכן, אפשר וועט דאָס אַלץ גענוג זיין אַרויסצושלאָגן פון דעם פּרנסה — אָבער, ס׳איז מיר נאָך אַלץ ניט קלאָר: צי זאָל איך לאָזן מיין משפּחה אין אָדעס, אָדער, זאָל איך זיי אַריבערנעמען אַהער.

אַ סך, אַ סך, האָב איך דיר צו שרייבן וועגן וואַרשע און אירע שרייבער (כ׳האָב זיי שוין אַלעמען געזען, אַחוץ סאָקאָלאָוון) אָבער, איך האָב איצט קיין צייט ניט. אין מיין קומענדיקן בריוו וועל איך ממלא זיין דאָס וואָס כ׳האָב דאָ אויסגעלאָזן.

אייביק דיינער
ח. נ. ביאַליק

ט״ז

וואַרשע, יאַנואַר 4, 1904

מיין זיסקייט, מיין האָניק און מיין צוקער, שלום־עליכם!

האָרכט און ווערט נשתומם: איך בין אַ רעדאַקטאָר! ווי איך בין אַ איד, כ׳בין געוואָרן אַ רעדאַקטאָר! ס׳הייסט, די „שיינקייט״, בעלעט־ריסטיק בלע״ז, פון „השלוח״ וועט פון אָנהייב פון היינטיקס יאָר, 1904, רעדאַגירט ווערן פון מיר. וואָס זאָגט איר אויף דעם, שלום־עליכם? איר ווילט דאָך אוודאי וויסן: ווי, וואָס, ווען, אַא״וו. — פרעגט ניט, טייערער, ניטאָ קיין צייט! גענוג פאַר איך צו וויסן, אַז איך בין רעדאַקטאָר און צו דער דאָזיקער כהונה בין איך אַריינגעקומען אייערנעכטן, אין ערשטן טאָג פון דעם גויאישן ראש־השנה, און דער פאָרטפעל פון „שיינקייט״, וואָס מ׳האָט מיר איבערגעגעבן איז לגמרי ליידיק, פאַרמאָגט בלויז „וואַ־סער״, און דער ערשטער נומער מוז היינטיקן חודש אַרויסקומען אין דער צייט און איך האָב דערוויַיל גאָרנישט ניט — און איך בין אומגליק־

לעך שבאומגליקלעך! ווי, ווי, וואָס טוט מען? ראַטעוועט, ברודער, ראַטעוועט. זיינען מיר דאָך עפּעס „שטיקלעך געשוועסטערקינדלעך"! מיר זיינען ביידע אייניקלעך פֿון איין „זיידן" — און אויב ניט איר, ווער דען? האָט רחמנות, ברודער, אויף מיר און אויף מיינע יונגע יאָרן און שיקט מיר צו אַ שיינע דערציילונג, און טאַקע פֿון בעסטן און שענסטן, פֿאַרן „השלוח". אויב איר האָט וואָס פֿון פֿאַרטיקן — איז מה־טוב, און אויב ניט — זעצט זיך אַוועק און שרייבט, אין העברעאיש, פֿאַרשטייט זיך — גזלן! — איר זענט דאָך אַ גרויסער „מזיק" אויף העברעאיש און פֿאַרוואָס שרייבט איר אויף איר אַזוי ווייניק? — און שיקט מיר גלייך צו.

האָנאָראַר וועט געצאָלט ווערן אויפֿן שענסטן און בעסטן אופֿן. שיקט, שיקט. און אויף להבא, מעגט איר וויסן זיין, אַז אַפֿילו איר וועט זיך שטעלן אויפֿן שפּיץ דאָך — וועט איר מיר מוזן געבן פֿאַרן „השלוח". צי דען איז מעגלעך, אַז דער „השלוח", וואו ביאַליק האָט אַ האַנט, זאָל זיך באַגיין אָן שלום־עליכם'ען? דאָס איז אוממעגלעך און רעדט ניט צו מיר און איך וויל גאָרנישט ניט הערן. — —

איירער, איירער
ח. נ. ביאַליק

י"ז

(ד"ר מ. י. בערדיטשעווסקין)

וואַרשע, 30טן יאַנואַר, 1904

מיין הער ד"ר:

איר האָט מיך געשטעלט פֿאַר אַ גרויסן נסיון, ווען איר האָט מיר צוגעשיקט אייער דערציילונג „זומער און ווינטער" און אויך איצט געפֿין איך מיך נאָך אַלץ אונטערן איינדרוק פֿון אייער דערציילונג. ווען מיר וואָלטן איצט צונויפֿשטעלן אַ נייעם תנ"ך פֿון אונזער צייט — וואָלט איך אַהין אַריינגעשטעלט אייער דערציילונג און וואָלט זי אָנגערופֿן „רות". כמעט, אַז אַן איינצעלנער שרייבער האָט קיין רעכט ניט אַזוי גוט צו שרייבן. אַזוי דערציילט דער תנ"ך, האָמער, אַ גאַנץ פֿאָלק, די נאַטור אַליין, אַדער, אַ פּשוטער פּויער, וואָס האָט אין זיך אַ געטלעכן גייסט.

און פֿון דעסטוועגן, פֿאַרשטייט אַליין, קען איך דאָס ניט אַריינגעבן אין „השלוח". דאָ האָב איך אַנדערע פֿליכטן און חשבונות, וואָס איך בין ניט קיין בן־חורין זיך פֿון זיי צו באַפֿרייען. דער „השלוח" האָט אַ פֿאַר־

גאַנגענהייט אין וועלכער איך קען ניט רעוואַלטירן מיט איין מאָל. איך האָב געוויסע פליכטן אַלס רעדאַקטאָר, פאַרן דעת־הציבור. סוף־כל־סוף, בין איך ניט מער, ווי אַ שליח־ציבור.

אָבער, איך האָב אַ פאָרשלאָג צו מאַכן. ה׳ פרץ און איך אייער דינער און אַנדערע חברים ווילן אַרויסגעבן אַ קליינע רעוואָלוציאָנערע זאַמלונג, אַ מין קליינע במה פאַר עבודה־זרה, ווי דער „החץ" אין זיין צייט. איר צוועק איז (אויב זי האָט אַזוינס בכלל): א) אַ בריק טאָן דער צעפוילט־קייט און קליינלעכקייט פון אונזער ליטעראַטור, ב) דאָס דרוקן פון נייע זאַכן, וואָס דער מאָגן פון דער דאָזיקער ליטעראַטור קען ניט פאַרדייען. ובכן, ווילט איר געבן אָט די דערציילונג אייערע פאַר דער דאָזיקער זאַמ־לונג? ענטפערט מיר! און אייער פאָלקס־דערציילונג שיקט מיר תומ"י פאַרן „השלוח".

אייער ח. נ. ביאַליק

י"ח

(ש. בן־ציונען)

מראָזי, 11טן יוני, 1904

— — פאַרוואָס טוט איר גאָרניט מכוח דעם זיידנס יובילײ? איר ווילט, אַז ווארשע זאָל זיך מקדים זיין פריער פון אייך? שיין און פיין! סקאַנדאַל! סקאַנדאַל! אָט האָט איר אייך די אַדעסער מעשים! גלויבט מיר, אַז כ׳וועל דאָ גרינדן אַ יובילײ־קאָמיטעט, דאָ אין ווארשע און איר וועט דערנאָך זאָגן דעם קורץ „שיר־השירים". פרץ האָט שוין געוואָלט צונויפרופן די ערשטע פאַרזאַמלונג און דרוקן צירקולאַרן, נאָר איך האָב אים אָפּגעהאַלטן. סקאַנדאַל! סקאַנדאַל!

און איך — כ׳האָב געהאַלטן נאָנט צו אַ ליבע. דאָ איז אַראָפּגעפאַלן ווי פון הימל אַ שיין מיידל, האָט אַרומגעטאַנצט דריי טעג נאָכאַנאַנד צווישן די ביימער פון וואַלד — און איז נעלם געוואָרן. כ׳האָב אויפגע־שריבן צוויי ליבע־לידער, איינס אַ קורצס, אין טעם פון מיין „מיט זון־אונטערגאַנג" און דאָס צווייטע, אַביסל לענגער, אין טעם פון ווין... כ׳האָב געהאַט די זכיה צו שפּאַצירן מיט איר עטלעכע סעקונדן, אָדער דריי און אַ האַלב שעה, — אויף אַ קלייניקייט שטעל איך זיך ניט אָפּ. מיר האָבן אומגעשוועבט איבער פעלדער און וועלדער און געפליקט פאַר־געס־מיך־ניט בלימלעך. — — — בקיצור, ס׳איז גאָרנישט ניט געשען,

ביי מיין אידישקייט. ס׳איז דאָ בלויז צוויי שירים, וואָס זייער פּרייז איז אומגעפער 10 רובל, מער אָדער ווייניקער, מיט קאָפּיקעס.

אַ גרוס דיר, ברודער, אַ גרוס מיט קושן. געוואַלט, ווי לאַנג נאָך וועסטו זיין אַ מלמד? שרייב, שרייב.

דיינער.

י״ט

(י. ח. ברענער)

וואַרשע, ראש־השנה, 1904

שלום איך, טייערער.

היינט האָב איך אָפּגעשיקט אין דרוק פיר קאַפּיטלעך — 28 געשריבענע זייטלעך פון אייער דערציילונג. („מסביב לנקודה״). די דאָזיקע דערציילונג אייערע — וואָס איז אַ מין המשך און פאַרגאַנצונג פון „בחורף״ — וועט מאַכן, ווי מיר דוכט, אַ רושם. כ׳האָב זי דערווייל געלייענט בלויז איין מאָל און דאָך קען איך באַשטימט זאָגן, אַז איר זענט דער נייער העברעאישער דערציילער פון אונזער תקופה אין פולן זין פון די דאָזיקע ווערטער. יענער וואָס וועט קריטיקירן אייערע דערציילונגען מיט דער „טעאָריאַ־סלאָוועסנאָסטי״ אין האַנט, וועט געפינען אין זיי גרעסערע און קלענערע חסרונות: די אַרכיטעקטאָניק „הינקט״, „באַשעפעניש״, וואָס זיינען ניט נויטיק, אויסגעצויגנקייט און פאַרקירצטקייט ניט אויפן ריכטיקן פּלאַץ וכדומה — אָבער וואָס גייט מיך אָן די „טעאָריאַ־סלאָוועסטנאָסטי״, ווען איך זע אַ לעבעדיקע נשמה, אַ פלאַמענדיק געפיל און אַ פייערדיקן געדאַנק, וואָס ציטערן אין יעדער שורה און צאַפּלען זיך אין יעדן אות. און וויפיל דינקייט און וויפיל „אמת״ — איך האָב קיין אַנדער וואָרט ניט דערפאַר — דאָס זוכן פון אמת, און וויפיל גיפט דאָרט איז פאַרזונקען. „די דערציילונג איז ניט קיין גאַנצע „בריה״ מיט גלידער און געלענקען באַהאַפטן צוזאַמען לויט אַ פאָראויס־באַשטימטן פּלאַן״ — מעגלעך: דאָס איז אַ שלאַנג, וואָס איז צעשניטן געוואָרן גלידערווייז און יעדער אבר לעבט נאָך פאַר זיך אַליין, לעבט און צאַפּלט זיך און די גיפט בלעזלט זיך אין אים. איר ווייסט, אין אייער דאָזיקער דערציילונג ווי אין אייערע אַנדערע דערציילונגען — מיטן גאַנצן איינפלוס, וואָס די רוסישע קלאַסיקער האָבן אויף אייך משפיע געווען — געפין איך אויף יעדן שריט און טריט די השפעה פון אונזערע אייגענע גדולים: אַבראַ־

מאָוויטש, אחד־העם, בערדיטשעווסקי און אַנדערע, ניט, אַז איר מאַכט זיי נאָך, נאָר אומבאַוואוסטזיניק זייט איר פון זיי באַאיינפלוסט, זייער גייסט איז פאַרזונקען און פאַרשלונגען אין אייער גייסט, ווי דער כוח פון פאָטער אין כוח פון זון, און אַנטפּלעקן זיך אין אייך אין אַ לגמרי נייער צורה. אייער כוח־יצירה, הגם ס'זעט אויס איראָפּייאיש פאַרן אויג — איז פונדאַמענטאַל און בעיקר דער העברעאישער כוח־יצירה — און פון אַ גלות־קינד,פאַרשטייט זיך, אַ גלות־קינד פון אונזער תקופה, וואָס זיין רצון איז שטאַרקער פון זיינע כוחות, וואָס זעט די צעפּוילטקייט פון זיין אומה און באַגערט איר באַפרייאונג און גלויבט און גלויבט ניט אין דער מעגלעכקייט פון איר באַפרייאונג; אַ פרייהייט וואָס ער אַליין ווייסט ניט, וואו זי איז און פון וואַנען זי וועט קומען, האָפט און איז פאַרצווייפלט אין דער זעלבער צייט, שטרעבט און שרייט מיט ווייטיק, הענגט און האַלט זיך צווישן טויזנטער מאַגנעטן און רייסט פאַסן פון אייגענעם לייב מיט צעגליטע צוואַנגען.

די הויפּט־העלדן פון אייער דערציילונג — דאַווידאָווסקי, אַבראַמזאָן — כ'האָב אַ סך וועגן זיי צו ריידן, אָבער כ'וויל דאָס לאָזן פאַר אַן אַנדער געלעגנהייט, נאָך דעם ווי כ'וועל די דערציילונג לייענען אַ צווייט־דריי מאָל. איר ווייסט, מענטשן ווי דאַווידאָווסקי — מיטן גאַנצן „אמת" און מיט דער גאַנצער שיינקייט וואָס ס'איז פאַראַן אין זייער פּסיכיק — אויף מיר מאַכן זיי אַן איינדרוק, ווי ס'פעלט עפּעס אַ פונדאַמענטאַלער שטריך אין זייער נשמה, עפּעס עיקרדיקס פעלט, און איך גלויב ניט אין זייער „אמת". אָט דער „עיקר חסר" איז דאָ אין די מערסטע צדדים פון אונזער ניי לעבן און אונזערע נייע באַוועגונגען און ער, דער „עיקר חסר" — מאַכט יענע צדדים פון לעבן און יענע באַוועגונגען פאַר „לאו־דוקא," פאַר אָפּ־געדוכטע. אפשר איז דאָס אַזוי, ווייל דער אָנהויב שפּראָצן פון יעדער נייער לעבנס־באַוועגונג און פון יעדן נייעם געדאַנק ביי אונזער פאָלק קומט ניט אַרויס פון אונז אַליין און פון דער ערד, נאָר פון דער לופטן. מיר זאַפּן אַלץ איין פון לופט, ווען ס'איז פאַרטיק און צייטיק און מיר האָבן הנאה פון די בלומען און פאַרטיקע פּירות פון אַנדערע אָן דער שווערער אַרבעט פון אַקערן און אָן די יסורים פון פלאַנצן און האָדעווען. מיר האָבן קיין באָדן ניט — און דעריבער איז אַלץ אויסגעדוכט. אַלץ בליט אויף און וועלקט אין איין טאָג. אפילו דער הונגער נאָך לעבן און דאָס געשריי נאָך אויסלייזונג — פאַראַן אין זיי אַ מין פאַלשקייט, וואָס

מיין האָרץ ווייסט, וואָס דאָס איז. ניטאָ קיין ריכטיקער אמת, סיידן אין דער לעבערלעכקייט, שפּלות און אָרעמקייט פֿון אונזער לעבן.

אגב, די שפּראַך פֿון אייער דערציילונג פֿאָדערט אויסבעסערונג, באַמיט זיך צו ברענגען אייער שפּראַך צו שלימות. אָן דעם איז אַלץ ניט גענוג. אמת, דערציילונגען פֿון דעם מין ווערן געשריבן אין אַ פֿיבער — אָבער נאָך דעם ווי זיי זיינען אָנגעשריבן קען מען זיי דאָך האַלטן אַ שטיקל צייט אין הויז און אויסבעסערן, שלייפֿן און פּיילן — און דורך דעם ווערן זיי אַ סך געווינען. איר האָט אייער אייגן לשון — אָבער ס׳איז קענטיק אין אים נאַכלעסיקייט.

מיט דער ברכה פֿון לשנה־טובה
אייער
ח. נ. ביאַליק

כ

(שלום־עליכמען)

אָדעס, תּמוז, תּרס״ה

טייערער פֿריינט, שלום־עליכם:

אמת, אמת, ביי מיין אידישקייט. אויב איר וועט ניט קומען צוהילף — זיינען מיר פֿאַרלוירענע. גיט נאָר אַ טראַכט: ס׳איז, בסך־הכּל, אַרום זעקס חדשים צום יובילייַ — און וויפֿיל אַרבעט ס׳איז נאָך געבליבן צו טאָן! נעמט זיך אין די הענט און שטאַרקט זיך צוליבן כּבוד פֿון זיידן און פֿון וועגן אונזער כּבוד, ס׳זאָל ניט פֿאַרשוועכט ווערן. מיר דאַרפֿן און מוזן פֿייערן דעם יובילייַ מיט אַזאַ פּאַראַד שבפּאַראַד, וואָס אונזערע אבות האָבן ניט געפּאַראַדעוועט. הכּלל, לייגט זיך אַריין אין דער לענג און אין דער ברייט און איר זאָלט ניט שווייגן טאָג און נאַכט ביז אין אונזער יובילייַ־קאַסע וועלן אַריינקומען לכּל־הפּחות אַרום שני־אלפים „שמאַרדאַוואַנצעס״. ענטפֿערט באַלד.

ח. נ. ביאַליק

און דאָס — צו דיר, בערקאָוויטש!

האָסט ניט געוואָלט קומען צו מיר מיט לייזיקע הענט — און ביסט געקומען. זאָל געבענטשט זיין דיין קומען! ביסט ביי מיר אַן אַנגעלייגטער גאַסט אַפֿילו ווען דו קומסט מיט לייזיקע הענט. און בכּלל באַטראַכט איך ניט דעם „השלוח״ ווי אַ סרסור צווישן מיר און דיר, מיר

מעגן זיך דורכשרייבן אַפֿילו אָן דעם אויך. אָבער איצט, מיין ליבער, איצט, ווען מיר גיבן אַריין אין דרוק אַ דריי־פֿאַכיקן נומער — וואָלט איך געוואָלט אַרויסקומען מיט „פֿויקן און מיט טענץ" פֿון דער גאַנצער חבריא מיינער. און אויב, חס־ושלום, ס'וועט אַרויס אַ גזר אויפֿן „השלוח" צו שטאַרבן, נאָך דעם דאָזיקן געדריטלטן נומער, זאָל זיין נשמה אויסגיין בכבוד, אין אַ מעמד פֿון אַ כשרן „מנין" צדיקים, ווי דו און דיינס גלייכן. אוי, נעמט מיר צונויף מיינע פֿרומע און מיר'ן שפּילן אַ „פֿריילעכס" מיט דער גאַנצער „קאַפּעליע", אַז די סטעליע זאָל זיך אָנש טרייסלען! אַ „פֿריילעכס" פֿון יציאת־נשמה! איך וויל צונויפֿנעמען אונטער דער דאָזי־קער געדריטלטער חופּה אַלע בעסטע שרייבער, בחורים און זקנים אין־איינעם, די זיידעס מיט די אייניקלעך צוזאַמען זאָלן פּליעסקען מיט די הענט און די ערד זאָל זיך שפּאַלטן אונטער אונזערע פֿיס! — — —

אייער
ח. נ. ביאַליק

כ"א

אָדעס, עשרת־ימי־תּשובה, תּרס"ז (1906)

שלום און אַ גוט־יאָר צו מיין טייערן און ליבן ברודער, בן־עמי:

די טעג — זיינען טעג פֿון תּשובה. יום־כּיפּור קומט באַלד אָן. טאָ לאָמיר מאַכן שלום און זייט ניט קיין צו שלעכטער, ניט מוחל צו זיין. איך שעם זיך פֿאַר איך — טאָ זאָל מיין בושה זיין פֿאַר מיר אַ כּפּרה. איר ווילט מיך באַשטראָפֿן? ניטאָ קיין גרעסערע שטראָף ווי די זינד גופֿא. מיר האָט מיין שוויגן פֿאַרשאַפֿט גרעסערע יסורים ווי איך. אי, פֿאַרוואָס האָב איך געשוויגן? פֿרעגט מיך אַ גרינגערע קשיא. אפֿשר ווייסט, דער שטן וואָס פֿאַרשטאָפּט דאָס מויל פֿון שופֿר! — — —

בקיצור, סוף־כּל־סוף, אַ האַלב יאָר שוויגן צווישן איך און מיר — וואָס פֿאַראַ באַטרעף האָט עס? ס'איז ניט ווערט אַזויפֿיל מאַריך צו זיין וועגן דעם ענין. ס'איז דאָך ניט מער ווי אַ קלייניקייט. אלא וואָס? איך וויל אויסגיסן פֿאַר איך מיין נשמה און מיין ביטער הארץ. טראַכט זיך נאָר גוט אַריין: כ'בין אויפֿגעשטאַנען היינט אין דער פֿרי פֿון שלאָף און איך בין אומגעפֿער פֿינף־און־דרייסיק יאָר אַלט און איך ווייס נאָך אַלץ ניט, וואָס איך טו אויף דער וועלט. איך שווער ביי אייער לעבן און ביי מיין לעבן, אַז איך ווייס ניט צו וואָס און צוליב וואָס איך לעב

אויף דער וועלט. וואָס איז דאָס, בן־עמי, אַ טראַגעדיע, אָדער אַ קאָ־מעדיע? איז דאָס אַ טעות, אָדער אַ בייזוויליקייט און אַ גרויס שלעכטס? ווי ס'איז וואָר, אַז ניקאַליי לעבט, אַז איך בין מקנא דעם גאַסן־רייניקער און דעם בלינדן און דעם שאַרמאַנשציק, וואָס שפּילט איצט אונטער מיין פֿענסטער. זיי ווילן זיך שפּייזן, ווי דער הונט און ווי דער ראָב און זיי האָבן זייער באַשטימטע באַשעפֿטיקונג יעטווידן טאָג, און איך — איך ווייס ניט וואָס איך זאָל מיט זיך טאָן און איך ווייס ניט היינט, וואָס איך וועל טאָן מאָרגן. ווען איך עפֿן די אויגן איטלעכן פֿרי־מאָרגן שטעלט זיך פֿאַר מיר די זעלביקע פֿראַגע, וואָס איך האָב אויף איר קיין ענטפֿער ניט: וואָס טוט מען? די טעג שטייען פֿאַר מיר ליידיקע און מאַגען זייער תּכלית און איך פֿאַרשטאָפּ זיי די מיילער מיט קליינקייטן, מיט נישטי־קייטן, מיט אַלץ נאָר וואָס ס'קומט מיר צו דער האַנט אויף דער רגע. אַביסל מיט משונהדיקע שפּרונגען, און אַ סך ליגן און זיצן, וואָס לאָזן זיך אויס מיט מידקייט און גייסטיקע יסורים און מיט אַ ביטער געפֿיל, אַ מיאוס בייסנדיק געפֿיל פֿון אַ פּוסט ליידיק לעבן.

מיין לעבן איז קיין לעבן ניט, בן־עמי. ביי מיין אידישקייט, אַז אַזוי איז דאָס. מיין טאָג ווערט אויסגעפּילט פֿון זיין אייגענעם חלל, מיט צופֿע־ליקע מעשים, וואָס קומען מיר צו דער האַנט פֿון זיך אַליין. דאָ איז ניטאָ ניט קיין באַשטימטקייט און ניט קיין אויסקלייב און צוטרעפֿעניש, ניט קיין רצון און ניט קיין וויסן און פֿאַרשטאַנד; נאָר פּלוצימדיקייט און גלגולים פֿון זאַכן, וואָס פֿאַלן אַרונטער פֿון הימל. מיין זיידע, זכרונו־לברכה, האָט מיך געגרייט צו רבנות, איך בין געוואָרן אַ סוחר, בין מגולגל געוואָרן אין אַ מלמד, כ'האָב זיך פֿאַרוואַנדלט אין אַ לערער, כ'האָב גע־דינט אין אַ קאַנטאָר, כ'האָב זיך צוריקגעקערט צו לערעריי (און דרך־אגב געשריבן שירים), כ'בין געוואָרן אַ קוילן־הענדלער, אַנגעשטעלט געוואָרן אַלס רעדאַקטאָר (און בדרך־אגב, געשריבן שירים). איצט בין איך, ברוך־השם, אַ באַלעבאָס פֿון אַ דרוקעריי און אַ שותּף פֿון „מוריה" — און איצט גיי און קלייב זיך פֿונאַנדער אין דעם אַלעם. אפֿילו ווען כ'זאָל האָבן אין זיך עפּעס אַ שטיקל ברכה פֿאַר זיך און פֿאַר דער וועלט — האָט עס שוין לאַנג געדאַרפֿט פֿאַרוואַנדלט ווערן אין אַ קללה.

קום הער! אַ מענטש וואָס האָט ניט קיין מלאכה אין האַנט, אַ פּשוטע מלאכה פֿון דער אַרבעטס־וועלט — איז בעסער, ער וואָלט קיין מאָל ניט געבוירן געוואָרן. ווי איז צו דעם, וואָס ווייסט ניט היינט וואָס ער וועט טאָן מאָרגן. אַ באַשטימטע אַרבעט — איז אַ שוץ פֿאַר יעדן איבל. זי באַשיצט

איבער דעם מענטשנס כבוד און גיט אים די אינערלעכע און אויסערלעכע פרייהייט אפצוגעבן זיין פרייע צייט פאר שאפונגס־ארבעט, אט די דאזיקע ארבעט, וואס איר שכר ליגט אין איר גופא.

איר ווילט וויסן, צי איך שרייב — איך שרייב גארנישט ניט. ניטא קיין רוח־הקודש. ארום מיר און אין מיר איז א תוהו־ובוהו. איך ווייס גאר־נישט און פארשטיי גארנישט און איך בין אויף קיין זאך ניט מתפלל. אונזער נר־תמיד, די ליטעראטור, איז אויסגעלאשן און הדיוטים, ניט קיין כוהנים, זיינען זיך משתדל אים אנצוצינדן מיט פעך און סמאלע. דער קרבן־תמיד איז בטל געווארן און א וויסטער געץ שטייט אין מקום־קדוש, און ווער ווייסט ביז ווי לאנג?

די צעשפרייטקייט, וואס האט זיך די לעצטע צייט געשטארקט, וועט ברענגען אויף אונז כליה. יעדער איינער ווענדט זיך צו זיין זייט, און יעדער איינער אנטלויפט מיטן לעבן. פאראן איצט א קליינער קיבוץ אין ארץ־ישראל — זיינען זיי אלע מלמדים. און בכלל, וואס קומט ארויס פון די אלע איבערקערענישן — אז זיי האבן קיין סוף און קיין תכלית ניט. די טעג לויפן דערווייל, און ווען וועלן מיר לעבן? ווען וועל איך, איך אליין לעבן? איך בין דאך ניט מער א לעבעדיקער מענטש, אויפן בעסטן אופן, האב איך פאר זיך ניט מער, ווי א צוואנציק יאר פון עמידה וירידה און וואו איז מיין לעבן? איך האב נאך קיין איינציקע זאך ניט געטאן מיט וויסן און אויסוואל, א זאך, וואס זאל האבן א קרן־קימת מיט פירות, און מיט וועלכער איך אליין זאל געפינען א באפרידיקונג. — —

איייביק אייערער
ח. נ. ביאליק

כ״ב

(ז. שניאורן)

אדעס, מוצאי־שמחת־תורה, תרס״ז (1906)

אדלער־קינד, מיין שווארצאפל פון אויג, טייערער פערל מיינער, שניאורוניו ליבער!

א סך קושן און א דאנק, וואס קומט פון טיפן הארצן, נעם צו, טייערער, פאר דיין ליבער מתנה, וואס דו האסט מיר געבראכט אומגעריכ־טערהייט, מיר און כל־ישראל. נעבכן איז מיר אנגעקומען דיין בוך *)

---

* ז. שניאור׳ס ערשט לידער־בוך „עם שקיעת החמה״.

און דיין בריוו — און די שמחה האָט ניט אויפגעהערט דעם גאַנצן טאָג און די גאַנצע נאַכט. שמחת־תורה! גאָט זאָל דיך דערפרייען, ווי דו האָסט מיך דערפרייט.

הלוואי וואָלסטו געווען מיט מיר, שניאורל, הלואי וואָלסט ביי מיר געווען ווי אַ קינד. דו ווייסט די אגדה פון חז״ל וועגן אָדלער, אָדער, וועגן „חול״ (אַ לעגענדאַרער פויגל — פעניקס — אַזוי איז זיין נאָמען אין העברעאיש), יענער פויגל — אַ פייער גייט אַרויס פון זיין נעסט איין מאָל אין הונדערט יאָר און פאַרברענט אים און ס׳בלייבט איבער פון אים ניט מער ווי אַ „כזית״ און פון דעם ווערט ער ווידער באַשאַפן. איך זע בחוש ווי די רייד פון דער דאָזיקער לעגענדע זיינען אויף אונז מקויים געוואָרן. אויב פון דעם אַש פון דער נאַציאָנאַלער שריפה פון די לעצטע יאָרן זיינען אויפגעקומען ביי אונז טשערניכאָווסקיס, שניאורס און זייער גלייכן — האָבן מיר נאָך אַלץ אַ האָפענונג! און אויב אפילו ס׳איז אַרויס אַ גזירה פון טויט אויף אונזער ליטעראַטור — איז גוט וואָס די נשמה וועט איר אַרויסגיין דורך די שניאורס. דאָס איז אַ שיינער טויט, אַזאַ מין טויט ווי דו ווינטשסט זיך אין איינעם אַ ליד דיינס, וואָס איז געווען געדרוקט אין „השבוע״, דוכט מיר, מיט אַ פאָר יאָר צוריק. היינט וויבאַלד אַזוי — וואָס איז דיין ילָלה און דיין קלאָגעניש, וואָס דו קלאָגסט זיך אין דיין בריוו? זע, ווי אַ ווידער־וואוקס צווישן דערנער האָסטו זיך צו אונז אַנטפּלעקט, ווי אַ ווילדער אויפשפּראָץ, וואָס קיין מענטש האָט זיך איבער אים ניט געמיט און קיין האַנט האָט אים ניט אויפגעכאָוועט, און איצט ביסטו אויפגעקומען, גרויס געוואָרן און שיין און דו פיקסט אויס די אויגן פון דער זון. געדענקסטו דעם טאָג, ווען דו ביסט געקומען קיין אָדעס? ווי אַ קליין לייבנקינד, וואָס איז אַנטלאָפן.... אין דיינע אויגן האָבן געברענט צוויי פייערדיקע צינגלעך און דו האָסט זיך געריסן און געקעמפט און זיך געבריקעט און אָפּטמאָל זיך געעביסן. און איצט, זע נאָר, צו אַ יונגן לייב ביסטו געגליכן און נאָך אַביסל וועסטו ווערן אַ פאַרצוקנדיקער לייב. אַי, אַי, שניאור, בלויז קעץ מיאַוקען און קלאָגן, אָבער לייבן ברילן. שטיי אויף! — ברילל! — און אויב ס׳טוט דיר ווי — ברום! ס׳פעלט דיר אויס אַ צוויי הונדערט רובל — הבל־הבלים. מיר פעלט אַ פאָר הויזן און פון דעסטוועגן איז גאָט אַ פאָטער און משה און זיין תורה זיינען אמת. אַז אידן זיינען קבצנים — איז אַן אַלטער „קיימא־לן״, אַלט ווי די בערג און אידישע שרייבער — אויף זיי איז אַרויס די גזירה פון קבצנות נאָך פון די אנשי־כנסת־הגדולה, ווי מיר דוכט. זאָל דאָס זיין די

נחמה, וואָס די שרייבער, די קבצנים זיינען זיך נוקם פאַר טויזנט דורות. שעקספּיר איז געווען אַ „שלעפּער" כל־ימיו, זיך אומגעשלעפּט איבער די טעאַטערס און געוואַנדערט — און ווי גרויס זיין נקמה איז וואָס ער האָט גענומען פון אַלע שפּעטערדיקע דורות. וויפיל פּראָפעסאָרן האָבן אָפּגעגעבן זייערע יאָרן און זיך געלאָזט טויטן אין שעקספּיר'ס געצעלט. וויפיל געלט די „גראָבע בייכער" און די חוזרים האָבן אויף דעם אויסגע־געבן, וויפיל מלומדים ווערן געהרגעט אויף זיינעם אַ קוצו של יוד און אויף דעם קלענסטן אות זיינעם. די קונסט, די שיינקייט און די גרויסע חלומות — זיינען די נחלה פון די איצטיקע קבצנים, ווי דעם חלק לעולם הבא האָבן צוגענומען די אַמאָליקע קבצנים. אַזוי איז שוין די טבע פון די זאַכן. די אַמאָליקע פּאָעטן, די שעפּער פון פּאָעזיע און אירע טרעגער (די קאָבזאַרן, מינעזינגער און טרובאַדורן) זיינען אויך געווען „שלעפּער" און דאַך טרינקען אַלע זייער וואַסער ביז צום היינטיקן טאָג. מיט איין וואָרט, עס פּאַסט דיר און עס קליידט דיר צו זיין אַ קבצן, „וקבצנו יחד". אלא וואָס? ס'איז דאָ אין דעם צער און עגמת־נפש — זעצט מען זיך אַוועק און מ'שרייבט אָן אַ שיר און מ'לאָזט זיך טרייסטן! צי דען קען איך אייך ניט, פיינע בחורים, אַז צוליב איין שיינער פראַזע, פאַר איין ברעקל פון „נייעם געדאַנק" — זייט איר גרייט אָוועקצושענקען במתנה גמורה אייער טאַטן און מאַמען און אייער לעצטע פּרוטה — טאָ וואָס זשע דרייס־טו אַ מוח און דערציילסט מיר מעשהס?

דיינער, מיט קושן,

ח. נ. ביאַליק

כ"ג

חיפה, 1909

שלום־עליכם, טייערער:

אַזוי, אַזוי זיינען גאָט־ברוך־הוא'ס דרכים! ער נעמט שלום־עליכמען און לעגט אים אַריין אין בעט און ברענגט אויף אים יסורים. פאַרוואָס און צוליב וואָס? מיט וואָס אַזוינס האָט ער געזינדיקט — רעדט צו דער וואַנט! אָבער שלום־עליכם דאַרף זיין געזונט, מוז זיין געזונט, און ווער ווייס, אפשר וועט ער נאָך זוכה זיין קומען קיין ארץ־ישראל צוזאַמען מיט אַלע זיינע ברידער און מיט טוביה דעם מילכיקן אין איינעם — און דעמאָלט וועלן מיר טאַנצן גאָר נייע טענץ, אומגעפער, ווי ראַוניצקי האָט

געטאַנצט אין די קאָלאָניעס פֿון גדרה און חדרה, אאַ״וו. אַי, ווען איר וואָלט געזען ראַוונביצקין טאַנצן! ווען איר וואָלט געזען ראַוונביצקין רייטנ־דיק אויף אַן אייזל, מיטן גאַנצן פֿולן בויך, אַרומגעכאַפּט און אַרומגע־נומען מיט ביידע הענט. בפֿרט, ווען איר וואָלט זיך צוגעקוקט, ווי ראַוו־ניצקי פֿאַלט אַרונטער פֿון אייזל, פֿאַלט און קייקלט זיך אַראָפּ פֿון אַ הויכן פֿעלזנשפּיץ אין טיפֿן תהום אַרונטער! ווען איר וואָלט דאָס אַלץ געזען, וואָלט איר תיכף־ומיד געגעזן געוואָרן. אַ שטיק געזונט וואָלט אייך צוגעקומען.

און איך, איך שווער בײַ אײַער געזונט און לעבן, האָב געזען ארץ־ישראל! כ׳האָב ממש געזען זי מיט די אויגן, ווי איר זעט מיך אַ אידן! פֿאַראַן ממש אַ פּאַס ערד אויף דער וועלט וואָס מ׳רופֿט ארץ־ישראל. און אויך קאָלאָניעס זײַנען פֿאַראַן, און אויך אידישע פּויערים און אַרבעטער וגם אוגערקעס און קאַוון, געשאַפֿן פֿון אידישע הענט. כ׳האָב זיי אַליין געזען מיט די אויגן און מיטן אייגן מויל געגעסן. מחיה נפשות. אוי, שלום־עליכם! ווען איר וואָלט נאָר געווען מיט אונז צוזאַמען.

און זייט געזונט און האָט אַ רפֿואה־שלימה. איך דריק אייך צום האַרצן מיט ליבשאַפֿט.

ח. נ. ביאַליק

כ״ד

(שמעון גינצבורגן)

אַדעס, 15טן מאַי, 1911

טײַערער גינצבורג,

זײַ מוחל, וואָס מײַן ענטפֿער האָט זיך פֿאַרשפּעטיקט. דײַנע צוויי בריוו האָבן מיך געטראָפֿן אין אַ שלעכטער שעה. מײַן שותף, גרו־יאיר, — — — שוין צוויי יאָר נאָכאַנאַנד, ווי איך האָב צוגעטראָגן צו דער דרו־קערײַ פֿון קעשענע און ער האָט געהאַלטן אין איין אַרויסציען, אין אַ שטיקל צײַט אַרום וואָלט איך געבליבן „אַן הויזן״. איצט איז פֿול גע־וואָרן די מאָס און איך האָב באַשלאָסן זיך פֿונאַנדערצוטיילן מיט אים, און ווי ס׳וועט זײַן, זאָל זײַן. פֿאַרשטייט זיך ממילא, אַז איך בין באַגזלט און צעבראָכן אין אײנעם און ס׳האַרץ איז ניט געווען פֿרײַ זיך אָפּצוגעבן מיט קיין שום אַנדערע זאַכן, אַחוץ מיט מײַנע אייגענע אינטערעסן. דאָס

איז וואָס אונזערע חכמים האָבן געזאָגט: „מרבה נכסים מרבה דאָגה״, און אַ דאַנק און לויב אים, וואָס ער וועט מיך מציל זיין פֿון צעריסנקייט!

און דערווייל איז מיר אַוועק נאָך אַ פֿרילינג און כ׳האָב אים כּמעט ניט באַמערקט. דער חשבון־הגוף האָט אָפּגעשטויסן דעם חשבון־הנפש. און אַפילו דיינע גוטע בריוו, וואָס האָבן אָנגעקלאַפּט אויף מיין הארצן מיט אַ לייכטן צאַרטן פֿינגער, זיינען אויך געווען ביי מיר ווי אַ מין ווייטער אָפּקלאַנג פֿון דעם דאָזיקן פֿרילינג, וואָס כ׳האָב אים ניט גע־שפּירט, ווי אַ מין דערמאָנונג פֿון מיין זינד. אַזוי איז שוין דער דרך פֿון דער דאָזיקער תורה, מיין ליבער: האָסטו געגעבן דעם טייוול איין קליין פֿינגערל — שלעפּט עס שוין מיט דעם גאַנצן גוף. איצט וועל איך אָפּ־שניידן דאָס פֿינגערל, וועל איך אפשר מציל זיין מיינע אַנדערע רמ״ז אברים.

און דו, זיי וויסן, אַז ס׳איז ניט גוט פֿאַר אַ מענטשן צו זיין צעשפּאָלטן אויף צווייען: איין האַלבער צו גאָט און איין האַלבער צום טייוול. ניט גוט! אין גאַנצן צו גאָט, אָדער אין גאַנצן צום טייוול. איך האָב אַזוי ניט געטאָן, איך האָב מורא געהאַט — פֿאַר וואָס? כ׳ווייס אַליין ניט, פֿאַר עפּעס אַ שוואַרצן שאָטן פֿון אַ העסלעכער אָרימקייט, און די דאָזיקע מורא האָט פֿאַרשניטן מער ווי אַ העלפֿט פֿון מיין לעבן, אַ פֿאַרשניידונג, וואָס וועט קיינמאָל ניט פֿאַרגיטיקט ווערן. — —

און פֿריי זיך, בחור, מיט דיין פֿרילינג.

ח. נ. ביאַליק

כ״ה

אָדעס, 1914

מיין טייערער פֿרישמאַן!

וואָס האָט איר מיר אָפּגעטאָן, גזלן! כ׳האָב היינט זיך פּלוצים דער־וואוסט פֿון „השלוח״, אַז איר האָט מיר אַרויסגעשלאָגן דעם „נאָבל־פּרייז״ ממש פֿון האַנט אַרויס. אַלץ איז שוין געווען גרייט צו דער סעודה: קלויזנער האָט מסכּים געווען, ז. עפּשטיין האָט מסכּים געווען, דאָס העברע־אישע פּובליקום האָט מסכּים געווען — זענט איר, דער שטן, אונטער־געקומען מיט אייער פֿעליעטאָן אין „הצפירה״ און קאַליע געמאַכט דעם גאַנצן יריד. — — — יאָ, יאָ, פֿאַראַנען מענטשן, וואָס ברענגען אום זייער חברס וועלט און זייער אייגענע וועלט דורך איין פֿעליעטאָן. איך

דאַרף איך זאָגן — מיר זיינען דאָך אייגענע מענטשן און קיין זייטיקער הערט דאָך ניט — אַז איר האָט דאָס מאָל געהאַנדלט ווי אַ „מלמד״, במחילה. ס׳וואָלט גענוג געווען אַריינוואַרפן אין פּאָסט־קעסטל אויף מיין נאָמען אַ דריי־קאָפּיקענע קאַרטל מיט בלויז איין וואָרט: „יחדיו!״ — איר הערט? בלויז איין וואָרט — און אַלץ וואָלט צורעכט געקומען פון זיך אַליין בשלום. דער „פּרייז״ וואָלט געקומען אין דער ריכטיקער צייט — יום־טוב פּסח שטייט שוין הינטער דער וואַנט. — און מכוח דעם „פּראָצענט״ וואָלטן מיר זיך, בעזרת־השם, אויסגעגלייכט. זיינען מיר דאָך עפּעס אידן. דאָס איז וואָס איך זאָג: איר זענט כלל וכלל קיין סוחר ניט.

אגב, אפשר ווייסט איר, ווער זיינען עס די גוטע מענטשן, וואָס האָבן וועגן מיר אַזעלכע גוטע מחשבות פון דער ווייטן? זיינען זיי וואַרשעווער, אָדער כעלעמער? — אויב טאַקע וואַרשעווער, וואָלט איר אפשר זיין אַזוי גוט, זיי אויספאָרשן אַביסל און שטאַרקן זייערע הענט? גאָט ברוך־הוא וועט אייך דערפאַר באַצאָלן. פאַרן פעליעטאָן אייערן זאָל איך ניט אַרן. איך מיין, אַז די גוים, ס׳הייסט, יענע וואָס האָבן דערמיט צו טאָן, לייענען ניט די „הצפירה״. בשעת־הדחק זענט איר ניט חולה אַנצושרייבן אַן אַנדער פעליעטאָן מכוח דעם דאָזיקן ענין און לערנען אַן אומגעקערטע שיטה. ס׳איז גאָר ניט. קיינער וועט צו אייך גאַרנישט ניט האָבן. סוף־כל־סוף, איז דאָך דאָ אין דעם אַ ביסל פּיקוח־נפש און אַ שטיקל קידוש־השם.

איך פאַרבלייב אייערער, מיט ליבשאַפט,

ח. נ. ביאַליק

כ״ו

אָדעס, 3טן מאַי, 1915

טייערער און ליבער פריינט, ר׳ יעקב דינעזאָן:

פּרצעס טויט האָט אויף מיר געמאַכט אַן איינדרוק, ווי אַ מין „עלה בסערה״; וואָרים אַזוי איז דאָך אויך געווען זיין שאַפן; מיט שטורעם האָט ער זיך דורכגעטראָגן אין פייערדיקן רייטוואָגן מיט בליצן און דונערן פאַר אים און הינטער אים. איך זע אין מיין דמיון, ווי ער וועט זיך נאָך אַמאָל אַנטפּלעקן און דוקא אַ פולער מיט דערבאַרעמונג, געגליכן צו יענעם אור־אַלטן זקן... איז ער דאָך — ווי יענער קנאי בן קנאי — אויך ניט געשטאָרבן.

קומען צו אייך צו דער פאַרזאַמלונג — קען איך ניט, מהאי־טעמא, וואָס ראַווניצקי איז ניט בקו־הבריאות, דעריבער מוז איך זיין נאָענט צום גע־

שעפּט. און איך אַליין בין אויך ניט אין גאַנצן געזונט, לאַ־עליכם, דעריבער וועל איך מיך באַנוגענען מיט אַן עצה פֿון ווייטן. בעצם, האָב איך אייך שוין געשיקט מיין עצה בעל־פּה דורך דרויאַנאָוון, וואָס פֿאַרברענגט איצט אין וואַרשע. נאָר דורך דער געלעגנהייט חזר איך נאָך אַמאָל איבער: אויב איר ווילט שאַפֿן פֿאַר פּרצעס אָנדענק אַ דבר־של־קיימא, זאָלט איר זיך ניט פֿאַרנעמען צו גרויס. שטעלט זיך ניט קיין צו גרויסע צילן, ווייל ס׳וועט פֿון דעם גאָרניט אַרויסקומען. עפּעס אַזוינס, וואָס מ׳קען יאָ אויפֿטאָן און וואָס ס׳איז זייער פּאַסיק פֿאַר פּרצעס נשמה איז, לויט מיין מיינונג, שאַפֿן אַ פֿאָנד אויף אַרויסצוגעבן קינדער־ליטעראַטור, און דווקא איןביידע שפּראַכן: העברעאיש און אידיש. אויף דעם דאַרף מען קיין סך געלט ניט האָבן און מ׳קען עס רעאַליזירן מיט קליינע סומען. גענוג דערפֿאַר פֿינף טויזנט רובל. און ווי כ׳האָב שוין פֿריער געזאָגט: בפּירוש, אין ביידע שפּראַכן. לאָזט ניט אַריינשלעפּן פּרצן אין אַן ענגן „חדר“. ער אַליין וואָלט דאָס ניט סובל זיין. דאָס איז מיין עצה בקיצור און ס׳וואָלט גוט געווען זיך צונויפֿצורײדן, אויב איר וועט מיך פֿאָלגן. — —

אייער איבערגעגעבענער

ח. נ. ביאַליק

כ״ז

(ש. דובנאָוון)

אָדעס, ה׳ סיון, תרע״ו (1916)

מיין זייער הויכגעשעצטער פֿריינט:

איירע רייד האָבן מיך באַרירט ביז אין די טיפֿענישן פֿון מיין האַרצן.* מיט ליבשאַפֿט און בענקעניש האָב איך מיך דערמאָנט יענע ערשטע טעג,

---

* דאָ מאַכט ש. דובנאָוו די פֿאָלגנדיקע באַמערקונג: „אין פֿרילינג פֿון יאָר 1916, אין סאַמע מיטן פֿון דער מלחמה, האָב איך געשיקט ביאַליקן אַ באַגריסונג לכּבוד זיין ליטעראַרישן יובילײ. כ׳האָב אים דערמאָנט, אַז מיט פֿינף און צוואַנציק יאָר צוריק בין איך געשטאַנען ביים וויגל פֿון זיין פּאָעזיע, בשעת כ׳האָב געלייענט פֿון מאַנוסקריפּט אין דעם קרייז פֿון אונדזערע אָדעסער פֿריינד, זיין ערשט ליד „אל הצפּור“, וואָס איז געדרוקט געווען אין ראַווניצקיס „פּרדס“. דערנאָך האָבן מיר געהאַט פֿאַרגעניגן פֿון דעם אויפֿבלי פֿון זיין וואונדערלעכן טאַלענט. די לעצטע יאָרן אָבער האָט ער אויפֿגע־הערט שרייבן און זיין מוזע איז אַנטשוויגן געוואָרן — האָב איך געזאָגט: „באַרימט־קייט לייגט אויף אַ מענטשן פֿליכטן“. מ׳טאָר ניט איבעררייסן די הייליקע עבודה פֿון

אַזוינע נאָענטע און אַזוינע ווייטע, פֿון וועלכע איר רעדט אין אייער בריוו. זינט איך בין געקומען צו פֿאַרשטענדעניש האָט מיך דאָס האַרץ געצויגן נאָך אָדעס, די שטאָט, וואו אונזערע בעסטע שרייבער מיטן ריינעם געוויסן און מיט ריינע פֿעדערס, מיינע ערשטע וועגווייזערס און לערער, וואוינען. די דאָזיקע שרייבער, ווייניק אין צאָל, זיינען מיר געווען פֿאַר אויגן און פֿאַר אַ מוסטער; זייערע רייד האָב איך דורשטיק געטרונקען און נאָך זיי איז מיין האַרץ געגאַנגען. און געלויבט איז גאָט, וואָס האָט מיך געפֿירט אויפֿן ריכ־טיקן וועג און מיך געבראַכט זיך צו באַשיצן אונטער די פֿליגל פֿון דער קליינער גרופּע אָדעסער שרייבער. כ׳וועל אייביק בענטשן מיין מזל פֿאַר דעם דאָזיקן חסד.

„באַרימטקייט ליגט אויף אַ מענטשן פֿליכטן" — זאָגט איר צו מיר אין אייער בריוו און דאָס איז טאַקע, וואָס ס׳מאַכט מיך אויפֿציטערן ביזן ביין. כ׳בין ניט קיין מאַן, וואָס קען טראָגן אויף זיך עוולות און חובות. אויב גאָט האָט באמת אויסדערווײלט אַזאַ אויסגעהוילטן טשערעט ווי מיך, אַז איך זאָל זיין ביי אים אַ פֿייפֿל — ווער אַזוינער בין איך און וואָס איז מיין כוח? זאָל מיך דער הויך פֿון זיין מויל באַלעבן און דער באַריר פֿון זיינע פֿינגער זאָל מיך ריידעוודיק מאַכן; פֿאַר מיר איז גענוג, וואָס איך לעב און זע דאָס ליכט פֿון דער זון און די גרינקייט פֿון גראָז; גענוג פֿאַר מיר, איבערגענוג, וואָס כ׳האָב געהאַט די זכיה צו טרעפֿן אויף מיין וועג חברים־לערער, ווי די אָדעסער שרייבער — הנאה צו האָבן פֿון זייער ליכט און זיך צו וואַרעמען אָן זייער פֿייער.

און בעת דער „יום־טוב", וואָס מיינע פֿריינט האָבן זיך פֿאַר מיר אויסגעטראַכט איז נאָך ניט געווען אַריבער איז אָנגעקומען די ידיעה פֿון שלום־עליכמס טויט. אַזוי איז שוין דער מנהג פֿון דער וועלט: די ווערן „יובילייאַרן" און די טוען פֿאַרדאַרן. דער זיידע אונזערער איז זייער זייער איינגעשרומפּן געוואָרן פֿאַר דער לעצטער צייט. ער איז כמעט פּאַראַליזירט אין גאַנצן און זיין הויך איז ביז אַ העלפֿט געמינערט געוואָרן. און פֿרוג אונ־זערער איז שוין אויך „קרוב־למקח". מ׳האָט אים לעצטע וואָך געשניטן —

דעם נאַציאָנאַלן פּאָעט, עס ליגט אויף אים אַ חוב צו זינגען וועגן „יהודה וואָס גייט אָפּ מיט בלוט אין מזרח־אייראָפּע" (רוסלאַנד) ווי ער האָט אַמאָל געזונגען וועגן דער „שחיטה־שטאָט". מיין בריוו איז געדרוקט געווען אין זיין רוסישן טעקסט, ווייל די רעגירונג האָט פֿאַרבאָטן צו שיקן בריוו און דרוקן ביכער אין אַ יידישער שפּראַך. ביאַליק האָט מיר צוגעשיקט זיין ענטפֿער אין העברעאיש.

שוין צום צווייטן מאָל — און אַביסל שפּעטער וועט מען אים דאַרפֿן ווייטער שניידן, און ווער ווייסט, וואָס פֿון די אַלע אָפּעראַציעס וועט אַרויסקומען.

טריוואש (דער איבערזעצער פֿון דובנאָווס אידישער געשיכטע אין העברעאיש — י. י. ש.) האָט מיר צוגעשיקט זיין אַדרעס און אין אַ פּאָר טעג אַרום וועט ער באַקומען זיין באַשטימטן האָנאָראַר, מינטערט אים אויף צו דער אַרבעט, און אויך איר, מיין פריינט, זאָלט זיך ניט אָפּלאָזן פֿון מתקן צו זיין דאָס, וואָס ס'דאַרף האָבן תיקון. גרייט אויך אָן אין צייט די אילוסטראַציעס, וואָס דאַרפֿן אַריינקומען אין דעם דאָזיקן באַנד, וואָס ווערט אַריינגעגעבן אין דרוק. ווייל אויב מיר האָבן ניט די אילוסטראַציעס, צום ווינציקסטנס פֿון די ערשטע בויגנס — קען מען דאָס בוך ניט אָנהויבן צו זעצן.

איך בענק נאָך אייך, מיט ליבשאַפֿט,
ח. נ. ביאַליק

כ"ח

(צו פֿרוי ביאַליק. איבערזעצט פֿון רוסיש.)

מאָסקווע, 8טן מערץ, 1921

טייערע:

מיר זיינען אָנגעקומען בשלום. פֿאַרשטייט זיך, דער וועג איז געווען אַ שווערער, אָבער ניט אַזוי שרעקלעך. מיר האָבן געגעכטיקט ביי הרב מאַזה אין הויז. היינט ציען מיר זיך אַריבער אין אַן אַנדער דירה. וועגן דעם ענין ווייסן מיר דערווייל גאָרניט.

פֿון קיעוו האָבן מיר געשריבן. וויפֿיל צייט מיר וועלן דאָ מוזן פֿאַר־ברענגען — קענען מיר ניט וויסן.

זיי געזונט —
דיין ח. נ. ביאַליק

כ"ט

(צו פֿרוי ביאַליק)

מאָסקווע, 16טן מערץ, 1921

מאַניע טייערע.

כ'האָב דיר שוין אַ סך מאָל געשריבן, עפּעס פֿון דעם איז דיר געוויס אָנגעקומען. איצט איז דער מצב אַזוי: צוליב דעם רעגירונגס צוזאַמענפֿאָר

(סיעוד) אין מאָסקווע האָבן מיר דערווייל גאָרנישט געקענט אויפטאָן. עס שטערן אויך די אומרוען אין קראָנשטאַט. גאָרקי איז אין פּעטראָגראַד און אונזער אָנשטרענגונג זיך מיט אים אויפצורייִדן האָט זיך ניט איינגעגעבן. אָבער מיר האָבן גוטע האָפענונגען, אַז ס'וועט זיך אונז איינגעבן, און ס'איז מעגלעך, אַז גאָרקי וועט קומען אַהער אין גיכן. על־כּל־פּנים, אַלע וואָס מיר האָבן באַזוכט פאַרזיכערן אונז, אַז די זאַך איז אין אָרדענונג. נאָר אַלץ שלעפּט זיך פיל לענגער, ווי מיר האָבן דערוואַרט. די מרחקים אין מאָסקווע זיינען געוואַלטיק גרויס און אין איין טאָג קען מען גאָרניט אויפטאָן. ווי לאַנג ס'וועט זיך אַזוי ציען — ווייסן מיר ניט.

דערווייל זיינען מיר פאַרנומען מיט קהלשע געשעפטן. מיר האָבן באַזוכט די „הבימה". זי שטייט אויף אַ פעסטן יסוד און זי האָט שוין דערגרייכט גאַנץ גוטע רעזולטאַטן.

יאַני'ן (יאַן גאַמאַרניק, ביאַליקס שוואָגער — י. י. ש.) האָט זיך מיר ניט איינגעגעבן צו טרעפן, הגם ער איז דאָ אויפן צוזאַמענפאָר אין מאָסקווע.

דאגה ניט פאַר מיר. היט דיין געזונט. — —

דיין ח. נ. ביאַליק

ל

(א. דראַיאַנאָוו)

בערלין, 24טן פעברואַר, 1922

זיי ניט ברוגז אויף מיר, טייערער ברודער, וואָס איך שרייב דיר זעלטן. כ'בין אַן אומגליקלעכער מענטש, וואָס טראָגט אויף זיך אַ שווערן יאָך אַ פּאַק פון צרות פאַר דער גאַנצער צייט, וואָס איך געפין מיך אין בערלין. די אַרבעט פון „מוריה" — איז אין גאַנצן אָנגעוואָרפן אויף מיר, עלי ועל צוואָרי, און איך האָב קיין הילף ניט,קיין פריינט און קיין חבר ניט, און קיינער וואָס זאָל מיר ווען העלפן באמת, וואָס זאָל אַביסל דערלייכטערן מיין שווערן יאָך און וועלן העלפן. און געוויס האָב איך ניט קיין גוטע מינוט און קיין רואיק ווינקל פאַר גייסטיקער אַרבעט און פאַר מנוחת־הנפש. פון אין דער פרי ביז אין אָוונט מאַטערן מיך אויס די געסט און באַזוכער, וואָס איך ווייס גאָר ניט, ווער זיי זיינען און וואָס זיי ווילן פון מיר האָבן און כ'האָב קיין כוח ניט, זיי פלוצים אָנצונעמען פאַר קאַלנער און זיי אַראָפּוואַרפן פון אַלע טרעפּ. אויב ס'וועט אַזוי אָנהאַלטן לענגער — בין איך פאַר זיך ניט ערב, צי כ'וועל ניט אַרונטער פון זינען און זיך ניט נעמען דאָס

לעבן. דו מעגסט זיין גרייט צו הערן, אַז אין איינער אַ נאַכט איז ביאַליק אַנטלאָפֿן פֿון בערלין און מ׳ווייסט ניט, וואו זיין געביין איז אַהינגעקומען.

און דאָס ראָד פֿון לעבן דאַ דרייט זיך אויך ניט, ווי ס׳געהער צו זיין. עס דרייט זיך און וויגט זיך אַהין און אַהער, ווי שכור. סטרייקס, אַ שטייגן און פֿאַלן פֿון קורס מיט אַלע שלעכטע און בייזע נאָכווייעניש. און אַן בטחון אין מאָרגנדיקן טאָג איז ניט קיין ווילן און קיין חשק צו טאָן אַרבעט, וואָס פֿאָדערט געדולד און לאַנגזאַמקייט און ס׳איז ניטאָ קיין פּלאַץ פֿאַר אויפֿבוי־אַרבעט, אַ ציגל צו אַ ציגל און אַ שורה נאָך אַ שורה. אַלע און איבערהויפּט אונזערע צונויפֿגעלאָפֿענע און איינגעוואָנדערטע אידן — איילן און לויפֿן, כאַפּן און טוען, כאַפּן און פֿאַרדינען — און אין איין טאָג פֿון אַ „ירידה״ — וועט קומען אויף זיי אַלעמען אַ פּלוצימדיקער בראָך און אַן אַ האַנט, וועלן זיי אַלע צעבראָכן ווערן. — —

און איך בין דיינער, מיט ליבשאַפֿט

ח. נ. ביאַליק

ל״א

תל־אביב, 1טן יאַנואַר, 1926

ברודער בן־עמי!

כ׳האָב גענומען אייערע שטראָפֿרייד, ווי מיין שטייגער איז אַלע מאָל, מיט ליבשאַפֿט, ווייל כ׳בין זיכער, אַז אייערע שטראָפֿרייד קומען אויך פֿון ליבשאַפֿט; און דאָך בין איך מיט אייך דאָס מאָל ניט איינשטימיק. דער ישוב מיט אַלע זיינע פֿעלערן איז ישוב־ארץ־ישראל, און איצט זיינען אָנגעשטאַנען פֿאַר אים שלעכטע צייטן, און ווער קען עס האָבן אַ האַרץ אין זיין טאָג פֿון נויט צו שטיין אַנטקעגן? און בכלל וויל איך אייך זאָגן, טייערער, אַז איר זייט שוין צופֿיל מקטרג אויפֿן לאַנד און זיינע זין די בויער. איר זייט דאָך עפּעס אַ חובב־רבנים — טאָ הערט אויס, וואָס הרב א. י. קוק האָט געזאָגט וועגן דעם דאָזיקן ענין. מ׳איז אַמאָל געקומען שרייען פֿאַר אים: רבי, וואָס שווייגט איר? די חלוצים זיינען מטמא דאָס לאַנד, זיי עסן טריפֿות, זיינען מחלל שבת, אאַ״וו. האָט ער זיי אָפּגעענטפֿערט: צו וואָס דאָס שרייען? גייט און לערנט זיך אָפּ: צום קדשי־קדשים איז געווען דערלויבט אַריינצוגיין בלויז דעם כהן־גדול אַליין, און דאָס אויך בלויז איין מאָל אַ יאָר, אום יום־כיפּור, און פֿון דעסטוועגן, בשעת אין בויען דאָס בית־המקדש קומען דאָרט אַריין און גייען אַרויס אין יעטוועדער שעה דער סטאָליער, דער בויער און דער מולער מיט זייערע שמוציקע שיך. לאָזט אונ־

זערע יונגע־לייט צורו, זיי זיינען פאַרנומען מיטן בויען. און אויב הרב קוק זאָגט אַזוי — טאָ ווער זייט איר, צו האָבן צו זיי טענות ? — —

מיט ליבשאַפט, אייער

ח. נ. ביאַליק

ל״ב

(אחד־העמען)

כ״ז תמוז, תרפ״ו (1926) אויף דער אַקוויטאַניאַ, אויפן וועג צווישן ניו־יאָרק קיין לאָנדאָן.

מיין לערער און ווירדיקער פריינט :

איך בעט ניט איר זאָלט מיר מוחל זיין פאַר מיין שווייגן אין אַמעריקע, ווייל וואָס וועט מיר אַרויסקומען פון אייער מחילה, אויב איך אַליין וועל מיך דאָס קיין מאָל ניט מוחל זיין. וואָס דען בעט איך ? איר זאָלט האָבן מיט מיר איינזעעניש אין אייער משפט, ווייל אפשר וועט איר איינזען, אַז איך בין ניט אין גאַנצן שולדיק, ווען איר וועט נעמען אין באַטראַכט די שווערע אָנשטרענגענדיקע אַרבעט, אין וועלכער מען האָט מיך איינגעשפּאַנט פאַר געבויטע זעקס חדשים נאָכאַנאַנד. איר קענט דאָך אַליין פאַרשטיין : מי־טינגען, באַנקעטן, סתּם מסיבהלעך, באַגעגענישן, באַזוכן, אויפרופן, טומ־לענישן, גע״דאָקטערט״ ווערן — ווייל איך בין צוויי מאָל גע״דאָקטערט״ געוואָרן, און איך בין איצט אין דער בחינה פון ״חמור־חמורותים״. דערצו קען מען נאָך צורעכענען דעם אַמעריקאַנער רעש און קאָך און טומל און טאַראַראַם און בלאָף און האַמבאַג. דערצו דאַרף מען ניט פאַרגעסן די אָפּ־קומעניש פון וואַנדער, פליענדיק אין איין בהלה פון שטאָט צו שטאָט, פון איין קוואַרטאַל צום צווייטן, קיין מאָל ניט אויסגעשלאָפן, ווייל כּמעט אַלע נאַכט איז מען זיך שפעט פאַרזעסן ביז אין סוף פון דער צווייטער אשמורה. גיט צו דעם צו מיין פאַרלעגנהייט און מיין שוואַכקייט און אָפּהענטיקייט אַריינפאַלנדיק אין דעם דאָזיקן קאָכעדיקן קעסל, וואָס זיין נאָמען איז ניו־יאָרק — און איך אין אים ווי אַ שטומער, אָן לשון, וואו אָן אַ ״פירער״, האָב איך ניט געקענט געפינען מיינע הענט און פיס, און וואו אויף יעדן ניט־פאַרזיכטיקן טריט האָב איך מיך געשטעלט אין סכנה צעשניטן צו ווערן אויף שטיקער פון די טויזנטער אויטאָמאָבילן וואָס פליען ווי די שדים הין־און־הער און פאַרוואַנדלען דעם מוראדיקן כּרך מיט אַלע זיינע גאַסן אין אַ מין לעבעדיקער בריה, אַ צערייצטע און אַ משוגענע, וואָס דרייט זיך אין אַ ווירבלדיקן שטורעם אויף אַלע אירע גלידער און האַלט

אין איין בליצן ווי טאָג אַזוי נאַכט. היינט די רעדעס: אוי, די רעדעס, סיי יענע, וואָס כ׳האָב אַליין געמוזט האַלטן און סיי יענע, וואָס כ׳האָב געמוזט אויסהערן. צי דען האָט איר אַ באַגריף, וואָס אַן אַמעריקאַנער רעדע מיינט? ווען איך וואָלט געווען דער מלאך־״דומה״ — דער שר פֿון גיהינם — וואָלט איך אַריינגעוואָרפֿן אין דעם באַקאַנטן קעסל, אין וועלכן עס קומען אָפּ יענע וואָס מאַכן ״חוזק פֿון די רייד פֿון חכמים״ — ניט דעם ״באַקאַנטן מאַטע־ריאַל״, נאָר די אַמעריקאַנער רעדעס, און דווקא אויפֿן ענגלישן לשון, ספּע־ציעל, די רעדעס פֿון די פּאָרזיצערס פֿון די מיטינגען און באַנקעטן. אדרבא, זאָל עמיצער פּרוואָון איינזיצן (ווי איך) אויף אַן אָרט איין שעה, צוויי שעה, דריי שעה, פֿיר שעה אָן אַריינגעמען אין זיך רעדעס נאָך רעדעס, גאָר אָן אָן אויפֿהער — ביז דער בויך זאָל אים פּלאַצן, ביז ער זאָל אַרונטער פֿון זינען, ביז עס ווערט פֿון אים אַ טייך שווייס, ביז ס׳ווערט אים אויסגעטריקנט דער מינדסטער טראָפּן געדאַנק פֿון זיין מוח. און אחרי־כּכלות־הכּל, נאָך דעם ווי ס׳לאָזן זיך אויס די אַלע רעדעס, וואָס פֿאַר דער סעודה און אין מיטן דער סעודה און נאָך דער סעודה פֿון פּאָרזיצער און פֿון וויצע־פּאָרזיצער; פֿון די ממונים און פֿון רבין און גבאי; פֿון מעצענאַט איקס און פֿון דאָק־טאָר איגרעק... און פֿון... און פֿון... — נאָך דעם אַלעמען הויבט זיך ערשט אָן אַ נייע סדרה — די פּרשה תּרומה... זי און אַלע שיינע פֿירעכצן וואָס זיינען מיט איר פֿאַרבונדן. טאָקע באַלד אויפֿן אָרט און אויפֿן זעלביקן פּלאַץ שטעלן זיך אַוועק די ״אַפּיל־מאַכער״ — און אַפּעלירן פֿאַר געלט, און די איינמאָנער גייען אום אַרום די טישן, און מען דינגט זיך איבערן מקח און מ׳רייצט אויף דעם אַפּעטיט פֿון געבן מיט כּל־המינים תּחבולות, ממש, ווי ביים פֿאַרקויפֿן ״עליות״. און די אַפּיל־מאַכער זיינען אויך, ברוך־השם, ניט קיין שטומע און ניט קיין געפּעלערטע אויפֿן לשון — און ווידער — רעדעס און רעדעס, אָן אַ סוף און אָן אַן עגד. ס׳איז אַ מין קראַנקהייט, אַן איינגעפּרעסענע חלאת, וואָס האָט, רחמנא־לצלן, אַרומגעכאַפּט גאַנץ אַמעריקע. ס׳וואָלט געווען כּדאי, אַז אונזער פֿריינט דער דאָקטאָר מזיא זאָל לעבן זאָל געבן דער דאָזיקער מחלה אַ העברעאישן נאָמען און דאָס פֿאַרשרייבן ביי אים אין ביכעלע; און איך וויים פֿאָרויס, וואָס פֿאַראַ נאָמען ער וועט איר געבן: נאמת, אויפֿן משקל פֿון שחפת, ווי דער שטייגער פֿון דעם דאָזיקן בעל־שם איז תּמיד.

מיך פֿלעגט מען תּמיד אויפֿרופֿן ״אחרון״, ווייל מ׳האָט מיך געהאַלטן פֿאַר אַ משכּון ביזן סוף פֿון דער סעודה און דער געלט־אַפּעראַציע. אויס מורא, טאָמער וועלן די געלאַדענע זיך צעגיין פֿאַר פּרשה־תּרומה. פֿלעגט

מיר אויסקומען צוריידן צוויי אָדער דריי אַזייגער ביינאַכט, ווען איך בין שוין געווען אויסגעמאַטערט פֿון די פֿריערדיקע רעדנער און געווען מיד צום טויט. קומענדיק אין דער דריטער אשמורה צוריק אין מיין חדר, בין איך געווען אין גאַנצן אויסגענאָגט ווי אַ פֿייג, מיט אַ ביטערן טעם אין מויל. כמעט, אַז כ׳האָב שוין נאָך דעם ניט פֿאַרזוכט דעם טעם פֿון שלאָף. אויף מאָרגנדיקן טאָג פֿלעג איך אַרומגיין צווישן מענטשן ווי אַ סאָמנאַמבוליסט און האָב נישט געטויגט צו דער קלענסטער אַרבעט, וואָס דאַרף האָבן אַביסל פֿיזישע און גייסטיקע אָנשטרענגונג, און אַפֿילו ניט פֿאַר קיין שלום־לידידי־בריוול.

און אַזוי בין איך געווען פֿאַרמשפּט אין אַמעריקע אַרום פֿינף חדשים נאָכאַנאַנד. אַ סך מאָל האָב איך „גערעדט" צוויי אָדער דריי מאָל אַ טאָג; צוליב מיין ווייכן כאַראַקטער האָב איך ניט געקענט זיך אָפּזאָגן. אַ שטיקל נחמה האָב איך, וואָס אויפֿן עולם־האמת, ווען מען מיר אַרונטערציִען די דאָזיקע פֿינף חדשים מאַטערניש פֿון די חדשים פֿון גיהינם, וואָס וועלן אוודאי ניט זיין ווייניקער פֿון צוועלף, ווי דער דין איז פֿון רשעים גמורים. און ווען איך וויס ניט, אַז אַ קטיגור קען ניט ווערן קיין סניגור, וואָלט איך אייך נאָך הונדערט און צוואַנציק יאָר באַפֿולמעכטיקט צו זיין פֿאַר מיר אַ מליץ־יושר פֿאַרן בית־דין־של־מעלה, צו געפֿינען פֿאַר מיר עפּעס אַ זכות אין הימל. איך וויל האָפֿן, אַז נאָך דעם ווי איר וועט אויסהערן אַ גע־נויעם דין וחשבון — וועט איר מיך דן זיין לכף־זכות און איר וועט האָבן מיט מיר איינזעעניש.

איר ווילט וויסן דעם „פּועל־יוצא" פֿון מיין מיעניש? דאָס לאָזט זיך ניט דערקלערן אויף איין פֿוס. אַז איך וועל קומען צוריק אַהיים — וועל איך מיך אָוועקזעצן און אייך אויסדערציילן, ווי מיין שטייגער איז, און ווי איר האָט ליב, פּאַוואָליע און מיט יעדער איינצלהייט, וועל ניט פֿאַרפֿעלן דאָס מינדסטע ברעקל. אָבער, כ׳האָב מורא, אַז כ׳וועל ניט האָבן וואָס צו דערציילן, ווייל געוויס זיינען צו אייך דערגאַנגען ווייטע אָדער נאָענטע ידיעות פֿון מיינע „מעשי־תּקפּי־וגבורתי" אין אַמעריקע, פֿון די צייטונגען, ציִ בדרך־גלגול. על־כּל־פּנים, אונזער ראַווניצקי האָט געוויס ניט פֿאַרמיטן פֿון אייך דאָס דאָזיקע גוטס און האָט געוויס געבראַכט פֿאַר אייך אַלץ, וואָס ער האָט געפֿונען געשריבן וועגן מיר אין ערגעץ אַ פּלאַץ. און ווער וויס, אפֿשר ווייסט איר מער פֿאַר מיר — און אויב אַזוי, וועל איך קומענדיק צו־ריק קיין תּל־אביב זיצן פֿאַר אייך און וועל אָנשפּיצן מיינע בײדע אויערן. איך בין כּמעט בטוח, אַז אַזוי וועט זיין. איך האָב ניט געפֿונען קיין לײדיקע

שטיקל צייט, צו לייענען אַלץ וואָס מ׳האָט וועגן מיר געשריבן אין דער אַמעריקאַנער פּרעסע, אָבער דאָס ביסל וואָס כ׳האָב געלייענט האָט אויפֿגעשווידערט אַלע מיינע רמ״ח אברים. איך פֿאַרלאָז מיך אויף אייער פֿריינטשאַפֿט, אַז איר וועט ניט משפּטן מיך און מיינע מעשׂים לויט דער פּרעסע, נאָר איר וועט וואַרטן אויף מיין קומען — וועט אויסהערן וואָס איך האָב צו זאָגן און דערנאָך — משפּטן.

אַזוי צי אַזוי — אויף מיין נסיעה קיין אַמעריקע האָב איך קיין חרטה ניט. זי איז ניט געווען אין גאַנצן לבטלה. מיר דוכט, אַז איך און רב שמריה (לעווין) האָבן דאָס מאָל צוגעגעבן דעם אַמעריקאַנישן ציוניזם אונזערע אַן אייגענע קליינע פּרשה. קיין נייע דברות, פֿאַרשטייט זיך, האָבן מיר זיי ניט אַרונטערגעבראַכט, אָבער די אַלטע אַפֿילו זיינען אויסגעהערט געוואָרן מיט אַ נייעם פֿאַרנעמען. מיר האָבן געפֿונען פֿאַר זיי אויערן. ס׳זיינען געווען גוטע מאָמענטן. אונזערע רייד האָבן געהאָט אַן אָפּקלאַנג — הייסט עס, די הערצער האָבן זיך אָפּגערופֿן. ס׳זיינען געווען מינוטן פֿון עכטער התלהבות, אַ מין רוח־הקודש. עס זיינען פֿאַרזייט געוואָרן נייע קערנער, וואָס וועלן אפֿשר מיט דער צייט זיך אָננעמען. פֿאַראַן סימנים, אַז דער אַמעריקאַנער ציוניזם, וואָס איז ביז איצט געשטאַנען אויף קלייבן דעם טאָלער און אויף דער גולמדיקער מאַשין פֿון אָרגאַניזאַציע — אַז עפּעס אַ בענקשאַפֿט נאָך אַ טראָפּן גייסטיקייט האָט אין אים דערוואַכט. „דאָס פֿאָלק ישׂראל האָט זיך פֿאַרבענקט נאָך גאָט״. דער כּוח פֿון גולם איז פֿון זיך אַליין געוואָרן קלענער פֿון יאָר צו יאָר. אַ מאַשין, אַפֿילו די פֿולקאָמסטע מאַשין, און אַפֿילו אַז מען אוילט אירע רעדער און רעדלעך מיט אוילן פֿון „גדולים״ אָן „באַרימטקייטן״ — איז עלול אויסגעדיליעט צו ווערן מיט דער צייט און זיך פּלוצים אָפּשטעלן. די איינציקע „גייסטיקייט״ אויף וועלכער דער אַמעריקאַנער ציוניזם האָט זיך געשטיצט — איז ווידער די מידה פֿון רחמנות, אָט די אויף וועלכער עס שטיצן זיך אַלע איבעריקע אַמעריקאַנער „דרייוואָס״ פֿאַר כּל־המינים „צדקה״ אויף דער וועלט — „טשאַריטי״ בלע״ז. מ׳מאָנט פֿאַר געזעלשאַפֿטלעכע בנינים — צענטערס, אויף זייער לשון — פֿאַר ישיבות, פֿאַר תּלמוד־תּורות, פֿאַר שולן, פֿאַר שפּיטאָלן, פֿאַרן „דזשוינט״, פֿאַר קרים — און מען גיט, מען מאָנט פֿאַרן ציוניזם — און מען גיט, און, פֿאַרשטייט זיך, ווען ס׳האַנדלט זיך מכּוח צדקה זיינען יענע, וואָס קומען מאָנען פֿאַר „ממשותדיקע באַדערפֿענישן״ — פֿיל בילכער. די אָרטיקע אינסטיטוציעס, וואָס מ׳קען פֿון זיי הנאה האָבן פֿון דער נאָענטן און זייער נוצן ווערט געשפּירט — קומען, פֿאַרשטייט

זיך, פריער פאר אלץ. איבערהויפט גיט מען מיט ליבשאפט און מיט א ברייטער האנט אויפצובויען „צענטערס" וואס זיינען באמת פראכטיקע בנינים, און וואס מיט זיי נעמען זיך די אמעריקאנער אידן איבער. נאך דעם, קומען די הילפס־אינסטיטוציעס פאר די אידן פון רוסלאנד און פוילן און די אנדערע לענדער פון וואנען די אמעריקאנער אידן שטאמען אפ. „ומבשרך אל תתעלם" — שטייט געשריבן, און ווער פון זיי האט ניט קיין לייבלעכע קרובים אין יענע לענדער? און בלויז צום סאמע סוף, ווי דער אפיקומן נאך דער סעודה — קומט ארץ ישראל. פאר ארץ־ישראל איז מען מנדב דורך עפעס א פארהוילענעם סענטימענט, וואס ס'איז ביז היינט דעם עולם ניט אין גאנצן קלאר, און סענטימענט, ווי באוואוסט, האט ניט קיין גרויסע שליטה אויפן אמעריקאנער אידן. מוז מען דערפאר באשאפן דורך קונצן און מעשי־כשפים א ספעציעלע „שטימונג", כדי אנצוואווארעמען די הערצער, און איטלעך יאר מוז מען דאס איבערוואַרעמען מיטן כוח פון נייע המצאות און מיטלען. מ'שטעלט אן די „מאשין", מ'דערפינדט א קנאקעדיק „שלאגווארט" פאר יענעם יאר, מ'ברענגט ארונטער פון איינעם א הימל עפעס איינעם א גדול א גבור והנורא, לויטן נוסח־אמעריקע; נאך דעם טרובעט מען און מ'שאלט און מ'קלאפט מיט טראמפייטן און שופרות, מיט פויקן און מיט טענץ כמה טעג נאכאנאנד. און צום סוף, ווען דער טאראראם האט דערגרייכט צום סאמע קלימאקס — ווערן ווארעם די הערצער און די הענט צעעפענען זיך. געענדיקט דער יריד — ווערט דער צירק צענומען, די אקראבאטן צעגייען זיך און די וועלט גייט ווידער אריין אין דער אלטער קאלייע. אזוי יאר איין יאר אויס. און ווייל אין אמעריקע זיינען פאראן נאך אנדערע „מאשינעס", אחוץ דעם ציוניזם — איז זייער גרויס די קאנקורענץ צווישן זיי, און יעדע מאשין זוכט אריבערצויאגן די צווייטע מיט איר טאראראם און מיט אירע מופתים, און יענע וואס באווייזט גרעסערע קונצן — יענע איז די גרעסערע אויפטוערין. ניט אז דער אינערלעכער כוח, וואס באצוועקט דעם „דרייוו" וועגט אריבער די שאלן, נאר די מידה פון זייער שארפקייט און דער כוח־המצאה פון דער מאשין און אירע שמשים זיינען גרעסער.

וועגן דעם דאזיקן מצב פון ציוניזם אין אמעריקע קען מען ניט באשולדיקן זיינע פירער אליין. דאס פלאץ האט גורם געווען און אויך די צייט. דער ציוניזם אין אמעריקע האט קיין מאל נישט געהאט די צייט פון א טיפן אקערן פאר דער באלפור־דעקלאראציע, ווי אין רוסלאנד און אפילו אין דייטשלאנד, למשל. און זינט דער אמעריקאנער ציוניזם האט זיך

איינגעשפּאַנט אין יאָך — ס'הייסט, פון באַלפור'ס דעקלאַראַציע און אַרונ־טער — זיינען אויף אים אַרויפגעלייגט געוואָרן אַלע געלטלעכע דאגות. די גאַנצע צייט איז די מאַשין געווען פאַרנומען מיט זוכן אַ דאָלאַר, און דאָס איז דער אָנהייב און סוף פון אַלע דאגות. פאַר אַריינטראַכטן זיך, פאַר פאַרטיפן זיך — איז ניט געווען קיין פרייע צייט. אַחוץ דעם, איז דער אַמעריקאַנער איד — צוליב זיינע געוואוינהייטן און די תנאים פון זיין לעבן — ניט מסוגל זיך צו פאַרטיפן אין זאַכן, וואָס שטייען אויסערן גבול פון „ביזנעס". — — — די ברעקלעך אידישקייט, וואָס די אַמעריקאַנער אידן האָבן מיט זיך געבראַכט פון זייערע אַלטע היימען זיינען ביי זיי ניט געוואָרן קיין ראַשטשינע פאַר אַ נייעם טייג, נאָר זיי זיינען פאַרשימלט גע־וואָרן און געוואָרן אַ מאכל פאַר מייז־רשעים. די בעסטע פון די אַמערי־קאַנער אידן ווערן פאַרשלעפּט פון שטראָם און האָבן מורא זיך אַנצוהויבן מיטן המון־עם און זיינע פירער. און די באמת כשרע ווערן בטל בששים און ציען זיך צוריק און ווינען אין זייער ווינקל. און דער המון ווערט פאַר־זונקען, פון טאָג צו טאָג, אַלץ טיפער אין זומפּ פון נאַרישקייט, גייט אין די וועגן פון זיין האַרצן און בלייבט שטיין פאַרלאָזן און אויף הפקר. — —

די העברעאישע פרעסע — ווי גרויס איז זי און וואָס פאַר אַן איינפלוס האָט זי? — כמעט אַז מען זעט זי ניט אָן. קיינער שטיצט זי ניט און קיינער הערט זיך ניט צו צו איר. ניט בעסער איז אויך דער גורל פון העברעאישן חינוך אין אַמעריקע. די מערסטע אידישע קינדער באַקומען גאָר אין גאַנצן ניט קיין העברעאישע דערציאונג און אַ גאָר קליינע צאָל — אומגעפער 20 פּראָצענט — קלייבן ברעקלעך פון דעם אָרעמען טיש פאַרנאַכטצו, אויף אַ קורצער ווײַלע, און אַנגעזעטיקטע פון עטלעכע שעה אין דער אַמעריקאַנער שולע מיט אַלע „גוטע זאַכן", — און זיי זיינען אויסגענאָגט און אויסגע־מאַטערט און דאָס האַרץ גלוסט נאָך שפּיל און ספּאָרט־פלעצער. די מערסטע העברעאישע לערער זיינען אָפּגעלאָזן און אָפּהענטיק, און מיט זייער בעסטן רצון, האָבן זיי קיין כוח ניט צו שטיין אויף די אייגענע פיס. זיי זיינען על־פי־רוב אָפּהענגיק אָן דער דעה פון די אויפזעער און גבאים, בעלי־בתים, וואָס צווינגען אַרויף אויף זיי זייערע קאַפּריזן און וואַרפן אויף זיי זייער הערשאַפט.

דאַרפן מיר זיך, הייסט עס, מיאש זיין פון די אַמעריקאַנער אידן? חלילה וחלילה. אדרבה, דער וואָס קען די אַמעריקאַנער אידן פון אָנהייב אָן, זינט זיי זיינען אָנגעקומען קיין אַמעריקע, וועט עדות זאָגן, אַז פאַר די לעצטע יאָרן קומט פאָר אַן ענדערונג צום גוטן. ביסלעכווייז — אָבער

ס׳ווערט בעסער. מ׳קען מערקן אין זיי „הרהורי־תשובה״. זיי מיען זיך „אויפֿצוהויבן״. די תקופֿה פֿון זיך צופּאַסן צו די נייע אומשטענדן פֿון אייגּוואַנדערונגס־לאַנד איז געשלאָסן, זיי זיינען שוין צוגעקומען צו אַ לעבן פֿון שלוה, און איצט קען מען שוין דערקענען אויף זיי סימנים פֿון „דאָס פֿאָלק ישראל האָט פֿאַרבענקט נאָך גאָט״. דערווייל ברענגען זיי אויס דעם איבערפֿלוס פֿון זייערע כּוחות, דאָס וואָס ס׳בלייבט זיי איבער פֿון זייער קאַמף פֿאַר עקזיסטענץ, אויף צוצוגרייטן די כּלים. זיי בויען הייזער — געזעלשאַפֿטלעכע הייזער, שולן, ישיבות, שפּיטאָלן, אאַ״וו. זיי גיבען זיך מער אָפּ מיטן חינוך פֿון זייערע קינדער. דער ציוניזם שלאָגט טיפֿערע וואָרצלען. זיי זיינען אויך דורשטיק צו הערן גאָט׳ס וואָרט און דער וואָס קומט צו זיי מיט אַן אמת וואָרט — טרינקען זיי זיינע רייד מיט דורשט. מיט איין וואָרט, אַמעריקע איז אַ גרויסער ברייטער טאָל פֿאַר אַקערן און זייען. הלואי וואָלטן מיר געהאַט אַ גרויסע יוגנט, אַ מין „בני־נביאים״, וואָס זאָלן קומען צו די אַמעריקאַנער אידן, גיין אין פֿאָלק און ברענגען צו זיי גאָטס וואָרט מיט ליבע, מיט גלויבן, מיט אַ ביסל מסירת־נפֿש, און ניט „על־מנת״, ניט פֿאַר פּראָפּאַגאַנדע און פּאָליטיק, און אַפֿילו ניט פֿאַר קיין שום „דרייוו״, נאָר לשמה, פֿאַרן אויפֿבוי פֿון דאָס אידישע הויז, העלפֿן אַ גרויסן קיבוץ אידן, וואָס „ווילן זיך רייניקן״, אַ גייסטיקע הילף. גרויסע נסים זיינען געשען צו דעם דאָזיקן וואונדערלעכן ישוב... דורך אַ משך פֿון פֿערציק יאָר זיינען געטראָגן געוואָרן אויף אָדלער־פֿליגל פֿון אַלע ברעגן וועלט, אַרום פֿיר הונדערט „רבוא״ אידישע נפֿשות, אַ גרויס און מעכטיק פֿאָלק — און אַריינגעוואָרפֿן געוואָרן אין אַ נייעם לאַנד, אַ פֿרעמדן לאַנד, און איצט זיינען זיי אַלע איינגעפֿלאַנצט, פֿאַר אונזערע אויגן, אויף זייער פּלאַץ און זיי האָבן נאָך געשלאָגן וואָרצלען. עס זיינען אויף זיי בוכשטעבלעך מקוים געוואָרן די רייד פֿון גלות־נביא: „וואַקסנדיק, ווי די שפּראָצונג פֿון פֿעלד האָב איך דיך געמאַכט, און ביסט געוואַקסן און ביסט גרויס געוואָרן און געקומען אין שענסטער שיינקייט, אאַ״וו. נאָר נאַקעט און הויל ביסטו״. (יחזקאל — איבערז. יהואש) און נאָך מער, זיי האָבן זוכה געווען צו אַ לעבן פֿון פֿרייהייט און שלוה, צו וואָס אידן האָבן לאַנגע צייטן ניט זוכה געווען, און זיי זיינען אין אונזערע טעג כּמעט דער איינציקער אָנשפּאַר פֿאַרן גאַנצן חרובן הויז פֿון ישראל. דער דאָזיקער קבוץ איז ווערט, אַז מ׳זאָל זיך מיט אים אָפּגעבן, אים אויפֿצוהויבן פֿון זיין גייסטיקער געפֿאַלנקייט און אַריינבלאָזן אין אים אַ רוח־חיים. און איך, אַ גאַסט געקומען פֿון דער ווייטן, האָב דערשפּירט דעם אָנהייב פֿון דעם דאָזיקן פּראָצעס. און

איך גלויב, אַז אידן אין אַמעריקע זיינען בכּוח אויפצובויען ארץ־ישראל. וואָלטן זיי נאָר געהאַט די מענטשן, וואָס זאָלן זיי פירן, וואָס זאָלן אומגיין מיט זיי מיט גלויבן און מיט תּמימות, און וואָס זאָלן זיי פירן אין גראָדן וועג.

כ׳האָב געוואָלט זיין קורץ און האָב מאריך געווען. כ׳האָב שוין פאַר־שריבן דעם צווייטן בויגן פּאַפּיר און איך איַל מיך צו פאַרענדיקן. די שיף דערנעענטערט זיך צו לאָנדאָן און דער טראָמפּייט רופט מיטאָג עסן. כ׳מוז מיך איילן און מפסיק זיין אין מיטן.

דער דאָזיקער בריוו מיינער וועט אייך אָנקומען נאָנט צו אייער זיבעציק־יאָריקן געבוירנטאָג. ס׳האַרץ גייט מיר אויס, וואָס כ׳וועל ניט זיין לעבן אייך אין יענע טעג. מיט וואָס בענטשט מען אייך פון וויטן? גאָט זאָל אייך פאַרזיסן אייערע גרויע יאָרן, היילן אייער נשמה און זאָל צוריק־קערן אייער מנוחת־הנפש און אייך געבן געזונט. און דאָס זאָל זיין אייער טרייסט, אַז ניט אומזיסט האָט איר פאַרשוועגדט אייער קראַפט, איר האָט אויסגעגאָסן אייער גייסט אויף אַ גאַנצן דור און אים אויפגעבראַכט צו גאולה. און איצט זעען אייערע אויגן פון דער נאָענט און אַרום אייך די פּרוכט פון אייער אַרבעט, און מיר אַלע, אייערע תּלמידים און פאַרערער, אונזער האַרץ גייט אויס צו אייך מיט ליבשאַפט אָן אַ סוף און מיר זיינען מתפּלל פאַר אייער געזונט און פאַר לאַנגע יאָרן און פאַר אַ רפואה־שלימה.

איך קוש און האַלז אייך מיט ליבשאַפט און דאַנק

ח. נ. ביאַליק

ל״ג

תּל־אביב, כ״ט אדר ב׳, תּרפ״ט
(אַ וואָך נאָך פּורים)

לכּבוד מר מ. מ. אוסישקין, ירושלים.

אייער ערב־פּורימדיקן בריוו האָב איך דערהאַלטן, און אויב אייער פריערדיקער בריוו האָט ביי מיר אויסגעזען ווי אַ פּורימדיקער וויץ — איז דער צווייטער געשריבן, ווי ס׳זעט אויס, מיט אַן אויג פאַר דער „געשיכטע", הגם די געשיכטע האָט איר אייגענעם פּורים מיט פּורימדיקע העלדן און מיט פּאַפּירענע קרוינען און הילצערנע שווערדלעך. די דאָזיקע, די „אונזע־ריקע" קען איך גאַנץ גוט און איך לאָז איבער דעם היסטאָרישן כּבוד פון דער דאָזיקער „גבורה" פאַר אַנדערע. און ס׳איז אַ באַקאַנטע זאַך, אַז דער וואָס יאָגט זיך נאָך געשיכטע — פון יענעם אַנטלויפט די געשיכטע.

און איך וויל אייך זאָגן דעם אמת: איך האָב קיין חשק ניט צו דיס־קוטירן מיט אייך דורך בריוו וועגן ליטעראַרישע פֿראַגן, וואו איר ווייסט ניט פֿון אייערע הענט און פֿיס. כ׳האָב שוין געהאַט די געלעגנהייט אויס־צודריקן אין דער עפֿנטלעכקייט מיין מיינונג וועגן אייער השגה אין אַזעלכע זאַכן. און אפֿשר וועט זיך מאַכן אַ צווייטע געלעגנהייט דאָס נאָך אַמאָל צו טאָן און כ׳וועל זיין צופֿרידן זיך מיט אייך צו פֿאַרהערן.

און זעט דעם אונטערשיד צווישן מיר און אייך. איר שאַצט אָפּ מענ־דעלען און פּרצן, און אַנדערע, פֿון צופֿעליקע פֿראַזן און ווערטלעך מיט וועל־כע זיי האָבן זיך אַרויסגעכאַפּט, ווי אַ וויץ, אין אַ געוויסן געמיטס־צושטאַנד, און איר ציט דערפֿון שלוסן מכוח זייער באַציאונג צו דער העברעאישער שפּראַך, ניט נעמענדיק אין באַטראַכט די יצירה פֿון זייער גאַנץ לעבן. און איך — איך האָב אויך געהערט וויפֿיל מאָל פֿון זייער מויל אומגעפּער די אייגענע ווערטער, אָבער, ס׳איז מיר קיין מאָל ניט איינגעפֿאַלן אָפּצושאַצן יענע מענטשן לויט זייערע לייכטע ווערטלעך, און אפֿילו ניט לויט די רייד וואָס זיינען באמת ובתמים פֿון זיי אַרויסגעזאָגט געוואָרן — ווייל אין נאַ־ציאָנאַלע און געזעלשאַפֿטלעכע פֿראַגן האָב איך ניט געלעבט פֿון זייער מויל, און מען משפּט ניט קיין מענטשן, און אודאי ניט קיין קינסטלער, אויפֿן סמך פֿון זיינע רייד, און אפֿילו ניט לויט זיינע אַנשויאונגען און אַבסטראַקטע אידייען — נאָר לויט זיינע מעשים און זיינע שאַפֿונגען. איך וועל דעריבער אייך אויך ניט משפּטן לויט אייערע רייד און אידייען, וואָס ביי מיר אין די אויגן זיינען זיי גאָרנישט מכריע, — נאָר בלויז לויט אייערע מעשים.

אייער פֿריינט,

ל״ד

תל־אביב, 9טן אַפּריל, 1933

צו דער רעדאַקציע פֿון „ניב־הקבוצה״, גבע.

חשובע רעדאַקציע,

אייערע העפֿטן, וואָס איר שיקט מיר פֿון צייט צו צייט לייען איך מיט אויפֿמערקזאַמקייט און זיי שטעלן מיך צופֿרידן. דורך זיי דערשפּיר איך אַביסל די ווינטלעך וואָס בלאָזן אין דער קבוצה. און אויב איך קען אַליין ניט מקיים זיין דעם „לאָמיר אַרויס אין פֿעלד, לאָמיר נעכטיקן אין די דער־פֿער״ — ברענגען צו מיר די דאָזיקע העפֿטן עפּעס פֿונם ריח פֿון די דאָזיקע פֿעלדער און דערפֿער.

און איך װעל פון אייך, חברים, ניט פארלייקענען, אז י. באראצעס מאמר אין לעצטן העפט װעגן שבת און שבתון האט מיר פארשאפט גרויס צער. איז שוין טאקע אװעק ביי אייך אזוי װייט? צי דען פארשטייען ניט אט די, װאס זיינען מחלל־שבת בייזװיליק און בפרהסיה אויף אזא װילדן גראבן אופן, װי ה׳ באראץ דערציילט, — װיפיל װילדקייט און נבלה ס׳איז פאראן אין זייערע מעשים? צי דען װייסן ניט די דאזיקע, אז שבת איז די גרעסטע מתנה, װאס אידישקייט האט געבראכט דער װעלט, און ער אליין איז גענוג אונז צו געבן דעם זכות פון קולטורעלער עקזיסטענץ צװישן פעלקער? צי דען פארשטייען זיי ניט, אז שבת איז דער דיסטילירטסטער געלייטערטס־טער סימבאל פון סאציאלן געדאנק און גלייכהייט פון מענטשלעכן װערט? האט ניט דער ארבעטער אליין געדארפט זיין דער ערשטער צו קעמפן פאר דער דאזיקער װאונדערלעכער הייליקער אינסטיטוציע, װאס איז בעיקר געשאפן געװארן בלויז צוליב אים? עס בלייבט מיר נאר איבער זיך צו װאונדערן אויף דער נארישקייט פון די דאזיקע מענטשן און זייער פוסט־קייט. צי קענען זיי שוין באמת ניט האבן מער קיין תקנה?

בכבוד רב

ח. נ. ביאליק

ל״ה

(מ. קושנירן, גבע)

תל־אביב, 11טן מאי, 1933

שלום וברכה!

אייערע רייד זיינען צו מיר געקומען און איך זע אין זיי אפילו קיין פיצל נחמה אויך ניט. אומזיסט זענט איר חס „אויף מיין כבוד און אויפן כבוד פון יענער זאך״ און איר האט בלויז צו איינצלנע מענטשן באװיזן מיינע רייד. אדרבה ואדרבה, כ׳האב זיי ניט געשריבן אויף צו באהאלטן. מ׳דארף שרייען און געװאלדעװען טאג איין טאג אויס אויפן סילוק־השכינה און אויפן סילוק־הדעת פון אידישע יונגע־לייט. און איידער חס צו זיין אויף מיין כבוד, איז בעסער רחמנות צו האבן אויפן כבוד פון גאט און אויפן כבוד פון ארץ־ישראל, װאס װערט פארשװעכט דורך אייערע הענט. און אויב דאס װאס איר זאגט איז ריכטיק, אז די דאזיקע מעשים װערן אפגעטאן „ניט בלויז פון יחידים, נאר פון רוב־מנין ורוב־בנין פון דער יוגנט אין די קבוצות״ — איז זיבן מאל װיי־און־װינד צו אונז אלעמען. ארץ־ישראל אן שבת װעט

ניט געבויט ווערן, נאָר חרוב ווערן און אייער גאַנצע מי איז אַרויסגעוואָרפֿן. דאָס פֿאָלק ישראל וועט זיין שבת קיינמאָל ניט שענקען, ווייל ער איז ניט בלויז דער יסוד פֿון זיין אידישן קיום, נאָר אויך דער יסוד פֿון זיין מענטשלעכן קיום. אָן שבת איז נישטאָ קיין צלם־אלוקים און ניטאָ דער צלם־מענטש אויף דער וועלט. ווען אַרבעט וואָלט זיין דער תּכלית אָן־און־פֿאַר־זיך — וואָלט דער מענטש ניט האָבן קיין גרעסערן יתרון פֿון דער בהמה. אַלע קולטורעלע פֿעלקער האָבן גענומען ביי אידן, אין איין געשטאַלט אָדער אַ צווייטס, דעם טאָג פֿון רו, און דאָס איז זיי ביי געשטאַנען צו באַקומען אַ שטיקל מענטשלעך פּנים. אָן שבת וואָלטן זיי אַלע געבליבן אין זייער ווילד־קייט. דער שבת — און ניט די קולטור פֿון מאַראַנצן אָדער קאַרטאָפֿליעס, דאָס איז וואָס האָט אויפֿגעהיט דעם קיום פֿון אונזער פֿאָלק דורך אַלע יאָרן פֿון זיין וואַנדער. און איצט, קומענדיק צוריק אין לאַנד, זאָלן מיר אים אַוועקוואַרפֿן פֿון זיך, ווי אַן איבעריקע זאַך? אומזיסט האָט איר אין אייער בריוו געמאַכט אַ פֿלוצימדיקן שפּרונג וועגן דעם ענין פֿון עסן חמץ אום פּסח. איך האָב דאָס מאָל בכלל ניט גערעדט מכוח אָפּהיטן אַלע אַנדערע מצוות, נאָר כ׳האָב ספּעציעל זיך אָפּגעשטעלט וועגן שמירת־שבת, וואָס איז וויכטיקער ביי מיר אין די אויגן, ניט נאָר ווי דאָס אָפּהיטן פֿון אַלע אידישע תּרי״ג מצוות צוזאַמענגענומען, ווי אונזערע חכמים זאָגן, נאָר ווי דאָס אָפּהיטן די גאַנצע מענטשלעכע תּורה. „ווער עס היט אָפּ שבת, אַפֿילו ווען ער איז אַ געצנדינער, ווי אין אנוש׳ס דור, איז מען אים מוחל אַלע זיינע זינד". אָן שבת — זיינען ניטאָ קיין אידן, ניטאָ קיין ארץ־ישראל, ניטאָ קיין אידישע קולטור. און אויב איר האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט אויפֿן חילוק פֿון אָפּהיטן שבת ביז אָפּהיטן אַלע אַנדערע מצוות — איז דאָס אַ שלעכטער סימן פֿאַר אייך און פֿאַר נאָך אַזעלכע פֿון אייער גלייכן. און ווי און וויינד איז אונז אַלעמען, וואָס מיר זעען אייך ווי איר זענט.

און אַחוץ דעם אַלעמען, ווי אַזוי פֿאַרשטייען ניט אונזערע יונגע־לייט, אַז דאָס אידישע פֿאָלק, אין זיין רוב־מנין ורוב־בנין, אָט דאָס פֿאָלק וואָס אויף זיין ערד זיצט איר און אויף זיין געלט זיצט איר און מיט זיין געלט ווערט איר געשטיצט — האָט געגעבן זיין האַנט אויפֿצובויען דאָס לאַנד מיטן תּנאי, אַז שבת זאָל אָפּגעהיט ווערן אין זיין פֿולער שלימות און אויף דעם תּנאי זענט איר אַהער געשיקט געוואָרן. איז דאָס גוט, איז דאָס רעכט, איר זאָלט פֿעלשן אין אייער שליחות? דאָס האַרץ זאָגט מיר, אַז ס׳וועט ניט נעמען לאַנג און אַ גרויסער שטורעם, אַ שטורעם פֿון פֿאַרביטערונג, וועט אויסברעכן פֿון האַרץ פֿון גאַנצן פֿאָלק —

בכבוד־רב,

ח. נ. ביאַליק

ל״ו

(מאַקס דעלפֿינערן אין ווין)

תל־אביב, 10טן מאַי, 1933

טייערער פֿריינט,

מיך פֿרייט איך צו לאָזן וויסן, אַז מיין בוך קינדער־לידער איז שוין אַרויס פֿון דרוק. ס׳איז אַרויסגעקומען פּראַכטיק, ווי איר קענט זען פֿון די צוויי מוסטערן, וואָס איך שיק אייך היינט אַרויס אין אַ באַזונדערן פּאַקעט. לויט די רייד פֿון די מבינים, איז נאָך אַזאַ שיינע דרוק־אַרבעט ניט אַרויס אין ארץ־ישראל. ס׳איז מיר טאַקע אָנגעקומען מיט גרויסע שוועריקייטן און מי — אָבער ס׳האָט זיך געלוינט. ס׳איז נאָר אַ פּאַרדרוס, וואָס דאָס בוך האָט זיך פֿאַרשפּעטיקט אויף צוויי מאָנאַטן צייט נאָך מיין זעכציק־יעריקן יובילײ. וואָלט עס אַרויס אין צייט — וואָלט דער גרעסטער טייל פֿון דער אויפֿלאַגע זיך ביז איצט געהאַט פֿאַרקויפֿט, ווי ס׳האָט דער גרעסטער טייל פֿון דער אויפֿלאַגע פֿון מיינע שריפֿטן פֿאַר גרויסע זיך פֿאַרקויפֿט.

ווי ס׳איז, איך האָב אַ סך צו פֿאַרדאַנקען אייך פֿאַר אייער פֿיינקייט, וואָס איר האָט דערמעגלעכט פֿאַר מיר אַרויסצוגעבן די דאָזיקע אויפֿלאַגע פֿון די קינדער־לידער. היינטיקע וואָך הויב איך אָן דרוקן דאָס צווייטע בוך פֿאַר דער יוגנט, די זאַמלונג פֿון מיינע לעגענדעס. די מלאכה פֿון זאַץ און אילוסטראַציעס איז שוין געענדיקט. ס׳פֿעלט בלויז דאָס דרוקן. און דער זכות פֿון דער דאָזיקער אויסגאַבע איז אויך אייערער. ביז אייביק וועל איך אייער חסד ניט פֿאַרגעסן. איר מעגט זיכער זיין, אַז די פֿולע סומע, וואָס איר האָט מיר דערפֿאַר געליען — וועט אייך אומגעקערט ווערן פֿון דעם פֿאַרקויף.

ווען אייער ברודער און זיין ווייב זיינען דאָ געווען אין ארץ־ישראל האָבן מיר זיך פֿיל מאָל באַגעגנט און מיר האָבן אַ סך גערעדט פֿון אייך. נאָך זיין אָפּפֿאָרן זיינען געקומען די מוראדיקע געשעענישן אין דייטשלאַנד. איך האָב דאָרט אַ סך פֿריינט און האָב זיי וויפֿיל מאָל געוואָרנט, זיי זאָלן אַ קליינעם טייל פֿון זייער פֿאַרמעגן אינוועסטירן אין ארץ־ישראל, אַז זיי זאָלן האָבן עפּעס געראַטעוועט פֿאַר אַן עת־צרה. צו מיין גרויסן צער — האָבן ניט אַלע מיך געפֿאָלגט און איצט זיינען זיי אויף גרויסע צרות. און ווער ווייסט, וואָס ס׳ליגט באַהאַלטן אין שויס פֿון דער צוקונפֿט פֿאַר אַלע אונ־זערע ברידער אין חוץ־לארץ און, ספּעציעל, פֿאַר יענע וואָס לעבן אין די

שכנותדיקע לענדער אַרום דייטשלאַנד. מיין האַרץ איז פֿול מיט דאגות פֿאַר אַלע מיינע פֿריינט און אייך אויך בתוכם. טראַכט זיך גוט אַריין וועגן דעם, מיין טייערער פֿריינט, און גרייט זיך צו מיט עפּעס, כּל־זמן ס'איז נאָך צייט, אין לאַנד פֿון די אָבות. און וואָס גיכער, איר זאָלט ניט זיין שפּעט. דאָס האַרץ זאָגט מיר ביטערע נביאות. הלואי זאָל איך ליגן זאָגן. — —

אייערער מיט אמתער פֿריינדשאַפֿט,

ח. נ. ביאַליק

ל"ז

באַד־גאַסטיין, 1טן סעפּטעמבער, 1933

כּבוד הד"ר דוד ראַטבלום אין ווין;

טייערער פֿריינט:

נעמט צו מיין דאַנק פֿאַר אייער לעצטן בריוו, אַזוי אויך פֿאַר אייער פֿריערדיקן בריוו, וואָס האָבן אַביסל אָפּגעשוואַכט דעם צער פֿון מיין איינזאַמקייט דאָ. באַד־גאַסטיין — הגם זיינע מערסטע באַזוכער און געסט זיינען אידן — נאָר קיין אידישער גייסט שוועבט ניט איבער אים. ניטאָ דאָ דער קלענסטער סימן פֿון אידישקייט. אין אַלע קיאָסקן און ביי אַלע צייטונגס־פֿאַרקויפֿער איז ניטאָ קיין אות פֿון אַ אידישער צייטונג. ס'איז אַן אַלטער מנהג און מ'קען אים ניט ענדערן. ניט ווי אין „אונזער" קאַרלסבאַד און אירע דערבייאיקע חברטעס. און דאָס אייגענע, די אידן וואָס קומען קיין גאַסטיין האַלטן זיך אָפּ פֿון לייענען אַ אידישע צייטונג אין דער עפֿנטלעכקייט. („קומסט אין אַ שטאָט — האַלט זיך ביי אירע מנהגים") זענט איר, הייסט עס געוווען דער איינציקער, וואָס האָט פֿאַראידישט גאַסטיין, ווען איר האָט פֿאַראָרדנט מיר צו שיקן פֿון צייט צו צייט די פּעקלעך העברעאישע און אידישע צייטונגען, און איך האָב זיי געלייענט בפּרהסיה, בראש פֿון אַלע גאַסן פֿאַר די אויגן פֿון אַלע גויים, אַנצוטאָן אַ נקמה אין די באַהאַלטענע און אָפֿענע נאַציס, וואָס זיינען אויך דאָ פֿאַראַן און קוקן קרום אויף זייערע ליבע אידישע שפּאַצירגייער. די אויבן דערמאָנטע צייטונגען, וואָס איר האָט אין אייער גוטסקייט, מיר צוגעשיקט, אויך אייערע און אונגערפֿעלדס פּילע בריוו, האָבן מיך פֿון צייט צו צייט אַריינגעבראַכט אין דעם וואַרימען קלימאַט פֿון ארץ־ישראל און אין קאָכעדיקער אַטמאָספֿערע פֿון קאָנגרעס. יאָ, אַ קאָכעדיקער קאָנגרעס איז דער 18טער קאָנגרעס. כ'האָב גוט געטאָן, וואָס איך בין אַהין ניט געפֿאָרן. מיינע שוואַכע נערוון וואָלטן דאָס ניט אויסגעהאַלטן. אין די לעצטע טעג איז דאָס „קאָכעניש" מוראדיק געשטיגן.

— — וואָס איז דאָ צו ריידן? אַ גרויסע געדיכטע קאַשע האָט פאַר אונז אַלעמען און פאַר זיך אַליין זשאַבאָטינסקי פאַרקאָכט. איצט זאָל ער זי אויפעסן און אויסמייקען! אָבער אונזער אַלעמענס בויך וועט נאָך אַ לאַנגע צייט ווי טאָן — הלואי זאָל איך ליגן זאָגן. ס'האַרץ זאָגט מיר, אַז אויב זשאַבאָטינסקיס רעוויזיאָניזם וועט כאַפּן אַ פולשטענדיקע מפּלה — וועלן מיר דאָך אַ לאַנגע צייט פון אים זיך ניט אויסהיילן. איך האָב מורא, אַז די נאָכווייענישן פון רעוויזיאָניזם וועלן זיין ערגער, ווי דער רעוויזיאָניזם גופא. ווער ווייס, וואוהין די רעוויזיאָניסטישע בחורים וועלן ווענדן זייערע פנימער? פאַרצווייפלונג, אַנטוישונג און אָפּגענאַרטע האָפענונגען — זיינען שלעכטע סרסר'ס פאַר יונגע מענטשן.

און זשאַבאָטינסקי אַליין דאַרף אויך אָנקומען צו גרויס רחמים פון הימל. דאָס האַרץ, מיין האַרץ טוט מיר ווי פאַר דער דאָזיקער טייערער כלי, וואָס איז אַריינגעפאַלן ביים שטן אין די הענט, און וואָס וועט פון אים צעבראָכן ווערן, און וועט ניט האָבן קיין תקנה. פון גאַנצן האַרצן, פון אַן ערלעך טריי האַרץ, טו איך טאָג און טאָג פאַר אים תפילה, ער זאָל ניצול ווערן. ביי אַנדערע אומשטענדן און ביי אַן אַנדער מזל — האָט ער געקענט ווערן אַ קרוין אויף אונזער קאָפּ. אָבער אונזערע זינד האָבן גורם געווען און ס'איז אַרויסגעקומען דאָס וואָס ס'איז אַרויסגעקומען. אַ סך האָט דאָס קינד אין אים דערצו געבראַכט, (זשאַבאָטינסקי, ניט געקוקט אויף זיינע יאָרן, איז נאָך אַלץ אַ תמימותדיק קינד) אַ סך האָבן חברים און שלעכטע יועצים דערצו געבראַכט, און אַ סך האָבן אונזערע אייגענע חכמים דערצו געבראַכט, וואָס זיי האָבן אים מיט יעדע הענט גראָב אָפּגעשטויסן. זאָל גאָט אויף אונז אַלעמען האָבן רחמנות.

און איך לויב גראָסמאַנען, וואָס האָט זיך מיט זיין כתה אָפּגעטיילט פון דער שלעכטער עדה און זיך געמאַכט אַ באַזונדערן חדר. מיט אַזאַ רעוויזיאָניזם קען מען זיצן ביי איין טיש. אמת, גראָסמאַן, סיי אַלס פערזענלעכקייט און סיי לויט זיינע כשרונות, קומט ניט צו זשאַבאָטינסקיס קנעכלעך, דערפאַר איז ער קליגער און ניכטערער אין פאָליטישער סטראַטעגיע פון זיין רבי'ן, און אפשר וועט ער געפינען דעם ריכטיקן וועג און וועט צוציען צו זיך אַ טייל פון די געמעסיקטע יונגע־לייט און וועט זיי פאַרהיטן פון אַ גייסטיקער קאַטאַסטראָפע. הלוואי.

איך בין דורכאויס מסכים מיט אייער ריכטיקע אָפּשאַצונג פון אוסישקינען. ער איז ניט אַזוי „שטאַרק" און האַרט, ווי מען זאָגט אויף אים. דער וואָס קען אים נאָענט, געפינט אין אים אַ גרויסע מאָס פון „געפילעכצן"

און סענטימענטאַליטעט. ס׳איז דאָ אין אים אַביסל טרוימערישקייט. זיינע אויגן ווייסן אויך פון זיך אָנפילן מיט טרערן. זיין אויסגעדוכטע האַרטקייט נעמט זיך מער פון עקשנות און פון ניט־עלאַסטישקייט. געדאַנקלעך — איז ער שווער באַוועגלעך ווי אַ בער און ווען ער טוט זיך אַריין אין אַיין געדאַנק — איז אים שווער צו מאַכן דעם קלענסטן ריר אויף רעכטס, צי אויף לינקס; ער איז באַשרענקט בטבע גייסטיק און איז גראַדליניק. זייער קאָנסערוואַ־טיוו. איינזייטיק און איינפּנימדיק. אַ מאָניסט. אַ טראָמפּייט פון איין לעכל. זיין זיכערקייט און תקיפות — נעמען זיך פון זיין באַשרענקטקייט. ער האָט ניט קיין אייגענע געדאַנקען און אידייען, אָבער ער איז אַ גוטער אויסגעצייכנטער תלמיד, און ווען ער נעמט אַריין אין זיך אַן אידייע — וואָס איז לויט זיין טבע און אויפפאַסונג —היט ער זי אָפּ און דינט זי געטריי. ער זעט ניט קיין קאָלירן און שאַטירונגען, ער ווייסט בלויז פון שוואַרץ און ווייס. און פון דעם נעמט זיך זיין פרימיטיווע קלאָרקייט. דער כוח־הפעולה זיינער איז בעסער פון זיין כוח־המחשבה. — — מיט איין וואָרט, ניט קיין זייער קאָמפּליצירטער מענטש — און דאָך — אַ גרויסער מענטש אין זיין פשטות, פרימיטיוויטעט און מיט אַלע זיינע גרויסע און קליינע יצר־הרעס צוזאַמען. זיין זכות פאַר ארץ־ישראל און איר ישוב איז באמת אַן אַ שיעור גרויס, און דער דאָזיקער זכות וועט איםביישטיין פאַר דור־דורות.

און פון „הוכבע״ ענינים צו נידעריקע און קליינע. מיין זיצן אין גאַס־טיין האָט בלי־ספק געהאָלפן מיך צו באַרואיקן, אָבער איך צווייפל, צי ס׳וועט העלפן מיין קוראַציע. דער דאָקטאָר אַליין, ווי ס׳זעט אויס, גלויבט ניט זייער שטאַרק אין די נוצן פון „וואַסער״. אדרבה, ד״ר ליכטנשטערן האָט מיך געוואָרנט, כ׳זאָל צו פיל ניט טרינקען און זאָגט מיר פאַראויס אַ פאָזיטיוון רעצידיוו. לויט זיינע רייד, וועט דאָס זאַמד זיכער צוריקקומען און איך מוז פון צייט צו צייט מיך לאָזן אונטערזוכן פון אַ ספּעציאַליסט און דערוווייטערן דאָס זאַמד און די קערנדלעך שטיין דורך שפּריצונגען, אָדער, מ׳וועט מוזן זיי אַרויסשעפּן. בקיצור, ס׳איז אַ געשפּאָלטענער טאָפּ און איך דאַרף מיך זייער היטן, ער זאָל ניט צעבראָכן ווערן אין גאַנצן.

די טעג אין גאַסטיין זיינען האַלב־לאַכעדיקע און האַלב־וויינענדיקע. אָט זון און אָט רעגנס. ביינאַכט ווערט שטאַרק קאַלט. די באַלעבאָסטע מיינע איז אַ קמצנטע און הייצט ניט דעם אויוון און איך מיט מיין ווייב כאַפּן אַ ציטער און אַנטלויפן אונטער דער קאָלדרע און דער פערענע. —

אייערער מיט גרעסטער ליבשאַפט,

ח. נ.ביאַליק

ל״ח

(יעקב פיכמאַנען)

באַד־גאַסטיין, סעפּטעמבער 13, 1933

פּיכמאַן טייערער:

זע, איך פאָלג און שיק דיר פאַרן ערשטן העלפט פון מאזנים" די ביי־געלייגטע פּערזן. זיי זיינען אַ המשך פון ליד „אבי״, וואָס איז געדרוקט געווען אין וועכנטלעכן „מאזנים״, און די זיינען אויך אַ פראַגמענט. כ׳האָב אים אָנגערופן מיטן פאָלקס־נאָמען „שבעה״. אין העברעאיש קען מען אַזוי ניט זאָגן, אָבער, מיר דוכט, אַז דער נאָמען, וואָס איז אָנגענומען ביים פאָלק פּאַסט זיך זייער גוט פאַרן דאָזיקן פראַגמענט. איך האָב נאָך אַנדערע „קאַנ־דידאַטן״: ווי „אבל״, ״אבל־אב״, „אלמנות״, ״אלמון״ און נאָך אַזעלכע, אָבער ״שבעה״ געפעלט מיר בעסער. און אפשר „אבל־שבעה״?

מחמת איילעניש דיר אַרויסצושיקן די פּערזן תיכף ווי כ׳האָב זיי אָנגע־שריבן — בין איך ניט מסוגל צו דערשפּירן, צי ס׳איז נאָך אין זיי געבליבן אַ שטיקל „סירכא״, צי ניט? מיין שטייגער איז, צו פאַרהאַלטן מיינע אַן אַרבעט נאָך דעם ווי כ׳פאַרענדיק זי פאַר אַ געוויסער צייט, ביז איך פאַר־געס אַן איר, און שפּעטער, ווען איך לייען מיינע אייגענע זאַכן כמעט ווי אַ זייטיקער מענטש, פאַרריכט איך די פּגימות. דאָס מאָל האָב איך עובר געווען אויף מיינע מידות, און ס׳טוט מיר לייד. ס׳האַרץ קלאַפּט מיר. מיר דוכט, אַז די זאַך פאָדערט נאָך געשליפן צו ווערן און דער ליבער גאָט זאָל מוחל זיין דערפאַר. ווען איך וואָלט געקענט דאָס פאַרהאַלטן ביי זיך נאָך אַ שטיקל צייט — וואָלט איך צוגעגעבן דערצו נאָך אַ קליינעם קאַפּיטל, אָבער אַזוי צי אַזוי, איך פאָר בקרוב צוריק קיין ארץ־ישראל און אויב כ׳וועל צוגעבן — וועל איך דאָרט צוגעבן, און דער צוגאָב וועט אַריינקומען ווי אַ באַזונדער קאַפּיטל אין איינעם פון די וייטערדיקע נומערן.

די גאַנצע צייט פון מיין זיין אין אויסלאַנד האָט זיך געשטאַרקט די פוילקייט איבער מיר — אפשר פון שוואַכקייט — און כ׳האָב מיך שוין געהאַט מיאש געווען עפּעס צו שרייבן. נאָר די לעצטע טעג האָב איך מיך אַ נעם געטאָן און פאַרענדיקט דעם דאָזיקן פראַגמענט, וואָס איך שיק דיר איבער. — —

בדרך־כלל, איז מיין פאַרברענגען דאָ אין גאַסטיין געווען מיר גאַנץ אָנגענעם, — ווען ניט מיין מורא פאַר דער „צוקונפט״. מיין דאָקטאָר זאָגט

מיר ניט קיין גוטע נביאות. לויט זיינע רייד, וועלן פֿון צייט צו צייט קו־מען רעצידיוון. ווי איז צו מיר, אַז כ׳האָב זיך פֿאַרוואַנדלט אין אַ שטיינ־האַקעריי. די אימה פֿאַרן רעצידיוו נעמט מיר אַוועק די יאָרן. נעמט צו פֿון מיר יעדן „חשק״.

אייערער מיט ליבשאַפֿט,
ח. נ. ביאַליק

ל״ט

(מאַקס דעלפֿינערן) *

מעראַן, סעפּט. 24, 1933

וואָס ווינטשט מען אייך צום נייעם יאָר,
מיין ליבער פֿריינט דעלפֿינער ?
אַ שיינע ווילע אין ארץ־ישראל,
און נעבן איר אַ וואַלד אַ גרינער,
דערביי אַ פֿולווערק אַ פֿולן
מיט געזינדז, מיט אינדיקעס און הינער,
און ביי דעם טויער פֿונעם הויף
אַ לשון־קודשדיקער דינער,
אַן אמתדיקער ירושלמי,
צי גלאַט אַזוי אַ פּאַלעסטינער,
און זאָלן פּלאַצן אַלע שונאים,
די ניט פֿאַרגינער.

מ

רמת־גן, יאַנואַר 17, 1934

צו דער רעדאַקציע פֿון Judisk Tidskrift, שטאָקהאָלם:

געערטע רעדאַקציע:

„זינט דאָס בית־המקדש איז חרוב געוואָרן איז די נבואה אַוועקגעגעבן געוואָרן צו קליינע קינדער און צו שוטים״. און איך בין מער קיין קינד ניט און קיין שוטה וויל איך ניט זיין. דעריבער קען איך ניט פֿאַראויסזאָגן די צוקונפֿט. איך ווייס נאָר, וואָס מיינע אויגן זעען. דאָס אידנטום אין גלות, — איבערן גאַנצן גלות, און ניט בלויז אין דייטשלאַנד — שטייט אויף דער שוועל פֿון אונטערגאַנג. דאָס אידנטום אין ארץ־ישראל, אָט דאָס קליינע הייפֿל, די שארית־הפליטה — שטייט אויף דער שוועל פֿון אויפֿלעבונג און באַנייאונג. דער אויספֿיר איז פֿאַרשטענדלעך פֿון זיך אַליין.

* געשריבן אָריגינעל אין אידיש.

אַ געזונט פֿאָלק דאַרף ניט פֿאַראויסזען זיין צוקונפֿט דורך וואָרט־זאָגע־ריי. „ניטאָ קיין וואָרט־זאָגעריי ביי יעקבן”. הלוואי זאָלן מיר האַלטן אונזערע אויגן אָפֿן צו זען און צו פֿאַרשטיין אונזער ווירקלעכקייט אין דער קעגנוואַרטיקער ציַיט — ווי עס האַלט מיט אונז. די אידישע ווירקלעכקייט אין איצטיקן גלות — איז אונטערגאַנג און פֿאַרניכטונג. און דער וואָס איז בלינד און זעט דאָס ניט — זאָל אומקומען אין זיין בלינדקייט.

דער צוריקקער פֿון ישראל צו זיין לאַנד און זיין אייגענע באַנייאונג — ווענדט זיך אָן אים אַליין. אויב ער וויל באמת ובתמים אויסגעלייזט ווערן און זיך באַנייען אין זיין לאַנד — קען אים קיין שום כּוח דערפֿון ניט צוריקהאַלטן. ארץ־ישראל וועלן אידן באַקומען בלויז פֿון זייער אייגענער האַנט. די וואָס האָבן דאָס אויפֿריכטיק און אמתדיק געוואָלט — האָבן דאָס שוין לאַנג באַקומען.

די אַראַבישע פֿראַגע איז אַ שווערע פֿראַגע — אָבער זי שרעקט אונז ניט איבער. מיר וועלן זי בייקומען. פֿאַרטאָפּלט און פֿאַרדרייפֿאַכט די צאָל אידן אין ארץ־ישראל און דער וועג פֿאַר אַ פּתרון וועט געפֿונען ווערן. על־כּל־פּנים, דער באַשייד פֿון דער דאָזיקער פֿראַגע איז אַ סך מאָל לייכטער פֿון דער פֿראַגע פֿון אידישן קיום אין גלות פֿון היינט און וויַיטער.

„וועלן אידן אויסדערוויילן תּשובה?” — פֿרעגט איר. ווער קען זיין אַזוי קלוג און דאָס וויסן? אַ זאַך וואָס הענגט אָפּ פֿון פֿרייען אויסוואַל — קען מען פֿאַראויס ניט וויסן. אַפֿילו דער „יודע־הכּל” ווייסט ניט, וואָס דער מענטש וועט אויסקלייבן. דאָרט וואו ס'איז דאָ דאָס וויסן פֿון פֿאַראויס, איז דאָך ניטאָ קיין פּלאַץ פֿאַר אויסוואַל. אָבער אויב מען זאָל משפּטן פֿון דער פֿאַרגאַנגענהייט אויף דער צוקונפֿט, דאַרף מען דערמאָנען די רייד פֿון אונזערע חכמים: „גרויס איז דער כּוח פֿון אַראָפּנעמען דעם רינג (וואָס אחשורוש האָט איבערגעגעבן המנען) מער פֿון אַכט און פֿערציק נביאים צוזאַמענגענומען”.

ישראל האָט זיך ניט צוגעהערט צו די רייד פֿון זיינע נביאים, אפֿשר וועלן אים די המנס מחזיר למוטב זיין.

מיט גרויס כּבוד,

ח. נ. ביאַליק

מ״א

רמת־גן, מאַי 30, 1934

צו מיינע טייערע פֿריינט ה׳ דעלפֿינער און ד״ר ראַטבלום:

איך האָב מיך אונטערגעוואָרפֿן מיין גורל און באַשלאָסן צו פֿאָרן קיין ווין. מיין פֿרוי וועט מיך באַגלייטן. מיר קענען ניט אָרויספֿאָרן פֿאַרן

ח. נ. ביאַליק

6טן יוני. מיר פֿאָרן מיט דער „איטאַליאַ". איך גלויב, אַז מירן אָנקומען אין דער ריכטיקער צייט און פּראָפֿעסאָר ליכטנשטערן וועט נאָך האָבן גענוג צייט זיך צו פֿאַרנעמען מיט מיר.

היינטיקע וואָך ציען מיר זיך אַריין אין אַ נייער דירה (אין רמת־גן גופֿא) און דאָס, אַחוץ אַ סך אַנדערע ענינים, האָט אָפּגעהאַלטן אונזער נסיעה ביז דעם אויבן־דערמאָנטן טאָג.

איך דאַנק אייך, מיינע פֿריינט, פֿאַר אַלע אייערע טרחות, וואָס איר האָט פֿאַר מיר זיך מטריח געווען. מיט וואָס קען איך אייך אָפּצאָלן?

איך האָף אייך צו זען אין גיכן.
אייערער מיט ליבשאַפֿט,
ח. נ. ביאַליק

מ"ב

(שבח אָווערבאַכן)

ווין, 19טן יוני, 1934

מיין טייערער שווער:

איך האַלט איצט נאָך דער קליינער אָפּעראַציע, וואָס איז ווי אַ מין הקדמה פֿאַר דער גרויסער אָפּעראַציע. די קליינע אָפּעראַציע איז דורך בשלום, און די דאָקטוירים מיטן חולה זיינען צופֿרידן.

איך שרייב אין בעט און דעריבער איז מיין האַנטשריפֿט אַביסל משונה־דיק. היינט גיי איך אַרונטער פֿון בעט.

ושלום וברכה צו אַלע אונזעריקע,
מיט ליבשאַפֿט,
ח. נ. ביאַליק

דערציילונגען

ווידערוואוקס

א

דער דאָרף, וואו איך בין געבוירן געוואָרן, און מיין חלום

וויפיל תקופות פון זומער און ווינטער זיינען מיר פאַרביי, זינט איך האָב זיך אַליין אָנגעהויבן צו דערקענען, אויפן דאָרף וואו איך בין געבוירן געוואָרן, ביז מיר האָבן זיך אַרויסגעצויגן אין פאַרשטאָט פון גרויסן כּרך — געדענקט איך נישט. איך בין נאָך דענסטמאָל געווען אַ קליין קינד וואָס האָט זיך געוואָלגערט אין מיסט; כ׳בין נאָך, דוכט מיר, נישט אַלט געווען קיין גאַנצע פינף יאָר, און וואָס קען אַ קינד האָבן אַ רעכענונג פון צייט. אוודאי האָט דער סדר־בראשית צוליב מיין זכות אויפן דאָרף זיך נישט געהאַט געביטן: אַ תקופה איז געקומען און אַ תקופה איז אַוועק אין דער ריכטיקער צייט, און די וועלט איז זיך אַנגעגאַנגען לויטן אַלטן סדר. אָבער יענע ערשטע וועלט, די אור־ערשטע, וואָס איך האָב מיטגענומען מיט זיך פון דאָרף און וואָס ליגט באַהאַלטן אין די טיפעניש פון מיין האַרצן אין אַ באַזונדער קעמערל — יענע משונהדיקע, וואונדערלעכע, איינאיינציקע וועלט, האָט, דוכט זיך, קיין־מאָל נישט געוואוסט פון האַרבסט און ווינטער. דער גאַנצער דאָרף פון יענער צייט, וויפיל נאָר מיין אויג האָט געקענט אין זיך אַריינעמען, איז געווען פון איין געוועב: אינגאַנצן זומער. דער הימל — אַ זומערדיקער הימל, און די ערד — אַ זומערדיקע ערד. דאָס שפּראַצנדיקע און דאָס לעבעדיקע — אינגאַנצן זומער; און אַפילו פייגעלע, אַ קינד אין מיינע יאָרן און מיין איינציקע חברטע אין גאַנצן דאָרף — איז אויך געווען אינגאַנצן זומער. איך געפין אין דער דאָזיקער וועלט בלויז אַן איינאיינציקן אייזערנעם ווינטערדיקן טאָג, אַן אויסגעשמידטן פון אייז און פראָסט, וואָס שטייט אָן אַ זייט אַ בייזער, אַ מוראדיקער, ווי אַ גזלן מיט אַ האַק אין האַנט, און נאָענט לעבן אים ליגט אויסגעצויגן אין בלאָטע, ווי אַ צעטראָטענער פּגר, אַן איינציקער האַרבסטיקער טאָג, אַ צעקראַכענער פון נאַסקייט און אַ רינענדיקער מיט ווייטאָגלעכע טרערן. נאָר די דאָזיקע טעג זיינען בלויז אַן אויסנאַם. אַפּאַל. די וועלט אין איר ריינקייט, אָט די וואָס שפּרייט

זיך אויס פֿון גרינעם גראָז וואָס הויבט זיך אָן ביי די ווענט פֿון אונזער קליין שטיבל ביזן גרינעם וואַלד וואָס האַלט אָפּ דאָס אויג ביים סוף דאָרף — די דאָזיקע וועלט איז אינגאַנצן זומער.

אויף דעם דאָזיקן לייוונט, וואָס איז דורכאויס הימלבלוי און גרינגראָז, זיינען פֿאַרוועבט אַצינד אַלע מיינע וועלטזעאונגען פֿון יענע ערשטע טעג; וואונדערלעכע זעאונגען, זעאונגען ליכטיקע און לייכטע ווי פּערלדיקע וואָלקנדלעך, האַלב־רעטעניש, האַלב־חלום — און דאָך זיינען ניטאָ קיין ליכטיקערע און קלערערע פֿון זיי און נישטאָ קיין עכטערע ווירקלעכקייט ווי זייערע. דאָס זיינען בראשיתדיקע זעאונגען פֿאַר מיר, גרונטזעאונגען, וואָס דער הימל האָט מיר אומזיסט אָוועקגעשאָנקען, אַ מתנה פֿון גאָט און זיין חסד, פֿאַר מיינע צאַרטע יאָרן, פֿאַר מיין קינדערשער אומבאַהאָלפֿנקייט, פֿאַר מיינע שטומע לעפֿצן און מיין לעכצנדיק האַרץ. קליין און צאַרט בין איך געווען און אויף מיין אייגענעם באַראָט זיך געהאָדעוועט; כ'האָב נאָך נישט געקענט פֿרעגן און אָנרופֿן אַ זאַך ביים נאָמען, און קיינער איז מיר צוהילף נישט געקומען צו עפֿענען מיין מויל און מיך אויפֿקלערן. קיינער האָט מיך פֿאַר דער האַנט נישט אָנגענומען, און קיינער האָט זיך אין מיין ווינקל נישט אומגעקוקט. ווי אַ פֿאַריתומטער פֿויגל האָב איך, אָן איינזאַמער, געבלאָנדזשעט אַרום מיין נעסט. טאַטע־מאַמע האָבן מיך פֿאַרלאָזן, און קיין אויג האָט זיך אויף מיר נישט דערבאַרעמט. האָט גאָט אין זיין רחמנות מיך אַרונטערגענומען אונטער זיין פֿליגל, האָט מיך געלאָזן זיצן שטיל ביי זיין פֿוס־בענקל און זיך שפּילן מיט די ציצית פֿון זיין קלייד און מיט די פּאָלעס פֿון זיין מאַנטל. בייטאָג, האָט ער באַפֿוילן זיינע פֿאַרהוילענע מלאכים מיך צו פֿאַרשפּילן מיט חלומות און אַרויסברענגען אַ שמייכל אויף מיינע ליפּן, און קיינער האָט נישט געזען, און ביינאַכט פֿלעגט ער אַרויסשיקן צו מיר זיינע קליינטשינקע שרעטלעך, זיי זאָלן זינגען פֿאַר מיר אין שיין פֿון דער לבנה, אום אויסצואוועפּן מיין שרעק, און קיינער האָט נישט געהערט. זעעוודיקע און נישט־געזעענע, האָט ער זיי אַרומגעשטעלט אַרום מיך, ער האָט זיי פֿאַרשטעקט אין דער פֿינצטערניש פֿון יעדן ווינקל, אין טונקל פֿון יעדער לאָך, כּדי אָנצופֿילן מיין האַרץ מיט אַ זיסער שרעק און געטלעכן וואונדער. זיין פֿאַרהוילענע האַנט האָט וואונדער פֿאַרזייט אויף אַלע מיינע וועגן און סודות פֿאַרפֿלאַנצט אויף וואָס נאָר מיין בליק איז געפֿאַלן. איטלעך ברעקל שטיין און שפּענדל האָלץ — אַ פֿאַרהוילענער סוד, און אין יעדער הייל און גרוב — סודות איבער סודות. ווי אַזוי האַלט זיך אויף דער פּונק אין

שטומען שטיין, און ווער האָט די שטומע שאָטנס צעלייגט אין די פֿיר ווענט פֿון שטוב? ווער האָט אָנגעוואָרפֿן די פֿייערדיקע בערג אין די ברעגן פֿון הימל און ווער האָט פֿאַרפּלאָנטערט דער לבנה אין די צווייגן פֿון וואַלד? וואוהין ציען זיך די קאַראַוואַנען וואָלקנדלעך, און נאָך וועמען טוט דער ווינט אין פֿעלד זיך יאָגן? פֿאַרוואָס זינגט מיין לייב יעדן פֿרימאָרגן און ס'ברומט מיין האַרץ מיטן אָנקום פֿון אָוונט? וואָס ווייַנט דאָס טייכל אַזוי שטיל און פֿאַרוואָס גייט מיר ס'האַרץ אויס מיט אים צוזאַמען? סודות האָבן מיך אַרומגענומען, מיך געפּאַקט, פֿאַרשוואומען מיין קליין אָרעם קעפּל — און ניטאָ וואו צו אַנטלויפֿן, און וואו זיך באַהאַלטן. זיי האָבן אויפֿגעריסן ברייט מיינע אויגן און מיין האַרץ פֿאַרטיפֿט, צו זען דאָס באַהאַלטענע אין אָפֿענעם און פֿאַרהוילענע אין אַנטפּלעקטן. ווי נאָר איך עפֿן אויף צום הימל די קליינע פֿענצטערלעך פֿון מיין נשמה, מיינע צוויי אויגן, אַזוי טוען אַ שטראָם אויף מיר געטלעכע זעאונגען פֿון אַלע פֿיר זייטן, און איך האָב זיי נישט גערופֿן. עס טרעפֿט, אַז זיי שווימען אַרויס צו מיר פֿון טיפֿעניש, פֿון שטילקייט, און אַן אויסזען האָבן זיי, ווי פֿון אַ חלום, אָדער ווי פֿון אַ קלאָרער סאַזשעלקע אַרויס. קיין וואָרט, קיין קלאַנג — בלויז זעאונג. דאָס ריידן זייערס — האָט קיין קול, קיין אָפּ־קלאַנג. ס'איז אַ סודותדיק ריידן, אַ באַזונדער באַשעפֿעניש, וואָס זיין קול איז אויסגעוועפּט געוואָרן, און עס פֿירט אַ באַזונדער לעבן. איך אַליין האָב דאָס קול קיינמאָל נישט געהערט מיט די אויערן, נאָר דורך אַן אַנדער קאַנאַל, אַ פֿאַרבאָרגענעם, האָט עס דערגרייכט צו מיין נשמה. אַזוי דער־גרייכט צום שלאָפֿעדיקן עופֿהלע אין וויגל דער מאַמעס ברומעדיק האַרץ און דאָס רחמנות פֿון אירע אויגן, ווען זי בויגט זיך איבער זיין צוקאָפּנס אַ פֿאַרקלעמטע, אַ פֿאַרציטערטע, און דאָס קינד ווייס נישט. ס'פֿלעגט טרעפֿן, אַז די זעאונגען פֿלעכטן זיך צוזאַמען פֿון שטיקלעך אָפּגעהאַקטע, אָפּגעבראָכענע קלאַנגען. פֿאַראַנען אַ סך קלאַנגען אין חלל פֿון דער וועלט, פֿאַרשיידן איינע פֿון די אַנדערע, און פֿאַרמאָגן אומצאָליקע פּנימער. ווער קען דערקלערן זייער באַטייט און ווער קען זיך דערגרונטעווען צו זייער מיין? בייטאָגיקע קלאַנגען און ביינאַכטיקע קלאַנגען. חוצפּהדיקע און צנועהדיקע, שטאַרקע און שוואַכע, קלאַנגען אין־סופֿיקע און קלאַנגען וואָס ווערן פּלוצים איבערגעבראָכן. דאָס געשריי פֿון איינעם וואָס טרינקט זיך אין עק וועלט, און דער קרעכץ פֿון אַ הרוג וואָס צאַפּלט זיך נאָך אין וואַלד. ווי רוחות, אָן גופֿים, האָבן זיי אויסגעזען אין מיינע אויגן, גאָטס שליחים און וואָרט־טרעגער, וואָס שוועבן אַהער און אַהין אויף די פֿליגל

פֿון ווינט, פֿליען ווי פֿיילן פֿון באַהעלטעניש צו באַהעלטעניש, לויפֿן אַז פּלוצים און פֿאַרשווינדן פּלוצים, און קיינער ווייס נישט פֿון וואַנען זיי קומען און וואוהין זיי גייען, און קיין אויג זעט זיי נישט. עס האָט געטראָפֿן, אַז איך האָב געהערט די שטילקייט און געזען די קלאַנגען, ווייל מיינע חושים האָבן נאָך נישט געוואוסט פֿון גרענעץ און אָפּשטעל, און איינס האָט זיך אויסגעמישט מיט דאָס אַנדערע. דאָס קול האָט מיטגעצויגן מיט זיך די זעאונג, די זעאונג דאָס קול — און דער ריח האָט מיטגעבראַכט ביידע. כ׳האָב אויך נאָך נישט געוואוסט פֿון מאָס און פּראָפּאָרציע — דאָס קליינע בערגל אין פֿעלד האָט מיר אויסגעזען ווי אַ הר־ההר, דאָס סאַזשעלקע וואַסער — אַ אוקינוס, און דער דאָרפֿישער האָריזאָנט, ווי אַן עק וועלט.

ערגעץ איז, און מיט רעכט, געזאָגט געוואָרן, אַז אַ מענטש זעט און באַגרייפֿט זאַכן בלויז איינמאָל אין זיין לעבן: בעת ער איז נאָך אַ קינד. די ערשטע זעאונגען, ווען זיי זיינען נאָך פֿריש, פּונקט ווי זיי זיינען נאָר וואָס אַרויס פֿון באַשעפֿערס האַנט, זיי זיינען דער עיקר, דער תּמצית, און די שפּעטערדיקע זיינען בלויז אַ מין צווייטע, געפֿעלערטע אויפֿלאַגע. זיי זיינען אַזוי ווי די ערשטע, אַ שוואַכער רמז אויף די ערשטע, אָבער נישט זיי גופֿא. און איך האָב דאָס געלערנט טאַקע אויף זיך אַליין: אַלע זעאונגען, הימלשע און ערדישע, וואָס איך האָב געמאַכט איבער זיי אַ ברכה אין מיין לעבן — האָבן זיך גענערט פֿון דעם כּוח פֿון מיין ערשטן אַנבליק. איך האָב געזען דעם הימלשן זיסן בלוי פֿון איטאַליע מיט יאָרן שפּעטער. מיינע פֿיס זיינען געשטאַנען אויף די העכסטע בערג פֿון דער שווייץ. כ׳האָב זיי געזען און מיין נשמה איז מיר אויסגעגאַנגען: ווען האָט זיך איבער מיר אַנטפּלעקט אַ געשמאַקערער בלוי פֿון דעם דאָזיקן? און פֿונוואַנען זיינען מיר באַקאַנט העכערע און מוראַדיקערע בערג פֿון די דאָזיקע? איטלעך מאָל ווען איך זע די זון אין איר אונטערגאַנג אָדער פּרעכטיקן אויפֿגאַנג, שטיי איך אַ פֿאַר־וואונדערטער: צי האָב איך נישט אַמאָל געזען אַ שענערן, אַ פּרעכטיקערן זון־אויפֿגאַנג צי זון־אונטערגאַנג? אַז איך שנייד דורך אַ לאַנקע גראָז — ווייס איך נישט, פֿאַרוואָס בליצט פּלוצים אויף פֿאַר מיר די מראה פֿון יענעם גראָז, ווי איך האָב עס געזען צום ערשטן מאָל אויפֿן דאָרף, ווען איך האָב זיך נאָכגעשלעפּט נאָך מיין אַלטער אָם, זכרונה לברכה. פֿעט איז דאָס גראָז געווען און פֿריש, לעבעדיק און ניי, געשטאַנען ביז דער העלפֿט אין קלאָרן וואַסער, דורכגעפֿלאָכטן מיט קליינע זיסע בלימלעך וואָס שטעקן פֿון גראָז אַרויס מיט געלע פּיכטע קעפּלעך, און פּערלדיקע קלאָרע טרערן ציטערן ביי זיי אין די אויגלעך.

נאָכדעם ווי מיר האָבן זיך אַרויסגעצויגן פֿון דאָרף — און איך בין אומגעפֿער פֿינף יאָר אַלט געווען ביי יענער צייט — איז דער שיין פֿון דער וועלט אַביסל פֿאַרצויגן געוואָרן און איר ליכט — פֿאַרטונקלט. אין אונזער נייעם וואוינפּלאַץ, אין פֿאַרשטאָט פֿון כרך, האָבן מיר באַגעגנט וואָכעדיקע טעג און גרויס געטומל, די טעג פֿון אַ אידיש שטעטל, מיט זייער האַרטקייט און בייזקייט און מיט זייער גאַנצן געפּילדער. און וואָס מער דער טומל אַרום האָט זיך פֿאַרגרעסערט, אַלץ מער האָב איך מיך פֿאַרגראָבן אין זיך און אַלץ ווייניקער זיינען געוואָרן די יום־טובים פֿון מיין האַרצן. די עם־האַרצישע מלמדים, אין וועמעס הענט איך בין אַריינגעפֿאַלן, האָבן מיט זייערע בייזע פּנימער און קאַנטשיקעס צעיאָגט די זעאונגען פֿון מיין קינדהייט. די ערשטע זעאונגען, די געטלעכע זעאונגען, האָבן זיך צו מיר מער נישט באַוויזן, סיידן זיי האָבן מיך געפֿונען אַן איינזאַמען, אויסערהאַלב דעם טעגלעכן טומל און אויסערן רשות פֿון די מלמדים. זיי האָבן זיך באַהאַלטן ערגעץ הינטער אַ וואַנט, און פֿון צייט צו צייט מיר צוגעוואונקען מיט אַן אויג, אויפֿצולעבן די זעאונגען פֿון מיין גייסט און אָפּצופֿרישן זייער כּוח. דערלאַנגען אַ קוק אויף אַ רגע און פֿאַרשווינדן, אַ קוק — און פֿאַרשווינדן. טראַפּנוויז, ווי אַ טייערער עליקסיר, האָט געטריפֿט דער שיין פֿון יענע וואונדערלעכע טעג אין מיין האַרצן, און פֿון מיין קינדערשער וועלט האָבן בלויז שטיקלעך און ברעקלעך זיך אַנטפּלעקט פֿאַר די אויגן. פֿון לופֿט אַרויס פֿלעגן פּלוצים אַרויסקריכן פּיצלעך זעאונגען און אָפּגעריסענע בלעטלעך פֿון אַמאָל: אַ שטיק ווינטער־הימל אין זיין ערשטער ריינקייט, אַ פּאַס ערד פֿון אָנהייב פֿרילינג, אַ שוואַרצער פּאַס, אַ פֿעטער, אַ שמעקעדיקער — בראשיתדיקע ערד, וואָס איז אָקאָרשט אַרויסגעשפּרונגען פֿון אונטער דעם שנייאיקן קאַלטן ליילעך, און איר גוף ציטערט. אַ פֿאַרלאָזן וויסט וועכטער־ביידל אין אַ גאָרטן. אַ פֿלאַמעדיקע שקיעה אין ברעג מערב־הימל. אַ קלאָגנ־דיק געשריי פֿון וואַלד, אַ משונהדיק וויינען פֿון אַ ביינאַכטיקן פֿויגל. די לבנה הענגט איבער אַ קוימען פֿון אַ דאַך. אַ יום־טובדיקער „מנין" ביים טאַטן אין הויז, און אַ כאַפּטע צעשראָקענע קינדער, וואָס רייסט זיך אַריין אין הויז מיט אַ געשריי: „וועלף!" — און נאָענט דערביי: אידן מיט טליתים אויף די פּלייצעס שטייען אויפֿן דאַך, מיט די פּנימער צום וואַלד, צו די וועלף, פּאַכן מיט די הענט און שרייען מיט אַ בערישן געברום: אַהו־ו! אַהו־ו! און פּלוצים איז פֿייגעלע אויך דאָ אין מיטן. זי! זי! האָט זיך באַהאַלטן הינטערן גרויען דעמב־בוים, שטרעקט אַרויס איר קעפּל, און רופֿט: קו־קו!

נאָר אין זיסע מינוטן פֿון הייליקן איבערפֿלוס, ווען דאָס האַרץ ווערט אָנגעגאָסן ווי אַ צייטיקער ווייַנטרויב און פֿלייצט אַריבער מיט רחמים איבער די ברעגן, איז גענוג פֿאַר מיר צו פֿאַרמאַכן די אויגן אויף איין רגע, און עס אַנטפּלעקן זיך פֿאַר מיר, אַזוי ווי ביים ליכט פֿון אַ בלענדנ־דיקן בליץ, אַלע שטעגן פֿון מיין לעבן, פֿון סאַמע אָנהייב, באַגאָסן מיט אַ ווייס קלאָר ליכט, וואָס טוט זיי באַלייכטן פֿון אַלע זייטן. אין אַזאַ מין רגע, דערשיינט פּלוצים דער דאָרף און שטעלט זיך אַוועק פֿאַר מיר אין גאַנצן ווי ער איז, מיט זיין גאַנצן חן און פּראַכט און מיט זיין פֿולן ערשטן שיין. אַ מין פֿייערדיק שטיק האַנט, אַ פֿאַרהוילענע פֿלינקע האַנט, קומט פּלוצים אַרויס, און טראָגט מיר אונטער דעם גאַנצן תמצית פֿון מיין קינד־הייט, מיינע שענסטע טעג און יאָרן, פֿאַרוויקלט און אַריינגעטאָן אין אַ קליין קעסטעלע פֿון איינאיינציקן אויגנבליק. איך דערזע ווידער די וווינונג פֿון מיין לעבנספֿרימאָרגן און די היים פֿון מיין ערשטער קינדהייט — זיי, און אַלץ וואָס פֿילט זיי אָן, און דעם גאַנצן באַשאַף אַרום זיי. אַלע אויף איינמאָל, דאָס גרויסע ווי דאָס קליינע, נישט געמינערט אַ ברעקל — און איך פֿאַרזוך אין זיי ווידעראַמאָל דעם טעם פֿון דעם ערשטן מאָל זיין. פֿון דאָרט וואו ער געפֿינט זיך, דער דאָרף, פֿון איינס אַ פֿאַרגעסן ווינקל פֿון וואַלין, פֿון באַהעלטעניש פֿון זומפּן און אַויר, און וועלדער וואָס האָבן קיין סוף און קיין ברעג נישט, שטייט אויף פֿאַר מיר דער דאָרף מיט זיינע טעג און נעכט, מיט זיינע שבתים און יום־טובים, און אויסזען זעט ער אויס, ווי גאָט האָט אים נאָר וואָס פֿון די הענט אַרויסגעלאָזט: קליין, רואיק און צנועהדיק. ער שטייט נאָך היינט דאָרטן ווי ער איז אַמאָל געשטאַנען אויף דעם קאָרגן פּלאַץ וואָס איז אים איינגעטיילט געוואָרן משֵשת ימי־בראשית אָן, האַלב אויף דער פֿלאַך און האַלב באַרג־אַרויף, באַהאַלטן אין שאָטנס פֿון קוסטעס און בוימער, אַרומגענומען מיט גערטנער און פֿעלדער, און טראָגט מיט אַ שטילן טרויער דעם כשרן יאָך פֿון לעבן, ווי ער האָט אַמאָל געטראָגן — און שווייגט. קיין זאַך האָט זיך ביי אים נישט געענדערט און נישט געביטן. די אייגענע ליים־שטיבלעך און הילצערנע הייזלעך, וואָס ליגן צעוואָרפֿן אין טאָל און אויף באַרג, ווי אַ דערשראָקענע טשערעדע שאָף; דער אייגענער שטומער וואַלד, וואָס קוקט אויף מיר, שרעקנדיק, פֿון הינטערן דאָרף מיט זיין קילער פֿינצטערניש; דאָס אייגענע גרינע בערגל וואָס ליגט קעגנאיבער מיר, פּונקט אַנטקעגן מיין טאַטנס הויז, ווי אַ מין הונגעריקע בייזע חיה, ווי אַ מין שור־הבר צעלייגט אויפֿן וועג, און שלינגט טאָג־טעגלעך איין, ווען דער אָוונט קומט אָן, אַ גאַנצן לאַבן גאָלד —

דער אונטערגייענדיקער זון — אַ לאָבן גאָלד אַן אוונט, אַ לאָבן גאָלד אַן אוונט; די אייגענע סאַזשלקע, וואָס גלאַנצט ביי דער זייט פון בערגל ווי אַ ליכטיקער שפּיגל, און די ענטלעך וואָס באָדן זיך און וואַשן זיך אין איר, און קערן זיך יעדע רגע איבער מיט די קעפּ אין וואַסער און עקן צום הימל; און די אייגענע שטעגלעך וואָס דרייען זיך ווי שלאַנגען דורך פעלדער און הינטערהויפן און ווערן פאַרלוירן דורך אייביקער בענקעניש אין דער פאַרהוילענער ווייט. שטיל, אַזוי ווי אין אַ חלום, שטייען אויף פאַר מיר אַלע צייטן פון יאָר: שבת און וואָך, זומער און ווינטער, טעג פון רו און צייטן פון לייד, טאַגיקע פריידן און נאַכטיקע שרעקן. זיי, און זייערע שטיקלעך און ברעקלעך, זאַכן און זייערע קאָנטראַסטן, גיסן זיך צונויף אַלע אינאײנעם — און ווערן דאַך איינע אין דאָס אַנדערע נישט בטל. יעדע צייט און איר באַזונדער ליכט, יעדער טאָג און זיין באַזונדער אויסזען. און אַלע באַהעפטן זיך פונדעסטוועגן צוזאַמען — ווידער ווי אין אַ חלום — אין אײנאײנציקער גאַנצקייט, וואָס רופט זיך: דער דאָרף פון מיין געבורט. יונגע פרילינג־טעג מיט ווייסע בליטן, אויסגעבעט מיט צאַרטן אײדעלן גרין, פאַלדעווען זיך מיט פרייד און ציטער לעבן ברענענדיקע זומער־טעג, פאַרמאַטערטע פון היץ און באַלאַדענע מיט גאָלד, און צווישן זיי, לעשן זיך אין שטילן טרויער אויף זייערע טליענדיקע קוילן, די פאַרבענקטע פאַר־נאַכטן פון האַרבסטצייט און די צאַרנדיקע פורפור־הימלען פון ווינטער. אַ רגע דערלאַנגט אַ בלאַנק אַרויס פאַר מיר דער ערשטער שניי, דער זיסער קלאָרער שניי, פלאַטערט שטיל און רואיק, ווי אין אַ לייכטן דרימל, אין דער לופטן, פאַרציט די ברעמען פון מיינע אויגן און טראָגט מיר אַריין אין האַרצן זיין ווייסע פרישע קעלט. אַן איינציק שטיקל ירושה אין מיין זכרון און אַ קליין רעשטל פון אַ גאַנצן ווינטער, וואָס האָט זיך אַרויסגעגנבעט פון האַרצן, און איך ווייס נישט, וואו ער איז מיר אַהינגעקומען. פאַרלוירן געגאַנגען יענער ווינטער — און נישטאָ אים; אַזוי ווי עס זיינען אָפּגעווישט געוואָרן פון האַרצן דער אָנהייב און דער סוף פון אַ גרויסן זומער שטורעם, וואָס האָט מיך פּלוצים אַנגעכאַפּט אין אַ הייסן טאָג אויפן באַרג, צווישן הויכע גראָזן אין דער רגע ווען איך בין געגאַנגען אַהיים. פון עק וועלט האָט זיך אַ טראַג געטאָן דער שטורעם און אין דאָרף אַריינגעפאַלן — און די וועלט האָט זיך אין איין רגע פאַרוואַנדלט אין אַ גיהנום. דער הימל איז געוואָרן שוואַרץ, און אַ פינצטערניש האָט זיך צעלייגט. דער וואַלד האָט געשריען פון ווייטן, בוימער זיינען איבערגעקערט געוואָרן מיט די וואָרצ־לען, און די גראָזן פון באַרג האָבן מיט ציטערניש זיך צוגעקלעפּט צו

דער ערד. וואַלקנס־שטויב האָבן זיך געקנוילט און שטרויענע דעכער זיינען אין דער לופטן געפּלויגן. און איידער כ׳האָב געוואוסט, וואָס עס טוט זיך מיט מיר — האָב איך אויך אָנגעהויבן צו פליען. ווי איר זעט מיך אַ לעבעדיקן — איך פלי! אַ שטאַרקער ווינט איז מיך פלוצים באַפאַלן, מיך אויפגעהויבן ווי אַ פעדערל, און מיך אַ טראָג געטאָן באַרג אַראָפּ און אויפן שפּיץ פלויט וואָס אַרום אונזער שטוב. ווי אַזוי איך בין אַהין געקומען, ווי אַזוי מען האָט מיך אין שטוב אַריינגעטראָגן — געדענק איך נישט. נאָר דעם טעם פון דעם דאָזיקן פלי — ווער קען זיך דאָס נאַרעש מאַכן דאָס איבערצוגעבן אַ צווייטן? נאָר אין נאַכטיקע חלומות קען אַמאָל טרעפן, אַז אַ מענטש זאָל דורכפלילן עפּעס אַזוינס...

אָפטמאָל, ווען איך ניכטער זיך אויס, זאָג איך צו זיך אַליין איינמאָל און נאָכאַמאָל: ס׳איז נישט געשטויגן און נישט געפלויגן. דער דאָרף, אָט יענער דאָרף, ווי איך זע אים אין מיין פאַנטאַזיע, איז לא היה ולא נברא. נישט ער, און נישט דער וואַלד, און נישט די שרעטלעך, און נישט פייגעלע — גאָרנישט ניט. דאָס זיינען בלויז לעגענדע און חלומות, וואָס זיינען אויפגעגאַנגען פון זיך אַליין, ווי נאַרעשע געוויקסן, צווישן ווינציקע אמתדיקע זאַכן, כדי צו פאַרשפּילן מיט דעם קליינע קינדער. על־כל־פּנים — קליגל איך זיך ווייטער — געוויס זיינען דאָ אויסגעמישט די צייטן און אויסגעמישט זאַכן. דאָס פריערדיקע איז אַריינגעפאַלן שפּעטער, און דאָס שפּעטערדיקע — פריער. דער כח־הדמיון לייגט, און מ׳קען זיך אויף אים ניט פאַרלאָזן.

איז זאָל זיין אַזוי! מיין פולער גלויבן אין דער אַבסאָלוטער ווירקלעכקייט פון די דאָזיקע אויסטראַכטעניש, פאַרלירט פון דעם נישט אַפילו וואָס אַ האָר איז ווערט. וואָס גייט מיך אָן, צי זיי זיינען יאָ געווען, צי נישט געווען? זייער ווירקלעכקייט איז אין מיין נשמה און זייער וואָרהאַפטיקייט איז אין מיין לייב און געביין. גאָט׳ס פינגער האָט זיי איינגעקריצט אויף די לוחות פון מיין לעבן, און ווער קען קומען זיי אַראָפּווישן? אויב אַזוי זעען אויס חלומות — איז נישטאָ קיין גרעסערער אמת פון זייער אמת, און קיין ממשותדיקערע ווירקלעכקייט פון זייער ווירקלעכקייט. ווי דער ווייַן וואָס האַלט זיך אויף אין זיינע טרויבן, אַזוי האַלטן זיי זיך אויף אין מענטשנס האַרצן, כל זמן אַ מענטש אָטעמט. זייער כוח ווערט נישט אויסגעוועפּט און זייער טעם ווערט נישט פאַרדאַרבן. אדרבא, מיטן לויף פון צייט, ווערן זיי אַלץ ליכטיקער און שאַרפער, און וואָס עלטער זיי ווערן, אַלץ גרעסער ווערט זייער כוח און זיסקייט. אמתדיק, ס׳איז נישטאָ קיין

שטאַרקערער און זיסערער ווייַן, ווי די לעגענדע פֿון אונזער קינדהייט. איין טראָפּן אירער — גענוגט אַמאָל צו פֿאַרשיכּורן אונזער האַרץ ביז צו משוגעת! ביז אויסצוגיין פֿון זיסקייט! און זאָל דער נאָמען פֿון אונזער גוטן מלאך זיין געבענטשט, וואָס ער גיט אונז ניט צום מויל מיטן פֿולן בעכער — בלויז טראָפּנווייז, און דאָס אויך גאַנץ זעלטן. איין איבעריקער טראָפּן, אָדער אַביסל צופֿיל, און דעם מענטשנס האַרץ וואָלט אין איין רגע אויסגעגאַנגען פֿאַר מתיקות.

און ס'איז ביי מיר קלאָר, אַז ווען מיין לעצטע שעה וועט שלאָגן, ווען די טויערן פֿון דער וועלט וועלן זיך פֿאַר מיר עפֿענען אויף אַרויסצוגיין, אין דער דאָזיקער לעצטער שעה וועלן זיך ווידער אומקערן צו מיר פֿון הינטער דער וואַנט אַלע זעאונגען פֿון מיין קינדהייט — זיי וועלן קומען און זיך אויסשטעלן פֿאַר מיר אין איין מחנה. אַלע, ביז איינע, וועלן זיי קומען מיט זייער גאַנצן חן און גנאַד און מיט זייער גאַנצן ערשטן שיין, אַזוי ווי מען האָט זיי מיר באַוויזן אין פֿרימאָרגן פֿון מיינע טעג. קלאָרע און לויטערע וועלן זיי שטיין מיר אַנטקעגן און קוקן אויף מיר שטומערהייט. פּלוצים וועט אויפֿשטראַלן איבער זיי דאָס ליכט פֿון די ערשטע זיבן טעג— און וועלן צוזאַמען מיטן ליכט פֿון מיין נשמה פֿאַרלאָשן ווערן אויף אייביק — — —

חלומות זיינען ליגנער — אָבער נישט אַלע. און איידער איך וועל אָנהייבן דערציילן צו ביסלעך, קאַפּיטלעכווייז, פֿון די אינערלעכע גלגולים און איבערלעבענישן־חלומות פֿון איינעם אַ אידישן יונגגמאַן פֿון אונזער ווידערוואוקס־תקופֿה — זאָל מיר דאָ דערלויבט ווערן צו דערציילן איינעם, אַ חלום מיינעם, וואָס האָט, אויבנאויפֿיק, נישט קיין אָפֿענעם צוזאַמענהאַנג מיט דאָס פֿריערדיקע אָדער שפּעטערדיקע. בלויז צוליב אַ קורצן אָפּשטעל. אַ חלום וואָס האָט זיך מיר אַמאָל איינגעקריצט אין האַרצן, און וואָס האַלט זיך אויף אין מיר מיט זיין גאַנצער קלאָרקייט און פֿולע איינצלהייטן ביז צום היינטיקן טאָג. איך ווייס נישט, אויב איך וועל האָבן די קראַפֿט איבער־צוגעבן וועמען עס איז דעם חלום, ווי ער איז, און דער עיקר, אים געבן צו פֿאַרזוכן זיין ספּעציפֿיש ליכט און לופֿט — אַ זאַך וואָס איז כּמעט אוממעגלעך לגבי אַ חלום — און פֿונדעסטוועגן, זאָל זיין וואָס ס'איז, כ'וועל דערציילן. דער חלום איז אַן אמתער חלום, אַ ממשותדיקע ווירקלעכקייט. ער האָט נישט קיין פֿאַרפּלאָנטערטע אויסערגעוויינטלעכע זאַכן און אויך נישט זאַכן וואָס זאָלן פֿאַרוואונדערן. און אויך, דוכט מיר, אַז אַביסל איז דער חלום אויפֿן ריכטיקן פּלאַץ.

אין מיין חלום — ציט זיך אַ לאַנגער זאַמדיקער וועג. און דער וועג איז פֿול מיט מתנות צוריקפֿאָרער פֿון יאַריד — און איך בין אויך צווישן די מתנות. איך ווייס נישט, ווי אַזוי און פֿונוואַנען איך האָב זיך אַהין גענומען, אָבער איך גיי אַ פֿאַרשלונגענער צווישן אַ גרויסן טומלדיקן עולם און ווער נאָכגעשלעפּט נאָך זיי, כּמעט אָן מיין רצון. טומל, געפּילדער, געשרייען אַרום און אַרום. וועגענער און פֿורן, ליידיקע און אָנגעלאָדענע מיט משא, זיי און די פֿירער און אָנטרייבער און באַגלייטער, רייטער און פֿוסגייער, אַ געמיש פֿון מענטשן און בהמות, שלעפּן זיך און קריכן מיט שווערקייט, און אָן כּוחות, דורך וואָלקנס שטויב און שווערן זאַמד. ס'איז שווער זיך צו באַוועגן, ווי שפּאַלטן אַ ים. רעדער און פֿיס זינקען אין טיפֿן זאַמד ביז דער העלפֿט. שטויב. היץ. נישטאָ קיין כּוח. אַלע זיינען מיד און צעבראָכן, אַלע זיינען אָפּגעגאָסן מיט אַ שמוציקן שוויס, אַלע זיינען פֿאַרצאַרנט, מיט טרויעריקע געמיטער — און אַלע שרייען און שלאָגן זייערע בהמות אין אַ ווילדער רציחה. דער יאַריד, זעט אויס, האָט זיך נישט איינגעגעבן: קיין איינציקער פֿון זיי האָט נישט אויסגעשפּילט אַפֿילו אַ העלפֿט־חלק פֿון דעם וואָס אים האָט זיך געוואָלט. דעריבער לאָזן זיי אויס דעם כּעס אויף זייערע שטומע בהמות. וואָס שווערער דער וועג, ווערן זיי אַלץ אומגעדולדיקער, אַלץ גרעסער ווערט דער טומל, און אַלץ שטאַרקער די צעמישעניש. קיין איינער פֿאַרשטייט נישט מער זיין חברס לשון. אַלע טרייבן אָן איינע די אַנדערע און אַלע האַלטן אָפּ איינע די אַנדערע אין איין און דער זעלבער צייט. „וויאָ, וויאָ, מענטש איינער, טרייב אָן!״ — „שטיי, שטיי, הינטישער זון, ריר זיך פֿון אָרט נישט!״ אָבער קיינער פֿון זיי רירט זיך אָדער שטעלט זיך אָפּ פֿון זיין אייגענעם רצון. אַ מענטש גייט — ווייל אַלע גייען, שטייט — ווייל אַלע שטייען. אַ טשערעדע. און איך בין אויך איינער פֿון דער טשערעדע. איך דריי זיך אַרום צווישן זיי און פֿאַרשטיי נישט, ווי קום איך צווישן זיי. איך בין מיד. מיין קאָפּ, מיין קאָפּ. נאָך אַביסל — און איך חלש, אָבער איך גיי ווייטער, ווי מטושטש. איך גיי, און מיר דוכט זיך, איך זע גרינע ווערבעס ביי אַ טייך. איך עפֿן מיינע אויגן, און ווי וואָר איך לעב, אמתע ווערבעס. לעבעדיק און פֿריש, הויך און געדיכט, ציען זיי זיך לענגאויס דעם וועג אויף דער רעכטער זייט, און שטייען ווי אַ גרינע וואַנט, וואָס טיילט פֿאַנאַנדער צווישן די דורכגייער און צווישן עפּעס אַן אַנדער וועלט, אַ וואונדערלעכע וועלט, וואָס אויף דער צווייטער זייט פֿון די ביימלעך. כ'האָב דערזען, און בין אַ לעבעדיקער געוואָרן. אַ חידוש נאָר וואָס כ'האָב דאָס פֿריער נישט דערשפּירט:

אָט זיינען זיי דאָך, און דאָ זיינען זיי דאָך געשטאַנען פֿריער אויך. און אויך איצט, דוכט זיך, אַז קיין אַנדער מענטש, אַחוץ מיך, שפּירט זיי נישט. מיין נשמה איז מיר אויסגעגאַנגען נאָר די ווערבעס פֿון טייך, און נישט אויפֿהערנדיק צו טראַכטן וועגן זיי, האָב איך זיך ווייטער נאָכגעשלעפּט נאָך די מחנות. „דאָרטן, הינטער דער מחיצה פֿון די ביימלעך איז אַן אַנדער וועלט פֿאַראַנען, אַ קלאָרע רואיקע וועלט, און איך קען זי, און קיין אַנדערער, חוץ מיך, ווייס פֿון דעם נישט" — און איך גיי און שלעפּ מיך נאָך די מחנות ווייטער, ווייטער, אָבער מיינע אויגן קענען זיך פֿונדעסטוועגן נישט אָפּרייסן פֿון די ווערבעס. און זע נאָר אַ וואונדער! פֿאַרבייגייענדיק שיטערע דורכזיכטיקע שטעלן אָדער קליינע שפּעלטעלעך פֿון דער גרינער וואַנט — האָט אַרויסגעקוקט פֿון דאָרטן דאָס בילד פֿון איינעם אַ סודותדיקן, וואָס זיצט אויף יענער זייט מחיצה אין גראָז אויפֿן ברעג פֿון קלאָרן טייך, מיטן רוקן צו די ווערבעס, און מיטן פּנים צום קלאָרן רואיקן וואַסער. דאָס געפֿילדער פֿון די מחנות מענטשן אויף דער צווייטער זייט, דערגייט, ווייזט אויס, ניט צו אים, ווי ער וואָלט געווען אַריינגעטאָן אין אַן אַנדער וועלט, אַ ווייטער וועלט. ווי איינגעפּלאַנצט אין דער ערד, זיצט ער אויף זיין אָרט, מיטן פּנים צום וואַסערשפּיגל, און נישט קיין ריר, און נישט קיין באַוועגונג — און דאָך, ווי איך זאָל זיך נישט דערווייטערן און גיין פֿאַראויס — איז ער אויך דאָ. זיין שוואַרץ בילד פֿלעמלט דורך פֿון צייט צו צייט פֿון דער ווייט, דורך דער נעץ פֿון גרינסן, און יעדן נייעם שפּעלטל וואָס איך גיי פֿאַרביי. אַזוי ווי ער גופֿא, און דער קלאָרער טייך מיט אים, און דאָס גאַנצע באַשאַף אַרום, וואָלטן מיך שטילערהייט באַגלייטן, אָן מיין וויסן, ווי זיי וואָלטן זיך צוביסלעך געררוקט מיט מיר צוזאַמען, אַזוי, אַז דאָס אויג קען נישט באַמערקן — אומגעפּער, ווי דאָס בילד פֿון לבנה אין אַ טייך. ווער איז יענער פֿאַרהוילענער? צי האָב איך אים נישט אַמאָל געקענט? צי בין איך אַמאָל נישט געווען ער? צי איז ער מיר נישט זייער און זייער טייער? צי זיינען מיר נישט, איך און ער, דער זעלבער און דער אייגענער? צי בין איך נישט מחוייב און זאָל זיין וואָס עס איז, זיך אָפּצוגנבענען פֿון דאַנען און זיך ראַטעווען אין יענער ריינער רואיקער וועלט וואָס ליגט הינטער דער דאָזיקער גרינער מחיצה? דער ברעג פֿון ריינעם קלאָרן טייך איז דאָך מיין פּלאַץ, און איך בין דאָך דער יעניקער וואָס איז דאָרט געזעסן פֿון אייביק־אָן? — און איך שלעפּ זיך פֿונדעסטוועגן נאָך די מחנות רייזנדע, און גיי אַלץ ווייטער, ווייטער אין וועג אַריין. וואָלקנס שטויב האָבן מיך פֿאַרוויקלט, אַ גרויס געפֿילדער האָט מיך אַרומגעכאַפּט,

און איך דערוויטער זיך און גיי, דערווייטער זיך און גיי. וואו זיינען די גרינע ווערבעס אַהינגעקומען? געווען — און נישטאָ מער! איך האָב זיי פֿאַרלאָזן הינטער זיך, זיי, מיט זייער ריינער וועלט, און די קלאָרע וואַסערן פֿון טייך, און דעם סודותדיקן וואָס זיצט תמיד אויפֿן ברעג. פּלוצים האָב איך זיך דערמאָנט און ס'האַרץ איז מיר פֿאַרגאַנגען: אָט דער סודותדיקער איינזאַמער, וואָס איך האָב אים געלאָזט הינטער זיך אויפֿן ברעג טייך — דאָס בין איך דאָך, איך! איך — און נישט קיין אַנדערער! —— — —

דאָס איז דער ספּור־המעשה פֿון חלום — און איין גאָט ווייס זיין באַשייד! וועלן מיר איבערלאָזן דעם סודותדיקן, און זאָל ער זיצן איינזאַם אויף זיין פּלאַץ, ווי ער איז ביז איצט געזעסן. לאָמיר אים ניט שטערן זיין רו. און ווער ווייס, אפֿשר וועט ווען ס'איז זיין בילד ווידער אויפֿבליצן פֿון די שפּאַלטן אַרויס אויף אַ קליינער רגע, איך וועל מיך ווידער שלעפּן מיין וועג אין געדיכטן זאַמד צוזאַמען מיט די מחנות דורכגייער.

ב

מיין גראָבער פֿינגער און די וועלט־רעטעניש

קיין אמתער שלום האָט צווישן מיר און מיין טאַטן קיינמאָל נישט געהערשט. ס'זעט אויס, ווי ער וואָלט זיך אָפּגענאַרט מיט מיר לכתחילה, ווי איינער, ביי וועמען אין האַנט ס'איז אַריינגעפֿאַלן אַ שלעכטע מציאה, און קען זיך מיט דעם קיין עצה נישט געבן: פֿאַר געברויך — טויג עס נישט, און פֿאַרן פֿאַרקויף — זיינען נישטאָ קיין קונים. מיין מזל האָט גורם געווען, איך זאָל קומען צו טאַטע־מאַמע אומגעבעטענערהייט, נאָכדעם ווי זיי האָבן שוין די מערסטע קינדער חתונה געמאַכט, און אויף נייע האָבן זיי זיך נישט גערעכנט. איך בין געווען דאָס אַכטע קינד און דער בן־זקונים. און אַז די הייבאַם האָט אָפּגעגעבן מיין טאַטן „מזל־טוב" מיט מיין קומען — האָט ער אַ קרים געטאָן מיט דער נאָז... אַזוי האָט מיין מאַמע דערציילט אירע שכנטעס. און נאָך פּלעגט זי דערציילן, אַז דרייסיק טעג נאָכדעם, ווי איך בין אויף דער וועלט געקומען, איז מיר באַשערט געווען צו גיין אָפּריכטן גלות: ס'הייסט, מען האָט מיך אָפּגעגעבן צו אַן אַם אין אַ דערביייאיק שטעטל. די אַם האָט קיין מילך נישט געהאַט אין די ברוסטן מיט וואָס מיך אָנצוזויגן, און אַז איך פֿלעג מיך פֿאַרגיין פֿון הונגער, פֿלעגט זי מיר אַריינשטעקן מיין גראָבן פֿינגער אין מויל, כ'זאָל האָבן וואָס צו זויגן. אַז מ'האָט מיך צוריקגעבראַכט אַהיים, האָב איך געהאַט אַ פּאָר קרומע

פּיס, אַ געשוואָלענעם בויך, און אויגן וואָס האָבן אַרויסגעסטאַרטשעט פֿון די לעכער, ווי צוויי גלעזערנע קיילכלעך. חוץ דעם האָב איך געהאַט אַ מנהג צו עסן דאָס קאַלך פֿון די ווענט, קייען קוילן, און זויגן דעם גראָבן פּינגער.

די דאָזיקע געוואוינהייט צו זויגן דעם פֿינגער איז ביי מיר געוואָרן אַ צווייטע נאַטור, און איך האָב דאָס אַ לאַנגע צייט נישט אָפּגעלאָזן. ווען נאָר כ׳פֿלעג מיך פֿאַרטראַכטן, האָב איך גענאָגט דעם גראָבן פֿינגער. דער טאַטע, בטבע אַ איד אַ כעסן, פֿלעגט מיך דעפֿאַר פּאַטשן און מיך אָנרופֿן „בעל־מציצה״, „דער מאַן מיט דער פּיפּקע״ — דער גראָבער פֿינגער צווישן מיינע ציין האָט אים אויסגעזען ווי אַ פּיפּקע פֿון אַ זקן, ווען ער פֿאַרטיפֿט זיך אין זיינע געדאַנקען — אָבער מיך האָט נישט אָנגעהויבן אַרן, נישט ער מיט זיינע קלעפּ, נישט זיינע נעמען און צונעמענישן. ער ביי דאָס זייניקע, איך ביי דאָס מייניקע; און ווי נאָר ער גייט אַרויס פֿון שטוב, פֿאַרקלייב איך מיך באַלד אין אַ ווינקל, זעץ מיר אַוועק אייניקער אַליין, טראַכט און זויג... ווענן וואָס אַזעלכעס האָבן איך דאַן געטראַכט — ווייס איך אייגנטלעך אַליין נישט. איך בין געווען פֿאַרשלאָסן אין זיך אַליין, ווי אַ טשערעפּאַכע אין איר פּאַנצער, און האָב געזען זעאונגען וואַכער־הייט. אַלץ וואָס כ׳האָב געזען און געהערט אַרום, האָט מיר אויסגעזען ווי אַ חלום, און ס׳האַרץ פֿלעגט אָנגעפּילט ווערן מיט שטילן וואונדער, מיט דמיונות וואָס האָבן נישט קיין נאָמען און געשטאַלט. כ׳האָב נאָכגעקלערט וועגן אַלץ... דאָס קלאַפּן פֿון זייגער, שאָטן און פֿלעקן וואָס אויף דער וואַנט, דאָס שוויגן פֿון אַ ליידיק חדר, די פֿינצטערניש וואָס אונטערן בעט, די שיך וואָס וואַלגערן זיך אום דאָרטן, די דינע שטראַלכלעך וואָס די שויב גלאַנצט פֿון זיך אַרויס, פֿליענדיקע שטויבעלעך — דאָס אַלץ זיינען געווען סודות פֿון דער וועלט און מיסטעריעס וואָס מען דאַרף זיי באַנעמען, און איך בלאָנדזשע און פֿאַרליר זיך צווישן זיי, ווי אַ מוראַשקע צווישן גראָז... אויך זיי לעבן שטילערהייט, ווי איך, און בלויז מיין האַרץ אַליין האָט וואָס צו טאָן מיט זיי. אַז עמעץ האָט צו מיר גערעדט, האָב איך יאָ געהערט און נישט געהערט; אַז מ׳פֿרעגט מיך עפּעס — גלאָץ איך אויס אַ פּאָר אויגן, און שווייג. מיין האַרץ האָט תמיד געשטעקט ערגעץ אַנדערש: אין אַ פֿלעק אויף דער וואַנט, אָדער אין אַ זשומעדיקער פֿליג. מיין נשמה פֿלעגט אַריין ווי אַ „דבוק״ אין סאַמע מיט פֿון יעדער זאַך, פֿלעגט רוען אין העלצער און שטומע שטיינער, אַלצדינג אַריינגעמען אין זיך און גאָרנישט ניט צוריקגעבן...

פון די שטוביקע מענטשן האָט זיך קיינער אויף מיר נישט אומגעקוקט. דער טאַטע — אַ קפדן, אַ שוואַכער און פאַרנומענער מענטש. איך ווייס נישט מיט וואָס ער איז פאַרנומען. די מאַמע פלעגט זיך יאָ אָן מיר דערמאָנען, אָבער תמיד נאָך דער צייט. „ווײ־און־ווינד איז מיר, ס׳קינד האָט נאָכנישט געגעסן... ס׳קינד האָט זיך נאָכנישט געוואַשן... וואו איז דאָס קינד ?" און דאָס קינד, ס׳הייסט איך, שמואליק, פלעג מיר בשעת־מעשה זיצן ערגעץ אין אַ באַהעלטעניש, אונטערן בעט, אָדער אין קאַטוך אונטערן אויוון, צי אונטערן פלויט פון הויף, זיצן איינער אַליין און זיך שפילן. די שכנטעס, אַז איך פאַל זיי אַריין אין די הענט, קוקן מיך אָן פאַרדעכטיק, באַווייזן מיטן פינגער אויפן שטערן — אַ סימן, אַז מיין מח איז עפּעס נישט מיט אַלעמען, גאָט זאָל אָפּהיטן, סודן זיך איינע מיט די אַנדערע און שפייען דריי מאָל אויס, און אַז די מאַמע קומט אָן אינמיטן, ווערן זיי פלוצים אַנטשוויגן...

מער פון אַלע שטוביקע כלים האָט מיך צוגעצויגן דער אַלטער שפיגל, אַט דער וואָס איז געהאַנגען איבערן טאָפּטשאַן. אין מיינע אויגן, איז דאָס די גרעסטע רעטעניש פון מיין וועלט. איטלעך מאָל, וואָס איך שטעל זיך אַוועק אויפן טאָפּטשאַן אַנטקעגן שפיגל, דערזע איך נאָך אַ שטוב און כלים, זיך אַליין און דעם אַנטקעגנדיקן אַלמער מיטן קופּערנעם געשיר אין דער הויך. ממש די אייגענע כלים, נאָר אין שפיגל שטייען זיי אַלע משופּעדיק, פּיקס־און־פּאַרטיק אַ ליאַדע מינוט אַראָפּצופאַליען. און די גאַנצע זאַך איז מיר זייער און זייער קשה: ערשטנס, פונוואַנען האָבן זיי זיך אַלע גענומען אין שפיגל, און, צווייטנס, פאַרוואָס קערט זיך נישט איבער דער אַלמער צוזאַמען מיטן קופּערנעם געשיר ?...

האָב איך אָפּגעמאַכט ביי זיך צו דערגיין געַנוי דעם ענין ביי דער ערשטער געלעגנהייט, און טאַקע גאָר אינגיכן האָט זיך אונטערגערוקט אַ פּאַסיקער מאָמענט דערפאַר. די שטוביקע מענטשן זיינען אַלע אַוועק פון הויז, און איך בין געבליבן אַליין. אין מיטן דיל ליגט אויסגעשפּרייט דער אָפּשיין פון פענצטער, אַ געקעסטלטער שטראָם ליכט — און פליגן קומען אַהין זיך טובלען. די ראָבע הון שפּאַצירט זיך אום פּאַמעלעך, פּיקט שטי־לערהייט בנעימות, ווי ס׳וואָלט זי אָנגעכאַפּט אַ דרימל. אַז זי ווערט פאַר־שלונגען אין ליכט — ווערן אירע פעדערן באַגולדט, גאָלדיק און גלאַנציק. בין איך אַרויפגעשפּרונגען אויפן טאָפּטשאַן, זיך איינגאַנצן אויסגעשטרעקט אַנטקעגן שפיגל — ס׳איז דאָ! ר׳איז דאָ! אַ צווייטער שמואליק שטייט האַרט אַנטקעגן מיר, און זיין נאָז רירט זיך אָן אין מיינער. איך רוק זיך אָפּ

אַביסל אויף צוריק — ער רוקט זיך אויך אָפּ. איך דערנענטער זיך — ער דערנענטערט זיך אויך. וויבאַלד אַזוי, פֿאַרקרים איך מיין פּנים און שטעק אים אַרויס אַ צונג — ער אויך דאָס אייגענע. „כי־כי־כי״ — לאַך איך, לאַכט ער אויך; אָבער אָן אַ „כי־כי־כי״, ווייל זיין קול הערט מען נישט. דאָס איז עפּעס נישט גלאַטיק, און אַביסל האָב איך מורא אויך, און פֿונדעסטוועגן קוק איך ווייטער... דער דיל אין שפּיגל איז משופּע און דער שטראָם ליכט אינמיטן האַלט זיך ביים אויסגיסן. אַלע כּלים שטייען איינגעבויגן, אָדער הענגען מיט נסים... ווי, ווי, אַז דער מעשענער שטייסל זאָל חלילה אַרונטערפֿאַלן פֿון אַלמער — טראַך! — קען ער שפּאַלטן דעם מח!... כ׳ווער פֿאַרצאַפּלט פֿון אַ שטומער שרעק, אָבער איך מאַך זיך האַרץ און קוק ווייטער. כ׳מוז, איינמאָל פֿאַר אַלעמאָל, דערגיין, דערגיין דעם סוד פֿון דער זאַך, און וואָס ס׳וועט זיין וועט זיין. הינטערן שפּיגל מוז געוויס זיצן אַ לץ, אַ באַהאַלטענער מזיק, און מאַכט די אַלע קונצן מיט אַ כּשוף. אַ קוק טאָן, אָדער ניט? ווער ווייס, מ׳קען נאָך אַמאָל אַריינכאַפּן דעם ריכטיקן פּאַטש? אַ קשיה אויף אַ מזיק! — איך שטעל זיך אין סכּנה, כאַפּ זיך אָן פֿאַר דער ראָם פֿון שפּיגל, דערלאַנג אַ קוק, וואָס ס׳טוט זיך הינטער אים, — און אַ כאַפּ זיך אויף צוריק. ווידער אַ קוק — און ווידער זיך געכאַפּט אויף צוריק. פּלוצים האָט זיך דער שפּיגל אַ שאָקל געטאָן, און מיט אים צוזאַמען — דער דיל, די שטוב, די כּלים, איך אַליין — טראַך! — ס׳האַרץ האָט זיך מיר אָפּגעשטעלט, אין די אויגן איז מיר פֿינצטער געוואָרן און איך וואַקל זיך. אָט פֿאַל איך אום אין די שטיקער פֿון חורבן...

צו זיך געקומען — האָב איך דערזען, אַז די שטוב איז, ברוך־השם, נישט חרוב געוואָרן, בלויז דער שפּיגל האָט זיך אַרונטערגעגליטשט פֿון די צווי אונטערשטע נעגל און געבליבן הענגען אויפֿן אויבערשטן האָקן. צווישן דעם פּאַרענטש פֿון טאַפּעטשאַן און וואַנט שטעקט אַרויס אַ שטיקל פֿון טאַטנס פּנקס. דער פּנקס איז מן־הסתם אַרויסגעפֿאַלן פֿון הינטערן שפּיגל און געבליבן שטעקן דרינען. ס׳איז בלויז געשען איין שטיקל היזק: די הון איז פֿאַר שרעק אַרויפֿגעשפּרונגען אויפֿן טיש און אומגעשליידערט אַ גלאָז, און אַ שטיק צעבראָכן גלאָז ליגט אָפּגעשפּריצט אין שטראָם ליכט און ס׳גלאַנצט ביז גאַר, אַזוי ווי אַ גרויסער נס איז אים פּלוצים געשען...

דער סוף פֿון דער מעשה איז געווען, ווי דער סוף פֿון אַלע פֿיינע מעשׂות ביים טאַטן אין הויז: פּעטש.

אין דעם אייגענעם טאָג איז אויף מיר אַרויס די גזרה: אין חדר אַריין!

ביי יענער צייט האָט דער טאַטע זיך אַרויסגעצויגן פֿון דאָרף, און זיך באַזעצט אין פֿאָרשטאָט פֿון כּרך, און איך בין אַריינגעפֿאַלן אין די הענט פֿון מיין ערשטן מלמד.

ג

דער אַלף־בית, און וואָס מ׳קען אַרויסלערנען פֿון צווישן די שורות

אין חדר האָט זיך מיין מזל נישט פֿאַרבעסערט. איך האָב זיך גע־האַלטן אָפּגעזונדערט פֿון מיינע חברים, און זיי האָבן זיך געהאַלטן אָפּגע־זונדערט פֿון מיר. איך בין געווען פֿאַרוויקלט אין זיך אַליין, האָב זיך געבויט מיין אייגענע וועלט אין האַרצן, און קיינער האָט נישט געשפּירט און נישט געוואוסט. אַפֿילו דער רבי און דער באַהעלפֿער ווייסן פֿון גאָרנישט. די דאָזיקע ווייסן נאָר, ווי צו שלאָגן, דער אויף זיין שטייגער און דער אַנדערער אויף זיין שטייגער. דער רבי שלאָגט מיטן רימען, מיטן פֿויסט, מיטן עלנבויגן, מיטן וואַלגערהאָלץ, און מיט אַלצדינג מיט וואָס מ׳קען אַ מענטשן ווײ טאָן, און דער באַהעלפֿער האָט אַן אַנדער מיאוסע מידה: אַז איך ענטפֿער נישט, ווי ס׳געהער צו זיין, צעשפּרייט ער און צעעפֿנט אַנטקעגן פּנים פֿינף אויסגעקרימטע גזלנישע פֿינגער און נעמט מיך פֿאַרן גאָרגל. בשעת־מעשה האָט ער אַ פּנים פֿון אַ טיגער, אָדער פֿון אַן אַנדער משונהדיקער בייזער חיה — און ס׳באַפֿאַלט מיך אַ טויטשרעק. כ׳האָב מורא, ער זאָל מיר ניט אויסדראַפּען די אויגן מיט זיינע שמוציקע נעגל, און פֿאַר מורא, שטיי איך אַ געפּלעפּטער און פֿאַרגעס די גאַנצע תּורה, וואָס כ׳האָב נעכטן געלערנט. ער באַווייזט מיר אַ צורת־אות מיטן פֿינגער און פֿרעגט מיך: „וואָס איז דאָס?״ — און איך פּינטל מיט די אויגן, ציטער מיטן גאַנצן גוף, און שווייג. דער כּח־הדבור איז ביי מיר אָפּגענומען.

אין תּוך גענומען — גייט מיר זייער תּורה ניט אַריין אין האַרצן, נאָר פֿאַרביי דעם לינקן אויער און אַרויס דורך דער לינקער פּאה. אין רעכטן אויער קומט פֿון זיך אַליין אַן אַנדער תּורה, פֿון סדור אַרויס, פֿון צווישן די שורות, און ווערט באַהאַפֿטן צו דעם פֿריערדיקן, וואָס כ׳טראָג שוין לאַנג אין האַרצן. די שורות גופֿא און די אותיות — זיינען בלויז אַ שוואַכער אָנדייט אויף דעם. גלייך אויפֿן ערשטן טאָג, ווען דער באַהעלפֿער האָט מיר באַוויזן דעם אַלף־בית, די אותיות אויסגעשטעלט שורותווייז אויף אַ לוח — זיינען באַלד אַרויסגעשפּרונגען פֿאַר מיר שערענגעס זעל־

נער, פֿון די יעניקע וואָס מאַרשירן אַמאָל פֿאַרביי אונזער הויז, זיי, מיטן פּייקלער בראָש: טאָם־טאַראַראָם! דערהויפּט זייַנען ענלעך אויף דעם די שורות אַלפֿן און גימלען מיט די קובוצן פֿון אונטן. די דאַזיקע זייַנען עכטע זעלנער, באַוואָפֿנט פֿון אונטן ביז אויבן אַרויף: די אַלפֿן מיט רענצ־לעך פֿאַרקאַשערט אויף הינטן, גייען אַביסל איינגעבויגן אונטער דער משא, ווי זיי וואָלטן זיך פֿאַרנעמען אויף „מאַנעוורעס"; און די גימלען שטייען מיט די פּיסלעך פֿאַרהויבן פֿון פֿאַרנט, גאָר גרייט צו „מאַרשירן". מייַנע אויגן הויבן אָן זוכן אין די זייטן און ברעגן פֿון טאָוול.

— ווּעמען זוכסטו? — טוט דער באַהעלפֿער אַ פֿרעג.

— דעם פּייקלער — זאָג איך — און מייַנע אויגן זוכן.

דער באַהעלפֿער לייגט אַוועק דעם טייטל פֿון האַנט, נעמט מיך אָן פֿאַר דער מאָרדע, פֿאַרדרייסט מיין קאָפּ אַרויפֿצו, און שטעלט אָן אויף מיר אַ פּאָר בהמישע אויגן... פּלוצים טשוכעט ער זיך אויס און טוט אַ זאָג: אַרונטער!

איין וואָרט, נישט מער. אַן אַנדער קינד האָט זיך געשטעלט אויף דער באַנק, און איך גיי אַרונטער אַ פֿאַרקלעמטער, און שטעל זיך אין אַ ווינקל, נישט באַנעמענדיק, וואָס דער באַהעלפֿער וויל פֿון מיר האָבן. אַ גאַנצן טאָג האָב איך געהאַלטן אין איין קלערן פֿון מחנות חילות און זעלנער. און אויף מאָרגן, אַז איך שטיי ווידער אויף דער באַנק, באַוויזט מיר דער באַהעלפֿער אַן אַלף און זאָגט:

— דו זעסט אַ נאַשטשע מיט אַ פּאָר עמערס?

— אמת, ווי איך בין אַ לעבעדיקער, אַ נאַשטשע מיט אַ פּאָר עמערס.

— דאָס איז אַן אַלף — מאַכט דער באַהעלפֿער.

— דאָס איז אַן אַלף — חזר איך איבער.

— וואָס איז דאָס? — פֿרעגט דער באַהעלפֿער ווידער.

— אַ נאַשטשע מיט צוויי עמערס — זאָג איך, און האָב גרויס הנאה וואָס גאָט־ברוך־הוא האָט מיר דאָ צוגעשיקט אַזעלכע פֿיינע כלים.

— ניין, זאָג, אַלף — חזרט דער באַהעלפֿער נאָכאַמאָל — געדענק: אַלף! אַלף!

— אַלף! אַלף!

און ווי נאָר איך בין אַרונטער איז מיר באַלד דער אַלף אַרויס־געפֿלויגן פֿון קאָפּ און זיין פּלאַץ האָט פֿאַרנומען מאַרוסיאַ, די שיקסע, וואָס צעטראָגט וואַסער איבער די אידישע הייזער. דעם גאַנצן טאָג איז זי מיר געשטאַנען פֿאַר די אויגן. כ'האָב זי געזען ווי זי שטייט־און־גייט:

מיט די באָרוועסע פֿיס, מיט די דיקע צעפּ, מיט דער נאַשטשע אויף די פּלייצעס, און מיט די צוויי עמערס. און אָט איז דער ברונעם מיט דער קאָרעטע ביי דער זייט, און די ענטלעך וואָס שווימען אַרום אין דערביי־איקן וואַסער, און ר' אַלטער קוקוס גאָרטן...

— וואָס איז דאָס? — פֿרעגט מיך ווידער אויף מאָרגן דער באַהעלפֿער, און ווייזט מיר אָן אויף אַן אַלף.

— אוי, מאַרוסיאַ! — דערפֿריי איך זיך מיט דער מציאה.

דער באַהעלפֿער וואַרפֿט ווידער אַוועק דעם טייטל און שפּרייט פֿאַנאַנדער די פֿינגער; אָבער ער האָט באַלד חרטה, נעמט מיך אָן פֿאַר דער מאָרדע און טוט אַ זאָג:

— גוי! אַלף, אַלף!

— אַלף! אַלף!

די אַנדערע אותיות האָבן ביי מיר אַ סך פֿאַרשידענע געשטאַלטן: געשטאַלטן פֿון בהמות, חיות, עופֿות, פֿיש און כלים, אָדער סתּם אַזוי משונהדיקע באַשעפֿענישן, וואָס דערווייל האָב איך נאָך פֿאַר זיי נישט געפֿונען קיין צוגלייכן. דער שין איז אַ דרייקעפּיקער פּיפּערנאָטער; דער למד — אַ בושל מיט אַן אויסגעשטרעקטן האַלז און שטייט אויף איין פֿוס, ווי דער בושל וואָס וואוינט אויפֿן שפּיץ בוים הינטערן הויז; דער גימל — אַ שטיוול, ווי דער וואָס איז אויסגעמאָלט אויף די קעסטעלעך שו־וואַקס, און אַ קליין שדל מיט אַן עקל האַלט אין איין פּוצן מיט גרויס חשק... דער דלד איז אין דער בחינה פֿון אַ העקעלע, און אַזוי אַלע אַנדערע אותיות. אָפֿטמאָל, זעט מיר אויס אַן אות היינט אין אַזאַ געשטאַלט, און מאָרגן — אין אַן אַנדער געשטאַלט. דאָס ווערט געטאָן פֿון זיך אַליין, אָן כּונה און אָן אָנשטרענגונג פֿון מיין זייט. אַ געשטאַלט וואָס איז ביי מיר געוואָרן פֿאַרעלטערט, ווערט אַוועקגענומען און זיין פּלאַץ פֿאַרנעמט אַ נייע געשטאַלט.

אַז ס'איז געקומען צונויפֿצושטעלן די אותיות אין ווערטער — האָב איך דערזען פֿאַר זיך אַ מיש־מאַש פֿון פֿאַרשידענע משונהדיקע באַשעפֿענישן. זיי קומען כּתותוויז, איינס לעבן אַנדערן און איינס הינטער דעם אַנדערן, רוקנס צו פּנימער, און פּנימער צו רוקנס; דער לאַנגער נון און קורנאָסער ף שפּרינגען תּמיד אויף איין פֿוס. דער למד שפּאַצירט זיך אַרום האָפֿערדיק, דאָס האַלז פֿאַרריסן, דער קאָפּ פֿאַרוואָרפֿן, ווי ער וואָלט געהאַלטן אין איין זאָגן: זעט נאָר, כ'בין העכער פֿאַר אייך אַלע מיט אַ קאָפּ. אינמיטן דעם אַלעם בלאָנקעט זיך אַרום דאָס יודעלע, אַ קליין באַשעפֿענישל, וואָס האָט נישט זיינס גלייכן אין מיינע אויגן. סע האָט נישט

איך וואָס זיך אָנצושפּאַרן — און איז ביי מיר אָנגעלעגטער פֿון אַלע אַנדערע. תמיד זעט עס אויס, ווי ס׳וואָלט געשוועבט אין דער לופֿט, אָדער ווי ס׳וואָלט זיך נאָך עמעצן נאָכגעשלעפּט — און ס׳האָרץ האָט מורא פֿאַר אים. כ׳ציטער עס זאָל נישט פֿאַרלוירן גיין צוליב זיין קליינקייט צווישן זיינע גרעסערע חברים; ס׳זאָל נישט, חלילה, צעריבן און צעטראָטן ווערן צווישן עולם.

דער דאָזיקער פּלאָנטער האָט מיך נישט געלאָזן באַנעמען דעם באַ־העלפֿער׳ס תורה, און מיין גאַרגל האָט נאָכאַנאַנד געשטעקט צווישן זיינע פֿינגער. מיטן מויל זאָג איך, דוכט זיך, נאָך יעדע זילבע, אָבער ס׳האָרץ טוט זיך דערוויל דאָס זייניקע: זאַפּט איין אַ בילד און שפּייט אויס אַ בילד, מאַכט כּל־המינים קאָמבינאַציעס, און חלומט חלומות אויף דער וואָך... אָפּטמאָל ווערט דער קלאַנג פֿון די זילבן אַריינגעוועבט אין געוועב פֿון מיינע חלומות און גיט זיי צו אַ נייעם קאָליר, צי ס׳האָט יאָ צו טאָן מיטן ענין, צי נישט. אַמאָל, אַז עס וואַרפֿט זיך דורך בעתן לייענען אַ לעכערלעכע קאָמבינאַציע — הייב איך פּלוצים אָן לאַכן אויפֿן קול. פֿון דאָזיקן געלעכ־טער ווערט דער באַהעלפֿער אַ צעקאָכטער און גייט אַרויס פֿון די כּלים. איך פֿאַרשטיי נישט, וואָס גייט דעם באַהעלפֿער אָן, אַז איך לאַך?

מיינע חברים אין חדר האָבן זיך אינגאַנצן נישט אומגעקוקט אויף מיר, און מיר אויך זיינען זיי לחלוטין נישט אָנגעגאַנגען. ווען זיי שפּילן זיך אינעווייניק — זיץ איך מיר אָן אַ זייט און קוק זיך צו, אָדער פֿאַרשטעק מיך אין אַ ווינקל, זויג דעם גראָבן פֿינגער און טראַכט. איך קלער וועגן יענע געשטאַלטן פֿון סדור, וועגן זייערע אומצאָליקע קאָמבינאַציעס, ווי וויט נאָר מיין כּח־הדמיון קען גרייכן. ס׳האָרץ האָט גענומען פֿון זיי וויפֿיל נאָר ס׳האָט געקענט, דעם תּוך האָט עס פֿאַרדייט און דעם שאָלעכץ אַוועק־געוואָרפֿן. אַז די קינדער גייען אַרויס זיך שפּילן אויפֿן הויף — זוך איך מיר אויס אַ באַהאַלטעניש, זיץ מיר איינער אַליין און שפּיל זיך. אַז ס׳קומט מיין צייט צו לייענען, באַדאַרף מען אַ שטיק צייט מיך אַרומזוכן, ביז מ׳געפֿינט מיך זיצנדיק און זויגנדיק מיין גראָבן פֿינגער הינטערן פּלויט, אָדער גאָר, איך ליג מיך אין אַ טונקל ווינקל פֿון פּירהויז.

ד

איך ווער אַנטוויינט

אַז ס׳זיינען פֿאַרלאָפֿן צוויי יאָר חדר און קיין גרויסע פּעולה אין „עברי" האָב איך נישט אויפֿגעטאָן — האָט דער רבי אָנגעהויבן לערנען

מיט מיר חומש. אַ ליכטיקן גן־עדן זאָל ער האָבן דערפֿאַר. דער סדור איז שוין ביי מיר פֿאַרעלטערט געוואָרן, און זיינע אותיות זיינען שוין ביי מיר געווען געגליכן צו טויטע. מיט וואָס, למשל, קען מען אַזוינס פֿאַרגלייכן? לאָמיר זאָגן, ווי איינער אַ מענטש זאָל זיצן און האַלטן אין איין כראָמשקען און קנאַקןליידיקע שאָלעכץ. מיטן חומש איז געווען אַנדערש: עס האָט מיר געעפֿנט נייע פֿענצטער אין עולם־הדמיון. ערשטנס, דער קליינער אַלף. דעם דאָזיקן וועוועריק האָב איך באַלד געפֿונען, אַ זיצנדיקן אין טיר פֿון אוהל־מועד גלייך פֿון אָנהייב „ויקרא״. ער זיצט און וואַרט אויף מיין אָנ־קומען. זיינע פֿריינטלעך, אַזוינע וועוועריקלעך, ווי ער, זיינען מיר אַלטע באַקאַנטע פֿון „טל־ומטר״, פֿון סדור אַרויס, און איך קען אים אָפּגעבן אַ גרוס פֿון זייער ליב באַמען. צווייטנס, די שאָף און רינדער און דאָס געפֿליגל: אָקס, שעפּס, ציג, טויב און טירקלטויב... די אַלע זיינען מיר גוט באַקאַנט, איך קען זיי אויסגעבונדן. און אַז מ׳וויל זאָגן, האָב איך אין זיי אַפֿילו אַ שטיקל חלק. די ציג און דאָס קעלבל פֿיטערן זיך הינטער דער שטוב און אין אַ ליידיקער מינוט טרעט איך פֿון זיי נישט אָפּ; און די טויבן קומען דאָך פֿון אונדזער שכן טראַכימס טויבנשלאַק, און זיינען גאַנץ אָפֿטע איינגייער ביי אונדז אויפֿן הויף. אין דער פֿרי, אַז איך גיי אין חדר אַריין, קומען זיי מיר אַן אַנטקעגן, שפּאַצירן זיך מיט חשיבות, שטעלן אויס די גוידערס און וואָרקען: טור־טור־טור. אויף איינס אַ פּאָרל האָב איך שוין לאַנג געוואָרפֿן אַן אויג, און קומענדיקן חנוכה, אַז איך וועל מ׳ירצה־שם, רייך ווערן — וועל איך, בלי־נדר, קויפֿן דאָס דאָזיקע פּאָרל פֿאַר גוטע געלט...

און אַז כ׳קום צו יענע ערטער, וואו ס׳ווערט גערעדט וועגן קאָפּ און געלענק, איינגעווייט און פֿיס געשווענקט אין וואַסער, „און ער וועט איינריכטן די העלצער וואָס אויפֿן פֿייער״, אָפּפּליקן דעם קאָפּ, און אָפּרייסן די פֿליגלען פֿון עוף, „זיין גוידער מיט די פֿעדערן״, אָפּשווייבקען ס׳בלוט, אַ געפּרעגלט געשאַנק, אַ בראָטפֿאַן־געשאַנק, און אַזוי ווייטער, און אַזוי ווייטער — שווימט באַלד אַרויס פֿאַר מיינע אויגן דער מאַמעס קאָכשטוב פֿון ערב אַ יום־טוב. די מאַמע און די דינסט — אָנגעטאָן אין פֿאַרטעכער, מיט אַרבל פֿאַרשאַרצט איבער די עלנבויגנס, שטייען באַוואָפּנט מיט וואַל־גער־העלצער און וועלגערן טייג אויפֿן לאָקשנברעט; שלאָגן אויף אייער אין שיסל, גיסן קלאָרן בוימאויל אין בערגלעך פֿרישן ווייסן מעל. די קאַץ דרייט זיך אויך אַרום אינמיטן. זי לויערט אויפֿן זאַלץ־ברעטל און שאַרפֿט די אויגן אויפֿן „פֿלאַנקען וואָס איבער דער לעבער״, אויף די נירן און

גערגעלעך, פופיקלעך און פיסלעך. די דינסט ווארפט איר צו פון צייט צו צייט אַ שטיקל אַפּאַל, דעם ווייסן פענכער פון אַ פיש'ס אינגעווייט, צי דעם „גווידער מיט די פעדערן״, וכדומה נאָך אַזעלכע זאַכעניש. זי האַלט דער קאַץ פאַרנומען, און זאָל איר ניט ליגן דאָס פלייש אין זינען. דאָס שטייסל מיטן מערזל האַלטן אין איין קלינגען: „הדק היטב, היטב הדק״ — אין נאָז גייט אויף אַ זיסער מחיה־נפשותדיקער ריח פון געבעקס און „זעמלמעל געשאַנק״, געקנאַטן אויף בוימאויל מיט געלעכלעך, און צום אויער דערגרייכט דאָס בלעזלען און שיפן פון לאַטקעס וואָס שווימען אַרום אין פעטס אין די בראַטפאַנען און פייערפאַנען; געפרעגלטס און מינים געריכטן וואָס „מ'ברעקלט זיי אין ברעקלעך״, אַזוי ווי לאַקשן, און מען מאַכט פון זיי קוגעלעך און כרעמזלעך, מיט ראַזשינקעס און מיט זאַפּראַן און מיט צימערינג... דאָס וואָרט „מורבכת״ צערייצט מיין אַפּעטיט ביז צום העכסטן גראַד, אַזוי, אַז די שלייפן הייבן מיר אָן וויי־טאָן און די באַקן הייבן זיך אָן קרימען: „מורר־בע־כעס!״ אַט פאַל איך אַוועק אין חלשות — ס'מויל ווערט פול מיט שפייעכץ, און דער גראָבער פינגער שטעקט זיך אַריין, אָן מיין ידיעה, צווישן די ציין...

— וואו האַלטסטו? — טוט מיך דער רבי פלוצים אַ פרעג, מיטן רימען אין האַנט.

אַלע קינדער ווערן אַנטשוויגן און קוקן אויף מיר. מיין קליינער פינגער הייבט אָן אַרומבלאָנדזשען צווישן די שורות, אַ בלינדער, אַ ציטערדיקער. די אויגן קוקן דורך טרערן אַט אויפן חומש און אַט אויפן רבינס רימען. די אותיות טאַנצן צעשוואומענע מיר אַנטקעגן. דעם רבינס האַנט הייבט זיך אויף און מיין רעכטע פלייצע קרימט זיך אויס פאַר מורא. פאַר שרעק האָב איך פאַרגעסן אַרויסצונעמען דעם גראָבן פינגער פון מויל.

— בערעלע — טוט דער רבי אַ זאָג צו איינעם אַ פלינקן חברהמאַן — גיב נאָר אַ שפּרונג אַריבער צו נחום דעם שוסטער, און ברענג אַביסעלע סמאַלע. זאָג, דער רבי האָט געבעטן.

בערעלע דערלאַנגט אַ שפּרונג און אַ לויף אַרויס. די קינדער הייבן אָן זיך צו סודען, קוקן בגנבה אויף מיר און לאַכן, ווידער אַ קוק און ווידער אַ לאַך. וואָס זעען זיי אויף מיר און וואָס לאַכן זיי?

בערעלע קומט צעלויפן. ברענגט צו טראָגן אַביסל סמאַלע אויף אַ שפענדל און לעגט דאָס אַוועק פאַרן רבין אויפן טיש.

— אַרויס פון טיש — איז דער רבי אויף מיר גוזר.

איך גיי אַרויס.

— קום נאָר אַהער!

איך מאַך אַ פּאָר קליינטשינקע טריטעלעך.

— נענטער!

נאָך אַ קליין טריטעלע.

— נאָך נענטער!

און איך שטיי איינגעקלאַמערט צווישן רבינס קני. רבונו־של־עולם, וואָס גייט ער דאָ טאָן מיט מיר?

דער רבי פאַרבויגט זיין גראָבן פינגער אויף צוריק, ביז סע ווערט אונטן ביים געלענק אַ קליין גריבעלע; דאָס גריבעלע פילט ער אָן מיט שמעקטאַבאַק, ציט אָן אַ פולע נאָז, הויבט זיך אויף פון פלאַץ, און פלוצים ניסט ער מיר אָן אַ פול פנים: אַפּטשי!

נאָך דעם דאָזיקן נאָס ווערט זיין געדאַנק אויסגעלייטערט, און ער טרעט צו צום עיקר ענין: ציט אַרויס מיין גראָבן פינגער פון מויל, הויבט אים אויף אין דער הויך, אַז אַלע קינדער זאָלן זען און פרעגט מיט אַ טאָן פון אַ לערער וואָס האַלט שטאַל־און־אייזן פון דער רעאַליסטישער מעטאָדע אין לערנען:

— וואָס איז דאָס, קינדער?

— אַ גראָבער פינגער, אַ גראָבער פינגער.

— און וואָס איז דאָס? — פרעגט דער רבי ווייטער, און ווייזט אָן אויף דער סמאָלע.

— סמאָלע, סמאָלע.

— און דאָס וואָס איז?

— טאַבאַק, טאַבאַק.

— און אַ אינגעלע וואָס זויגט דעם גראָבן פינגער — וואָס טוט מען מיט אים?

דאָ בלייבן די קינדער שטיל, צוגעשטאַנען. דער רבי מאַנט אָן ענטפער מיט די אויגן. פלוצים שפרינגט אויף אַ אינגל אַ שטאַמלער, די אויגן זיינען ביי אים צעלויכטן, אַזוי ווי דער רוח־הקדש וואָלט זיך אין זיי צעשפּילט, און הייבט אָן שטאַמלען אין אַ געוואַלטיקער התפעלות:

— אי־אי־איך וו־ווייס...

— נו, זאָג, זאָג — איז אים דער רבי באַהילפיק.

— מע־מע־מע האַ־אַ־אַ...

— מע האַקט אים אָפּ דעם פינגער! — כאַפּט ביי אים אַרויס אַן אַנדער אינגל.

די קלי̇גערע קינדער ברעכן אויס אין אַ גרויס געלעכטער, און אַפּילו דער רבי האַלט מיט. דער שטאַמלער פֿאַרשעמט זיך. ווידער שטיל.

— נו ? — טוט דער רבי אַ פֿרעג בלויז מיט די ברעמען.

— מע וויקלט אים אַרום מיט אַ שמאַטקע — שלאָגט איינער פֿאַר זייער פֿאַרזיכטיק.

— מ׳שמייסט אים — פּסקנט אָפּ אַ צווייטער.

— ע — שאָקלט דער רבי מיטן קאָפּ אויף ניין — איר הייבט נישט אָן צו וויסן. אַ אינגעלע וואָס זויגט דעם גראָבן פֿינגער, טוט מען אָט אַזוי...

און דער רבי הייבט אָן וויזן די קינדער, געלאָסן און נישט געאיילט, — אַ זאָג און אַ טו, אַ זאָג און אַ טו, — ווי אַזוי אַזאַ ענין ווערט דורכגעפֿירט:

— מ׳נעמט סמאָלע —

און דער רבי נעמט די סמאָלע.

— און מ׳באַשמירט דעם גראָבן פֿינגער —

און דער רבי באַשמירט.

— דערנאָך נעמט מען טאַבעקע —

און דער רבי נעמט דעם טאַבעק.

— און מ׳באַשיט מיט דעם די סמאָלע.

און דער רבי באַשיט מיט טאַבעק.

—און איצט — האָט דער רבי פֿאַרענדיקט מיט גרויס נצחון אין קול — זאָל ער גיין און זויגן!

אין יענעם טאָג בין איך אַנטוויינט געוואָרן פֿון גראָבן פֿינגער. אַז דער יצר־הרע פֿלעגט מיך באַפֿאַלן — פֿלעג איך קייען די נעגל.

ה

אַ גוטע מחשבה און איר שכר

— ווי דו זעסט מיך אַ לעבעדיקן, פּעסי, ער רעדט צו דער וואַנט!...

אַזוי רופֿט זיך אָן דער טאַטע אין איינער אַ ווינטערדיקער נאַכט, ווען ער האָט פּלוצים אויפֿגעהויבן די אויגן פֿון פּנקס אַרויס, און האָט מיך דערזען, ווי איך שטיי אַנטקעגן וואַנט און מאַך עפּעס אַזוינע מאָדנע אוואַיעס און משונהדיקע תּנועות. מיטן קאָפּ, מיט דער צונג, מיט די הענט און מיט אַלע מיינע צען פֿינגער. און תּיכּף נאָכן דאָזיקן זאָג — אַ פּאַטש, ווי דער שטייגער איז געווען.

דער אמת איז, אַז איך האָב צו דער וואַנט נישט גערעדט — דאָס האָב איך זיך געשפּילט און זיך דורכגעשמועסט מיט מיין שאָטן אויף דער וואַנט. ווארעם וואָס דען זאָל טאָן אַ קינד אין די לאַנגע ווינטער־נעכט, ווען ס'איז איינגעשלאָסן און איינגעשפּאַרט אין שטוב? אָבער דער טאַטע איז אַ גרויסער מקפּיד און קען נישט פאַרטראָגן, נישט מיך און נישט מיין שפּילן, און אַלץ וואָס איך טו הייבט אים נישט אָן געפעלן, און ברענגט אים אַריין אין אַ ווילדער רציחה, דערפירט אים צו פּעטש און סטיסאַקעס און באַנומענע קולות. „פּעסי — שרייט ער און בריקעט מיך — נעם אים צו פון מיינע אויגן, איך וועל אים דורס זיין". און אין יענער רגע, קען זיך דוכטן, אַז איך, שמואליק, האָב אים, דעם טאַטן, אָפּגעטאָן עפּעס אַזוינס, באַגאַנגען אַזאַ געוואַלטיק פאַרברעכן, אַז קיין מחילה און קיין סליחה זיינען דערפאַר נישטאָ. איך בין אים, חס־ושלום, געגאַנגען אין לעבן. רבונו־של־עולם, ווען האָב איך אים שלעכטס געטאָן און מיט וואָס האָב איך מיך קעגן אים פאַרזינדיקט?

און איך הייב אָן אויסצומיידן דעם טאַטן און באַמי זיך, זיך נישט צו וואַרפן אים אין די אויגן: איז ער אין עסצימער — בין איך אין פאָדער־צימער, איז ער אין פאָדערצימער — בין איך אין קיכשטוב. געפין זיך אויס אַ פּלאַץ אין אַ ווינקל, זיץ מיר איינער אַליין און פאַרנעם זיך מיט וואָס מיין האַרץ טוט גלוסטן.

און ביי יענער צייט האָט זיך מיר פאַרגלוסט אין קליינינקייט: כ'האָב געוואָלט מעלקן די וואַנט... פון די קינדער אין חדר האָב איך געהערט, אַז ס'זיינען פאַראַן אויף דער וועלט אַזעלכע בעלי־מופתים, וואָס באַווייזן יאָ אַזוינס צו טאָן, און ס'איז ביי זיי אַ גאַרנישט שבגאַרנישט. און באַלד טאַקע האָב איך געוואָרפן אַן אויג אויף איינער אַ וואַנט פון הויז. די דאַזיקע וואַנט איז פון העלפט אַרונטער געווען פאַרשימלט און צעפוילט, און האָט אַרויסגעגעבן פון זיך אַ מין גרינעם שווייס; און האָט שוין פון אַ שטיק צייט צוגעצויגן מיינע בליקן. אין האַרבסטיקע נאַסע טעג פלעג איך אָפּזיצן אַנטקעגן וואַנט גאַנצע שעהן, פאַרטיפט אין די משונהדיקע צורות, וואָס דער ווילגאַטש האָט אויף איר געמאָלן. כ'האָב אין די גרינע פלעקן געזען אַלץ וואָס נאָר אַן אויג קען זען: בערג און טאָלן, פעל־דער און וועלדער, שלעסער און פּאַלאַצן... „די דאַזיקע וואַנט — האָב איך מיר געטראַכט — איז לכתחילה באַשאַפן געוואָרן אויף צו מעלקן" — און בין נישט אָפּגעטראָטן פון איר מיין יעדע פרייע מינוט. איך האָב זי בודק געווען פון אַלע זייטן, געזוכט אין איר דעם ריכטיקן פּלאַץ אויף

צו מעלקן. און אַז מ׳זוכט — געפֿינט מען: אונטן אויף דער וואַנט, גאַנץ נאָענט צום ווינקל, האָט זיך געפֿונען אַן אויפֿגעלאָפֿענער פלאַץ, ווי אַ מין ברוסט — דאָס איז דער ריכטיקער פלאַץ. איך דאַרף בלויז מאַכן אַ קליין לעכל, אַריינטאָן אַהין אַ טרייבל — און מילך וועט זיך גיסן, ווי פֿון אַ קוואַל. און כדי אויפֿצונעמען דעם פֿולן שטראָם מילך, ס׳זאָל חלילה קיין איינציקער טראָפּן נישט גיין פֿאַרלוירן, האָב איך זיך מקדים געווען און זיך פֿאַרגרייט אַפֿריער, פֿאַרן מעלקן, מיט כל המינים כלים: אַ פֿלעשל מיט אַן אָפּגעבראָכן העלזל, אַ צעשפּאָלטענע שיסל וואָס ווערט באַנוצט אויף צו האַלטן ליים, אַ האַלבע פושקע פֿון ר׳ מאיר בעל־הנס, אַ בלעכן קעסטל, צעלעכערט און פֿאַרראָסט, אַ שמוציקע יאַרמולקע, אַ פֿאַרדאַרטער שוך, אַן „אלמן״ אָן אַ פּאָר, און נאָך אַזעלכע כלים וואָס האָבן זיך אומגעוואַלגערט אין מיסט, און אויפֿן בוידעם און אונטערן בעט. כ׳האָב אַפֿילו נישט פֿאַרגעסן זיך אָנצוגרייטן מיט אַ פּראָפּן. צו וואָס אַ פּראָפּן? כדי צו פֿאַרשטאָפּן צווישן מעלקן און מעלקן דעם וואָרצל פֿון ברוסט, דאָס לעכל פֿון וואַנט, הייסט עס. אַרומגערינגלט מיט די אַלע כלים, און באַוואָפֿנט מיט אַ נאָגל און אַ מערזל, האָב איך מיך אַוועקגעזעצט אויף דער ערד און זיך גענומען לעכערן די וואַנט. דאָס מערזל — קלאַפּ! — און דער טשוואָק הייבט אָן צו זינקען. ס׳האַרץ צאַפּלט זיך, נאָך אַביסעלע, נאָך אַ רגעלע — און פֿון לעכל וועט אָנהייבן שפּריצן אַ ווייסער וואַרעמלעכער שטראָם — טזזז... און דאָ אין רעכטן מיטן כאַפּ איך פֿון הינטן אַרום אַ הייסן פֿייערדיקן פּאַטש:

— נאַדיר, מטורף איינער, פֿאַר לעכערן די ווענט!...

דער פּאַטש — איז דעם טאַטנס אַ פּאַטש. כ׳וואָלט אים דערקענט אין דער פֿינצטער אַפֿילו, מיט פֿאַרמאַכטע אויגן. דאָס איז אַ שאַרפֿער מהודרדיקער פּאַטש, וואָס צעטראָגט זיך ווי אַ בליץ, אַזוי הינטערווייִלעכטס, אָפּגעטאָקט, שאַרף און גלאַט, ברענענדיק און קלינגענדיק. דעם קלאַנג דערהערסטו נאָך דעם, שוין לאחר מעשה... דער טאַטע איז געווען אַן אמתער קינסטלער אויף דעם געביט, אַ גוואַלדאָוונער פּאַטשער! ער האָט געוואוסט דעם סוד־הצמצום פֿון דער קונסט, און מ׳קען זאָגן, אַז ער פֿלעגט פּאַטשן ווי מיט רוח־הקדש, להבדיל. וואָס איז שייך זאָגן? פֿערציק יאָר נאָכאַנאַנד, זינט ער איז געוואָרן אַ טאַטע, האַלט אַ מענטש אין איין פּאַטשן... ווי ס׳זאָל ניט זיין, האָט זיך פֿון עסק גאָרנישט אויסגעלאָזט, און די וואַנט איז געבליבן ביז היינטיקן טאָג אַ נישט געמאָלקענע. און ס׳איז אַ שאָד! גאָט איז מיין עדות, אַז איך האָב געמיינט גוט. כ׳האָב

צוגעזען דעם טאַטנס צער פֿון פּרנסה און האָב אים געוואָלט העלפֿן מיט וואָס נאָר ס'איז געלעגן אין מיינע כּוחות... ביי מיינע נאמנות, איך קען נישט צוזען זיין צער, ווען ער קומט אין אָוונט צוריק אַהיים, זעצט זיך אַוועק, און נעמט זיך בלענדן די אויגן איבערן פּנקס, קייט די באָרד און טראַכט, און טראַכט... אייגנטלעך, וואָס האָט דער פּנקס צו טאָן מיט כּעס? — און פֿונדעסטוועגן, זאָלט איר זיך בעסער היטן פֿאַר אייער טאַטן, ווען ער איז פֿאַרטאָן אין פּנקס. עס שמעקט דענסטמאָל מיט סכּנה — און ס'לעבן הענגט אייך אויף אַ האָרעלע. אגב, האָב איך געמיינט, אפֿשר וועט דער טאַטע ווערן צו מיר אַביסעלע ווייכער, וועט מיר אַמאָל באַווייזן אַ שמייכל, און וועט מיך אויפֿהערן פּאַטשן. אָבער וואָס האָב איך געקענט מאַכן — דער שטן האָט זיך אַריינגעמישט, און דער טאַטע האָט אונטערגעגראָבן זיין פּרנסה מיט די אייגענע הענט.

ו

איך און די הרובע

וויבאַלד אַזוי — וואַרף איך אַוועק דעם עסק פֿון מעלקן די וואַנט, און פֿאַרנעם זיך מיט דער הרובע.

וויסט און פֿינצטער איז דעם טאַטנס הויז ווינטערצייט. און פֿאַרנאַכט, ווען איך קום צוריק אַהיים פֿון חדר — איז עס נאָך וויסטער און פֿינצ־טערער. ווילגאַטש, שמוץ, עפּוש. פֿון די ווענט און דיל גייט אַ נאַסע קעלט, וואָס פֿרעסט זיך איין אין די ביינער. די לופֿט איז אָנגעזאָפּט מיט טראָן, מיט מאַכאָרקע־רויך און נאָך עפּעס אַ מיאוסן ריח — אַן איבער־בלייבעכץ פֿון די פּויערים וואָס זיינען בייטאָג דאָ געווען. (דער טאַטע האָט געשעפֿטן מיט פּויערים און זיי זיינען שטענדיקע איינגייער אין הויז). דאָס ביסל אָרעמע מעבל און כּלים וואָס פֿאַרלירן זיך תּמיד אין גרויסן חלל פֿון הויז — זיינען איצט מטושטש אין דער פֿאַרנאַכטיקער פֿינצטער־ניש און ווערן אינגאַנצן פֿאַרשלונגען. דורכדעם ווערט אין הויז פּוסטער און פֿאַרבענקטער. די מאַמע זיפֿצט אַרויס שטילערהייט פֿון אַ ווינקל, און די קאַץ קומט מיר אַנטקעגן פֿון אַ פֿינצטערער לאָך אַרויס, הויבט אויף צו מיר אַ פּאָר פֿאָספֿאָרנע אויגן און מיאַוקעט רחמנותדיק. ס'אַ צער־בעלי־חיים!

נאָר אין איין ווינקל פֿון פֿאָדערצימער, אין דער וואַנט, נאָענט צו דער ערד, איז פֿאַראַן אַ קליינע הרובע, אַ קליינע פֿאַרסאַזשעטע פּיר־

קאַנטיקע לאָך פֿון אַן אויוון. אַ גאַנצן טאָג איז די הרובע צוגעמאַכט, נאָר פֿאַרנאַכטצו, בין מנחה למעריב, אַז די פֿענצטער ווערן בלינד, און דאָס הויז ווערט פֿול מיט מרה־שחורה — הויבט אָן דער אונטערשטער געזימס אַנטקעגן הרובע זיך צינדן מיט אַ גאָלדענער רויטקייט, וואָס ציטערט און צאַפּלט זיך. אַ סימן, אַז דער אויוון ברענט און לעבט... און באַלד געפֿין איך זיך אין פֿאָדער־צימער ביים אויוון. איך זעץ מיך צו אויפֿן רעשטל פֿון בינטל האָלץ וואָס ליגט פֿאַרן אויוון, כאַפּ אַרום די קני מיט ביידע הענט, בויג איין דעם קאָפּ, און פֿאַרקוק זיך. די שייטלעך האָלץ אין אויוון זיינען האַרט, נאַס, קאַלט. דאָס רוב שייטלעך זיינען אָנגעזעצט מיט סענקעס, אָנגעפּעלצט מיט פֿאַרהאַרטעוועטן שניי, און באַהאַנגען מיט ציטערדיקע ווייסע קאָלטענעס, ווי שטיקלעך באָרד. דאָס קליינע פֿלעמל פֿון די טרוקענע שפּענדלעך אונטער די שייטלעך, איז נאָך שוואַך און ציטערט אום, און איטלעך מאָל וואָס ס׳טוט אַ ציטער און אַ רויכער — טוט מיר אַ קלאַפּ אין האַרצן. כ׳האָב מורא, ס׳זאָל זיך ניט אויסלעשן איידער די שייטלעך ברענען זיך איין. מיינע אויגן עסן זיך איין אין יעדן לעק און קוש פֿון גאָלדן צינגל, און איך מונטער אים און טרייב אים אונטער. „אַרויף, אַרויף, אויף יענעם שייטל האָלץ — טענה איך צו אים אין האַרצן — פֿון זייט, פֿון זייט, טו אים אַ נעם, העכער, העכער אַביסל טו אַ קלעטער, העכער, אויפֿן רוקן. אַזוי, אַזוי איז בעסער, איצט כאַפּ אים אָן פֿאַרן בערדל, פֿאַרן בערדל“... און ס׳קליינע פֿלעמל פֿאָלגט, פֿלעכט זיך, דרייט זיך, וויקלט זיך אין די שייטלעך, טאַפּט און זוכט דעם געהעריקן פּלאַץ זיך אָנצוכאַפּן. פֿון אויבן, אין קוימען, דערטראָגט זיך אַ קלאָגן פֿון ווינט, און דאָס געקלאַנג פֿון די אייזערנע יושקעס. איך ציטער אינגאַנצן פֿון קעלט וואָס שלאָגט פֿון דיל און פֿון בינטל האָלץ; אַ שטראָם ווינט רייסט זיך אַרונטער פֿון קוימען אין אויוון אַריין און שיט מיך אָפּ מיט נעכטיקן קאַלטן אַש — און איך ריר זיך פֿון אָרט נישט. דאָס האַרץ און אויגן זיינען פֿאַרטיפֿט אין פֿייער. און אַז דאָס פֿייער ברענט זיך גוט פֿאַנאַנדער — טו איך זיך ערשט מיט אַלע חושים אַריין אין פֿייער. איך זע און הער עפּעס אַזוינס, וואָס דאָס מויל איז נישט ביכולת איבערצוגעבן. אַ מין געזאַנג הער איך, אַ פֿאַרהוילטן געזאַנג, אַן איידלס, וואָס ברומט אַרויס פֿון די טיפֿענישן פֿון סאַמע האַרץ פֿון די קוילן, וואָס פּלאַצן איבעווייניק, ווי דאָס פּלאַצן פֿון טויזנטער פֿאַרהוילענע סטרונעס, וואָס זיינען צו שטאַרק געוועזן אָנגעצויגן. און אַ מין טאַנץ זע איך אַ משוגענער פֿאַרפּלאָנטערטער טאַנץ פֿון קליינע, לעבע־

דיקע, גאָלדענע צינגלעך. אַ מיש־מאַש פֿון רויטלעכע, בלוילעכע, פּור־פּורנע און קאָלירטע פֿלעמלעך. אַ ים ליכט און שיין גייט אויף, ציט זיך אויס אין פֿעדים, אין פּאַסן, ראַנגלט זיך און שלענגלט זיך, קושט און צאַפּלט זיך, גלעט און האַליובעט. דאָס סודן זיך פֿון הויפֿנס קוילן און לעבעדיקע וואונקען פֿון דימענטן, רובינען. — טסס־ס — שיפּעט אַן עק פֿון אַ האַלעוועשקע צוליב אַ מוטנעם טראָפּן וואָס איז אין קאָכעניש אויף אים געפֿאַלן. פּאַף! — ענטפֿערט אָפּ אַ קויל וואָס איז פּלוצים צעפּלאַצט געוואָרן און זיך צעשאָטן אויף פּיצלעך. און באַלד דערויף ציט זיך אַ שטיל געברום, אַן אויסגעצויגנס, אַ סטרוניקער, דינער שאַרפֿער קלאַנג — דזזין; און פּלוצים — פֿררר! אַ באַרג צעגליטע קוילן האָט זיך צע־שפּאָלטן און זיך אויסגעשאָטן ווי צעשטויבט גאָלד. עס ברענט ווי פֿון אַ ווייס־צעגליטן אייזן. ס'דוכט זיך, אַז באַלד וועט אַרויסקומען פֿון דאָרטן די סאַלאַמאַנדרע, אַ באַשעפֿעניש, וואָס לויט ווי מיינע חברים אין חדר האָבן בקבלה, ווערט געבוירן אין פֿייער, אַ שמוציקע באַשעפֿעניש, איב־גאַנצן רויט, ווי אַ געבראָטענער ראַק. און ס'דוכט זיך ווייטער, אַז ווי נאָר זי וועט אַרויסשפּרינגען פֿון פֿייער, וועט זי זיך אויפֿשטעלן אויף די לעצטע צוויי הינטערשטע פֿיסלעך — און אַ שפּרונג טאָן מיט אַלע אַכט פֿיסלעך דיר אין די אויגן. אַן עקלהאַפֿטער שוידער כאַפּט מיך אַרום; איך פֿאַרמאַך די אויגן און דערשפּיר די היץ אין פּנים און קני און הער מיט פּחד ווי די אייזנס קלינגען אין קוימען — דר־דר־דר... כ'האָב מורא אומצודרייען מיין קאָפּ אַהינטער. עפּעס אַ שד שטייט מיר איבערן רוקן, ער בויגט זיך ממש אַריבער מיר. „מאַמע, מאַמע!" — שרייט דאָס האַרץ אין מיר, אָבער קיין קול קומט נישט אַרויס, ס'ווערט דערוואָרגן אין האַלז. אַ טויטשרעק באַפֿאַלט מיך. די ציינער און די קני קלאַפּן און טרייסלען זיך און ס'האַרץ עקט זיך. דאָס געוויין פֿון קוימען קומט פֿון אַ ווייטן, ווייטן פּלאַץ. און דאָ, אין צייט פֿון סכּנה, בליצט אויף אין מיין מח די „סגולה", יענע סגולה וואָס דער רבי האָט מיר געגעבן אַלס שמירה פֿאַר יענעם שד, וואָס לויפֿט מיך תּמיד נאָך, ווען איך גיי פֿאַרנאַכט צוריק פֿון חדר. האַסטיק פֿאַררוק איךביידע גראָבע פֿינגער פֿון די הענט אין פּאַסיק פֿון די הויזן, און מיט כּוונה שריי איך אויס „שמע־ישראל". די סגולה העלפֿט, דער פּחד ווערט צעפֿליגן, און כ'זיץ מיר ווייטער און קוק אין אויוון. די האַלעוועשקעס צעפֿאַלן גלידערווייז. די קוילן ווערן טונקעלער. דער אַש ווערט מערער. איין האַלעוועשקע, פֿינקלדיקער שוואַרצער אַטלעס, מיט געפּאַסקעוועטע, געקעסטלטע איינשניטן, ליגט

אַן אַ זייט, רויכערט זיך, שלאָגט אַרויס פֿון די איינשניטן מיט בלויע בלעזעלעך, אַזעלכע קליינע דינע זייגלכלעך רויך. דאָס געוויין אין קוימען פֿאַרשטאַרקט זיך. צעבראָכן און פֿאַרשטיקט איז דאָס געוויין, גאָר ס׳ציט זיך אָן אויפֿהער אָבער און ווידער... יעדוואָכע, אונזער אַלטע דינסט, קומט אַריין און נעמט אויסקערן דעם אויוון. מיינע ברעמען קלעפּן זיך פֿון זיך אַליין. הוי־וי, דר־דר־דר... — הער איך אַ ווייט געוויין און אַ נאָענט געקלאַפּ פֿון דרימל אַרויס.

און אַ גאַנצע נאַכט, זע איך אין חלום אַזעלכע מינים שוואַרצע נפֿשות, מיט פֿאַרסאַזשעטע פּנימער, אַזוי ווי קוימענקערערס, שטייען אין דער וועלטיקער פֿינצטערניש צעשפּרייט איבער אַ שטיק וויסט פֿאַר־בענקט לאַנד. יעדער איינער שטייט געבויגן איבער בערגלעך מיט ברע־נענדיקע קוילן, און זיי שאַרן און שאַרן, איטלעך פֿאַר זיך, מיט זיין קאָטשערע. די בערגלעך קוילן גיבן אַרויס ליכט בלויז פֿאַר זיך אַליין און פֿאַר די בייזע פּנימער פֿון די שאַרער, אָבער דער חלל פֿון דער וועלט, פֿון אונטן און אויבן, פֿון פֿאָרנט און הינטן, בלייבט, ווי געווען, שטאָק־פֿינצטער. אויף די שפּיצן פֿון די בערגלעך, שטייען און טאַנצן אויף די לעצטע הינטערשטע פֿיסלעך אַזעלכע מינים פֿילפֿיסיקע סאַלאַמאַנדרעס; זיי שטרעקן אויס מיילכלעך און מיאוסע פּנימער צו דער הויך, און שאָק־לען מיט פֿייכטע שמוציקע פֿיסלעך אין חלל פֿון דער וועלט.

ז

לאָקש!

אין חדר בין איך דערווייל אַריבער אין דער כּתּה פֿון די „בעלי חבור". פֿון איצט און ווייטער זיינען מיר, די קינדער פֿון דער כּתּה, מחויב צו חזרן אַלע צוזאַמען, מיט אַ נגון און אויפֿן הויכן קול, עפּעס אַזוינע מאָדנע זאָגענישן אויף אויסנווייניק, צום סוף פֿון יעדן פּסוק. אַזוי האָט דער רבי גוזר געווען. פֿונוואַנען דער רבי נעמט די דאָזיקע זאָגענישן, ווער שטעלט זיי אים צו, און וואָס פֿאַראַ סמיכות־הפּרשה זיי האָבן מיטן פּסוק פֿון חומש — דאָס האָב איך נישט געוואוסט, און ס׳איז מיר נישט אָנגעגאַנגען צו וויסן. ווייל, דער אמת איז, דער ענין איז בכלל ניט שווער: ס׳איז נישט שווערער ווי מלופום־בית — בו, ווי „רק" — ביירערט, און „אחו" — געמויזעכץ. נאָך אַלעמען, איז דאָס אַלץ אַ גזירה, און אויף אַ גזירה פֿרעגט מען קיין קשיות ניט. דער עיקר איז, מ׳טאָר נישט בלייבן אַליין. ווייל, כּל־זמן איך זינג און שריי צוזאַמען מיט דער

חברותא, איז נאָך אַ האַלבע צרה, פאַרקערט, אדרבא ואדרבא... שטעלט זיך אָבער די כתה אָפּ אויף אַ רגע, און מיין קול לאָזט זיך הערן ווייטער — איז מיין לעבן קיין לעבן נישט... און איך בין חושד מיינע אַנדערע חברים, אַז זיי פילן אויך דאָס אייגענע וואָס איך. צו וואָס, אַ שטייגער, זיינען מיר געווען געגליכן אין יענער שעה? צו אַ רעדל בלינדע וואָס גייען בקאָמפּאַניע, האַלטן זיך אָן, שפּאַרן זיך אָן איינער אָן אַנדערן; גייען איבער שווימענדיקע קריעס אייז. יעדער איינצלנער פאַרלאָזט זיך יאָ און פאַרלאָזט זיך נישט אויף דעם צווייטן, און אַלע צוזאַמען שלעפּן זיך און ווערן געשלעפּט איבערן תהום... ס׳זעט אויס, אַז דאָס איז שוין די טבע פון „חבורניקעס״ זינט וועלט איז וועלט, און ס׳איז נישט איבער־צומאַכן. און אויב דאַנערשטיק, אין חדרשן יום־הדין, האָבן זיך דאָך געפונען קינדער, וואָס האָבן דאָס געקענט איבערזאָגן איינציקווייז, ווי ס׳געהער צו זיין — איז דאָס מעשה־נסים. איך, שמואליק, האָב כמעט ניט פאַרשטאַנען אײן וואָרט פון דעם גאַנצן „אויסריידעכץ״. אין מח זיינען געבליבן שטעקן דוקא דאָס געמויזעכץ, דער „בייערט״ און דער „ביי־שטידל״, און נאָך אַזעלכע טשיקאַווע מלמדישע ווערטער, וואָס איך האָב קיינמאָל פריער נישט געהערט. אָט די ווערטער — האָב איך געטראַכט — זיינען דער עיקר תורה, און דאָס איבעריקע — איז נישט מער ווי אַ טפל. די דאָזיקע טומטום־ווערטער האָבן זיך אויפגעהיט ביי מיר אין האַרצן, און אין אַ פרייער מינוט, ווען איך זיץ אין פירהויז הינטערן פעסל וואַסער, פלעגן זיך אַרויסשיילן פון זיי, ווי זומער־פויגעלעך פון די אייעלעך, שיינע פאַנטאַסטישע זאַכן, וואָס פלעגן מיר פאַרשפּילן אין מיין איינזאַמ־קייט. אייניקע פון זיי האָבן געלעבט פאַר אַ רגע: געקומען, אויפגעבליצט, און איידער כ׳האָב זיך גוט צוגעקוקט צו זיי — נישטאָ! פאַרפלויגן — און נישט געוואָרן. אַנדערע ווידער זיינען געווען ביי מיר שטענדיקע געסט, און אַפילו נאָענטע חברים — איך דאַרף נאָר פאַרמאַכן די אויגן, און זיי זיינען דאָ. מיט נאָך אַנדערע האָב איך געפירט גאַנצע געשעפטן, און צווישן אונז זיינען פאָרגעקומען וואונדערלעכע זאַכן, וואָס איך האָב קיינעם אויף דער וועלט נישט געקענט דערציילן, קיינעם אויף דער וועלט נישט, אַפילו נישט מיינע חברים פון חדר. ערשטנס, האָבן זיי, די חברים, דאָס נישט פאַרדינט ביי מיר, זיי לאַכן אָפּ און חוזקן פון מיר און רופן מיך „בעל־מציצה״, און נאָך אַזעלכע שיינע נעמען. און צווייטנס, קען געמאָלט זיין, אַז זיי וועלן מיר אפשר ניט גלויבן — ניין, זיי וועלן געוויס נישט גלויבן. זיי וועלן מיר נאָך געבן אַ נייעם צונאָמען.

נעמען און צונעמענישן האָב איך געגנוג, איבערגענוג. יעדע צונעמעניש פֿון אַ געוויסן פֿאַל, און יעדער נאָמען איז געבויט אויף אַ געשעעניש, אַ מעשה שהיה. אַחוץ די אויבנדערמאָנטע „בעל־מציצה” און „דער מאַן מיט דער פּיפּקע” — האָב איך זוכה געווען צו נאָך און נאָך אַנדערע נעמען, ווי למשל: גולם, בעל־חלומות, לא־יוצלח, אַנשיקעניש, פּרא־אדם, א. אַ. וו. נאָר דער לעצטער איז דער שענסטער: לאָקש! — אַ צווייטער נוסח דערפֿון איז: לעקשעלע! — פֿאַרקלענערט און פֿאַרשענערט.

פֿאַרוואָס לאָקש? — צוליב אַ מעשה שהיה. די מעשה איז געווען אַזוי. איך זיץ מיר אַזוי פֿרייטיק בייטאָג אין חדר און חזר איבער פֿאַרן רבין פֿון אַן אַלטן צעפֿליקטן חומש אַרויס די סדרה פֿון דער וואָך. דער רבי זיצט, ווי זיין שטייגער איז יעדן ערב־שבת, איבער אַ ליימענעם צעשפּאָלטענעם שיסל און זופּט אַרויס מיט אַ הילצערן לעפֿל עפּעס אַ מוטנע געמישעכץ, וואָס האָט אַ פּנים פֿון צעריבענעם הייוון. (דאָס דאָזיקע לעפּלעכע געמישעכץ האָט דער רבי ליב געהאַט, סכּנות־נפֿשות.) ער זופּט און איך זאָג, איך זאָג און ער זופּט. פּלוצים — טפּררר! — עפּעס אַ „ויתמהמה” (ס'איז געווען די סדרה „וירא”) האָט זיך מיר, ווי דער שטן, געשטעלט אין וועג און פֿאַרהאַלט מיך. דאָס דאָזיקע משונהדיקע לאַנגע וואָרט — וואָס איז זיין טייטש? ניט נאָר דאָס טייטש פֿון וואָרט איז מיר פּלוצים אַרויס פֿון זינען, נאָר דאָס וואָרט גופֿא, ווי ס'שטייט און גייט, זעט אויס ביי מיר אין די אויגן, ווי אַ פֿרעמד, ניי באַשעפֿעניש. ס'איז נאָר וואָס אַרויסגעשפּרונגען פֿון חומש, און כ'הייב נישט אָן וויסן, וואָס טוט עס דאָ? אַביסל האָט גורם געווען דערצו דער „שלשלת”, וואָס איז איבער אים געהאַנגען. אויך אים, דעם שלשלת, האָב איך ביז איצט נישט באַמערקט. ווי איך בין אַ איד, דער דאָזיקער שלשלת איז ווי דער פּאַפּירענער שלאַנג, וואָס מיטקע, אונזער שכן טראָכימס זונדל, האָט נעכטן געלאָזן פֿליען איבערן דאַך. דערווייל האָט אויפֿגעלויכטן פֿאַר די אויגן אַ מין ווייס פֿלעכטל אין רביס באָרד, אויפֿגעלויכטן — און נעלם געוואָרן. מיינע אויגן זיינען מכּלומרשט אַריינגעטאָן אין חומש, אָבער מיין געדאַנק וואַנדערט אום. פּלוצלונג, אַליין נישט ווייסנדיק, ווי אַזוי — האָב איך אויפֿגעהויבן מיין קליינעם פֿינגער צום רבינס באָרד און מיט אַ משונהדיקער שמחה אויסגעשריען: אוי, אַ לאָקש! כ'קען שווערן ביי וואָס איר ווילט אַליין, אַז דאָס דאָזיקע ווערטל האָט זיך אַרויסגעכאַפּט ביי מיר פֿון זיך אַליין, אָן חכמות און אָן שלעכטע כּוונות, חלילה. אַזוי זופּנ־

דיק, איז פֿון רבינס לעפֿל אַרויסגעפֿאַלן און געבליבן שטעקן אין באַרד אַן אמתער לאַקש. אַ ווייסער געדרייטער לאַקש, ווי אַ שלשלת; און דאָס איז דאָס פֿלעכטל, וואָס האָט אויפֿגעלויכטן פֿאַר מיר בשעתן חזרן. כ׳האָב נישט געוואוסט וואָס אַזוינס דאָס איז, און ווען כ׳האָב אים פּלוצים דערזען איינגעפֿלאָכטן אין באַרד — איז מיר ליכטיק געוואָרן אין די אויגן, און כ׳האָב זיך מיט אַן אמת דערפֿרייט... נאָר דער רבי מיט די חברים האָבן געמיינט אַנדערש. זיי, די חברים, האָבן אויסגעבראָכן אין אַ גרויס געלעכטער: „כאַ־כאַ־כאַ, אַ לאַקש!" — און ער, דער רבי, איז אויפֿגעשפּרונגען פֿון פּלאַץ, ווי אַ שלאַנג וואָלט אים אַ ביס געטאָן, און איז אָנגעפֿאַלן אויף מיר מיטן לעפֿל אין האַנט, ווי אַ גזלן. ער האָט מיך געהרגעט און געשלאָגן מכות־רצח: „נאַדיר אַ לאַקש! נאַדיר אַ לאַקש!" — נאָר זאָל די רביצין דערמאָנט ווערן צום גוטן. ווען זי שפּרינגט נישט אַרויס פֿון קיך מיט דער קאָטשערע אין האַנט און קומט מיר נישט צוהילף — וואָלט מען מיך פֿון חדר אַרויסגעטראָגן אין ליילעכער.

נאָך דער דאָזיקער מעשה, בין איך אַ צוויי וואָכן צייט געלעגן קראַנק אין בעט, און געפֿלוידערט פֿון היץ: „לאַקש, טאַבעקע, ויתמהמה, סאַלאַמאַנדרע"... אַז כ׳האָב זיך אויפֿגעהויבן פֿון בעט, האָב איך בשום אופֿן נישט געוואָלט צוריקגיין ביי רבי גרשונען אין חדר. וואו דען וויל איך גיין? — איך וויל ביי ר׳ מאירן אין חדר, דאָרט אונטן אין טאָל, אַרויס פֿון געסל. וואָס עפּעס דאָרטן? — ווייס איך אַליין נישט. כ׳בין איינמאָל דאָרט דורכגעגאַנגען, און דער טאָל איז מיר געבליבן איינגעבאַקן אין האַרצן. כ׳האָב געזען דאָרטן זאַמדיקע בערג, אַ וואַסער־שטראָם האָט פֿון טאָל אַרויסגעשלאָגן, און אַ סך, אַ סך גרינסן — אַ ים מיט גרינסן. פֿון די גרינסן אַרויס האָט אַרויסגעקוקט אַן אַלטע חורבה, אַ פֿאַרוואַקסענע מיט קוסטעס און ווילדגראָז. מיינע חברים פֿלעגן האַלטן אין איין רעדן וועגן דעם טאָל, זיך אַנדערציילט מעשות און וואונדער פֿון דער חורבה. ביינאַכט — האָבן זיי דערציילט — איז אַ גרויסע סכנה אַראָפּצוגיין אין טאָל, צוליב די מתים און מזיקים. איינמאָל איז יחיאל דער שמאַטע־קלייבער אַריין אין חורבה זוכן שמאַטעס, האָט ער געטראָפֿן דעם אַלטן ר׳ קהתן, אָט דער וואָס האָט דערהרגעט זיין ווייב, און איז פֿאַראיאָרן געשטאָרבן, ווי ער זיצט אין אַ ווינקל אויף אַן איבערגעקערט פֿעסל, און לויזט זיין טלית־קטן... דער דאָזיקער גאַנצער ענין און די סכנה וואָס איז מיט דעם פֿאַרבונדן האָט מיך נאָכמער צוגעבונדן צום טאָל. אַז ס׳האָט זיך מיר אַצינד געמאַכט אַזאַ געלעגנהייט — האָב איך

באַשלאָסן עס ניט דורכצולאָזן. זאָל זיין וואָס ס׳איז — איך וויל ביי ר׳ מאירן אין חדר.

די מאַמע האָט מיר נאָכגעגעבן, און דער טאַטע האָט זיך דאָס מאָל ניט איינגעקשנט. פאַר מיר אין די אויגן האָט ער געדערכט געגעבן ר׳ גרשונען מיט זיינע קלעפּ. „גוט אויף אים״ — האָט ער געזאָגט. דאָס הייסט, איך, שמואליק, האָב כּשר פאַרדינט מ׳זאָל מיך ממיתן... אָבער אונטער די אויגן, האָט ער מיטן האַלבן מויל צוגעגעבן, אַז ר׳ גרשון האָט אַריבערגעכאַפּט די מאָס, און אַ רוח אין זיין טאַטנס טאַטן אַריין... אַזוי האָב איך געהערט בפירוש הינטער דער טיר. בקיצור, זכות־אָבות איז מיר ביי געשטאַנען, און כ׳בין אַריבערגעגאַנגען אין ר׳ מאירס חדר.

דאָס וואָס דער טאַטע האָט מיר דאָסמאָל נאָכגעגעבן, איז געווען ביי מיר אַ גוטער סימן, אַז מיין מזל וועט פון היינט אָן אויפגעריכט ווערן. אין געסל וואו מיר וואוינען, אין סמאָלע געסל, איז ר׳ מאירס חדר, דאַרפט איר וויסן זיין, געווען די העכסטע מדרגה פון תורה, קיין העכערס איז נישט פאַראַן. און ר׳ מאיר אַליין איז אויך נישט געראָטן אין אַלע אַנדערע מלמדים — אַ רוח אין זייער טאַטנס טאַטן אַריין, ווי דער טאַטע זאָגט — ר׳ מאיר איז אַנדערש! ער איז אַ שיינער בכּבודיקער מענטש, מיט דער פיינער באָרד און דעם הויכן שטערן; ער רעדט געלאַסן, און זיין גאַנצער הילוך איז בכּבודיק. אַפילו זיין שוואַרצע קאַפּאָטע רופט אַרויס צו זיך דרך־ארץ. די ווייבער בענטשן זיך מיט אים און די קינדער לויפן צו אים אין חדר מיט ליבשאַפט. ער האָט ניט קיין סך תלמידים, און די קינדער באַטראַכטן זיך ווי געהויבענע יחסנים. ער האָט אַ כּתה פון „גרויסע״ וואָס לערנען, אַחוץ חומש מיט רש״י, אַ קאַפּיטל „שוואַרבע״ און אַ בלאַט גמרא. אויב אַזוי, וועל איך אויך זיין אַ גרויסער...

און פאַרנאַכטצו, אין יענעם גליקלעכן טאָג, אַז די שמחה האָט מיך פאַרכאַפּט, און האָב זיך מערנישט געקענט איינהאַלטן, בין איך אַרויס־געלאָפן אין דרויסן אַנצוזאָגן דער וועלט פון מיין גדולה. כ׳האָב געטראָפן אַ חברה קינדער, מיינע פריערדיקע חברים, זיצנדיק און שפּילנדיק אין זאַמד. מ׳שפּילט אין שטיינדלעך און מ׳שיט זאַמד אַרויף צום הימל: דאָס מאַכן זיי „אַ רעגן״. האָב איך זיך אָפּגעשטעלט הינטער זיי, אַביסל אָפּגערוקט, און מיט די הענט פאַרלעגט אויף הינטן, מעשה דערוואַקסענער מענטש, האָב איך זיי אַרויסגעשטעקט אַ צונג, און אַ זאָג געטאָן: „ע, אָבער איך לערן ביי ר׳ מאירן, לערן איך״...

— לאַקש! — האָט די גאַנצע חברה אויסגעזונגען אין איין קול, און אַ וואָלקן מיט שטויב האָט זיך אויפגעהויבן צווישן אונז — לאַקש! לעקשעלע!...

ח

אין טאָל

און זונטיק אינדערפֿרי האָט מיין מאַמע פֿאַרגלעט מיינע פּאותן מיט שפּייעכץ אויף די שפּיצן פֿינגער, מיך אָפּגעווישט די נאָז, פֿאַרשטעקט דעם עק העמד אין שפּענצער פֿון די הייזלעך, מיר מיטגעגעבן צידה־לדרך — און איך גיי צו ר׳ מאירן אין חדר.

ס׳האַרץ האָט מיך נישט אָפּגענאַרט. אַ נייער חדר — אַ נייע וועלט. טאָג־טעגלעך, נאָכן אינדערפֿריאיקן אָפּווישן די נאָז, נעם איך מיט עסן, און גיי אין חדר אַריין — און ס׳האַרץ קען זיך נישט אָנזעטיקן. תיכף ווי מען גייט אַרויס פֿון געסל אין טאָל אַריין, שטייט, אַביסל אָנגעבויגן אויף אַ זייט, ר׳ מאירס איינזאַמע קליינע דירה. הינטער דער דירה — אַ סוכּה, ביי דער זייט — אַ בוים, און פֿון פֿאַרנט — אַ גאָרטן. די דירה גופֿא ליגט באַהאַלטן אונטן אין טאָל אונטער דער יאַרמולקע פֿון בוים, נאָר איר דאַך און דער קוימען וואָס בלאַנקען אַרויס פֿון בוימיקן גרין גיבן צו וויסן פֿון איר די דורכגייער. ס׳זעט אויס, ווי דער קוימען האָט זיך לכתחילה אַרויפֿגעכאַפּט אויפֿן שפּיץ דאַך, כּדי אַ קוק צו טאָן דורך דער בלעטער־נעץ, און זען, וואָס טוט זיך עפּעס אויף יענער זייט. די דירה פֿון דרויסן איז אַ ליכטיקע, אַ פֿריילעכע: אינגאַנצן ווייס ווי שניי. אונטער די פֿענצטער איז זי אַרומגעגאַרטלט מיט אַ פּאַס פֿון בלויעם פֿאַרב. די פֿענצטער זיינען אויך איינגעפֿאַסט אין אַ קראַנץ פֿון בלויע בלומען און בלעטער, ווי מיט לעבעדיקע וועוועריקלעך. די גראָז־באַנק אונטן, ביים פֿונדאַמענט פֿון הויז, איז אינגאַנצן גרין און ניי. צו דער רעכטער וואַנט שטייט צוגעשפּאַרט אַ לייטער וואָס פֿירט צום בוידעם, אַריינצוקריכן דורך אַ שוואַרצער לאָך, וואָס וואַרפֿט אָן אַ שטיקל מורא. איבער דער לאָך שטייט אויפֿן שפּיץ דאַך, דרייט זיך אָן אויפֿהער אַ קליין רעדל, אַזוי ווי אַ ווינטמיל, דרייט זיך און זשומעט און צעשטרייט אַביסל די מורא... דאָס רעדל האָט ר׳ מאיר אַליין געמאַכט מיט די אייגענע הענט. ער איז אַ גרויסער מייסטער און האָט ליב אַלץ אַליין צו מאַכן. ביינערנע אויער־לעפֿעלעך און צאָן־שטעכערלעך און נאָך אַזעלכע קליינע זאַכן וואָס זיינען אי שיין, און אי ניצלעך. ער האָט צוויי טאַבאַק־שקעטע־

לעך, איינס אַ קאַרענע אויף אינדערוואַכן, און איינס אַ ביינערנס, אויס־געשניצט פֿון אַ האָרן, אויף שבת — אוןביידע געמאַכט מיט די אייגענע הענט. דער „מזרח" און דאָס בילד פֿון מרדכי און המן, וואָס הענגען אויף דער וואַנט — אויך זיין אַרבעט. אַז מיר קומען אין חומש צו דער אַרבעט פֿון משכן — באַווייזט ער אונז, אין אַ קליין פֿאָרמאַט, דעם משכן מיט זיינע כּלים, מיט די בגדי כּהונה; די מנורה, מיטן טיש, מיטן מזבח, מיט אַלץ מיטאַנאַנדער, ר' מאיר האָט עס אַלץ אַליין אויסגעשניצט מכּמה זמנים, און ער היט זיי אָפּ פֿון יאָר צו יאָר אין דער ווינקלדיקער דריי־גאָרנדיקער טאַזשערקע. מ'זאָגט אויף אים, אַז ער איז אויך אַ „קריצלער" — נאָר איך ווייס נישט, וואָס דאָס איז אַזוינס, ס'הייסט, ווייסן ווייס איך, אַז „מחוקק" איז אַ קריצלער, אָבער וואָס דעם קריצלערס עובדא איז, ווייס איך נישט. מיינע חברים ווייסן אויך נישט, און פֿרעגן ר' מאירן — שעם איך זיך, ווייל ער איז אַ נוגע בדבר. ר' מאירס סוכּה איז בעסער און שענער פֿון אַלע אַנדערע סוכּות אויף דער וועלט. זי שטייט, ווי זי איז, פֿון יאָר צו יאָר, און ר' מאיר ציט פֿון איר פֿאַרשיידענע נוצן. ער באַנוצט זי פֿאַר אַ סך זאַכן: אַ סקלאַד אויף צו האַלטן האָלץ, אַ שטעלכל פֿאַר דער ציג, אַ שטייג אויף צו שטאָפּן גענדז, אַ שפּייכלער פֿאַר בולבעס און אוגערקעס, און זומערצייט — אויך אַ חדר פֿאַר די תּלמידים. אַ לייכטע קילקייט און אַ דינע טונקעלקייט שפּרייטן זיך תּמיד אין דער סוכּה, און דאָס ליכט טריפֿט אויף די חומשים אין גאָלדענע טראָפּנס דורכן סכך. אַז ר' מאירן איז גוט אויפֿן האַרצן, און ער וויל אונז אָנטאָן אַ נחת־רוח, טראָגט ער פֿאַרנאַכטצו אַרויס זיין שטול מיטן טיש מיט די צוויי לאַנגע בענק פֿון סוכּה אַרויס, און מיר זעצן זיך אויס און לערנען תּורה אונטערן בוים, צווישן הויז און גאָרטן. בנאמנות, איך ווייס נישט, וואָס קען זיין בעסער. פֿונאויבן, בויגט זיך איבער אונז דער בוים מיט זיין גרינער חופּה, פֿול מיט פֿויגל־געזאַנג און געפּלאַטער פֿון נישט־געזעענע פֿויגל. אויף רעכטס — בויגט זיך דער טאָל אַרונטער משופּעדיק, ער און דער ים מיט גרינסן. טיף אין דער נידער, קוילערט זיך און גלאַנצט דער זילבערנער שמאָלער וואַסער־שטראָם; ער ברומט און בלעזלט זיך, און לויפֿט, ביז ער ווערט נעלם אונטער דעם גראָזיקן צודעק. אַנטקעגנאיבער אונז — אַ הויכער זאַמדיקער באַרג, מיט אַ גרין וועלדל אויפֿן שפּיץ. אַ גרויסע רויטע זון איז געבליבן שטעקן צווישן די בוימער און צינדט זיי אין פֿייער, „דער סנה ברענט אין פֿייער" — קומט מיר אויפֿן געדאַנק. פֿייערדיקע בלומען און גאָלדענע ריטער ציען

זיך פֿון דאָרטן, פֿון צווישן די צווייגן, צינדן פֿייערלעך אונז אין די אויגן, און שטראַלן אויף ר׳ מאירס בלאַסן שטערן און שוואַרצער באָרד. איטלעך האָר שטראַלט באַזונדער. ער זעט איצט אויס אין מײַנע אויגן, ווי איינער פֿון די אַמאָליקע תּנאים, ווי למשל, ר׳ שמעון בן יוחאי, וואָס זיצט בראָש פֿון זײַנע תּלמידים אין אַ מדבר, אונטער אַ באָקסערבוים, און אָפּגעשיידט פֿון דער גאַנצער וועלט, איז ער עוסק אין סתרי־תּורה. יענע שעה — איז אַ שעה פֿון רחמים, פֿון טיפֿער בענקשאַפֿט און הייליקייט. די זון האַלט שוין גאָר נאָענט צו דער שקיעה. די לופֿט איז שמעקעדיק, און מיר לייענען און פֿאַרטייטשן געשמאַק פֿאַרן רבין אַ קאַפּיטל תּהלים: „וואויל איז דעם מענטשן וואָס גייט נישט אין דער עצה פֿון רשעים... נייערט גאָטס תּורה איז זײַן פֿאַרלאַנג, און אין זײַן תּורה טראַכט ער טאָג און נאַכט. און ער וועט זײַן ווי אַ בוים אַ פֿאַרפֿלאַנצטער איבער קוואַלן וואַסערן״. אָדער: „אַז גאָט איז מײַן פּאַסטוך, טוט מיר גאָרנישט פֿעלן. אין גראָזיקע וואוינונגען מאַכט ער מיך הויערן, בײַ שטילע וואַסערן טוט ער מיך פֿירן. אַפֿילו ווען איך גיי אין טאָל פֿון טויט, האָב איך פֿאַר שלעכטס קיין מורא נישט״. — טייטשן די ווערטער ווערט איבעריק, כּמעט, אַז עס שעדיקט דעם ענין. די ווערטער פֿליסן פֿון האַרצן אַרויס, און זייער מיין איז פֿאַרוויקלט אין זיי גופֿא. דער טויער פֿון פֿאַרשטאַנד עפֿנט זיך פֿון זיך אַליין: „כּעץ שתול״ — מיינט, פּשוט פּשט — אָט דער בוים וואָס מיר זיצן אין זײַן שאָטן. אויף „קוואַלן וואַסערן״ — אָט דער וואַסערשטראָם וואָס פֿליצט אין טאָל. אין „טאָל פֿון טויט״ — דאָס איז די חורבה, וואו ס׳געפֿינען זיך די מזיקים, און דער רבי האָט אָנגעזאָגט, מיר זאָלן אַהין אַ פֿוס נישט אַריינשטעקן. „דו גרייטסט פֿאַר מיר אַ טיש״ — איז נישט קיין אַנדער טיש, ווי דער דאָזיקער, אַרום וועלכן מיר זיצן אַרומגעזעצט און לערנען גאָטס תּורה... „מײַנע שונאים״ — ווער זײַנען די שונאים, אויב נישט די דאָזיקע שקצים, די יונגע פּאַסטעכער, ימח שמם, וואָס באַווײַזן זיך גאַנץ אָפֿט מיט די שטעקנס און טאָרבעס אויפֿן שפּיץ באַרג, ווײַזן אונז פֿון דערווײַטנס אַ „חזירשן אויער״, און מאַכן פֿון אונז חוזק: גיר־גיר־גיר... אָט דאָס זײַנען דאָך די „רשעים פֿון אשרי״ וואָס וועלן, מירצה־שם, זײַן „ווי מעקענע פֿאַרן ווינט״. פּכע — און נישטאָ זיי...

און אַמאָל שטעלט זיך אָפּ אָפּצורוען איבערן טאָל אַ געזעמל ווײַסע וואָלקנדלעך, קלאָרע מלאכימלעך. דאָס געזעמל פֿאַרהאַלט זיך אַביסל, און פּלוצים שווימט עס ווײַטער ווי ס׳איז געקומען. בלויז איינס פֿון זיי,

דאָס שענסטע און לויטערסטע פֿון זיי אַלע, בינדט זיך אָן צום אַנטקעגנ־דיקן שפּיץ באַרג, און הויערט דאָרטן איינס אַליין. קוקט פֿון דער הויך אַריבער אונז, איבער דער קליינער חבריא, וואָס זיצט דאָ אונטן אין טאָל פֿאַרטיפֿט אין לערנען.

„ווער קען אויפֿגיין אויף גאָטס באַרג, און ווער קען שטיין בלייבן אויף זיין הייליקן פּלאַץ״...

און מיט זונאונטערגאַנג, אַרויפֿקומענדיק פֿון טאָל, פֿאַרזאַם איך מיך אַביסל לענגער אויפֿן ראַנד פֿון טאָל. ס׳האַרץ איז אַנגעקוואָלן, און די אויגן פֿאַרטאָן אין סאַמע ברעג וועלט. באַרג, וואַלד, ברעגן הימל, פֿלאַמען, אַ פֿייערדיקער טייך, גיהנום...

ט

ר׳ מאירס חדר

ר׳ מאירס חדר איז באמת אַ ליכט פֿאַר די אויגן. דורכן דאָזיקן חדר קוק איך דורך פֿון איין עק וועלט ביזן אַנדערן, און קען זיך זאַט נישט אָנקוקן. איך, דער קליינער שמואליק, אַ קליין שוועלבעלע, אַ גאַר־נישט שבגאַרנישט, זיץ מיר איינגעבויגן און איינגעקאַרטשעט אויף אַ האַרטער באַנק אין ענגן נידעריקן חדר; דער חדר געפֿינט זיך אין אַ קליין ליימהייזל, וואָס האַלט זיך אויף הינערשע פֿיסלעך, פֿאַרזונקען אין אַ טאָל אויף איין עק וועלט — און מיין נשמה שוועבט און קוקט אַריין אַהינטער יאָרן טויזנטער און מיילן צענדליקער טויזנטער, אין עק פֿון פֿרעמדע ווייטע וועלטן. פֿון די צעריבענע אותיות פֿון די אַלטע פֿאַר־שימלטע ספֿרים — חומש, רש״י, פּסוק — אַט די דאָזיקע וואָס איך קוק אַריין אין זיי, אַ שטיקל דאָ, אַ שטיקל דאָרט, היפּנדיק און כאַפּנדיק, און ניט אין געהעריקן סדר — גייען אויף פֿאַר מיר אין אַ מישמאַש, דורות און יאָרטויזנטער, פֿעלקער און לענדער, מעשות און זאַכן, וואָס זיינען שוין לאַנג אָפּגעווישט פֿון דער וועלט, און ס׳איז פֿון זיי קיין זכר נישט פֿאַרבליבן. איך האָב געשעפּטן מיט די אַמאָליקע, און ווער אַ שותּף אין זייער לעבן און מעשים. און איך דאַרף גאַרנישט אָנקומען צו גאַנצע פּרשות. איך בוי מיר אַליין אויף זייער חרובע וועלט פֿון שטיקלעך פּסוקים, און אַ שטיקל רמז איז מיר גענוג: אַ קליינער כ״ף, אַ הענגענ־דיקער עי״ן, אַן איבערגעקערטער נון, די טראָפּ איבער די ווערטער — דאָס אַלץ איז אויך אַ גוטער מאַטעריאַל פֿאַר מיין בנין. אין אַ שעת־הדחק,

קומט רש״י און טראָגט צו עפּעס זיינס — און ס׳ווערט ליכטיק און היימ־לעך, פּשוט אַ מחיה. כ׳לערן אַרויס דאָס פֿאַרבאַרגענע פֿון אַנטפּלעקטן, און מער פֿון דעם וואָס ס׳איז בפּירוש געשריבן, פֿאַרגאַנצט מיין כּח־הדמיון. און די זאַכן וואָס זיינען מיר אין ר׳ מאירס חדר אַנטפּלעקט געוואָרן, זיינען מיט אַן אמת גרויס און שיין. זאָגט אַליין, פֿון הודו ביז כוש זיינען פֿאַראַן הונדערט זיבן און צוואַנציק מדינות. פּונקט ווי די יאָרן פֿון דער מאַמע שׂרהס לעבן — נישט מער, נישט וויניקער. און נינוה איז אַ גרויסע שטאָט ביי גאָט, וואָס מען באַדאַרף זי דורכמעסטן, איז דאָס אַ מהלך פֿון גאַנצע דריי טעג, פֿינקטלעך, ביז צום האָר. ביי די גבעונים שטייט געשריבן „הצטירו״ און „הצטידו״ — אַזעלכע צוויי אויסטערלישע ווערטער וואָס שמעקן מיט פּרעמדקייט; זיי האָבן זיך געמיט און געקומען פֿון אַ וויטן לאַנד מיט צעפּוילטע בגדים און פֿאַר־לאַטעטע שיך, מיט סוויטעס און פֿאַטשיילעס, מיט לאַבנס פֿאַרשימלט ברויט אין די טאָרבעס און געשפּאַלטענע לאָגלען אויף די פּלייצעס. און די מרגלים זיינען געקומען צו גרויסע באַפֿעסטיקטע שטעט, הויך ביז צום הימל; און אַז זיי האָבן אין גאָס דערזען די ריזנקינדער, און די דריי טרויעריק־באַרימטע באַנדיטן: אַחימן, ששי און תּלמי — זיינען זיי אויס־געקומען ביי זיך אַליין אין די אויגן, ווי היישעריקן, ממש ווי די היישע־ריקן וואָס שפּרינגען און גראַגערן אין הינטערהויפֿן פֿון געסל. (די דאָ־זיקע דריי ברידער, יונגען ווי די צעדערבוימער, גייען מיט די לאַנגע טשופּרינעס, מיט די היטלען פֿאַררוקט אַן אַ זייט, און דער מיטלסטער שפּילט אויף אַ האַרמאָשקע; זיי גייען אָרום, ווי ס׳זעט אויס, תּמיד צוזאַ־מען, און וואַרפֿן אַן אויף אַלעמען אַ מורא.) איז ווי די מרגלים האָבן זיי דערזען — זיינען זיי האַסטיק געלאָפֿן זיך באַהאַלטן. נחבי בן ופסי — הינטער אַ טויער, גדי בן סוסי — אין אַ וועלכטערביידל פֿון אַ פּלוצערן־גאָרטן, גמליאל בן פּדהצור — הינטער די וויינשטאָקן, אָדער צווישן די קעפּלעך קרויט... דאָרטן זיינען זיי אַלע געזעסן באַהאַלטן און אַרויס־געקוקט מיט פּחד אויף דרויסן. און אין הם, אין באַרימטן כּרך הם, זיינען געזעסן, ווי ס׳איז וואויל באַקאַנט, די זוזים. וואָס? — איר ווייסט נישט ווער זיי זיינען? — דאָס זיינען דאָך די יעניקע, וואָס די עמונים רופֿן זיי זמזומים. די אימים זיינען אַנדערע: יענע, דאַרפֿט איר וויסן, האָבן גאָר געוואוינט אין שוה־קריתים. און אין עילם דער מדינה, האָט געקע־ניגט אַ מאָוימדיקער מענטש מיטן גוואַלדיקן נאָמען כדרלעומר. אַ פּרא־אָדם: האָט געזוכט, געזוכט, און נישט געקענט זיך אויסזוכן אַ שענערן

נאָמען, ווי כדרלעומר. אַנדערש זיינען די „כפתורים וואָס נעמען זיך פֿון כפתור", מיט די פתרוסים, נפתוחים און כסלוחים. אמת, איך ווייס נישט גענוי, ווער די דאָזיקע זיינען — אָבער, ס׳האַרץ זאָגט מיר, אַז דאָס זיינען קליינע פעלקערלעך, און די מענטשן זייערע זיינען קליינע און קיילעכ־דיקע בריות, אַ מין שרעטלעך, וואָס וואוינען אונטער איין דאַך און טוען אַלע זייערע מעשים בשותפות. דאָס פֿונוואַנען ווייס איך? אפֿשר דערפֿון וואָס זייערע נעמען קומען תמיד אין לשון־רבים.

חוץ דעם, האָב איך אַביסל באַקאַנטע צווישן די פֿירשטן פֿון אדום, קליינע מלכים אַזעלכע, ווי פּריצים: אלוף קנז, אלוף געתם, אלוף שובל, אלוף יעוש. אין זייער משפחה געפֿינט זיך אָבער איינער אַ וואונדערבאַרער בחור, אַ מזלדיקער מענטש! ענה רופֿט מען אים. דאָס איז דער ענה, וואָס האָט געפֿונען די ימים אין מדבר. אַלץ הייסט אַ מזל! איך בלאָנדזשע גאַנץ אָפֿט אַרום פֿאַר גאַנצע שעהן אין די פֿעלדער, מיט אויגן און הענט אין אַלע קוסטעס, לעכער און גריבער, און געפֿין אַמאָל אַ צעבראָכן שערבל, צי אַ האָרן פֿון אַ קו, אַ נבלה. און ער, דער בעל־מזל, איז אַרויס פֿיטערן זיין טאַטנס אייזלען — און תיכּף געפֿונען די ימים. ווי זעען אויס די דאָזיקע ימים? — איך זאָל אַזוי וויסן פֿון שלעכטס, ווי איך ווייס. דער רבי האָט פֿאַרטייטשט: מוילאייזלען. ס׳הייסט, אַ מין משונהדיקע באַשעפֿעניש, וואָס איז נישט קיין פֿערד און נישט קיין אייזל, נאָר אַ געמיש פֿון ביידע צוזאַמען. בין איך מיך משער, אַז דער ים איז געווען צונויפֿגעשטעלט פֿון צוויי באַזונדערע טיילן: פֿון קאָפּ ביז דער העלפֿט — אַ פֿערד, און פֿון העלפֿט ביזן שפּיץ עק — אַן אייזל. און אַז מ׳וויל, איז פֿאַראַן פֿלאַץ אויך פֿאַר אַן אַנדער קאָמבינאַציע: די רעכטע זייט אין פֿולער לענג — פֿערד, די לינקע זייט — אייזל. די זאַך הענגט אינדער־לופֿטן, און ס׳איז שווער צו באַשליסן איינמאָל פֿאַר אַלע מאָל. ס׳איז קענטיק באַשיינפֿערלעך, אַז דער ים איז אַ נאָענטער מחותן מיט די אחשתרנים פֿון דער מגילה, וואָס האָבן, כּידוע, געהאַט צו אַכט פֿיס; מיט פֿיר לויפֿן זיי, ווייל מיט די אַנדערע פֿיר רוען זיי זיך אָפּ. על־כּל־פּנים, אַ כּשרע מציאה האָט ענה געפֿונען, אַז דער פּסוק האָט געפֿונען פֿאַר נויטיק דאָס מפֿרסם צו זיין, און נישט יעדער איינציקער מענטש איז מסוגל אַזוינס צו געפֿינען.

עוג מלך הבשן — איז אַ געבירטיקער פֿון די רפֿאים, פֿון סאַמע לעצטן רעשטל. אַז ס׳איז אונטערגעקומען דער מבול, האָט נח דער צדיק זיך אויף אים מרחם געווען, און האָט פֿאַר אים געמאַכט פּלאַץ אויסער

דער תבה, אויף אַ דרענגל. דורך אַ פֿענצטערל, פֿלעגט ער אים יעדן טאָג דערלאַנגען עסן. זיצט זיך עוג אויפֿן דרענגל, זיין שטערן קלאַפּט זיך יעדע רגע אָפּ אָן די וואָלקנס, און זיינע פֿיס פּלושקען זיך כּמה מיילן טיף אין וואַסער. ער זיצט און וואַרפֿט אין בית־הבליעה גאַנצע לאַבנס ברויט און זופּט פֿון אַ גרויסן פֿאַרשמירטן קעסל די שיריים פֿון קרופּניק, וואָס נח און זיינע זין האָבן איבערגעלאָזן. און מיט וואָס האָט דער דאָזיקער רשע אָפּגעצאָלט דערפֿאַר? לסוף, אַז די אידן זיינען אַרויס פֿון מצרים, האָט ער אויסגעריסן אַ באַרג מיט די וואָרצלען און געוואָלט אויף זיי אַרויפֿוואַרפֿן. און ער וואָלט זיי געוויס אומגעבראַכט אויך, ווען משה וואָלט זיך נישט איינגעשטעלט, אַ שפּרונג געגעבן מיט זיין האַק אויף גאַנצע צען איילן, אַ זעץ געטאָן אים אין קנעכל, און האָט אים אַוועקגעהרגעט. אַזאַ סוף אויף אַלע רשעים געזאָגט געוואָרן. אַצינד איז בלויז זיין בעט נאָך אים געבליבן, אַן אייזערן בעט, ניין איילן די לענג און פֿיר איילן די ברייט, מיט אַ מענטשנס אייל. געוואַלטיק פּינקטלעך, וואָס לאָזט נישט איבער קיין פּלאַץ פֿאַרן קלענסטן ספֿק. אמת טאַקע, אַז לגבי אַזאַ מענטש וואָס דערלאַנגט צו דער זון אין הויכקייט, וואָס זיין פֿוסקנעכל איז איבער דרייסיק איילן הויך — איז אַזאַ מאָס פֿון אַ בעט אַביסל קאַרגלעך, און ס'קען גאַנץ היפּשלעך פֿאַרקלענערן דאָס מאוימדיקע געשטאַלט. איז וואָס טוט דער הייליקער רש״י? האָט ער, זכרונו לברכה, זיך צוגעאיילט, צוגעגעבן אַ ליאַדע קלייניקייט, און געראַטעוועט עוגס אָנזען. מיט אַ מענטשנס אייל — מאַכט רש״י, מיט עוגס אייל, און עוגס אַן אייל, ווי באַוואוסט, האָט געהאַלטן כּמה וכּמה מיילן. ווײַבאַלד אַזוי, איז דאָס בעט שוין געווען לויט עוגס כּבוד, און פֿון היינט אָן און ווייטער, איז שוין ניטאָ קיין סבה, פֿאַרוואָס זיך צו נעמען צום האַרצן. עס שטייט דאָס בעט מיט אַלע קישנס און פּערענעס אין רבת־בני־עמון ביז אויף היינטיקן טאָג, און ווער עס פֿוילט זיך נישט, זאָל אַריבערגיין אַהין און עס אָנקוקן. אַ גאַנץ געראַם געלעגער פֿאַר אַ גאַנצן פּולק מיט זעלנער.

י

אויפֿן וועג אַהיים און מיינע נסיעות דורך מדבר און ים

פֿול און אָנגעפּראָפּט מיט אַזעלכע קלאָרע פּינקטלעכע ידיעות, פֿלעג אין יעדן טאָג, מיטן זונאונטערגאַנג, זיך לאָזן גיין אַהיים. מיינע חברים צעלויפֿן זיך מיט שמחה און געזאַנג אין זייערע הייזער, און איך בלייב

איינער אַליין אין וועג. דעם טאַטנס שטוב שטייט אויסערן תּחום, אָפּגע־רוקט פֿון געסל, גאַנץ נאָענט צום וואַלד, און איך שלעפּ זיך אַהיין מיטן זאַמדיקן וועג. דער וועג ציט זיך דורך צוויי שורות ביימער פֿון ביידע זייטן; קיין הייזער זיינען אויפֿן וועג נישטאָ, און אינמיטן וועג איז דאָ אַ מסוכּן פּלאַץ: אַ קליין בריקל אַריבערגעוואָרפֿן איבער אַ וואַסער, און ווי מען הערט זיך אָן, האָט זיך אונטערן בריקל איינגענאַדיעט אַ קליין שדל פֿון די כּת־ליצנים. דאָס שדל איז אַפֿילו, לויט ווי מיר, קינדער, האָבן בקבלה, אַ שטילס, און וועט קיין קינדער נישט מזיק זיין, פֿונ־דעסטוועגן, ווען די גאָלדענע שקיעה־קרוין אויף די שפּיצן ביימער נעמט ווערן טונקעלער — פֿאַלט מיר איין ס׳האַרץ. פֿון צווייטער זייט טייך, פֿון וואַלד אַרויס, דערטראָגט זיך צו מיר אַ באַהאַלטענער „קו־קו“, וואָס שרעקט מיך אַביסל. איך שלעפּ מיך פּאַמעלעך, פֿאַרלאָזן און איינזאַם, צווישן די צוויי שורות ביימער. ליכטיקע רויטלעכע פֿלעקן ציטערן איבער מיר, מיינע פֿיס זינקען אין זאַמד, און מיין נשמה, אַ פֿאַרבענקטע, ציט און פֿאַרטראָגט מיך אין די מרחקים.

דאָס גיי איך נישט צו זיך אַהיים — אַ וואַנדערער בין איך, וואָס גייט מיט שטעקן און טאַרבע דורך ימען און מדבריות. שוין אַ לאַנגע צייט — כ׳האָב שוין לאַנג פֿאַרגעסן ווען — ווי איך בין אַוועק וואַנדערן איבער דער וועלט, און ביז איצט, ווינד און ווייִ איז מיר, האָב איך נאָך אַלץ קיין מנוחה נישט געפֿונען. כ׳האָב געקלעטערט אויף בערג, גע־נידערט אין טאָלן, געוואַנדערט פֿון שטאָט צו שטאָט און פֿון דאָרף צו דאָרף, און קיין מוטערמענטש ווייס נישט ווער איך בין, פֿונוואַנען איך קום, און וואוהין איך גיי.

אויפֿן וועג האָב איך זיך צענויפֿגעטראָפֿן מיט אַ קאַראַוואַן ישמעאלים, אָדער דדנים, און האָב שוין פֿון זיי נישט אָפּגעטראָטן. וואוהין זיי גייען — גיי איך אויך, און וואו זיי נעכטיקן — נעכטיק איך אויך.

בייטאָג שניידן מיר דורך מדבריות אין אַ וויסט פֿאַרטריקנט לאַנד, אַ היים פֿאַר שלאַנגען און עקדישן. די יונגעלייט גייען ביי די זייטן פֿון די קעמלען, אָנגעלאָדענע מיט פּעק זיידנס, געוואַנט, שטיקעריי־אַרבעט און פּורפּור־וואָל; פּעק געווירצן און נעגעלעך און כּל המינים בשמים; און די אַלטע, מיט ווייסע בערד און טורבאַנען, רייטן בראָש, מהודרדיק און בכּבודיק, אויף ווייסע אייזעלעך, און די באָזאָקטע און באַסאַנדלטע פֿיס שלעפּן זיך נאָך אויף דער ערד, און לאָזן שפּורן אין דעם זאַמד.

ביינאַכט — נעכטיקן מיר אין די וועלדער פֿון ערב. מיר צעלעגן פֿייערן און שלאָפֿן אַרום זיי, אַרומגערינגלט מיט שטיינער, אַזוי ווי מיט ווענט, אַ גוטע באַוואָרעניש, פֿאַר ווילדע חיות, ווי יעקב אָבינו האָט זיך נוהג געווען צו טאָן, לויט רשי״ס פּירוש.

אין ערגעץ אַ פּלאַץ טשעפּען זיך צו אונז צו די גבעונים, די דאַזיקע כיטרע פּויערים מיט שמאַטעוואַטע בגדים, פֿאַרלאַטעטע שיך און צעשפּאָלטענע, פֿאַרדאַרטע לאַגלען. זיי גייען דעם גאַנצן וועג אָן אַ זייט, אַ קאָמפּאַניע פֿאַר זיך, מיט אומעטיקע פּנימער און צעשראָקענע אויגן, ווי זיי טראָגן זיך אַרום מיט עפּעס אַ טיפֿן סוד. קיינער פֿון אונז ווייס נישט, ווער זיי זיינען און פֿון וואָס זיי טראַכטן — נאָר איך, שמואליק, ווייס; פֿאַר מיר זיינען אַנטפּלעקט אַלע זייערע סודות, פֿון ספֿר יהושע.

אַז גאָט וואָלט וועלן — וואָלט איך מיך אַריבערגעכאַפּט אויף אַ נאַכט אין בית־מדרש פֿון שם־ועבר, דאָס פּלאַץ וואו יעקב אָבינו האָט זיך באַהאַלטן גאַנצע פֿערצן יאָר נאָכאַנאַנד, ווען ער איז אַנטלאָפֿן פֿון זיין ברודער עשון. איך בין זיכער, כ׳וואָלט געפֿונען דאָרטן דעם שטענדער אויף וועלכן יעקב האָט געלערנט, און די באַנק אויף וועלכער ער איז געשלאָפֿן לעבן אויוון. זיי שטייען נאָך געוויס דאָרט ביז היינטיקן טאָג.

און אַזוי לויפֿן טעג, וואָכן, מאָנאַטן... מיר האָבן דורכגעשניטן דעם מדבר צין, דורכגעשפּאָלטן דעם מדבר פּאָרן — און ס׳נעמט נאָך אַלץ קיין סוף נישט. די פּיס זיינען געשוואָלן, די קליידער און די שיך זיינען צעפֿוילט, דאָס ברויט וואָס מיר האָבן מיטגענומען איז טרוקן און פֿאַרשימלט, און די לאַגלען זיינען אַלע צעשפּאָלטן, אָן אַ טראָפּן וואַסער. ס׳וואָלט געהאַלטן מיט אונז זייער שמאָל — ווען מיר דערזעען נישט פּלוצים חצצון־תּמר פֿאַר די אויגן. דער קאַראַוואַן האָט ממש אָפּגעלעבט! די אייזלען און קעמלען האָבן אָנגעהויבן לויפֿן ווי די אַחשתּרנים, און נאָך פֿאַר דער שקיעה, פֿאַר קבלת־שבת האָבן מיר געמאַכט לאַגער. דאָרט, אין חצצון תּמר, האָבן מיר געפֿונען גאַנצע צוועלף זיסע קאַלטע וואַסער־קוואַלן און זיבעציק טייטלבוימער, און מיר האָבן געהאַלטן שבת ביים וואַסער.

פֿון חצצון־תּמר אָן — איז דער וועג גרינג און לייכט, אַ שפּאַציר. פֿון רמון־פּרץ נאָך מתקה, פֿון מתקה נאָך חור־הגדגד, פֿון חור־הגדגד נאָך יטבתה. שטעט און דערפֿער ציען פֿאַרביי. אַלע וואַנדערנישן פֿון פֿערציג יאָר מדבר — אין עטלעכע מינוטן.

און פּלוצים געפֿין איך זיך גאָר אויף אַ שיף. דאָס שיף גייט נאָך אופיר. ים, הימל און וואַסער. אין אַ ווינקל פֿון שיף דרעמלט איינער אַן אַלטער מאַן אויסגעצויגן אויף זיין קלומיק. איז דאָס נישט אַמאָל יונה הנביא? — אויב מיר'ן קומען בשלום אַהין וואו מיר פֿאָרן — וועלן מיר ווערן שטיין־רייך. גאָלד וואַלגערט זיך דאָרטן אום, ווי שטיינער. מיר'ן אָנפּאַקן דאָס גאַנצע שיף מיט גאָלד; אַז מיר'ן זיך נישט פּוילן, וועלן מיר, פֿאַראייניוועגס, זיך אַראָפּכאַפּן אין חוילה, וואָס איז אַרומגערינגלט פֿון טייך פּישון. דאָס גאָלד פֿון יענער מדינה איז פֿון בעסטן סאָרט, סאַמע 96יקער פּראָבע, דאָרטן איז אויך דאָ קרישטאָל און טייערע שטיי־נער, און ווי איך בין זיך משער, איז דער סמבטיון נישט גאָר ווייט פֿון יענע מקומות.

אַז איך כאַפּ מיך אויף פֿון מיינע דמיונות — איז שוין די זון אַרונ־טער הינטערן וואַלד. צווישן די צווייגן פֿון ביימער ציטערן נאָך צעריי־סענע פֿעדים פֿון זונאונטערגאַנג, גליטשן זיך און פֿאַלן פֿון איין בלאַט אויפֿן אַנדערן, און האָבן נישט קיין תקומה. אַ רגע שפּעטער — און די זון ווערט פֿאַרזונקען אין איר פֿוטערפֿאַס. פֿון די קוסטעס און ווייטלאַכן וואַלד, האָט זיך אויסגעשטרעקט אין זיין פֿולער לענג, ווי נעכטן אין דער אייגענער צייט, איינער, אַ הויכער און אויסגעצויגענער מיט קאָפּ און פּלייצעס, און קוקט אַרונטער מיט רוגזה אויפֿן גאַנצן אַרום. וואָס איז דאָס? אַ בוים? אַ ריז? אַ גזלן מיט אַ האַק? — „דער רשע טראַכט שלעכטס אויפֿן צדיק און זוכט אים צו טויטן"...

און אָט איז שוין דאָס בריקל און דאָס וואַסער אונטן. דאָס וואַסער איז טונקל, פֿליסט און וויינט שטילערהייט פֿון עגמת־נפֿש און שטילער פֿאַרנאַכטיקער בענקשאַפֿט. דער בלינדער אַכרים, וואָס זיצט אַ גאַנצן טאָג אויפֿן שטיין מיט זיין טאָרבע און לירע און בעטלט נדבות אויף זיין צעשפּאָלטן הייזעריק קול — איז שוין אויך נישטאָ. וויסט און טרויעריק. דאָס שדל...

און איך פֿאַרמאַך מיינע אויגן פֿאַר פּחד, דאָס האָלדז ווערט מיר צענויפֿגעדריקט, און איך לויף לויפֿנדיק אַהיים.

יא
דאָס סמאָלע־געסל און די סביבה

אין הם, אין כּרך הם, האָבן געוואוינט די זוזים. נינוה איז געווען אַ גרויסע שטאָט ביי גאָט, פֿול מיט מענטשן און בהמות. ביתר, אָט די,

וואָס די שונאים האָבן חרוב געמאַכט, האָט געהאַט פיר הונדערט מערק, און אין יעדן מאַרק — פיר הונדערט מאַרקלייט. אין איין זייט האָט מען געשחטן און געהרגעט, און אין דער צווייטער האָט מען געשפּילט און געטאַנצט, און איינער האָט נישט געוואוסט פון צווייטן. אויף דער צווייטער זייט סמבטיון זיינען פאַראַן רויטע אידן, ריזן, און אַן אונזעריקער, אַז ער ווערט אַהין מגולגל, לייגן זיי אים אַריין אין ווערסטל־קעשענע, ווי אַ נוס, אָדער אַ שנופּטוך, למשל, און פאַרגעסן אַן אים.

אין סמאָלע־געסל איז נישטאָ קיין זכר אַפילו פון אַט די אַלע גרויסע זאַכן, אַ האָר אויך נישט. דאָס סמאָלע־געסל איז אַ קליינער אָרעמער ישוב, אַ רואיקער, אַ שטילער. אַז איינער טוט אַ נאָס אין איין עק געסל — שרייט אים דער צווייטער צו „צו־געזונט" פון אַנדער עק. אַז אַ האָן טוט אַ קריי, אום האַלבן טאָג פון איינעם אַ הויף — צעטראָגט זיך דאָס געשריי וויט אַריבערן טייך... ס'איז געגנוג אַרויפצוקריכן אויפן סכך פון אונזער סוכה, אָדער אויפן אויסגעהוילטן בוים וואָס שטייט לעבן אונזער הויז — און דאָס גאַנצע געסל מיט דער גאַנצער סביבה אַרום ליגן אויסגעשפּרייט פאַר מיר, ווי אויף דער דלאָניע... איך זע פאַר זיך אַ דריי צענדליק נידעריקע הייזלעך, ליימענע און הילצערנע, ס'רוב פון זיי מיט אויסגעקרימטע ווענט, מיט קליינע פענצטערלעך און צעפּוילטע דעכער. די אונטערשטע שטיבלעך ליגן צענויפגעטוליעט אונטן אין טאָל, קוקן אַרויס עניוותדיק פון דרערד, צוזאַמען מיט די גראָזן, און שיצן זיך אין שאָטן פון איינצלנע בוימער, קאַשטאַן און נוסבוימער, וואָס שטייען ביי דער זייט. די אויבערשטע שטיבלעך שטייען געראָם פון ביידע זייטן וועג, און קוקן אויס, ווי זיי וואָלטן זיך אַרויסגעראַטעוועט פון טאָל און אַרויפגעקראָכן אויפן באַרג מיט אַ כיוון, זיך אַביסל אָפּצובויגן און אויס־גלייכן די איינגעקרעמפּטע גלידער. אַ צוויי־דריי שוואַכערע שטיבלעך — מיין רבינס איז איינס פון זיי — האָבן זיך אָפּגעשטעלט אינמיטן גאַנג, אַרויפגיין — האָבן זיי קיין העזה נישט. זומערצייט ווערט דער טאָל באַוואַקסן מיט ווילדע הויכע גראָזן, מיט שטעכלקעס און דערנער־קוסטעס, און ווינטער — מיט טיפן אָנגעפּאַלענעם שניי, און די שטיבלעך ווערן דורכדעם אויף אַ העלפט נידעריקער, און גאַנץ אָפט זעט מען בלויז אַרויס אַ קוימען אָנשטאָט אַ שטיבל.

אַ גאַנץ יאָר האָט דאָס געסל אַ פּנים, ווי סע וואָלט געלעגן און געדרעמלט. דאָס דרעמל באַפאַלט אים פון אַלע זייטן אַרום: פון ברייטן זאַמד־פאַרגאַסענעם וועג, וואָס גייט פון וואַלד אַרונטער און שניידט

איבער ס׳געסל אין סאַמע מיטן; פֿון אַן איינציקן וועגל, וואָס קריכט ציטנוויז אויף דעם דאָזיקן וועג, פֿאַרזונקען אין זאַמד ביז די האַלבע רעדער; פֿון פֿויער מיט די ברייטע לייווענטענע פּלודערן, אין וואַליקעס און פֿוטערנעם היטל, מיט דער ליולקע צווישן די ציינער — וואָס שפּאַנט הינטערן וואָגן, פֿון פֿוילן „צאַבצאַבע״ מיט וועלכן ער טרייבט אָן די שווער באַהאָרנטע אָקסן, וואָס שלעפּן זיך פֿאַמעלעך; פֿון די שטילע פֿעלדער און וועלדער; פֿון דער הויכער גאָלדענער תבואה, וואָס כוואַליעט זיך פֿון בייטאָגיקן לייכטן ווינטל; פֿון דעם זשומען און צוויטשן וואָס האַלט אָן גאָר אָן אויפֿהער צווישן די גראָזן, ביז אַלע חושים ווערן אָפּגע־טעמפּט און די אויגן קלעפּן זיך; פֿון די הילצערנע אַלטע צלמים אויף „זייער״ בית־הקברות, וואָס שטייען איינגעבויגן איבער זייערע בערגלעך, און קוקן מיט שטילן עגמת־נפש אַריבער דעם איינגעפֿאַלענעם גדר; פֿון די שטרעקעס זאַמד וואָס נעמען זיך שפּרייטן, ווי אַן סופֿיקער מדבר, גלייך הינטערן בית־הקברות...

אויך די מענטשן פֿון געסל זיינען נישט קיין זוזים און נישט קיין זמזומים. זיי זיינען שטילע אָרעמע מענטשן מיט קליינע השגות און קליי־נע פֿאַרלאַנגען. זיי יאָגן זיך נישט נאָך גרויסע זאַכן און זוכן נישט קיין גליקן. זייער האַנדל — איז אַ גראָשנדיקער, און זייער סחורה — אָפּפֿאַל און שיריים. זומערצייט — האָבן זיי אַ גרויסן צוויג פֿון פּרנסה, וואָס באַשטייט פֿון סמאַלע און שמירעכץ פֿאַר וועגענער; שטומע פֿליסיקייטן, וואָס גיסן זיך איבער שטילערהייט פֿון איין כּלי אין דער צווייטער, גיבן נישט אַרויס פֿון זיך קיין קלאַנג און האָבן אויף קיינעם קיין תּרעומות נישט. אַ מענטש שטעלט אַוועק פֿאַר דער טיר פֿון זיין שטיבל, אָדער פֿון זיין קרעמל, אַ פֿעסל מיט אַ צעבער, און פֿאַרקויפֿט סמאַלע און שמירעכץ אויפֿן קווערטל צו די דורכפֿאָרנדיקע פֿויערים. צווישן איין קונה און דעם צווייטן, שטייט זיך די זון אין הימל פּוסטעפּאַס — און די סמאַלע שטייט גאַנצע שעהן נאָכאַנאַנד אָן דער מינדסטער באַוועגונג אין די פֿעסלעך און צעבערס; גלאַנצט אין פֿולשטענדיקער רו מיט איר פֿעטער שוואַרצקייט און ווערט מגולגל אין אַ שוואַרצן קיילעכדיקן אומ־זיסטיקן שפּיגל פֿאַר דער זון, פֿאַרן הימל, פֿאַר די לייכטע וואָלקנדלעך, פֿאַר די מיידלעך וואָס גייען פֿאַרביי און פֿאַרן פֿויגל וואָס פֿליט אַדורך.

און דער טייך, וואָס דרייט זיך אַרום דעם סמאַלע־געסל, איז ניט פּישון, נאָר טעטערעוו. און ער דרייט זיך נישט אום דוקא, נאָר ער גייט זיך די מערסטע טעג פֿון יאָר רואיק און געלאַסן, אַן איבעריקע קונצן

און אָן חכמות. ער נעמט צו שטילערהייט, פֿאַרבייגייענדיק, פּל־ערליי מתּנות, אָפֿענע און באַהאַלטענע, ווי אַ זייטיקע הכנסה: שמוציק וואַסער, רעגנוואַסער, זומפּוואַסער, קוואַלן און ריטשקעלעך. און זיין פּנים — איז אַ פּנים פֿון אַ תּם, אָפֿן און אָפּגעדעקט אַנטקעגן הימל, ווי ער וואָלט געהאַלטן אין איין זאָגן: זאָל דיין רצון געשען מיט מיר, טאַטע אין הימל, כ׳בין דאָך ביי דיר אין די הענט. אין די הייסע טעג קאַרטשעט ער זיך איין, אַ קאַרטש נאָך אַ קאַרטש, עניוותדיק־באַשיידן — ביז ער ווערט כּמעט איינגאַנצן טרוקן. דענסטמאָל אַנטפּלעקן זיך פֿאַרן ליכטיקן שיין פֿון טאָג בערגלעך און שטרעקעס זאַמד, ווי קליינע אינזעלעך, באַוואַקסן מיט וואַסער־גראָזן און אַאיר. און אַז דער טאָג וואַרעמט זיך איין, קומען אידישע קינדער פֿון סמאָלע־געסל און לייגן זיך אויס דאָרטן משפּחות־ווייז, נאַקעט און הויל, ווי די מאַמע האָט זיי געהאַט; שטרעקן זיך אויס אויפֿן זאַמד צווישן גראָז און אַאיר, כאַפּן איבער ס׳האַרץ, אָדער קנאַקן ניסלעך בקאָמפּאַניע. אַמאָל, צעלייגן זיי אַ פֿייער און זידן אויף אַ טשייניק וואַסער. דענסטמאָל האָבן זיי ביי מיר אין די אויגן אַ פּנים, ווי רבה בר בר חנהס מיטפֿאָרער, וואָס זיינען לייכטזיניק אַרונטער אויפֿן רוקן פֿון אַ פֿיש, זיך געשטעלט קאָכן און באַקן, און זיינען שיער אומגעקו־מען אין וואַסער.

עס זיינען אויך פֿאַראַנען העלדישע אינגלעך, בראַווע, חברה־לייט אַזוינע, וואָס שטעלן איין דאָס לעבן אין סכּנה און בראָדיען אַריבער אויף דער צווייטער זייט טייך. דאָרטן קייקלט מען זיך אין זאַמד, און מען טאַנצט אַרום מוטערנאַקעט, ווי די ווילדע ציגנבעק, אָן בושה און אָן מורא, צווישן די בוימער פֿון וואַלד, מיט הילכיקע קולות און געזאַנגען. איך צווייפֿל, צי זיי וועלן קומען צוריק בשלום. זיי זיינען יעדע רגע עלול זיך אָנצושלאָגן אָן אַ בער, אָדער אַ וואָלף, וואָס קען זיי אַ כאַפּ טאָן און זיי פֿאַרשלעפּן צו זיך אין נאָרע.

נאָר איינמאָל אין יאָר, ווען דער שניי שמעלצט זיך, געשעט, אַז דער טייך טעטערעוו גייט אַרויס פֿון זיינע ברעגעס און צעווילדעוועט זיך. דענסטמאָל ברענגט ער צוטראָגן אויף די פּלייצעס פֿון די קריעס־אייז מולטערס, פֿעסלעך, קלעצער, טירן, אַ וועכטערס אַ ביידל, און אָפּטמאָל, לעבעדיקע גענדז און הינער, שווימען אויף אַ קריע און שרייען סכּנות, אַ סטויִג היי מיט אַ צעטומלטן הונט וואָס זיצט אינדערהויך און בילט. נאָר אַפֿילו ווען ער צעשפּילט זיך — איז אויך אָן סכּנות. די כוואַליעס זיינע פּלעסקען, ווי מיט הענט, לאַכן און ווינקען, ווי מיט לעבעדיקע

אויגן, ווי זיי וואָלטן צוגערופֿן: קומט, אידישע קינדער, און נעמט! דער וואָס קומט פֿריער — כאַפּט פֿריער! און אידישע קינדער נעמען זיך אָן מיט גבורה, שטעלן איין ס׳לעבן אין סכּנה, לויפֿן מיט די קאַ־טשערעס צום טייך אַראָפּ צו גגעניסן פֿון הפֿקר. טאַטעס און זין פֿאַר־קאַטשען די הויזן, פֿאַרשטעקן די פּאָלעס פֿון די רעק, קריכן ביז דער העלפֿט אין וואַסער און אַרבעטן מיט די קאַטשערעס. ס׳האָט שוין גע־טראָפֿן אַ מעשה, אַז מרדכי אהרנס קאַטשערע האָט אַריינגעצויגן אַ יאָריקע קאַלב, וואָס איז זיך געשטאַנען איבער דער קאַרעטע. ער האָט דאָס קאַלב אַוועקגעפֿירט צו זיך אין שטאַל אַריין, האָט עס אויפֿגע־כאָוועט, ביז ס׳איז געוואָרן אַ פּאַלנע קו, און איצט איז זי מפֿרנס זיין גאַנצע הויזגעזינט מיט הרחבה און כּבוד.

יב

דער וואַלד אויף ביידע זייטן פֿון טעטערעוו

און דער וואַלד פֿון ביידע זייטן טייך — פֿאַרמאָגט נישט, נישט קיין הויכע צעדערן פֿון לבנון און נישט קיין געהויבענע דעמבעס פֿון בשן. וואָס פֿאַרמאָגט ער יאָ? — נידעריקע ביימלעך, קוסטעס מיט דינע שטעקלעך, ווערבעס אויף צו שניידן פֿון דעם הושענות, יעגלע־ביימלעך אויף סכך פֿאַר סוכּות, און דינע מאָגערע צווייגלעך אויף צו פֿלעכטן בעזימלעך זיך צו בעזימען אין באָד. די אַלטעלייט פֿון פֿאַרשטאָט ווייזן אָן מיט אַ פֿינגער אויף אָפּגעשניטענע שטאַמען, צעפּרוכניעט פֿון פֿוילע־ניש, ריזיקע שטאַמען, וואָס שטעקן ביז היינט אַרויס פֿון דער ערד, און זאָגן עדות, אָן לשון, וועגן אַ דור פֿון גבורים און ריזן, וואָס איז אויס־געריסן געוואָרן פֿון דער וועלט, און געמאַכט פּלאַץ פֿאַר אַ צעדרייטן און צעקרימטן דור. צווישן די דאָזיקע אָפּגעשניטענע שטאַמען זיינען פֿאַראַן אַזעלכע, וואָס שטייען לאַנגע יאָרן פּיכט און זאַפּטיק, און יאָר־יערלעך, אין פֿרילינג, הויבן אָן די איבערגעשניטענע אָדערן צו טרערן מיט אַ רויט־לעכער זאַפּט, אַ מין טרערן געמישט מיט בלוט. זיי וויינען און באַוויינען מיט זייער דם־התמצית און לאָזן זיך נישט טרייסטן אויף זייער פֿרעכ־טיקער שיינקייט וואָס איז פֿאַר דער צייט, אין סאַמע מיט פֿון זייער גבורה, פֿאַרשניטן געוואָרן. זייער בלוט שרייט פֿון דער ערד אַרויס: פֿאַרוואָס האָט מען אונז אומגעבראַכט? לויט די רייד פֿון מענטשן וואָס ווייסן, טאָר מען פֿון דער דאָזיקער זאַפּט קיין הנאה נישט האָבן, ס׳זיינען

טרערן פֿון מתים. פֿון די ערשטע דורות זיינען פֿאַרבליבן בלויז איינצלנע בוימער מיט מיאוסע פֿעלערן, קראַנקע און געשטראָפֿטע פֿון גאָט, קרומע הויקערס, לאַנגע שנויצן, צעשפּאַלטענע בייכער, צעהאַקטע קעפּ, דריי־לינגס מיט טרוקענע גלידער און סתּם פֿאַרזעעניש־בוימער, וואָס קוקן אויס ווי משונהדיקע באַשעפֿענישן צווישן בעלי־חיים; ווי למשל, אַ מאַלפּע, אַ קעמל, אַ פּיפּערנאַטער, צי ווי שדים און רוחות, וואָס זיינען פֿאַרשאָלטן געוואָרן מגולגל צו ווערן אין בוימער און שטעקן אויף זייער פּלאַץ פֿאַר אייביקע דורות, צו שרעקן מענטשן און אָנוואַרפֿן אַן אימה אויף ביינאַכטיקע דורכגייער.

די דאָזיקע געשטראָפֿטע, וואָס דער מלאך־המות האָט זיי איבער־געהיפּט און זיי געלאָזט ציען אויף ווייטער אַ מיאוס עלנט לעבן נאָך דער צייט, זיינען ביי מיר און מיינע חברים געווען שטאַרק באַליבט. אַ סך פֿון זיי זיינען אונז געווען באַקאַנט מיט זייערע צונעמעניש, לויט זייער משונהדיקן אויסזען, און אין אַ פֿרייען טאָג פֿלעגן מיר קומען אַהין זיך שפּילן און שטיפֿן.

כ'האָב געקענט איינע פֿון זיי, אַן אַלטע געבויגענע ווערבע, וואָס מיט איר צעשפּאָלטענעם שטאַם, מיט די צוויי לעכער, איינס קעגן אַנ־דערן, ביים סאַמע שפּיץ — גריבלעך אַמאָליקע פֿאַר צוויי צווייגן, וואָס זיינען מחמת אַלטקייט אַרויסגעפֿאַלן ווי צעפֿוילטע ציינער — האָט אויס־געזען, ווי אַ גרויסער טרוקענער פֿיש; דער רוקן אויפֿגעשפּאָלטן און די אויגן אויסגעלעכערט, וואָס שטייט האָפֿערדיק אויפֿן עק. איר בויך, ווי אַן אָפֿענער קבר, דאָס מויל אויפֿגעריסן — גרייט איינצושלינגען יעדן איינעם לעבעדיקערהייט. נאָך איינע, אַ קרומע און צעדרייטע סאָסנע, האָט אויסגעזען, ווי אַ פֿליענדיקע שלאַנג, אַ רייטער זיצט איר אויפֿן רוקן און טרייבט זי אַן מיט אַ בייטש. נאָך איינע, וואָס האָט, בוכשטעבלעך, געהאַט אַ מראה פֿון אַ מנורה מיט פֿינף רערן, און אַזוי האָט זי טאַקע ביי אַלעמען געהייסן: די מנורה.

אַן אַלשענער בוים האָט זיך ניט געשעמט אויף די עלטערע יאָרן — זיך איבערגעקוליעט, ווי אַ פֿאַרשייטער לץ, און זיך געשטעלט אויפֿן קאָפּ, מיט די פֿיס חלשותדיק צעשפּרייט אַנטקעגן הימל. איינע, אַן אַלטע אַנגעפּעלצטע בעריאָזע, האָט זיך, ווי אַ בויגן, איינגעקרימט ביז צו דער ערד, און אויפֿן רוקן איז ביי איר אַרויסגעשפּרונגען אַ צאַרט ווייס בע־ריאָזקעלע, ווייס, ווי ריינער זילבער, אַ שלאַנקס מיט גרינע לאָקן, וואָס טרעט אויף איר מאַמעס רוקן און ציט זיך מיט אַלע אברים צו דער הויך.

מ׳קען זיך משער זיין, אַז פֿיל פֿון די דאָזיקע משונהדיקע בוימער זיינען באמת איבערבלייבעכצן פֿון די „לינדבוימער און זונבוימער״, די „עבודה־זרות״ וואָס די אַמאָליקע פֿעלקער האָבן געדינט. דאָס האָט גאָט זיי געגעבן אַ מאוס פּנים, און זיי איבערגעלאָזן פֿאַר אַ געדעכעניש ביז צום לעצטן דור, אַז מענטשן זאָלן זען און זיך אַ מוסר אַראָפּנעמען.

ס׳טרעפֿט, אַז פֿון די קוסטעס רייסן זיך אַרויס אינדערהויך נאַקעטע טרוקענע שטאַמען מיט אויסגעשטרעקטע אָרעמס־צווייגן. דאָס זיינען סקעלעטן פֿון טויטע בוימער, ווי איינגעבאַלזאַמירטע, וואָס האָבן קיין קבורה נישט געפֿונען, און זיי שטייען צוגעשמידט צו זייערע וואָרצלען, ווי אין אַן עולם־התהו; זייער גוף איז פֿאַרשוואַרצט און פֿאַרהאַרטעוועט, זייער געביין איז טרוקן און פֿאַרטונקלט פֿון היץ און רעגן, צעלעכערט פֿון דרויסן און צעפּרוכניעט פֿון אינעווייניק.

די שקצים פֿון פֿאַרשטאָט, ווען זיי פּיטערן אין וואַלד זייער פֿאָטער איוואַנס חזירים און קעלבער, אָדער די חדר־אינגלעך, ווען זיי קומען ל״ג בעומר שיסן מיט די פֿיילנבויגנס, אַז זיי זאָלן אַפֿילו זוכן מיט ליכט — בין איך ערב — וועלן נישט געפֿינען, נישט קיין ימים און נישט קיין תחשים. אלאַ וואָס וועלן זיי יאָ געפֿינען? זיי וועלן געפֿינען „בערישע נפּיחות״, גיפֿטיקע שוועמלעך, אַ קינבאַק פֿון אַ געפּגרט פֿערד, חזירשע קאָפּיטעס, און על־פּי־נס, אַ שטיקל „וואָלקנפֿאַל״, וואָס האָט אַ פּנים פֿון „ריר־חלמות״, וואָס אין ספֿר איוב... אָדער ווי פֿאַרקילטע שלש־סעודותדיקע פֿישיויך, פֿאַרגליווערט און טרייסלדיק. די ווייבער רופֿן דער דאָזיקער שמוץ: דער מאַמע רחלס טרערן, וואָס איז, לויט ווי זיי האָבן בקבלה, אַ סגולה פֿאַר קימפּעטאָרנס, וואָס גייען שווער צו קינד, און אַ אינגל וואָס געפֿינט איינמאָל אין אַ שמיטה אַזאַ מין מציאה — ברענגט עס אַהיים צו זיין מאַמע מיט גרויס שמחה. און זי טיילט עס אויס טראָפּנסווייז צו מעוברתע ווייבלעך, וואָס טראָגן עס אין בייטלעך אַרום האַלז, ווי אַ קמיע.

געהערט האָב איך, אַז עס וואַקסן אין וואַלד אויך ניסלעך און כּל־נדרי בּאַרעלעך. אַנדערע זאָגן עדות, אַז מ׳האָט שוין דאָרטן געפֿונען אויך ארץ־ישראל עפּעלעך. וואויל איז דעם יעניקן וואָס גלויבט. איך אָבער האָב נישט זוכה געווען עס אָנצוקוקן מיט די אויגן. ביי אַ געלעגנהייט, וועט זיך לוינען אויסצופֿאָרשן דעם וואַלד און אַריינדרינגען אין זיין טיפֿעניש. ווער ווייס, וואָס עס וואַרט אויף מיר דאָרטן? איך טראָג זיך אַרום מיט אַ סך געדאַנקען וועגן וואַלד.

יג

דאָס סמאָלע־געסל און מעשי אָבות

יאָ, קליין, שטיל און אָרעם איז דאָס סמאָלע־געסל, אָבער ביי מיר אין די אויגן איז דאָס דער סאַמע־עיקר און מיטלפּונקט פֿון דער וועלט. דער רעכטער עיקר פֿון וועלט־באַשאַף איז דאָרטן פֿאָרגעקומען. דאָ, איבער די דעכער, האָט מען אין די זעקס טעג פֿון יצירה אָנגעהאָנגען די ליכטער; דאָ, אין די גערטנער, פֿעלדער און וועלדער, האָט די ערד זיך באַגראָזט מיט גראָזן אוין אַרויסגעבראַכט פֿרוכט־בוימער און פּוסטע בוימער; און דאָ, אין טעטערעוו דעם טייך, האָט דאָס וואַסער „געווימ־מעט" אַלע לעבעדיקע באַשעפֿענישן: פֿיש און וואַלפֿיש און זשאַבעס און ראַקעס און פּיאַווקעס, און כּל־המיני פֿויגלען, וואָס פֿליען.

געוויס איז דעם אויבערשטנס כּבוד פֿול די גאַנצע וועלט — אָבער זיין שטענדיקער פּלאַץ איז פּונקט איבער דער פֿאָרשטאָט, און די שכינה זיינע רוט אין אָרון־קודש פֿון אונזער בית־מדרש, צווישן די פֿליגלען פֿון די כּרובים, וואָס שוועבן איבערן פּרוכת.

אַלע גרויסע געשעענישן, וועגן וועלכע עס ווערט דערציילט אין חומש און רש"י, און אין אַנדערע הייליקע ספֿרים, וואָס איך לערן ביי ר' מאירן אין חדר — זיינען פֿאָרלאָפֿן אין פֿאָרשטאָט און איר סביבה. פֿאַראַן אַ סך זאַכן, וואָס ס'איז מיר שווער צו באַשטימען גענוי, וואו האָבן זיי צום ערשטן מאָל זיך אַנטפּלעקט צו מיר: פֿון בוך, צי פֿון ערגעץ אַ פּלאַץ אויסערן בוך.

כ'וואָלט געקענט אָנצייגן מיטן פֿינגער אויף יענעם פּלאַץ, אין פֿעלד, וואו מכירת־יוסף איז פֿאָרגעקומען. די גרוב וואוהין מען האָט יוספֿן אַריינגעוואָרפֿן, געפֿינט זיך דאָרט ממש ווי געווען אין די אַמאָליקע צייטן. דאָס איז דאָך די גרוב פֿון חומש מיט אַלע גענויע סימנים, ווי צווייִ טראָפּנס וואַסער. אַזוי ווי די גרוב פֿון חומש איז ליידיק און האָט נישט קיין וואַסער — מיין גרוב אויך דאָס אייגענע. און נאָך מער, לויט מיין השערה, געפֿינען זיך דאָרטן שלאַנגען און עקדישן, פּונקט ווי אין יוספֿס גרוב.

ווען איך זאָל וועלן זיך שטעלן אין סכּנה און איינער אַליין זיך אַוועקלאָזן אין יענעם פֿעלד, בין איך זיכער, אַז כ'וואָלט תּיכּף זיך אָנגעטראָפֿן מיט אַ קאַראַוואַן „טערקן", די קי, וואָס פּרעה האָט געזען אין חלום, פֿיטערן זיך נאָך, זיי, צי זייערע אור־אור־אייניקלעך, אין דער

לאַנקע וואָס אויפֿן ברעג טעטערעוו. און דער דאָזיקער גנעבעכדיקער טייך, וואָס פֿויזעט שטיל און פּאַמעלעך, ווי זיין שטייגער איז, ביי דער זייט פֿון פֿאַרשטאָט, הויבט נישט אָן צו וויסן, ווער אַזוינס עס זיינען די דאָזיקע קי, וואָס גייען אום ביי זיין ברעג און צופּן דאָס גראָז.

ס'איז נישט פֿאַרהוילן פֿון מיר דער שטעג מיט וועלכן פּרעהס טאָכטער איז געגאַנגען מיט אירע דינסטן זיך באָדן אין טייך. ער ציט זיך און לויפֿט דעם גאַנצן זומער, ווי אַן אַרויסגעשטעקטע צונג, פֿון פֿאַרשטאָט ביז צום טייך אַרונטער. דער טאָג איז אָנגעהיצט, ווי אַן אויוון, דער שטעג — אָט וויילסט ער זיך דורך באַגראָזטע טאָלכלעך און בערג־לעך, און אָט באַהאַלט ער זיך און ווערט פֿאַרשלונגען אין קוסטעס און תבואה־פֿעלדער. די בת־מלכּה גייט אַ שטאָלצע פֿאָרויס, און די מיידלעך הינטער איר. זי טראָגט אַ בלויען זאַנטיק מיט אַ זילבערנעם טראָלד איבערן קאָפּ און אַ דין און ווייס קלייד אויפֿן לייב. אויף די פֿיס טראָגט זי אייִדעלע סאַנדאַלן פֿון „תּחשים־פֿעל״, אויסגענייט מיט גאָלד, און די מיידלעך גייען נאָך באָרוועס, און האָבן הנאה וואָס זייערע פֿיאַטעס ווערן אָפּגעבריט פֿון ברענענדיקן זאַמד. גייענדיק, צופּן זיי דעם קאָרן און די קוסטעס, רייסן זאַנגען און ווײַנפּערלעך, און זייערע קליידער שאַרכן אָן די גראָזן און זאַנגען און גיבן אַרויס אַ צערטלעך, שטיל גערויש. קאָלירטע באַבאָטשקעס שוועבן אינדערלופֿטן, גאָלדענע בינען און בלויע פֿליגן זשומען פֿאַרביי די אויערן. אין די שטעקלעך פֿון אַויר ביים ברעג פֿון טייך טעטערעוו, אין די געוועבן פֿון זיסן דינעם שאָטן, ליגט זיך דענסטמאָל דאָס קינד משה, אַריינגעפּרעסט אין אַ קליין קעסטעלע, פֿאַר־גייט זיך און וויינט: אַ־הו! אַ־הו! און ער ווייס נישט, דאָס קליינ־טשיקס, אַז זיין שוועסטער מרים, דאָס איז זלאַטע, דבורה דער אלמנהס טאָכטער, שטייט דאָ אויך פֿונוויטנס, באַהאַלטן הינטער אַ בוים מיט כּל־נדרי באָרעלעך, מיט אַ טיכל אויפֿן קאָפּ, פֿאַרשאָטנט די אויגן מיט אַ האַנט, און קוקט אַרונטער מיט דאגה און מורא צום טייך צו, און ס'האַרץ קלאַפּט ביי איר, ווי מיט האַמערס...

אונזערע ערשטע אָבות, דער פֿאָטער פֿון אברהם און דער פֿאָטער פֿון נחור, זיינען פֿון אייביק־אָן געזעסן אויף יענער זייט טייך — אויף יענער זייט טעטערעוו. דאָרטן אין וואַלד האָבן זיי געוואוינט, געהאַקט האָלץ און געמאַכט פֿון דעם געצקעס. און פֿאַר אַ יאָריד — ווען דער אַלטער תּרח האָט באַדאַרפֿט ברענגען זיין מלאָכה צום פֿאַרקויפֿן — פֿלעגט ער די געצקעס אַריינוואַרפֿן אין קערב און זעק, זיי אַריבערשיפֿן

דעם טייך אין אַ שיפֿל, טראָגט זיי אַריבער אויפֿן מאַרק, שטעלט זיך אַוועק אַ טיש צווישן די אַנדערע הענדלער, לעבן זייער בית־הקברות, נאָענט צום בעל־פּעור, דאָס איז דער גרויסער געץ וואָס איז צוגעשלאָגן צום גרויסן הילצערנעם צלם. דער דאָזיקער צלם שטייט פּונקט אינמיטן פּלאַץ אויף וועלכן מען מאַכט דעם יאַריד פֿאַר די פּויערים און זייערע פֿערד און וועגלעך פֿון די אַרומיקע דערפֿער. די אידן וואָס זיינען אַרויס פֿון מצרים האָבן שבטימווייז גערוט, לויט מיין השערה, אויף דעם גרויסן זאַמד וואָס ליגט צעלעגט הינטער דעם דאָזיקן בית־הקברות, וויט־וויט פֿון פֿאַרשטאָט. דאָרטן, אין יענעם גרויסן און מוראדיקן מדבר, „האָבן זיך זייערע געצעלטן אויסגעשפּרייט ווי טייכן", און זיי האָבן גערוט יעדער איינער ביי זיין מחנה, יעדער איינער ביי זיין פֿאָן, פּונקט ווי אונזערע פּולקן זעלנער, וואָס ציען אָן זייערע געצעלטן אויף יענעם פּלאַץ, איט־לעכן זומער.

אויף די סדרה מיט בלעמן, בין איך זיכער, איז זיך פֿאַרלאָפֿן אויפֿן ברייטן שליאַך, וואָס גייט פֿאַרביי אונזער הויז, ציט זיך צווישן פֿעלדער מיט תּבואה ביז עס ווערט פֿאַרלוירן אין וואַלד. דאָ איז דורכגעפֿאָרן בלעם רייטנדיק אויף זיין אייזעלעכע, מיט אים זיינע צוויי באַדינער — געגאַנגען שעלטן די אידן. און דאָ, אין מיטן וועג, ביי טראַכימס גערשטנ־פֿעלד, האָט זיך אים גאָטס מלאך אַנטקעגנגעשטעלט. די זאַך איז געשען פּלוצימדיק, ווי דער מלאך וואָלט פּלוצים אַרויסגעוואַקסן פֿון דער ערד, אָדער, ווי ער וואָלט אַרויסגעשפּרונגען פֿון אַ גרוב אַרויס פֿון צווישן דעם גערשטן. בלעם, פֿאַרשטייט זיך, האָט אים נישט דערשפּירט, און ער רייט זיך ווייטער, אָבער די אייזעלעכע האָט זיך אַראָפּגעקירעוועט פֿון וועג, און אַוועק אין פֿעלד צווישן די זאַנגען. דערנאָך האָט זי זיך ווידער פֿאַרנומען אָן אַ זייט און אַריינגעפֿאַלן אין אַן ענג געסל: צווישן יאַנקאָס גאָרטן און מאַטעס דעם אידנס אוגערקעס־פֿעלד. אַ פּאַרקאַן פֿון הויכע פֿלאָקנס און שטעקנס אויף איין זייט און אַ צוים פֿון געפֿלאָכטענע צווייגן אויף דער צווייטער זייט. נישטאָ קיין ברירה, ר' בלעם, ביסט נעבעך אַריינגעפֿאַלן אין אַ פֿאַסטקע. קריך אַרונטער במחילה פֿון דער אייזעלעכע, נעם זי אָן ביים עק און שלעפּ זי אויף צוריק. נישטאָ קיין אויסוועג, נישט אויף רעכטס און נישט אויף לינקס...

דער סוף פֿון דער מעשה איז אַלעמען באַקאַנט. נאָכדעם ווי דער דאָזיקער רשע האָט זיך אומזיסט געמיט און זיינע שלעכטע געדאַנקען האָבן זיך נישט איינגעגעבן — איז ער געגאַנגען און פֿאַררופֿן אַ יאַריד!

אַ גרויסן יאַריד, ווי דער פּאַראַיאַריקער, בעת דער גרויסע חאַגע אַרום בית־הקברות לעבן געץ. אַלע מדינים און קאַצאַפּעס פֿון די נאָענטע און ווייטע דערפֿער און סלאַבאַדעס, זיינען זיך צענויפֿגעפֿאָרן צום דאָזיקן יאַריד און מיטגעבראַכט די „בנות־מדין״ אויף זייערע וועגענער. רויטע שיקסעס מיט באַקן ווי פּאַמפּושקעס, פֿאַרוויקלט און פֿאַרפּוצט אין גע־בלומטע און שרייענדיקע פֿאַטשיילעס, אָנגעטאָן אין בונטע קליידלעך און באַהאַנגען מיט בייטשן קאַרעלן און גלעזערנע פּערל, מיט קופּערנע און גלעזערנע אוירינגען אין די אויערן. אויסגעפּוצט און אויסגעצירט אין די אַלע פֿיינע זאַכן, וואָס פֿאַרכאַפּן אַן אויג, האָבן די בנות־מדין זיך אַרומגעדרייט אין מאַרק צווישן די ביידלעך און געשטעלן פֿון די אידישע קאַראַבעלניקעס און הענדלער פֿון דור־המדבר, געטרונקען קוואַס און געקנאַקט קערעלעך, און בדרך כּלל זיך אויפֿגעפֿירט פּריצותדיק־פֿאַרשייט. לכתחילה, האָבן די בני־ישראל זיך אויף זיי נישט אומגעקוקט: וואָס איז זייער געשעפֿט, זאָלן די ערלטעס זיך שפּילן! זיי זיינען טמא, נאָר זייער פּרוטה איז כּשר. אָבער, אַז דער אָוונט איז צוגעפֿאַלן, און אַז יעדער איינער פֿון די יונגע קאַצאַפּעס האָט אַ כאַפּ געטאָן זיין שיקסע, און די טענץ האָבן זיך פֿאַנאַנדערגעפֿלאַקערט אַרום גרויסן געץ, מיט פֿייפֿלעך און קאַטערינעס, פּויקן און טאַצן — אין יענער שעה — וויי־וויי — האָט זיך די מעשה־שטן איינגעגעבן, און די בני־ישראל — ווי און ווינד צו דער חרפּה — האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צו די „בנות־מדין״ און זיך באַהעפֿט צום בעל־פּעור... דער געץ פֿון דער דאָזיקער מאוסקייט הענגט אינמיטן מאַרקפּלאַץ ביז צום היינטיקן טאָג, און דער יעניקער וואָס גייט פֿאַרביי שפּייט זיך דריי מאָל אויס און שעפּטשעט אַרויס אַ געווויסן פּסוק.

אַ סך הויכע בערג זיינען אויף דער וועלט פֿאַראַנען: די בערג פֿון אררט, דער באַרג סיני, הר־ההר, הר־נבו — אָבער דער העכסטער פֿון אַלע איז אָט דער באַרג, וואָס הויבט זיך אויף איבערן טאָל, און זיין צעשפּאָלטענער שפּיץ דערגרייכט ביז צום הימל. דאָס איז נישט קיין אַנדערער, ווי דער שפּיץ פֿון פּסגה, וואָס קוקט אַריבער איבערן מדבר. לייכטע וואָלקנדלעך שלאָגן זיך אָפּ אָן אים אין זייער גאַנג און לאָזן צעריסענע שטיקער צווישן זיינע שטיינער. אַז אַ מענטש זאָל אַהין אַרויפֿ־גיין און בלייבן לעבן, וואָלט ער דאָרטן געפֿינען די שטיקער, אָוועקגע־וואָרפֿן הפקר אויפֿן באַרג, און נישטאָ ווער ס׳זאָל זיי צענויפֿנעמען. אויף זיין אַנטבלויזטער זייט, וואָס גאַנצע שטיקער זיינען אַרויסגעריסן געוואָרן, און דאָס אָפּגעדעקטע פּלאַץ זעט אויס מיט זיין רויטקייט ווי

שטיקער פֿליש פֿון באַרג, געפֿינען זיך גריבער און היילן, וואו דאָרטן האָבן זיך געווים באַהאַלטן די מואבים, ווען זיי האָבן געלויערט אויף די אידן ביים אויסגוס פֿון טייך ארנון. די מואבים, פֿאַרשטייט זיך, האָבן געכאַפּט די ריכטיקע מפּלה. ווי זיי זיצן זיך אַזוי אין זייער באַהעלטעניש און וואַרטן אַז די אידן זאָלן דורכגיין דעם טאָל, כּדי אָנצופֿאַלן אויף זיי פֿון הינטן — האָבן דערווייל די צווײ בערג פֿון ביידע זייטן טאָל זיך צענויפֿגענומען, און די אויסגעשטאַרטשעטע בערגלעך פֿון איין זייט האָבן זיך אַריינגעשלאָסן אין די היילן און לעכער פֿון אַנטקעגנדיקן באַרג, און אַלע מואבים זיינען צעדריקט געוואָרן, ווי די וואַנצן. און גאָט ברוך הוא איז אַלץ נישט געבליבן צופֿרידן, ביז ער האָט אַרויפֿגעבראַכט מרימס ברונים — אַ טייערע ברונים — וואָס קייקלט זיך און ברומט אויפֿן דעק פֿון טאָל אונטן; און זי האָט אַרויסגעשווינקט פֿון לעכער און היילן די צעדריקטע אָרעמס און קעפּ און האָט זיי געמאַכט אַרויסשווימען פֿאַר די אויגן פֿון בני־ישראל אין טעטערעוו דעם טייך, ס׳הייסט, אין טייך ארנון...

יאָ, אַ וואונדערלעך פּלאַץ איז די פֿאַרשטאָט — קליין, און איז אַלץ אין זיך כּולל, אַ מין וועלט־אוצר. אַלע מעשׂי־בראשית פֿון די סאַמע ערשטע דורות אָן זיינען דאָרטן פֿאַרוויקלט, ווי דאָס לעגענדאַרע קלייד אין אַ נוס־שאָלעכץ. ס׳איז נישטאָ קיין זאַך אין דער תּורה, וואָס האָט נישט אַ בפֿירושן ביישפּיל, אָדער אַ גרויסן אָנדייט אויף דעם אין פֿאַר־שטאָט. ווער האָט גענומען פֿון וועמען — בלייבט אַ קשיה. מעגלעך, אַז גאָט האָט זיך איינגעקוקט אין חומש מיט רש״י און לויט זיי באַשאַפֿן די פֿאַרשטאָט, און, מעגלעך, אויך פֿאַרקערט: ער האָט זיך איינגעקוקט אין פֿאַרשטאָט און איר סביבה, און האָט, לויט זיי, געשריבן חומש מיט רש״י. און אפֿשר זיינען זיי אַזוי פֿאַרקניפּט און פֿאַרבונדן איינס מיטן צווייטן פֿון אייביק אָן, אַז קיינס איז נישט באַשאַפֿן געוואָרן פֿריער פֿונם אַנדערן.

יד
נאַטור־וויסנשאַפֿט און קונסט

ר׳ מאירס טאָל האָט אונז אויך צוגעשטעלט אַחוץ דעם אַלעם אַ פֿיינעם מאַטעריאַל אויף וועלכן צו לערנען נאַטור־וויסנשאַפֿט, די מינים פֿון אַלץ וואָס לעבט און שפּראָצט, און אויך כּל־ערליי אַנדערע קונסטן.

אין תּקופֿת־תּמוז, ווען ר׳ מאיר כאַפּט דעם נאָכמיטאָקדיקן דרעמל, גיי איך מיט מיינע חברים אַרויס הינטערן הויז, באַרג־אַראָפּצו, אַ פּלאַץ

פֿאַר שפּיל און פֿאַר שמועס. דאָ זיינען מיר פֿריי צו טאָן אַלץ וואָס ס׳האַרץ גלוסט, יעדער איינער לויט זיין אייגענעם פֿאַרלאַנג.

די פֿלינקע אַרבעטער, מיכל און גדיל, זיינען זיך מקדים און לויפֿן צווישן די צווייגן און קוסטעס וואָס וואַקסן באַרג אַרויף, קריכן מיט לעבנסגעפֿאַר פֿון איין צווייג אויפֿן אַנדערן און זוכן ווייַנפּערלעך. לויט דער לעגענדע וואָס גייט אַרום צווישן די חדר־אינגלעך, באַדאַרפֿן די דאָזיקע קוסטעס אַרויסגעבן ווייַנפּערלעך. אָבער קיין איינער פֿון די דאָזיקע פֿלינקע פֿאַרשווינען איז נאָך נישט צוריקגעקומען מיט קיין איינציק ווייַנפּערל. ווי ס׳זעט אויס, זיינען פֿאַראַנען נאָך אַנדערע מענטשן פֿלינקערע פֿון זיי, וואָס כאַפּן אויס. מ׳זאָגט, אַז שולדיק אין דעם זיינען די ציגן.

וועלוועלע מזיק קלעטערט באַלד אַרויף אויף אַ שפּיץ בוים, זיצט דאָרט באַהאַלטענערהייט און וואַרפֿט מיט שטיינער אויף יעדן פֿויער וואָס פֿאָרט פֿאַרביי אין זיין וועגל מיטן וועג אויבן. אַ זכר אויף גלית און דודן.

נחום און טאָדרעס, צוויי זייער פֿאַרנומענע מענטשן, געשיקטע יעגערס, מבינים אויף פֿליגן און גרילן און היישעריקן, און כּל המינים מוקן און פֿלאַטערלעך און באַבאָטשקעס, נעמען זיך צו זייערע אינסטרומענטן: כּל׳ערליי נאָדעלעך, שטעכלקעס און דערנער, און וואַרפֿן זיך אַריין אין דער אַרבעט, מאַכן פֿאַרשיידענע „עקספּערימענטן" מיט די אומגליקלעכע קליינע באַשעפֿענישן, וואָס פֿאַלן זיי אין די הענט אַריין. עס גייט נישט אַוועק אַ מינוט — און אַ פֿיינע קליינע קאַרעטע, גאָר אַ מהודרדיקע קאַרעטע, געמאַכט פֿון פּאַפּיר, גייט אַרויס געשפּאַנט צו אַ פּאָר הערנערדיקע גרילן; און אַ פֿיינע געזעלשאַפֿט פֿון פֿליגן, פֿלאַטערלעך און באַבאָטשקעס, פֿון פֿאַרשיידענעם אויסזען און געשטאַלט: געלע, בלויע, רויטע און געשפּריצטע, זיצן זיך פֿאָרלעכווייז אינעווייניק, אָדער טאַנצן אַרום דער קאַרעטע, פֿון דרויסן. סיי די און סיי יענע זיינען צוגעשמידט צו זייער זיץ, צי איינער צום צווייטן, דורך דינע שאַרפֿע נאָדעלעך, אַריינגעשטעקט אין די הינטנס, און אַלע פּאַטשן מיט די פֿליגעלעך און פֿאָכען מיט דינינקע פֿיסעלעך, ציטערן אין אַנגסטן, צאַפּלען זיך צווישן לעבן און טויט, און זייער זשומען רייסט אין הימלען. נאָר אונזערע צוויי נאַטור־פֿאָרשער, נחום און טאָדרעס, מאַכן זיך נישט דאַרום, און טוען וואָס זיי טוען מיט פֿילאָזאָפֿישער רואיקייט און פֿלייס.

העשעלע, אַ בייכיק קיילעכדיק אינגל, ווי אַ פּעסל, זיצט זיך צווישן די הויכע גראָזן און לייגט אַרויף, באַהאַלטענערהייט, אַ טויט פֿויגעלע אויף אַ קליינעם קופּערנעם גראַשנדל, מיט דער האָפֿענונג און פֿולן גלויבן, אַז מאָרגן פֿרי וועט ער אויפֿשטיין און געפֿינען צוויי גראַשנדלעך אַנשטאָט דעם איינעם..." דעם דאָזיקן סוד האָט אים שטילינקערהייט איינגערוימט, פֿאַר אַ פּאָר קנעפּלעך און אַ האַלבן עפּל, באַטקע גנב; און תּיכּף, ווי ער האָט באַקומען זיין שכר, האָט ער געמאַכט פּיס און זיך אָפּגעטראָגן הינטער דער חורבה, צו כאַפּן שפּאַנישע פֿליגן.

אַ כּתה תּלמידים קלייבט צווישן די גראָזן און מאַכט קרענצלעך „פּערל" פֿון דינע פֿלאַכע לענגלעכע קערעלעך; נאָך אַ כּתה איז פֿאַרנומען מיט פֿלאַנצן און יעטן, אָדער זי מאַכט בריקן און לאָזט שיפֿן איבער „מרימס ברונים", ס'הייסט, דעם שטראָם וואָס לויפֿט אונטן אין טאָל.

לכתּחילה, שלעפּ איך זיך מיט נאָך איינער פֿון די כּתות און אירע געשעפֿטן, אָבער אַ רגע שפּעטער, און איידער איך קען זיך אָפּגעבן רעכענונג פֿאַרוואָס, בין איך שוין אַרויסגעפֿאַלן. אומגעריכט, ווי אַ שוואַך רינגל אין אַ קייט, פֿאַל איך אַרויס פֿון דער חברה שפּילער, און קיינעם פֿעל איך נישט אויס. איך ליג, ווי אַ פֿאַרלוירענע פֿאַרגעסענע כּלי, צווישן די גראָזן, זייערע שטענגלעך און בלעטער באַהאַלטן מיך פֿון דער וועלט, און קיינער זעט מיך נישט אָן. אַ זעעוודיקער און נישט קיין געזעענער, ליג איך אָן אַ זייט, באַהאַלטן אין שויס פֿון דער וועלט, אַליין מיט מיינע חלומות, קוק זיך צו, האָרך און שווייג.

אָט קריכט אַ מוראַשקע, קריכט אויף אַ שטענגל גראָז, פֿאַלט אַרונטער און קריכט ווייטער אַרויף. זי בלאָנדזשעט די קליינע דינע באַשעפֿעניש אין אַ געדיכטן וואַלד און געפֿינט נישט קיין וועג. אָט איז משה רבינוס קיעלע, צוגעקלעפּט אויף דער אויבערפֿלאַך פֿון מיין האַנט, ווי אַ האַלבער אַרבעס: קיילעכדיק, רויט, מיט שוואַרצינקע פּינטעלעך, האַרט, גלאַט און גלאַנציק, ווי צוגעדעקט מיט אַ געשליפֿענעם פּאַנציר. לויט איר אויסזען, קען זי זיך אַריינפּאַסן, ווי אַ מאַליע אין אַ רינג. פּלוצים ווערט דער פּאַנצער איבערגעשפּאַלטן אינמיטן. עס טוען זיך אָן עפּן קליינטשינקע צוויי פֿליגעלעך — און דאָס קליינטשיקס איז נישטאָ! אַוועקגעפֿלויגן דאָס רויטינקע! זאָל זי זיך פֿליען בשלום, אין גאָטס נאָמען. מיין האַנט וועט זי נישט אָנרירן צום בייזן. ס'איז אַ לעבעדיקע באַשעפֿעניש, גאָטס אַ באַשעפֿעניש, ווי איך אַליין בין. ווער ווייס, אפשר

גייט זי איצט אין גאָטס אַ שליחות. גאָט פירט דורך זיין שליחות דורך אַלץ און אַלעמען, אַפילו דורך אַ זשאַבע, אָדער אַ מוק, אַחוץ דעם שפּין, וואָס איז פאַרהאַסט ביי גאָט און מענטשן, דערפאַר, וואָס ער האָט גע־טראָגן פייער צום בית־המקדש.

און די גרעזלעך אויך — יעדער איינער פון זיי האָט אַ מלאך אין הימל וואָס שלאָגט אים און מו׳טערט אים: וואַקס! דעריבער, הייסט עס, כאַפּן זיי זיך אַפּטמאָל אויף אין גרויס האַסט, ווערן אויפגעציטערט און טרייבן איינס דאָס אַנדערע אונטער: „וואַקס, וואַקס, דער מלאך שלאָגט און הייסט: וואַקס!״ — ס׳וואָלט געווען כדאי צו וויסן, מיט וואָס ער שלאָגט: מיטן מיטלסטן פינגער, צי מיט אַ קליין רימענדל?

שאַ! ממש אויפן אויער — און אפשר אין אויער גופא — האָט זיך אָנגעצויגן אַ פאַרבאָרגענע סטרונע און זי פאַרגייט זיך אין אַ שטיל געברום, דין, דין, ווי אַ הערעלע... אַ מוק שפּילט. די נאָענטע פריילעכע קולות פון מיינע חברים ווערן פלוצים ווייט־דערווייטערט פון מיר, זיי דערגרייכן צו מיר, ווי דורך אַ שטומער וואַנט, צי ווי דורך אַ קישן; זיי ווערן פאַרשלונגען און בטל אין דעם געזאַנג פון זון וואָס מאַכט זיך איר וועג אין הימל און באַהערשט די וועלט מיט איר גבורה. די דינע איידעלע סטרונע ציט נאָך און ציט נאָך אין מיינע אויערן, אין מיין נשמה אינעווייניק. וואָס שפּילסטו, סטרונעלע, און וואָס ווילסטו פון מיר האָבן? צי אַן דיין סמיק אַלץ שטאַרקער, צי אַן בעסער, טיפער שפּיל. אַזוי איז גוט מיר, אַזוי איז ליב און זיס. איך שווים איצטער און ווער צעגאַנגען צוזאַמען מיטן קליינעם קלאָרן וואָלקנדל און הימל. זייט געזונט, חברים! זייט געזונט, מאַמע און שוועסטערל! זייט מיר געזונט, ווייטע און נאָענטע! כ׳גיי איצט אַוועק פון אייך אַלעמען אין אַ ווייטן, ווייטן וועג... איך גיי צו פייגעלען...

טו

און איך בין אין דאָרף, וואו איך בין געבוירן געוואָרן

די סטרונע ברומט, מיינע אויגן פאַרמאַכן זיך פון זיך אַליין — און איך בין אין דאָרף, וואו איך בין געבוירן געוואָרן.

... אַ קלאָרער פרימאָרגן. זון און הימלבלוי, ליימענע הייזער מיט שטרויענע דעכער לויכטן אַרויס פונצווישן גרינע געוויקסן און טוי־באַשפּריצטע ביימער. איטלעך הויז מיט זיין גאָרטן, איטלעך הויז מיט

זיין הויף און גאָרטן. די ליימענע טעפּלעך שטייען איבערגעקערט, ווי היטלען, אויף די פּלאָקנס און שטעקנס פון די פּלויטן און אויף די צווייגן פון בוימער. קאַרשנבוימער און זונבלומען קוקן אַרויס אונטער די צוימען און פּלויטן. יעדע צוים און יעדער פּלויט מיט זייער קילן שאָטן. די שטאַנגען פון די ברונימער גייען אַרויף און אַראָפּ מיט אַ סקריפּען, און די עמערס טריפן מיט לעבעדיקע קלאָרע זילבער־און־קרישטאָל טראָפּנס, שטימען פון באַלעבאָסטעס און שטימען פון דינסטן, הירזשען פון פערד, כרוקען פון חזירים, מעקען און מוקען פון שאָף און רינדער — דער ליבער טומל פון אַ פאַרנומענעם פרימאָרגן, ריח פון מיסט און ריח פון וואַרע־מער מילך. די דעכער רויכערן קטרות צום הימל דורך זייערע קוימנס. פונוויטן, אויף אַ הויכן בערגל, פאָכעט די ווינטמיל מיט אירע פליגל. און ווייטער, הינטער דער מיל, ציען זיך ברייטע פעלדער, אין טאָל און אויף באַרג, וועגן, שטעגלעך, וועלדער, ריינע וואַלקנדלעך...

ביים ברעג פון דאָרף הויבט זיך אויף אַ קליין גרין בערגל. אויפן שפּיץ בערגל — אַ הויז מיט אַ הויף, און אונטערן בערגל — אַ הויז מיט אַ הויף, טויער אַנטקעגן טויער, אַ געל שטעגל שניידט דורך דאָס גראָז פון בערגל, און ציט זיך פון איין טויער צום צווייטן. די שטוביקע עופות מיט זייערע נאַר וואָס אויסגעבריטע הינדעלעך גייען אַרויס צו דער פרימאָרגנדיקער פּיקעריי משפחותוויז. וועוויריקלעך שניידן דורך די לופט, ווי פיילן, אַ פישטשעריי, אַ גראַבלעריי, גאַ־גאַ, און צוויטש־צוויטש — אַ פריידיקער פרימאָרגן געדרודער. אין אָפענעם פענצטער פון אונטערשטן הויז באַווייזט זיך פלוצים אַ קליין מאָגער אינגל, אַרום פינף יאָר אַלט, אין בלויזן ווייסן העמדל. דאָס בין איך. איך שטיי אין איין העמד אויף דער שוועל פון פענצטער, מיט אויגן פאַרמאַכטע אין שטראָם ליכט, און די פרימאָרגנדיקע פרייד איז צעגאָסן איבער מיין פּנים און אין אַלע מיינע גלידער. מיין קאָפּ פאַרריסן אינדערהויך, און מיינע אויגן דאָרשטיק אויפגעהאַנגען צום אַנטקעגנדיקן אָפענעם פענצטער, דאָרטן. דאָס זוך איך זי מיט מיינע אויגן, מיין איינציקע חברטע און „כּלה“, פייגעלען.

אין אַ מינוט אַרום — און אין פענצטער פון אויבערשטן הויז באַ־ווייזט זיך זי, פייגעלע. אַ וואַרעמע, אַ זיסע, אַ פאַרפלייצטע מיט ליכט, שטייט זי דאָרטן אין איר ווייס העמדל, מיט אירע גאָלדענע לאָקן, איר פּנים שמייכלט און שטראַלט — דורכאויס פרימאָרגן־פרישקייט, דורכ־אויס ליכט און חן.

— פֿייגעלע! שריי איך צו איר, מיט אויסגעשפּרייטע הענט, ווי איך וואָלט זיך געקליבן צו פֿליען, און אַ זיסע כוואַליע פֿאַרפֿלייצט מיין האַרצן.

— שמואליק! — צווישטשערט זי פֿון דער הויך, און שטרעקט מיר אירע הענטלעך אויס אַנטקעגן...

דאָס בילד פֿאַרשווינדט. די סטרונע ציטערט נאָך, און איך זע ווידער:

... דאָס דאָרף נאָכן רעגן. די וואָלקנס האָבן זיך צעשפּרייט און די זון האָט אויפֿגעלויכטן. אַ גרויסע ברכה איז אַרונטער אויף דער וועלט און אַ ניי, געלייטערט ליכט האָט אויפֿגעשיינט איבער איר. ריין איז די וועלט, ריין. אַלצדינג האָט זיך באַנייט, פֿון בלוי פֿון הימל ביזן גרין פֿון גאָרטן און פֿעלד. דער מעכטיקער דעמב מיט זיין ברייטער גריווע און שווערע צווייגן שטייט זיך אויף זיין בערגל אין מיטן דאָרף פֿרישער און פּרעכטיקער ווי געווען. די ערד האָט זיך אָנגעטרונקען צו זאַט און נאָך איבערגעלאָזט אויף שפּעטער, און זי זאָגט אָן איר איבער־פֿלוס פֿרייד צו נאָענטע און ווייטע מיטן רויזשן פֿון שטראָמיקע וואַסערן און ציטער פֿון גלאַנציקע זומפּן. דעכער און בוימער טריפֿן מיט גאָלד, גראָזן און בלומען ציליען אָן פּערל און וויינען פֿאַר גליק. אויפֿן באַרגיקן שטעגל, אין פֿייכטן זאַמד, ליגט אַ שטיק צעבראָכן גלאָז און גלאַנצט און שעמערירט, ווי עס וואָלט פּלוצים עולה־לגדולה געווען. גאָט, מיין גאָט! וויפֿל זונען, וויפֿל הימלען! יעדער זומפּ מיט זיין אייגענער זון, און יעדער שטראָם מיט זיין אייגענעם הימל! דאָס ברוכוואַרג פֿון איבערגעקערטע וועלטן מיט שטיקער נייע הימלען אונטערן וואַסער, אָן אַ שיעור און אָן אַ ברעג — דריי הונדערט און צען וועלטן! פֿויגלען פֿון די צווייגן און הינדעלעך פֿון גראָז ווערן משוגע פֿאַר פֿרייד — זיי שטרעקן אויס די העלדזלעך, שפּרייטן פֿאַנאַנדער די פֿליגעלעך, עפֿענען די שנעבעלעך — און זיי שרייען און שרייען... געזאַנג און לויב פֿון אויבן, געזאַנג און לויב פֿון אונטן. פּלוצים — און צוויי קינדערלעך, איך און פֿייגעלע, מיט באָרוועסע פֿיסלעך און פֿאַרהויבענע העמדלעך, גייען אַרויס, אַרומגע־נומענע, פֿון הינטערן הויז. זיי טרעטן האָפֿערדיק צוזאַמען, פֿוס אין פֿוס, די העלזער זיינען פֿאַרריסן, די קעפּ זיינען אויפֿגעהויבן, די מיילער צע־עפֿנט — און זיי שרייען און שרייען. נישט גערעדט און נישט געזונגען — נאָר עס רייסט זיך אַ פֿריידיקער געשריי, ווי עס שרייט אַ פֿויגל אין וואַלד פֿון שפּיץ בוים אַרונטער, פֿון פֿולן האַלדז און מויל: לאַ־לאַ און לאַ־לאַ־לאַ, און ווידער אַמאָל לאַ־לאַ און לאַ־לאַ־לאַ. און גרויסע פֿרייד, אַ געטלעכע

פֿרייד, האָט איצט אַלצדינג אַרומגענומען: די קוואַלן וואַסער, די פֿויגלען, די בוימער, די גראָזן, דעם שטיקל גלאָז און די צוויי קינדער און זיי פֿאַרשווינקט מיט אירע כוואַליעס. איין שמחה, די שמחה פֿון דער גאַנצער וועלט, איז אויף זייערע קעפּ, און איין געשריי אין אַלעמענס העלדזער — אַ געזאַנג פֿון לויב צום אייביקן לעבן.

... און די סטרונע ברומט ווייטער און איך חלום און זע ווידער:

— ...אַוונטצייט. איך און זי זיינען אַליין אויסערן דאָרף. די זון גייט אונטער הינטערן באַרג און דאָס גאַנצע פֿעלד מיט אַלע גראָזן און בלומען זיינען אַנגעזאָפּט מיט אַ רויטלעכן שיין, מיטן גאָלד פֿון דער שקיעה. די בלעטער און גראָזן זיינען דורכזיכטיק, די ליכטיקע וועוריקלעך און די ווייסע גענדז וואָס פּיטערן זיך אין פֿעלד האָבן זיך אַנגעגומען מיט אַ גאָלדיקן קאָליר — באַגולדט זילבער! די שטאַמען פֿון איינצלנע בוימער פֿליסן מיט בלוט, און די שאָטנס זייערע ציען און באַוועגן זיך. אַרום האָט זיך צעלייגט אַ גרויסע שטילקייט. אַ זיסע מורא און אַ סודותדיקער טרויער. די פֿליגעלעך ביי די פֿלאַטערלעך זיינען שוין מיד און זיי ציטערן פֿאַמעליך איבער די קוסטעס. קעלבער און יונגע פֿערדלעך פּיטערן זיך אין לאָנקע, שטשיפּען דאָס גראָז שטאַרק פֿאַרטיפֿט... פֿייגעלע, אין אַ ווייס קליידל, שוועבט אום, ווי אַ פֿויגל, פֿון קוסט צו קוסט און קלייבט בלומען — און איך העלף איר צו. וויפֿיל בלומען זי האָט היינט אויפֿגעקליבן: אַ גרויסער בוקעט. פּלוצים האָט זי זיך אַ וואָרף געטאָן אויף צוריק: אַ פּגר פֿון אַ שטוביקן שלאַנג האָט זי דערזען! „האָב קיין מורא נישט!" — באַרואיק איך זי, ווי אַ דערוואַקסענער מענטש — „ער איז טויט, דו זעסט?" און איך הויב אויף דעם שלאַנג פֿון דער ערד. איך האָב זיך צו די שלאַנגען צוגעוואוינט, זיי קומען גאַנץ אָפֿט ביי אונז אין גאָרטן און כ'האָב פֿאַר זיי קיין מורא נישט — „וואָרף אַוועק, וואָרף אַוועק!" — שרייט זי אויס אין שרעק און ציט זיך אויף צוריק — „וואָרף אַוועק!" אָבער דער יצר־הרע פֿון באַרימערישער גבורה האָט מיך אַנגעכאַפּט און איך פֿאַכע אויף איר מיטן שלאַנג, ווי מיט אַ בייטשל. זי אַנטלויפֿט אין שרעק און שרייט, און איך, דער שלעכטער, יאָג זיך נאָך איר. לויפֿנדיק, פֿאַלן די בלומען איינציקווייז אַרויס פֿון אירע הענט און צעשיטן זיך — בלויע, געלע, ווייסע, פֿיאָלעטע; דער שטאַרקער שיין פֿון שקיעה לויכט זיך דורך איר ווייס קליידל, און אין די לעפֿלעך פֿון אירע אויערן. און איך — איך האַלט דעם שלאַנג אין האַנט און יאָג זיך נאָך איר. פּלוצים — איך ווייס נישט, ווי אַזוי דאָס

איז פֿאַרגעקומען — און פֿייגעלע איז מיר פֿאַרשוואונדן געוואָרן פֿון די אויגן. פֿאַרפֿאַלן געוואָרן — און נישטאָ זי. אָבער דער חוש פֿון גבורה האָט מיך נישט אָפּגעלאָזט און איך האַלט אין איין לויפֿן. שוין נישט נאָך פֿייגעלען, נאָר אַנטקעגן דער פֿאַרגייענדיקער זון. אָט איז זי דאָך אַזוי נאָענט, איינגאַנצן ביי יענער זייט בערגל. וועל זיך יאָגן און דערגרייכן. וועל נאָר צוקומען אַהין און זען. אַ האַנט האָט מיך אָנגענומען און אַ טראָג געטאָן ווייטער — און אָט בין איך אויפֿן שפּיץ בערגל, כ׳האָב אויפֿגעהויבן מיינע אויגן און פֿאַרשטיינערט געבליבן: פֿייער, פֿייער! די ברעגן פֿון ערד און הימל זיינען צעברענט פֿון פֿייער. פֿייערדיקע טייכן און פֿייערדיקע בערג. פֿייערדיקע פּאַלאַצן און פֿייערדיקע וועלדער. פֿייער ברענט אין פֿייער און פֿייער פֿאַרצערט פֿייער. אַ רויט פֿייער, אַ ווייס פֿייער און אַ גרין פֿייער. פֿייערדיקע פֿערד־און־וועגן פֿליען און ברענענדיקע לייבן יאָגן זיי נאָך. און אָט קומט גאָט אין מוראדיקער פּראַכט אַרונטער...

מיין האַרץ שטאַרבט אָפּ פֿאַר שרעק, און איך באַהאַלט מיין פּנים אין די הענט און אַנטלויף...

מיטאָקצייט, זומערדיקע היץ, דאָס ליכט איז צו שטאַרק צו דער־טראָגן, אָן איינזאַמער זיץ איך אין מיטן וועג פֿאַרזונקען אין גליענדיקן זאַמד. מיינע אויגן זיינען געווענדט צום וואַלד. איך זע נאָר איין ווינקל פֿון וואַלד, יענעם ווינקל וואָס שפּאַרט זיך אָן אָן דאָרף, דעם גאַנצן וואַלד זע איך נישט, איך זיץ מיטן פּנים צו יענעם ווינקל און טראַכט; ווי נעכטן און ווי אייערנעכטן פֿרעגט מיך דער וואַלד פֿונוויטן זיין סודות־דיקע רעטעניש, און איך בין קליין און נאַרעש און פֿאַרשטיי נישט. קיין מענטש זעט זיך נישט אַרום. היץ און שטילקייט. עס שמעקט מיט צע־טריקנטן ריח פֿון שטויב. די שטיינער אין פֿעלד זיינען דורכגעברענט פֿון פֿייער און די פּלויטן שלאָגן מיט היץ, ווי פֿון אָן אויוון. בוימער און קוסטעס זיינען מיד צו פֿלעכטן דעם געוועב פֿון זייערע שאָטנס. נישטאָ קיין כּח זיך צו באַוועגן, שווער צו אָטעמען. צעטריקנטע פֿעלדער און לאָנקעס הויכן אַרויס פֿון זיך דאָס לעצטע ביסל פֿייכטקייט, און ס׳זעט אויס, ווי זיי וואָלטן זיך געררויכערט און געציטערט, הפֿקר־הינט מיט פֿאַרגאָסענע אויגן און אַראָפּגעלאָזטע עקן שלעפּן זיך אַרום, ווי שאָטנס; די בייכער פּאָכען ווי די בלאָזזעק און די צינגער זיינען אַרויסגעשטעקט. שאָטן! וואו נעמט מען אָביסל שאָטן? זיי דערשלעפּן זיך צו אַ שטעגל, הויבן אויף די מוטנע אויגן צו די בערג אַרויף, צום וואַלד צו — און

שלעפּן זיך פֿאַראומערטע צוריק. היץ און שטילקייט. פלוצים — און דער עק פֿון וואַלד אַנטקעגן מיר האָט אַ ציטער געטאָן, זיך אַ רעג געטאָן און געבליבן אויפֿגעציטערט. פֿון זיין טונקעלער געדיכטעניש זיינען פלוצים אַרויסגעשפּרונגען דריי יונגע געזונטע רינדער: אַ יונגע טעליצע אַ פֿאַרשוין, איינגאַנצן אַ רויטע, און צוויי יונגע אָקסן, שוואַרצע ווי ראָבן. ביי איינעם פֿון זיי לויכט זיך אַ ווייס שטערנדל צווישן די הערנער. די טעליצע, ווי זי איז אַרויס פֿון וואַלד, אַזוי איז זי געבליבן שטיין, און די אָקסן, נישט איבעררייסנדיק זייער האַסטיקן געלאַף, האָבן זיך אָנגעהויבן דרייען אַרום איר אַלץ שנעלער און שנעלער. לייכט און גראַציעז איז זייער געלאַף געווען. צוערשט האָבן בלויז געשווינדלט פֿאַר די אויגן שטיקער שוואַרצע גלאַנצענדיקע פֿעל; פֿלינקע פֿיס האָבן געשוועבט ריטמיש, קוים וואָס זיי האָבן באַרירט די ערד, חנעוודיקע אויסבויגן פֿון העלדזער האָבן זיך געשטרעקט אַרונטער צו דער ערד, ווי זיי וואָלטן זיך געהאַלטן אין נויגן; קאָכעדיקע שפּריצן זאַמד האָבן זיך געריסן פֿון אונטער זייערע קלויען, זיך געגאָלדיקט אַ רגע, און באַלד פֿאַרשוואונדן. די טעליצע איז די גאַנצע צייט געשטאַנען רואיק, ווי זי וואָלט וועלן באַשטימען: ווער פֿון דיביידע איז שטאַרקער? אָבער וואָס אַ רגע זיינען די אָקסן געוואָרן אַלץ ווילדער, און זייער רציחה — גרעסער. האָבן זיך ברייט־צעשפּרייט און זיי האָבן שווער געאָטעמט. אַ משוגעת האָט זיי אָנגעכאַפּט. די אויגן האָבן זיך אָנגעגאָסן מיט בלוט און דער וואַנזין האָט פֿון זיי אַרויסגעשלאָגן. דאָס שטויב פֿון אונטער די קלויען איז געוואָרן אַלץ געדיכטער, און די העלדזער האָבן זיך אַלץ נידעריקער געבויגן צו דער ערד. „אַן אומגליק וועט געשען" — האָט דאָס האַרץ מיר געקלאַפּט. אין דער אייגענער רגע האָט דער וואָס מיטן שטערנדל צווישן די הערנער זיך פלוצים אומגעדרייט, געבליבן שטיין מיט הערנער נידעריק אַראָפּגעבויגן, אָפּגעוואַרט דעם צווייטן וואָס האָט נאָך געהאַלטן אין לויפֿן, זיך פלוצים אַ לאָז געטאָן צו אים מיט רציחה — און אַ זעץ געטאָן! אַ שוידערלעך ביטערער מרוקען האָט זיך אַרויסגעריסן פֿון וואָלקן שטויב, און די וועלט אַרום איז מיטאַמאָל פֿאַרציטערט געבליבן. ס'האַרץ איז מיר איינגעפֿאַלן און אין די אויגן איז מיר פֿינצטער געוואָרן. ווען דאָס שטויב האָט זיך איינגעזעצט, האָב איך געזען, ווי איינער פֿון די אָקסן לויפֿט אין אַ גראַדער ליניע פֿאָרויס, זיין בלוט פֿלייצט אַראָפּ צו דער ערד און פֿינקלט, און זיין געשריי רייסט איין די הימלען; און דער צווייטער, אָט דער וואָס מיטן שטערנדל און מיט אים די טעליצע, זיינען

אין לייכטן גראַציעזן געלאַף פאַרשוואונדן געוואָרן אין טיפעניש פון וואַלד. די זעאונג איז געענדיקט. ס׳זיינען בלויז געבליבן שפורן פון קלויען אויפן זאמד פון דער „אַרענע״ ביים ברעג פונם וואַלד, און אַ געטלעכע מורא אין האַרצן פון אַ קליין קינד, וואָס זיצט אין זאַמד אַן איינזאַמער, אַ געפּלעפּטער...

און די סטרונע ווערט אַנגעצויגן ביז צום סאַמע סוף און ברומט שטילערהייט... און איך חלום און זע ווידער:

... אַ זומער־נאַכט פול מיט לבנה און הימלבלוי און שטערן. דאָס גאַנצע דאָרף איז פאַרזונקען אין שלאָף, באַגאָסן מיט סודות׳דיקן ליכט, און אין דרויסן איז קיינער אַחוץ מיר, נישטאָ. איינער שטיי איך אויסערן הויף ביים טויער, און ס׳איז מיר גאָר קיין חידוש ניט, וואָס איך, אַ קליין קינד, שטיי דאָ איינער אַליין אַזוי שפּעט אין דער נאַכט. מיינע אויגן זיי־נען געווענדט צום גרינעם בערגל, פייגעלע׳ס בערגל, וואָס הויבט זיך משופע׳דיק מיר אַנקעגן. די לבנה איז אויפגעהאַנגען פונקט איבער פיי־געלע׳ס הויז, און דאָס בערגל אַרונטער איז אינגאַנצן פאַרטרונקען אין אַ קלאָר ליכט און באַשאָטן מיט טראָפּנס טוי. דאָס איינציקע הויז אויפן שפּיץ בערגל, פייגעלע׳ס הויז, ווייסלט זיך איצט, ווי אויסגעגאָסן פון זילבער. די איבעריקע הייזער פון דאָרף חלומ׳ען אינדערנידער, איט־לעכס אויף זיין פּלאַץ, אין שאָטן פון די בוימער. פינקלען פון צייט צו צייט אַנטקעגן דער לבנה מיט אַ שויב פון אַ פענסטער, צי מיטן שאַרף פון אַ סערפּ, וואָס הענגט אינדרויסן אויף אַ וואַנט, צי אויף אַ צוויג פון אַ בוים. ביים עק דאָרף, אויף מיין רעכטער זייט, שאָטנט זיך מיט זיין פּולער הויך און ברייט, ווי אַ מויער, דער וואַלד, שוואַרץ פון דרויסן און זילבערדיק געפלאָכטן אינעווייניק. אַרום און אַרום איז נישט צו הערן קיין קלאַנג, קיין שאָרך: קיין האָן קרייט נישט, קיין הונט בילט נישט, קיין זשאַבע קוואַקעט נישט. די וועלט שוויגט און חלומ׳ט און איך אין איר, ווי אַ חלום אין אַ חלום. פּלוצים זע איך — איך ווייס נישט צי מיט אויג פון פליש און בלוט, צי מיטן אויג פון גייסט — צוויי קליינע שורות, ווי צוויי שוואַרצע קרענצלעך, קליינע, קליינטשיקע שרעטעלאַך, אַ שפּאַן די הויך, ציען פאַרביי מיר, זיך האַלטנדיק פאַר די הענטלעך, אַלע זיינען אָנ־געטאָן אין שוואַרצן און באַמיצט אין שוואַרצן, און אַלע גייען זיי פּאַמע־לעך, אין שייך, ווי צו אַ יום־טוב, און גייענדיק, טרייסלען זיי אַרונטער די פינקלענדיקע טוי־טראָפּנס פון די גראָזן און זינגען שטיל, אין דער שטיל. נישט מיט די מיילער זינגען זיי, נאָר פון זייער סאַמע טיפעניש,

פֿון האַרץ און נשמה, ווי עס זינגען די שטערן אין הימל. און איך אויך האָב פֿאַרנומען זייער געזאַנג נישט דורך די אויערן, נאָר מיטן האַרצן און מיטן לייב און מיט אַלע מיינע ביינער. און דאָך האָט דאָס געזאַנג דער־גרייכט צו מיר מיט זיין פֿולער שלימות, קלאָר און גענוי, אַ האַלבער קלאַנג איז נישט פֿאַרלוירן געגאַנגען. ס׳האַרץ איז מיר פֿאַרגאַנגען פֿאַר מתיקות, מיין נשמה איז פֿאַרציטערט געבליבן פֿון אַ פֿאַרהוילענער שרעק. „מאַמע!״ — האָב איך געוואָלט אַ געשריי טאָן אויפֿן הויכן קול, אָבער אַ לאַנגע צייט נאָכדעם בין איך אומגעגאַנגען אַ פֿאַרשטומטער, אַ פֿאַרוואונדער־טער. אַ וואונדערלעך געזאַנג, געוועבט פֿון לבנה־ליכט, זיס ביז צום אויס־גיין, האָט געקלונגען אין מיין נשמה אינעווייניק, און קיינער האָט פֿון דעם נישט געוואוסט...

און איך קוק מיך אַרום שטילערהייט מיט שרעק, ווי אַ גנב, און זע־ענדיק, אַז קיינער פֿון די אינגלעך איז נישטאָ אַרום, נעם איך פֿון קעשע־נע אַרויס מיינע כשוף־כלים, די קאָלירטע גלעזלעך מיינע, פֿיר שטיק גלאָז: גרין, געל, בלוי און רויט, לייג זיי צו איינציקווייז צו די אויגן, און קוק אויף גאָט׳ס וועלטל. די דאָזיקע שטיקלעך גלאָז האָבן אַ באַזונדערן כח און כישוף אָפּצושיידן פֿון זייער ליכט אויף אַלץ, וואָס איך קוק; טיילן מיר איין, לויט מיין רצון, פֿיר וואונדערלעכע וועלטן, וואָס אַ מענטש קען גאָרנישט באַגרייפֿן, און אַן אויג, חוץ מיינס האָט דאָס נאָך נישט אָנגעזען. איטלעכע וועלט מיט איר באַזונדער ליכט, אַ וואונדערלעך ליכט און אַ נישטדאָאיקס, וואָס קומט פֿון אַ פֿאַרבאָרגענעם קוואַל און גיסט זיך אין אַלץ איבער. „ווי גרויס איז דיין גוטס, גאָט, וואָס דו האָסט באַהאַלטן פֿונ־וועגן דיינע פֿאַרכטיקע״... זאָל זיך נאָר קיינער פֿון דעם כישוף נישט דערוויסן — חלילה וחלילה! די דאָזיקע וועלטן זיינען מיינע בלויז, מיינע — און נישט קיין אַנדערנס!

דער טראָמפּייט האָט זיך פֿאַרשעמט

א

די דאָזיקע מעשה, וואָס איך גיי דאָ דערציילן, האָב איך געהערט פֿון אַן אורח צום סדר, פֿון אַ אידישן רעזערוו־סאָלדאַט, אַרום פֿערציק יאָר אַלט, וואָס איז דאָס יאָר גערופֿן געוואָרן אין מיליטער, און אין דער ערשטער נאַכט פֿון פּסח האָבן מיר זיך געטראָפֿן ביי איין טיש. איך גיב דאָ איבער זיינע רייד אָן קיין שום באַפּוצונגען:

— דאָס איז דאָס צווייטע מאָל אין מיין לעבן — האָט דער סאָלדאַט אָנגעהויבן — וואָס מיר קומט אויס צו זיין צו אַ סדר ביי אַ פֿרעמדן טיש. דאָס ערשטע מאָל האָט דאָס פּאַסירט, ווען כ׳בין אַלט געווען אַ יאָר ניין — אָן ערך פֿון צוויי און דרייסיק יאָר צוריק — אָבער דעמאָלט האָבן אָפּגעריכט סדר מיט מיר אין איינעם אין אַ פֿרעמד הויז אונדזער גאַנץ הויזגעזינד: דער טאַטע, די מאַמע, מיינע ברידער און שוועסטער און אַפֿילו אונדזער משרת, סיטאָפּאַ. ווי אַזוי איז דאָס געשען, פֿרעגט איר? אָט, וועט איר הערן:

דער טאַטע האָט זיך אַריינגעצויגן אין דאָרף, מיט איין טאָג, בסך־הכּל מיט איין טאָג שפּעטער, נאָכדעם, ווי ס׳איז אַרויס דער פֿאַרבאָט, אַז אידן טאָרן ניט וואוינען אויפֿן דאָרף. וואָלט ער געקומען מיט איין טאָג פֿריער, וואָלט ניט פּאַסירט דאָס, וואָס ס׳האָט שפּעטער פּאַסירט. ער האָט אָבער פֿאַרשפּעטיקט מיט איין טאָג און זיין גזר־דין איז געווען פֿאַרטיק. ניט ווייל ער האָט מיט אַ כּיוון, אָדער אַ צו־להכעיס דאָס געוואָלט, נאָר ער איז דערצו געווען געצוואונגען צוליב זיין שטעלע, וואָס ער האָט געקראָגן אין די אַרומיקע נאָענטע וועלדער. צוליב פּרנסה שטעלט מען זיך ניט אָפּ פֿאַר אַן עבירה און פֿאַר די יסורים וואָס זיינען מיט דעם פֿאַרבונדן. די טשינאָווניקעס פֿון יענעם אויעזד האָבן לכתחילה אויסגעזען ווי גרויסע מחמירים, אָבער אין דער אמתן האָבן זיי פֿון עסק געהאַט גרויס הנאה. נאָך אַלעמען איז פֿאַר זיי בעסער איין איד וואָס לעבט באיסור, איידער צען וואָס לעבן בהיתּר; דער — איז אַ בוים וואָס טראָגט פּירות, און די — זיינען נישט מער, ווי פּוסטעביימער. און באמת: ס׳האָט לאַנג ניט גענומען און צווישן

די צוויי צדדים, ס׳הייסט, צווישן דעם טאַטן דעם בעל־עבירה און די טשי־נאָוניקעס, וואָס האָבן אָפּגעהיט ס׳געזעץ, האָבן זיך איינגעשטעלט „נאָר־מאַלע באַציאונגען״: ער און זיין הויזגעזינד האָבן געלעבט אויפֿן דאָרף, און זיי האָבן באַקומען, יעדער איינער לויט זיין „כבוד״ נאָך, זייער מאָנאַטלעכן געהאַלט, אַחוץ צופֿעליקע מתּנות, ווי, למשל, יום־טוב־געלט און קליינע הלוואות אויף ניט אָפּצוגעבן, און אַחוץ כּל־המינים געבענישן און נעמענישן, ווען ס׳איז געקומען צו די חגאות און געבורטס־טעג פֿון סטאַנאָוואָי און זיין ווייב און אַלע קינדער זייערע. די דאָזיקע מענטשן, ווי איך איז באַקאַנט, זאָגן זיך ניט אָפּ חלילה פֿון קיין שום מתּנה: אַ פּאָר פּעטע אינדיקעס, אַ פּעסל ווייַן, אַ פֿלאַש בראָנפֿן, אַ שאָק אייער, אַ הינטל צוקער אין זיין בלויען שיידל, אַ פֿונטעלע טיי, אַ פּעקל טאַבאַק, אַ זעקל ווייכע קעז, „המן־טאַשן״ — בקיצור, זיי נעמען אַלץ! און וואָס פֿאַר אַ אײדעלע מענטשן זיי זיינען! דער סטאַנאָוואָי, למשל, האָט נאָך קיינמאָל ניט געמאָנט, ער האָט בלויז געבעטן. „יאָסי — פֿלעגט ער זאָגן צום טאַטן אָוועקלייגנדיק אַ שווערע האַנט אויפֿן טאַטנס פּלייצע — הייס נאָר, איך בעט דיך, מיר אַריינשיקן האָלץ פֿאַרן אויוון, דער ווינטער קומט דאָך שוין אָן״; אָדער, „פֿאַרגעס ניט, ליבינקער, מיר אַריינצושיקן אַ טוץ ליכט שינדלען, דער דאָך מיינער בעט זיך, מ׳זאָל אים פֿאַרריכטן״.

דער קאָסאָקע אָוריאַדניק האָט געהאַט אַן אַנדער דרך: אויף וואָס נאָר ער האָט געוואָרפֿן זיין קרום אויגל, פֿלעגט ער לויבן. „איטע״ — זאָגט ער צו דער מאַמען, קוקנדיק אויף אַ הון, וואָס האָט זיך געריעט אויפֿן הויף אין מיסט — „וואו האָסטו געפֿונען אַזאַ פֿיינע הון?״ און איר מעגט זיין זיכער, אַז נאָך אַט דער לויב, איז די דאָזיקע פֿיינע הון שוין געלעגן מיט געבונדענע פֿיסלעך אינעם היי פֿון אוריאַדניקס בלויען וועגל. דער דאָזיקער אוריאַדניק פֿלעגט אויסמאַרקירן צו קומען צו אונדז אין הויז שבתים און יום־טובים דווקא, און דווקא ווען מען האַלט אין עסן. ווי נאָר דאָס הויז־געזינד פֿלעגט זיך זעצן צום טיש — פֿלעגט פּלוצים אויסוואַקסן פֿאַרן פֿענ־סטער דעם אוריאַדניקס געל פֿערדל און בלוי וועגל, מיטן אוריאַדניק אין וועגל. וואָס קען מען מאַכן? מ׳נעמט אויף דעם אורח מיט אַ פֿריילעך פּנים און מ׳פֿאַרבעט אים צו דער סעודה. די זמירות ווערן אָפּגעלייגט; דער ספֿר, אין וועלכן דער טאַטע קוקט אַריין צווישן איין געריכט און דעם צווייטן, ווערט פֿאַרמאַכט און אָפּגערוקט אָן אַ זייט. דאָס געפּלאַפּל פֿון שיכּור איז מטמא דעם טיש, גאַנץ אָפֿט מיט מיאוסע רייד, וואָס דו ביסט מחויב זיי אָנצונעמען ווי חכמות און שיינע וויצן, בעת דיין לייב ווערט

אין גאַנצן אויפֿגעקאָרטשעט פֿאַר חרפּה און ס׳גלוסט זיך אים אַנצונעמען ביים קאָרק און אים אַרויסוואַרפֿן אין דרויסן.

און דער אמת איז, אַז מיט דער צייט האָט ס׳הויזגעזינד זיך צוגעוואוינט צו אים און אים געקענט פֿאַרטראָגן; גאַנץ אָפֿט, ווען ער האָט אַריינגעקערט אין האַלז אַריין אַ גאַנצע פֿלאַש בראָנפֿן און איז געווען אין גאַנצן מבוסם — פֿלעגט ער זיך מצרף זיין מיט אונדז אין ניגון פֿון זמירות, פֿאַרשטייט זיך, אויף זיין אייגענעם שטייגער, פֿלעגט נאָכקרימען און רעדן ניבול־פּה, ווינקענדיק מיט פֿאַרגלאָסענע אויגן, פּעטע און לאָכנדיקע, צו דער באַלעבאָסטע און שטופּנדיק די הענט אין פֿאַראָשקע דעם דינסטמיידל, אַ פּעטע געשטופּלטע שיקסע. בלויז דער מלמד אונזערער האָט בשום אופֿן זיך ניט געקענט צוגעוואוינען צו אים, ווי ער האָט זיך ניט געקענט צוגעוואוינען צום הונט, וואָס איז געווען צוגעבונדן צו דער קייט ביי אונדז אויפֿן הויף. ביידע זיינען ביי אים געווען תּמיד ניי און געוואָרפֿן אויף אים אַ גרויסע אימה, הגם דער טאַטע האָט געצאָלט אַ באַזונדערן אָפּצאָל קאָפּגעלט פֿאַרן צוגעקומענעם מלמד.

אַזוי זיינען אונדזז פֿינף יאָר אַריבער אין דאָרף. דורך דער דאָזיקער צייט האָט דער טאַטע זיך אויפֿגעבויט אַ קליין הויז, און צום חנוכּת־הבית האָט ער פֿאַרבעטן אַלע פּויערים פֿון דאָרף און פֿאַר זיי געגרייט אַ באַזונדערן טיש. הינטערן הויז, באַרג־אַרונטער, האָט זיך אויסגעלייגט אַ גרויסער גאָרטן, וואָס די מאַמע פֿלעגט פֿאַרזייען. אין שטאַל זיינען געשטאַנען דריי מעלקנדיקע קי און צוויי פֿערד. אויפֿן הויף האָבן זיך געגראָבן הינער און גענז מיט זייערע פּיסקליאַטעס און האָבן געגראַגערט. אין שטייאיקן וואַסער פֿאַרן הויף האָבן קאַטשקעס זיך געפּליושקעט און אין דער דערבייאיקער לאָנקע האָבן זיך געפּאַשעט אַ קאַלב און אַ לאָשעק. אַלץ לויטן שטייגער פֿון דאָרפֿישע מענטשן. די פּרנסה איז געווען בצמצום, דאָס לעבן איז געווען אָרעם, אָבער ס׳איז געווען אין דעם אַביסל שלווה און אַ טראָפּן נחת.

די גאַנצע וואָך פֿלעגט דער טאַטע זיך אָפּשטעלן אין וואַלד, נאָר ערב שבת און יום־טוב פֿלעגט ער קומען אין זיין וועגל אַהיים, פֿאַרברענגען אַ טאָג אָדער צוויי מיט ווייב און קינדער. די קינדער פֿלעגן אומגעדולדיק אָפּהיטן זיין קומען מיטן וואַלדיקן וועג, מיט הערצלעך וואָס ציטערן פֿאַר פֿרייד. ווי נאָר ס׳פֿלעגט זיך לאָזן הערן פֿון וויטן, פֿון בריג וואַלד, וואָס לאָזט זיך אויס ביים דאָרף, דאָס קלינגען פֿון געשפּאַן־גלעקלעך, שפּרינגען זיי באַלד אויף ווי די פֿויגלען און לויפֿן אַנטקעגן וועגל מיט קולות און גע־

שרייען: „טאַטע, טאַטע!" אַ מינוט שפּעטער קריכן זיי אַרויף און פֿאַלן אַריין אין וואָגן און פֿלעכטן זיך איין אין טאַטן. דער פֿאַרקלייבט זיך ביי אים אויף דער קני, דער הענגט זיך אים אויפֿן האַלז, און דער איז אים בודק די קעשענעס, זען, וואָס פֿאַר אַ מתּנה דער טאַטע ברענגט צופֿירן. אַפֿילו אונדזער משרת, דער אַנטרייבער, דאָס איז טאַקע דער וואַלד־וועכ־טער סטיאָפּאַ, אַ געזוויקסיקער ברייטפּלייציקער שייגעץ, נעמט אויך אַ חלק אין דער שׂמחה, אַנטפּלעקט די ווייסע שטאַרקע ציין אין אַ צופֿרידן שמייכל, און כּדי די קינדער זאָלן האָבן הנאה שמוצערט ער מיטן בייטש מיט אַלע כּוחות און די פֿערדלעך טראָגן זיך צום הויז „מיט שטורעם".

כ'האָב אייך ניט דערציילט, אַז אין דעם אייגענעם דאָרף האָט גע־וואוינט שוין פֿון כּמה יאָרן, און בהיתּר, נאָך איינער אַ איד מיטן נאָמען זעליג. זיין הויז איז געשטאַנען אויף אַ בערגל ביים עק דאָרף און אונזערס — אין טאָל, און די דאָזיקע צוויי אידישע הייזער, מיט זייער אָפּגעזונ־דערטקייט פֿון די אַנדערע דאָרפֿישע הייזער, מיט זייער הויכקייט, מיט זיי־ערע אַנדערשדיקע דעכער און פֿענסטער, האָבן אויסגעזען ווי אַ קליינע פֿאַרזיכדיקע שכונה. גאָר אין גיכן האָט זיך אויסגעטראָטן אויפֿן בערגל, פֿון אויבן אַרונטער, אַ קליינע סטעזשקע, וואָס האָט זיך געצויגן צווישן די גראָזן, ווי אַ ווייסער שרונט אויף אַ קאָפּ האָר, און ביידע הויפֿן האָבן דורך איר זיך פֿאַרבונדן אין אַ פֿעסטן בונט. איין מלמד פֿאַר ביידנס קינ־דער און איין פֿירונג פֿאַר ביידנס באַוואוינער. יעדע פֿון די צוויי באַלע־באָסטעס האָט געוואוסט, וואָס ס'פֿאַרקלאָטשעט זיך ביי דער צווייטער אין טעפּל און געשיקט איינע דער צווייטער פֿון געקאָכטס און געבאַקנס, גע־ליען איינע ביי דער אַנדערער אַ טעפּל, אַ זיפּ און אַ לאָפּעטע. אין די ווינ־טערדיקע נעכט און די לאַנגע זומערדיקע טעג פֿלעגן זיי קומען איינע צו די אַנדערע סתּם אַזוי כאַפּן אַ לאַנגן שמועס, איבערצוקלייבן אַרבעס, פּרעג־לען געפּרעגלעכץ, אַדער, פֿליקן פֿעדערן און שטריקן אַ זאָק בקאַמפּאַניע.

ס'איז פֿאַרביי אַ שטיקל צייט אין דער דאָזיקער שכינות — און דער בונט צווישן די צוויי הייזער איז נאָך שטאַרקער פֿאַרקניפּט געוואָרן. די שכנים זיינען מיט מזל געוואָרן מחותּנים. דער טאַטע איז קיין עין־הרע ניט געווען אַ מטופּל מיט קינדער: זין און טעכטער; דעם עלטערן זון שמואל איז שוין געוואָרן צוואַנציק יאָר און וואָס שייך סלוזשבע איז ער גע־ווען אַ „לגאָטניק"; און זעליג, פֿונם צווייטן צד, איז געווען אַ מטופּל מיט טעכטער און זין, און זיין עלטערע טאָכטער זעלדע איז שוין געווען אַ בתולה אַ בוגרת. האָט מען געשריבן תּנאים און אָפּגעשטעלט אַ טאָג אויף

צו פּראָווען די חתונה. אָבער די „לגאָטע” איז דעם חתן ניט בייגעשטאַנען און מ׳האָט אים אָפּגעגעבן אין סאָלדאַטן, און צום צער און טרויער פֿון ביידע משפּחות איז די חתונה אָפּגעלייגט געוואָרן פֿאַר אַ צייט, ס׳הייסט, ביז נאָך דעם ווי דער חתן וועט זיך אויסדינען.

פֿון איין זאַך האָט דער טאַטע געהאַט גרויס עגמת־נפֿש: אויף דעם, וואָס אין דאָרף איז ניט געווען קיין באַשטענדיקער מנין און שבת און יום־טוב אָן תּפֿילה־בציבור, פֿלעגט דער טאַטע זאָגן, האָט קיין אידישן טעם ניט. אַלע נפֿשות מאַנספּאַרשוינען פֿון ביידע הייזער זיינען געווען זיבן. פֿיר פֿון אונדזער הויז: דער טאַטע, מיינע צוויי עלטערע ברידער און דער מלמד, און דריי פֿון זעליגס הויז. און זינט מיין ברודער איז אַוועק דינען זיינען געבליבן זעקס. דעריבער איז ביים טאַטן געווען אַ גרויסע שמחה, ווען גאָט האָט אים צוגעשיקט אורחים אויף שבת: פֿון די געהילץ־סוחרים, וואָס קומען אין וואַלד אַריין, צי פֿון די וואַלד־אַנגעשטעלטע, אָדער פֿון די אידן וואָס גייען איבער די דערפֿער, אַ קאַראַבעלניק, אַ גלעזער, און דאָס גלייכן. אַז אַזוינס האָט זיך געמאַכט — פֿלעגט דער טאַטע שיקן אָנזאָגן פּסח־איצי דעם מילכיקן, אַ פּשוטער איד אַ בעזדיעטניק, וואָס האָט געוואוינט אַליין מיט זיין ווייב דער עקרה און זיינע מעלקעוודיקע קי אין אַן אָפּגעלייגטן פֿולוואַרעק, אַ תּחום־שבת פֿון דאָרף. ער פֿלעגט זיך אויפֿהויבן באַגינען און קומען צו אונדז שבת־פֿרי אין הויז אַריין, געגאַנגען דורך גערטנער און לאָנקעס מיטן ווייסן טלית אונטער דער קאַפּאָטע, צו זיין אַ צענטער צום מנין. ניט ווייל ער איז געווען אַזוי שטאַרק אָפּגעהיט פֿון טראָגן אום שבת — די מערסטע ישובניקעס זיינען ניט אַזוי שטאַרק מקפּיד, ווען עס קומט צו מצוות מעשיות — אלא ווי באַלד מען איז שוין יאָ מקיים די מצווה פֿון תּפֿילה־בציבור, דאַרף מען זי טאָן ווי געהעריק. בשעת־הדחק האָט מען צוגערעכנט צום מנין אַ קליין קינד מיט אַ חומש אין הענטל. אַז די מנינים זיינען געוואָרן אָפּטער, האָט דער טאַטע אַראָפּגעבראַכט פֿון שטעטל אַ ספֿר־תּורה, וואָס איז געשטאַנען באַהאַלטן אונטער אַ פּרוכת אין אַ קליין ארון־קודש. די ספֿר־תּורה איז איינגעשטאַנען אין חדר, וואו מיר האָבן געלערנט און געוואָרפֿן אויף אונדז, קליינוואַרג, אַ מיסטעריעזע הייליקע מורא. דאָס לייענען פֿון אונדזער מלמד מיטן ניגון און טראָפּ אין דער קליינער דאָרפֿישער עדה, וואָס איז געשטאַנען פֿאַרוויקלט אין טליתים און באַוואָפֿנט מיט ברילן און חומשים פֿלעגט וואַרפֿן אויף דעם שבתדיקן פֿרימאָרגן אין הויז אַ ליבע הייליקייט. ס׳האָט זיך געדוכט, אַז אַפֿילו די קופּערנע כּלים, וואָס פֿינקלען געשייערטע אַרונטער פֿון גראָטקע שמייכ־

לען צו אונדז מיט אַ שבתדיקן ליבן שמייכל, אין צווייטן חדר הינטער דער וואַנט פֿלעגט די מאַמע דעמאָלט שטיין אין איר ציכטיקן שבתדיק קלייד און זיידענער פֿאַטשיילע, מיטן גראָבן סידור אין די הענט און אירע ליפּן שעפּטשען. די אויגן אירע זיינען פֿול מיט פֿריידיקע טרערן, וואָס זאָגן אומגעפּער אַזוי: „אמת טאַקע, מיר לעבן פֿאַרוואָרפֿן אין אַ העק, מיר וואוי־נען צווישן גויים, אָבער דער ליבהאַרציקער דערבאַרעמדיקער פֿאָטער אין הימל וועט זיין פֿאָלק ניט פֿאַרלאָזן, ער האָט אונדז מיט זיינע גרויס רחמים געגעבן דעם שבת און האָט געמאַכט רוען אין מיין הויז זיין ריינע הייליקע תּורה״. לכּבוד אַזאַ שבת, ווען ס׳איז געווען אַ מנין אין הויז פֿאַר קריאת־התּורה פֿלעגט זי פֿרייטיק מאַכן נאָך אַ קוגל און נאָכן דאַווגען מכבד גע־ווען דעם עולם מיט לעקעך און בראָנפֿן און געשטעלט פֿאַר זיי שבתדיקע מאכלים. די אידן פֿלעגן טרינקען מיט קליינע זופּן, ווי זייער שטייגער איז, און צואווינטשעווען דעם טאַטן און דער מאַמען: „לחיים, יאָסי, גאָט זאָל געבן ישועות ונחמות אויף אידן און לחיים, איטע, גאָט זאָל געבן, דיין זון זאָל קומען צוריק אַהיים אין גיכן!״ און די מאַמע פֿלעגט זיך אָפּזיפֿצן און ענטפֿערן: „אמן. ווי דערלעבט מען עס שוין, רבונו של עולם?״

און אַמאָל פֿלעגט זיך מאַכן אַ שטיקל שמחה אין הויז, אַ קליינע יום־טובדיקע סעודה. אין אַ ווינטערדיקן שבת־צו־נאַכט, ווען מ׳האָט געשאַכטן אַ קאַלב, צי גענז, און געפּרעגלט שמאַלץ, פֿלעגט אַראָפּקומען דער שוחט פֿון נאָענטן שטעטל, אַ איד אַ פּיקח, ציכטיק אָנגעטאָן, מיטן ברייטן גאַרטל און מיטן פּערלדיקן מויל. אַריינגעקומען אין הויז אַריין מיטן פֿוטערנעם בגד און מיטן קעסטל חלפֿים און פֿאַרשמעקט דאָס הויז מיטן ריח פֿון שטעטלשער אידישקייט און גייסטיקער געהויבנקייט. לכּבוד אַזאַ מין גע־שעעניש פֿלעגן באַלד נאָך הבדלה זיך צונויפֿקומען די מענטשן פֿון מנין: דער מחותּן ר׳ זעליג מיט ווייב און קינדער, פּסח־איצי דער מילכיקער און זיין ווייב די עקרה, און אַ צוויי־דריי פֿון די וואַלד־אָנגעשטעלטע, ווען דער טאַטע האָט פֿאַרבעטן נאָך פֿון ערב־שבת. מ׳זיצט אַרום דעם זידנדיקן סאַמאָוואַר ביים טיש, מ׳טרינקט טיי און מ׳שוויצט. דער טאַטע און זעליג שפּילן אין „וואָלף און ציגעלע״ און דער מלמד שטייט איבער זיי און שאָקלט זיך, ווי ער וואָלט געלערנט גמרא, און גיט ביידע צדדים אויף אַמאָל עצות. די וואַלד־אָנגעשטעלטע — צומייסטנס פֿריילעכע לונג־און־לעבערס — מאַכן די ווייבער צו לאַכן. פּסח־איצי דער מילכיקער לאָזט ניט אַרויס דעם ליול־קע־ציביק פֿון מויל און פֿילט אָן דאָס הויז מיט רויך און עיפּוש, און מיין עלטערער ברודער, אַ יודע־נגן, שפּילט אויפֿן פֿידל אַ שטיקל „חסידיש״, אָדער „וואָלעכיש״.

נאָר אַז האָט מען אַריינגעבראַכט דעם שוחט אין הויז אַריין — „ברוך־הבא! גוטוואָך!" — און אַלע מאַכן פּלאַץ פאַר אים אויבנאָן. נאָך דעם, ווי ער טרינקט אויס אַ צוויי־דריי גלאָז טיי און דערוואַרעמט זיך, גייט ער אַרויס מיט פאַרשאַרצטע פּאָלעס און מיטן בלישצנדיקן חלף — מראה־גזלן — צו דער שטאָל, אָפּצוטאָן זייער רעכט דעם קעלבל און די געבונדענע גענז. די הויפּישע הינט דערהערן די געוואַלטן פון די גענז און דאָס מוקען פון קאַלב, נעמען זיי זיך קלייבן אַרום שטאָל און וואַרטן מיט געבייזער און אומגעדולד אויף זייער חלק אָפּפאַל, וואָס ווערט אַוועקגעוואָרפן אויפן מיסט. נאָך שחיטה און בדיקה קומט דער שוחט צוריק אין הויז אַריין, פאַרנעמט זיין פּלאַץ אויבנאָן, און ווי פריער, באַקומט ער צוריק זיין אידיש־שוחטישן פּנים מיטן ברייטן גאַרטל און פיינעם חיתוך־הדיבור. די „וועלף און ציגע־לעך" ווערן פאַרוואַרפן אַן אַ זייט און אַלע לאָזן ניט אַראָפּ פון אים דאָס אויג. ר' גדי — אַזוי איז דעם שוחטס נאָמען — זיצט אין זיין רייגער סאַ־מעטענער יאַרמעלקע, פאַרקאַטשעט איבער דעם ברייטן ווייסן גלאַנציקן שטערן און דערציילט זיינע מעשהס. אַ מעשה פון אליהו הנביא, זכור לטוב; אַ מעשה פון רבי ישראל בעל־שם־טוב, זכרונו לברכה; און ווידער אַ מעשה פון שפּאָלער זיידן, זיין זכות זאָל אויף אונדז מגין זיין; און נאָך אַ מעשה פון אַ למד־וואָווניק... אַלע אַרום שווייגן און שטרענגען זיך אַן ניט צו פאַרלירן קיין וואָרט. דער „רבי" זיצט מיט פאַרמאַכטע אויגן, מיטן שיטערן בערדל אין האַנט, שאָקלט זיך, ווי ער וואָלט געלערנט גמרא, און הערט זיך צו מיט גרויס כוונה, זיך אָפּזיפצנציק ירא־שמימדיק אַלע פאַר מינוט. פּסח־איצי וויקלט זיך איין אין רויך פון זיין ליולקע, זיין היטל ווייט פאַרקאַטשעט איבערן שטערן. די וואַלד־אַנגעשטעלטע, אַט די דאַזיקע פרייע יונגען, זיינען פלוצים געוואָרן ערנסט און איינע, אַ ווייבל אַ צנועה, איילט זיך צו פאַרשטעקן אַ ווידערשפּעניקן לאָק האָר אונטערן טיכל. דער סאַמאָוואַר אפילו זינגט אַביסעלע געלאַסענער און זשומעט שטילערהייט. שאַ! דעם שוחטס שמועס, אַ זיסער שמועס, געלאַסן און באַטעמט, פליסט אַצינד בנחת מיט זיסע טראָפּנס און לייגט זיך אויפן האַרצן ווי אַ באַלזאַם, וואָס איז מחיה־נפשות. די וועלט, אויב אַזוי, איז נאָך ניט קיין הפקר־וועלט, דער שומר־ישראל, אויב אַזוי, דרעמלט ניט און שלאָפט ניט...

נאָכדעם די סעודה פון „מלווה־מלכה", וואָס איר אָנהויב איז משקה — בראַנפן און נאַליוועקעס מיט גריוון, מיט פּופּקעס און געהאַקטע לעבער פון די געקוילעטע גענז; איר מיטן — ווידער משקה מיט אַ קאָכעדיקן פאַר־ביקן באָרשט, מיט געפּילטע קנישעס; און צום פאַרבייסן — זמירות־

למוצאי־שבת, מיין ברודערס שפּילן אויפֿן פֿידל און התלהבותדיקע טענץ ביז אַ שפּראַץ אויף טאָג. פּסח־איצי דער מילכיקער, אַט דער איד דער שוויגער, וואָס האָט געשוויגן דורכן גאַנצן יאָר, פֿלעגט אין אַזאַ מין נאַכט פּלוצלונג אַרויסשפּרינגען פֿון זיין גדר און קומען צו דער העכסטער מדרגה פֿון התלהבות. ער פֿלעגט טאַנצן און זינגען אין גרעסטן עקסטאַז, ביז כּלות הנפש, און טאַנצנדיק וואַרפֿט ער אַראָפּ פֿון זיך די קאַפּאָטע, זיין פּנים — אַ שטיק פֿייער, די אויגן — פֿאַרמאַכט, די הענט — אויסגעשפּרייט מיט רחמים און ברומט און שרייט אויפֿן קול: „ישראל עם קדושים, זאָל איך זיין אַ כּפּרה פֿאַר אייער מינדסטן נאָגל!" אָדער, מיט אַ געוויין: „אידן, בני רחמנים! לאָזט מיך גיין אויף קידוש־השם! האָט רחמנות, בינדט מיך און וואַרפֿט מיך אין פֿייער! אוי, אוי, ס'האַרץ ווערט פֿאַרברענט פֿון ליבשאַפֿט צו אידן!" — אַט אַזוי פֿלעגט ער טאַנצן און ברומען און וויינען ביז ער פֿלעגט אַוועקפֿאַלן אויף דער קאַנאַפּע, ווי אַ טויטער, און אויף מאָרגן פֿרי — באַגינען, ווי ער האָט זיך אויסגעניכטערט פֿאַרגנבעט ער זיך צוריק ביי זיך אין הויז אַריין, צוריק צו זיינע קי און מילכיקס און ליולקע און פֿלעגט ווידער אַנטשוויגן ווערן אויף אַ שטיק צייט.

די מערסטע יום־טובים פֿלעגן אַוועק אין שטילער צנועהדיקער פֿרייד, געמישט מיט אַ שטילן אומעט. דאָס זיין אָפּגעזונדערט איבערגעוואָלט פֿון דעם אידישן גוף, שפּירן די דאָרפֿסלייט זייער שטאַרק און דאָס האַרץ בענקט. די העלפֿט פֿון „לכם" ווערט אויסגעפֿילט, ווי ס'באַדאַרף צו זיין: עסן, טרינקען, שלאָפֿן, גיין ליידיק — אָבער די צווייטע העלפֿט פֿון „לאדוני" — איז אַ פֿאַרשטערטע. ניטאָ קיין בית־מדרש, ניטאָ קיין אידי־שער ציבור, ס'איז גאָרנישט ניטאָ. אַמאָל טרעפֿט, ס'איז ניטאָ אַפֿילו קיין מנין, ווייל דער מלמד פֿאָרט אַוועק אויף די יום־טובים צו זיך אַהיים, און אורחים זיינען אויך אַ זעלטנהייט, מחמת, וואו געפֿינט איר אַזאַ בלוטיקן אָרעמאַן, וואָס זאָל אויף יום־טוב ניט זיין ביי זיך אין דער היים? און אַז ס'קלייבט שוין יאָ צונויף אַ מנין מיט גרויס שוועריקייט, וואָס פֿאַר אַ טעם האָט עס שוין צו גיין הקפֿות מיט אַן איינציקער ספֿר־תּורה? אָדער, מקיים צו זיין די מצווה פֿון לולב מיט אַן איינציקן לולב? גיין גוט־יום־טוב ביטן איז אויך ניטאָ איבעריקס צו וועמען, און קיין גרויסער טעם איז דע־רין ניט פֿאַראַן. דער מחותן זעליג און פּסח־איצי קומען צו גאַסט צום טאַטן, פּסח־איצי און דער טאַטע — ביים מחותן זעליג, דער טאַטע מיט זעליגן — ביי פּסח־איצין און דערמיט לאָזט זיך דאָס אויס. מ'זיצט צוגאַסט אין שכנס הויז, מ'קנאַקט ניסלעך און דיניע־קערלעך, מ'דערציילט זיך פֿאַר־

עלטערטע נייעסן, מ׳פּויקט מיט די פֿינגער אויפֿן טיש און מ׳גענעצט ביז די קינבאַקן טוען וויי.

אַז דער עלטסטער ברודער איז אַוועק דינען איז אין מאַמעס שטילן טרויער־בעכער צוגעקומען נאָך אַ נייער טראָפּן, וואָס האָט זיך געלאָזט שפּירן דערהויפּט אום שבת און יום־טוב. דער עולם אין הויז איז קלע־נער געוואָרן, מיין ברודערס פֿידל איז געהאָנגען אויף דער וואַנט שטום און פֿאַרלאָזן. דאָס ליידיקע פּלאַץביים טיש האָט אויסגעזען אין דער מאַמעס אויגן ווי אַן ארויסגעריסענער צאָן אין סאַמע שפּיגל פֿון מויל, צי ווי אַן אָפּגעהאַקטער פֿינגער. ביים אויסטיילן די שבתדיקע חלקים פֿלעגט זי אויפֿ־הויבן טרויערדיקע אויגן אויף יענעם ליידיקן פּלאַץ און פֿלעגט איינהאַלטן אַ זיפֿץ, כּדי ניט צו פֿאַרשטערן איר שבת, אָדער יום־טוב.

מיט די דאָרפֿישע פּויערים איז דער טאַטע אויסגעקומען מיט שלום און יושר. זינט ער האָט אָנגעהויבן האַקן דעם וואַלד איז צוגעקומען אין דאָרף אַ נייע פּרנסה. ווער עס אַרבעט אין וואַלד, ווער עס פֿירט האָלץ אויף צום הייצן און אויף בויען אין די אַרומיקע שטעטלעך, און ווער עס פֿירט קלע־צער צו דער נאָענטער אייזנבאַן־סטאַנציע. געהילץ אויף צום בויען האָבן די פּויערים געקראָגן ביליק אויף קליינע אויסצאָלונגען און פֿון די קרומע חורבות און ליימענע שטעלעכלעך זיינען צוביסלעך אויפֿגעקומען פֿיינע הויכע בנינים: אַ ניי הויז, אַ שפּייכלער, אַ שטאַל. צוויי־דריי שטרויענע דעכער זיינען פֿאַרביטן געוואָרן מיט שינדלדיקע, און די צעלעכערטע פּלויטן זיינען פֿאַרריכט געוואָרן. עס זיינען, אמת, פֿאַרגעקומען פֿאַלן, ווען דאָס האָלץ פֿאַרן בנין איז אַריינגעפֿאַלן צום פּויער ניט אויף אַ כּשרן אופֿן — אַ דאָרף וואָס שטייט נאָענט צו אַ וואַלד קען זיך אָן דעם ניט באַ־גיין — און דער טאַטע פֿלעגט, על־פּי־רוב ניט באַשטיין אויף דאָס זייניקע — און פֿלעגט זיך פֿאַרקוקן. נאָך אַלעמען, וואוינט ער צווישן זיי, און באיסור, און פֿאַר אַ אידן איז גוט צו לעבן בשלום. די פּויערים האָבן אים דערפֿאַר אָפּגעגעבן גרויס כּבוד, געבראַכט צו אים זייערע לאָדענישן און מחלוקות, קריוודעס און משפּטים. דער טאַטע האָט געוואוסט ווי צו ריידן צו זיי מיט זייער לשון און זייער שטייגער: איינעם איבערגעבעטן, דעם צווייטן אָנגעמוסרט, אויפֿן דריטן זיך אָנגעבייזערט און אַלע צדדים זיי־נען פֿון אים אַוועק צופֿרידן. מיט די שענערע באַלעבאַטים פֿלעגט זיך דער טאַטע איבערשיקן „שלח־מנותן" לכּבוד פּורים: ער פֿלעגט זיי שיקן „המן־טאַשן" און האָניק־לעקעך און זיי אים צוריק: אַ לעבעדיקע הון, אייער, אַ בייטל מאָן, איינער פֿון זיי, וואַסיל, אַ קלוגער פּויער, אַ בר־דעת, דעם

טאַטנס אַן אַלטער ידיד, האָט געשיקט זיין זונדל צו אונדזער מלמד אין חדר, ער זאָל אים לערנען שרייבן. אין אַ דאָרף פון פערציק משפחות איז ניט געווען קיין איינציקע קינדער־שול, אַזוי ווי ס'איז ניט געווען קיין קלויסטער און קיין פאָפּ, און פעטקאַ — אַזוי האָט מען גערופן דעם קליינעם גוי, וואָס איז פאַראידישט געוואָרן — האָט געקענט אויף אויסנווייניק אַ סך פסוקים פון דאַוונען, אַ האַלבן „קידוש" און די מערסטע מעשהלעך פון חומש, וואָס ער האָט געהערט פון זיינע אידישע חברים און סתם אויפגעכאַפּט מיטן אויער. ער פלעגט שרייבן רוסיש מיט אידישע אותיות, און דווקא פון רעכטס צו לינקס. אין דער נאַכט פון קאַלענדע פלעגן די דאָרפישע שקצים קומען זינגען אונטער די פענסטער, און אונדזער אַלטע ניאַנע, יעוודאָכע, פלעגט זיי אַרויסטראָגן ווייסע חלה, קנישעס געפילט מיט באָב און אַרבעס און קליינגעלט. פרילינג־צייט, פלעגט מיין עלטסטער ברודער שמואל אויפשטעלן אַ הוידלקע אין יונגן וועלדל, אַ הוידלקע אויף וועלכער אַלע קינדער פון דאָרף, סיי די אידישע, סיי גוישע, פלעגן זיך קומען הוידען. ווינטער־צייט האָט ער געמאַכט שליטלעך אין וועלכע די קינדער האָבן זיך געשליטלט פון זעליגס באַרג אַרונטער. אין די זומערדיקע אָוונטן פלעגט דאָס יונגוואַרג פון דאָרף, בחורים און מיידלעך, זיך אַרומקלייבן אַרום אונדזער הויז. מיין ברודער שמואל שטייט ביים פענסטער אין הויז און שפילט אויפן פידל און זיי טאַנצן אין דרויסן. דרך־אגב וויל איך דערציילן, אַז די זקנה יעוודאָכע האָט ביי אונדז אויפגעכאָוועט דריי קינדער און געווען זיי און דעם גאַנצן הויז איבערגעגעבן מיט דער גאַנצער נשמה. האָט געגעבן די קינדער עסן און טרינקען, זיי געלייגט שלאָפן און זיי אויפגעוועקט, און ווי אַ אידישקע אַכטונג געגעבן אויפן טלית־קטן, געזען זיי זאָלן ניט אומגיין אָן אַ היטל, זיי זאָלן זאָגן „מודה אני", לערנען תורה, און געווען שטאַרק אָפּגעהיט מיט מילכיקס און פליישיקס. ווען איינער פון זיי פלעגט ווערן קראַנק — פלעגט זי בשתיקה ברענגען אַ פלעשל מיט „הייליק וואַסער" און אים אָפּשפּריצן, כדי עס זאָל אים זיין צו רפואה.

אַלץ, דוכט זיך, איז געווען גוט. וואָוינט זיך אַ קליינע אידישע משפחה שטיל און רואיק אויפן דאָרף — און וועמען קומט אַרויס דערפון אַ רעה? איז געקומען דער שטן און מקטרג געווען און אין איין מינוט איז פון אַלץ געוואָרן אַ תל.

ב.

דער שטן האָט זיך אונטערגערוקט אויפן זעקסטן יאָר, ווי מיר האָבן געוואוינט אויפן דאָרף. אין פראָווינץ־שטאָט האָט זיך געביטן די וואַד:

איין פּריץ איז אַרונטער פֿון דער גדולה און אַ צווייטער איז עולה־לגדולה געוואָרן — און אויף דער גאַנצער פּראָווינץ האָט זיך צעלייגט אַ מידת־הדין. די גזירות האָבן זיך געשטאַרקט און די גירושים האָבן זיך געמערט. די שלעכטע קלאַנגען, וואָס זיינען טאָג־טעגלעך געקומען פֿון די אַרומיקע דערפֿער, האָבן אַריינגעוואָרפֿן אין די איינזאַמע אידישע הייזער, פֿאַרזונ־קענע אין די דערפֿער, דאגות און מורא. דאָס לעבן איז געהאָנגען אויף אַ האָר, און די קנאה און דאָס ניט־פֿאַרגינען זיינען געוואָרן שטאַרקער. יע־דער איינער האָט געציטערט פֿאַר זיין שטיקל ברויט און חושד געווען דעם צוויטן. דער טאַטע פֿלעגט פּלוצלונג אַראָפּקומען אַהיים פֿון וואַלד, ניט אין דער געוויינלעכער צייט, מיט אַ פֿאַרזאָרגט פּנים, פֿלעגט לאַנג און שטיל זיך סודען מיט דער מאַמען און מחותן און אין איילעניש אַפּפֿאָרן אין פּראָ־ווינץ־שטאָט, אָדער, קרייז־שטאָט, אַפּצושרייען דעם גזר־דין. דער געדאַנק אַליין פֿון מוזן פֿאַרלאָזן דעם דאָרף איז שוין געווען גענוג צו פֿאַרפֿירן די בלוטן. מיר האָבן זיך שוין געהאַט איינגעוואָרצלט אין דאָרף און אַ שטיקל צייט פֿריער, איידער די חומרות האָבן זיך געשטאַרקט, האָט דער טאַטע זיך געשטעלט בויען אַ פּלאַץ אויף צו טרייבן סמאָלע און אריינגעטאָן אַהין זיין גאַנץ ביסל געלט. אָבער דעם טאַטנס באַמיאונגען אין די „גע־העריקע פּלעצער" האָבן, זעט אויס, ניט גאָר מצליח געווען, ער פֿלעגט צוריקקומען פֿון זיינע נסיעות נאָך טרויעריקער און צעבראָכענער, ווי פֿריער. די באַאמטע פֿון די „געהעריקע פּלעצער" זיינען פּלוצים געוואָרן גרויסע מחמירים. דאָס „לאַפּקע געלט" איז מאוימדיק געשטיגן און קיין אמתע זיכערקייט איז פֿון דעם אַלץ ניט געקומען. דער אוריאַדניק האָט אָנגעהויבן אונדז צו באַזוכן אָפֿטער, ווי איינער וואָס שטייט מיט התמדה אויף דער וואַך, נאָר איצט פֿלעגט ער אויסמאַרקירן צו קומען אין די נעכט, בגנבה, און זיין רעכטע אויג, וואָס האָט איצט אויסגעזען קרומער ווי געווען, איז מיט אַמאָל געוואָרן קאַלט און פֿרעמד, כמעט צאָרנדיק. דאָס ווייסל פֿון אויג האָט זיך אויסגעברייטערט, ווי ס'וואָלט אונדז אין גאַנצן ניט דערקענט. די דאָרפֿישע פּויערים האָבן אויך פּלוצלונג זיך געענדערט: אַ מין חוצפּה איז אין זיי אַריין, אַ חוצפּה וואָס איז פֿריער ניט געווען אין זיי. ערגער פֿון אַלץ איז געווען, וואָס ס'איז ניט אַוועק אַ נאַכט אָן וואָלדיקע גנבות. עס זיינען געווען אַזעלכע פּויערים, וואָס האָבן זיך אפילו ניט געהיט צו באַ־האַלטן די גנבה, וויסנדיק, אַז פֿאַרן טאַטן איז גלייכער צו פֿאַרשווייגן און זיך מאַכן ניט זעענדיק. ס'איז געקומען אַזוי ווייט, אַז איינער אַ פּויער, סאַשקע דער „וואָלף", אַ באַקאַנטער „לקחן", ער און זיינע צוויי זינדלעך

זיינען איינמאָל אַ נאַכט געכאַפּט געוואָרן פֿאַר דער האַנט פֿון אונדזער וואַלד־שומר סטיאָפּאַן מיט אַ פֿולן וואָגן האָלץ. די גנבים האָבן סטיאָפּאַן געשלאָגן מכּות־רצח און דאָס האָלץ אַוועקגעפֿירט צו זיך אַהיים. דאָס האָט שוין דער טאַטע, פֿאַרשטייט זיך, ניט געקענט פֿאַרשווייגן און האָט אָנגעקלאָגט די גנבים אין געריכט. זינט יענער מעשׂה האָט זיך דער טאַטע געמאַכט אַ סך שונאים פֿון די גנבים גופֿא און אויך פֿון זייערע קרובים. איינער, דעם גנבֿס אַ קרובֿ, דער דאָרפֿישער שרייבער, אַ שיכּור אַ גוי, האָט אָנגעהויבן שרייבן רעגלמעסיק, וואָך נאָך וואָך, דאַנאָסן אויפֿן טאַטן, מיטן אָנגענומענעם נוסח: „זאָל דאָ באַוואוסט זיין, אַז דער איד יאָסי וואוינט מיט זיין הויזגעזינד ביי אונדז אין דאָרף, וואָס איז אָנקעגן בפּירושן געזעץ און פֿאַרדאַרבט מיט זיינע מעשׂים די מאָראַל פֿון דער הראָמאַדע, און טוט אָן שאָדן דער מדינה". דער גנבֿ פֿלעגט דעם דאַנאָס אַריינלייגן אין בוזעם און אים אָפּטראָגן אין „געהעריקן פּלאַץ". די „געהעריקע פּלעצער" פֿלעגן איטלעך מאָל שיקן רופֿן דעם טאַטן און בעת ער פֿלעגט צוריקקומען פֿון אַזאַ מין וויזיט — האָט ער געהאַט אַ פּנים פֿון אַ מת. איינמאָל איז ער צוריקגעקומען פֿון וואַנען דאָרט ער איז געקומען און פֿון פֿאַר פֿערד מיט וועלכע ער איז אַוועקגעפֿאָרן האָט זיך אומגעקערט בלויז איינער. דער אַנדער פֿערד, דער בעסערער, איז געבליבן ביי דעם אדון פֿון אַ „געהעריקן פּלאַץ", אַלס „אויסקויף־געלט", און דאָס פֿערד, דער פּליט, וואָס דער טאַטע האָט דערוויל פֿאַר אים קיין בן־זוג ניט געפֿונען, האָט זיך אומגעקערט אַהיים אַ פֿאַרשעמטער; די אַגלאַבליע וואָס גייט צווישן אַ פֿאַר פֿערד האָט געשטעקט ניט ווי ס׳באַדאַרף צו זיין, אויף אַ זייט. דעם טאַטנס פּנים האָט געברענט פֿאַר חרפּה, ווי מ׳וואָלט אים אָפּגעגאָלט אַ האַלבע באָרד און אָפּגעשניטן אַ האַלבע קאַפּאָטע, און דער טרייבער, סטיאָפּאַ, האָט כּמעט געוויינט פֿאַר עגמת־נפֿש. ווען ער האָט אויסגעשפּאַנט דעם איינציקן פֿערד פֿון וואָגן און אים געפֿירט אין שטאַל אַריין האָט ער אים געשאָלטן מיט טויטע קללות, געקריצט מיט די ציין און אויסגעלאָזט צו אים כּל־חמתו. דער חסרון האָט זיך אַפֿילו שפּעטער אויסגעגליכט: דער טאַטע האָט אויסגעביטן דעם איינציקן פֿערד, דעם גוטן, אויף צוויי שלעכטע, פֿון וואָס סטיאָפּאַ האָט געהאַט גענוג צער און חרפּה. אָבער די רואיקייט און זיכערקייט האָבן שוין ניט זיך אומגעקערט. ניט ווייסנדיק וואָס מאָרגן וועט זיין, האָט דער טאַטע אין גאַנצן אָפּגעשטעלט דאָס געבוי פֿון דער סמאָלע־ברענעריי. דער טאַטע פֿלעגט זאָגן, אַז די אָנגעהויבענע ווענט, פֿאַרלאָזטע אין וועלדל צווישן בוימער, וואו חזירים און בהמות קומען איבערנעכטיקן, קומען צו אים נאַכט אין נאַכט צו חלום און האַלטן פֿאַר אים אין איין וויינען.

דער מידת־הדין, וואָס האָט זיך אויסגעגאָסן אויף די אידן פֿון די אַרומיקע דערפֿער איז דערווייל געוואָרן האַרבער און האַרבער. אַפֿריער פֿלעגט מען געבן התראה און שפּעטער אַרויסטרייבן, און דערנאָך האָט מען געטריבן אָן קיין שום התראה. קיין געלט האָט מער שוין ניט געהאָלפֿן. הייזער וואָס האָבן זיך אויפֿגעבויט דורך מי פֿון לאַנגע יאָרן זיינען דורך אַ פּלוצימדיקן באַפֿעל מיטאַמאָל, אין איין שעה, חרוב געוואָרן. אויף די זאַמדיקע וועגן וואָס ציען זיך פֿון די דערפֿער צו די שטעטלעך זיינען יעדן טאָג געקראָכן פֿויערשע וועגענער מיט דער באַלעבאַטישקייט פֿון אַרויס־געשיקטע אידן. אויף מאָרגן, פֿלעגן די אייגענע פֿויערים זיך אומקערן אין זייערע דערפֿער און חוזקן און שיטן זאַלץ אויף די וואונדן פֿון די איבעריקע אידן, וועמען דער מידת־הדין האָט נאָך דערווייל ניט געטראָפֿן. אַ פֿינצ־טערע אימה האָט זיך צעלייגט אויפֿן טאַטנס הויז און די הערצער האָבן נביאות געזאָגט אויף שלעכטס.

און איינמאָל, אין אַ טאָג פֿון אַ גוישער חגא, ווען דער טאַטע איז געווען אין שטוב, איז סטיאָפּאַ אַריינגעפֿאַלן אָן אויפֿגערעגטער, אַ דערשראָקענער, מיט דער בשורה, אַז די פֿויערים פֿון דאָרף זיצן איצט אין שענק אַרום טיש, די מערסטע פֿון זיי, שיכור־לוט, און גרייטן צו עפּעס אַ „פּאַפּיר", דעם טאַטן לרעה. די גלאַוונע העצער זיינען סאַשקאַ דער „וואָלף", דער גנבישער פֿויער, און זיין קרוב דער שרייבער. די רייד פֿון די מליצי־יושר ווערן פֿאַרטרונקען אין די פֿלעשער בראַנפֿן, מיט וועלכע די העצער זיינען מכבד די הראָמאָדע. דער אינהאַלט פֿון פּאַפּיר, לויט ווי מען הערט, איז, וואָס די הראָמאַדע בעט זיך ביים „געהעריקן פּלאַץ" צו דערווייטערן דעם זשיד פֿון דאָרף. ערשטנס, ווייל ער האָט ניט קיין וואוין־רעכט און, צווייטנס, ווייל ער איז אַ „שעדיקער". ס'האָט זיך געלאָזט גלויבן, אַז אויך עפּעס אַ איד האָט אין דעם געהאַט אַ האַנט. נאָענט ביי יענער צייט האָט איינער אַ איד געקויפֿט אַ שטיקל וואַלד, וואָס האָט זיך געגרעניצט מיטן טאַטנס וואַלד און צווישן די צוויי וואַלדערייען איז אַריינגעפֿאַלן אַ שטיקל קאָנקורענץ, וואָס ס'האָט גאַנץ אָפֿט געפֿירט צו סכסוכים, ווי דער שטייגער איז.

דער טאַטע האָט ניט פֿאַרזאַמט קיין רגע און געלאָפֿן אין שענק אַריין. אים אין פּנים — וועלן זיי ניט האָבן קיין העזה. און אַזוי איז טאַקע גע־שען. דעם טאַטנס פּלוצימדיקע אַריינקומען אין שענק האָט צעטומלט די העצער. אַ צוויי־דריי האָבן זיך אַרויסגערוקט פֿון שענק און ניט געוואָרן און די איבעריקע האָבן זיך געשעמט אים צו קוקן אין די אויגן אַריין. איינער פֿון זיי האָט זיך דערשראָקן און אויסגעשטרעקט אַ האַנט צום „פּאַ־

פּיר״, געוואָלט עס באַהאַלטן, נאָר אַן עלטערער גאַטספּאַרכטיקער פּויער, דעם טאַטנס אַ פֿרײַנט, האָט זיך מקדים געווען, אַ כאַפּ געטאָן דאָס פּאַפּיר, זיך איבערגעצלמט, און צעריסן דאָס פּאַפּיר אויף שטיקלעך. געריסן — און אַ זאָג געטאָן צום טאַטן: „דאַנק דײַן גאָט, יאָסי, דו ביסט ניצול געוואָרן פֿון אַ צרה און מיר — פֿון אַן עבֿירה. הייס שטעלן בראַנפֿן פֿאַרן פֿאָלק". דער טאַטע האָט געהייסן און אין איין הרף־עין האָט זיך דאָס פֿאָלק געביטן. ס׳האָט זיך דערוועקט דער מידת־היושר און די פֿאַרטיידיקער האָבן געזיגט. אייניקע פֿון די בעלי־תשובה האָבן נאָך צוויי־דרײַ כּוסות זיך אַזוי געביטן, אַז זיי האָבן בקול־רם און מיט אַ שבֿועה אויף זיך עדות געזאָגט, אַז זיי זײַנען הינטישע זין, כּלבים בני־כּלבים, פֿון צען דורות. איינער האָט געבעטן דער טאַטע זאָל אים מוחל זײַן, געוויינט ווי אַ ביבער, זיך אויסגעצויגן אויף דער ערד און געשריען: „טרעט, יאָסי, טרעט!" און נאָך איינער האָט זיך געשלאָגן אויפֿן האַרצן און געשריען, אַז ער וועט זיך אָננעמען יאָסיס קריוודע ביזן לעצטן טראָפּן בלוט און דעם „וואָלף" וועט ער דערהרגענען, דערהרגענען אויף טויט... אַז דער טאַטע איז געגאַנגען צוריק אַהיים האָט ער דערהערט געשרייען פֿון שענק־שטוב. פֿון תּשובֿה, זעט אויס, זײַנען די העצער און דער צד־שכּנגד געקומען צו קלעפּ און די הענט פֿון די פּויערים זײַנען פֿאַרפֿאָרן איינער אין דעם צווייטנס טשופּרינעס, ווי דער שטייגער איז.

דעם פּאַפּיר האָט מען דאָס מאָל צעריסן, אָבער די סכּנה איז ניט אין גאַנצן פֿאַרביי. דאָס פֿאָלק פֿון דאָרף האָט זיך צעטיילט אין צוויי מחנות, וואָס האָבן זיך געהאַלטן אין אַרומהרגענען. צו די צאַנקערייען און קריגערייען האָט קיין סוף ניט געווען און דאַנאָסן זײַנען געפֿלויגן פֿון ביידע צדדים אין די „געהעריקע פּלעצער". דער סטאַנאָוואָי פֿלעגט פֿאַררופֿן צו זיך אַמאָל איין צד, אַמאָל דעם צווייטן, געטופּעט מיט די פֿיס אויף ביידע צדדים, געברומט ווי אַ לייב און געסטראַשעט: „קיין סיביר! אין אײַזערנע קייטן!".

און אין איינער אַ חנוכּה־נאַכט האָט דער סטאַנאָוואָי געשיקט נאָכן טאַטן. האָט דער טאַטע אַרײַנגעוואָרפֿן אין שליטן אַ פּאָר פֿעטע גענז, אַ חנוכּה־מתּנה דעם סטאַנאָוואָיס ווײַב, און געקומען האַסטיק צו לויפֿן. די באַלעבאָסטע האָט צוגענומען די מתּנה מיט אַ ליבן שמייכל און דער סטאַנאָוואָי האָט אַרײַנגעפֿירט דעם טאַטן חדר בחדר און אים געזאָגט:

„בעט ביי גאָט, יאָסי, איך קען דיך מער ניט אויסבאַהאַלטן. שונאים האַלטן דיך אין איין גראָבן. אין דער גובערניע איז שטרענג, וואָס שטרענ־

גער קאָן ניט זיין. אַ איד אויפֿן דאָרף — זאָל גאָט אויסהיטן. זיי זיינען מקפּיד אויף אַ האָר".

„היתכן? — האָט דער טאַטע געטענהט — צוליב איין טאָג?"

„צוליב איין טאָג"...

„איז וואָס זאָל איך טאָן — פֿרעגט דער טאַטע — אפשר איז דאָ פֿאַראַן אַ תחבולה?"

דער סטאַנאָוואָי האָט פֿאַנאַנדערגעפֿירט די הענט און פֿאַרשנירט די ליפּן, ווי איינער זאָגט: „טו וואָס דו קענסט, איך — קען מער ניט".

דער טאַטע איז שוין צוריק אַהיים פֿון דאָרטן ניט געפֿאָרן, געלאָפֿן מיטן שליטן אין דער גובערנסקי שטאָט, פֿון גובערנסקי שטאָט אין אויעזד־שטאָט. אַזוי אין ער געלאָפֿן און געלאָפֿן ביז ער איז צוריקגעקומען נאָך אַ שטיקל צייט אַהיים אַ צעבראָכענער, אַ פֿאַרמוטשעטער, און כּמעט מיט גאָר־נישט. ער האָט יאָ אָפּגעזוכט זיך עצה־געבער, אָבער די עצות האָבן צע־שלאָגן און צונישט געמאַכט איינע די אַנדערע. ס'האָבן זיך אויך געפֿונען שתּדלנים, וואָס האָבן צוגעזאָגט צו העלפֿן, אָבער די הבטחות זייערע זיינען גאָרנישט ניט ווערט געווען. איינער פֿון זיי, וואָס האָט לויט זיינע רייד, געהאַט אַ צד אין טיש אין די „געהעריקע פּלעצער" האָט זיך אונטערגע־נומען — פֿאַר אַ גוטער באַלוינונג, פֿאַרשטייט זיך — צו פֿאַרקניפּן באַ־ציאונגען מיט די דאָזיקע צדדים, כּשרן דעם טאָטן, ס'הייסט, מקדים צו זיין דעם טאַטנס וואוינען אין דאָרף מיט איין טאָג פֿריער פֿאַרן פֿאַרבאָט, אָבער ווי אַ סך מענטשן האָבן גערעדט, האָבן זיינע ווערטער קיין ממשות ניט. ער איז אַ באַקאַנטער זשוליק. פֿונדעסטוועגן, האָט דער טאַטע אים געגעבן האַנט־געלט. ווער ווייס, אפשר...

מיטן כּוח פֿונם דאָזיקן אפשר האָט דער שתּדלן געמאַלקן דעם טאַטן אומגעפֿער דריי חדשים צייט און ביים „אפשר" איז דאָס געבליבן. יעדע וואָך זיינען אַנטפּלעקט געוואָרן נייע צדדים, וועלכע מען באַדאַרף „שמירן" און דעם טאַטנס האַנט איז פֿאַרמאַטערט געוואָרן שמירנדיק. אין איינעם אַ טאָג האָט אים דער שתּדלן געלאָזט וויסן, אַז מבטל זיין די גזירה איז אומ־מעגלעך, ס'איז שוין געשריבן און געחתמנט און זי ליגט דאָרטן און דאָרטן. אלא וואָס דען? מ'קען די גזירה פֿאַרהאַלטן און דאָס דאַרף קאָסטן כּך וכּך. האָט דער טאַטע געגעבן כּך וכּך און פֿאַרהאַלטן. אָבער ס'איז ניט אַוועק קיין סך צייט און ס'איז ווידער געקומען אַ מעלדונג, אַז דאָס פּאַפּיר, נאָך אַלע פֿאַרהאַלטענישן, האָט זיך דאָך אַ ריר געטאָן פֿון אָרט און מ'דאַרף עס ווידער פֿאַרהאַלטן. און אַזוי איז דאָס געווען כּסדר: דער שתּדלן איז

געשטאַנען אויף דער וואַך און פֿאַרהאַלטן מיטביידע הענט און דאָס פּאַפּיר האָט זיך געהאַלטן אין איין רירן. ס'איז געקראָכן שטילערהייט, מיט קליינטשינקע טריטעלעך, ווי אַ גנב אין באַהעלטעניש, אומבאַמערקט פֿאַרן אויג, אָבער פֿאָרט געקראָכן און זיין יעדער ריר האָט אָפּגעקאָסט דעם טאָטן בלוטיק געלט. און וואָס נאָך ערגער, מיט גרויס דערנידריקונג און גייסטיקע יסורים וואָס האָבן נישט געהאַט צו זיך קיין גלייכן: זיך געשלעפּט אומזיסט און אומנישט איבער אַלע קאַנצעלאַריעס, געהאַלטן אים אין איין אָפּלייגן: „קום היינט, קום מאָרגן", געגעבן „לאַ־יחרץ־געלט", געבעטן אום רחמנות, זיך דערנידעריקט פֿאַר אַלטע האַרצלאָזע שיכּורים־באַאַמטע און יונגע אויסגעלאַסענע מופֿקרים, באַהאַלטענע באַגעגענישן אין שמוציקע טראַקטירן, וכדומה. פֿון אַזעלכע נסיעות פֿלעגט דער טאַטע אַהיים קומען אַ טויט־קראַנקער און אָפּליגן נאָכדעם אַ צוויי־דריי טעג אין שטוב. אַרונטער פֿון בעט — פֿלעגט ער זיך פֿאַרמאַכן אַליין אין חדר און אַרומגיין שעהן לאַנג הין־און־צוריק. איינמאָל אין אַ פֿאַרנאַכט, האָב איך אים געטראָפֿן, ווי ער שטייט אין ווינקל פֿאַרן קליינעם ארון־קודש און וויינט שטילערהייט...

אַ סך גרויע האָר אויפֿן קאָפּ און נייע קנייטשן אויפֿן שטערן האָבן יענע טעג אים געגעבן.

דער טאַטע האָט איינגעזען, אַז מיט אַ נאַטירלעכן וועג וועט די ישועה ניט קומען — האָט ער אָנגעהויבן האָפֿן אויף אַ ישועה פֿון הימל. פֿון שתּדלנות האָט ער זיך ניט אָפּגעזאָגט, ווי ס'שטייט אין פּסוק: „איך וועל דיך בענטשן אין אַלץ וואָס דו וועסט טאָן" — אָבער אין אַ ישועה גמורה האָט ער שוין מער ניט געגלויבט. ער האָט געבעטן אין האַרצן, אַז די צרה זאָל זיך, על־כּל־פּנים, אַביסל פֿאַרהאַלטן און דערווייל, ווער קען וויסן, אפֿשר... אפֿשר וועט דערווייל טרעפֿן אַ נס, ווי, למשל, אַ מאַניפֿעסט, אָדער אַ מלחמה, צי אַן אַנדער מכּת־מדינה, אַז מען זאָל זיך פֿאַרגעסן אָן יאָסין פֿון קאָזאַדאַיעווקע...

דערווייל איז אָנגעקומען דער חודש ניסן, און פֿון ברודער שמואל, טראָמפּייט־שפּילער פֿון מיליטערישן אָרקעסטער, איז פּלוצלונג אָנגעקומען אַ בריוו מיט אַ טאָפּלטער גוטער בשורה: ערשטנס, אַז שמואל האָט זיך צוליב זיינע מוזיקאַלישע אויסצייכענונגען דערדינט צו אַ „בענדל", און צווייטנס, אַז ער האָט באַקומען אורלויב פֿון דער קאָמאַנדע אויף צוויי וואָכן צייט און ערב פּסח קומט ער אַהיים, ער מיט זיין טראָמפּייט. דער טאַטע האָט געלייענט דעם בריוו פֿאַר אַלע בני־בית און אין שטוב איז געוואָרן

אַ שמחה. די קינדער טאַנצן: „שמואל קומט, מיטן טראָמפּייט קומט ער!" דער מאַמעס פּנים האָט פאַר אַ רגע אויפגעלויכטן און אין די אויגן האָבן זיך באַוויזן טרערן.

„ע, אידענע, וואָס ווייִנסטו?" — זאָגט דער טאַטע און ווישט זיך אַליין אָפּ מיטן פינגער אַ באַהאַלטענע טרער — „ס'איז אַ גוטער סימן, איצט וועסטו זען, אַז גאָט וועט העלפן"...

„הלוואי, רבונו של עולם, דער זכות פון די קינדער זאָל אונדז ביי־שטיין" — ענטפערט די מאַמע און האַלט איין איר געוויין מיט אַלע כוחות, כדי ניט מצער צו זיין דעם טאַטן.

אָבער טאַטע־מאַמעס תּפילה איז ניט אָנגענומען געוואָרן. דער גזר איז געקומען פריער ווי מען האָט געמיינט, אין אַ שעה, ווען מיר האָבן זיך כלל אויף אים ניט געריכט: פּונקט אום ערב פּסח.

ג.

דער אורח האָט זיך אַביסל אָפּגערוט און ווייטער דערציילט:

יענער טאָג — אַן ערב פּסח, וואָס איז אויסגעפאַלן ערב שבת — האָט זיך מיר איינגעקריצט אין זכרון מיט אַלע איינצלהייטן. פון באַגינען אָן האָט די זון געלויכטן יום־טובדיק און ביידע שטיבער פון די מחותּנים — די וואָס אין טאָל און יענע וואָס אויפן בערגל — האָבן געבלאַנקט, גע־שמייכלט איינע צו דער צווייטער מיט זייער נייער ווייסקייט און זיך גע־חנדלט מיט זייערע בלויע גאַרטלען, מיטן פּאַס פאַרב, וואָס האָט אַרומגע־כאַפּט זייערע לענדן, עפּעס נידעריקער פון די פענסטער, לכבוד יום־טוב. פון היגטערן הויז האָט זיך דערטראָגן דאָס געזאַנג פון די אַרבעטאַרינס, וואָס זיינען פאַרפרי געקומען אין גאָרטן און יעדע שעה איז צוגעקומען אַ נייע בייט, אַ שוואַרצע פּייכטע בייט. אויף זעליגס בערגל זיינען איבער־נאַכט, נאָכן רעגן, אויפגעקומען דינע גרינע הערעלעך פון זיידענע גראָזן. דער פּאַס פון סטעזשקע, וואָס האָט זיך געצויגן פון אויבן אַרונטער, האָט געגאָלדיקט אין נייקייט פון זיידנס. דער גאַנצער פּאַס, פון אָנהויב ביזן סוף, איז געווען באַשאָטן מיט פּייכטן גאָלדיקן זאַמד. קיינער האָט ניט געזען, ווער ס'האָט דעם זאַמד אויסגעשפּרייט, אַז די כלה האָט אַ האַנט אין דעם; זי האָט דאָס געטאָן באַגינען, באַהאַלטענהייט, לכּבוד דעם חתן וואָס באַ־דאַרף היינט קומען. כ'האָב געזשאַלעוועט צו שטעלן אַ טריט אויף דעם אויסגלייכטן פּאַס, איידער דעם חתנס פיס וועלן אויף אים טרעטן. און אין ביידע הויפן האָט מען זיך שטאַרק געגרייט: געכשרט כלים, געריבן,

געשייערט און געסקראַבעט — ס'האָט זיך געטרעשט און געטומלט. בענק און טישן האָט מען געבריט מיט קאָכעדיק וואַסער, מיט אָנגעגליטע שטיינער. זיי האָבן זיך געלאָזט פייניקן אונטער יעוודאָכעס מאַגערער אָדערדיקער האַנט, אָט פון דער פּאַראידישטער גויע, וואָס האָט אָפּגעהיט כשרות אין הויז מער ווי אַ אידענע, און אונטער פּאַראַשעס גראָבער שווערער האַנט, אָט פון דער געשטופּלטער שיקסע. די צוויי מחותּנתטעס האָבן היינט אַליין געאַרבעט, און געמאַכט אַנדערע אַרבעטן, איבער די כּוחות, מיט מסירת־נפש, ווי זיי וואָלטן זיך ביידע געהאַט פּאַרוועט, ווער וועמען וועט פּאַרמאַטערן. עפּעס אַ קלייניקייט — היינט קומט דאָך עפּעס צופאָרן שמואל — דער חתן, נאָך גאַנצע צוויי יאָר דינען.

איך דאַרף װיסן, אַז זינט דעם ברודערס בריוו איז אָנגעקומען זיינען די צוויי מחותּנתטעס אַריינגעפאַלן אין אַ מחלוקה. די מאַמע האָט געטענהט, אַז שמואל איז איר גאַסט. „טאַטע־מאַמע" — האָט זי געזאָגט — „זיינען בילכער פאַר מחותּנים". און די מחותּנתטע האָט געשריען: „ניין! שמואל איז אַ חתן, און וואו האָט מען דאָס געזען אַ חתן, וואָס זאָל ניט זיין צוגאַסט צום פּסח סדר ביי דער כּלה?" האָבן זיך די מאַנסלייט אַריינגעמישט און געמאַכט אַ פּשרה: יחלוקו. צום ערשטן סדר ביי טאַטע־מאַמע און צום צווייטן סדר ביי די מחותּנים, און אַזוי איז געבליבן.

אָן ענלעכע מחלוקה האָט אויסגעבראָכן היינט צווישן קליינוואַרג פון ביידע הויפן: יעדער איינער האָט זיך געריסן פאָרן מיט סטיאָפּאַן צו דער נאָענטער סטאַנציע, מקבל־פּנים זיין דעם חתן, וואָס דאַרף היינט נאָכמיטאָג קומען מיט דער באַן. סוף־כּל־סוף האָב איך זוכה געווען צו דעם דאָזיקן כּבוד. איך שטיי און וואַרט מיט אומגעדולד, ווען וועט שוין דער וואָגן זיך נעמען רירן? דער דאָזיקער וואָגן שטייט שוין מוכן ומזומן אַ גאַנצע זייגערנע שעה, אָן איינגעשפּאַנטער, אָן אויסגעבעטער מיט היי און רירט זיך פון אָרט ניט. ער וואַרט אויף סטיאָפּאַן, וואָס זיצט זיך דערווייל אויף די סטאָלערשע קאָזלעס און טעסעט און פאַרשפּיצט מיטן העקל פּרישע, ווייסע שטעקענער, נייע פּסחדיקע הענטלעך פאַר דער קאַטשערע און פּאַמעלע. איך וויל צוהעלפן סטיאָפּאַן, ער זאָל וואָס גיכער פאַרטיק ווערן, אָבער די מאַמע שלעפּט מיך אַוועק, כּזאָל מיך וואַשן און צוואָגן דעם קאָפּ און איבערטאָן אַ פרישן העמד. זי האָט מורא, די מאַמע, איך זאָל מיך ניט פאַרזאַמען אין וועג און אַריינפאַלן אין יום־טוב אַ ניט קיין געוואַשענער.

כּדי ניט צו פאַרלירן קיין צייט, בין איך דאָס מאָל מפקיר מיין קאָפּ צו דער הייסער מולטער מולינעס און טעמפּער קאַם און מיין גוף צום

פֿרישן האַרטלעכן העמד, וואָס יאָגט אָן אויף מיר מיט זיין ווייסער קילקייט אַ לייכטן פֿרעסטל. ביי אַ גוטער געלעגנהייט, פּרוביר איך זיך איינבעטן ביי דער מאַמען, זי זאָל מיך לאָזן אָנטאָן — ניט חלילה פֿון מיין כּבוד וועגן, פֿאַרשטייט זיך, נאָר צוליב דעם גרויסן גאַסט — מיינע נייע יום־טובדיקע בגדים מיטן היטל, און דער עיקר, מיינע נייע גלאַנציקע שטיוועלעך. איך וויל מיך באַווייזן פֿאַר שמואלן אין פֿולער פּראַכט. אָבער די מאַמע ווערט ניט גערירט פֿון מיין בקשה מיט דער גערעכטער טענה, אַז די נייע זאַכן וועלן זיך איינריכטן אין וועג און בעסער וועט זיין, איך זאָל מיך איבערטאָן קומענדיק צוריק אַהיים. ניט ווילנדיק מוז איך מיך צופֿרידנשטעלן מיטן ביסל און גיי מיר האַפּערדיק אַרויס פֿון שטוב אויסגעפּוצט און אויסגעשטראַצלט אויף האַלבּ, מיטן נייעם העמד וואָס שאַרכעט אויף מיר און מיטן האַלבן יום־טוב וואָס רעגט זיך און שפּילט אונטער דער הויט און אין די ביינער.

אין פֿירהויז שלאָג איך מיך אָן אָן מיין שוועסטער, וואָס זיצט אויף אַ בענקל און שטויסט מצה אין אַ סטופּע מיטן הילצערנעם שטייסל, וואָס איז צוויי מאָל גרעסער פֿון איר. אַ צווייטע שוועסטער, נאָך כּמעט אַ קינד, זיפּט דאָס אָנגעשטויסענע אין אַ זיפּ, וואָס האָט אַ פּסחדיקן חן, אין אַ ווייסן ליילעך. אויף אַ קיילעכדיקן, פֿון צוויגן געפֿלאָכטענעם זאַלץ־ברעטל ליגן שוין די צעשפּאָלטענע עופֿות, זיי און זייערע בלויע פּופּקעס, מיט די נעסטן פֿון אייעלעך, מיטן צעשפּאָלטענעם אינדיק אין מיטן, און אַ רויטלעכע פֿליסיקייט שטראָמט אַרונטער פֿון ברעטל. מיין מיטלסטער ברודער רייבט אָן דאָס כריין אויפֿן ריבאייזן, קרימט מיט דער נאָז און האַלט אין איין ניסן. ביי דער טיר פֿון קאָך־שטוב שטייט פּאַראַשע, אָנגעטאָן אין ריינע זאַכן, מיט אַ פֿאַרטעך און אַ ווייס טיכל, ווי אַ כּלה, אין גאַנצן כּשר לפּסח. דאָס געשטופּלטע פּנים גלאַנצט, זי האַלט אין שאָבן מיט אַ טעמפּ מעסער, שפּריצנדיק מיט פֿינקלדיקע שופּן, אַ פֿעטן צאַפּלדיקן פֿיש. פֿון אינעווייניק, פֿון קאָך־שטוב, גייט אויף דאָס געקלאַנג פֿון מעשענעם שטייסל און מערזער, וואָס צערייבן די געווירצן און דאָס קנאַקן פֿון פֿייער אין באַנייטן אויוון. דער טאַטע גרייט צו דאָס חרוסת. די מאַמע האָט טובל געווען אין אַ גרוב אויפֿן הויף אַ לאַנגן קראַנץ געשייערטע גאָפּל־מעסער. די הילצערנע כּלים: די בענקלעך, דאָס פֿעסל און דער וואַסער־עמער זיינען געוואַשן און געשווענקט, שטייען איטלעכע אויף זיין פּלאַץ און פֿירן דורך זייער פֿונקציע. אין אַ צווייטן גרוב אויפֿן הויף סמילקעט נאָך דאָס פֿייערל פֿון פֿאַרברענטן חמץ און דער רויך ציטערט נאָך אין דער לופֿטן. דער ערב פּסח לאָזט זיך

שוין הערן און שמעקט אין יעדן ווינקעלע. דער פסח גופא זיצט נאָך פֿאַר־שלאָסן אינעווייניק אין גרויסן צימער און די מאַמע לאָזט ניט אַריינקומען אַהינצו אים אָנקוקן. דאָרט זיצט ער זיך באַהאַלטן הינטערן פֿאַרהאַנג אויף ווייסע קישנס,ביים גלימצערדיקן גלאָזוואַרג, און סודעט זיך מיט אליהו הנביא. נאָר אַז די מאַמע דאַרף עפּעס האָבן אין יענעם חדר און עפֿנט די טיר, טרעפֿט, אַז ער גיט אַ קוק אויף אונדז, קינדער, מיט אַ גוט אויג, ווי ער וואָלט אונטערווינקען: אָט בין איך, קינדער!

אַ האַלבע שעה נאָך ביעור־חמץ האָט זיך סוף־כּל־סוף דער וואָגן אַ ריר געטאָן פֿון פּלאַץ — מיט מיר אין וואָגן. הייסט עס, אַז אין צוויי שעה אַרום וועל איך מירצעשעם זען מיין ברודער, אים און זיין טראַמפּייט. ווען דער וואָגן האָט זיך פֿאַרקירעוועט מיטן וועג וואָס פֿירט צו דער סטאַנ־ציע האָבן די אַרבעטאָרינס אין גאָרטן אונדז אָנגעיאָגט. כ'האָב אומגעד־דרייט מיין קאָפּ צו אונדזער שכונה: די צוויי ווייסע שטיבער, די אויבער־שטע און די אונטערשטע, שטייען פֿאַרגאָרטלטע מיט זייערע בלויע גאָרט־לעך און קוקן אונדז נאָך. ביידע זאָגן אונדז אָן: געדענקט, איר זאָלט זיך ניט פֿאַרשפּעטיקן. ס'איז ערב־פּסח!

דער וועג צווישן דאָרף און סטאַנציע, הגם ס'איז דורכגעווייקט געווען פֿון ביינאַכטיקן רעגן — איז געווען ניט איבעריקס שלעכט און די פֿערדלעך זיינען געלאָפֿן גאַנץ לעבעדיק. פֿון דאָרף ביז דער סטאַנציע איז אומגעפֿער צוויי שעה צייט פֿאָרן פער־אָקס. אויב קיין זאַך וועט אונדז ניט פֿאַרהאַלטן — וועלן מיר לויט דעם חשבון קומען צוריק אַהיים מיטן גאַסט מיט אַ צוויי און אַ האַלב ביז דריי שעה פֿאַר ליכט־בענטשן, ס'הייסט, ווען אַלץ וועט שוין זיין געגרייט פֿאַרן סדר. איך שטעל זיך פֿאַר די שמחה, ווען דער וואָגן מיט שמואלן וועט אַריינפֿאָרן אין הויף. ביידע הויזגעזינטן וועלן זיך פֿאַרזאַמלען צום קבלת־פּנים, מיט דער כּלה אינמיטן...

די פֿערד זיינען געלאָפֿן פֿאַרביי צעאַקערטע פֿעלדער, געלאָפֿן און געקלונגען מיט די גלעקלעך אין געשפּאַן. אַ לייכט ווינטל האָט מיר גע־פֿאָכעט אין פּנים און ס'איז מיר געווען פֿריילעך אויף דער נשמה. אָן ערב־פּסחדיקער חן האָט גערוט אויף דער גאַנצער וועלט. צווישן די קליינטשינקע וואָלקנדלעך אין הימל האָבן זיך אָפּגעלייזיקט גרויסע שטרע־קעס, שטעגן פֿון נייעם בלוי, פֿון פּסחדיקן בלוי. אין דער קלאָרער לופֿט האָבן זיך פֿאַרמאָסטן קליינע כוואַליעס פֿון אַ זיסער וואַרעמקייט מיט אַ מחיהדיקער קילקייט און ביידע האָבן מיר געקלאַפּט איבערן פּנים און נאַקן, ווי ס'איז אויסגעפֿאַלן, מיט לייכטע קלעפּ. וואַסערן, וואָס האָבן צוגעדעקט

די פֿעלדער, האָבן אויסגעזען ווי גלאָז, מאַנכע פֿון זיי גלאַטע, וואָס דער בלויער הימל שפּיגלט זיך אָפּ אין זיי אין זיין גאַנצער ריינקייט, און מאַנכע, וואָס ציטערן אין אַ קאַלטן ציטער און פֿינקלען מיט זילבערנע און גילדערנע שופּן, ווי אונדזערע פּסחדיקע גלעזערנע קרוגן און כּוסות. אַפֿילו די פֿאַרשמוצטע רעשטלעך שניי האָבן דאָס בילד נישט געשעדיקט. ביי מיר אין די אויגן האָבן זיי אויסגעקוקט, ווי שטיקלעך פֿאַרדאַרט חמץ, וואָס האָבן זיך פֿאַר בושה צונויפֿגעקאַרטשעט אין די גריבער.

דער וואָגן לויפֿט אַריין און אַרויס פֿון פֿעלד אין וואַלד און פֿון וואַלד אין פֿעלד. דערווייל מאַך איך מיר אויס פּלענער פֿאַר די טעג פֿון קומענדיקן יום־טוב. יאָ, ס'וועט זיין גאָר פֿריילעך ביי אונדז היינטיקן פּסח. יעדער טאָג אַ באַזונדערע שמחה. דעם ערשטן טאָג וועלן די מחותּנים קומען צו אונדז: וויין, קניידלעך, כרעמזלעך, ניס. דעם צווייטן טאָג וועלן מיר גיין צו די מחותּנים און ווידער: וויין, קניידלעך, כרעמזלעך, ניס. מוצאי יום־טוב וועלן אַלע זיך צונויפֿקומען ביי אונדז אין הויז: די מחותּנים וועלן קומען, פּסח־איצי מיט זיין ווייב וועלן קומען. אַלע, אַלע. שמואל וועט שפּילן אויפֿן טראָמפּייט. די קינדער וועלן טאַנצן. ווידער וויין און קניידלעך און כרעמזלעך און ניס...

איך שעם זיך ניט אויסצוזאָגן, אַז מער ווי כ'האָב מיך געפֿרייט מיט מיין ברודערס קומען — האָב איך מיך געפֿרייט מיט זיין טראָמפּייט, וואָס ער ברענגט מיט זיך. דער טראָמפּייט האָט דאָס מיך צוגעטריבן צו פֿאָרן אויף דער סטאַנציע. כ'האָב נאָך קיינמאָל קיין טראָמפּייט ניט געהאַט געזען פּנים אל פּנים. כ'האָב געקענט זיין אויסזען פֿון אַ פֿאָטאָגראַפֿיע, וואָס שמואל האָט אונדז צוגעשיקט נאָכדעם ווי מ'האָט אים גענומען אין אָרקעסטער, און איצט הענגט דאָס בילד אויף דער וואַנט, לעבן פֿידל. ער שטייט דאָרט, ווי אויסגעמאָלט אין די סאָלדאַטסקע קליידער מיטן טראָמפּייט אין האַנט. יאָ, אַ פֿיינע וואַזשנע כּלי איז דער טראָמפּייט און גאָר אינגיכן וועל איך האָבן די זכיה דאָס אָנצוקוקן און אפֿשר גאָר זיך מיט דעם גענעטער באַקענען. דער דאָזיקער אפֿשר פֿילט מיך אָן מיט אַ גרויסער שמחה און איך מוז זיך טיילן מיט דעם מיט סטיאָפּאַן, וואָס זיצט אומגעדרייט צו מיר מיט דער פּלייצע...

„זאָג נאָר, סטיאָפּאַ" — זאָג איך צו אים — „האָסט שוין אַמאָל געזען אַ טראָמפּייט?"

„וואָס איז?" — דרייט ער אויס צו מיר זיין פּרצוף, אַ פֿאַרחידושטער.

„דו ווייסט גאָר נישט? שמואל ברענגט מיט זיך זיין טראָמפּייט. אַן אמתער טראָמפּייט, אַ קופּערנער"...

די דאָזיקע בשורה, זעט אויס, האָט אים כּלל וכלל ניט צענומען. ער האָט זיך תּיכּף אומגעקערט מיטן פּנים צו די פערד און ווייטער אָנגעטריבן, ניט זאָגנדיק קיין וואָרט, ווי קיינמאָל גאָרנישט. „וואָס פאַרשטייט ער?" — בין איך אים מבטל אין הארצן — „אַ פּויערשער קאָפּ". און טאַקע באַלד האָב איך צוגעשטעלט אַ פּויסט צו אַ פּויסט און אָנגעהויבן שאַלן און טראָמ־פּייטן, זיך געהויבן און געטאַנצט אויפן זיץ לויטן טאַקט פון מיין שפּילן. אונדז אַנטקעגן זיינען אָנגעקומען עטלעכע פּויערשע וועגענער, וואָס פאָרן צוריקוועגס פון סטאַנציע. ס'איז פאַרבייגעפאָרן אַ לייכטע קאַליאַסקע, וואָס האָט אויך געקלונגען מיט גלעקלעך און צוויי טשינאָווניקעס זיינען געזעסן אין פּאַלנער פאָרמע. און איך האָב מיר געטרובעט און געטרואָמפּייטערט — ס'איז ניט מיין עסק. סטיאָפּאַ האָט עטלעכע מאָל אומגעדרייט דעם קאָפּ אַהינטער, וואַרפנדיק בייזע בליקן אויף די באַאַמטע, ביז זיי זיינען פאַר־שוואונדן געוואָרן פון די אויגן, ווי ס'האָרץ וואָלט אים געזאָגט, אַז דאָס באַגעגעניש מיט די צוויי „מלאכים" איז ניט צום גוטן.

געקומען אויף דער סטאַנציע — האָבן מיר שוין געטראָפן שמואלן, ווי ער שטייט אין די סאָלדאַטסקע קליידער און וואַרט אויפן וואָגן. וויי, וויי, ווי פאַרגרעבט זיין פּנים איז געוואָרן. הייַנט וואו איז עפּעס אַהינגעקומען זיין בערדל? כ'בין אַראָפּגעשפּרונגען פון וואָגן און אים געלאָפן אַנטקעגן. ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ נאָכפרעגעניש, וואָס מאַכט מען עפּעס אין דער היים און אַ קושעניש. סטיאָפּאַ האָט אָנגעפּאָיעט די פערד און איבערגעטראָגן אין וואָגן שמואלס זאַכן. כ'האָב געזוכט מיט די אויגן דעם טראָמפּייט און האָב געפונען בלויז אַ גראָבן שווערן קאַסטן, און אַ צווייטס, אַ קלענערס און שענערס, אַ מין שייד. האָב איך באַלד פאַרשטאַנען, אַז אין שייד געפינט זיך די ריכטיקע זאַך, פונדעסטוועגן, בכדי ניט צו זיין מסופּק, האָב איך אַ פרעג געטאָן מיין ברודער, וואָס איז דאָס אַזוינס?

„דאָס איז די שייד פון דער כּלי" — האָט מיר מיין ברודער גע־ענטפערט.

מיין האַנט, וואָס האָט געהאַלטן אין באַטאַפּן די שייד, האָט אַזש זיך אָפּגעצויגן אויף צוריק הערנדיק דעם דאָזיקן בכּבודיקן נאָמען: די כּלי. כ'האָב געוואָלט בעטן מיין ברודער, ער זאָל מיר באַווייזן די כּלי, נאָר כ'האָב זיך ניט דערוועגט צו בעטן, כ'האָב נאָר אָנגעשטעלט אויף אים די אויגן

מיט אַ בליק פֿול רחמנות. מיין ברודער, ווי ער וואָלט פֿאַרשטאַנען וואָס ביי מיר אין האַרצן טוט זיך, האָט זיך אָנגערופֿן:

„איצט באַדאַרף מען איילן זיך אַהיים. ס'איז ערב פּסח".

גערעכט איז ער. מ'דאַרף זיך איילן אַהיים. ס'איז ערב־פּסח. מיר האָבן זיך טאַקע אונטערגעאיילט און זיך געזעצט אין וואָגן. די פֿערדלעך זיינען געלאָפֿן מיטן וועג וואָס מיר זיינען געקומען אין אַ לייכטן פֿריידיקן טראָט. לויפֿן און צעקלינגען מיט זייערע גלעקלעך די בשורה: שמואל איז דאָ! שמואל איז דאָ! שמואל האָט זיך צערעדט מיט סטיאָפּאַן וועגן די דאָרפֿישע געשעפֿטן, אַ שמועס אָן אַן עק און אָן אַ סוף, שמואל פֿרעגט און סטיאָפּאַ ענטפֿערט און איך — מיין האַרץ ליגט אַריינגעלייגט אין שייד און אין טראָמפּייט. כ'האָב זיך שוין געהאַט מייאש געווען אָנצוקוקן דעם דאָזיקן טראָמפּייט אויפֿן וועג: דער טראָמפּייט ליגט פֿאַרמאַכט און פֿאַרשלאָסן אין שייד, ווי דער פּסח ביי אונדז אין גרויסן צימער. אָבער גאָט, ווי ס'זעט אויס, האָט נישט געוואָלט מיך באַעוולען פֿאַר מיין שכר־נסיעה און אַ שטיקל וועג פֿון דאָרף האָט ער אַריינגעגעבן מיין ברודער אַ גוטן געדאַנק, אָנצוזאָגן זיין קומען דורכן טראָמפּייט. גערעדט און געטאָן, און באַלד האָט זיך די שייד צעעפֿנט און אין מיין ברודערס האַנט האָט תיכּף אויפֿגעבליצט דער טראָמפּייט, אַ כּלי פֿון פֿינקלדיקן קופּער, מיט גרויסע און קליינע טריי־בעלעך וואָס האָט מיר פֿאַרבלענדט די אויגן. אַ רגע שפּעטער — און פֿון אונטער מיין ברודערס פֿינגער האָבן אָנגעהויבן זיך בלעזלען און ברומען שטילערהייט נידעריקע און העכערע קלאָרע און לויטערע קלאַנגען. די כּלי פּיעסטשעט זיך ווי אַ קינד. און פּלוצלונג האָט דער קופּערנער האַלז אַ דונער געטאָן מיט זיין גאַנצער גבורה און איבערןברייטן פֿעלד אין קלאָ־רער לופֿט האָט זיך צעשאָטן אַ מעכטיקער וואונדערלעכער „מאַרש".

סטיאָפּאַ האָט צעפּאָכט זיך מיט דער בייטש און די פֿערדלעך האָבן באַקומען פֿליגלען און אויסגעזעצט. די גלעקלעך אויף זייערע העלזער, וואָס זיינען צוערשט אַביסל מבולבל געוואָרן צוליב דעם מאַרש, זיינען באַלד געקומען צו זיך, צו זייער ריטמישן פֿריילעכן געקלאַנג און מיט נייער פֿרישקייט אָנגעזאָגט דער וועלט: שמואל קומט, שמואל קומט! די ביימער אויףביידע זייטן וועג האָבן געטאַנצט און אויסגעברייטערט דעם וועג. די וואַסער־שפּיגלען אויף די פֿעלדער האָבן געשפּילט און געלויכטן, אַלץ אַרום האָט געשאַלט און אָנגעזאָגט די בשורה: שמואל קומט! שמואל קומט!

און ווי אונדזער וואָגן האַלט אַזוי אין האַסטיקן געלאַף — האָט זיך ווידער אונדז אַנטקעגן באַוויזן די קאָליאַסקע מיט די צוויי טשינאָווניקעס.

די אייגענע קאָליאַסקע מיט די אייגענע טשינאָווניקעס, וואָס מיר האָבן פֿריער באַגעגנט אויפֿן וועג צו דער סטאַנציע. די דאָזיקע דאָפּלטע באַגעגעניש איז שוין ביי מיר אין די אויגן אַ שלעכטער סימן. דער טראָמפּייט ביי שמואלן אין האַנט האָט אַ ציטער געטאָן און זיין גלאַנץ איז עפּעס פֿאַרטונקלט געוואָרן; שמואל האָט האַסטיק אים אַראָפּגעשטעלט אין וואָגן און אים פֿאַרשטעלט מיט דער פּאָלע פֿון שינעל. דער וואָגן און די קאָליאַסקע זיינען האַסטיק פֿאַרבייגעפֿאָרן, איינס פֿאַרביי דאָס אַנדערע, און זייערע פּאַסאַזשירן, ווי ס'האַרץ וואָלט זיי געזאָגט, האָבן אומגעדרייט די קעפּ אַהינטער און נאָכגעקוקט איינע די אַנדערע מיט חשד...

דערווייל איז דער וואָגן מיט אַ קורצן פֿאַרדעמפּטן דונער אַריבערגעפֿאָרן דאָס הילצערנע בריקל איבערן גראָבן און אַריינגעפֿאָרן אין תּחום פֿון דאָרף. אויף דעם פּלאַץ האָבן מיר דערוואַרט אונדזערע מענטשן, וואָס האָבן, באַדאַרפֿט אונדז קומען באַגעגענען, ווי ס'איז געווען פֿון פֿריער אָפּגערעדט — אָבער צו אונדזער גרויס וואונדער איז דאָרט קיינער ניט געווען. אין האַרצן האָבן אָנגעהויבן זיך פֿאַרקלייבן דאגות. מיין ברודער האָט נאָך איין לעצטע תּקיעה אַ בלאָז געטאָן אין טראָמפּייט, אַ שוואַכע אָנמוטיקע תּקיעה, און אַריינגעלייגט די כּלי צוריק אין שייד אַריין. סטיאָפּאַ האָט זיך אויפֿגעשטעלט אויף די פֿיס, געטריבן די פֿערד מיט אַלע כּוחות, זיי געמאַכט אַריינלויפֿן „מיט שטורעם". פֿאַרביי אונדז האָבן זיך האַסטיק געטראָגן, איינס נאָכן אַנדערן, די איינזאַמע פּויערשע שטיבער ביים אַריינקום אין דאָרף, זיי און זייערע איינגעפֿאַלענע פֿאַרקאַנעס, זייערע באָרוועסע פֿאַרבלאָטיקטע „שקצים", וואָס האָבן זיך געפּליושקעט אין די פּלאַכע וואַסערן און אויפֿגעלעבט צום קלאַנג פֿון די גלעקלעך און בייטש און זיך געחידושט אויפֿן סאָלדאַט, וואָס זיצט אין וואָגן.

און אָט האָבן אויפֿגעלויכטן פֿאַר אונדז די צוויי ווייסע הייזער, איינס אויפֿן שפּיץ בערגל און דאָס צווייטע — אונטן. פֿאַר אונדזער הויף האָט זיך באַוויזן אַ קופּקע מאַנסלייט און ווייבער. דאָס זיינען געוויס אייגענע, וואָס זיינען געקומען באַגעגענען דעם גאַסט. אָבער פֿאַרוואָס לויפֿט קיינער פֿון זיי ניט אַנטקעגן? די גאַנצע זאַך קוקט אויס צו זיין קשה.

און סטיאָפּאַ שטייט נאָך אַלץ מיט צעשפּרייטע פֿיס און קנאַקט האָפּערדיק מיט דער בייטש. דאָס קנאַקן קלינגט ווי פּלאַצנדיקע פּענכערס און דער וואָגן פֿליט און דערנעענטערט זיך האַסטיק און רעשדיק. אָט דערקען איך שוין יעדן איינציקן פֿון דער קופּקע. אָט איז דעם מחותּנס הויזגעזינד, די גרויסע מיט די קליינע, אָט איז פּסח־איצי מיט זיין ווייב. די בגדים

זיינען אַ געמישעכץ פון יום־טוב און וואָך. עס טיילן זיך שוין אויס היט־לען, פאַטשיילעס און נייע שיך. אָט איז די כלה אויך, אינגאַנצן אַ ווייסע. אָט איז דער סטאַרשינאַ פון דאָרף, מיטן קנאַבל־בערדל און מיט רויטן גורט, ער שטייט זיך אָן אַ זייט מיטן שטעקן אין האַנט און מיטן קופּער־נעם בלעכל אויפן האַרצן. וואָס טוט ער דאָ אין אַזאַ מין צייט? און פאַרוואָס זעט זיך ניט קיינער פון אונדזערע שטוביקע?

אין אַ מינוט אַרום, ווען דער וואָגן האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַרן הויף און מיר האָבן דערזען דעם עולם פון דער נאָענט איז אונדז אַלצדינג קלאָר געוואָרן, אָן ווערטער איז אונדז אַלץ קלאָר געוואָרן...

ד.

דער אורח האָט אונטערגעלאָזט זיין קול און דערציילט ווייטער:

דער באַשייד איז געווען זייער גרויזאַם, צו גרויזאַם פאַר אַ קליין אינגל, ווי איך בין דעמאָלט געווען, דאָס צו באַנעמען. די גאַנצע זאַך איז דאָך פאָרגעקומען אַזוי פּלוצלונג.

ווער האָט זיך געקענט פאָרשטעלן, אַז אין די פיר, אָדער פינף שעה צייט, וואָס מיר האָבן זיך געזאַמט אין וועג, וועלן קומען מענטשן, אָנלאָדן די כלים און נפשות אין וועגענער און וועלן זיי הייסן גיין, וואו די אויגן וועלן זיי טראָגן.

און ווען? — אין אַזאַ מין טאָג!

חדשים נאָכאַנאַנד איז די גזירה געקראָכן, געקראָכן פּאַמעלעך ווי אַ בייזע שלאַנג, און איצט, אין אַ רגע ווען מ'האָט זיך אויף איר ניט געריכט — איז זי פּלוצלונג אַרויסגעשפּרונגען פון איר באַהעלטעניש און אַ ביס געטאָן. און ווי שטאַרק און גיפטיק דער ביס איז געווען.

די מורא פון די פאַרזאַמלטע מיט די נייע היטלען און פאַטשיילעס, וואָס האָבן אונדז מקבל־פּנים געווען מיט אַ שווייגעניש, האָט אונדז באַלד אויסגעזאָגט, וואָס ס'איז געשען מיטן טאַטנס הויז. מיט זייער פאַרשוואַרצט טרויעריקן אויסזען און פאַרוויינטע אויגן האָבן זיי גיכער אויסגעזען ווי אבלים, איידער ווי מענטשן, וואָס קומען אויפנעמען אַ גאַסט.

ווען מיין ברודער שמואל איז אַרונטער פון וואָגן און איך נאָך אים — האָט זיך פון עולם פּלוצלונג אַרויסגעריסן אַ שאַרף געשריי, וואָס איז באַלד איבערגעהאַקט געוואָרן, ווי מיט אַ שאַרפן מעסער און איבערגעלאָזט נאָך זיך אַ טיפע וואונד אין דער לופט און אין האַרצן. די מחותנתטע האָט דאָס אַזוי אַ געשריי געטאָן, און געווען איז דאָס אַ געשריי, ווי די נשמה וואָלט

מיטן גוף זיך געשיידט. די קינדער זיינען זיך פאַרגאַנגען אין געוויין און די מאַנסלייט האָבן אַפּגעקערט די פּנימער אַן אַ זייט, געפּינטלט מיט די אויגן און די מיילער האָבן געצוקט...

די וועלט איז מיר געוואָרן מטושטש, און פון יענער מינוט אַן גע־דענק איך זאַכן, ווי כ'וואָלט זיי געזען אין אַ טונקעלן שפּיגל, שטיקערווייז, אויף העלפט, צו דריטל און צו פערטל.

איך מיט שמואלן שטייען אין הויף און איך ווייס ניט, ווי אַזוי מיר זיינען אַהין אַריינגעקומען. היטלען און נייע שיך, אַן גופים צווישן דיביידע, גייען אונדז נאָך שוויגנדיקערהייט, ווי זיי וואָלטן געשוואומען אין דער לופט. איינער, לעבן מיר, רעדט עפּעס און איך הער, דוכט זיך, איט־לעך וואָרט באַזונדער, אָבער איך זע ניט ווער עס רעדט און פאַרשטיי ניט, וואָס אַזוינס ער זאָגט. פון דער פאַרשלאָסענער שטאָל, און פון וועלכער איך זע בלויז דעם שלאָס, שפּאַלט זיך אַרויס און לעכערט דעם מוח דאָס מעקען פון אַ קעלבל. פאַרוואָס שרייט אַזוי ביטער דאָס קעלבל?

פון וואַנט פון הויז טיילט זיך אָפּ און שוועבט אונדז אַנטקעגן נאָך אַ נייע היטל. אונטערן היטל אַ באָרד און צוויי הענט און אַרבל שטרעקן זיך אינמיטן. די הענט ווייגען ווי אַ קינד און טענהן: זע, שמואל, וואָס מ'האָט מיט אונדז געטאָן? — דער טאַטע? הייסט עס, ער איז נאָך דאָ?

און אָט איז יעוודאָכע אויך. זי קוקט פונווייטן אויף שמואלן, שאָקלט מיט איר קליינעם קעפּל, ווי אַ פייג די גרויס, און יאָמערט שטילערהייט: ליבינקער, האַרציקער...

מיר שטייען אינעווייניק אין הויז: אַ חורבן, אַן איבערקערעניש.

דער פּסחדיקער טיש, די ווענט, די פענסטער — אַלץ איז פּוסט און וויסט. די בעטן שטייען ליידיק. צוויי־דריי שטולן ליגן איבערגעקערט אויף דער פאָדלאָגע. אַ חורבן, אַן איבערקערעניש.

בלויז דער קליינער ארון־קודש איז געבליבן שטיין באַהאַלטן אין זיין ווינקל, ווי געווען, צוגעדעקט מיט אַ נייעם ווייסן ליילעך, ניט אַנצוקוקן דאָס הויז און זיין מיאוסקייט.

און אין דאָזיקן חורבן דרייט זיך אַרום די אַלטע יעוודאָכע, ברעכט די הענט און יאָמערט שטילערהייט:

„געקומען די פאַרשאָלטענע, געקומען. אַנגעלאָדן אויף די וועגענער און אַרויסגעטריבן... די מאַמע מיט די קינדער...״

צי דאַרף איך דען אייך שילדערן דעם גירוש מיט אַלע איינצלהייטן? זיי זיינען קורץ, און פּשוט ביז גאָר:

די צווײ טשינאָווניקעס, ספּעציעלע שלוחים פֿון קרייז־שטאָט — טאַקע די זעלביקע, וואָס מיר האָבן צוויי מאָל געטראָפֿן אויפֿן וועג — זיינען מיטאָגצייט פּלוצלונג געקומען, געבראַכט מיט זיך. פֿון דאָרף דריי וועגענער און אָן טענות און מענות געהייסן אָנלאָדן די זאַכן מיט די מענטשן און זיי אַוועקפֿירן אין נאָענטן שטעטל. ס׳האָט ניט געהאָלפֿן קיין געבעט און קיין געוויין. די מאַמע און די קינדער זיינען איבערגעוואַלט אַרייַנגעזעצט געוואָרן אין די וועגענער צוזאַמען מיט די קישנס און פּערענעס, מיטן פּאַק מצה און אַנדערע זאַכן. אפֿילו די פֿאַן פֿיש און דער טאָפּ פֿלייש זיינען איבּמיטן קאָכן אַראָפּגענומען געוואָרן פֿון פֿייער און אַרויסגעשיקט געוואָרן פֿון דאָרף מיט זייערע באַלעבאַטים. צוזאַמען מיט די אַרויסגעטריבענע איז אויך מיטגעגאַנגען די בעסטע פֿון אונדזערע דריי קי, די מאַמע פֿון איבערגעבליבענעם קעלבל, כּדי די קינדער זאָלן האָבן אַביסל מילך. דעם טאַטן, איז נאָך גרויסע שוועריקייטן, דערלויבט געוואָרן צו בלייבן ביז זיינע אַנדער צוויי זין, ס׳הייסט, איך און שמואל, און דער וואָגן וועלן צוריקקומען פֿון דער סטאַנציע מיטן תּנאַי, אַז ער און זיינע צוויי זין זאָלן תּיכּף פֿאַרלאָזן דאָס דאָרף אין זעלביקן טאָג און אין זעלביקן וואָגן. דעם סטאַרשינאָ פֿון דאָרף האָט מען אָנגעזאָגט מיטן האַרבן וואָרט, ער זאָל זיך ניט רירן פֿון פּלאַץ ביז דאָס גענוצע וועט פּינקטלעך דורכגעפֿירט ווערן.

דער טאַטע האָט איבערגעגעבן די ספֿר־תּורה און קליינעם ארון צום מחותּן זעליג און דאָס בינטל שליסלען צו יעוודאָכען, וואָס איז געבליבן היטן דאָס הויז און אָנגעהויבן זיך אַליין און מיך און שמואלן אונטערטרייבן זיך צו זעצן אין וואָגן און אָניאָגן דער מאַמע מיט די קינדער.

ס׳איז געקומען די לעצטע מינוט זיך צו געזעגענען. די אַלטע ניאַנקע האָט צוגעדריקט מיין קאָפּ צו איר האַרצן און זיך פֿאַרגאַנגען אין געוויין. די ווייבער האָבן אויסגעבראָכן מיט פֿרישע יללות. די מחותּנתטע האָט אַוועקגעחלשט און די כּלה האָט פֿאַרגראָבן איר פּנים אין די הענט און אירע פּלייצעס האָבן געציטערט.

דער וואָגן האָט זיך גערירט פֿון פּלאַץ. די צוויי גרויסע מאַנסלייט, דער מחותּן און פּסח־איצי, האָבן אונדז באַגלייט ביזן עק דאָרף, דאָרט וואו ס׳הויבט זיך אָן דאָס וועלדל, און צוריקגעגאַנגען. קיין איינציקער פֿון די דאָרפֿישע פּויערים איז ניט געקומען אונדז באַגלייטן און די יעניקע, וואָס האָבן אונדז געזען פֿון וויטן, האָבן זיך פֿלינק באַהאַלטן אין די הייזער. אַ מינוט שפּעטער איז דער וואָגן אין גאַנצן פֿאַרשלונגען געוואָרן אין וועלדל און אַלץ איז געבליבן הינטער אונדז: די צוויי ווייסע הייזער, דאָס בערגל,

די באַגלייטער, דער סטראַשינאַ מיט זיין שטעקן און קופּערנעם בלעכל, יעוודאָכע — אויס מיטן דאָרף!

רעכטס פון וועג, צווישן די מאָגערע בוימער און זייערע צוויגן־ריטער, האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר אונדז אַ קיילעכדיקער פליך, מיט אַ ניט־געענ־דיקטן בנין אין דער מיטן. דאָס איז דעם טאַטנס סמאָלע־ברענעריי, וואָס איז אויפגעגעבן געוואָרן אין מיטן בויען. די שורות ציגל האָבן אַרויסגע־קוקט אויף אונדז פון צווישן די בוימער און זייער פאַרלאָזנקייט. ס'האָט זיך מיר געדוכט, אַז זיי האָבן זיך אויפגעכאַפּט פון זייער שווערן דרימל, אַ יאושדיקן גוססדיקן דרימל, ווי זיי וואָלטן זיך אָן ווערטער געקלאָגט: „יאָסי, יאָסי, אויף וועמען לאָזסטו אונדז איבער?"

דער טאַטע האָט אָפּגעקערט ס'פּנים, ניט צו קוקן אויף זיי. ס'האָט זיך דערהערט אַ פאַרשטיקט כאָרכלען און אַ שטיל געברום...

דער טאַטע וויינט...

סטיאָפּאַ האָט געטריבן די פערד מיט רוגזה, ווי ער וואָלט מיט זייער געלאָף און גלעקלעך וועלן פאַרטויבן דעם טאַטנס קרעכצן און וויינען. אָבער די פערד זיינען געוועזן פאַרמאַטערט, דער וועג צום שטעטל איז גע־ווען אַ שלעכטער און דער וואָגן האָט זיך קוים געשלעפּט.

און ווידער גייט דער וואָגן צווישן פעלדער און וועלדער. די גלעק־לעך קלינגען ווידער מיט אַ דין געקלאַנג — אָבער ווי טרויעריק זיי קלינ־גען דאָס מאָל.

אַז די זון האָט אָנגעהויבן זיך זעצן האָבן מיר ענדלעך דערזען די דריי וועגענער, וואָס האָבן זיך געשלעפּט אין בלאָטע, זיי און די זאַכן און די נפשות אין זיי. נאָכן לעצטן וואָגן האָט זיך נאָכגעשלעפּט די קו, צו־געבונדן אויף אַ שטריק, וואָס האָט נאָכאַנאַנד געדרייט דעם קאָפּ אַהינטער און ביטער געברעוועט. אין מיינע אויערן האָט ווידער אָפּגעהילכט דאָס מעקען פון פאַרשפּאַרטן קעלבל אין שטאַל.

דערציילן אייך, ווי ס'איז פאַרגעקומען דאָס באַגעגעניש פון מאַמע מיטן זון? — דאָס איז איבער מיינע כּוחות און כ'וועל דאָס בעסער אויסלאָזן. נאָך דער דאָזיקער באַגעגעניש איז די מאַמע אַ שטיק צייט געלעגן ווי אַ טויטע, אַ פאַרזונקענע אין די פּעק פּערענעס און קישנס. לעבן איר איז גע־לעגן צונויפגעדרייט מיין קליין שוועסטערל, וואָס איז איינגעשלאָפן מיט טרערן אויף די בעקלעך. מיין צווייטע שוועסטער און מיטלסטער ברודער זיינען געזעסן אויף די אַנדערע צוויי וועגענער — אויך זייערע פּנימער באַ־גאָסן מיט טרערן.

מיט זון־פֿאַרגאַנג זיינען די וועגענער צוגעקומען צו אַ וועלדל, אומ־געפֿער אַ האַלב־שעה פֿאָרן פֿון שטעטל. די מאַמע האָט זיך פּלוצלונג אויפֿ־געכאַפּט, פֿאַרריכט די פֿאַטשיילע אויפֿן קאָפּ, אַרויסגענומען אַ קליין פּע־קעלע פֿון די פּעק, געבעטן אָפּשטעלן דעם וואָגן און איז אַרונטערגעקראָכן.

„וואוהין גייסטו?" — האָט דער טאַטע געזאָגט, זעענדיק, ווי זי פֿאַר־נעמט זיך צו אַ בערגל אין וועלדל. ער האָט אָפּגעשטעלט זיין וואָגן אויך.

„ליכט־בענטשן" — האָט די מאַמע געענטפֿערט.

קיינער האָט זיך ניט פֿאַרוואונדערט. היינט איז דאָך שבת און פּסח צוזאַמען און זי האָט נאָך קיינמאָל ניט פֿאַרפֿעלט צו בענטשן ליכט. אָבער קיינער האָט זיך ניט געקענט פֿאָרשטעלן, אַז אַפֿילו אין דער בהלה פֿון גירוש וועט זי ניט פֿאַרגעסן אָנצוגרייטן ליכט, טאָמער וועט פֿינצטער ווערן אין וועג.

מיין ברודער שמואל האָט זיך געאיילט נאָך איר, איר באַהילפֿיק צו זיין. די וועגענער מיט זייערע אָנטרייבער די פּויערים זיינען געבליבן שטיין אויפֿן אָרט און איר נאָכגעקוקט מיט יראה און כבוד. אין אַ מינוט אַרום האָבן זיך פֿון בערגל געגאָלדיקט צוויי קליינטשינקע פֿלעמעלעך. דאָס בלינדע וועלדל איז פּלוצלונג געוואָרן זעעוודיק, ווי ס'וואָלטן אין אים אַריינגעזעצט געוואָרן צוויי לעבעדיקע אויגן. די בוימער אין וואַלד האָבן געגאַפֿט אויף דער אידענע מיט דער פֿאַטשיילע, וואָס איז געשטאַנען צווישן זיי מיט אויסגעשטרעקטע הענט איבער די ליכט און שטילערהייט געוויינט.

אַ מאָדנע זאַך: ווי משונה־טרויעריק די לאַגע איז געווען, אין יענער מינוט, האָט זיך מיר פֿון דעסטוועגן געדוכט, אַז אין דער רגע וואָס די צוויי קליינע פֿלעמעלעך האָבן אויפֿגעלויכטן צווישן די בוימער, האָט דעם גאַנצן וועלדל אַרומגעכאַפּט אַ קדושה. אַז איינס פֿון זייערע פֿינצטערע ווינקלען, אין אַ טיף־באַהאַלטענעם היכל, האָט זיך אויפֿגעעפֿנט אַ טירל פֿון רחמים און אַ גוטער מלאך האָט פֿון דאָרט זיין קאָפּ אַרויסגעשטעקט. די צוויי פֿלעמלעך האָבן אין מיינע אויגן אויסגעזען, ווי צוויי גאָלדענע פּונקטן פֿון אַ סוף־פּסוק אויפֿן ברעג הימל: ביז דאַנען — וואָך, פֿון דאַנען און ווייטער — שבת און יום־טוב. דער צער, וואָס האָט אונדז אַלעמען אין יענער שעה אַרומגעכאַפּט, איז ווייך און געהייליקט געוואָרן. ס'האָט זיך געדוכט, אַז אַפֿילו די פּויערים האָבן דאָס דערשפּירט און נאָכן ליכט־בענטשן, ווען זיי האָבן זיך ווידער גענומען רירן מיט די וועגענער, האָט זייער גאַנג דורכן וואַלדיקן וועג און דורך דער פֿינצטער, אויסגעזען שטילער און רואיקער ווי פֿריער. זייער „וויאָ, וויאָ!" אויף די פֿאַרמאַטערטע פֿערד איז אַרויסגע־

קומען איינגעהאַלטענער, רחמנותדיקער, ווי דער צער פֿון דער מינוט וואָלט אונטערטעניק געמאַכט זייערע הערצער און שטימען.

די מאַמע האָט שוין נאָך ליכט־בענטשן ניט געוואָלט זיך זעצן צוריק אין וואָגן. זי איז געגאַנגען צופֿוס מיטן זייט פֿון וועג און שמואל און דער טאַטע איר פֿון ביידע זייטן. די קינדער פֿון די אַנדערע וועגענער האָבן, לויטן טאַטנס עצה, זיך איבערגעזעצט אין אונדזער אייגענעם וואָגן, און געהייסן סטיאָפּאַן טרייבן פֿאַראויס צום שטעטל. גאָר אין גיכן זיינען די אַנדערע וועגענער און דער וואַלד געבליבן פֿון הינטן. כ׳האָב נאָכאַמאָל געוואָרפֿן אַ בליק צום בערגל אין וואַלד: די צוויי פֿלעמלעך האָבן צו מיר אַ בלינצל געטאָן און באַלד פֿאַרשוואונדן געוואָרן. „פֿאַרלאָשן!" האָט מיר אַ קלאַפּ געטאָן אין האַרצן, און ס׳האַרץ האָט זיך פֿאַרקלעמט אויפֿן וואַלד וואָס איז ווידער שטאָק־פֿינצטער געוואָרן. דער טויער פֿון רחמים, וואָס האָט זיך פֿאַר אַ רגע געעפֿנט, האָט זיך ווידער פֿאַרמאַכט, דער גוטער מלאך האָט צוריקגעצויגן זיין קאָפּ און אַלץ אַרום איז געוואָרן פֿאַרשטומט.

דערווייל איז דער וואָגן אַרויס פֿון וועלדל, און דער לבנה־דיסק וואָס איז פּלוצלונג אויפֿגעגאַנגען אַנטקעגן אונדז פֿון דער ערד — האָט געקוקט אויף אונדז מיט גרויס וואונדער, מיט זיין פֿולן פּרצוף, ווי איינער זאָגט: ווער זיינען דאָס די דאָזיקע וואָס פֿאָרן אין אַזאַ צייט?

מיר האָבן זאַלבעפֿירט זיך צונויפֿגעדריקט אין וואָגן, געזעסן און גע־שוויגן. וויסט און פּוסט אויף דער נשמה. קעלט, חושך, האַרצווייטיק און בושה. ווי פֿאָרט מען דאָס אין אַזאַ צייט אַריין אין שטעטל?

און דאָס שטעטל קומט אונדז אַנטקעגן אַלץ נעענטער און נעענטער. עס ווינקט אונדז פֿון דער ווייטנס, פֿון אָוונט־פֿינצטערניש, מיט ליכטיקע אויפֿגעראַמטע הייזער, פֿון טישן מיט קלאָרע טישטעכער, באַלאָדן מיט אַלדאָס גוטס, פֿון ווייסע קישנס פֿון די היסב־בעטן, פֿון ווייַן וואָס שעמע־רירט און טייערן גלאָזוואַרג, פֿון פֿינקלדיקע גאָפּל־מעסער, פֿון שיינע קליי־דער און צירונג און פֿריילעכע אויפֿגעלייגטע פּנימער.

פֿון אַלע אידן פֿון גאָרער וועלט, איז מעגלעך, אַז מיר זיינען די איינ־ציקע, וואָס געפֿינען זיך איצט אין וועג.

כ׳האָב אויפֿגעהויבן די אויגן צום הימל. דער הימל האָט אויך זיך אָנגעקליידט אין זיין גאַנצער בלויקייט און זיך אויסגעצירט מיט גאָר זיין צירונג: מיט זיינע גרויסע שטערן, מיט די קלענערע און מיט די קלענסטע פֿון די קלענסטע... דאָ און דאָרט ציען זיך זילבערנע שלייערס פֿון לייכטע וואָלקנדלעך, וואָס זעען אויס מיט זייער לייכטקייט און קלאָרקייט, ווי אַ

פּראַקטיקע באַפּוצונג צו דער יום־טובדיקער בֿלויקייט. אַ פֿאַרבאָרגענע האַנט הויבט אויף די „זילבערנע קערה״, די לבנה, ציט אַרונטער פֿון איר דעם קלאָרן טישטעכל, דעם לייכטן וואָלקן־שלייער, און זי אַנטפּלעקט זיך אין איר גאַנצער פֿולקייט און שיינקייט.

אַ שטילער טרויער האָט געפֿלאָסן מיטן לבנה־ליכט און אָנגעפּילט ס׳האַרץ מיט צער און ווייטיק. אין האַלז האָט געשטיקט און אין די אויגן זיינען געשטאַנען טרערן. און פּלוצלונג האָבן מיר באַגריפֿן וואָס מיט אונדז איז געשען — און די טרערן האָבן אַ שפּאַר געטאָן. צוערשט האָבן מיר געוויינט שטילערהייט, יעדער איינער פֿאַר זיך, דערנאָך אויפֿן הויכן קול און אַלע אינאיינעם, אַלע פֿיר צוזאַמען. מיר וויינען און דער וואָגן לויפֿט, לויפֿט...

אַז מיר זיינען אַריינגעפֿאָרן אין שטעטל איז די לבנה שוין געשטאַנען אין מיטן הימל. אויף מיין ברודער משהס פֿאַרלאַנג איז דער וואָגן געפֿאָרן פֿאַראויס און מיר זיינען אַרונטער און געגאַנגען צופֿוס דורך פֿינצטערע געסלעך. מיר האָבן זיך געוואָלט באַהאַלטן, ווי גנבים, אין די שאָטנס פֿון פֿאַרקאַנעס און הייזער, מיר זאָלן זיך צופֿיל ניט אָנזען. די דאָזיקע פֿאַרזיכטיקייט איז אייגנטלעך געווען איבעריק, ווייל די גאַסן זיינען ביי יענער צייט געווען ליידיק פֿון מענטשן; דער עולם איז נאָך געווען אין שול ביים דאַוונען און אויפֿן גאַנצן וועג צו דער איינציקער אכסניה אין שטעטל האָבן מיר קיינעם ניט באַגעגנט.

אין אַ פֿערטל שעה אַרום זיינען צו יענער אכסניה אויך צוגעקומען די וועגענער און אונדזערע פּוסגייער... פּונקט דעמאָלט איז דער עולם אַרויס פֿון שול, און אידן, אָנגעטאָן אין יום־טוב, וואָס זיינען פֿאַרבייגעגאַנגען, האָבן צו זייער וואונדער געזען דריי וועגענער מיט זאַכן שטיין פֿאַרן טויער פֿון משה אהרנס אכסניה, און פֿון איינעם פֿון די וועגענער שיטן זיך ברעקלעך פֿון מצה און פֿאַלן אויף דער ערד אין לבנה־שיין.

און אין יענער נאַכט — האָט דער דערציילער פֿאַרענדיקט זיין מעשה — בין איך דאָס ערשטע מאָל געווען צום סדר, צוזאַמען מיט אונדזער גאַנצער משפּחה, ביי אַ פֿרעמדן טיש, ביים טיש פֿון בעל־אכסניה ר׳ משה־אהרן, זאָל ער דאָ דערמאָנט ווערן צום גוטן. דער דאָזיקער גוטער מענטש האָט אונדז אַלעמען צוגעהאַלטן, אונדז ניט געלאָזט זיך צעשפּרייטן. נאָך מער, וועלנדיק אָנטאָן טאַטע־מאַמע אַ נחת־רוח — האָט ער מיך, זייער קלענסטן אינגל, מכבד געווען צו פֿרעגן די פֿיר קשיות.

„און דער טראַמפּייט?" — האָט פּלוצלונג אַ פֿרעג געטאָן אַ קליין אינגל, וואָס קיינער האָט אים פֿריער ניט געהאַט באַמערקט.

אַלע אַנוועזנדיקע האָבן זיך אַ קער געטאָן צום אינגל — אַזוי אַז ער האָט זיך אַזש פֿאַררויטלט. דער אורח האָט אַ לאַך געטאָן און געענטפֿערט:

„דער טראַמפּייט? — צוויי וואָכן שפּעטער, ווען מיין ברודערס אור־לויב האָט זיך געענדיקט, האָט אים מיין ברודער אַוועקגעפֿירט צוריק מיט זיך אין מיליטער. כ'האָב דעמאָלט ניט זוכה געווען צו הערן נאָך אַמאָל זיין קול. ער איז געלעגן די גאַנצע צייט איינגעלייגט אין זיין שייד אונטער אַ בעט פֿון אַכסניה, וואו מ'האָט אים אַוועקגעוואָרפֿן צוזאַמען מיט אַנדערע זאַכן און האָט קיין העזה ניט געהאַט זיך צו באַווייזן און זיך לאָזן הערן. דער טראַמפּייט האָט זיך פֿאַרשעמט".